STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07179

A PEKL KSOVIM FUN A LERER

Philip Herstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. הערשטיין

א פעקל כתבים פון א לערער

א חובב ייִדיש וויִדישקייט

פאַרקירצטע רעפֿעראַטן, לעקציעס, אָפּהאַנדלונגען, אָפּטימיסטישע באַריכטן און דערפֿרייענדיקע באַגריסונגען אין שייכות מיטן דערפֿאָלג פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול־באַוועגונג — בשעתם פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿאַרשיידענע צײַטונגען און זשורנאַלן, אין אַמעריקע און קאַנאַדע

פֿילאַדעלפֿיע, פּאַ. 1986

Copyrighted by
PHILIP HERSTEIN
8388 Summerdale Avenue
Philadelphia, PA 19152

Printed in the United States of America

5746 • 1986

Photocomposition by
EMPIRE PRESS
550 EMPIRE BLVD. • BROOKLYN, N.Y. • (718) 756-1473

מיט האַרציקער ליבע געווידמעט
מײַנע טײַערע קינדער:
חיים, שוירלי, טובֿיה, דאַיען;
און מײַנע פֿינף געראָטענע זיסע אייניקלעך:
בעטה, מאַרסי, ראַבין, שאַרי **און** בנימין

פֿישל הערשטיין

אַ וואָרט פֿריִער

אין זײַן בוך „די געשיכטע פֿון ייִדישן לערער־סעמינאַר און פֿאָלקס־אוניווערסיטעט" באַהאַנדלט דער פּעדאַגאָג און וועטעראַן־שולטוער ישׂראל שטיינבוים ע"ה באריכות און נעבעכדיק די פֿינאַנציעלע אָרעמקייט און פּעדאַגאָגישע ראַנגלעניש פֿונעם סעמינאַר אינם „בראשית"־פּעריאָד פֿון זײַן עקזיסטענץ. דאַקעגן דער מחבר פֿונעם „פּעקל כתבֿים", אַליין אַ תּלמיד פֿון סעמינאַר במשך פֿון דרײַ יאָר צײַט (1921־1924), און אַ גראַדואירטער פֿון דאָרטן, האָט אַרויסגעטראָגן פֿון דאָזיקן לערן־אינסטיטוט גאַנץ אַנדערע אײַנדרוקן, באַשטראַלטע מיט פֿיל ליכט־פּונקטן און אַ סך באַליבטע זכרונות אויפֿן גאַנצן לעבן, ווי עס איז באַזונדערס צו זען פֿון די באַשרײַבונגען וועגן עטלעכע פֿון זײַנע סעמינאַר־לערער בײַם אָנהייב פֿון בוך.

דער מחבר

אינהאַלט־פֿאַרצייכעניש

אויטאָביאָגראַפֿישע נאָטיצן 1

קאַפּיטל 1 — מײַנע סעמינאַר־לערער

(א) ד״ר יהודה קויפֿמאַן 9
(ב) יואל ענטין 16
(ג) א. ש. זאַקס 20
(ד) שמואל ניגער 24
(ה) חיים שויס 28
(ו) מײַנע אַנדערע סעמינאַר־לערער 33
(ז) „סעמינאַריסטן־ליגע" 34

קאַפּיטל 2 — ציוניזם און מדינת ישראל

(א) וואָס איז ציוניזם? 35
(ב) ד״ר נחמן סירקין 42
(ג) די „גאָלדענע־לעגענדע" 53
(ד) וועגן „לייוויק־הויז" אין תל־אביב 58
(ה) „ליכט און שאָטן אין מדינת־ישׂראל" 63
(ו) „ישׂראל און גלות" 75

קאַפּיטל 3 — „ייִדיש ווי אַ שטאַרקע באַוואָרעניש פֿאַר ייִדישקײַט"

(א) די היסטאָרישע ייִדיש־קאָנפֿערענץ 81
(ב) „מוז טאַקע ייִדיש אונטערגיין?" 88
(ג) אוריאל ווײַנרײַך דער ייִדישער לעקסיקאָגראַף 94
(ד) מאַקס ווײַנרײַכס „געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך" 98
(ה) דער כּוח פֿון ייִדיש 101
(ו) וועגן אונדזער אַלטן „ריבֿ־הלשונות" 108
(ז) „וואָס פֿעלט אין אונדזער דערציִאונגס־אַרבעט?" 110
(ח) מיינען מיר ערנסט מיט ייִדישער דערציִאונג? 116
(ט) „אונדזערע שולן און אונדזער יוגנט" 121

קאַפּיטל 4 — די י. ל. פּרץ־שול אין וויניפּעג

(א) וויכטיקע דאַטעס אינעם „בראשית"־פּעריאָד
פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־שול 128

(ב) „מײַן ערשטע לערער־שטעלע" (אַ בלעטל זכרונות) 129
(ג) די ערשטע סיום־פֿײַערונג פֿון דער פּרץ־שול 135
(ד) אויפֿן וועג צו דער ייִדישער פֿאָלקשול 144
(ה) די גראַדואירונג פֿון דער ערשטער מיטלשול 150
(ו) „אונדזער חובֿ צום ייִדישן קינד" 156
(ז) די סיום־פֿײַערונג פֿון דער פּרץ־שול אין 1928 160
(ח) „טאָגשולן ווערסוס נאָכמיטאָג־שולן" 165
(ט) דער סך־הכל פֿון מײַן ערשטער קאַדענץ אין
דער וויניפּעגער פּרץ־שול 171

קאַפּיטל 5 — די קאַלגאַרער פּרץ־שול

(א) קאַלגאַרי אויף דער מאַפּע פֿון דער
ייִדיש־וועלטלעכער שול 176
(ב) די חנוכּה־פֿײַערונג זייער אַ געלונגענער פּראָיעקט 178
(ג) די פּרץ־שול אין אַן אייגענער היים 183
(ד) עדיטאָריעל פֿון „דאָס ייִדישע וואָרט" 188
(ה) באַגריסונג פֿון פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט
פֿון שול 190
(ו) „נאָכן חנוכּת־הבית" 191
(ז) מיט 25 יאָר שפּעטער (אינטערעסאַנטער באַריכט) 197

קאַפּיטל 6 — צוריק אין ניו יאָרק

(א) שלום־עליכם שול 13 אין ברוקלין 202
(ב) שלום־עליכם שול 7 אין פּערט־עמבאָי (ניו דזשוירזי) 205
(ג) אַ באַגריסונג צום צוואַנציק־יאָריקן יובֿל
פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־שול 206
(ד) פֿילאַדעלפֿיע — אַן אייגנאַרטיקע ייִדיש־
געזעלשאַפֿטלעכע שטאָט 209
(ה) „קינדער־פֿאָרומס" (ווי אַ דערציאונגס־פּראָיעקט) 216
(ו) וויכטיקע דאָקומענטן פֿון דרײַ שולן אין פֿילאַדעלפֿיע 219
(ז) אונדזער שול — אַ צענטער פֿאַר דער שול־יוגנט 229

קאַפּיטל 7 — ווידער אין וויניפּעג (די צווייטע קאַדענץ)

(א) „צוריק אין חדר אַרײַן!" 233
(ב) „אין קאַמף פֿאַר אונדזער המשך" 236
(ג) „פֿערציק יאָר פּרץ־שול אין וויניפּעג 239
(ד) דרײַסיק יאָר גראַדואירונגען 245
(ה) דער ענין „בר־מצוה" אין אונדזערע שולן 248

(ו) „אין שוץ פֿון אונדזער גײַסטיקער ירושה" 252
(ז) צום חנוכת־הבית פֿון דער פּרץ־שול אין גאַרדן־סיטי 256
(ח) די גראַדואיר־וואָך אין פּרץ־פֿאָלקשול 260
(ט) צום הייליקן אָנדענק פֿון דרײַ זייער איבערגעגעבענע
ייִדישע לערער 266
(י) מאַרק זעלטשען ע"ה 275

קאַפּיטל 8 — (נאָך דער צווייטער קאַדענץ אין וויניפּעג)
צוריק אין פֿילאַדעלפֿיע

(א) ענדלעך צוריק אין אונדזער „היימשטאָט" 281
(ב) באַגריסונג צום 60־יאָריקן יובֿל פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־שול 283
(ג) יאָ, איך האַלט פֿאַר פּאַסיק צו שליסן דאָס בוך מיט:
(1) אַ דאָקומענט פֿון דערדאָזיקער שול, ווי אַ צאתכם־לשלום,
צום געזעגענען זיך מיט מיר און מײַן פֿרוי, סוף יוני, 1962 287
(2) אַן ערן־שריפֿט פֿון ייִדישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק
(גרויסן פֿאָרמאַט [אויף פּאַרמעט], געצייכנט פֿון אַ סופֿר)
— יוני 24, 1970 288
(3) צווישן די „נאָטיצן" אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" 289
(ד) פֿון דער ליטעראַטור
1 — מענדעלע מוכר־ספֿרים 291
2 — שלום־עליכם 299
3 — י. ל. פּרץ 306
4 — דוד פּינסקי 319
5 — יעקבֿ גלאַטשטיין 325
6 — ארי אבן־זהבֿ (רעצענזיע פֿון ד"ר מ. גלען) 331

נאָכוואָרט 337

אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן פֿונם מחבר

איך קום פֿון קראַסניסטאַוו, אַ שטעטל אין פּוילן, וואָס ליגט צווישן זאַמאָשטש און לובלין. איך בין געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1896. מײַן פֿאָטער ר׳ חיים איז געווען אַ חסיד אַ בן־תּורה. אין אונדזער ביכער־שראַנק האָט זיך צווישן דער גרויסער צאָל ספֿרים באַזונדערס אָנגעזען די רײַכע קאָלעקציע פֿון דער חסידישער ליטעראַטור. אויך מײַן מוטער שׂרהלע איז געווען אַ וואויל־קענעוודיקע, אַן אשת־חיל. אויף וויפֿל איך געדענק, פֿלעגט זי יעדן פֿרימאָרגן בײַם עפֿענען די קראָם לייענען אַ יום־תּהלים (טעקסט מיט עבֿרי־טײַטש).

איך בין געווען דער מוזיניק פֿון דרײַ זין. מיר האָבן אַלע געקראָגן אַ גוטע טראַדיציאָנעל־ייִדישע דערציאונג אין חדרים פֿון אַלע מדרגות — פֿון „עבֿרי" ביז „גמרא־מיט־תּוספֿות". אָבער די היים גופֿא איז פֿאַר אונדז געווען אַ זעלטן־גוטע שול פֿאַר ייִדישקייט. למשל, שבת אָדער יום־טובֿ, אײדער מ׳איז אַוועק אין בית־המדרש אַרײַן דאַווענען, האָט יעדער איינער פֿון אונדז עפּעס געלערנט פֿאַר זיך: די סדרה פֿון דער וואָך, אַ פּרק משניות, אָדער אַ בלאַט גמרא. ווידער, בײַם צוריקקומען פֿון דאַווענען, האָט דער טאַטע געפּראַוועט אַ „טיש" ווי אַ רבי, מיט תּורה־זאָגן און זמירות, צווישן די מאכלים. חוצדעם האָט ער פֿון אונדז פֿאַרלאַנגט, יעדער זאָל אָפּטײַטשן עטלעכע שורות פֿון אַ ספֿר. אַגבֿ, געדענקט זיך ניט, אַז דער טאַטע אָדער די מאַמע זאָלן ווען־עס־איז אַמאָל האָבן אָנגעשריען אויף אונדז צוליב שלעכטער אויפֿפֿירונג, חלילה. מ׳האָט געהאַט פֿולן דרך־ארץ פֿאַר טאַטע־מאַמע.

מײַנע ביידע ברידער האָבן נאָך „חדר" אויך געלערנט אין דער בריסקער ישיבֿה צו עטלעכע יאָר יעדער. זיי האָבן טאַקע דאָרטן פֿיל דערגרייכט אין לערנען, אָבער זייער „פֿרומקייט" האָט זיך טיילווײַז „אויסגעוועפּט". . .

דעריבער, ווען מײַנע חדר־יאָרן האָבן זיך פֿאַרענדיקט, האָט מיך די מאַמע (דער טאַטע האָט שוין ניט געלעבט) באין־אופֿן ניט געלאָזט אַוועקפֿאָרן אין אַ ישיבֿה. אָבער לערנען דאַרף מען דאָך? — האָב איך יעדן טאָג געלערנט אַ 5־6 שעה אין שטאָטישן בית־המדרש פֿאַר זיך, ווי אַ סך בחורים פֿון מײַן עלטער. האָט מען עפּעס ניט געוואוסט, האָט מען

זיך ניט געשעמט צוצוגיין פרעגן בײַ די גוטע לערנער, ספעציעל בײַ די „איידימס אויף קעסט", וועלכע פלעגן דאָרטן זיצן כמעט גאַנצע טעג, אַפילו אין די אָוונטן, „על התורה ועל העבֿודה". דאָס איז בײַ אונדז געווען דער אײַנגעשטעלטער סדר יענע יאָרן. חוצדעם פלעגט אונדזער רבֿ, אַ גרויסער תּלמודיסט, אונדז אָפּט זאָגן אַ „שיעור".

פונדעסטוועגן בין איך אינגיכן אַריבער לערנען אינם נײַ-געעפנטן „ראַדזינער-שטיבל" צוזאַמען מיט מײַנעם אַ חבֿר, ישׂראל שטערן, וועמענס פאָטער, אַ ראַדזינער חסיד און אַ גוטער תּלמודיסט, האָט צוגעזאָגט, אַז עטלעכע מאָל אַ וואָך וועט ער פאַרלאָזן זײַן קראָם אויף עטלעכע שעה און קומען אין „שטיבל" אַרײַן לערנען מיט אונדזביידען וויכטיקע סוגיאות פון תּלמוד. דאָרטן האָט מיט מיר אויך געלערנט עטלעכע אָוונטן אַ וואָך אַ גרויסער קענער פון תּלמוד און פוסקים, אַ יונגערמאַן „אויף קעסט", אַהרון הערש-לייבס האָט מען אים גערופן: „טור אורח חיים" און „מגן אַבֿרהם". קורץ, מײַן פרומע מאַמע איז געווען „אויפן זיבעטן הימל", וואָס אַזעלכע תּלמידי-חכמים גיבן זיך אָפּ מיט איר „יתום".

עטלעכע שעה יעדן נאָכמיטאָג פלעג איך אַרויסהעלפן דער מאַמען אין קראָם. פונדעסטוועגן איז נאָך אַלץ פאַרבליבן צײַט אויף צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַ חבֿר אין לערנען אָדער וועגן וועלט-זאַכן.

אָבער צײַטן האָבן זיך ביסלעכווײַז געביטן. באַהאַלטענערהייט האָט מען אָנגעהויבן אַרײַנצוקוקן אין די „בלעטער" און לייענען „טרייף-פסולס". מ'האָט אַפילו אָנגעהויבן חלומען וועגן צוגרייטן זיך צום פינפטן אָדער זעקסטן קלאַס גימנאַזיע. מיט איין וואָרט: מ'האָט געוואָלט לערנען נײַע זאַכן און דאָך ניט אָוועקוואַרפן חלילה דאָס אַלטע. אמת, מ'האָט נאָך ניט געוואוסט פונם וואָרט „סינטעז", אָבער דאָס איז עס אין תּוך געווען: תּורה און וועלטלעך וויסן.

מיט דער צײַט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין קראָקע (גאַליציע) געפינט זיך אַ ייִד אַ מומחה, וועלכער גיט קאָרעספּאָנדענץ-קורסן אויף צו לערנען שפּראַכן. האָב איך זיך אויסגעשריבן דעם קורס „העברעיש". פון די 32 „בריוו" (מיט עקזאַמענס נאָך יעדן פערטן בריוו) האָב איך געלערנט גרינטלעך דעם העברעישן „דקדוק" און זיך באַקענט מיט פאַרשיידענע מוסטערן פון דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור: — פּראָזע און פּאָעזיע. נאַטירלעך האָט מיר דערצו פיל צוגעהאָלפן דער רײַכער וואָקאַבולאַר פון „חומש און נבֿיאים" און די „תּפֿלות". אַזוי-ער-

נאָך האָב איך שוין צו 14־15 יאָר געלייענט אַן שווערקײַטן דעם „הזמן״ פֿון ווילנע, ווי אויך לײַכטע טיילן אין נחום סאָקאָלאָווס „הצפֿירה״ (וואַרשע).

איך האָב זיך אײַנגיכן נאָכדעם אויך אויסגעשריבן דעם קורס פֿון „פוילישׂ״. וואָס האָט מיך צוגעפֿירט במשך אַ קורצער צײַט צו לייענען די בעסערע ווערק פֿון דער פוילישער ליטעראַטור. ביכער אויף צו לייענען פֿלעג איך אָפֿט נעמען אין דער רײַכער שטאָטישער ביבליאָטעק. פֿון פויליש איז געווען לײַכט איבערצוגיין צו „רוסיש״, וואָס איז בײַ אונדז געווען די אָפֿיציעלע רעגירונגס־שפּראַך. ס׳איז דאָך געווען „רוסיש־פּוילן״.

ווען אין 1914 האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, איז אונדזער געגנט גיך פֿאַרפֿלייצט געוואָרן פֿון דער עסטרײַך־דײַטשער אַרמיי. די לופֿט איז באַלד פֿול געוואָרן מיט „דײַטש״. אַזוי, אַז ווער ס׳האָט נאָר געהאַט אַ חוש פֿאַר שפּראַך און איז געווען אַמביציעז צו לערנען, האָט אין משך פֿון אַ קורצער צײַט געקענט כמעט באַהערשן דאָס „יענקישע״ לשון.

אָבער באַלד האָט זיך די מלחמה צעפֿלאַקערט. די עסטרײַך־דײַטשע אַרמיי האָט געהאַט אירע „פּאָזיציעס״ אין סאַמע מיטן שטאָט, בעת אויף יענער זײַט שטאָט, אויף די הויכע בערג, האָט די רוסישע אַרמיי געהאַט אירע אָקאָפּעס און פֿון דאָרטן געהאַמערט מיט די שווערע האַרמאַטן, אַזוי איז די גאַנצע געגנט באַלד פֿול געווען מיט „פֿײַער״. די ציווילע באַפֿעלקערונג האָט לחלוטין ניט געהאַט די מעגלעכקײַט צו אַנטלויפֿן פֿון שטאָט. ס׳איז מיט נסים, וואָס פֿאַרנאַכט־צו, בעת די שטאָט האָט גענומען ברענען פֿון אַלע זײַטן, האָט זיך דאָס שיסן פּלוצים אָפּגעשטעלט. האָט מען זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן און מ׳איז אַנטלאָפֿן, וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ צײַט פֿון היימלאָזיקײַט. זייער אַ ביטערע צײַט. דערווײַל האָט זיך די מלחמה־שלאַכט פֿון אונדז דערווײַטערט און איז אַרויף אויף רוסישער טעריטאָריע. איז מען צוריקגעקומען אין שטאָט אַרײַן און מ׳האָט געוואוינט מערסטנס אין חרובֿע היימען. ס׳האָט בכלל ניט געפֿעלט קיין צרות. מ׳האָט געליטן הונגער און נויט.

באַלד נאָכדעם ווי פּוילן האָט צוריקגעוואונען איר „זעלבסט־שטענדיקײַט״, איז די לאַגע פֿון דער דאָרטיקער ייִדישער באַפֿעלקערונג געוואָרן זייער שלעכט. די נעכטיקע פּוילישע „פֿרײַנט״ זײַנען

מיטאַמאָל געוואָרן פֿרעמד און אַפֿילו פֿײַנטלעך צו אונדז ייִדן. אוי, האָט זיך געוואָלט פֿון דאָרט אַנטלויפֿן! אָבער גאָר־גאָר שלעכט איז אונדזער לאַגע געוואָרן מיטן אָנקום פֿון פּוילישן לעגיאָן אין אַמעריקע, די אַזוי־גערופֿענע „האַליערטשיקעס": מ'האָט אָנגעהויבן „ציפּן" בערד בײַ ייִדן און אַראָפּוואַרפֿן ייִדישע מענער און פֿרויען פֿון די וואַגאָנען, בשעת די באַנען האָבן געהאַלטן אין סאַמע מיטן „פֿליען". אָט־אַזוי האָט פּוילן גע־פֿײַערט איר נאַציאָנאַלע „ווידערגעבורט"!... מיר איז נמאס געוואָרן דאָס לעבן אינם „באַנײַטן" פּוילן. אָבער וואָס קאָן מען טאָן?

תּיכף נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך ווי־עס־איז אײַנגעשטילט, האָבן מאַסן ייִדן געקראָגן פֿון זייערע קרובֿים אין אַמעריקע „אַפֿי־דייוויטס" און געלט כּדי צו קומען צו זיי אין דער „גאָלדענער מדינה". די אַמטן פֿון אַמעריקאַנער קאָנסול אין וואַרשע זײַנען געוואָרן באַ־לאַגערט פֿון טויזנטער און טויזנטער ייִדן מיט פּאַספּאָרטן און דאָקו־מענטן, כאַטש מ'האָט געדאַרפֿט וואַרטן וואָכן־לאַנג, איידער מ'האָט ענדלעך געקראָגן די „וויזע".

אָרום יענער צײַט האָב איך אָנגעהויבן צוצושטיין צו מײַן מאַמען, זי זאָל מיר דערלויבן צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד און זיך גרייטן צו פֿאָרן קיין אַמעריקע, איידער איך וועל מאָביליזירט ווערן פֿון דער פּוילישער אַרמיי. איך האָב ממש געוויינט. מײַן גוטע מאַמע פֿלעגט מיט מיר אײַנ־טענהן: „ווי אַזוי קענסטו גאָר טראַכטן דערפֿון, אַז דו האָסט ניט קיין „אַפֿידייוויט" פֿון קיינעמען און ניט קיין געלט?" אָבער איך האָב זיך אײַנגעעקשנט: „מאַמע, איך וויל בלויז דײַן „וויזע", דײַן דערלויבעניש! איך וועל שוין געפֿינען אַ וועג". — ענדלעך האָט זי מסכּים געווען, און איך האָב געזוכט „וועגן און מיטלען"...

* * *

איך געדענק עס גענוי, ווי עס וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט: אויף מאָרגן נאָך פּסח אין יאָר 1920, האָב איך זיך געגרייט צו געזעגענען זיך מיט מײַן אומגליקלעכער מאַמען (זי וועט דאָך בלײַבן אַליין, אָן אַ קינד!...). איך האָב אין דער האַנט געהאַלטן אַ קליין רענצל און בין גע־ווען גרייט אַ קוש צו געבן די מזוזה. ערשט די מאַמע באַמערקט: „קינד מײַנס, דו האָסט עפּעס פֿאַרגעסן!" — „וואָס, מאַמע?" (מאַך איך זיך תּמעוואַטע). — „די תּפֿילין, מײַן קינד! וואָס דו וועסט טאָן מיט זיי, דאָס איז דײַן זאַך; אָבער איך, דײַן מאַמע, קען דיך ניט אַוועקלאָזן אָן זיי!".

אַט־די דאָזיקע „ליבעראַלע״ מאָטיווירונג פֿון מײַן אַלט־פֿרענקי־שער מאַמען קען מיר ביזן הײַנטיקן טאָג ניט אַרויס פֿון זינען, כאָטש ס׳איז שוין מיט אַזוי פֿיל יאָרן צוריק!...

די מאַמע איז מיט מיר מיטגעגאַנגען צו דער באַן־סטאַנציע און האָט אויפֿן גאַנצן וועג ניט אויפֿגעהערט צו גיסן מיט טרערן... איך בין שוין אין וואַגאָן און קוק אַרויס דורכן פֿענצטערל: די באַן רירט זיך שוין און מײַן אָרעמע מאַמע לויפֿט־נאָך און ווישט די טרערן. אַזוי זע איך זי, נאָכ־לויפֿנדיק די באַן און וויינט, ביזן הײַנטיקן טאָג; און אַזוי וועל איך זי זען ביזן סוף פֿון מײַנע יאָרן...

* * *

צו מאַכן עס בקיצור. איך האָב ברוך־השם געהאַט גרויס מזל אַרום־און־אַרום, פֿון אַלע שטאַנדפּונקטן, ביז איך האָב מיט חדשים שפּעטער, דעם 27סטן יוני, „געלאַנדעט״ אין עליס־אײַלאַנד, וואָס ייִדן פֿלעגן עס רופֿן „דאָס אינדזל פֿון טרערן״. אמת, איך האָב זיך געריכט, אַז מ׳וועט מיך דאָרטן לויטן געזעץ פֿאַרהאַלטן, מחמת איך האָב ניט געהאַט קיין נאָענטן קרובֿ, וואָס זאָל מיך קומען אָפּנעמען. יאָ, איך האָב געהאַט גע־בעטן עטלעכע פֿון מײַנע לאַנדסלײַט אויף דער זעלביקער שיף, אַז נאָך זייער לאַנדונג זאָלן זיי ווירקן אויף עמיצן פֿון זייערע קרובֿים צו קומען מיך אָפּנעמען.

כאַראַקטעריסטיש, בשעת די עטלעכע הונדערט פּאַסאַזשירן פֿון שיף האָבן פֿון ווײַטנס דערזען די „סטעטשו אָוו ליבערטי״, האָט געגעבן אַ שיס אַרויס אַזאַ „פֿרייד־געשריי״, גלײַך ווי די גאַנצע וועלט איז פּלוצ־לונג אויסגעלייזט געוואָרן פֿון אַלע צרות און לײַדן... אָבער מײַן גע־מיט האָט זיך דערפֿון אַ האָר ניט געביטן... טאַקע, וואָס וועט זײַן מיט מיר אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ווען אַלע וועלן פֿריילעכע אַרויס פֿון שיף?...

ענדלעך האָבן מענטשן זיך אָנגעהויבן צו שטופּן צום אַרויסגאַנג. שטופּ איך זיך אויך, כאָטש איך ווייס, אַז ס׳איז אַ „ברכה לבטלה״. אַלע האָבן מיט זיך „פּאַפּירן״, דאָקומענטן. איך איינער פֿאַרמאָג בלויז יונגע עלנבויגנס. בין איך געווען פֿון די סאַמע ערשטע זיך צו דערשטופּן צום הויפּט־טיש („דעסק״). ערשט דער באַאַמטער גיט מיך עפּעס אַ פֿרעג, און איך ענטפֿער אים גלײַך מיט אַ פּאָר ענגלישע ווערטער. וואונדערט

ער זיך: „זײַט איר שוין פֿריער געוועזן אין אַמעריקע?" — „ניין!" — זאָג איך. פֿרעגט ער ווידער: „פֿון וואַנען קענט איר ענגליש?" — זאָג איך אים, אַז איך האָב זיך זעלבסט אַביסל געלערנט. — „קענט איר נאָך שפּראַכן?" — „יאָ, איך קען אַביסל דײַטש, און אַביסל רוסיש". גיט ער מיר אַ קליין בלעטל אין דײַטש און הייסט מיך עס לייענען. נו, לייען איך און מיט מײַן שוואַכן ענגליש דערקלער איך ווי־עס־איז דאָס גע־לייענטע.

ערשט דער באַאַמטער גיט אַ וואונק צו אַן אַנדערן פּאַסאַזשיר וואָס הינטער מיר. לאָז איך זיך גיין ווײַטער און כ'ווייס נאָך אַלץ ניט מײַן גורל. פּלוצלונג וואַקסט־אויס פֿאַר מיר אַ מאַן, וואָס טראָגט אַ היטל מיט דער אויפֿשריפֿט „היאַס" און גיט מיך אַ פֿרעג: „מֵאַיִן יהודי?" — זאָג איך אים אויך אויף העברעיש: „מפּולניה". ער דערקענט אין מיר, אַז איך בין עפּעס אומרואיק. זאָגט ער מיר, „זײַט רואיק! איר זײַט שוין איצטער אין אַמעריקע! ער הייסט מיך דאָ צו־וואַרטן, ער וועט באַלד צוריקקומען מיט נאָך אימיגראַנטן און וועט אונדז אָפּפֿירן אין שטאָט אַרײַן צו דער „הכנסת־אורחים" (היאַס). און כּך הווה.

„היאַס" האָט מיך באַהאַנדלט זייער פֿײַן. איך האָב דאָרטן געהאָט אַ גוט געלעגער, און די מאָלצײַטן זײַנען געווען געשמאַק און צו דער זעט. אין 3־4 טעג אַרום האָב איך דורך אַן אַנאָנס אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" געפֿונען באַשעפֿטיקונג ערגעץ אין ברוקלין בײַ וואַשן פֿלעשער, ד. ה. די פֿלעשער זײַנען געוואַשן געוואָרן אויטאָמאַטיש דורך אַ ספּעציעלער וואַש־מאַשין. איך האָב בלויז באַדאַרפֿט אַרויסנעמען די געוואַשענע פֿלעשער און זיי אַרײַנשטעלן אין קעסטלעך. די באַלוינונג איז געווען גאַנץ נישקשהדיק. צו רעכענען מײַן פֿאַרדינסט לויטן קורס פֿון פּוילישע מאַרקן, וואָלט עס אויסגעמאַכט אַ מאַיאָנטעק. איך האָב גלײַך צו וויסן געגעבן דערוועגן דעם היאַס־אָפֿיס, זײַנען זיי געווען זייער צופֿרידן דערפֿון. זיי האָבן מיך געהייסן בלײַבן בײַ זיי עטלעכע וואָכן צײַט, כּדי איך זאָל קענען אָפּשפּאָרן עטלעכע דאָלאַר און זיך ב״סלעכווײַז אײַנ־אָרדענען אינם נײַעם לאַנד. זיי האָבן געוואוסט, אַז איך האָב דאָ ניט קיין נאָענטע קרובֿים.

אַ חודש צײַט נאָכדעם בין איך אַרײַן אין אַ פֿאַך־שול, וואו איך האָב זיך אויסגעלערנט „באַנאַז־עמבראָידערי". אין משך פֿון עטלעכע וואָכן האָב איך באַוויזן זיך אויסצולערנען דערפֿון גענוג, אַז איך זאָל קריגן באַצאָלט פֿאַר דער אַרבעט. מײַנע פֿאַרדינסטן זײַנען געשטיגן פֿון וואָך

צו וואָך. האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ תכלית, און אַ „תכלית״ ביי מיר האָט געהייסן: „לערנען״*.

אויף איסט־בראָדוועי, לעבן „פֿאָרווערטס״, איז געווען אַ גרויסע „איראָן פּרעפּעריטערי־סקול״, וואו די מערסטע יידישע פּראָפֿעסיאָנאַלן אין ניו־יאָרק האָבן דאָרטן געהאַט געקראָגן די בילדונג אויף אַריינצו־טרעטן אין אוניווערסיטעט.

האָב איך זיך דאָרטן פֿאַררעגיסטרירט און גלייך אָנגעהויבן אויפֿ־נעמען געוויסע לימודים, וואָס זיינען נייטיק צו „קאָלעדזש־ענטרענס״. איך האָב דערביי ניט געהאַט קיין באַזונדערע שוועריקייטן. שפּראַכן און מאַטעמאַטיק זיינען מיר ניט געווען פֿרעמד. איך בין זיכער, אַז אין משך פֿון אַ יאָר צייט וואָלט איך מיין באַשיידענעם ציל לייכט דערגרייכט און וואָלט געקענט אַריין אין קאָלעדזש. איז אָבער אונטערגעקומען עפּעס אַנדערש, וואָס האָט מיך געפֿירט אין אַן אַנדערער ריכטונג.

טאַקע אין יענער געגנט, אויף איסט־בראָדוועי, איז געווען אַ „פּועלי־ציון״ קלוב, וואוהין איך פֿלעג אַריינקומען גאַנץ אָפֿט. ס׳איז גע־ווען אַן אינטערעסאַנטע גרופּע יונגע מענטשן, וועלכע פֿלעגן דיסקו־טירן יידיש־געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען. האָב איך זיך מיט זיי גיך באַפֿריינדט. האָט מיר דאָרטן איינער פֿון די חבֿרים (דאַכט זיך: ש. באַנט־שעק) אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז פֿאַר אַזאַ בחור ווי איך וואָלט געווען די גלייכסטע זאַך אַריינצוטרעטן אין יידישן „לערער־סעמינאַר״, וואָס האָט זיך דעמאָלט טאַקע געפֿונען אין יענער געגנט. האָב איך אים גע־פֿאָלגט און כ׳בין אַהין ביי דער ערשטער מעגלעכקייט אַריינגעגאַנגען. הגם מיין אמתע כּוונה איז געווען בלויז אַ קוק צו געבן, וואָס דער סעמי־נאַר שטעלט מיט זיך פֿאָר.

נו, פֿון דעמאָלט־אָן איז מיין לעבן אַוועק אויף גאָר אַנדערע וועגן, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין די פֿאַרשיידענע אַרבעטן אינם דאָזיקן „פּעקל כּתבֿים״ מיינעם.

פישל הערשטיין

---

*) יאָ, פֿון מיינע ערשטע פֿאַרדינסטן האָב איך גלייך אָוועקגעשיקט דער מאַמען מיינער 25 דאָלאַר, זייער אַ גרויסע סומע אויף „פּוילישע מאַרקן״. שפּעטער מיט עטלעכע וואָכן קומט מיר פֿון דער מאַמען אַ בריוול, אַז זי גייט מיר צוריקשיקן דאָס געלט, מחמת זי פֿילט, אַז איך קען דאָס נאָך ניט באַהויפּטן. ענטפֿער איך איר גלייך: „איך בעט דיך, מאַמע טייערע! טו דאָס ניט! איך וועל זיך דערפֿון פֿילן טיף באַליידיקט״.

קאַפּיטל 1

מײַנע סעמינאַר־לערער

א) ד״ר יהודה אבן־שמואל (קויפֿמאַן) ז״ל

ווען ס'איז צו מיר דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה וועגן דער פּטירה פֿונם גרויסן מלומד ד״ר יהודה קויפֿמאַן, זײַנען בײַ מיר, צוזאַמען מיט די מחשבֿות פֿון אַבֿילות, אַרויפֿגעשוואומען אַ סך ליכטיקע זכרונות פֿון די צײַטן, ווען איך בין געשטאַנען אונטער זײַן דירעקטער גײַסטיקער השפּעה.

אין 1921, אַ קנאַפּ יאָר נאָך מײַן אָנקומען קיין אַמעריקע, בין איך אַרײַן לערנען אין יידישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק. באַלד נאָך די ערשטע לערן־סעסיעס בין איך פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער גײַסטיקער אַטמאָספֿער, וואָס האָט דאָרטן געהערשט. פֿאַר מיר איז דער סעמינאַר אין יענער צײַט געווען אַן אמתער אָאַזיס אינם אַמעריקאַנישן „מדבר״, ווײַל וואו נאָר איך בין פֿריער געגאַנגען, האָב איך אַלץ געהערט ריידן וועגן „קאַריערעס״ און וועגן „אַרויפֿאַרבעטן זיך״. כאָטש וואָרף אַוועק דאָס ביסל תּורה, וואָס דו האָסט מיט זיך געבראַכט פֿון דײַן חסידישער היים אין פּוילישן שטעטל, און פֿאַרגעס אין דײַנע חלומות וועגן אויסברייטערן דײַן יידיש און אַלגעמיין וויסן אינם פֿרײַען אַמעריקע, וואו עס וועט דיך ניט פֿאַרפֿאָלגן די שרעק און שׂנאה פֿונם „אויפֿגעלעבטן״ פּאָליאַק.

נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין פֿאַבריקן פֿלעגן עטלעכע צענדליק יונגעלײַט און מיידלעך קומען יעדן אָוונט אויף דרײַ שעה צײַט אין לערער־סעמינאַר כּדי דאָ צו לערנען יידישע און וועלטלעכע תּורה. ס'איז ממש געווען באַגײַסטערט צו ווערן פֿונם אידעאַליזם און פֿון דער איבערגעגעבנקײַט צו תּורה לשמה סײַ מצד די תּלמידים און סײַ מצד די לערערס.

דער דירעקטאָר פֿון סעמינאַר, דער אַקאַדעמיקער ד״ר יהודה קויפֿמאַן, זייער אַ ליבער מענטש, האָט זיכער געהאַט דעם גרעסטן חלק פֿאַרדינסטן פֿאַר דער דאָזיקער אידעאַלער תורה־אַטמאָספֿער. אויף אַלץ איז געווען אויסגעגאָסן זײַן גײַסט, זײַן השפּעה. מיר, סעמינאַריסטן, זײַנען שטאַרק אינספּירירט געוואָרן פֿון זײַן פּערזענלעכקײַט און פֿון זײַן ליבע צו קולטור. דער ספּעציפֿישער גײַסט פֿון סעמינאַר האָט זיך באַזונדערס בולט אָפּגעשפּיגלט בײַ די אייגנאַרטיקע יום־טוב־פֿײַערונגען פֿון סעמינאַר, בײַ וועלכע ד״ר קויפֿמאַן האָט אַזוי ווי „געפּראַוועט טישן״ ווי אַ חסידישער רבי מיט „זאָגן־תורה״ און מיט געזאַנג בציבור. צו די דאָזיקע ימים טובים פֿלעגן אָפֿט קומען ווי געסט: שרײַבערס, לערערס און אָנגעזעענע געזעלשאַפֿטלעכע קולטור־טוערס.

ווי דירעקטאָר האָט ד״ר קויפֿמאַן באַוויזן אַרײַנצופֿירן אין סעמינאַר־פֿאַקולטעט זייער גוטע לערערס, אמתע אויטאָריטעטן אויף זייערע געביטן. הגם געזעלשאַפֿטלעך און פּאָליטיש זײַנען די לערערס געקומען פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען אין ייִדישן לעבן, האָט אָבער פֿון דער זײַט שוועל פֿון סעמינאַר, אין אַקאַדעמישן זינען, געהערשט דער טראַדיציאָנעל־ייִדישער גײַסט פֿון תורה־לערנען.

דאָס סעמינאַר־קוריקולום איז געווען פֿון גרויסן פֿאַרנעם, אויסגעשטעלט אויף אַ משך פֿון פֿיר יאָר לערנען, וואָס האָט אַרומגענומען סײַ ייִדיש־העברעישע, סײַ אַלגעמיינע, און סײַ ספּעציעל־פּעדאַגאָגישע לימודים, מיט אַן אויסגעאַרבעטן סיסטעם פֿון אַקאַדעמישע קרעדיטן. ד״ר קויפֿמאַן גופֿא איז געווען אונדזער לערער פֿון תלמוד און פֿון ייִדישער געשיכטע (פֿון נאָך דער ביבלישער עפּאָכע ביזן גירוש־שפּאַניע).

ד״ר קויפֿמאַן פֿלעגט זיך גוט צוקוקן צו דער באַציאונג פֿון די סעמינאַריסטן צו זייערע לימודים. ערבֿ גראַדואירונג פֿלעגט ער פּערזענלעך ווירקן אויף געקליבענע תלמידים זײַנע צו ווערן לערערס אין די ייִדישע אָדער העברעישע שולן. ער פֿלעגט זיך אַפֿילו באַמיען זיי צו באַזאָרגן מיט לערער־שטעלעס. מיך, למשל, כאָטש איך האָב קיינמאָל פֿריער ניט געהאַט בדעה צו ווערן אַ לערער, האָט ער, אַפֿילו אָן מײַן וויסן, „פֿאַרשדכנט״ צו דער גרויסער פּרץ־שול אין וויניפּעג, קאַנאַדע, וועלכע האָט שוין דעמאָלט, אין 1924, אחוץ די געוויינטלעכע נאָכמיטאָג־קלאַסן, געהאַט געעפֿנט עטלעכע „טאָג־קלאַסן״ — די ערשטע שול פֿון דעם סאָרט אויפֿן היגן קאָנטינענט.

איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן ד״ר קויפֿמאַנס געזעגענען זיך מיט מיר ערבֿ מײַן אָפּפֿאָרן קיין וויניפּעג. ער איז דורכאויס באַשטאַנען, אַז איך זאָל אַרויפֿקומען צו אים אַהיים, אין די בראָנקס. אים איז ווירקלעך אַזוי ווי געגאַנגען אין לעבן, אַז איך זאָל מצליח זײַן אין דער דאָזיקער גרויסער שול. נאָך זײַן לענגלעכן אינטימען שמועס מיט מיר האָט ער אַרויסגענומען פֿון זײַן ביכער־שראַנק אַ באַנד איבסענס דראַמעס ווי אַ געזעגענונגס־מתנה פֿאַר מיר. ער האָט מיר אויך דערלאַנגט צוויי פֿאַרזיגלטע בריוו צו צוויי זייער וויכטיקע מענטשן אין דער וויניפּעגער פּרץ־שול: איינעם צו חבֿר טשערניאַק, אַן אַדוואָקאַט, אַ גרינדער פֿון דער שול, און אַ געטרײַער אידעישער נאָכפֿאָלגער פֿון ד״ר חיים זשיטלאָווסקין; דעם צווייטן בריוו צו חבֿר העסטרין, אויך אַן אַדוואָקאַט, אַ געוועזענער פּרינציפּאַל פֿון שול און גײַסטיקער מנהיג פֿון דער דאָרטיקער פּועלי־ציון באַוועגונג. ד״ר קויפֿמאַן האָט מיך באַגלייט צו דער טיר און מיר אַ קוש געגעבן. אָט־דאָס דאָזיקע געזעגענען זיך מיט אַזאַ תּלמיד־חכם האָט מיך גערירט ביז טרערן, און איך האָב שוין ניט געדאַרפֿט זאָגן קיין „תּפֿילת הדרך״...

די צוויי בריוו ד״ר קויפֿמאַנס האָבן פֿאַר מיר אין וויניפּעג געעפֿנט די טירן פֿון די אָנגעזעענסטע מנהיגים פֿון שול. אַלע האָבן גלײַך אַרויסגעוויזן דעם פֿולסטן צוטרוי צו מיר. איך גופֿא בין אפֿשר געווען דער איינציקער, וואָס האָט געצווייפֿלט אין מײַנע פֿעיִקייטן בײַ מײַנע ערשטע טריט ווי אַ מחנך... אָבער בײַ אַלע מײַנע ספֿיקות בין איך גיך אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין פֿולן טעמפּאָ פֿון דער שול־אַרבעט, וואָס האָט מיך מער־ווייניק גײַסטיק באַפֿרידיקט, און האָט מיך געהאַלטן באַשעפֿטיקט כּמעט טאָג און נאַכט. איך האָב פֿון סאַמע אָנפֿאַנג אָן זיך אײַנגעלעבט חבֿריש מיטן לערער־פּערסאָנאַל. אונטער מײַן השגחה איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ דעטאַליזירט קוריקולום פֿאַר יעדן קלאַס באַזונדער. מיר האָבן סיסטעמאַטיזירט די לימודים און אײַנגעשטעלט די קלאַסן ווי געהעריק. איך האָב אַפֿילו פֿאַרמירט אַ גראַדויִר־קלאַס פֿון די בעסערע תּלמידים — דער ערשטער קלאַס אַזאַ זינט די שול האָט זיך געעפֿנט אין 1914. וועגן מײַנע התחלות האָב איך נאַטירלעך תּיכּף אינפֿאָרמירט מײַן רבין אין ניו־יאָרק, און ער האָט מיך באַגײַסטערט מיט זײַן אינהאַלטסרײַכן ענטפֿער אין העברעיִש — כּמעט אַ רעפֿעראַט וועגן חינוך.

בשעת ד״ר קויפֿמאַן איז אין מיטן ווינטער געווען אין וויניפּעג אויף אַ לענגערן לעקציע־טור, פֿלעגט ער אָפֿט קומען אין די קלאַסן פֿון אַלע

דערציונגס־אינסטיטוציעס אין שטאָט, יידישע און העברעישע, און זיך צוקוקן צום גאַנג פון די לימודים. באַזונדערס איז ער געווען פאַר־אינטערעסירט צו באַזוכן מײַן קלאַס. נאָך יעדן באַזוך זײַנעם איז מײַן זעלבסט־זיכערקײַט געשטיגן, מחמת ד״ר קויפמאַן האָט ניט געזשאַלע־וועט קיין שבחים אויף מײַן חשבון. איינמאָל, נאָך מײַנס אַ געשיכטע־לעקציע אין מײַן עלטערן גראַדואיר־קלאַס, האָט ער בײַם אַרויסגיין פון קלאַסצימער אויף מיר אַרויפגעלייגט זײַן האַנט און מיר געזאָגט: „הער־שטיין, איר זײַט אַ געבאָרענער לערער!״. בכלל האָט ער געשטאַרקט מײַן רעפּוטאַציע בײַ דער שול־פאַרוואַלטונג. אַגב אורחא, ערבֿ זײַן באַזוך אין ווינניפעג האָב איך אין דער ווינניפעגער יידישער צײַטונג געהאַט אַ וואַרעם אַרטיקל לכּבֿוד ד״ר קויפמאַן, אַ מין „בואך לשלום!״. כאַראַקטעריסטיש, וואָס מיט פיל יאָרן שפּעטער, אין 1968, בעת מײַן באַזוך בײַ אים אין ירושלים, האָט ער מיך דערמאָנט: „איר ווייסט, הער־שטיין, מיט יאָרן צוריק האָט איר אין דער ווינניפעגער יידישער צײַטונג געהאַט זייער אַ פײַן אַרטיקל וועגן מיר״...

אַחוץ זײַן אומפאַרגלײַכלעך־גײַסטיקער השפעה אויפן סעמינאַר און אויף די יידישע לערן־אינסטיטוציעס בכלל, איז אין־לשער ד״ר קויפ־מאַנס פאַרדינסטן ווי אַן אמתער מרביץ תורה בישראל איבער דער גרוי־סער פּראָווינץ פון אַמעריקע און קאַנאַדע. איך מיין דערמיט זײַנע לעקציע־טורס אין די צוואַנציקער יאָרן. צו ד״ר קויפמאַנס לעקציעס אין אַזעלכע שטעט ווי: דעטרויט, שיקאַגע, מיניאַפּאָליס, ווינניפעג, מאָנט־רעאָל, א. אַנד., פלעגן קומען הונדערטער יידן און זיך קוויקן מיט די אמתע דבֿרי־תורה זײַנע. יעדעס מאָל, ווען ד״ר קויפמאַן פלעגט מזכּה זײַן די דאָזיקע שטעט מיט זײַנס אַ לעקציע־טור, איז עס געווען אַ יידישער קולטור־יום־טובֿ אין שטאָט, וואָס די דאָזיקע יידן פלעגן גע־דענקען לאַנגע צײַטן נאָכדעם. ווינניפעג, למשל, האָט אים אַמאָל געהאַט אַראָפּגעבראַכט אויף גאַנצע צוויי חדשים צײַט און דער זאַל איז בײַ יעדער לעקציע זײַנער געווען געפּאַקט מיט צוהערערס. מ׳קען זאָגן, אַז ד״ר קויפמאַנס לעקציעס איבער דער גרויסער אַמעריקאַנער און קאַ־נאַדער פּראָווינץ, האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ וואַנדערנדיקן אוניווערסיטעט פאַר יידישן וויסן.

ד״ר קויפמאַנען האָט עס תּמיד געצויגן קיין ארץ־ישׂראל. סוף 1926 האָט ער ענדלעך פאַרווירקלעכט זײַן חלום און ער איז מיט זײַן פאַ־מיליע אַהין אַוועק על מנת להשתקע. דאָרטן האָט ער זיך אײַנגאַנצן

אָפּגעגעבן מיט פֿאַרשאַרבעט און באַרײַכערט אונדזער קולטור־אוצר מיט ווערטפֿולע וויסנשאַפֿטלעכע ווערק. ס'איז גענוג צו דערמאָנען: די ערשטע צוויי בענד „מורה נבֿוכים להרמב״ם״ („מוסד ביאַליק״); אַ דריטן באַנד „מורה נבֿוכים להרמב״ם״ („מוסד הרבֿ קוק״); „ספֿר הכּוזרי לרבי יהודה הלוי״ („דבֿיר״) — די דאָזיקע פֿילאָסאָפֿישע ווערק האָט ד״ר קויפֿמאַן אויפֿסנײַ איבערגעזעצט פֿון אַראַבישן אָריגינאַל אין אַ מאָדער־נעם עבֿרית מיטן פֿולן ניקוד, וואָס דאָס אַליין קען באַטראַכט ווערן ווי אַ פּירוש; אָבער ער האָט חוץ דעם אויך צוגעגעבן אויספֿירלעכע מאָנאָ־גראַפֿיעס פֿון די דאָזיקע צוויי פֿילאָסאָפֿן פֿון דער „גאָלדענער עפּאָכע״ אין שפּאַניע און באַלערנדיקע הערות און אויפֿקלערונגען. נאָך פֿריער האָט ער אונדז געהאַט געגעבן אַן אויסגעצייכנטע מאָנאָגראַפֿיע וועגן ר׳ יום־טובֿ ליפּמן מיהלהויזן, וועלכער פֿאַרנעמט זייער אַ וויכטיק אָרט צווישן די באַרימטע ייִדן, וואָס פֿלעגן אָפּט האַלטן אין דער עפֿנט־לעכקײַט טעאָלאָגישע וויכּוחים מיט די אָנגעזעענסטע גלחים און משומדים אין מיטלאַלטער. ער איז אָבער געווען אַזוי ווי אַ פֿאַר־געסענער אַ 500 יאָר צײַט ביז ד״ר קויפֿמאַנס מאָנאָגראַפֿיע וועגן אים. ד״ר קויפֿמאַן איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פֿונם גרויסן לעקסי־קאָנישן העברעיש־ענגלישן און ענגליש־העברעישן ווערטערבוך מיט דער באַטייליקונג פֿון ד״ר ישׂראל אפֿרת און י. סילקינר. אַגבֿ, אַ גענויע רשימה פֿון ד״ר קויפֿמאַנס וויסנשאַפֿטלעכע אויסגאַבעס, קען מען גע־פֿינען אינעם אַרטיקל פֿון מ. אונגרפֿל אין „הדואר״ (גליון מא, תשל״ב).

אָבער אין זײַן פּערזענלעכן לעבן איז ד״ר קויפֿמאַנען אין ישׂראל באַשערט געווען דורכצולעבן זייער טרויעריקע מאָמענטן. זײַן פֿרוי, זײַן אמת־געטרײַע לעבנס־באַגלייטערין, איז אים אָפּגעשטאָרבן יונגערהייט. זײַן באַליבטער און זייער גראַטענער זון שמואל איז אומגעקומען פֿון אַ גראַנאַט, בשעת ער האָט געלערנט „הגנה״־חבֿרים ווי אומצוגיין מיט גע־ווער. אין 15 חדשים שפּעטער איז שמואלס כּלה זהרה, וועמען ד״ר קויפֿמאַן האָט ליב געהאַט ווי אַן אייגענע טאָכטער, טראַגיש אומגע־קומען אין אַ מיליטערישן עראָפּלאַן, וואָס זי אַליין האָט אָנגעפֿירט. די דאָזיקע אומגליקן האָבן אים שרעקלעך דערשלאָגן. אָבער זיי האָבן אים ניט אינגאַנצן צעבראָכן און אים ניט אָװעקגעריסן פֿון זײַנע ערנסטע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן. יאָ, ער האָט געשעפּט פֿיל נחת פֿון זײַן זייער גערעטענער טאָכטער ברוריה און האָט שטאָלצירט מיט אירע וויסנ־שאַפֿטלעכע דערגרייכונגען. זי איז באַרימט אין דער וויסנשאַפֿטס־וועלט

אין ישׂראל און זי פֿאַרנעמט גאָר אַ וויכטיק אָרט צווישן די פּראָפֿעסאָרן אין חיים ווייצמאַן אינסטיטוט אין רחובֿות. זי איז פֿאַרהייראַט צו ד"ר העריס, אירס אַ קוזין, אַ גרויסער אויטאָריטעט אין סעמיטישער פֿילאָלאָגיע.

אין זומער 1968 בין איך מיט מײַן פֿרוי געווען אויף אַ טור אין ישׂראל. ווען מיר זײַנען אין אַ הייסן שפּעט־נאָכמיטאָג אָנגעקומען מיט אונדזער גרופּע קיין ירושלים, האָב איך באַשטימט אָפּצושטאָטן אַ וויזיט בײַ מײַן רבין ד"ר יהודה קויפמאַן. איך האָב אים ניט געקענט קריגן אויפֿן טעלעפֿאָן אַזש ביז 8 אַזייגער אין אָוונט. איך קלינג אים אָן מיט דער באַגריסונג: „שלום, ד"ר קויפֿמאַן!", ענטפֿערט ער מיר: „שלום! מי מדבר?". זאָג איך אים: „הערשטיין מדבר". זאָגט ער: „הערשטיין? פֿישל הערשטיין?". איך בין געווען איבעראַשט: נאָך פֿערציק יאָר ניט זען זיך און ניט האָבנדיק קיין שום קאָנטאַקט צווישן אונדז, געדענקט ער נאָך אַפֿילו מײַן ערשטן נאָמען! ער געפֿינט פֿון מיר גלײַך אויס, וואו מיר שטייען־אײַן, און ער בעט מיך, אַז איך זאָל באַלד אַריבערקומען צו אים צוזאַמען מיט מײַן פֿרוי. אויף מײַן באַמערקונג, אַז ס'איז שוין צו שפּעט, זאָגט ער: „וואָס הייסט? דער אָוונט הייבט זיך דאָך ערשט אָן!" דעם אמת געזאָגט, האָט זיך אונדז ניט געגלוסט אים צו באַזוכן אַזוי שפּעט, מחמת מיר זײַנען ביידע געווען זייער פֿאַרמאַטערט פֿון אַ גאַנצן טאָג אַרומ־פֿאָרן אין דער האַלב־טראָפּישער היץ. אָבער אַז דער רבי הייסט, מוז מען פֿאָלגן!.

אין אַ האַלבער שעה אַרום זײַנען מיר שוין געווען אין זײַן היים, וואו ער האָט אונדז אויפֿגענומען מיט גרויס פֿרייד. אין געציילטע מינוטן האָט זיך צווישן אונדז געשאַפֿן אַ געמיטלעכע היימישקייט, ממש אַזוי ווי מיט פֿערציק יאָר צוריק. ער האָט מיך דערבײַ אויסגעפֿרעגט, וואָס איך האָב עפּעס אויפֿגעטאָן אין לערנען און אין מעשׂים טובֿים אין משך פֿון דער דאָזיקער צײַט. על רגל אחת האָב איך אים אָפּגעגעבן כמו אַ באַריכט וועגן מײַן לערנען אין עטלעכע אוניווערסיטעטן, און באַ־זונדערס אין „דראָפּסי־קאָלעדזש" אין פֿילאַדעלפֿיע, און וועגן מײַן ניט־איבערגעריסענער לערערישער באַשעפֿטיקונג אינם לאַנגן צײַט־אָפּשניט. ער האָט זיך געחידושט, הלמאי איך האָב פֿאַר דער צײַט ניט אָפּגעשפּאַרט קיין „דאָקטאָראַט". אָבער באַלד כאַפּט ער זיך: „וואָס זיצן מיר דאָ? קומט אַרײַן אין צווייטן צימער, וועלן מיר מאַכן אַ לחיים! אַ קלייניקייט? אַזעלכע געהויבענע געסט?". ער האָט שוין לעקאַך אויפֿן

טיש. ער גיסט אָן דריי גלעזעלעך ווײַן און מאַכט אַ „ברכה". נעם איך אַרויס פֿון קעשענע מײַן יאַרמלקע און וויל זי אָנטאָן, גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט צו מיר, אַזוי־ווי ער וואָלט געזאָגט: „דו דאַרפֿסט עס ניט!".

קורץ, מיר האָבן בײַ אים פֿאַרבראַכט זייער אַן אינטערעסאַנטן, אײַנדרוקספֿולן אָוונט, אַזוי אַז די פֿריערדיקע מידקײַט איז פֿון אונדז לגמרי אַוועק. ער האָט אונדז געבעטן צו פֿאַרבלײַבן אין ירושלים נאָך אַן אָוונט, וועט ער לכּבֿוד אונדז פֿאַרבעטן עטלעכע וויכטיקע געסט. אָבער, ווען איך האָב אים דערקלערט, אַז מאָרגן דאַרפֿן מיר צוזאַמען מיט אונדזער טור־גרופּע באַזוכן די וויכטיקסטע פּלעצער פֿון אונדזער טור: אַלט ירושלים, די כּותל מערבֿי, די מערת המכפּלה, און אַנדערע היסטאָרישע ערטער, האָט ער מיט מיר מסכּים געווען, אַז דעם דאָזיקן טייל פֿון טור טאָר מען פֿאַר קיין פֿאַל ניט דורכלאָזן. מיר זײַנען צוריק אַרײַן אין זײַן שטודיר־קאַבינעט.

דאָרטן האָט ער מיר געוויזן אויפֿן שרײַב־טיש זײַן פּירוש אויפֿן „כּוזרי" מיט זײַן אייגענער נײַער איבערזעצונג, וואָס ער האָט געהאַלטן בײַם אַרויסגעבן און וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אין דער בחינה פֿון „יצירה". ער האָט מיך געהייסן אַרײַנקוקן אינעם אַראַבישן טעקסט (איך האָב אים געהאַט דערקלערט, אַז איך האָב אין „דראָפּסי" שטודירט אַראַביש ווי מײַן „מעידזשאָר") און ער האָט פֿאַר מיר פֿאַרגלייענט עטלעכע זאַצן פֿון זײַן העברעיִשער איבערזעצונג. איך האָב דאָס באַטראַכט פֿאַר אַ גרויסער זכיה. בײַם געזעגענען זיך מיט אונדז האָט ער מיר דערלאַנגט ווי אַ מתּנה דעם דריטן באַנד זײַנעם פֿון „מורה נבֿוכים להרמב"ם, חלק שני" (די ערשטע צוויי בענד, האָב איך אים געהאַט דערקלערט, האָב איך זיך מיט יאָרן פֿריער געהאַט אײַנגעשאַפֿט אין אַמעריקע, אָבער דעם דריטן באַנד האָבן בלויז יחידי סגולה געקראָגן צוגעשיקט פֿון ישׂראל). ער האָט דאָרטן (אַנטקעגן דעם שער־בלאַט) אַרײַנגעשריבן אַ האַרציקע דעדיקאַציע צו אונדז מיט אַ שיינער בּרכה, וואָס צוליב דעם אַליין איז כּדאַי געווען צו מאַכן די נסיעה קיין ישׂראל.

נאָך חצות איז צוגעקומען די טאַקסי אונדז צוריקצופֿירן אין האָטעל אַרײַן. ד״ר קויפֿמאַן האָט זיך מיט אונדז האַרציק געזעגנט און אונדז זייער געדאַנקט פֿאַרן וויזיט. ער איז געשטאַנען אויף דער וועראַנדע און האָט אונדז באַגלייט מיט זײַנע בליקן, ביז מיר זײַנען אָפּגעפֿאָרן. אָבער די גאַנצע צוויי וואָכן נאָכדעם, ביז אונדזער אומקער אַהיים אין פֿילאַדעלפֿיע, בין איך געווען טיף גערירט פֿון די וואונדערבאַרע אײַנדרוקן

פּונם באַזוך אין ישׂראל און באַזונדערס פֿון אונדזער וויזיט בײַ מײַן גרויסן רבין.

מיר גרייטן זיך איצטער נאָכאַמאָל צו באַזוכן ישׂראל און מיר האָבן כּסדר געפּלאַנעוועט ווידער צו באַזוכן ד״ר קויפֿמאַנען, נאָר לענגער ווי דאָס פֿריערדיקע מאָל. לסוף — די טרויעריקע ידיעה וועגן זײַן פּטירה! אָבער אַזוי אָפּט ווי איך וועל האָבן די מעגלעכקײַט מעיין צו זײַן אין זײַנע ספֿרים: דעם „מורה נבֿוכים להרמב״ם״, זײַן „ספֿר הכּוזרי לרבי יהודה הלוי״ און די אַנדערע ספֿרים זײַנע, וועל איך זיך פֿילן אין דער גײַסטיקער סבֿיבֿה פֿון מײַן גרויסן רבין ד״ר יהודה אבֿן שמואל קויפֿמאַן. חבֿל על דאבֿדין ולא משתּכחין! יהי זכרו בּרוך!

(„אונדזער אייגן וואָרט״, מערץ, 1977)

ב) יואל ענטין ע״ה

(אַ טרער פֿון אַ תּלמיד צו די שלושים פֿון זײַן באַליבטן רבין)

אין די פֿאַרשיידענע אַרטיקלען, וואָס זײַנען לעצטנס דערשינען וועגן דעם פֿאַרשטאָרבענעם יואל ענטין ז״ל, איז דער נפֿטר אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי אַ מערקווירדיקער מענטש מיט אַ סך פֿאַרדינסטן פֿאַרן ייִדישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע: ער איז געווען אַ ליטעראַטור־קריטיקער פֿון גרויסן פֿאַרנעם. באַזונדערס האָט ער געהאָלפֿן אין זייער אַנטוויקלונג דער באַרימטער גרופּע „די יונגע״, וועלכע האָט געמאַכט געשיכטע אין דער היגער ייִדישער ליטעראַטור; ער האָט געהאָלפֿן אַנטוויקלען דאָס בעסערע ייִדישע טעאַטער אין אַמעריקע, ספּעציעל אין דער בלי־צײַט פֿון דער גאָרדאָן־תּקופֿה בימי „די פֿרײַע ייִדישע פֿאָלקס־בינע״; ער האָט זיך באַרימט געמאַכט ווי אַ פֿעיקער זשורנאַליסט, פֿריער אין „פֿאָרווערטס״, דערנאָך מיט זײַנע לײַט־אַרטיקלען אין מילערס „וואַרהייט״; זײַן גרעסטן פֿאַרדינסט אָבער איז צו פֿאַרצייכענען אויפֿן געביט פֿון ייִדישן חינוך — ער איז דער אמתער פֿאָטער פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע: ער איז געווען גלײַכצײַטיק איר טעאָרעטיקער און איר פּראַקטישער פֿאַרווירקלעכער.

נאָך מיט יאָרן צוריק האָט ה. ערנרײַך ע״ה, איינער פֿון די אַקטיווסטע פּועלי־ציון אין אַמעריקע, געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ רעטראָספּעקטיוון באַריכט וועגן דער אַרבעט אַרום דער עפֿענונג פֿון

דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול, וואָס ער צוזאַמען מיט יואל ענטין האָבן אָנגעהויבן אין ניו־יאָרק אין 1910. ס'איז ממש אַ העראָיש קאַפּיטל פֿון אומפֿאַרגלײַכלעכע אָנשטרענגונגען בײַם פֿאַרווירקלעכן אַן אידעאַל. ניט עס זײַנען דעמאָלט געווען בעלנים אויף צו שיקן זייערע קינדער אין דער ערשטער ייִדיש־וועלטלעכער שול, ניט עס זײַנען גע־ווען געשולטע לערערס, און אַוודאי זײַנען נאָך ניט געווען קיין גע־ראָטענע טעקסט־ביכער. עס איז אַפֿילו ניט געווען קיין געלט אויף מאַר־קעס כדי אַרויסצושיקן די בריוו צו דער ערשטער פֿאַרזאַמלונג און צו באַצאָלן די עטלעכע דאָלאַר דירה־געלט פֿאַר אַ „מיטינג־האָל". פֿונ־דעסטוועגן, כאָטש צו יענער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג איז קיינער ניט גע־קומען, האָט י. ענטין ניט פֿאַרלאָרן דעם מוט, און איז ווײַטער אָנגע־גאַנגען מיט דער אַרבעט פֿון עפֿענען די שול. אַזוי טיף איז געווען זײַן גלויבן אין דער נייטיקייט פֿון אַזאַ סאָרט שול. בלויז טיף־גלויביקע זײַנען מסוגל אַרויסצואווײַזן אַזאַ מוסטערהאַפֿטע עקשנות.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דער זעלביקער י. ענטין האָט אין 1925, נאָכן פֿונאַנדערבלי פֿון דעם דאָזיקן טיפּ שולן, געהאַט דעם מוט צום 15טן יובֿל פֿון דער ערשטער ייִדיש־וועלטלעכער שול אָנצושרײַבן אויף די שפּאַלטן פֿונם דעמאָלטיקן פּועלי־ציוניסטישן אָרגאַן „דער ייִדישער אַרבעטער" אַ מין ווידוי אויף די טעותן פֿון דער נײַער „ראַדיקאַלער" ייִדישקייט . . .

איך האָב געהאַט פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט יואל ענטינען אין צוויי קאַפּאַציטעטן: (א) ער איז דרײַ יאָר געווען מײַן לערער אין ייִדישן לערער־סעמינאַר (פֿון 1921 ביז 1924); (ב) ער איז געווען דירעקטאָר פֿון די ייִדישע פֿאָלקשולן איבערן לאַנד, בעת איך בין געווען אַ לערער אין די ייִדישע פֿאָלקשולן אין פֿילאַדעלפֿיע (פֿון 1935 אָן).

אין ייִדישן לערער־סעמינאַר איז יואל ענטין געווען דער לערער פֿון דראַמע און פֿון די קלאַסיקער פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור (מענדעלע מוכר־ספֿרים, שלום־עליכם און י. ל. פּרץ). זײַנע לעקציעס פֿלעגן זיך אויסצייכענען מיט זעלטענער הסברה. זײַן פּירוש אויף אַ קאַ־פּיטל ליטעראַטור פֿלעגט ממש עפֿענען די אויגן און פֿאַרשאַפֿן אומ־פֿאַרגלײַכלעכע הנאה. ער האָט בפּועל־ממש געקנעלט. הגם ער איז גע־ווען פֿון דער נאַטור אַ וואונדערבאַרער, פֿליסיקער רעדנער, האָט ער אָבער אין קלאַס אַליין זייער ווייניק גערעדט. ער האָט גיכער סטימו־לירט די סטודענטן, אַז זיי זאָלן ריידן, זיי זאָלן אַרויסזאָגן מיינונגען,

ענטפֿערן אויף געשטעלטע פֿראַגעס. ער פֿלעגט קומען אין קלאַס אַרײַן גוט צוגעגרייט מיט אויסגעאַרבעטע טעמעס און פּלענער בנוגע דער קאָנסטרוקציע פֿון אַ ליטעראַריש ווערק און זײַנע פֿונדאַמענטאַלע טיילן אין קלאַס צווישן די סטודענטן ווי מאַטעריאַל פֿאַר זעלבסטשטענדיקע אַרבעטן. פֿון זײַנע ליטעראַרישע אַנאַליזן און אויפֿקלערונגען בנוגע די טיפּן און דעם כאַראַקטער פֿון אַ ווערק, די פּסיכאָלאָגישע קאָנפֿליקטן פֿון די העלדן, די פֿאַרשיידענע סיטואַציעס און האַנדלונגען, אד״ג, האָט מען געקענט אַ סך לערנען אויף אַפּצושאַצן אַ שרײַבער און זײַן אָרט אין דער ליטעראַטור. דערצו איז ער אין אַ געוויסן זינען געווען אַ געוואַל־דיקער מקפּיד: האָט ער עמיצן פֿאַרגעבן אַן אַרבעט, האָט זי געמוזט זײַן פּאַרטיק צום באַשטימטן טערמין. ניט אַלעמאָל איז אים געפֿעלן די שפּראַך אָדער די גראַמאַטיק, וואָס דער סטודענט האָט באַנוצט אין דער אָנגעשריבענער אַרבעט. ער פֿלעגט אויפֿן ערשטן בליק אויפֿכאַפּן די שוואַכע פּונקטן, טאַקע ווי אַן אויסגעצייכנטער לערער.

אַגבֿ, מיט יאָרן שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו לערנען ליטע־ראַטור בײַ פֿאַרשידענע פּראָפֿעסאָרן אין עטלעכע אוניווערסיטעטן. הגם דער סטאַנדאַרד פֿונם געשולטן פּראָפֿעסאָר מיטן אַקאַדעמישן פֿאַרנעם האָט אָפֿטמאָל אין זיך געהאַט מער סיסטעם און מער עקזאַקטקײַט, פֿונדעסטוועגן האָט דער פֿאַרגעניגן פֿון לערנען ווײַט ניט געקענט זיך פֿאַרגלײַכן צו דער הנאה, וואָס מען האָט אַרויסגעקראָגן פֿון ענטינס ליטעראַטור־קורס. ס׳איז געווען אַן אַנדערער קלימאַט און אַן אַנדערע תּורה. י. ענטין איז געווען אַ לערער בחסד עליון — מ׳האָט פֿון אים גע־לערנט זייער אַ סך, אַפֿילו פֿון זײַנע אומדירעקטע באַמערקונגען.

עס געדענקט זיך, ווי יעדעס מאָל בײַם סוף פֿון לערן־יאָר, ערבֿ די זומער־וואַקאַציעס, פֿלעגט יואל ענטין געבן די סטודענטן לאַנגע רשימות פֿון ביכער, וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט דורכלייענען אין משך פֿונם זומער. ניט איין מאָל האָט זיך געוואָלט באַמערקן, אַז עס וועט אויסקומען אין דער וואַקאַציע־צײַט צו שטודירן באַדײַטנדיק מער ווי אין מיטן לערניאָר. אָבער ער האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַן פּרינציפּ, אַז די בעסטע פֿאַרווײַלונג איז צו לערנען. דערבײַ פֿלעגט ער דערציילן פֿון זײַן אייגענער דערפֿאַרונג, אַז בײַם סוף פֿון לעצטן יאָרהונדערט, בעת ער פֿלעגט אין די גרויסע היצן זיך אַראָפּכאַפּן אין די זומער־פּלעצער אַרום ניו־יאָרק, איז זײַן גרעסטער פֿאַרגעניגן באַשטאַנען פֿון קוויקן זיך מיט פּרצעס „יום־טובֿ בלעטער״, וואָס פֿלעגן דעמאָלט פֿון צײַט צו צײַט

אַנקומען פֿון פּוילן. ניט איין מאָל פֿלעגט ער אין אַזעלכע מאָמענטן באַטראַכטן מיט רחמנות־געפֿילן די „אַלרײַטניקעס", וואָס פּטרן נעבעך זייערע וואַקאַציעס מיט קאָרטן־שפּילן אָדער מיט אַנדערע ענלעכע נאַרישקײַטן.

אין ייִדישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק איז יואל ענטין, דער פּרעזידענט פֿון סעמינאַר, געווען אַרומגערינגלט מיטן טיפֿסטן רעספּעקט סײַ מצד די סעמינאַריסטן און סײַ מצד די לערער, וועלכע זײַנען באַשטאַנען פֿון די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקײַטן פֿון דער ייִדישער קולטור־וועלט. ד״ר יהודה קויפֿמאַן, דער דירעקטאָר פֿון סעמינאַר, פֿלעגט אַלעמאָל, בײַ יעדן סעמינאַר־יום־טובֿ, אים פֿאָרשטעלן מיט גרויס דרך־ארץ ווי דעם תּלמיד־חכם יואל ענטין, וועלכער האָט תּמיד געהאַט גרייט אויף די ליפּן דאָס טיפֿע, אינהאַלטסרײַכע וואָרט מעניינא דיומא, וואָס האָט אַלעמען אַרײַנגעבראַכט אין דער ערנסטער יום־טובֿדיקער שטימונג.

ווי באַקאַנט, איז יואל ענטין, לויט זײַנע איבערצײַגונגען, טאַקע געווען אַ ייִד אַ „ראַדיקאַל". מיר אָבער, אין סעמינאַר, האָבן אים געקענט דווקא ווי אַ מענטש באַלאָדן מיט אַ סך „מצוות". בײַ יעדער געלעגנהײַט האָט ער צו אונדז גערעדט וועגן פֿליכטן, וועגן אַ וויכטיקן עול, וועגן מאָראַלער אַחריות. אָן אַזעלכע פֿליכטן, איז דער מענטש בײַ אים אויסגעקומען פּשוט ווי אַ הפֿקר־יונג. בײַ אונדז, צוקונפֿטיקע ייִדישע לערערס, האָט ער אָפּט געוועקט דאָס מאָראַלע געוויסן צו דער הייליקער אויפֿגאַבע פֿון ייִדישער דערציאונג. ער האָט געפֿאָדערט פֿון אונדז מאַקסימום אידעאַליזם. ער האָט זייער ניט געהאַלטן פֿון יענע לערערס, וואָס בײַ זיי איז די לערער־שטעלע בלויז אַ „קרדום לחפור בה". בײַ אים האָט אַ לערער געדאַרפֿט זײַן כּולו רוחניות, כּולו אידעאַל.

ענלעכע שטרענגע פֿאָדערונגען האָט ער אויך געשטעלט צו די לערערס פֿון די פֿאָלקשולן, בעת זײַנע אינספּעקציעס ווי שול־דירעקטאָר. ער פֿלעגט אָפּזיצן בײַ אַ לערער אין קלאַס־צימער 3־4 שעה נאָכאַנאַנד, אַ קלאַס קינדער האָבן פֿאַרענדיקט דאָס לערנען און אַן אַנדערער קלאַס איז אַרײַנגעקומען, אָבער ענטין איז נאָך אַלץ געדולדיק געזעסן און האָט זיך צו אַלץ צוגעקוקט און צוגעהערט. ער איז געווען אַ זעלטענער באַאָבאַכטער. נאָך דער אינספּעקציע פֿלעגט ער געוויינטלעך האָבן מיטן לערער אַ לענגערן שמועס און זיך באַריכות מיט אים דורכריידן אי מילד און אי שטרענג. בכל־אופֿן, האָט ער בײַ די לערערס צו זיך אַרויס־

גערופֿן צוליב דער אידעאַליסטישער באַציאונג אַליין גרויס יראת־הכּבֿוד, און זײַנע קריטישע באַמערקונגען זײַנען קיינמאָל ניט געגאַנגען לאיבוד . . .

פֿאַקטיש האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שטרענגער יואל ענטין איז געווען ווי אַ וואַרעמער טאַטע סײַ צו די סעמינאַריסטן, וואָס האָבן זיך ערשט געגרייט צו ווערן לערערס, און סײַ צו די לערערס, וועלכע האָבן שוין פֿאַרנומען פֿאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס בײַ דער מלאכת־הקודש פֿון די ייִדישע פֿאָלקסשולן. כּבֿוד זײַן הייליקן אָנדענק! ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳.

פֿישל הערשטיין

(„דאָס ייִדישע וואָרט״, וויניפּעג, אַפּריל 3, 1959)

ג) א. ש. זאַקס — דער לערער און חבֿר

ווי אייניקע אַנדערע לערער אין ייִדישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק איז א. ש. זאַקס פֿאַר אונדז, סעמינאַריסטן, געווען עפּעס מער ווי אַ לערער: ער איז געווען אויך אונדזערס אַ גוטער חבֿר. אויב דער אידעאַל פֿונם מאָדערנעם לערער איז אָפּצושאַפֿן די מחיצה, וואָס טיילט אים אָפּ פֿון זײַנע תלמידים, האָט זיך דאָס חבֿר זאַקסן גוט אײַנגעגעבן.

קודם־כּל, האָט חבֿר זאַקס זייער אָפּגעשאַצט די מכלומרשטע „קרבנות״, וואָס די סעמינאַריסטן פֿלעגן ברענגען פֿאַרן ביסל תּורה: כּמעט אַלע סעמינאַריסטן פֿלעגן אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן אין די פֿאַבריקן, און לערנען דרײַ שעה יעדן אָוונט נאָך אַ ניו־יאָרקער טאָג אַרבעט, איז טאַקע געווען גאַנץ שווערלעך. פֿלעגט דערפֿאַר חבֿר זאַקס זיך תּמיד באַציִען מיט אײַנזעעניש און טיפֿן רעספּעקט צו זײַנע תלמידים.

והשנית, האָט חבֿר זאַקס ניט איבערגענומען פֿון די דורכשניט־לעכע אַמעריקאַנער אַקאַדעמיקערס די טבֿע אָנצוואַרפֿן אויף זייערע סטודענטן אַ מורא פֿאַרן געגעבענעם לימוד. אדרבא, ער פֿלעגט אָפֿט אויף אַן אינטערעסאַנטן אופֿן אונדז דערמוטיקן מיטצוגיין מיט אים אין די טיפֿסטע ווינקלען פֿון מענטשלעכן געדאַנק. פֿלעגן מיר טאַקע אַוועק־גיין פֿון זײַנס אַ לעקציע, אַפֿילו אַ שווערע, למשל: וועגן פֿיכטען אָדער העגעלן, גאַנץ קלאָר, פּונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ געוויינטלעכער טאָג־פֿראַגע.

אויך פֿלעגט חבֿר זאַקס אויסמײַדן פֿון באַנוצן זיך צו־אָפֿט מיט

וויסנשאַפֿטלעכע טערמינאָלאָגיעס. נאָר אויב ער האָט אונדז שוין יאָ גע־דאַרפֿט געבן אַ וויסנשאַפֿטלעכן טערמין, האָט ער געזען פֿריער אים גוט קלאָר צו מאַכן — ער איז, אַגבֿ, געווען פֿון דער נאַטור אַ גוטער מסביר. בכלל האָט ער ניט געוואָלט מאַכן אויף אונדז, סעמינאַריסטן, דעם איינ־דרוק פֿון דעם גרויסן געלערנטן, פֿאַר וועמען עס דאַרף ציטערן יעדער אבֿר, איידער מ׳וויל אים עפּעס פֿרעגן אָדער דיסקוטירן מיט אים אַ פּונקט. ער האָט אונדז אויף אַן אומדירעקטן אופֿן ניט איינמאָל געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ער איז אַן „אונדזעריקער״ אין פֿולן זין פֿון וואָרט און מיר קענען זיך פֿילן גאַנץ פֿריי אין זיין געזעלשאַפֿט. פֿלעגן טאַקע זיינע לעקציעס דערפֿאַר כמעט שטענדיק באַגלייט ווערן מיט לעבעדיקע דיס־קוסיעס מצד די סעמינאַריסטן.

חבֿר זאַקס האָט, ווי באַוואוסט, ליב געהאַט, אין ריידן ווי אין שרייבן, איבערצוחזרן איין ענין אַ סך מאָל און אָפֿטמאָל אַפֿילו אָנצו־געבן די זעלביקע ביישפּילן. פֿלעגט עס מיך אָפֿט וואונדערן. ווייל פֿון קאָמפּאָזיציע־שטאַנדפּונקט ווערט דאָס געוויינטלעך באַטראַכט ווי אַ חסרון. אָבער יאָרן שפּעטער, נאָכדעם ווי איך זעלבסט האָב שוין גע־האַט גענוג דערפֿאַרונג מיט קינדער־קלאַסן און לייענער רעפֿעראַטן פֿאַר דערוואַקסענע, האָב איך אָנגעהויבן איינצוזען, ווי נייטיק עס איז אינם לערן־פּראָצעס דאָס אָפֿטע איבערחזרן אַן ענין, מחמת דער מענטש־לעכער מוח איז ניט אַלעמאָל פֿלינק גענוג אויף אויפֿצוכאַפּן מיטן ערשטן מאָל אַ נייעם געדאַנק אין זיין פֿולער גאַנצקייט.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דער זעלבער זאַקס, וועלכער פֿלעגט ביים דערקלערן אַן ענין ניט שפּאָרן קיין ווערטער און איבערחזרונגען, איז אָבער געווען אַ גרויסער מקפּיד אויף קורצקייט, אויף צמצום, בעת דער סטודענט האָט אים געדאַרפֿט ענטפֿערן אויף אַ פֿראַגע וועגן אַן ענין, וואָס מ׳האָט שוין געהאַט אָפּגעלערנט. ווייל קוים איז דער ענין שוין אַ פֿאַרשטאַנענער, אַן אויסגעלערנטער, טאָר מען זיך מער ניט וואַרפֿן מיט קיין איבעריקע ווערטער. אַזוי, למשל, האָט ביים ענטפֿערן אויף זאַקסעס אַן עקזאַמען, בעל־פּה אָדער שריפֿטלעך, גאָר ווינציק גע־האָלפֿן דאָס זיין באַלאָדן מיט „שווערע קאַנאָנען״ פֿון מליצה־שפּראַך אָדער „קליגערישע״ אַרגומענטן... ווייל פּונקט ווי ביים אויפֿקלערן אַן ענין איז חבֿר זאַקס געווען מילד אין רייד, האָט ער אָבער ביים רעזו־מירן שוין אַן אויפֿגעקלערטן ענין געהאַלטן פֿון אַן אַנדערן פּעדאַ־גאָגישן כּלל, אַז דעם רייכסטן געדאַנק, אויב ער איז נאָר גענוג קלאָר,

דאַרף מען קענען איבערגעבן אין געציילטע ווערטער, און אַז, פֿאַרקערט, גאַנצע הויפֿנס רייד קענען אַמאָל זײַן געדאַנקענלאָז, אויב עס פֿעלט אין זיי קלאָרקײַט. אין שײַכות דערמיט וואָלט מען אויך געקענט צורעכענען חבֿר זאַקסעס נייגונג צו סכעמאַטיזירן גאַנצע אָפּהאַנדלונגען, און האַלטן שטאַרק פֿון דעפֿיניציעס, אַזוי אַז דער קאָמפּליצירטסטער ענין ווערט בײַ אים רעדוצירט צו אַ „פֿאָרמול״.

חבֿר זאַקס, האַבנדיק אַזאַ אידעאַלן צוגאַנג צו אונדז סעמינאַריסטן, סײַ ווי אַ חבֿר און סײַ ווי אַ לערער, וואָלט זיכער געוועןגעקענט אויסאיבן אויף אונדז, אויף אַ דירעקטן אופֿן, אַ געוואַלטיקע השפּעה. נאָר דאָ ווײַזט זיך ווידעראַמאָל אַרויס זײַן דרך־ארץ פֿאַר זײַנע תּלמידים. מיר האָבן ניט איין מאָל געקענט באַמערקן, ווי חבֿר זאַקס פֿלעגט זיך ממש אויסהיטן פֿון וועלן אויף אונדז משפּיע זײַן צו שטאַרק מיט זײַן אייגענער פּערזענלעכקײַט. ער האָט, ווײַזט אויס, געהאַט גענוג צוטרוי צו אונדז, דערוואַקסענע סטודענטן זײַנע, און האָט זיך ניט געוואָלט דירעקט אַרײַנמישן אין אונדזער פּערזענלעכן בליק אויף די פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. ער האָט הפּנים בפּועל־ממש געגלויבט, אַז מיט דער הילף פֿון אונדזער אייגענער אינטעליגענץ וועט יעדער פֿון אונדז אַליין געפֿינען אַן ענטפֿער אויף די דאָזיקע פּראָבלעמען. אין פֿיל אוניווערסיטעטן איבערן לאַנד טרעפֿט מען אָפֿט, ווי באַקאַנט, פּראָפֿעסאָרן, וועלכע ניצן־אויס יעדע געלעגנהײַט כדי צו ווערן בײַ זייערע סטודענטן דער „גײַסטיקער העלד״, די „צויבער־קראַפֿט״, דער „אידעאַלער אויבער־מענטש״... אָבער חבֿר זאַקס האָט, זעט אויס, געהאַלטן פֿאַר אַן עוולה צום אידעאַל פֿון פּערזענלעכער פֿרײַהײַט צו האַלטן יונגע מענטשן „פֿאַרכישופֿט״...

חבֿר זאַקס האָט דערפֿאַר אונדז קיינמאָל ניט געוואָלט אָנצייכענען דעם וועג, אויף וועלכן מיר זאָלן גיין שפּעטער, נאָכדעם ווי מיר וועלן האָבן פֿאַרענדיקט דעם סעמינאַר־קורס. פֿונדעסטוועגן בין איך זיכער, אַז בײַ דער גאַנצער אָפּגעהיטקײַט מצד חבֿר זאַקסן ניט צו וועלן „געווינען אונדזערע הערצער״, זײַנען מיר, זײַנע תּלמידים, אומדירעקט שטאַרק באַאײַנפֿלוסט געוואָרן פֿון זײַן מאַרקסיסטישער „וועלט־אַנשויאונג״ און פֿון זײַנע סימפּאַטיעס און ליבע צו די קעמפֿער פֿאַר אַ גערעכטער וועלט־אָרדענונג. און וואָס מיר געפֿינען זיך איצטער, ווער ווי אַ לערער אין די ייִדישע שולן און ווער ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער, באַטראַכטן מיר, חבֿר זאַקסעס תּלמידים, דעם סאָציאַליסטישן

אידעאַל, וואָס איז זאַקסעס אידעאַל געווען אַלעמאָל, פֿאַר דער נשמה, פֿאַר דעם ענדציל, פֿון אונדזער גאַנצער טעטיקייט.

* * *

עס איז כדאי צו פֿאַרענדיקן מיט אַ פֿאַל, וואָס איז ביז גאַר כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער איידעלער הומאַניסטישער פערזענלעכקייט פֿון א. ש. זאַקס.

בעת איך בין שפּעטער, אין די פֿריִע 30ער יאָרן, געווען דער לערער פֿון דער שלום־עליכם שול 13 אין ברוקלין, האָט דער שול־פֿאַרזיצער ס. דינגאָל, דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פֿון „טאָג״, פֿאַרבעטן זאַקסן, וועלכער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין יענער צײַטונג, אַז ער זאָל האַלטן אין דער דערמאָנטער שול אַ לעקציע, ווי עס איז דעמאָלט געווען דער אײַנפֿיר אין כמעט יעדער ייִדיש־וועלטלעכער שול דורכצופֿירן פֿון צײַט צו צײַט רעפֿעראַטן און ליטעראַרישע אָוונטן.

צו דער לעקציע איז געקומען גאַר אַ גרויסער עולם. א. ש. זאַקס איז דעמאָלט געווען באַרימט ווי אַן אויטאָריטעט אויף נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכע טעמעס, וואָס פֿלעגן צוציען אַ פֿאַראינטערעסירטן אינטעליגענטן עולם.

כאָטש עס איז געווען אײַנטריט־געלט צו דער לעקציע, האָט חבֿר זאַקס קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט פֿון קריגן פֿאַר דער לעקציע באַצאָלט. מחמת זײַן פּרינציפּ איז געווען: „אין אַ שול, וואו מײַנס אַ געוועזענער תּלמיד איז דער לערער, נעם איך ניט בײַ יענער שול קיין געלט פֿאַר לעקציעס״. — איז דאָס ניט געווען קיין פֿײַנע האַנדלונג?

פּ. הערשטיין

דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אינעם בוך „שטודיעס אין סאָציאַלער וויסנשאַפֿט״, אַרויסגעגעבן פֿון א. ש. זאַקס יובילײ־קאָמיטעט, פֿאַרלאַג „ייִדישער לערער־סעמינאַר״, ניו־יאָרק, 1930, לכּבֿוד דעם פֿופֿציקסטן געבורטס־טאָג פֿון א. ש. זאַקס (רעדאַגירט פֿון ב. צ. גאָלדבערג, אויך זייער אַ וויכטיקער לערער אין סעמינאַר).

ד) שמואל ניגער ע״ה

(אַ פּאָר ווערטער פון אַ תלמיד צו די שלושים פונם נפטר)

מיט דער פּטירה פון ש. ניגער האָט די נײַ־ייִדישע ליטעראַטור פאַרלאָרן אַ גרויסן ריזיקן כּוח, וועלכער האָט געהאָלפן הויך האַלטן די פאָן פון ייִדיש־קינסטלערישן שאַפן אין אונדזער צײַט.

ש. ניגערס גרויסקײַט איז באַשטאַנען ניט בלויז אין דעם, וואָס ער איז ווי אונדזער ליטעראַטור־קריטיקער פאַר־עקסעלאַנס כּסדר געשטאַנען אויף דער וואַך פון די נײַ־דערשינענע ווערק איבער דער גאַנצער וועלט און זיי אויסגעטײַטשט און זיי צוגעטראָגן צום לייענער. ער איז פון זינט זײַן באַווײַזן זיך אויף דער ליטעראַרישער אַרענע בײַ אונדז ביז דער לעצטער מינוט פון זײַן לעבן געווען אונדזער גרויסער לערער. מיטן כּוח פון זײַן שעפערישער פּען און זײַן וואונדערבאַרן כּוח־ההסברה האָט ער מיט צוויי דורות ייִדן געקנעלט הלכות „ליטעראַטור". די ייִדישע אינטעליגענץ פון אונדזער צײַט איז אין איר גרעסטער מאַיאָריטעט ניט געווען קיין פּראָדוקטן פון נאָרמאַלע סטודענטן־יאָרן אין קאָלעדזשעס אָדער אוניווערסיטעטן. די ייִדישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט באַפרוכפּערט אונדזער געזעלשאַפטלעך־קולטורעל לעבן פאַר די לעצטע פופציק יאָר און איז געווען רײַך מיט אידייען און געדאַנקען אויף אַלע געביטן פון לעבן, איז אין תוך געווען אַ פּראָדוקט פון דער נײַער ליטעראַטור אין אונדזערעביידע לשונות.

די ייִדיש־העברעישע ליטעראַטור און די ייִדיש־העברעישע פּרעסע זײַנען געווען אונדזערע שולן אין משך פון צוויי דורות, און די הונדערטער טויזנטער לייענערס זייערע איבער אַלע וועלט־טיילן זײַנען געווען די סטודענטן, זאָל זײַן ווי סטודענטן פון „קאָרעספּאָנדענץ־קורסן", וועלכע האָבן ניט אויפגעהערט צו לערנען און אײַנצוזאַפּן אין זיך וואָס מער וויסן און אינטעליגענץ כּדי בעסער און גרינטלעכער צו פאַרשטיין די וועלט, אין וועלכער מיר לעבן. די ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן זײַנען געווען די לערער און פּראָפעסאָרן, וועלכע האָבן געוועקט אונדזערע פעיִקײַטן צו פאַרשטיין און אָפּצושאַצן די קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונגען אַרום אונדז. אַנדערש איז שווער צו דערקלערן די גרויסע רעטעניש, וואָס אין משך פון אַזאַ קורצער היסטאָרישער תקופה זײַנען בײַ אונדז נעכטיקע ישיבֿה־בחורים, אמתע „באַנק־קוועטשערס", און קליין־שטעטלדיקע באַלעבאַטישע טעכטער,

און אַפֿילו איינפֿאַכע דינסט־מיידלעך און שנײַדער־יונגען, אַריבער־געגאַנגען פֿון אַן אָפּגעגרענעצטן „תחום־המושבֿ" אין אַן אויסגע־ברייטערטער וועלט־ספֿערע מיט ברייטע האָריזאָנטן פֿון „איירא־פּעישקייט" און מאָדערנע קולטור־באַגריפֿן. אָט אין דעם ליגט אין אַ גרויסער מאָס די באַזונדערע היסטאָרישע שליחות, וואָס די נײַע ייִדיש־העבֿרעישע ליטעראַטור און פּרעסע האָבן דורכגעפֿירט אין ייִדישן לעבן.

צווישן דער גרויסער צאָל ייִדישע שרײַבער, גײַסטיקע וועגווײַזער און דענקער, וואָס האָבן בפֿועל־ממש בײַגעטראָגן צום דאָזיקן פּראָצעס פֿון גײַסטיקער „עלייה" בײַ אונדז, האָט ש. ניגער אָן־צווייפֿל פֿאַרנומען זייער אַן אָנגעזעען פּלאַץ. מיט זײַנע צאָלרײַכע אַרטיקלען, עסייען און ביכער וועגן שרײַבער און זייערע שאַפֿונגען האָט ער אונדז געלערנט ווי אַזוי אויפֿצונעמען אַ ליטעראַריש ווערק, ווי אַזוי אָפּצושאַצן עסטעטישע און עטישע ווערטן אין ליטעראַטור, און ווי אַזוי צו פֿאַר־שטיין אַ שרײַבער.

ש. ניגערס ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנדלונגען האָבן ניט נאָר גע־לערנט און אָנגעוויזן דעם שרײַבער, דעם פּאָעט, דעם וואָרט־קינסט־לער, ווי אַזוי צו ראַפֿינירן, צו דערהייבן זײַן שעפֿערישע קונסט צו העכערע מדרגות; אונטער דער השפּעה פֿון ניגערס אַנאַליז, פֿון זײַן אויפֿקלערן אַ ווערק, האָבן אויך מיר, די אײַנפֿאַכע לייענער, אָנגעהויבן צו וואַקסן גײַסטיק, צו אַנטוויקלען אין זיך אַ חוש, אַ געשמאַק, פֿאַר עכטער ליטעראַרישער שיינקייט. עס דאַכט זיך, אַז מיר וואָלטן קיינ־מאָל ניט געוועזן געקענט אַזוי אָפּשאַצן דעם ליטעראַרישן און קולטור־היסטאָרישן ווערט פֿון אַן אײַזיק מאיר דיק, פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים, שלום־עליכם, פּרץ, אַש, נאָמבערג, לייוויק, און דער גאַנצער פּלעיאַדע פֿון אונדזער נאָר־וואָס דורכגעלעבטן גײַסטיק־שעפֿערישן רענעסאַנס, אָן דער אינטערפּרעטאַציע, אָן דעם פּירוש פֿונם גרויסן, פֿעיִקן פּעדאַ־גאָג ש. ניגער. אַדאַנק זײַן אייגנאַרטיקן קלאָרן סטיל, וואָס האָט זיך דערמיט אַליין פֿאַרגעשטעלט ווי אַ קרעאַטיוון „מעין־המתגבר", האָט ער אונדז געקענט מיטפֿירן אויף זײַנע ליטעראַרישע נסיעות און פֿאַר אונדז אַנטפּלעקן אַזוי פֿיל שיינקייט, אַזוי פֿיל נאַטירלעכקייט, און אַזוי פֿיל אינ־האַלט. ער איז געוועזן פֿאַר אונדז אַ מאָדערנער רש"י, וואָס האָט אונדז פֿאַרטײַטשט און מסביר געווען אַ קאַפּיטל ייִדישע ליטעראַטור, און האָט אונדז געעפֿנט די אויגן, כדי מיר זאָלן פֿאַרשטיין אַ נײַעם שרײַבער, אַ נײַ־דערשינען ווערק.

אמת, שמואל ניגער איז געווען אַ מענטש פֿון טיפֿער ערודיציע, פֿון בקיאות און חריפֿות, אָבער אין דער זעלבער צײַט איז ער אויך געווען באַשאַנקען מיט אַן אייגנאַרטיקן טאַלאַנט קלאָר צו מאַכן די האַרבסטע סוגיא, דעם קאָמפּליצירטסטן ענין, מיט איין טרעפֿלעכן אויסדרוק, מיט איין געלונגענעם זאַץ. דערפֿאַר איז ער אפֿשר געווען אַ מקפּיד אויף צמצום בײַם וואָרט־קינסטלער. ער האָט, אַגבֿ, פֿאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפֿטן פֿון אַן אויסגעצייכנטן לערער אויפֿצוקלערן און באַליבט צו מאַכן בײַם תּלמיד (בײַם לייענער) דעם באַטרעפֿנדיקן ענין. דערויף קענען באַזונדערס עדות זאָגן די צאָלרײַכע תּלמידים זײַנע אין ייִדישן לערער־סעמינאַר, אין ניו־יאָרק, וואו ש. ניגער איז געווען דער לערער פֿון ייִדישער ליטעראַטור כמעט פֿון ערשטן טאָג אָן, זינט ער איז געקומען קיין אַמעריקע. דער שרײַבער פֿון די שורות האָט געהאַט די זכיה צו זײַן איינער פֿון זײַנע תּלמידים. ווען איך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן יענע אוונטן פֿון גײַסטיקער התרוממות, וואָס האָט אונדז סעמינאַריסטן אַרומגענומען, בעת ש. ניגער פֿלעגט פֿאַר אונדז האַלטן זײַנע לעקציעס וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון דער השׂכּלה־צײַט. ס׳איז נאָך געווען איידער, עס איז צו אונדז אָנגעקומען זלמן רייזענס „פֿון מענדעלסאָן ביז מענדעלי״, און אוודאי נאָך איידער עס זײַנען דערשינען מאַקס עריקס „די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור״ און מאַקס ווײַנרײַכס „בילדער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע״.

אין יענער צײַט, אין די אָנפֿאַנגער צוואַנציקער יאָרן, איז נאָך די ייִדישע ליטעראַטור פֿון דער השׂכּלה־עפּאָכע ניט געווען גענוג אויסגעפֿאָרשט. זײַנען ניגערס אינטערעסאַנטע לעקציעס געווען פֿאַר אונדז אַ נײַ־אַנטפּלעקטע וועלט. ווײַל ניט נאָר איז דער קורס באַשטאַנען פֿון קולטור־געשיכטלעכע באַלײַכטונגען און ליטעראַרישע טעאָריעס, נאָר טאַקע פֿון דירעקטע פֿראַגמענטן און אויסצוגן פֿון אַזעלכע ווערק ווי: „סערקעלע״ פֿון ד״ר שלמה עטינגער; „די הפֿקר וועלט״ פֿון יצחק־בער לעווינסאָן; „דאָס שטערנטיכל״ פֿון י. אַקסענפֿעלד, אָדער די מעשׂיות פֿון ר׳ נחמן בראַצלעווער, צי מענדל לעפין סאַטאַנאָווערס תּנ״ך־איבערזעצונגען.

מיר סעמינאַריסטן זײַנען געווען דורכגעדרונגען מיט דרך־ארץ און שטאָלץ, וואָס דער גרעסטער אויטאָריטעט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור טיילט זיך מיט אונדז זײַנע וויכטיקע מיינונגען און טעאָריעס, נאָך איידער זיי זײַנען ערגעץ־וואו פֿון אים געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט

געוואָרן: און אַלץ איז בײַ אים אַרויסגעקומען אַזוי קלאָר, פֿאַרשטענדלעך און נאָענט! אָט־די קלאָרקײַט, פֿאַרשטענדלעכקײַט און נאָענטקײַט האָט דער שרײַבער פֿון די שורות געקענט פֿאַרנעמען פֿון ניגערס אַלע שאַפֿונגען, די ליטעראַריש־קריטישע ווי די פּובליציסטישע אַרבעטן, ווי אויך פֿון זײַנע באַלערנדיקע לעקציעס בעל־פּה.

עס ווילט זיך אַגבֿ באַמערקן: בעת ש. ניגער איז אַמאָל געווען אויף אַ לעקציע־טור אין וויניפּעג, האָט ער באַזוכט כמעט אַלע דאָרטיקע ייִדישע דערציאונגס־אינסטיטוציעס. ווען ער איז אַרײַנגעקומען צו מיר אין קלאַס (דאַכט זיך: קלאַס ה׳ טאָגשול), האָבן די קינדער געהאַלטן אין מיטן לייענען „לשון וספר״ (חלק ב׳) און האָבן פֿאַרטײַטשט זאַץ נאָך זאַץ אין אַ גוטן ייִדיש.

נאָכדעם ווי די קינדער האָבן פֿאַרלאָזט דאָס קלאַס־צימער, האָט ש. ניגער צו מיר געזאָגט: „חבֿר הערשטיין, זאָל אײַך ניט אײַנפֿאַלן, אַז די תּלמידים פֿון העברעישע שולן קענען מער העברעיש איידער די תּלמידים פֿון אײַער קלאַס״.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך דערפֿון געפֿילט זייער גע־שמייכלט . . .

* * *

יאָ, מיט ש. ניגערס פּטירה האָבן מיר אַלע פֿאַרלאָרן גאָר אַ גרויסן לערער. חבֿל על דאבֿדין ולא משתּכחין! יהי זכרו ברוך!

(„דאָס ייִדישע וואָרט״, יאַנואַר 27, 1956)

נ.ב. — בעת ש. ניגער איז אין אָקטאָבער, 1927, געווען אויף אַ לעקציע־טור אין וויניפּעג, האָט ער געפֿונען צײַט צו באַזוכן די דאָרטיקע ייִדישע דערציאונגס־אינסטיטוציעס. נאָך זײַן באַזוך בײַ די פֿאַרשיידענע צווײַגן פֿון דער גרויסער פּרץ־שול (קינדערגאָרטן, טאָגשול, אָוונט־קלאַסן און מיטלשול) האָט ער אינם ספּעציעלן „שולבוך פֿאַר געסט״ אַרײַנגעשריבן די פֿאָלגנדיקע ווערטער:

„איך בין אײַך מקנא, חבֿרים לערער און לערערינס, איר פֿאַרשרײַבט אײַערע נעמען און אײַער אויפֿטו — ניט אויף פּאַפּיר, נאָר אין די מוחות און הערצער פֿון די קינדער. איר פֿלעכט אַרײַן אײַער לעבן אין דער קייט פֿון די קומענדיקע דורות. איר טוט די גרעסטע און פֿרוכט־באַרסטע אַרבעט. מײַן טיפֿסטן דרך־ארץ פֿאַר אײַך!״

דעם 25סטן אָקטאָבער, 1927. ש. ניגער

ה) חיים שויס — דער לערער און היסטאָריקער
(אַ פּאַרשפּעקטיקטער נעקראָלאָג נאָך אַ רבין און ליבן חבר)

דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער חיים שויס ע״ה איז געווען אַ ייִד אַ למדן, מלא וגדוש מיט ייִדישן וויסן. דער שרײַבער פון די שורות האָט געהאַט די זכיה צו טרינקען פונם נפטרס תורה־קוואַלן אין משך פון דרײַ יאָר צײַט, מיט העכער 30 יאָר צוריק, ווי אַ סטודענט אין ייִדישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק. דאָס איז געווען דער פּעריאָד פון חיים שויסעס התגלות ווי אַ ייִדישער געלערנטער. ער איז דעמאָלט געווען דער לערער פון ייִדישער געשיכטע און תנ״ך אין יענעם העכערן לערן־אַנשטאַלט פון דער ניו־יאָרקער איסט־סײַד, דעם „בית־מדרש למורים״, וואָס איז אונטער דער גײַסטיקער פירערשאַפט פונם מלומד ד״ר יהודה קויפמאַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן מקום־תורה פאַר דער ראַדיקאַלער ייִדישער אינטעליגענץ.

דער גרעסטער טייל פון די סעמינאַריסטן אין יענע יאָרן איז באַשטאַנען פון געוועזענע בית־מדרשניקעס און ישיבה־בחורים, וועלכע האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון דעם „אהלו של יעקב״ אַ ליבע צו תורה און אַ דאָרשט נאָך וויסן. באַזונדערס האָט זיך דער דאָזיקער סטודענטן־עלעמענט געגוויטיקט אין אַזאַ תורה, וואָס זאָל אים גײַסטיק שטאַרקן און דערהייבן און ממילא אים צוריק אַרויפפירן אויפן דרך־הישר פון ייִדיש דענקען און ייִדיש פילן — פון אהבת־ישראל. דער סקעפּטיציזם פונם „שטורעם־און־דראַנג״ פּעריאָד פון איין זײַט, און די דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אויף דער יוגנט בכלל — פון דער צווייטער זײַט, האָבן געהאַט צעטרייסלט בײַ דער יוגנט פון יענעם דור די רעספּעקט־ און פּיעטעט־באַציאונג צו אַלע גײַסטיקע ייִדישע ווערטן פון פריער און זיי געמאַכט פאַר „תועים בדרכי החיים״... חיים שויס ע״ה, מיט זײַן פרײַען וועלטלעכן צוגאַנג צו ייִדישער געשיכטע און מיט זײַן ראַציאָנאַליסטישער אויסטײַטשונג פון די שווערסטע שטעלן אין תנ״ך, האָט זיכער פיל בײַגעטראָגן צום באַנײַטן אינטערעס בײַ די דאָזיקע סטודענטן צו דער ייִדישער פאַרגאַנגענהײַט און צו ייִדישער אָריגינעלער שאַפונג.

חיים שויס איז געווען פון די ערשטע היסטאָריקערס בײַ אונדז נאַציאָנאַלע ייִדן, וואָס האָבן אַרײַנגעבראַכט אין ייִדישער געשיכטע דעם גײַסט פון פרײַער פאָרשונג. די ייִדישע היסטאָריקערס אַפילו פון דער

„קלאַסישער" עפּאָכע, ווי: צונץ, גייגער, קראָכמאַל און גרעץ, האָבן בײַ זייער גאַנצער רעוואָלוציאָנערישקייט פֿון דער השׂכּלה־צײַט ניט געוואָלט איבעררײַסן אינגאַנצן מיטן טראַדיציאָנעלן צוגאַנג צו ייִדישער געשיכטע. כּדי אָפּצואווײַכן אַפילו אַ קוצו של יוד פֿון די אָנגענומענע נאָרמעס האָבן די היסטאָריקערס פֿון דער דאָזיקער שול, מיט אַ באַזונ־דערער פֿאָרזיכטיקייט געמאָסטן און אָפּגעשאָצט פֿריִער די אומצו־פֿרידענע סענטימענטן, וואָס יעדער שינוי, יעדע ענדערונג, אין אינטער־פּרעטירן ייִדישע געשיכטע איז עלול אַרויסצורופֿן בײַם טראַדיציאָנעלן קאָנסערוואַטיוון עלעמענט. און אויב זיי האָבן אַמאָל געוואַגט אָנצו־נעמען אַ נײַע טעאָריע, האָבן זיי פֿריִער אויסגעזוכט אַלערליי טעמים כּדי זי אָפּצולאָגעטיש צו באַרעכטיקן, אַזוי ווי דאָס אַרײַנברענגען עפּעס נײַעס אויפֿן געביט פֿון דענקען און פֿאָרשן וואָלט ניט געווען אין פֿולן הסכּם מיט דער ייִדישער מסורה.

חיים שויס אָבער, הגם אַליין אַ פּראָדוקט פֿון דער טראַדיציאָנעל־ייִדישער סבֿיבֿה, מיט טיפֿע השפּעות פֿון חדר, ישיבֿה און פֿרומער ייִדישקייט, האָט זיך נאָך גאַנץ יונג דערנענטערט צו דער סאַמע ראַדי־קאַלסטער ריכטונג פֿון די דײַטשע ביבל־פֿאָרשערס און פֿון זיי איבער־גענומען דעם נײַעם צוגאַנג צו דער ביבלישער עפּאָכע פֿון דער ייִדישער געשיכטע אין ליכט פֿון די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען און ווּיסנשאַפֿטלעכע אויספֿאָרשונגען. פֿאַר חיים שויסן זײַנען, אַשטייגער, די טעאָריעס פֿון וועלהויזען, גונקל, בענצינגער, קאָרניל, קיטעל, קענט, דעליטש, און אַנדערע טעאָלאָגן, פֿילאָלאָגן און געשיכטע־פֿאָרשערס, געווען אַזוי לאָגיש און איבערצײַגנדיק, אַז ער האָט זיי אָנגענומען אָן שום מורא און אָן שום רעזערוואַציעס. ווײַל, וואָלט מען זיי ניט אָנגענומען, וואָלטן, לויט שויסעס מיינונג, גאַנצע טיילן פֿון תּנ"ך געבליבן אומפֿאַרשטענדלעך און זייער אָפֿט פֿול מיט סתּירות. אַזוי, למשל, איז בײַ שויסן רעכט געווען אָנצונעמען די טעאָריע, אַז כּמעט דער גאַנצער חומש, מיטן אויסנאַם פֿון גאָר אַלטע פֿראַגמענטן אין אים, איז אַ פּראָ־דוקט פֿון דער שפּעטערער אינטענסיווער נבֿיאים־אַקטיוויטעט בײַם סוף פֿון דער ייִדישער מלוכה, און ניט פֿאַרקערט.

אַזוי, אַז דער גרעסטער טייל פֿון דער סאָציאַלער געזעצגעבונג פֿון חומש איז אַ רעזולטאַט פֿון אַקומולירטע דערפֿאַרונגען אין משך פֿון זיבן־אַכט הונדערט יאָר לעבן ווי אַ ציוויליזירטע געזעלשאַפֿט אויפֿן אייגענעם באָדן. אַזוי איז אויך מיט דער טעאָריע, אַז מ'קען די ייִדישע

געשיכטע ניט שטודירן באַזונדער, איזאָלירט, נאָר ווי אַ טייל פֿון דער אַרומיקער סעמיטישער וועלט. אויך דער מאָנאָטעאיזם, דער גלויבן אין אַן איינציקן גאָט, וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט בײַגעטראָגן צו דער ציוויליזירטער מענטשהײַט, האָט זיך אַנטוויקלט בהדרגה: אַז פֿריער איז הוי' באַטראַכט געוואָרן ווי אַ לאָקאַלער גאָט פֿון די בני־ישׂראל און פֿון ייִדישן לאַנד, און שפּעטער איז הוי' אויסגעוואַקסן בײַ די נבֿיאים צום גאָט פֿונם גאַנצן אוניווערס („מלא כל הארץ כּבֿודו") און פֿון אַלע פֿעל־קער, וועלכער פֿירט די וועלט מיט יושר און גערעכטיקייט.

חיים שויסעס צוגאַנג צו תּנ"ך ווי צו אַ ליטעראַריש ווערק איז בשעתו זיכער געווען אַ נײַעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור. נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג זײַנען אין ייִדיש פֿאַראַן גאַנץ ווייניק ווערק, וואָס זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט עקזעגעטיק און מיט דער פֿאָרשונג פֿון דער ביבלישער ליטעראַטור. אין זײַנע „ביבלישע געזאַנגען", דערשינען אין 1916, מאַכט חיים שויס אַ פֿאַרזוך צו שטודירן די פּאָעטישע טיילן פֿון חומש לויט באַ־שטימטע טעמעס: „געזאַנגען פֿון אַלגעמיינעם לעבן", „געזאַנגען פֿון קריג און נצחון", „קולטור־ און רעליגיעזע געזאַנגען", „קלאָג־לידער", „דידאַקטישע געזאַנגען", „ברכות, קללות און נבֿיאות".

אינם זייער באַלערנדיקן אַרײַנפֿיר צום דאָזיקן בוך ברענגט שויס אַרויס דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער תּנ"ך איז ניט קיין רעליגיעז בוך אין ענגן זין פֿון וואָרט. דער תּנ"ך איז גיכער פֿון אַלץ אַ זאַמלונג פֿון אַ רײַכער פֿילזײַטיקער ליטעראַטור, וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט גע־שאַפֿן אין די ערשטע טויזנט יאָר פֿון זײַן געשיכטע. אין תּנ"ך גייען אַרײַן: „פֿראַגמענטן פֿון אַלטע פֿאָלקס־געזאַנגען פֿון מלחמה און נצחון; וואונדער־מעשׂיות פֿון די אור־אַלטע טעג; היסטאָריע־ביכער פֿול מיט דער פֿרישער קראַפֿט פֿון אַ צײַט פֿון קאַמף און גבֿורה; געזעצביכער וואָס שפּיגלען אָפּ די אַנטוויקלונג פֿון דער ציוויליזאַציע; חכמה־ספֿרים וואָס אַנטהאַלטן טיפֿע געדאַנקען וועגן מענטשנס לעבן; פֿײַערדיקע רעדעס פֿון נבֿיאים, וועלכע האָבן געפּריידיקט גערעכטיקייט און ליבע אין נאָמען פֿון גאָט; באַגײַסטערטע תּהלים־געזאַנגען ווי די טיפֿסטע געפֿילן, וואָס באַוועגן דעם מענטשנס האַרץ, און האָבן געפֿונען זייער שטאַרקסטן אויסדרוק — אַלץ איז צוזאַמענגעזאַמלט אין אָט־דער רײַכער ליטעראַטור, וואָס מיר רופֿן־אָן: „תּנ"ך".

לויט חיים שויסן קען דער תּנ"ך ניט שטודירט ווערן אין זײַן איצ־טיקן סדר, לויט זײַן איצטיקן צוזאַמענשטעל. דער תּנ"ך איז אין משך פֿון

הונדערטער יאָרן, נאָך איידער ס׳איז אַרויסגעקומען די חכמת־הדפּוס, דורכגעגאַנגען זייער אַ סך הענט פון איבערשרײַבערס און רעדאַק־טאָרן, מיט אַזויפיל הוספות און שינויים, ביודעים ובלא יודעים, פון די איבערשרײַבערס.

דאָס מאַכט אוממעגלעך דאָס שטודירן דעם תנ״ך קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, און פּסוק נאָך פּסוק. כדי צו פאַרשטיין דעם תנ״ך קריטיש דאַרף מען זיין פרײַ צו אַנאַליזירן די באַזונדערע טיילן זײַנע און זיי סינטעטיש צוריק אַרײַנפּאַסן אין זייער ריכטיקן, אורשפּרינגלעכן פּלאַץ. נאָך די חכמי־התלמוד האָבן מיט זייער שאַרפן קריטישן חוש אויפמערק־זאַם געמאַכט ברמיזא, אַז „אין מוקדם ומאוחר בתורה״... אָן אַזאַ צוגאַנג וואָלטן מיר, מיט אונדזער הײַנטיקן קריטישן בליק אויף ליטע־ראַטור, ניט געזען די אמתע גרויסקײַט און שיינקײַט פון תנ״ך. יאָ, מ׳פלעגט אָפטמאָל פאַראיבל האָבן אויף שויסן, הלמאי ער האָט איבער־גענומען פיל טעאָריעס און מיינונגען פון די דײַטשע ביבל־קריטיקערס און זיי צוגעטראָגן דעם ייִדישן עולם. אָבער מ׳האָט געדאַרפט זען שויסעס פרייד אין קלאַס־צימער, בשעת ער איז צוגעקומען צו אַ פײַנעם שטריך בײַ אַ נביא אָדער צו אַ שיינעם אויסדרוק אין אַ פּסוק כדי צו באַ־מערקן, ווי ער האָט ליב געהאַט יעדעס וואָרט און יעדע שטעל אין תנ״ך. ער פלעגט ממש אָנשטעקן אַלע תלמידים מיט זײַן ליבע צו דער שיינ־קײַט, גרויסקײַט און אמתדיקײַט פונם „ספר־הספרים״.

פירן מיר אונטער אַ קורצן סך־הכל פון דער גײַסטיקער ירושה, וואָס איז אונדז איבערגעבליבן פונם געלערנטן חיים שויס ע״ה, זעען מיר, אַז זי איז זייער רײַך. זײַן ערשטע אָריגינעלע שאַפונג איז געווען פאַרעפנטלעכט אין א. ליטווינס חודש־זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט״ (אין 1910), אונטערן נאָמען „אליהו, דער נביא פון בלוט און פון אײַזן״. אין משך פון יאָרן האָט ער אין פאַרשיידענע שריפטן און צײַטונגען פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען אויפן געביט פון ייִדישער געשיכטע און אַלטער ייִדישער ליטעראַטור, ווי: „ישראל און די פעל־קער״ (אַ סעריע פון 34 אַרטיקלען), „דער ייִדישער מאָנאָטעאיזם״, „געשיכטס־פילאָזאָפיע בײַ די נביאים״ און פיל, פיל אַנדערע.

אין בוך־פאָרם זײַנען די וויכטיקסטע: „ביבלישע געזאַנגען״ (1916), באַזאָרגט מיט טעקסט־באַמערקונגען און ביבליאָגראַפישע אָנווײַזונגען. אין דעם בוך באַהאַנדלט חיים שויס דעם תנ״ך פון אַ ליטעראַריש־וויסנ־שאַפטלעכן שטאַנדפּונקט; „די גרויסע ייִדישע געשיכטע״, אין 4 בענד.

די ערשטע 3 זײַנען גיכער קאָמפּילאַציעס פֿון וויסנשאַפֿטלעכע אָפּהאַנד־לונגען, געשריבן פֿון די גרעסטע אויטאָריטעטן אויפֿן געביט פֿון יידישער געשיכטע־פֿאָרשונג. דער פֿערטער באַנד, וואָס באַהאַנדלט די פּערסיש־גריכישע עפּאָכע, איז אַן אָריגינעל ווערק; אַ קאָרעספּאָנדענץ־קורס אין 10 לעקציעס „יידישע געשיכטע פֿון די עלטסטע צײַטן ביז צו דער שפּאַלטונג פֿון דער מלוכה" (אַרויסגעגעבן פֿון „יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד", ניו־יאָרק); אַ „יידישע געשיכטע" אין 2 בענד פֿאַר די אַרבעטער־רינג שולן (אַרויסגעגעבן פֿון בילדונג־דעפּאַרטמענט פֿון „אַרבעטער־רינג", ניו־יאָרק, 1927); דאָס „יום־טובֿ בוך", 1933 — אַ געשיכטע פֿון די יידישע יום־טובֿים, ווי זיי זײַנען אויפֿגעקומען און ווי אַזוי זיי זײַנען געפּײַערט געוואָרן פֿון די עלטסטע צײַטן אָן ביז ניט־לאַנג צוריק, באַזאָרגט מיט וויסנשאַפֿטלעכע הערות וועגן די מנהגים און צערעמאָניעס, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט די ימים־טובֿים. דאָס דאָזיקע בוך איז פֿון געוואַלדיקן נוצן פֿאַרן יידישן לערער און פֿאַרן יידישן אינטעליגענט בכלל, ווײַל דער למדן שויס האָט אויף איין פּלאַץ צונויפֿ־געזאַמלט דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין שײַכות מיט יעדן יידישן יום־טובֿ; „נבֿיאים", 2 בענד, אַרויסגעגעבן פֿון צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט פֿון „יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד", און איז געווען, ווי דער מחבר זאָגט אין זײַן קורצער הקדמה, געפּלאַנעוועט פֿאַרצושטעלן מיט זיך אַן אַנטאָלאָגיע פֿון „נבֿיאים אחרונים" מיט אַרײַנפֿירן און דערקלערונגען. חיים שויס טײַטשט דאָ אויס די וויכטיקסטע רייד פֿון די שריפֿט־נבֿיאים אין ליכט פֿון די היסטאָרישע געשעענישן און פֿון דער פּאָליטישער און סאָציאַלער סבֿיבֿה פֿון יענער צײַט. זײַן צוועק איז געווען אַרויסצו־ברענגען אויף אַ קלאָרן אופֿן די אייגנאַרטיקע עטישע פּערזענלעכקײַט פֿון יעדן נבֿיא באַזונדער און העלפֿן דעם דורכשניטלעכן יידישן לייענער צו פֿאַרשטיין און הנאה צו האָבן פֿון אונדזער גרעסטן ווערק — דעם „ספֿר הספֿרים".

צום סוף אַ פּאָר פּערזענלעכע אײַנדרוקן וועגן חיים שויסן ע"ה ווי אַ לערער. אין יידישן לערער־סעמינאַר פֿון אָנהייב צוואַנציקער יאָרן איז חיים שויס געווען דער פּאָפּולערסטער און באַליבטסטער לערער, הגם דער סעמינאַר־פֿאַקולטעט איז דעמאָלט באַשטאַנען אויסשליסלעך פֿון באַרימטע פּערזענלעכקײַטן. עפּעס האָט געשלאָגן פֿון שויסן אַ באַזונ־דערע וואָרעמקײַט אַלס חבֿר און אַלס לערער. זײַן האַלטונג אין קלאַס איז געווען עכט דעמאָקראַטיש. ער האָט רעספּעקטירט די סעמינאַ־

ריסטן פֿאַרן באַגאַזש וויסן, וואָס יעדערער פֿון זיי האָט געבראַכט מיט זיך, און פֿאַר זייער איבערגעגעבנקייט צום לערנען. און מיר, סעמינאַריסטן, האָבן געהאַט גרויס יראת־הכּבֿוד פֿאַר אים צוליב די פֿיל שיינע מידות זיַינע, באַזונדערס צוליב זיַין אויפֿריכטיקער באַציאונג צו זיַינע לימודים. די תּלמידים האָבן גלייַך דערקענט, אַז ער איז געווען אַ גרויסער בקי אין ייִדישער געשיכטע און אין תּנ״ך, און האָבן דרך־ארץ געהאַט פֿאַר זיַין טיפֿער ערודיציע. מיר האָבן למשל געוואוסט, אַז בייַ זיַין גרויסער געלערנטקייַט, לייענט ער, אין עטלעכע שפּראַכן, אַן 8־10 שעה טאָג־איַין טאָג־אויס, די נייַעסטע ווערק וועגן תּנ״ך און וועגן ביבלישער געשיכטע, כּדי צו זיַין אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די סאַמע נייַעסטע פֿאָרשונגען אויף די דאָזיקע געביטן. ווי אַ לערער האָט ער אויף אונדז באַזונדערס געווירקט מיט זיַין קלאָרן צוגאַנג צו אַן ענין און מיט זיַין ליבע צו ייִדישער געשיכטע און צו יעדן נבֿיא באַזונדער. עס איז אויסער צווייפֿל, אַז חיים שויס האָט אויף זיַינע תּלמידים אויסגעאיבט אַ גוואַלדיקע השפּעה. כּבֿוד זיַין אָנדענק!

פּ. הערשטיין

(„דאָס ייִדישע וואָרט״, וויניפּעג, דעצעמבער 11, 1953)

ו) מיַינע אַנדערע סעמינאַר־לערער

(אין משך פֿון די דרייַ יאָר 1921־1924)

1. לייבוש לעהרער — קינדער־פּסיכאָלאָגיע; געשיכטע פֿון דערציאונג
2. ב. צ. גאָלדבערג — אַלגעמיינע פּסיכאָלאָגיע
3. ש. שאַפּיראָ — פּעדאַגאָגיק (אין לייענען און שרייַבן ייִדיש)
4. חיים ליבערמאַן — „די יונגע״ (ייִדישע פּאָעטן אין אַמעריקע)
5. יקותיאל גינזבורג — מאַטעמאַטיק
6. פּראָפֿ. חיים פֿייַנמאַן — קלאַסישע וועלט־ליטעראַטור
7. פּראָפֿ. יודא יאָפֿע — ייִדישע פֿילאָלאָגיע
8. משה אָלגין — ייִדישע קאָמפּאָזיציע
9. ב. וולאַדעק — רעטאָריק
10. ש. מקסימון — דבור עבֿרי

11. שאול ראַסקין — קונסט
12. לעאָן ליאָוו — געזאַנג

ז) „סעמינאַריסטן־ליגע"

ס'איז כדאי צוצוגעבן, אַז בײַם לערער־סעמינאַר האָט אויך פֿונקציאָנירט אַ „סעמינאַריסטן־ליגע", אין װעלכער עס זײַנען געװען אָנגעשלאָסן דער גרעסטער טייל פֿון די סעמינאַר־תּלמידים און תּלמידות.

זונטיקס, שפּעט נאָכמיטאָג, נאָך אַלע לימודים, פֿלעגן מיר פֿאַר־בלײַבן אויף אַ שעה אָדער מער און זיך דורכריידן חבֿריש װעגן געװיסע סעמינאַר־לימודים, אָדער דיסקוטירן געזעלשאַפֿטלעך־קולטורעלע פּראָבלעמען.

עס געדענקט זיך, װי מיר האָבן אַמאָל אין דער „ליגע" אויפֿגע־נומען ברייטלעך די פּאָזיטיװע װי די נעגאַטיװע אַספּעקטן פֿון דער „השׂכּלה"־באַװעגונג, מיט צװיי קעגנגעזעצטע צדדים. די „ליגע" האָט אויך געהאַט די השגחה איבער דער סעמינאַר־ביבליאָטעק.

(אַגבֿ, דער שרײַבער פֿון די שורות איז געװען דער פֿאָרזיצער פֿון דער „ליגע" אַלע דרײַ יאָר פֿון זײַן לערנען אין סעמינאַר (1921־1924) און פֿלעגט דערפֿאַר זיך באַטייליקן בײַ די מערסטע זיצונגען פֿון דער סעמינאַר־פֿאַרװאַלטונג).

קאַפּיטל 2

ציוניזם און מדינת־ישׂראל

א) וואָס איז ציוניזם?

ס'איז אַ טעות צו מיינען, אַז ציוניזם איז אַ פּראָדוקט דווקא פֿון דער נײַער צײַט. ס'איז שוין אַ סך יאָרן, וואָס דער ציוניסטישער געדאַנק — די בענקעניש און שטרעבונג פֿון ייִדישן פֿאָלק זיך אומצוקערן אין זײַן אייגן לאַנד ארץ־ישׂראל — האָט טיף געוואָרצלט אין דער פּסיכיק פֿון דער ייִדישער אומה. און אַלט איז די דאָזיקע שטרעבונג שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר.

אין יאָר 70 נײַע צײַט האָט טיטוס, דער רוימישער גענעראַל, אײַנגענומען ירושלים, פֿאַרברענט דעם בית־המקדש און געמאַכט אַ סוף צו דער ייִדישער מלוכה. פֿון דעמאָלט אָן האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק ניט אויפֿגעהערט צו האָפֿן צוריק צו געווינען די הערשאַפֿט איבער זײַן באַ־ליבט לאַנד. צעשפּרייט איבער פֿאַרשיידענע לענדער, לײַדנדיק גרויסע יסורים פֿון די ניט־ייִדישע שכנים, האָבן די ייִדן קיינמאָל ניט אויפֿגע־הערט צו האָפֿן און שטרעבן, אַז גאָט וועט זיך אויף זיי מרחם זײַן און זיי צוריקברענגען אין זייער לאַנד אַרײַן, אויב אַפֿילו ניט אויף אַ נאַטיר־לעכן אופֿן, זאָל זײַן דורך נסים און וואונדער. אין זייערע תּפֿילות האָבן ייִדן 3 מאָל אַ טאָג געבעטן, אַז גאָט זאָל זיי אומקערן קיין ירושלים, קיין ציון („ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים").

דורך אַלע זײַנע גלותן האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק געטראָגן טיף אין האַרצן די משיח־האָפֿענונג פֿון זײַנע גרויסע נביאים, אַז עס וועט קומען אַ בעסערע וועלט, אין וועלכער עס וועט הערשן גערעכטיקײַט און יושר פֿאַר אַלעמען. דעמאָלט וועט משיח צונויפֿזאַמלען די ייִדן פֿון אַלע עקן וועלט און זיי צוריקברענגען קיין ארץ־ישׂראל — דאָס איז, אויב איר ווילט, סימבאָלישער, אָדער טראַדיציאָנעלער, ציוניזם. אמת, די דאָזיקע

ייִדן האָבן ניט גענוצט דעם טערמין „ציוניזם“, אָבער אין זייער גאַנצן מהות זײַנען זיי געווען איבערגעגעבענע ציוניסטן. אַזאַ סאָרט ציוניזם, אַרומגענומען מיט אַ רעליגיעזן שלייער און מיט משיח־האָפֿענונגען, האָט באַהערשט דאָס ייִדישע לעבן אַ לאַנגע צײַט, כּמעט אין משך פֿון גאַנצן מיטלאַלטער, אין פֿאַרשיידענע וועלט־טיילן פֿון ייִדישער צעשפּרייטונג.

ערשט אין דער נײַער צײַט, אונטער דער השפּעה פֿון נײַע געדאַנ־קען, האָט דער ציוניזם אָנגענומען אַנדערע פֿאָרמען, מער רעאַליס־טישע, מער פּראַקטישע, און ניט געבונדן דווקא מיט רעליגיעזע שטרע־בונגען. אין מערבֿ־אייראָפּע האָבן אָנגעהויבן בלאָזן פֿרישע ליבעראַלע ווינטן וועגן פֿרײַהײַט פֿאַר אַלעמען, וועגן מענטשן־רעכט, וועגן אויפֿ־לעבונג פֿון אונטערדריקטע פֿעלקער. די דאָזיקע אידייען האָבן אָנגעע־הויבן אַרײַנצודרינגען אויך אין די שטעט און שטעטלעך פֿון מזרח־אייראָפּע, וואו עס איז דעמאָלט געווען קאָנצענטרירט זייער אַ גרויסער טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק. די ייִדישע יוגנט האָט זיך צוגעכאַפּט צו וועלט־לעכער בילדונג, גלויבנדיק אַז דורך בילדונג און פּראָדוקטיווער אַרבעט וועלן די ייִדן דערנעענטערט ווערן צו זייערע ניט־ייִדישע שכנים און עס וועט פֿאַרשווינדן די אייביקע שׂנאה צום ייִדישן פֿאָלק.

צום גליק האָבן זיך ניט אַלע ייִדן געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון דער אילוזיע, אַז גאָר אינגיכן וועט פֿון אומעטום פֿאַרשווינדן דער אַנטי־סעמיטיזם, און אַז אַפֿילו רוסלאַנד וועט ווערן אַ „גן־עדן“ פֿאַר ייִדן. בײַ אַ באַדײַטנדיקן טייל פֿון דער ייִדישער יוגנט האָט אויפֿגעוואַכט דאָס ייִדיש־נאַציאָנאַלע געפֿיל זיך צו לאָזן קיין ארץ־ישׂראל כּדי דאָרטן אויפֿצובויען אַ „היים“ פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. ספּאָנטאַן האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צווישן ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער צו שטיצן ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל. דאָס איז די „חיבת־ציון“ באַווע־גונג, צו וועלכער עס זײַנען צוגעשטאַנען באַרימטע פּערזענלעכקײַטן, רבנים און פּראָפֿעסיאָנאַלן.

נאָכן אויסברוך פֿון פּאָגראָמען אויף ייִדן אין רוסלאַנד אין 1881, איז דידאָזיקע באַוועגונג פֿאַרשטאַרקט געוואָרן. אונטערן נאָמען „בילו“ (פֿון די ראשי־תּיבֿות: בית יעקבֿ לכו ונלכה) האָבן ייִדישע סטודענטן איבער־געריסן זייער שטודירן אין די אוניווערסיטעטן, זיך אָפּגעזאָגט פֿון זייערע צוקונפֿטיקע קאַריערעס און זיך געלאָזט קיין ארץ־ישׂראל כּדי צוצוגרייטן דאָס לאַנד פֿאַר גרויסע ייִדישע מאַסן עולים.

צווישן די טעאָרעטיקערס פֿון דער „חיבת־ציון" באַוועגונג פֿאַר־נעמט ד"ר לעאָן פּינסקער זייער אַ חשובֿ אָרט. זײַן בראָשור אין דײַטש „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע" האָט געמאַכט געשיכטע. דער הויפּט־געדאַנק דאָרטן איז, אַז די ייִדן זעלבסט דאַרפֿן זיך באַפֿרײַען פֿון גלות און אַנט־לויפֿן פֿונם אַנטיסעמיטיזם. לויט זײַן דיאַגנאָז איז „אַנטיסעמיטיזם אַ קראַנקײַט, פֿון וועלכער די ניט־ייִדישע פֿעלקער לײַדן", און די איינ־ציקע רפֿואה דערצו איז, זיי זאָלן פּטור ווערן פֿון די ייִדישע שכנים. אַן אייגענע טעריטאָריע, אָדער בעסער: אַן אייגן לאַנד, איז די בעסטע לייזונג פֿון דער „ייִדן־פֿראַגע". אין 1884 האָט פּינסקער צונויפֿגערופֿן די „חובֿבֿי־ציון" גרופּעס צו אַ קאָנפֿערענץ אין קאַטאָוויץ. ער איז אויסגע־ווײלט געוואָרן פֿאַר פּרעזידענט און האָט פֿיל מיטגעהאָלפֿן צו פֿאַר־שפּרייטן די אידייע פֿון ציוניזם.

דער טיפֿער דענקער און געניאַלער פּובליציסט אחד־העם (אָשר גינצבורג) איז ניט געווען באַגײַסטערט פֿון דער חיבת־ציון באַוועגונג לויט פּינסקערס פֿאָרמולירונג, ספּעציעל נאָך זײַן באַזוך אין די קאָ־לאָניעס. אַן עקסטרעמער ראַציאָנאַליסט, גלויבט ניט אחד־העם, צי מ'קען אָדער מ'דאַרף ברענגען דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק קיין ארץ־ישׂראל. זײַן טעזיס איז געווען, אַז וויכטיק איז ניט אַזוי די „ייִדן־פֿראַגע" ווי די „ייִדישקײַט־פֿראַגע". לויט אים דאַרף דער עיקר זײַן: „די נאַציאָנאַל־קולטורעלע דערוואַכונג פֿון ייִדישן פֿאָלק". דערפֿאַר איז ניט נייטיק קיין קיבוץ־גלויות, נאָר אַ גײַסטיקער צענטער אין ארץ־ישׂראל מיט ייִדישע געלערנטע, ייִדישע וויסנשאַפֿטסלײַט, ייִדן בני־תּורה — אַ „מרכּז רוחני", וואָס זאָל משפּיע זײַן גײַסטיק אויף די ייִדן אין די תּפֿוצות. דער ציוניזם פֿון אחד־העמס שיטה ווערט אָנגערופֿן: „גײַסטי־קער ציוניזם".

דעם גרויסן שטויס צו וועלט־באַרימטקײַט האָט דער ציוניזם גע־קראָגן, ווען ער איז אַרויס פֿון די דלד אמות פֿון ייִדישן שטעטל און איז אַרויף אויף דער אַלגעמיינער וועלט־פּאָליטישער אַרענע, כּדי צו פּראָ־קלאַמירן פֿון דאָרטן פֿאַר דער גאַנצער וועלט זײַנע גרונט־צילן: דעם „פּאָליטישן ציוניזם". דערמיט איז געמיינט דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס פֿון 1897 אין באַזעל, אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון ד"ר טעאָדאָר הערצל.

ווער איז געווען ד"ר טעאָדאָר הערצל? ווי אַזוי איז ער געקומען צום ציוניסטישן געדאַנק? און וואָס האָט ער אויפֿגעטאָן פֿאַרן ציוניזם?

הערצל איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1860 אין בודאַפּעסט, אונגאַרן. זײַנע עלטערן זײַנען געווען מערבֿ־אייראָפּעיִשע ייִדן, מיט אַביסל רעליגיע אין הויז, אָבער ניט אַסימילירט. הערצל האָט געקראָגן אַ גאַנץ קנאַפּע ייִדישע דערציאונג: ער האָט געלערנט אַביסל העברעיִש און נאָך ווייניקער ייִדישע געשיכטע, וואָס ער האָט מיט דער צײַט אַלץ פֿאַרגעסן. אין בודאַפּעסט האָט ער געענדיקט גימנאַזיע. ווען ער איז אַלט געוואָרן 18 יאָר, איז ער מיט זײַנע עלטערן געקומען קיין ווין און איז אַרײַן אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט, וואו ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ. אים האָט אָבער מער געצויגן צו דער שרײַבער־קונסט, וואו ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס טאַלאַנט. ער איז פֿון דער נאַטור געווען אַ פּאָעט. ער האָט געשריבן שיינע פּעליעטאָנען און ווערטפֿולע דראַמעס, וועלכע זײַנען אויפֿגעפֿירט געוואָרן אויף דער אייראָפּעיִשער בינע. שפּעטער איז ער געשיקט געוואָרן פֿון דער ווינער „נײַע פֿרײַע פּרעסע" קיין פּאַריז צו זײַן דאָרטן איר קאָרעספּאָנדענט. גראָד דעמאָלט איז אין פּאַריז פֿאָרגעקומען דער באַרימטער דרייפֿוס־פּראָצעס, בײַ וועלכן די מיליטערישע קליקע ווי די גאַנצע הויך־אַריסטאָקראַטיע פֿון פֿראַנקרײַך האָבן אַרויסגעוויזן ברוטאַלן אַנטיסעמיטיזם. הערצל איז אויפֿגערעגט געוואָרן פֿון די שוידערלעכע אַנטיסעמיטישע סצענעס, בײַ וועלכע מ'האָט אַרונטערגעריסן פֿון ייִדישן קאַפּיטאַן דרייפֿוס די עפּאָלעטן און זײַנע העלדישקײַט־מעדאַלן און אים פֿאַרמשפּט צו אייביקער תּפֿיסה. דעמאָלט האָט בײַ הערצלען אויפֿגעוואַכט דאָס ייִדיש־נאַציאָנאַלע געפֿיל, וואָס האָט אים ניט געגעבן קיין רו.

טאָג און נאַכט האָט ער נאָכדעם געטראַכט וועגן דעם אומגליקלעכן גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס איז היימלאָז, אומבאַשיצט, און שׂונאי־ישׂראל טראַכטן־אויס אויף אים כּלערליי בלבולים. ער האָט אַזוי לאַנג געטראַכט וועגן דעם, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צום געדאַנק, אַז די איינציקע רעטונג פֿאַרן ייִד איז אַן אייגן לאַנד מיט אַן אייגענער ייִדישער מלוכה. ער האָט פֿאַראינטערעסירט וויכטיקע מענטשן אין זײַן פּלאַן און האָט זיך וועגן דעם דורכגערעדט מיט אַ צאָל פֿון זײַנע אינטים־באַקאַנטע. ער האָט געהאַלטן אין איין פּלאַנעווען: ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן? וואָסערע שריט דאַרף מען אָננעמען כּדי דאָס צו פֿאַרווירקלעכן?

אין 1895 פֿאַרענדיקט הערצל זײַן בוך „דער יודנשטאַט". כאָטש הערצל איז נאָך דעמאָלט ניט געווען באַקאַנט ניט מיט פּינסקערס

„אויטאָ־עמאַנציפּאַציע״ און ניט מיט „רוים און ירושלים״ פֿון משה העס, דעם שפּעטער פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם, קומט ער צום זעלביקן אויס־פֿיר ווי זיי, אַז אַסימילאַציע קען ניט זײַן קיין לייזונג פֿון דער „ייִדן־פֿראַגע״. הערצל באַנוגנט זיך ניט בלויז מיט דער טעאָרעטישער באַגרינ־דונג פֿון זײַן פּלאַן וועגן אַ ייִדישער מלוכה, נאָר ער אַרבעט אויך אויס די קאָנקרעטע שריט ווי אַזוי דעם פּלאַן צו פֿאַרווירקלעכן. דער עיקר, ווי אַזוי צו באַקומען די סאַנקציע פֿון די גרויסע מלוכות פֿאַר ייִדישער סואווערניטעט. דאָס בוך „יודנשטאַט״ האָט אויף דער ייִדישער אינטעלי־גענץ אומעטום געמאַכט אַן אויסערגעוויינטלעכן רושם און האָט אַרויס־גערופֿן אַ געוואַלדיקן אינטערעס אין פֿיל לענדער. צו הערצלען איז אויך צוגעשטאַנען דער באַרימטער שרײַבער און טאַלאַנטפֿולער אָראַ־טאָר מאַקס נאָרדוי; און אין יאָר 1897 איז אין דער שווייצאַרישער שטאָט באַזעל אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס.

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, דורכגעפֿירט מיט גרויס פֿײַערלעכקײַט, איז געווען גאָר אַ גרויסע דערגרייכונג, און האָט אַרויס־גערופֿן פֿיל באַגײַסטערונג אומעטום, ספּעציעל אין מזרח־אייראָפּע, וואו די געדריקטע לאַגע פֿון די ייִדן איז געוואָרן ערגער פֿון טאָג צו טאָג. אויפֿן דאָזיקן קאָנגרעס איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פֿאַרן פּאָליטישן ציוניזם: עס איז אָנגענומען געוואָרן דאָס באַזעלער פּראָגראַם, וואָס זאָגט: „דער ציוניזם שטרעבט צו שאַפֿן אַן עפֿנטלעך־רעכטלעך געזי־כערטע היים פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק אין ארץ־ישׂראל״. ד״ר הערצל איז דער־וויילט געוואָרן פּרעזידענט. דער העכסטער אָרגאַן איז דער קאָנגרעס, וועלכער ווערט צונויפֿגערופֿן פּעריאָדיש. עס איז אויסגעקליבן גע־וואָרן אַן אַקציאָנס־קאָמיטעט (פֿון וועלכן ד״ר חיים ווייצמאַן איז אַ לאַנגע צײַט געווען דער פֿאָרזיצער).

אָבער דער גרעסטער טייל פֿון דער אַרבעט איז געפֿאַלן אויף ד״ר הערצלען גופֿא, און ער האָט באַגעגנט אַן אַ שיעור שוועריקײַטן. ער האָט געדאַרפֿט האָבן אוידיענצן מיט די וויכטיקסטע הערשער, ווי דעם דײַטשן קייזער, דעם טערקישן סולטאַן, און אַנדערע. דערצו איז געווען נייטיק פּערזענלעכער און שריפֿטלעכער קאָנטאַקט מיט די באַרימטסטע אייראָפּעישע דיפּלאָמאַטן. ער האָט אויך באַזוכט די ייִדישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישׂראל. ער איז אויך געווען אין רוסלאַנד באַלד נאָכן קישע־נעווער פּאָגראָם אין 1903 און האָט געזען דאָרטן די שרעק און די נויט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. עס זײַנען באַזונדערס געווען גרויסע

שווערִיקייטן אויף צו קריגן אַ „טשאַרטער" פון דער טערקישער רעגי־רונג פאַר אַ גרויסער קאָנצענטרירטער יידישער איינוואַנדערונג קיין פאַלעסטינע. חוצדעם זיינען נייטיק געווען זייער גרויסע פאָנדן. הערצל האָט זיך גיך איבערצייגט, אַז ער קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף די יידישע מיליאָנערן, וועלכע זיינען געווען מער פאַראינטערעסירט אין פילאַנ־טראָפּיע איידער אין דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק. האָט מען געגרינדעט ביים קאָנגרעס אייגענע פאָלקס־פאָנדן, ווי די „קאָלאָניאַל־באַנק" און דעם „נאַציאָנאַל פאָנד". מ'האָט אויך איינגעפירט דעם שקל, ווי אַ מיטגליד־שטייער, און אויפגעשטעלט אַ צאָל אַנדערע אינסטיטוציעס ביים ציוניזם.

צו מאַכן עס בקיצור: שוין ביים ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן די צילן פון ציוניזם. אַלץ וואָס האָט נאָכדעם פאַסירט, זיינען ווייטערדיקע עטאַפּן אין זיין אַנטוויקלונג. קיין דער־גרייכונג איז ניט אָנגעקומען לייכט. מיט אויסערגעוויינטלעך־גרויסע קרבנות האָבן יידישע בחורים און מיידלעך געבויט דאָס לאַנד. די עלייה איז אַלעמאָל געווען אָפּהענגיק פון דער יידישער לאַגע אין חוץ־לארץ. די חלוצים, וואָס זיינען געקומען מיט דער צווייטער און דריטער עלייה, האָבן זייערע כוחות אַוועקגעלייגט פאַרן לאַנד און פאַרן פאָלק. זיי האָבן געאַרבעט שווער און מיט שוויס ביי די וועגן און שאָסייען אונטער די ברענענדיקע היצן פון יענעם האַלב־טראָפּישן קלימאַט. דאָס לאַנד איז געווען פאַרוואָרלאָזט הונדערטער יאָרן. מ'האָט געדאַרפט טריקענען זומפּן און פיל חלוצים זיינען אומגעקומען פון מאַלאַריע און אַנדערע קראַנקייטן. מיט יידיש געלט האָט מען אָפּגעקויפט באָדן ביי די אַראַ־בישע עפענדיס און געבויט שטעט און דערפער. אָבער ניט געקוקט אויף אַלע קלימאַטישע, פּאָליטישע און פינאַנציעלע שווערִיקייטן איז מיט דער צייט אויפגעבויט געוואָרן אין יענעם פאַרנאַכלעסיקטן ווינקל אַ ציוויליזאַציע מיט אַ לעבנס־ניוואָ, וועגן וועלכן די צוריקגעשטאַנענע אַראַבישע פעלאַכן האָבן קיינמאָל ניט געחלומט.

ס'איז דערפאַר ניט קיין צופאַל, וואָס אין יאָר 1917 האָט די ענגלישע רעגירונג, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט דעם מאַנדאַט איבער פאַלעסטינע, נאָך אַ ריי אויספאָרשונגען, געשיקט דורך איר אויסערן־מיניסטער לאָרד באַלפור צום יידישן פאָלק די באַרימטע „באַלפור־דעקלאַראַציע", אַז זי, ענגלאַנד, וועט העלפן שאַפן פאַרן יידישן פאָלק אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל; ס'איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס נאָכן

היטלער־חורבן, בשעת וועלכן עס זײַנען אומגעקומען 6 מיליאָן ייִדן, האָט די יו־ען אין נאָוועמבער 1947 באַשלאָסן, אַז אין ארץ־ישׂראל זאָל געגרינדעט ווערן אַ ייִדישע מדינה. אַ גרויסע פֿרייד האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט די ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט. די פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם איז דורכגעפֿירט געוואָרן דעם 14טן מאַי 1948 (ה׳ אייר תש״ח), ווען דער וועד־לאומי אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דוד בן־גוריון האָט פּראָקלאַמירט די גרינדונג פֿון מדינת־ישׂראל.

דער ציוניזם און די באַנײַטע ייִדישע מלוכה האָבן, אַחוץ זייערע נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען באַוויזן אין דער פּראָפּאָרציאָנעל־קורצער היסטאָרישער עפּאָכע אַרויסצוגעבן פֿון זיך גרויסע פּערזענלעכקײַטן, אמת־גײַסטיקע כּוחות, מיט וועלכע יעדער ציוויליזירט פֿאָלק וואָלט שטאָלצירט. אָבער דער ווירקלעכער געטלעכער שליח, וועלכער האָט אָנגעצונדן ייִדישע הערצער צו שאַפֿן דאָס דאָזיקע וואונדער־ווערק, איז געווען ד״ר טעאָדאָר הערצל.

די גאַנצע דערשיינונג פֿון ד״ר הערצל: זײַן נבֿיאישע מיסיע צום ייִדישן פֿאָלק, זײַן מקריבֿ זײַן זיך פֿאַר אַ ייִדיש היימלאַנד, נאָך קנאַפּע 2 טויזנט יאָר פֿון פּאָליטישער היימלאָזיקײַט, זײַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט בײַם באַמיען זיך בײַ די וועלט־הערשער און בײַ דער ייִדישער פּלוטאָ־קראַטיע לטובֿת אַ ייִדישער מדינה, און לסוף, באַלד נאָכן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין 1903, זײַן יונג אָוועקגיין פֿון דער וועלט אין 1904 (קוים אַלט זײַענדיק 44 יאָר) — דאָס אַלץ קלינגט ווי אַ לעגענדע. אַגבֿ, זײַן בוך „אַלט־נײַלאַנד״, וואו ער שילדערט פֿאַנטאַסטיש די שיינע אַנטוויקלונג פֿון אויפֿגעלעבטן ארץ־ישׂראל מיט אַזוי פֿיל פּרטים, אַזוי ווי עס וואָלט געווען רעאַל, ענדיקט זיך מיט די מיסטישע ווערטער צום ייִדישן פֿאָלק: „אויב איר ווילט, איז עס ניט קיין לעגענדע!״ זייער כאַראַקטעריסטיש איז די נאָטיץ אין הערצלס טאָגבוך: „אין באַזעל האָב איך געגרינדעט די ייִדישע מדינה — אין פֿופֿציק יאָר אַרום וועלן דאָס אַלע זען באַשײַמפּערלעך״.

אָט דעם דאָזיקן ציוניזם, באַזירט אויף אמת, יושר און שלום, האָט די שענדלעכע רעזאָלוציע פֿון די „פֿאַראייניקטע פֿעלקער״ סוף 1975, פֿאַר־גליכן צו „ראַסיזם״. קיין וואונדער ניט, וואָס אויף מאָרגן נאָך דער דאָזיקער רעזאָלוציע האָבן מאַסן ייִדן איבער דער וועלט, אַפֿילו אַזעלכע וואָס זײַנען ביז דעמאָלט געווען דערווײַטערט פֿון דער ציוניסטישער

באַוועגונג, אויפֿגעוואַכט נאַציאָנאַל און זיך אידענטיפֿיצירט מיטן ציוניזם, וואָס איז געוואָרן דער סינאָנים פֿון „ייִדישקייט״.

(קיצור פֿון אַ רעפֿעראַט בײַ „די פֿילאַדעלפֿיער פֿרײַנט פֿון ישראל״, מערץ 6, 1976)

[פֿאַרעפֿנטלעכט אין זייער „יאַרבוך״, מאַי, 1976]

ב) ד״ר נחמן סירקין

(זײַן סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע פֿילאָסאָפֿיע)

ד״ר נחמן סירקין איז געווען איינער פֿון די וויכטיקסטע אידעאָלאָגן און טעאָרעטיקערס פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, ספּעציעל דאָ אין אַמעריקע.

נאָך אין זײַנע יונגע יאָרן, ווי אַ סטודענט אין בערלין, פּאַריז, אָדער באַזעל, איז אים אויסגעקומען צו דיסקוטירן און פּאָלעמיזירן מיט די אָנגעזעענסטע פֿירערס פֿון ראַדיקאַלע רוסישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן צוליב די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון דער צאַרישער רעגירונג געמוזט האָבן זייערע צענטערס אין אויסלאַנד. שוין דעמאָלט האָט סירקין זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרטיפֿן אין די פּראָבלעמען פֿון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפֿרײַאונג. דאָס פֿײַער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אידייע האָט אים צוגעצויגן און ער האָט זיך גלײַך אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג מיט זײַן גאַנצן ברען, כאָטש ער איז ניט געווען פֿולשטענדיק באַפֿרידיקט מיט די מעטאָדן און פּראָגראַמען פֿון יענע פֿאַרשיידנאַרטיקע רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען. מחמת ווי יונג און אומדערפֿאַרן ער איז נאָך דעמאָלט געווען, האָט ער שוין פֿאַר זיך געזען דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון ייִדישע צרות אין יענער צײַט: שרעקלעך־עקאָנאָמישע אָרעמקײַט, אומפּראָדוקטיווע פּרנסות, פֿאַרפֿאָלגונגען סײַ מצד דער רעגירונג און סײַ מצד זייערע ניט־ייִדישע שכנים — אַנטיסעמיטיזם פֿון אַלע זײַטן, אַ גײַסטיקע ירידה און פֿאַרשפּרייטונג פֿון עם־הארצות צווישן דעם ייִדישן המון, די ברענענדיקע ייִדישע וואַנדערונגס־פּראָבלעם, און אַזוי ווײַטער און ווײַטער...

דער ייִדישער פֿונק און די ייִדישלעכע טראַדיציעס, וואָס סירקין האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פֿון אַ גוט־אײַנגעפֿונדעוועטער ייִדישער היים, האָט אים כסדר געעקבערט אין מוח: „און וואָס וועט זײַן מיט

אונדז יידן אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע?״ — אָט־די דאָזיקע ערנסטע פֿראַגע איז געווען דער גורם פֿון זײַנע גײַסטיקע גילגולים, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין משך פֿון לאַנגע יאָרן, ביז ער איז ענדלעך געוואָרן דער וואָרטזאָגער און פֿאָנען־טרעגער פֿון יידישן סאָציאַליזם, פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

אָט־דאָ איז וויכטיק אָנצוגעבן כאָטש אייניקע ביאָגראַפֿישע פֿאַקטן פֿון סירקינס לעבן. ס׳איז שוין לאַנג פֿעסטגעשטעלט געוואָרן אין דער וויסנשאַפֿטס־וועלט, אַז מיר אַלע טראָגן אין זיך קערנדלעך און וואָרצלען פֿון אונדזערע פֿריִע קינדער־יאָרן, און זיי באַשטימען אין אַ גרויסער מאָס אונדזער גײַסטיקע פֿיזיאָנאָמיע אין אונדזער שפּעטער־דיקן לעבן. דערפֿאַר, כדי ניט צו פֿאַרנעמען קיין צופֿיל צײַט דערמיט, וועל איך ציטירן בלויז אַ פּאָר שטעלן פֿון יצחק זאַרס אַרײַנפֿיר צום ערשטן באַנד פֿון סירקינס „געקליבענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע שריפֿטן״, וואָס די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן אין 1925, אַ יאָר נאָך סירקינס פּטירה. אַגבֿ, איז יצחק זאַר גופֿא געווען אַ וויכטיקער פֿירער פֿון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון. בכלל האָבן מיר דאָ אין אַמעריקע געהאַט שיינע פּערזענלעכקײַטן ווי אַקטיווע פֿירערס פֿון דער פּועלי־ציון באַוועגונג. בלויז צו דערמאָנען עטלעכע פֿון זיי: י. אַפּעלבוים, מאיר בראון, ש. באַנטשעק, ה. עהרענרײַך, חיים פֿײַנמאַן, ברוך צוקערמאַן, אײַזיק העמלין, אויך ד״ר חיים זשיטלאָווסקי אויף אַ קורצער צײַט. (חיים גרינבערג, אַן אימפּאָזאַנטע פּערזענלעכקײַט מיט אַ רײַכער ערודיציע, איז אַרײַנגעקומען אין דער פּועלי־ציון פּאַרטיי פֿיל שפּעטער, שוין נאָך דער פֿאַראייניקונג מיט די „צעירי־ציון״, און ער גע־הערט שוין ניט צו דער סירקין־תּקופֿה.)

צוליב די שווערע געזעצן אין רוסלאַנד קעגן יידישע סטודענטן האָט סירקין געמוזט פֿאַרלאָזן זײַן היים און ממשיך זײַן דאָס לערנען אין אויסלאַנד. צו 19 יאָר, אין 1887, איז סירקין אין בערלין און שטודירט פֿילאָסאָפֿיע אין דער דאָרטיקער אוניווערסיטעט. ער האָט גיך באַהערשט די דײַטשע שפּראַך און האָט גענומען מיטאַרבעטן אין דײַטשע זשורנאַלן און צײַטונגען. חוצדעם האָט ער אין בערלין גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין די רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע קרײַזן פֿון די רוסישע אינטעליגענטן און דער שטודירנדיקער יוגנט. אין אַן אַטמאָספֿער פֿון אַסימילאַציע און אַנטי־יידישן סאָציאַליזם — „ווײַל נאָך דער רעוואָלוציע וועלן ניט דאַרפֿן זײַן קיין באַזונדערע פֿעלקער״ — איז

סירקין באַלד פּאָפּולער געוואָרן פֿאַר זײַן מוטיקער שטעלונג צו דער ייִדן־פֿראַגע.

שוין בײַ זײַנע ערשטע באַגעגענישן מיט די רעוואָלוציאָנערע קרײַזן האָט ער אָנגעהויבן שאַפֿן אַ סינטעז צווישן סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם, ביז ער איז געוואָרן אַ פֿאַרקעמפֿער פֿאַרן סאָציאַליסטישן ציוניזם, נאָך איידער הערצל איז געקומען מיט זײַן פּאָליטישן ציוניזם. דעם געדאַנק פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם אַנטוויקלט סירקין באַזונדערס אין אַ דײַטשער שריפֿט, וואָס איז דערשינען אין 1898, העכער צוויי יאָר נאָך ד״ר הערצלס „יודנשטאַט״.

נאָך אין זײַנע פֿריִע סטודענטן־יאָרן, אַרום 1888־1900, האָט סירקין פֿאָרמולירט זײַנע צוויי הויפּט־טעזיסן: (1) די אידייע פֿון אַ סאָציאַליסטישן ייִדישן שטאַט אין ארץ־ישׂראל; און (2) אַז ס׳איז ניטאָ קיין סתּירה צווישן סאָציאַליזם און ציוניזם. אין דער פּראַקטיק קענען די דאָזיקע ביידע אידעאַלן פֿאַרווירקלעכט ווערן צוזאַמען.

געקומען איז סירקין קיין באַזעל צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין אויגוסט 1897, און ער איז דאָרט פֿאַרבליבן עטלעכע יאָר. ער האָט דאָרט געהײַראַט די באַגאַבטע בתיה אסנת אין 1898, וועלכע האָט אים געבאָרן אַ טאָכטער מאַניע (די טאַלאַנטירטע מארי סירקין). בתיה איז געווען אַ קורסיסטקע פֿון מעדיצינישן פֿאַקולטעט. סירקין גופֿא האָט אויך אָנגעפֿאַנגען שטודירן מעדיצין. ער האָט אָבער זײַן מעדיצינישן קורס ניט פֿאַרענדיקט. ער איז געווען צופֿיל אַרײַנגעטאָן אין זײַן רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט. ער האָט דאָרטן פֿאַרמירט אַ גרופּע ייִדישע ראַדיקאַלן, אַן אָנהייב פֿון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אין 1901 לאָזט סירקין אַרויס אין רוסיש אַן אויפֿרוף צו דער ייִדישער יוגנט, וואָס קען באַטראַכט ווערן ווי די אָפֿיציעלע דערקלערונג פֿון דער דעמאָלט־פֿאַרמירטער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער פֿאָרמולירט דאָרט ברייטלעך די נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבע פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם: צו באַשאַפֿן די באַדינגונגען פֿאַר דער פֿונאַנדערבליאונג פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט און געבן פֿרײַע מעגלעכקײַטן די שעפֿערישע כּוחות פֿון דעם געשיכטלעך־מערקווירדיקן ייִדישן פֿאָלק. ער זעט ניט אין דעם קיין שום סתּירה צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, אויף וועמענס רויטער פֿאָן ס׳איז אויפֿגעשריבן: „נאַציאָנאַלע פֿרײַהײַט און ברייטע מעגלעכקײַטן פֿאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור פֿון אַלע אונטערדריקטע פֿעלקער״. חוצדעם ברענגט ער

אַרויס אין יענעם אויפֿרוף די גערוואַלדיקע אומוויסנקייט פֿון די ברייטע יידישע מאַסן, וואָס דער סאָציאַליסטישער ציוניזם דאַרף באַקעמפֿן; ווי אויך די אומנאָרמאַלע עקאָנאָמישע לאַגע פֿון יידישן פֿאָלק, וועמען די פֿײַנטלעכע פֿעלקער האָבן ניט צוגעלאָזט צו קיין פּראָדוקטיווער אַרבעט. ער טרעט דאָרט אַפֿילו אַרויס זייער שאַרף קעגן דעם בירגער־לעכן ציוניזם, וואָס האָט זיך אין זײַן נאַציאָנאַלן אידעאַל ניט אויפֿגע־הויבן געגנוג הויך. אַ באַזונדערע פּאַרציע קריגן דאָרט די רבנים און דער גאַנצער יידישער קלעריקאַליזם, וועלכע ווילן האַלטן די מאַסן אין „פֿינצטערניש״.

דער אויפֿרוף פֿאַרענדיקט זיך מיט די פֿאָלגנדיקע דרײַ גרונט־אויפֿ־גאַבעס אויף צו פֿאַרענטפֿערן די יידן־פֿראַגע:

1. די נייטיקייט פֿון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע פֿון די יידישע מאַסן אין די לענדער, וואו זיי געפֿינען זיך.
2. די נייטיקייט פֿון אַ סאָציאַליסטישער מלוכה אין ארץ־ישראל און אין אירע שכנותדיקע לענדער.
3. די נייטיקייט פֿון קאַמף קעגן דעם יידישן קלעריקאַליזם און אים אויסבײַטן אויף אַ סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלער אידייע.

אויף אַזאַ אופֿן קען סירקין באַטראַכט ווערן ווי דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג פֿון בויען אַ סאָציאַליסטישע געזעל־שאַפֿט אין ארץ־ישראל.

אין יענער תּקופֿה האָט זיך סירקין לגמרי ניט גערעכנט מיט די פֿאַקטישע עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען (ריכטיקער: שוועריקייטן און אוממעגלעכקייטן) אויף צו רעאַליזירן דעם דאָזיקן אידעאַל. סירקין איז בכלל געווען אַן אידעאַליסט, און אַזאַ איז ער פֿאַרבליבן זײַן גאַנץ לעבן. ער איז צום דאָזיקן עניין צוגעגאַנגען פֿילאָסאָפֿיש: ער האָט געהאַלטן, אַז דער ווילן פֿון מענטשן איז די וויכטיקסטע טרײַבקראַפֿט און דער דעצידירנדיקער פֿאַקטאָר אין געשיכטע.

די דאָזיקע אידייע אַנטוויקלט סירקין ברייטלעך אין אַ בוך, וואָס איז דערשינען נאָך אין 1896 אונטערן נאָמען „געשיכטס־פֿילאָסאָפֿישע באַטראַכטונגען״. סירקין האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט פּסיכאָלאָגישע שטודיעס און אָנגעשריבן אַ בוך „שפּירונג און פֿאַרשטעלונג״, וואָס די פֿילאָסאָפֿישע געזעלשאַפֿט אין דער שווייץ האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1903. ווי אַ קולטור־מענטש פֿון גרויסן פֿאַרנעם האָט סירקין געלייגט גרויס געוויכט אויף קולטור־פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון. דאָס גיט אונדז,

אַגבֿ, אַ שליסל צו פֿאַרשטיין אַ סך פֿון סירקינס געדאַנקען. דער עיקר אָבער זײַנען די דאָזיקע צוויי ווערק אַ שטאַרקע קריטיק אויפֿן מאַרק־סיזם, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַ ריזיקע השפּעה אויף אַ גרויסן טייל פֿון דער ראַדיקאַלער יוגנט אין אייראָפּע.

ווי באַוואוסט, איז דער קווינט־עסענץ פֿון מאַרקסיזם דער „היסטאָ־רישער מאַטעריאַליזם״, וואָס איז באַזירט אויף דער הנחה, אַז דער סאָציאַליזם איז אַ היסטאָרישע נייטיקײַט און וועט פֿאַרווירקלעכט ווערן אויף אַ סטיכישן פּראָצעס. סירקין איז קיינמאָל ניט געווען קיין מאַרק־סיסט און האָט ניט געגלויבט אין סטיכישע פּראָצעסן. לויט סירקינען ווירקן אין געשיכטע די מאַכט פֿון דער אידייע און דער מענטשלעכער ווילן, דאָס הייסט: דאָס אָביעקטיווע דענקען און דאָס סוביעקטיווע פֿילן. סירקין האָט אויך ניט געגלויבט אין „קלאַסן־קאַמף״, וואָס איז געווען דער שטיצפּונקט פֿון מאַרקסיזם אויף צו צעברעכן דעם קאַפּיטאַליזם און בויען די סאָציאַליסטישע, אָדער קאָמוניסטישע, געזעלשאַפֿט. ער איז גיכער געווען אַן אָנהענגער פֿון האַרמאָניע אין דער געזעלשאַפֿט. דער עיקר אָבער האָט סירקין אָפּגעוואָרפֿן דעם עצם געדאַנק פֿון מאַרקסן, אַז אין געשיכטע ווירקן הויפּטזאַכלעך מאַטעריאַליסטישע אינטערעסן. סירקין איז געווען אַן עטישער סאָציאַליסט און האָט געשעפּט זײַן סאָצי־אַליזם פֿון דער ייִדישער תּורה און פֿון די נבֿיאים; הגם פֿון דער צוויי־טער זײַט, האָט סירקין דורך זײַן סאָציאַליסטישן ציוניזם געוואָלט לייזן אויך די פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער מאַטעריעלער אָרעמקײַט.

ווען מיר איצטער דערמאָנען אין קורצן נאָך אַ טעאָרעטיקער פֿון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי, אַ שעפֿערישער גײַסט, ממש אַ גאון, וועלכער איז יונג אַוועק פֿון דער וועלט (צו 36 יאָר) — און ער איז גראָד יאָ געווען אַן איבערצײַגטער מאַרקסיסט — דאָס איז בער באָראָכאָוו. דאָס באַווײַזט, אַגבֿ, אַז די פּועלי־ציון פּאַרטיי איז געווען זייער אַ ליבעראַלע באַוועגונג, וואָס אין איר מיט האָבן געקענט הויזן צוויי, דאַכט זיך, אַנט־קעגנגעזעצטע וועלט־אַנשויאונגען. באָראָכאָווס פּאָליטישע אָריענ־טאַציע איז אַן צווייפֿל געווען אַ מאַרקסיסטישע: ער האָט ווי מאַרקס גע־גלויבט אין דער היסטאָרישער נייטיקײַט פֿון סאָציאַליזם און געהאַלטן פֿון סטיכישן פּראָצעס. ניט מער, ער האָט צוגעפּאַסט זײַן מאַרקסיזם צו דער ייִדישער ווירקלעכקײַט: היות ווי צוליב רדיפֿות און אונטער־דריקונג האָט זיך בײַ ייִדן ניט געקענט אַנטוויקלען קיין פּראָלעטאַריאַט, איז דערפֿאַר נייטיק פֿאַר ייִדן אַ מדינה אין זייער היסטאָרישן היימלאַנד,

פּאַלעסטינע, ווי אַ פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַזע אויף צו אַנט־וויקלען דאָרטן אַן אַרבעטער־קלאַס, מיט אַ קלאַסן־באַוואוסטזײַן, וואָס זאָל צוזאַמען מיטן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט קעמפֿן קעגן דער ייִדישער און וועלט־בורזשואַזיע כּדי אומצואוואַרפֿן דעם קאַפּיטאַליזם און אויפֿבויען אַ פֿרײַע, קלאַסנלאָזע, סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט.

כאַראַקטעריסטיש, וואָס כאַטש סירקין און באָראָכאָוו האָבן, דאַכט זיך, פֿאַרטראַטן צוויי קעגנגעזעצטע שטאַנדפּונקטן בנוגע אַזאַ קאַרדי־נאַלן ענין, ממש צוויי להיפּוכדיקע אידעאָלאָגיעס, פֿונדעסטוועגן האָט סירקין אין 1917 אָנגעשריבן זייער אַ וואַרעמע און זאַכלעכע אָפּשאַצונג אין „ייִדישן קעמפֿער״ אויפֿן פֿרישן קבֿר פֿון בער באָראָכאָוו — זיי זײַנען ביידע געווען אידעאַליסטן און עטישע פּערזענלעכקייטן, מיט קעגנ־זײַטיקן חבֿרישן רעספּעקט איינער צום צווייטן.

סירקין, ווי דערמאָנט, איז ניט געווען קיין מאַרקסיסט. דער סאָציאַ־ליסטישער ציוניזם איז פֿון אים באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נייטיקייט ניט בלויז פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער ייִדישער מאַטעריעלער נויט, נאָר אויך פֿון דער ייִדישער קולטור־נויט. הגם דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פֿאַק־טאָר האָט אין סירקינס וועלט־באַנעם פֿאַרנומען גאָר אַ וויכטיק אָרט: די מאַטעריעלע אָרעמקייט פֿון די ייִדישע מאַסן, זייער רעכטלאָזיקייט, די ייִדישע וואַנדערונגס־פּראָבלעם, אַנטיסעמיטיזם בכלל — זײַנען בײַ אים געשטאַנען אין סאַמע פֿאָדערגרונט פֿון זײַן פּראָגראַם. אָבער אַחוץ עקאָ־נאָמישע פֿאַקטאָרן דאַרף, לויט סירקינס אײַנשטעל, דער סאָציאַליזם אויך האַלטן פֿאַר אַ הויפּט־צוועק די קולטורעלע דערהייבונג און די פֿאַרבעסערונג פֿון די עטישע באַציאונגען פֿון דער מענטשהייט.

סירקין איז אין יענע יאָרן געווען ניט נאָר אַ טעאָרעטיקער, נאָר אויך זייער אַן אַקטיווער טוער פֿאַר דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג: ער איז אַרומגעפֿאָרן אומעטום, האָט געהאַלטן לעקציעס, געפֿירט דיסקוסיעס, צי אין לאָנדאָן, באַזעל, אָדער אין בערלין. אין 1903 האָט ער אין בערלין געגרינדעט די ראַדיקאַל־ציוניסטישע גרופּע „חרות״ און האָט אַרויסגעגעבן די זאַמל־העפֿטן „המון״ אויף ייִדיש, און „השחר״ אין העברעיִש.

ווי אַ פּאַרטיי־פֿירער איז זײַן רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט געוואָרן אַלץ שטורמישער, ביז די רעגירונג האָט אים געצוואונגען צו פֿאַרלאָזן דײַטשלאַנד. האָט ער זיך מיט זײַן פֿרוי און קינד באַזעצט אין פּאַריז. אָבער ניט אויף לאַנג. ווײַל גלײַך נאָכן אויסברוך פֿון דער רוסישער

רעוואָלוציע אין 1905 האָט ער זיך אומגעקערט מיט זײַן פֿאַמיליע קיין רוסלאַנד און האָט זיך דאָרטן אַרײַנגעוואָרפֿן מיט לײַב און לעבן אין פּאָליטישן קאַמף. ער איז געפֿאָרן פֿון צענטער צו צענטער כּדי צו אַגיטירן פֿאַר דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער פּאַרטיי. ער איז אַפֿילו געווען אַ קאַנדידאַט צו דער „דומע״. אָבער מחמת ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, איז זײַן קאַנדידאַטור גלײַך געפּסלט געוואָרן פֿון דער רעגירונג.

צוליב די באַנײַטע פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון דער צאַרישער רעגירונג קעגן ייִדן, באַלד נאָך דער „רעוואָלוציע״, האָט סירקין געמוזט פֿאַרלאָזן רוסלאַנד. אין 1907 קומט ער קיין אַמעריקע כּדי צו רעדאַגירן „דאָס פֿאָלק״, די צײַטונג פֿון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן („עס טי״).

ס׳איז כּדאַי צו וויסן, אַז אין יענער צײַט איז סירקין שוין געווען אַ „טעריטאָריאַליסט״. נאָך אין 1903, בײַם זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, בעת ס׳איז פֿאָרגעקומען די שפּאַלטונג צווישן די ציוני־ציון און די אוגאַנדיסטן, האָט סירקין אין נאָמען פֿון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פֿראַקציע אָפּגעגעבן די באַרימטע דעקלאַראַציע, אַז אַ טעריטאָריע פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק שטייט העכער פֿון אַלע היסטאָרישע טראַדיציעס און טרוימען וועגן ארץ־ישׂראל. פֿאַר סירקינען און זײַן פֿראַקציע איז אין יענעם מאָמענט געווען דער עיקר צו ראַטעווען דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון אונטערגאַנג. עס איז ניט קיין חילוק. וואו די טעריטאָריע זאָל ניט זײַן: די ייִדישע תּורה, די ייִדישע עטיק, דער ייִדישער גײַסט, זײַנען ניט געבונדן דווקא מיטן געאָגראַפֿישן מקור. אונדזער נאַציאָנאַלע פֿרײַהײַט און אונדזער קולטור קאָנען אויפֿבליען אומעטום, וואו נאָר מיר האָבן אונדזער סבֿיבֿה און פֿולע אויטאָנאָמיע. די „פּועלי־ציון״ אָבער זײַנען געבליבן שטאָל־און־אײַזן „פּאַלעסטינצעס״. אויך סירקין האָט שפּעטער געביטן זײַן מיינונג, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די פּועלי־ציון.

מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1909, נאָך דער פֿאַראייניקונגס־קאָנפֿערענץ אין שיקאַגע, האָט זיך סירקין אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי פּועלי־ציון. דעמאָלט הייבט זיך אָן פֿאַר סירקינען אַ נײַ און רײַך קאַפּיטל. ער איז באַלד געוואָרן אַ געטרײַער און אײַנפֿלוסרײַכער פֿירער.

לויט יצחק זאַרס מיינונג, איז סירקין געווען „די נשמה פֿון דער פּאַרטיי, דער גלאַנץ בײַ אירע צוזאַמענפֿאָרן, דער טריבון פֿון אירע לאָזונגען און דער אומדערמידלעכער, פֿײַערדיקער, רעוואָלוציאָנערער

קעמפֿער און ענערגישער טוער אויף אַלע געביטן פֿון איר רײַכער געזעלשאַפֿטלעכער ייִדיש־פּאָליטישער טעטיקײַט״. ס׳איז דעמאָלט געווען די צײַט, ווען די פּועלי־ציון פּאַרטיי אין אַמעריקע איז געגאַנגען באַרג־אַרויף: די מיטגלידערשאַפֿט האָט זיך באַדײַטנדיק פֿאַרגרעסערט, אַ צאָל אָנגעזעענע ייִדישע שרײַבערס האָבן זיך אין איר אָנגעשלאָסן. ס׳איז אַפֿילו געבאָרן געוואָרן אַ פּלאַן (וואָס איז אינגיכן פֿאַרווירקלעכט געוואָרן) אויף אַרויסצוגעבן אַן אייגענע טעגלעכע צײַטונג אונטער דער רעדאַקציע פֿון דוד פּינסקי. „די צײַט״ איז געווען דער נאָמען אירער און איז געווען אָנערקענט פֿאַר איינער פֿון די בעסטע און ערנסטערע ייִדישע צײַטונגען איבער דער וועלט. זי האָט אָבער קיין אַריכת־ימים ניט געקענט האָבן צוליבן דוחק אין פֿינאַנצן.

סירקין האָט אַגבֿ אויך געהאָלפֿן פֿאָרמולירן דעם לאָזונג פֿון אַ „ייִדישן קאָנגרעס״, וואָס זאָל זײַן די רעפּרעזענטאַנץ פֿון ייִדישן פֿאָלק און פֿאָדערן נאַציאָנאַלע און בירגערלעכע רעכט בײַ די פֿעלקער בכלל און בײַ דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפֿט בפֿרט.

סירקין דער אידעאַליסט און אָפּטימיסט האָט געגלויבט און געהאָפֿט, אַז די וועלט־מלחמה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין 1914, איז אַ קאַמף צווישן פֿינצטערניש און ליכט, צווישן רעאַקציע און פּראָגרעס, און אַז אויף די חורבֿות פֿון קריג וועט באַשאַפֿן ווערן אַ נײַע און בעסערע מענטשהײַט. דערפֿאַר טאַקע האָט ער מאָראַליש געשטיצט די מלחמה.

סירקין איז געפֿאָרן צום שלום־קאָנגרעס. און דאָרטן, אין פֿראַנק־רײַך, האָט ער אַפּעלירט דורך וואָרט און שריפֿט צו די ניט־ייִדישע אַרבעטער־סאָציאַליסטן צו העלפֿן זייערע ייִדישע חבֿרים צו קריגן נאַציאָנאַלע און בירגערלעכע רעכט אין אַלע לענדער, וואו זיי וואוינען.

סירקין דער סאָציאַליסט־ציוניסט איז אַ געוויסע צײַט אַפֿילו געווען אַ באַוואונדערער און פֿאַרערער פֿון רוסישן קאָמוניזם. דער העראָישער פֿאַרנעם פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע איבערצובויען די וועלט מיטן כּוח פֿון ווילן האָט אים אָנגעפֿילט מיט ענטוזיאַזם. זײַן אייגענער סאָציאַ־ליזם איז אייגנטלעך געווען אַ קאָמוניסטישער: „אַלע לויט פֿעיִקײַט און יעדערער לויט זײַן באַדערפֿעניש״. אויך זײַן ציוניזם איז געווען אַ קאָמוניסטישער: ער איז געווען באַגײַסטערט פֿון דער ארץ־ישׂראל־דיקער ווירטשאַפֿט אין יענער צײַט, וועלכע איז געווען באַזירט אויף סאָציאַל־קאָאָפּעראַטיווע יסודות.

סירקין איז זײַן גאַנץ לעבן געבליבן אַן אידעאַליסט. די 17 יאָר לעבן אין דער „מאַטעריאַליסטישער״ אַמעריקע, וואו פּערזענלעכער „תּכלית״ איז אַ קולט, האָבן אויף אים קיין שליטה ניט געהאַט. כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַ טאָג פֿאַר זײַן פּטירה האָט ער אין זײַן „צוואה״ צו זײַן פֿרײַנד ד״ר טשערנאָוויץ („רבֿ צעיר״) זיך אויסגעדריקט: „האמונה בכוח עם ישׂראל זוהי האמונה בכוח הרוח של העולם״ („דער גלויבן אין דער קראַפֿט פֿון ייִדישן פֿאָלק איז דער גלויבן אין דעם גײַסטיקן כּוח פֿון דער וועלט״). די ווידעראויפֿלעבונג פֿון דער ייִדישער אידייע ווי אַן אוניווערסאַלע אידייע איז געווען סירקינס פֿילאָסאָפֿיע זײַן גאַנץ לעבן.

ווי מיר האָבן נאָך אין אָנהייב באַמערקט, איז סירקינס געדאַנקען־וועלט געווען אַ רעזולטאַט פֿון זײַן אײַנגעוואָרצלטקײַט אין ייִדישקײַט נאָך פֿון זײַנע קינדער־יאָרן און פֿון זײַן שטענדיקן פֿאַרטיפֿן זיך אין די ייִדישע קולטור־אוצרות, פֿון וועלכע ער האָט תּמיד געשעפּט תּורה און וויסן. ער איז געווען אַן אייביקער סטודענט פֿון ייִדישקײַט. אָבער ער האָט אויך געהאַט אַ זעלטענעם מורה־דרך, אַ גרויסן לערער, אַ געניאַלן ייִדישן דענקער, וועלכער האָט געלעבט מיט אַ דור פֿאַר אים — מאָזעס העס.

סירקין האָט בײַ פֿיל געלעגנהײַטן געשריבן און גערעדט מיט גרויס באַגײַסטערונג און ענטוזיאַזם וועגן דער אידייען־וועלט און פֿילאָסאָפֿישע ווערק פֿון משה העס. ער האָט אויך איבערגעזעצט אין ייִדיש העסעס באַרימט ווערק „רוים און ירושלים״, אין וועלכן העס קומט צוריק, נאָך פֿיל יאָרן פֿון אָפּגעפֿרעמדטקײַט, צו זײַן פֿאָלק ישׂראל מיט היפּכע געדאַנקען וועגן ייִדישקײַט און ייִדישן סאָציאַליזם. סירקין גיט אויך אַ לענגערן אַרײַנפֿיר (פֿון קנאַפּע 60 זײַטן) צום דאָזיקן ווערק. דער דאָזיקער אַרײַנפֿיר איז אַ פּרעכטיק־אַנאַליטישע אינטערפּרעטאַציע פֿון העסעס טיפֿזיניקע מחשבֿות.

וואָס ווייסן מיר וועגן משה העס? — לאָמיר זען, וואָס נחמן סירקין קאָמענטירט וועגן אים. קודם־כּל, אַ קליין ביסל ביאָגראַפֿישע אינפֿאָרמאַציע, טאָקע ווי סירקין גופֿא גיט איבער (מיט קליינע שפּראַכלעכע שינויים):

געבאָרן געוואָרן איז מאָזעס העס אין יאָר 1812, אין באָן, בײַ רעליגיעזע עלטערן, וועלכע האָבן געשטאַמט פֿון פּוילן. ער איז אויפֿגעוואַקסן אין אַ שטרענג־פֿרומער ייִדישער אַטמאָספֿער, וועלכע איז געווען אָנגעפֿילט מיט תּורה, יחוס און יראת־שמים. אין זײַן יוגנט האָט

ער געלערנט בלויז ייִדישקייט. ער איז אָבער גיך אַריבער צו וועלט־לעכער בילדונג. אין 1830 איז ער אַריינגעטראָטן אין באָנער אוניווער־סיטעט. אין יענער אומרואיקער צייט איז ער מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פֿון דער „אָפּאָזיציע צו דער רעאַקציע״ און האָט איבערגעריסן זיין שטודיום. זיין פֿאָטער האָט געוואָלט פֿון אים מאַכן אַ סוחר. אָבער ער פֿאָרט בעסער אַרום אין לאָנדאָן און אין פּאַריז. ער איז פֿול מיט שעפֿערישע אידייען וועגן פֿאַרבעסערן די וועלט. צו 25 יאָר איז ער שוין אַ זעלבסטשטענדיקער דענקער. אין 1837 גיט ער אַרויס זיין ערשט ווערק: „די הייליקע געשיכטע פֿון דער מענטשהייט״. אין 1840 האָט ער חתונה מיט אַ קריסטין און איז אויף תּמיד אָוועק פֿון זיינע עלטערן. ער האָט זיך אינגאַנצן געווידמעט דער אידייע פֿון איבערבויען די געזעל־שאַפֿט.

פֿון געשיכטס־פֿילאָסאָפֿיע גייט ער אינגיכן איבער צו פּאָליטישער וויסנשאַפֿט. אין יאָר 1841 גיט ער אַרויס זיין „אייראָפּעישע טריאַרכיע״, וועגן אַ פֿאַרייניקונג פֿון דייטשלאַנד, פֿראַנקרייך און ענגלאַנד. פּאָ־ליטיק איז ביי אים פֿאַרבונדן מיטן גייסט פֿון געשיכטע, און די פּאָ־ליטישע פּראָבלעמען זיינען ביי אים גייסטיק־קולטורעלע פּראָבלעמען.

באַלד דערנאָך לאָזט זיך העס אַראָפּ פֿון הימל פֿון פֿילאָסאָפֿיע אויף דער ערד פֿון רעוואָלוציע און קאַמף. צוזאַמען מיט מאַרקסן און ענגעלסן ווערט ער דער פֿירער פֿון דער אייראָפּעישער רעוואָלוציע. ער אַרבעט צוזאַמען מיט מאַרקסן אין דער רעוואָלוציאָנערער „ריינישער צייטונג״. ער פֿאַרעפֿנטלעכט זיין „פֿילאָסאָפֿיע דער טאַט״, אַ האַלב־אַנאַרכיסטישע פֿילאָסאָפֿיע. ער ווערט אַ מיטאַרבעטער פֿון מאַרקסעס דייטש־פֿראַנצייזישע „יאַרביכער״. ער גיט אַרויס צוזאַמען מיט ענגעלסן סאָציאַליסטישע צייטונגען. אָבער ער בלייבט אַלץ טיף דער „ייִדיש־פֿילאָסאָפֿישער גייסט״.

אין 1848 ווערט העס פֿאַרמשפּט פֿון דער דייטשער רעגירונג צוליב זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, און ער מוז אַנטלויפֿן פֿון דייטש־לאַנד. ער ווערט אַפֿילו מיט חוזק אָפּגעלאַכט פֿון מאַרקסן אין „קאָמוניס־טישן מאַניפעסט״ ווי אַ „פֿילאָסאָפֿישער סאָציאַליסט״.

נאָך דער רייכער, אינטערעסאַנטער לעבנס־באַשרייבונג קומט פֿון סירקינען אַ צאָל סך־הכּולדיקע פֿאַרצייכענונגען וועגן העסעס גייסטי־קער וועלט. אָט זיינען עטלעכע פֿון זיי:

1. אין „די הייליקע געשיכטע פֿון דער מענטשהייט״ שוועבט פֿאַר

העסן דער געדאַנק, אַז די מענטשלעכע געשיכטע איז אַ הייליקע, וועלכע פֿאַרווירקלעכט אין איר גאַנג די גרויסע מאָראַלישע אידייע פֿון ליבע און פֿרײַהײַט. איר ציל איז דער רעפֿאָרמירטער שטאַט, די מלוכה אויף די יסודות פֿון גערעכטיקײַט.

2. אין זײַן „איראָפּעיִשע טריאַרכיע" רעדט העס וועגן אַ פֿאַר־אייניקונג פֿון: דײַטשלאַנד, פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד צוליב דעם העכערן פּראָגרעס פֿון דער מענטשהײַט.

3. שפּעטער־צו וואַכט־אויף בײַ העסן דער ייִדישער הייליק־רעלי־גיעזער גײַסט. דעם שטויס דערצו האָט אים געגעבן, פֿון איין זײַט, דער דמשׂקער בלוט־בלבול (פֿון 1840), און פֿון דער צווייטער זײַט, דער איטאַליעניִשער באַפֿרײַאונגס־קריג (אין 1861), ד. ה. די נאַציאָנאַלע ווידעראויפֿלעבונג פֿון רוים. לויט העסעס חשבון קומט אויס, אַז נאָך דער נאַציאָנאַלער באַפֿרײַאונג פֿון רוים דאַרף קומען די נאַציאָנאַלע באַפֿרײַאונג פֿון ירושלים. אין 1862 איז העס דערפֿאַר אַרויס מיט זײַן טיפֿזיניקן בוך „רוים און ירושלים", אַן אָפּהאַנדלונג פֿון ייִדישער געשיכטס־פֿילאָסאָפֿיע, געשריבן אין דער פֿאָרם פֿון 12 בריוו צו אַ פֿרײַנדין, אין וועלכע ער דערקלערט זײַנע נײַע באַטראַכטונגען וועגן ייִדנטום: די ייִדישע רעליגיע איז אַ סאָציאַל־מאָראַלישע; דאָס פֿאָלק ישׂראל איז אַן איינהײַט — אַלע זײַנע קינדער זײַנען פֿאַרבונדן און פֿאַרייניקט צווישן זיך אין איין אָרגאַניזם — דער איינצלנער איז פֿאַר־שלונגען אין דער פֿאַמיליע, די פֿאַמיליע אין פֿאָלק, דאָס פֿאָלק אין דער מענטשהײַט.

4. אויף אַזאַ אופֿן קען משה העס פֿאַררעכנט ווערן ווי דער ערשטער ייִדישער געשיכטס־פֿילאָסאָף. אין דער עכטער אַסימילאַציע־עפּאָכע הייבט ער אויף זײַן קול פֿאַרן ייִדישן נאַציאָנאַליזם, פֿאַר ייִדישער זעלבסטשטענדיקײַט אין ארץ־ישׂראל. הייסט עס, אַז דער אַנטדעקער פֿון סאָציאַליסטישן ייִדנטום איז אויך געווען דער אייגנטלעכער באַגרינדער פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

* * *

פֿון אים, פֿון משה העסן, גלויבט דער שרײַבער פֿון די שורות, ווי עס גלויבן אַנדערע, איז נחמן סירקין שטאַרק באַאײַנפֿלוסט געוואָרן מיט יאָרן שפּעטער, און האָט עס געמאַכט פֿאַר זײַן הייליקער שליחות צו העלפֿן פֿאַרווירקלעכן אָט־דידאָזיקע ייִדיש־נאַציאָנאַלע פֿילאָסאָפֿיע אין לעבן.

קומען מיר לסוף צו דער פֿראַגע: איז סירקין געווען אַן ענגער פּאַרטיי־מענטש? — ניין! ער איז געשטאַנען העכער, איבער דער פּאַרטיי־דיסציפּלין.

סירקין איז בלי־ספק געווען אַן אינטעלעקטואַל פֿון אַ העכערער מדרגה. אמת, ער איז גאַנץ אָפֿט ניט געווען לאָגיש אויסגעהאַלטן. אָבער ער איז ניט נתפּעל געוואָרן פֿון לאָגישע אַרגומענטאַציעס. דערפֿאַר איז ער פֿול געווען מיט צאַרטע שטימונגען און זייער אויפֿריכטיקע כּוונות. ער איז בכלל געווען קעגן דאָגמאַטישע אײַנשטעלונגען און ער איז גאַנץ אָפֿט ניט געווען אויסגעהאַלטן מיט זײַנע מאָמענטאַלע אָפּרופֿן אויף געוויסע געזעלשאַפֿטלעכע דערשײַנונגען. אָבער די אידייע פֿון אַ שענערער וועלט, אַ גערעכטער וועלט, אַ וועלט פֿון צדק און יושר, האָט תּמיד באַגלייט זײַנע מיינונגען און האַנדלונגען. גײַסטיקע ווערטן, עטישע פּרינציפּן, גערעכטיקײַט פֿאַר אַלעמען — פֿאַר דידאַזיקע שיינע אידעאַלן איז סירקין תּמיד געווען גרייט צו קעמפֿן מיטן פֿולן טעמפּע־ראַמענט זײַנעם, מיט האַרץ און נשמה. דערפֿאַר האָבן אים די חבֿרים פֿון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי אַלעמאָל רעספּעקטירט, כאָטש ער איז ניט שטענדיק געגאַנגען „אין שפּאַן" פֿון דער באַוועגונג.

(פֿון אַ רעפֿעראַט בײַ אַ קולטור־מסיבה פֿון צ. א. פּ. 25)

ג) די „גאָלדע־לעגענדע"

די גאָלדענע גאָלדע איז שוין פֿון אונדז אַוועק, און די „ליבלינג" פֿון צווישן די סאַמע געהויבענע שאַפֿערס און בויערס פֿון ייִדישן ישובֿ אין מדינת־ישׂראל איז שוין מער ניטאָ מיט אונדז. געבליבן איז אונדז בלויז די „לעגענדע" אירע און איר שיינע רײַכע מיסטעריעזע פּערזענ־לעכקײַט.

דאַכט זיך, אַלע האָבן זי געקענט, אַלע האָבן זי געזען, אָדער געהערט וועגן איר, און אַלע האָבן באַוואונדערט איר פּערזענלעכקײַט און איר פּאָפּולאַריטעט. אין אַלע אירע וויכטיקע מלוכהשע און געזעל־שאַפֿטלעכע שליחותן, אײַנגעשלאָסן אירע פֿעיִקײַטן צו שאַפֿן קאָלאָ־סאַלע פֿינאַנצן פֿאַר דער מלוכה, האָט זי זיך אַקטיוו באַטייליקט און האָט אַלעמען באַצויבערט מיט איר אומפֿאַרגלײַכלעכן שׂכל־הישר, מיט איר טאַקט, מיט איר הייליקער איבערגעגעבנקײַט אין אַלע אירע געזעל־

שאַפּטלעכע מיסיעס. זינט זי איז צו איר שׂכל געקומען, האָט זי מיט פֿײַערדיקן גלויבן געדינט דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם.

די גאַנצע גאָלדע־ביאָגראַפֿיע לייענט זיך ווי אַ לעגענדע. כאָטש פֿון אויבן־אויף איז זי דורכגעגאַנגען דעם זעלבן גורל פֿון הונדערטער טויזנטער אַנדערע ייִדישע קינדער אין צאַרישן רוסלאַנד בײַם אָנהייב פֿון איצטיקן יאָרהונדערט מיט פּאָגראָמען־שרעק, מיט צעריסענע פֿאַמיליעס. ס'איז, אַגבֿ, אויסער ספֿק, אַז איר אויטאָביאָגראַפֿיע („חיַי"), כאָטש געשריבן אָן ליטעראַרישע „פֿליטערלעך", איז אַ גרויס און וויכטיק ווערק, וואָס וועט יאָרן־לאַנג גענוצט ווערן ווי אַ „רעפֿערענץ־בוך", כדי דערפֿון צו פֿאָרשן איר מיסטעריעזע פּערזענלעכקײַט. — אַ קלייניקײַט?

אַ ייִדיש מיידל פֿון דורכשניטלעכע באַלעבאַטישע עלטערן האָט יונגערהייט געדאַרפֿט מגולגל ווערן ווי אַן אָפּגעראַטעוועטע פֿון אַ צעבראָכן ייִדיש לעבן אַזש קיין אַמעריקע — אין אַ לאַנד, וואו אײַנגעוואַנדערטע ייִדן האָבן ערשט געדאַרפֿט אויפֿסנײַ אויפֿבויען אַ באַנײַט ייִדיש לעבן — איז זי אין אַזאַ סבֿיבֿה גיך אויסגעוואַקסן צו אַ פּערזענלעכקײַט מיט זעלבסטשטענדיקע געדאַנקען און אייגנאַרטיקע געפֿילן, מיט אינדיווידועלע כאַראַקטער־שטריכן און זעלטענעם גײַסטיקן ווילן. אַזוי אַז ווען זי איז קוים אַלט געווען 15 יאָר, איז זי שוין געגאַנגען אויף אייגענע וועגן. ווען איר פֿאָטער דערוויסט זיך, אַז זי דאַרף אויפֿטרעטן ווי אַ רעדנערין בײַ אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון יונגע פּועלי־ציון אין מילוואָקי, איז ער געקומען צולויפֿן מיט דער דעה זי פֿאַר די צעפּ אַראָפּצורײַסן פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע. לסוף איז ער אַליין באַגײַסטערט געוואָרן פֿון איר רעדנער־קראַפֿט און האָט געשטוינט . . .

אין גיכן האָט זי חתונה געהאַט מיט איר באַשערטן מאיר מאירסאָן און זײַנען ביידע אין 1921 אַוועק קיין „פּאַלעסטינע" כדי צו העלפֿן דאָרטן אויפֿבויען אַ ייִדיש לאַנד אויפֿן יסוד פֿון סאָציאַליסטישן ציוניזם. וועלכע כּוחות האָבן זיי דערצו געטריבן? זיכער ניט, קיין געדאַנקען פֿון ביכער, אָדער לעקציעס. נאָר גיכער פֿון אַלץ אַן „אינערלעכער דראַנג", וואָס ס'איז שווער צו דעפֿינירן.

פּונקט ווי גאָלדע איז געווען באַשיידן אין לעבן און האָט אויסגעמיטן אויף אַרויסצושטעלן איר פּערזענלעכקײַט אין צענטער, אַזוי איז זי געווען אין איר אויטאָביאָגראַפֿיע. אין ערגעץ שטעלט זי זיך ניט אַרויס ווי אַ „העלדין", נאָר זי דערציילט מיט אייגנטלעכן חן דבֿרים כּהווייתם.

(ענלעך אַזוי האָט מיט יאָרן פֿריער באַשריבן גאָלדעס לעבן מארי סירקין אין איר בוך וועגן גאָלדען). מ'האָט געדאַרפֿט קענען גאָלדען כּדי אָפּצו־שאַצן אַזאַ פּשוטקייט, אַזאַ נאַטירלעכקייט, כאָטש זי איז שוין געווען וועלט־באַרימט. כאַראַקטעריסטיש, הגם זי האָט קיינמאָל אין אוניווער־סיטעטן ניט שטודירט קיין „פּאָליטיקל סײַענס", פֿונדעסטוועגן האָבן די גרעסטע וועלט־שטאַטסלײַט און הויכע דיפּלאָמאַטן ניט אויפֿגעהערט צו באַוואונדערן איר חכמה און קלוגשאַפֿט אין וועלט־פּאָליטיק. אַפֿילו די אַפֿריקע־אַזיאַטישע פֿרויען האָבן אויס ליבע צו גאָלדען בײַ איר געבעטן זיי צו דערלויבן יענעם יאָר, ווען זי איז בײַ זיי געווען אויף אַ באַזוך, אַ נאָמען צו געבן זייערע נײַ־געבאָרענע קינדער „גאָלדע".

איר אייגן לאַנד האָט זי יאָרן־לאַנג געדינט אין פֿאַרשיידענע קאַפּאַציטעטן: ערשטער אַמבאַסאַדאָר אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, פּאַרטיי־סעקרעטאַרין, אויסערן־מיניסטער, פּרעמיער־מיניסטער, אַמבאַ־סאַדאָרין אין דער יו־ען. און אומעטום איז זי געווען טאַקטפֿול, ענערגיש, קעמפֿעריש, מיט אומפֿאַרגלײַכלעכער ליבע צו ארץ־ישׂראל און עם־ישׂראל. אַגבֿ, אַפֿילו די אָפּאָזיציאָנערע פּאַרטייען אירע האָבן געשאַנעוועט איר כּבֿוד און פֿון איר געהאַלטן אַ וועלט. זיי פֿלעגן בלויז קעמפֿן קעגן דער פּראָגראַם פֿון איר פּאַרטיי, אָבער זעלטן־ווען קעגן גאָלדען פּערזענלעך.

עס איז דאָ, אַגבֿ, דאָס פּלאַץ צו דערמאָנען, אַז צו אַלע זײַנע גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר מדינת־ישׂראל דאַרף מען דעם מדינה־אַרכיטעקט בן־גוריונען געבן דעם פֿאַרדינטן קרעדיט אויך פֿאַר זײַן „אַנטדעקן" גאַנץ פֿרי גאָלדעס פֿאַרשיידנאַרטיקע טאַלאַנטן און אַרײַנציִען זי אין די וויטאַלסטע געביטן פֿון דער מדינה און איר איבערגעבן די געפֿער־לעכסטע און פֿאַראַנטוואָרטלעכסטע מיסיעס אויף צו ראַטעווען קאָמפּליצירטע מדינה־סיטואַציעס. אַ בײַשפּיל: באַלד אויף מאָרגן נאָך דער „דעקלאַראַציע" האָט בן־גוריון גלײַך געשיקט גאָלדען קיין אַמע־ריקע כּדי צו שאַפֿן בײַ די דאָרטיקע ייִדן 25 מיליאָן דאָלאַר (אַ לעגענ־דאַרע סומע יענע טעג!), „מחמת מיר האָבן אַ מלוכה אָן פֿינאַנצן". גאָלדע האָט אַפֿילו קיין מעגלעכקייט ניט געהאַט אַהיים צו גיין זיך איבערצוטאָן „מעשׂה לײדי". אין וויניקער פֿון 2 וואָכן צײַט האָט זי איבערגעשיקט פֿון אַמעריקאַנער ייִדן 50 מיליאָן דאָלאַר...

הקיצור, די מיסטעריעזע „גאָלדע־לעגענדע" וועט זיכער בלײַבן אין זכּרון בײַ מאַסע־מענטשן איבער דער וועלט ווי אַ הימלישער שליח אויף

צו טרייסטן און מוטיקן כמו אַ האַרציקע מאַמע די קינדער פֿון ישׂראל אין די סאַמע קריטישסטע מאָמענטן פֿון אָנשטרענגונגען זיך ווידער צו באַפֿעסטיקן אין זייער היסטאָרישן ארץ־ישׂראל.

אַגבֿ, אַ גוואַלדיקע ליבהאָבערין פֿון ייִדיש האָט גאָלדע אין דער עפֿנטלעכקייט כּמעט אַלע מאָל גערעדט מאַמע־לשון מיט ליבע און חן און מיט אַ שיינעם חיתוך־הדיבור. באַזונדערס איינדרוקספֿול האָבן זיך ביי מיר איינגעקריצט אירע ווערטער ביי דער „נעילה״־סעסיע פֿון דער ייִדיש־קאָנפֿערענץ אין ירושלימער אוניווערסיטעט ביים צוטיילן דעם פּאָעט סוצקעווער די פּרעמיער־אויסצייכענונג און די אומפּאַר־גלייכלעך־וואַרעמע ווערטער צו אַלע 400 דעלעגאַטן און געסט, אַז זיי זאָלן זיך אָנשטרענגען צו פֿאַרווירקלעכן אויף זייערע וואוין־ערטער די ברילאַנטענע דעקלאַראַציעס וועגן ייִדיש, ווייל ייִדיש איז די שטאַרקסטע דאַמבע קעגן אַסימילאַציע!

צום סוף: מיין פּערזענלעכע זכיה, וואָס צוזאַמען מיט אַ צאָל חבֿרים פֿון די ניו־יאָרקער פּועלי־ציון האָב איך געקענט די דאָזיקע גרויסע גאָלדען, נאָך איידער זי איז אין 1921 צום ערשטן מאָל געפֿאָרן קיין פּאַלעסטינע. לייענט דעם פֿאָלגנדיקן בריוו־אויסטויש.

כ״א באייר, תשל״ח, תל־אָבֿיבֿ.

לכבֿוד גבֿרת גולדה מאיר.

טייערע גאָלדענע גאָלדע, שלום וברכה!

איר קענט מיך ניט. אָבער איך קען אייך שוין אַ סך יאָרן. אין אייער זייער גרויסנער אויטאָביאָגראַפֿיע דערציילט איר (אין קאַפּיטל 11), צווישן אַלע אַנדערע וויכטיקע מאָמענטן, אַז צום אָנדענק פֿון אייער 40־יאָריקער רעזידענץ אין ישׂראל האָט איר, אין יולי 1961, דורכגעפֿירט אַן אייגנאַרטיקע, אָבער באַשיידענע, פֿייערונג: איר האָט פֿאַרבעטן, דורך אַן אַנאָנס אין דער פּרעסע, אַלע געוועזענע מיטרייזנדיקע אויף דער „באַרימטער״ פּוקהונאַס, צו אַ פּריוואַטער שׂמחה.

ווייל איך אייך איצטער דערקלערן, טייערע גאָלדע, אַז איך קען אייך נאָך פֿון אַביסל פֿריער. אין 1921, ווען איר האָט נאָך געוואוינט אויף אייער וויזע, פֿלעג איך אייך זייער אָפֿט זען אין פּועלי־ציון קלוב אויף איסט־בראָדוויי, ניו־יאָרק. איר האָט שוין דעמאָלט געצויגן אויף זיך אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט, ווייל איר האָט געשטראַלט מיט פֿרייד,

וואָס באַלד־באַלד וועט איר קענען פאַרווירקלעכן אײַער ציוניסטישן אידעאַל.

איך בין דעמאָלט געווען אַ תּלמיד אין ייִדישן לערער־סעמינאַר און פלעג אָפֿט אַרײַנקומען אין פּועלי־ציון קלוב. ווײַל מיט 2 ליבעס אין האַרצן בין איך אין 1920 אָנגעקומען פֿון פּוילן קיין אַמעריקע: אַ שטאַרקע ליבע צו תּורה און אַ ליבע צו דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אונטער דער דירעקטער ווירקונג פֿון מײַן באַרימטן רבין ד"ר יהודה קויפֿמאַן ע"ה בין איך אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין ייִדישער דערציאונג און כ'האָב שוין אָפּגעדינט געטרײַ און מיט הצלחה דער ייִדישער שול פֿולע 52 יאָר, אָנגעהויבן מיט דער גרויסער פּרץ־שול אין וויניפּעג (ווי פּרינציפּאַל) און שפּעטער האָב איך ממשיך געווען אין די ייִדישע שולן אין ניו־יאָרק און פֿילאַדעלפֿיע.

איך וואָלט אפֿשר ניט געדאַרפֿט דערמאָנען אַזוי פֿיל וועגן זיך זעלבסט. דער עיקר האָב איך געוואָלט אַרויסברענגען, אַז ווי אַלע אונדזערע חבֿרים האָב איך כּסדר נאָכגעפֿאָלגט מיט גרויס אינטערעס און שטאָלץ אײַער בריליאַנטענע געזעלשאַפֿטלעכע קאַריערע, און ווי איינער פֿון די מיליאָנען פֿאַרערערס אײַערע איבער דער וועלט, ייִדן און ניט־ייִדן, ווינטש איך אײַך צו אײַער 80סטן געבוירן־טאָג געזונט, אריכת־ימים און פֿיל נחת פֿון אײַערע קינדער און אייניקלעך.

בידידות ובֿדרך־ארץ

פֿישל הערשטיין

מר הערשטיין הנכבד,

הגב' מאיר קראה את מכתבך בהנאה רבה. היא רצתה מאד להכירך ולהפגש אתך, אך לצערה לא תוכל לעשות זאת היות והיא איננה מרגישה טוב בימים אלה ועליה לנוח שבועות מספר.

הגב' מאיר מודה לך על איחוליך ליום הולדתה ושולחת לך ולבני משפחתך את ברכותיה החמות והלבביות.

בכבוד רב

יפה ורדי

מזכירת הגב' מאיר

(חשובֿער הער הערשטין,

פֿרוי גאָלדע מאיר האָט געלייענט אײַער בריוו מיט גרויס פֿאַרגעניגן. זי האָט זייער געוואָלט אײַך באַגעגענען און זיך מיט אײַך באַקענען.

אָבער זי באַדויערט, וואָס זי קען דאָס ניט טאָן, ווײַל זי פֿילט זיך לעצטנס ניט גוט און זי מוז עטלעכע וואָכן צײַט רוען.

פֿרוי מאיר דאַנקט אײַך פֿאַר אײַערע וואונטשן צו איר געבוירן־טאָג און זי שיקט אײַך און אײַער משפחה אירע וואַרעמע און האַרציקע וואונטשן.)

(הערשטיינס ייִדישע איבערזעצונג)

שלום

איך, הערשטיין, וועל זיך קיינמאָל ניט פֿאַרגעבן, הלמאַי איך האָב בײַ אַלע געלעגנהײַטן ניט געהאַט דעם מוט זיך צו געבן צו גאָלדען צו דערקענען. איך וועל אָבער אײביק טראָגן אין זיך איר חנעוודיקײַט, מיט וועלכער זי האָט אין יענע יונגע יאָרן געשײַנט, און איך וועל תמיד בלײַבן שטאָלץ, וואָס דאָס דאָזיקע יונגע ווײַבל פֿון מילוואָקי האָט אַזוי פֿיל דערגרייכט אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב אין איר אידעאַל־באַשיידענעם לעבן.

חבֿל על דאבֿדין ולא משתּכּחין. יהי זכרה הדגול ינון לעולם ועד! אמן!

(„אונדזער אייגן וואָרט”, דעצעמבער 1978)

ד) ווענן דעם לייוויק־הויז אין תל־אָבֿיבֿ

(פֿון אַ רעפּעראַט בײַ די „פֿילאַדעלפֿיער פֿרײַנט פֿון ישׂראל”, יאַנואַר 1967, און פֿאַרעפֿנטלעכט אין זייער „יאָרבוך”)

מ׳רעדט איצטער בײַ אונדז זייער אַ סך וועגן דער וויכטיקײַט פֿון אויפֿהייבן די חשיבֿות פֿון ייִדיש. דאָס אויפֿבויען אַ „לייוויק־הויז” אין תל־אָבֿיבֿ איז איינער פֿון די ווײַט־גייענדיקע פּראָיעקטן אויף צו העלפֿן דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל. עס האָט זיך גראָד געשאַפֿן אַזאַ לאַגע, וואָס דווקא אין מדינת־ישׂראל זײַנען איצטער פֿאַראַן גינציקע באַדינגונגען אויף צו פֿאַרבעסערן די מערכה פֿון ייִדיש.

קודם־כּל האָט די כוואַליע פֿון נײַ־אָנגעקומענע „עולים” זינט נאָך דער אַנטשטייאונג פֿון דער מלוכה (רופֿט עס: „קיבוץ־גליות”) אַרײַנגעבראַכט קיין ארץ־ישׂראל אַ גרויסע צאָל ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן, וואָס בײַ זייער גאַנצער ליבע צו העברעיש, איז ייִדיש זייער נאַטירלעכע שפּראַך. שנית, האָט דער פֿאַרווירקלעכטער חלום פֿון „שיבֿת־ציון”

צוגעצויגן קיין ארץ־ישׂראל אַ גרויסע צאָל פֿון אונדזערע ליטעראַריש־שעפֿערישע כּוחות. ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס אינם העברעישן ישׂראל זײַנען איצטער קאָנצענטרירט אַרום 160 יידיש־שרײַבערס — פּאָעטן, פּראָזאַיקער, עסייאיסטן און פּובליציסטן. אַזאַ צאָל באַוואוסטזיניקע אָנהענגער פֿון יידיש שטעלט מיט זיך פֿאָר, בלי־ספֿק, אַ גרויסן כּוח, וואָס קען באַדײַטנדיק העלפֿן אין דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון יידישן לשון און יידישער קולטור ניט נאָר אין מדינת־ישׂראל, נאָר אויך אין אַלע תּפֿוצות אונדזערע איבער דער וועלט.

דער פֿאָלקס־קאָמיטעט, וואָס שטייט אין דער שפּיץ פֿונם דאָזיקן פּראָיעקט, גלויבט, אַז אַחוץ אַ בכּבֿודיקער היים פֿאַר די ישׂראלדיקע יידיש־שרײַבערס, קען דאָס „לייוויק־הויז" אין תּל־אָבֿיבֿ דינען ווי אַ לעבעדיקער צענטער פֿון יידישן וואָרט און יידישן שאַפֿן אין מדינת־ישׂראל. אַנדערע גייען נאָך ווײַטער. למשל, ד"ר ש. מאַרגאָשעס, דער וועטעראַן פֿון יידישער פּובליציסטיק, האָט בײַ אַ צוזאַמענטרעף פֿון יידישע קולטור־טוערס אין ניו־יאָרק דערקלערט: „מיטן רעאַליזירן דעם פּלאַן פֿון אַ לייוויק־הויז אין תּל־אָבֿיבֿ ווילן מיר אויפֿבויען אין ישׂראל אַ יידישן לײַכט־טורעם, וואָס זאָל מיט זײַנע שטראַלן העלער מאַכן דעם האָריזאָנט פֿון אונדזער פֿאָלקס־לשון, און אונדזער יידישער ליטעראַטור און קולטור... דאָס לייוויק־הויז אין תּל־אָבֿיבֿ קאָן, דאַרף, און וועט, זײַן אַ קאָלאָסאַלע הילף בײַם פֿאַרוואַרפֿן די גײַסטיקע בריק צווישן מדינת־ישׂראל און אונדזערע יידישע תּפֿוצות..." אין זעלביקן גײַסט און אין דערזעלביקער אָפּטימיסטישער שטימונג האָבן זיך אַרויסגעזאָגט בײַ יענער פֿאַרזאַמלונג אויך אַנדערע יידישע שריפֿטשטעלערס און קולטור־עסקנים.

יעקבֿ גלאַטשטיין — דער באַרימטער יידישער דיכטער, עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער — האָט אין זײַן רעדע אויפֿמערקזאַם געמאַכט: „מיר טאָרן ניט פֿאַרנאַכלעסיקן דעם איצטיקן שעת־הכּושר אויף צו בויען אַ יידישן קולטור־צענטער אין ישׂראל. עס ליגט אויף אונדז קולטור־מענטשן אין די „תּפֿוצות" אַ הייליקער חובֿ אויסצושטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט צו אונדזערע ישׂראלדיקע פֿרײַנט — שרײַבערס פֿון ביידע יידישע ליטעראַטורן, און זיי העלפֿן בויען די יידישע „קולטור־היים" אין ישׂראל אויפֿן נאָמען פֿון אונדזער אומפֿאַרגעסלעכן ה. לייוויק...".

דער ענין „לייוויק־הויז" האָט שוין אָנגענומען אַ נאַציאָנאַלן כאַראַק־

טער. אויך דער נשׂיא פֿון מדינת־ישׂראל, זלמן שזר, האָט אויסגעדריקט נאָך מיט אַ צײַט צוריק זײַן טיפֿן אינטערעס און זײַן גרייטקײַט פּראַק־טיש מיטצוהעלפֿן בײַם אויפֿבויען אַ יידיש־הויז אין ישׂראל אויפֿן נאָמען פֿון ה. לייוויק. די לעצטע נײַעס איז, אַז גאָלדע מאיר האָט אויף אַ זיצונג פֿון הויפּט־קאָמיטעט פֿאַרן לייוויק־הויז אין תל־אָבֿיבֿ גענומען אויף זיך די אויפֿגאַבע צו זײַן די פֿאַרזיצערין פֿונם קאָמיטעט און אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דער אַקציע צו פֿאַרווירקלעכן דעם פּלאַן, וואָס איז, לויט איר דערקלערונג, „פֿון גאָר וויכטיקער באַדײַטונג". אויך האָבן מיר מיט אַ צײַט צוריק געלייענט אין די צײַטונגען, אַז מאיר וויסגאַל האָט אין נאָמען פֿון וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין רחובֿות אַרײַנגעטראָגן פֿופֿציק טויזנט ישׂראל־פֿונט — די גרעסטע בײַשטײַערונג פֿון אַן איינצלנער אָרגאַניזאַציע אָדער יחיד — פֿאַרן לייוויק־הויז אין תל־אָבֿיבֿ. הייסט עס, אַז די ערנסטע פֿאַרשטייערס אונדזערע זעען אײַן, אַז מ׳טאָר איצטער ניט זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט.

אין דער זעלביקער צײַט מוזן מיר, צום גרויסן באַדויערן, צוגעבן, אַז יידיש מאַכט איצטער דורך אַן ערנסטן קריזיס, ספּעציעל צווישן די ברייטע מאַסן יידן אין אַמעריקע, אינם גרעסטן יידישן ישובֿ איבער דער וועלט. ערשט מיט אַ דרײַסיק־פֿערציק יאָר צוריק האָט מען געקענט האָפֿן, אַז יידיש און יידישע קולטור הייבן־אָן אין אַמעריקע צו בליען און וואַקסן. עס איז אויפֿגעקומען אַ וועלטלעך שולוועזן מיט יידיש ווי די לימודים־שפּראַך. יעדע יידיש־וועלטלעכע שול איז, ווי באַוואוסט, געוועזן גלײַכצײַטיק אַ וויכטיקע פּאָזיציע פֿאַר יידישער קולטור בכלל. כּמעט אין יעדער יידישער שול אין אַמעריקע און קאַנאַדע פֿלעגן, ביז ניט לאַנג צוריק, דורכגעפֿירט ווערן זייער אָפֿטע קולטור־אַקטיוויטעטן פֿון פֿאַרשיידענעם כּאַראַקטער: לעקציעס, קורסן, פֿאַרלעזונגען, פֿײַע־רונגען פֿון ימים־טובֿים און קאָנצערטן — אַלץ אויף יידיש; די צירקו־לאַציע פֿון יידישע צײַטונגען האָט געהאַלטן אין איין שטײַגן; דאָס ערנסטע יידישע טעאַטער האָט אויפֿגעבליט. אָבער אין דער לעצטער צײַט הערשט בײַ אונדז בנוגע יידיש אַ ירידה אויף אַלע געביטן. ניט אַרײַנצולאָזן זיך אין די סיבות, וואָס האָבן געפֿירט דערצו, און ניט צו לאָזן זיך פֿאַרפֿירן פֿון פֿאַלשע אילוזיעס, אַז דאָס איז בלויז אַ צײַט־ווײַליקע דערשיינונג. מיר מוזן צוגעבן, אַז דאָס איז דער מצבֿ, דאָס איז די איצטיקע ווירקלעכקײַט. די יידישע מאַסן זײַנען דאָ אַרומגעכאַפּט געוואָרן פֿון אַ גוואַלדיקער שפּראַך־אַסימילאַציע, וואָס קען האָבן זייער

טרויעריקע קאָנסעקווענצן אויפֿן גאַנצן ייִדישן לעבן דאָ, אויב מ'וועט אָפּקומען בלויז מיט באַדויערן און זיפֿצן. מ'דאַרף אומבאַדינגט עפּעס טאָן דערצו ממשותדיקס: עס איז איצטער אַן עת לעשׂות!

אין משך פֿון אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז אויב „ייִדישקייט" האָט דורכגעמאַכט אַ ירידה אין איין לאַנד, האָט באַלד אויפֿגעשײַנט דער ייִדישער הימל ערגעץ אַנדערש. דאָס ייִדישע ליכט פֿון תּורה איז קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן געוואָרן אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב. ווען דער ייִדישער תּורה־צענטער אין בבֿל למשל (סורא און פּומבדיתא) איז אונטערגעגאַנגען, איז באַלד אויפֿגעקומען אַ תּורה־צענטער אין אַראַבֿישן שפּאַניע (קאָרדאָווא און גראַנאַדע); ווען דער שפּאַנישער ייִדישער צענטער איז חרובֿ געוואָרן, מיטן גירוש שפּאַניע אין יאָר 1492, זײַנען שוין געווען ענלעכע תּורה־צענטערן בײַם פֿראַנקאָ־גערמאַנישן ייִדנטום, און נײַע תּורה־צענטערן זײַנען אויך אַנט־שטאַנען אין האָלאַנד (אַמסטערדאַם), ארץ־ישׂראל (צפֿת) און אין פּוילן (לובלין). אין אונדזערע טעג, נאָכן גרויסן חורבן פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, ווערן געמאַכט העראָיִשע אָנשטרענגונגען צו באַשאַפֿן שטאַרקע ייִדישקייט־צענטערס אין אַמעריקע און אין מדינת־ישׂראל. אין ביידע לענדער זײַנען צום גליק שוין פֿאַראַן זייער גוטע התחלות אין דער פֿאָרעם פֿון ישיבֿות, סעמינאַרן און אַנדערע ייִדישע הויכע בילדונגס־אינסטיטוציעס, מיט גרויסע געלערנטע אין זייערע רייען. אויך די אַנדערע ייִדישע ישובֿים, ווי: קאַנאַדע און די לאַטיין־אַמערי־קאַנער לענדער אויף דער זײַט אַטלאַנטיק און די פֿרײַע לענדער אין אייראָפּע, ווילן ניט בלײַבן הינטערשטעליק און באַמיִען זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן אויפֿצובויען צענטערס פֿאַר תּורה און ייִדישער קולטור בײַ זיך אין דער היים.

בײַם הײַנטיקן טאָג איז דאָס ייִדישע לשון און די ייִדישע ליטע־ראַטור שוין פֿולשטענדיק אָנערקענט פֿאַר וויכטיקע טיילן פֿון ייִדישער קולטור. און קיינער, דער בעסטער ציוניסט, וויל ניט זען די ירידה און די צעפֿאַלונג פֿון די תּפֿוצות. און אין די תּפֿוצות איז דאָס ייִדישע לשון מיט דער פֿאַרצווײַגטער ייִדישער קולטור, אָן ספֿק, דער בעסטער כּלי־זיין אויף צו באַשיצן ייִדישקייט פֿון דער אַרומיקער אַסימילאַציע. איז אויב אין מדינת־ישׂראל זײַנען דורך אַ גליקלעכן צופֿאַל איצטער פֿאַראַן מעגלעכקייטן פֿאַר דער אויפֿהאַלטונג און המשכדיקייט פֿון ייִדיש און ייִדישער קולטור, דאַרף דאָס ברייט געשטיצט ווערן פֿון אַלע ייִדן, וואו

זיי זאָלן זיך ניט געפֿינען. אפֿשר וועט די גײַסטיקע השפּעה פֿון מדינת־ישׂראל ווירקלעך זײַן דער רוח־חיים פֿאַר די ייִדן אין די תּפֿוצות. וועט, אַגבֿ, דאַן מקויים ווערן דער „מציון תּצא תורה״... האָט מען דאָך פֿאָרט בײַ אונדז אַזוי פֿיל יאָרן געלעבט מיטן געדאַנק וועגן אַ גײַסטיקן צענטער אין ארץ־ישׂראל, וואָס זאָל משפּיע זײַן דאָס ייִדישע לעבן און דעם ייִדישן קיום אויך אין חוץ־לארץ. מיר זײַנען אַלעמאָל געווען אַ וועלט־פֿאָלק. דאַרף איין ייִדישער צענטער העלפֿן דעם אַנדערן.

דערפֿאַר איז עס באמת דער געבאָט פֿון דער שעה, אַז אַלע ייִדישע עלעמענטן, פֿון וואָס פֿאַר אַ געזעלשאַפֿטלעכע שאַטירונגען זיי זאָלן ניט זײַן, אויב זיי אָריענטירן זיך נאָר אויף ייִדישן „זײַן״ און ייִדישן המשך, דאַרפֿן זיי זיך אַקטיוו באַטייליקן אין דער נאַציאָנאַל־וויכטיקער אַקציע לטובֿת דעם לייוויק־הויז אין ישׂראל. די פֿראַגע פֿון לייוויק־הויז מוז איצט שטיין אויפֿן סדר־היום בײַ יעדער ייִדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ טייל פֿונם אַקטיוון ייִדישן פֿאָלק. לויטן באַריכט פֿון דעם לייוויק בוי־קאָמיטעט אין תּל־אָבֿיבֿ זײַנען די פּלענער פֿון אַרכי־טעקט שוין פֿאַרטיק. איצטער איז נייטיק אַ דערפֿאָלגרײַכע זאַמל־אַקציע, וואָס זאָל שאַפֿן די דערוואַרטעטע פֿינאַנציעלע מיטלען אויף צו פֿאַר־ווירקלעכן די פּלענער וואָס פֿריער.

און בײַם סוף אַ וואָרט וועגן ה. לייוויק, אויף וועמענס נאָמען דער ייִדיש־צענטער אין תּל־אָבֿיבֿ וועט גערופֿן ווערן. ה. לייוויק איז איינער פֿון די אָנגעזעענסטע ייִדישע פּאָעטן און דראַמאַטורגן אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. זײַנע ווערק זײַנען פֿון אַ העכערער קוואַליטעט. מ׳האָט זיך בײַ אונדז אַ סך געקריבלט וועגן זייער אינהאַלט און זייער שליחות, און די פֿאַרשיידנסטע אינטערפּרעטאַציעס זײַנען וועגן זיי געמאַכט געוואָרן פֿון אונדזערע ליטעראַטור־קריטיקער. ווײַל לייוויקס ווערק זײַנען פֿול מיט טיפֿע רעיונות און ערנסטע פּראָבלעמען, ספּעציעל וועגן געוויסן און גערעכטיקייט, ניט נאָר לגבי מענטשן, נאָר אַפֿילו לגבי גאָט אַליין אויך. דאָס זײַנען אייביקע, אוניווערסאַלע טעמעס וועגן וועלט און לעבן — פֿילאָסאָפֿישע טעמעס, וועלכע רעגן־אָן דעם לייענער צו טראַכטן און נאָכטראַכטן וועגן זיי, כאָטש זיי זײַנען געשריבן אין אַ פּשוטער, קלאָרער שפּראַך. לייוויקס לידער, הגם זיי זײַנען פֿול מיט האַרבע פֿראַגעס און טענות, זײַנען זיי דאָך דורכגעדרונגען מיטן גלויבן אין דער הייליקײַט פֿון מענטשלעכן לעבן. אַזעלכע ווערק לייוויקס, ווי: „דער גולם״, „די גאולה קאָמעדיע״, „לידער פֿון גן־עדן״,

„אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען", „די חתונה אין פערנוואַלד", „די עקידה", „אין די טעג פֿון איוב", און אַנדערע, זײַנען ניט אויף איבערצו־לייענען בלויז. מ׳דאַרף וועגן זיי נאָכן איבערלייענען נאָכדענקען טיף און ערנסט. מ׳דאַרף זיי לערנען און איבערלערנען. ה. לייוויק איז, אַגבֿ, דער שרײַבער ניט בלויז פֿאַר זײַן דור. זײַנע ווערק וועט מען שטודירן אויך יאָרן און יאָרן שפּעטער. לייוויק, קען מען זאָגן, איז אין אַ געוויסן זין דער פּאָעט — זינגער און מקונן — אויך פֿאַר דער צוקונפֿט. עס איז דערפֿאַר געווען אַ גוט־דורכגעטראַכטער באַשלוס אַנצורופֿן דעם ייִדיש־צענטער אין ישׂראל אויף זײַן נאָמען. בײַ די אומות־העולם איז שוין פֿון לאַנג אײַנגעפֿירט דער מנהג צו באַערן זייערע גײַסטיקע העלדן מיט מאָנומענטן. דער אידעאַלסטער אופֿן ווי אַזוי צו הייליקן דעם אָנדענק פֿון אונדזער גײַסטיקן העלד, דעם געניאַלן וואָרט־קינסטלער, דעם פּאָעט־מאָראַליסט ה. לייוויק, איז אַ ייִדיש־צענטער אין מדינת־ישׂראל אויף זײַן נאָמען, וואָס זאָל וועקן און מאָנען דאָס געוויסן בײַ די ייִדן אין ארץ־ישׂראל און אין חוץ־לארץ צו באַציִען זיך מיט דרך־ארץ און ליבע צו זייער פֿאָלקס־שפּראַך ייִדיש און דער ייִדישער קולטור. באַזונדערס דאַרפֿן אַמעריקאַנער ייִדן שטאָלץ זײַן מיט לייוויקן, ווײַל דאָ, אין אַמע־ריקע, האָט ה. לייוויק געשאַפֿן דעם גרעסטן טייל פֿון זײַנע אומ־שטערבלעכע קונסט־ווערק.

ה) ליכט און שאָטן אין מדינת ישׂראל

(אײַנדרוקן פֿון אַ לענגערן באַזוך)

אַז מ׳איז אין ישׂראל און מען באַזוכט כּלערליי געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, אַרײַנגערעכנט חינוך־אַנשטאַלטן פֿון אַלע מדרגות, מוז מען זיך כּסדר פֿרעגן: ווען איז דאָס אַלץ געשאַפֿן געוואָרן? דער נס פֿון אויפֿלעבונג שרײַט־אַרויס פֿון אַלע זײַטן. שוין די אייגנאַרטיקע אַרכי־טעקטור פֿון פֿיל אָפֿיציעלע בנינים שטעלט מיט זיך פֿאָר מוסטערן פֿון עכטע קונסט־ווערק. אויך די קעמפּוסן בײַ די אוניווערסיטעטן איבערן לאַנד זײַנען דאָך אויסטערליש שיין און רחבֿותדיק געבויט.

איך האָב העכער פֿיר חדשים געוואוינט אין „כּפֿר מכּביה", אין רמת־גן. דאָס איז אַ גרויסער ספּאָרט־צענטער מיט האָטעל־אײַנ־ריכטונגען. אַהין קומען אַטלעטן פֿון גאַנצן לאַנד, אויך פֿון אויסלאַנד,

אויף ספאָרט־פֿאָרמעסטן. אין די דאָרטיקע גרויסע זאַלן קומען־פֿאָר זייער אָפֿט קאָנצערטן, חגיגות, פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען מיט דער באַטיי־ליקונג פֿון רעגירונג־פֿאָרטרעטערס און כנסת־מיטגלידער. דאָרט איז, למשל, אויך דורכגעפֿירט געוואָרן אין דער ערשטער פּסח־נאַכט אַ גרויסאַרטיקער „סדר" מיט אַ 3-4 הונדערט געסט, דערוואַקסענע און קינדער.

אויפֿן דריטן טאָג נאָך מײַן אָנקומען קיין ישׂראל, האָב איך זיך רעגיסטרירט אין „אולפּן", פֿריער אין רמת־גן, אין כּתּה א׳, שפּעטער בין איך טראַנספּערירט געוואָרן אין תּל־אָבֿיבֿער אולפּן „מאיר", אין דער העכסטער כּתּה. איך בין זייער צופֿרידן, וואָס איך האָב זיך ניט צוגע־הערט צו דער עצה פֿון פֿרײַנד ניט צו פֿאַרשרײַבן זיך אין אַן אולפּן, באשר, לויט זייער מיינונג, קען איך מער העברעיש איידער אַ טייל לערערס דאָרטן.

ווי אַ לערער אין משך פֿון מער ווי פֿופֿציק יאָר, אין קאַנאַדע און אַמעריקע, האָב איך ניט אויפֿגעהערט צו באַוואונדערן דעם טאַלאַנט און די פּעדאַגאָגישע פֿעיקײַטן פֿון די לערערס און לערערינס אין די אולפּנים, וואָס האָבן אין געציילטע וואָכן ממש אַרײַנגעלייגט די העברעיִשע שפּראַך אין די מײַלער פֿון די פֿאַרשיידנסטע סאָרטן תּלמידים, וועלכע האָבן פֿריער כּמעט אַפֿילו קיין איינציק העברעיִש וואָרט ניט געקענט.

דער עיקר בין איך געווען צופֿרידן, וואָס אין „אולפּן" בין איך גיך באַפֿרײַנדעט געוואָרן מיט די עטלעכע־צוואָנציק תּלמידים פֿון קלאַס. שטעלט זיך פֿאָר: פֿינף שעה אַ טאָג, פֿינף מאָל אַ וואָך (שפּעטער: זעקס מאָל אַ וואָך) האָב איך זיך געפֿונען אין אַ געמישטער סבֿיבֿה פֿון יונג־וואַרג און מיטליאָריקע מענטשן, אײַנגעוואַנדערטע „עולים" פֿון פֿאַר־שיידענע לענדער, די מערסטע פֿון סאָוועט־רוסלאַנד. דער גרעסטער טייל געווען פּראָפֿעסיאָנאַלן: דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער, אינזשענירן, עלעקטריקערס, אַפֿילו אַ ספּאָרט־אינסטרוקטאָר. אַלע זײַנען זיי געווען באַהערשט פֿון איין פֿאַרלאַנג: וואָס־פֿריער זיך אויסצו־לערנען העברעיִש און זיך אײַנגלידערן אין דער אַרבעט־געזעלשאַפֿט פֿון לאַנד.

דער אולפּן פֿירט אויך דורך וויכטיקע טיולים, טורס, כּדי צו באַ־קענען די „עולים" מיטן לאַנד. למשל, ט״ו בשבט זײַנען מיר אַרויס־געפֿאָרן אין עטלעכע אויטאָבוסן קיין גוש־עציון, וואו מיר האָבן פֿאַר־

פּלאַנצט ביימער. אַלצדינג איז געווען צוגעגרייט פֿון פֿריער. מיר האָבן בלויז געדאַרפֿט אַרײַנשטעלן געוויסע פּלאַנצן אין גריבלעך, צודעקן מיט אַ ביסעלע ערד און באַגיסן מיט וואַסער. ס׳איז געווען אַ פּרעכטיק בילד אָנצוקוקן, ווי אַרום הונדערט מענטשן זײַנען אין „חג האילנות״ מקיים די מצווה פֿון נטיעת־עצים אויף ישׂראל־ערד, צוזינגענדיק דערבײַ אַ לידל אָדער אַ ניגון, וואָס דער געזאַנג־לערער פֿונם אולפּן האָט אונדז געהאָט אויסגעלערנט.

דער אולפּן האָט אויך געהאַט אַן אַרויספֿאָר קיין רחובֿות, צום ווייצמאַן־אינסטיטוט. בין איך מיטגעפֿאָרן, כאָטש איך בין שוין דאָרט געווען אייניקע מאָל. ס׳איז דאָרט אַלעמאָל פֿאַראַן גענוג וואָס צו זען. דאָס מאָל האָט דער וויזיט זיך מער אָפּגעשטעלט אויפֿן „בית־ווייצמן״. אַלץ איז דאָרט אויסגעשטאַט אַריסטאָקראַטיש, מיט גוטן געשמאַק: דאָס מעבל, די קונסט־בילדער, ווי אויך די פּאָליצעס אָנגעפּילטע מיט שיין־אײַנגעבונדענע ביכער אין דרײַ שפּראַכן: העברעיש, יידיש און ענגליש.

(ס׳איז דערבײַ צו באַמערקן, אַז ווען איך בין בײַ אַ שפּעטערער געלעגנהײַט געווען אין שׂדה־בוקר, האָבן מיר אויך דאָרט באַזוכט דאָס „בית־בן־גוריון״, וואָס האָט מער אַ באַלעבאַטישן אויסזען, און האָט אויך אַ זייער רײַכע פּריוואַטע ביבליאָטעק. האָב איך אָבער דאָרט, בײַ דוד גרין פֿון פּלאָנסק, קיין ביכער אין „יידיש״ ניט געזען...).

* * *

אין רמת־גן, פּונקט ווי אין די מערסטע אַנדערע שטעט אין לאַנד, געפֿינט זיך אַ „מעון־העולים״ („היים פֿאַר די אײַנגעוואַנדערטע עולים״). אין פֿײַנע, מעבלירטע וואוינונגען, רופֿט עס: „אַפּאַרטמענטס״, „דירות״, וואוינען די „עולים״ די ערשטע פֿינף חדשים פֿרײַ פֿון דירה־געלט. נאָך דעם טערמין, אויב זיי מוזן דאָרט ווײַטער בלײַבן, צאָלן זיי אַ מינימאַלן אָפּצאָל, לויט זייערע געלט־מעגלעכקײַטן. אין דער צווישנצײַט באַמיט מען זיך צו געפֿינען פֿאַר זיי אַ פּאַסיקע באַשעפֿטיקונג. אין אולפּן לערנען זיי זיך אינגאַנצן פֿרײַ. אויף זייערע קינדער גיט מען באַזונדערס אַכטונג (מען נעמט זיי אין די קינדערגאַרטנס, אין די שולן), כּדי די עלטערן זאָלן זיך קענען געמיטלעך אײַנאָרדענען. אַגבֿ, געפֿינט זיך טאַקע דער „אולפּן״ אינעם דאָזיקן גרויסן בנין. דערפֿאַר בין איך אַזוי באַ־האַוונט מיט דער סיטואַציע. עטלעכע עולים האָבן מיך פֿאַרבעטן אין זייערע דירות — צו עטלעכע צימערן אין יעדער דירה.

אָבער, צי קענט איר זיך פֿאָרשטעלן, וויפֿל אַזאַ פֿאַמיליע קאָסט־אָפּ דער ישׂראל־געזעלשאַפֿט? די עולים קריגן חוץ דעם אויך אַ געוויסע געלט־שטיצע. האָט נאָך אַ לאַנד, אַ יונגע מדינה, אַזוי פֿיל שווערע לאַסטן אויף זיך?

* * *

כאָטש ס׳איז צו באַוואונדערן דעם וואוקס און די אַנטוויקלונג פֿון באר־שבֿע און שׂדה־בוקר מיטן בן־גוריון־אוניווערסיטעט, ציט אָבער אילת איצטער־צו צו זיך די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט. מײַן מיט־פֿאָרער, אַ געבוירענער ישׂראלי, כאָטש ער האָט אַן אייגן הויז מיט אַ פֿאַמיליע אין רמת־גן, ציט עס אים אָפֿט קיין אילת, וואָס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך, לויט זײַן מיינונג, פֿון יאָר צו יאָר. נאָר אַנשטאָט איין־שטאָקיקע הײַזער ווי פֿריער, בויט מען דאָרט לעצטנס פֿיר־פֿינף־שטאָקיקע.

אילת איז גיכער אַן אַמוזיר־צענטער און איז אויסערגעוויינטלעך שיין. אין אָוונט איז דאָרט לעבעדיק און פֿריילעך. מאַסן מענטשן, דער עיקר יונגוואַרג, שפּאַצירן איבער דער לאַנגער הויפּט־גאַס, און די עלעקטרישע לעמפּלעך, צוזאַמען מיט דער לעבעדיקער מוזיק, וואָס קומט פֿון די אַרומיקע געשעפֿטן, רעסטאָראַנען און האָטעלן, פֿילן־אָן דאָס האַרץ מיט פֿרייד און פֿאַרגעניגן.

באַווירקט פֿון דער שיינקײַט פֿון אילת אין אָוונט, האָב איך ניט געקענט דורכשלאָפֿן די פֿולע נאַכט. איך בין אַרום 3 אַזייגער פֿאַרטאָג אַראָפּ פֿון בעט און האָב זיך אָנגעזעצט אין דרויסן אויפֿן באַלקאָן פֿון האָטעל און זיך פֿאַרקוקט אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל, וועלכער איז געווען פֿול מיט סודות.

אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי האָט זיך געשטעלט אַ וואונדער־שיינער, לויטערער טאָג, מיט אינטערעסאַנטע באַזוכן אין דאָרטיקן מוזעאום, וואָס איז פֿול מיט קונסט־בילדער און מיט אַ שלל לאָקאַלע אַרכעאָלאָגישע אַנטיקן. ווי אַ צוגאָב, לאָזט מען זיך אַראָפּ מיט אַ שיף צום סאַמע תּהום פֿון ים און מען זעט דאָרט די ים־אוצרות: כּלערליי גראָזן, בלומען,ביימער, און אַלערליי סאָרטן פֿיש, וואָס קוקן אַרײַן דורך די קליינע פֿענצטערלעך פֿון שיף, ווי זיי וואָלטן וועלן זיך אַרײַנרײַסן אינעווייניק. שווער זיך אָפּצורײַסן פֿון די דאָזיקע נאַטור־וואונדער! — און אויבן, אין גאַס: קראָמען פֿול מיט כּל־טובֿ, און מאַסן מענטשן באַגריסן זיך פֿריילעך און יום־טובֿדיק...

* * *

ניט בלויז מיט נאַטור־וואונדער איז דאָס לאַנד רײַך. זייער אַ וויכטי־קער ליכט־פּונקט אין באַנײַטן ישׂראל איז די געזעלשאַפֿטלעכע לעבנס־פֿאָרעם אין די קיבוצים און מושבֿים. ניטאָ דאָרט די נעגאַטיווע שטריכן פֿון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, וואו דער יחיד, ווי אויך די גרופּע, יאָגן זיך כּסדר איבערצושטײַגן איינער דעם צווייטן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אַפֿילו פֿון אוממאָראַלישע מעשׂים.

אין קיבוץ און אין מושבֿ פּירט מען אַן ערלעך לעבן. מ׳איז ניט ענג־עגאָאיסטיש. מ׳אַרבעט פֿאַרן כּלל, און מען לעבט אָן דאגות פֿאַר זיך און אָן מורא פֿאַרן מאָרגן. אין די קיבוצים און מושבֿים, וואָס איך האָב באַ־זוכט, האָב איך באַגעגנט מענטשן צופֿרידענע אין פֿולן זין פֿון וואָרט. אַרבעט איז פֿאַר זיי ניט קיין לאַסט, חלילה, אָן אָפּקומעניש, נאָר אַ פֿאַר־געניגן.

ס׳איז, למשל, אַ מחייה זיך צו געפֿינען אין אַזעלכע קיבוצים ווי: אילת־השחר, גינוסר, בית־אַלפֿא, און אַנדערע. איך וואָלט געקענט דער־ציילן וועגן אַ צאָל קיבוצים און מושבֿים, וואָס איך האָב באַזוכט, מערסטנס צוזאַמען מיט אַנדערע מיטגלידער פֿון „אולפּן״. אָבער עס וואָלט פֿאַרנומען צופֿיל פּלאַץ.

וועל איך זיך דערפֿאַר באַגנוגענען מיט עטלעכע באַמערקונגען בלויז וועגן איינעם פֿון די גרעסטע און רײַכסטע קיבוצים — דער קיבוץ „אפֿיקים״ אין עמק־הירדן. עס לעבן דאָרט אַ 1700 נפֿשות. איך בין דאָרט געווען צוויי מאָל, און האָב ביידע מאָל גרויס הנאה געהאַט. איך האָב פֿיל געלערנט וועגן דעם דאָרטיקן געזעלשאַפֿטלעכן און קולטורעלן לעבן, טיפּיש מסתּמא פֿאַר אַלע אַנדערע קיבוצים.

באַלד ווי מיר זײַנען פֿרײַטיק־צו־נאַכטס אַרײַנגעקומען אין אַלגע־מיינעם עס־צימער, אין „חדר־האוכל״, האָב איך גלײַך דערפֿילט דעם גײַסט פֿון שבת: אַלע אָנגעטאָן אין די שבתדיקע מלבושים, און יונגע פֿרויען פֿון קיבוץ, ווי פּרײַווילליקע קעלנערינס, האָבן סערווירט אַ גע־שמאַקע שבתדיקע וועטשערע.

אַ שעה שפּעטער זײַנען עטלעכע הונדערט מענטשן געזעסן אויף באַקוועמע שטולן אין גרויסן טעאַטער־זאַל און האָבן הנאה געהאַט פֿון אַן אויסגעצייכנטן קאָנצערט: דרײַ ברידער, טאַקע אויסגעוואַקסענע אין קיבוץ, האָבן געהאַט דערפֿונדן אַן אייגענע פֿלייט. זיי האָבן איצט אויף

איר אויסגעשפּילט פֿאַרן גרויסן עולם ערשטקלאַסיקע מוזיק, אַן אמתער עונג־רוחני (לכּבֿוד שבת). אַגבֿ, האָבן די דאָזיקע דרײַ קינסטלער־ברידער שפּעטער געגעבן קאָנצערטן אויפֿן דאָזיקן אינסטרומענט איבערן גאַנצן לאַנד און אויך אויף טעלעוויזיע.

אויף מאָרגן, שבת, 10 אַזייגער אינדערפֿרי, האָט אסתּר מאַרקיש געגעבן אַ גײַסטרײַכע ליטעראַטור־לעקציע אויף ייִדיש. זי האָט גע־רעדט זייער שיין, אינטערעסאַנט און אינפֿאָרמאַטיוו וועגן איר מאַן דעם „קדוש" פּרץ מאַרקיש: וועגן זײַן לעבן, זײַן פּאָעטישן שאַפֿן, און זײַן אומקום. דער אײַנדרוק: אסתּר מאַרקיש איז אַ געלערנטע פֿרוי און אַ גרויסע קינסטלערין אין איר אייגענעם זכות.

עטלעכע חדשים נאָכדעם, שבֿועות, בין איך ווידער אַהין געקומען, כּדי צו פֿײַערן אין קיבוץ דעם „חג הביכּורים", און עס דאַרף מיר ניט באַנג טאָן. ס'איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך אימפּאָזאַנט בילד, ווען דער גאַנצער קיבוץ איז יענעם נאָכמיטאָג אַרויסגעפֿאָרן אין אויטאָ־מאָבילן, משא־אויטאָס און וועלאָסיפּעדן צום צווייטן עק פֿון דער גרוי־סער קיבוץ־טעריטאָריע. זיי האָבן דאָרט דורכגעפֿירט די שיינע צערע־מאָניע פֿון ברענגען „ביכּורים" פֿאַרן „נאַציאָנאַל־פֿאָנד", באַגלייט מיט געזאַנג און טענץ. יענעם אָוונט האָט דער גאַנצער קיבוץ, דער־וואַקסענע און קינדער, געגעסן די יום־טובֿדיקע סעודה, ניט אין „חדר־האוכל", נאָר אויפֿן גראָז פֿון קיבוץ.

נאָך אַן אײַנדרוקספֿולער „טור" האָט זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זכּרון, אָבער פֿון אַן אַנדערן כאַראַקטער, צוליב זײַן אויסשליסלעך־גײַסטיקן אינהאַלט.

אין „יום־ירושלים", צום עלפֿטן יאָר־טאָג, וואָס ירושלים איז אײַנגע־נומען געוואָרן דורכן ייִדישן חייל, בין איך מיט מײַנע קרובֿים: חנה און ברוך קלמן פֿון רמת־גן געפֿאָרן קיין ירושלים כּדי דאָרט צו פֿײַערן דעם וויכטיקן יום־טובֿ.

די אָפֿיציעלע פֿײַערונג פֿון „יום־ירושלים" איז פֿאָרגעקומען אויף דער פֿרײַער לופֿט פֿינף אַזייגער נ. מ. בײַ דער „כּותל־מערבֿי". טויזנ־טער מענטשן האָבן אָנגעפֿילט דעם ריזיקן „כּיכּר". אַ כאָר פֿון די גרעסטע חזנים איבערן לאַנד האָט נאָך מנחה אויסגעזונגען קאַפּיטלעך־ווײַז דעם גאַנצן „הלל". דאָס איז געווען סינאַגאָגאַלע מוזיק פֿון אַ העכערן סאָרט. דער נשׂיא יצחק נבֿון, אַרומגערינגלט מיט רבנים פֿוןביידע זײַטן, איז געזעסן בײַ אַ טיש במשך דער גאַנצער פּראָצעדור און

האָט צוזאַמען מיטן עולם נאָכגעפּאָלגט דוד המלכס לויב־געזאַנגען. אין דער צווייטער זייט, אין דער הייך, איז געשטאַנען אַ כאָר פון יוגנט־לעכע זינגערס און האָט בעת די איבעררייסן צווישן איין קאַפּיטל „הלל" און דעם צווייטן געזונגען זייער שיינע „ציון־לידער".

נאָך דער דאָזיקער אָפּיציעלער פּראָגראַם האָט די פאַרזאַמלטע יוגנט, אין די הונדערטער, גענומען טאַנצן. זיי האָבן אַזוי אַוועק־געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. זיי האָבן געזונגען און גע־טאַנצט מיט זיכערקייט אין אונדזער „מאָרגן".

וואויל איז אונדזער דור, וואָס האָט דערצו זוכה געווען!

* * *

כאָטש דער לעבנס־סטאַנדאַרד איז אין ישׂראל בדרך־כלל אַ נידעריי־קער, מוזן אין די מערסטע פאַלן ביידע, מאַן און ווייב, אַרבעטן. מיטן מאַנס פאַרדינסטן אַליין וואָלטן זיי ניט געקענט אויסקומען. די אינ־פלאַציע און דער יקרות האַלטן אין איין שטייגן; גלייכצייטיק האַלט דער ישׂראל־פונט אין איין פאַלן. די ממשלה קאָן זיך דאָ גאַנץ ווייניק אַריינ־מישן. ס'איז אַ יונגע דעמאָקראַטיע, וואָס מוז כסדר, שוין העכער 30 יאָר פון איר עקזיסטענץ, זיין אָנגעוויזן אויף אַ קאָאַליציע־רעגירונג. דער פינאַנץ־מיניסטער און דער דירעקטאָר פון דער „הסתדרות", האַלטן זיך אין איין אַרומרייסן, איידער זיי קומען צו געוויסע קאָמפּראָמיסן. סטרייקט מען. דערווייל איז די אַרבעטער־באַפעלקערונג דער קרבן.

די שטייערן זיינען געוואַלדיק גרויס, אָבער מען קען זיך ניט העלפן, ווייל דער גרעסטער טייל פון רעגירונגס־בודזשעט גייט אויף מלחמה־הוצאות: אויסהאַלטן אַן אַרמיי, איינקויפן געווער, אד"ג. אפשר נאָכן אמתן שלום וועט זיך די לאַגע פאַרבעסערן. דאָס זיינען אַלץ, וואָלט איך געזאָגט, צייטווייליקע שוועריקייטן. עס זיינען אָבער פאַראַן פיל טיפערע חסרונות, וואָס רירן־אָן די סאַמע גרונט־יסודות פון ישוב און רופן־אַרויס זייער ערנסטע מחשבות וועגן דער צוקונפט פון ישׂראל.

די אידעאַלן פון אויפלעבונג אונטער דער ציוניסטישער פאָן, וועלכע האָבן באַהערשט אין משך פון עטלעכע דורות די יידן איבער דער וועלט און האָבן אַרויסגערופן אין לעבן פאַרשיידענע באַוועגונגען אויף צו פאַרזיכערן דעם קיום־האומה אונדזערן — אָט־די דאָזיקע אידעאַלן הערן לעצטנס אויף צו ווירקן. דער עלטערער דור, וואָס איז גרייט געווען זיך מוסר־נפש צו זיין פאַרן פאָלק און פאַר זיינע גייס־

טיקע אוצרות, שטאַרבט ביסלעכווײַז אָפּ אָן יורשים, וואָס זאָלן ממשיך זײַן אונדזער קאַמף פֿאַר דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

דעם גרעסטן טייל פֿון דער ישׂראל־יוגנט זײַנען, צום גרויסן באַדויערן, פֿרעמד די הויכע ציוניסטישע אידעאַלן וועגן אונדזער נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב. אמת, ווען עס קומט צו פֿאַרטיידיקן דאָס לאַנד און די מדינה, איז די ישׂראל־יוגנט פֿון אַלע שאַטירונגען גרייט צו קעמפֿן מיט אַלע כוחות. אָבער דער עפּיטעט „ציוני" איז דער ישׂראל־יוגנט מערסטנס פֿרעמד און איז זיכער ניט קיין גרויסער יחוס בײַ איר. בכלל פֿילט זי זיך ניט אַזוי ענג־פֿאַרבונדן מיטן ייִדישן וועלט־פֿאָלק.

לכן, אויב מ'וועט באַצײַטנס ניט אָננעמען קיין דראַסטישע מיטלען קעגן דעם, ווער קען וויסן, צי אין דער צוקונפֿט, ווען ישׂראל וועט לעבן בשלום מיט די אַראַבישע שכנים, וועט די ישׂראל־יוגנט זיך ניט אַסימילירן מיט דער אַראַבישער יוגנט און עס וועט אַנטשטיין אַ נײַע אַסימילאַציע, טאַקע אויפֿן ישׂראל־באָדן, מיט אַלע זײַנע טרויעריקע קאָנסעקווענצן?

אָן אויסנאָם, זעט איר, איז די ישׂראל־יוגנט פֿון רעליגיעזן לאַגער און די יוגנט פֿון די „קיבוצים". בײַ ביידע זײַנען פֿאַראַן טיפֿע וואָרצלען פֿון המשך־אידעאַלן. — בײַ די רעליגיעזע: די יסודות פֿון רעליגיע, די הייליקע באַציאונג צו תּורה־שבכתב און תּורה שבעל־פּה, און צו די שיינע טראַדיציעס פֿון ייִדישקײַט; בײַ דער „קיבוצים"־יוגנט: די אידעאַלן פֿון קאָלעקטיוויזם, פֿון יושר און סאָציאַלער גערעכטיקײַט לויט די נבֿיאים.

מיר פּערזענלעך איז אויסגעקומען צו זײַן אין אַ צאָל אָרטאָדאָקסישע שולן (ספֿרדישע און אשכנזישע) און כ'האָב באַמערקט די צוגעבונדנקײַט פֿון די קינדער, ייִנגערע און עלטערע, צו זייערע עלטערן. זיי האָבן געדאַוונט צוזאַמען מיט זיי און האָבן אָפּגעגעבן דעם טאַטן זייערן מיט גרויס דרך־ארץ דעם געהעריקן כּיבוד־אָבֿ; אויך אין די קיבוצים האָב איך צוגעזען די גרויסע ליבע פֿון יונגוואַרג צו זייער באַשיידענער קיבוץ־סבֿיבֿה, וואָס זיי וואָלטן פֿאַר קיין פּרײַז אין דער וועלט ניט געוואָלט פֿאַרבײַטן אויף אַנדערע לוקסוס־היימען. אין דעם פּרט שטעלט דער גאַנצער „קיבוץ" מיט זיך פֿאָר איין האַרמאָנישע גאַנצקײַט.

אונדזערע חכמים זאָגן: „עבֿירה גוררת עבֿירה" („זינד ברענגט צו

נאָך זינד״). אונדזער ווערסיע: „טרויעריקע געדאַנקען ברענגען מיט זיך נאָך טרויעריקערע מחשבֿות״: וואָס איז געוואָרן פֿון די שיינע אידעאַלן און שטרעבונגען פֿונם ציוניזם אין אַלע זײַנע שאַטירונגען? דער ציוניזם איז דאָך אין זײַן עצם געווען אַ פּאָזיטיוויסטישע אידייע: צו באַפֿעסטיקן און צו נאָרמאַליזירן דאָס עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לעבן פֿאַר די ברייטע ייִדישע מאַסן. למשל, לויט לעאָן פּינסקערס „אויטאָ־עמאַנצי־פּאַציע״ דאַרפֿן מיר ייִדן אַוועק פֿון די גויאישע שכנים, וועלכע וואָלטן זייער וועלן פֿון אונדז פּטור ווערן. אין אַן אייגן לאַנד וועלן מיר קענען ווערן אַ פּראָדוקטיוו פֿאָלק און ניט זײַן אָנגעוויזן אויף לופֿט־פּרנסות; לויט אחד־העמס „מרכּז רוחני״ דאַרף ארץ־ישׂראל ווערן אונדזער גײַסטיקער צענטער, וואָס זאָל קולטורעל משפּיע זײַן אויף די ייִדישע קהילות אין די גלות־לענדער; לויט בער באָראָכאָווס אַרבעטער־ציוניזם דאַרף ארץ־ישׂראל דינען ווי אַ פּראָלעטאַרישע באַזע אויף צוצוגרייטן אַ ייִדישן אַרבעטער־קלאַס. אָבער אַז מיר גייען איצטער דורך די גאַסן פֿון תּל־אָבֿיבֿ און אַנדערע שטעט אין ישׂראל, זעען מיר פֿאַר זיך אַריבער־געפֿלאַנצטע מוסטערן פֿון „אָרטשאַרד־סטריט״ — „האַנדעל־וואַנדעל און פּעדלערײַ!״ און מאַסן קונים — מסתּמא פֿון די אָרעמע שיכטן — כאַפּן מציאות. הייסט עס דאָך, אַז מיר זײַנען ממשיך אין ישׂראל אין פֿולן גאַנג די נעגאַטיווע לעבנס־פֿאָרמען פֿון די „נאַלעווקעס״ און „פּאַדאָל״. וואוהין פֿירט דאָס אַלץ?

קען דער נײַער אויפֿקומענדיקער דור דערפֿון אינספּירירט ווערן און שטאָלצירן מיט די דאָזיקע „האַנדל־וואַנדל״ ייִדן? דאַכט זיך, מ׳האָט אַלע יאָרן גערעדט און פּאָלעמיזירט, אַז מיר דאַרפֿן אַוועקוואַרפֿן אָט־די לופֿט־פּרנסות און ווערן אַ פּראָדוקטיוו פֿאָלק. מ׳האָט דאָך געוואָלט פּטור ווערן פֿון „גלות״ און פֿון די נאָכשלעפּערישע צויטן זײַנע. לסוף בויט מען איצטער אויף אַ נײַעם „גלות״, און דווקא אויפֿן באָדן פֿון ישׂראל! אָט־דאָס זײַנען פֿון די גרעסטע נעגאַטיווע שטריכן פֿון דער איצטיקער ישׂראל־ווירקלעכקײַט!

איצטער נאָך אַ פֿיל ערנסטער נעגאַטיווער שטריך, פֿון וועלכן מיר וועלן נאָך לײַדן און לײַדן, ביז ער וועט באַזײַטיקט ווערן. שטאַמען שטאַמט ער פֿון דער פֿאַלשער אויסטײַטשונג פֿונם באַגריף „נאַציאָ־נאַלער רענעסאַנס״ מצד דעם חלוצים־דור: „לאָמיר פּטור ווערן פֿון גלות! נהיה ככל הגוים״, „לאָמיר זײַן ווי אַלע פֿעלקער!״ — מיט אָט־די לאָזונגען איז בשעתּו פֿול געווען די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע פֿון

סאַמע אָנהייב אָן. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ רוף אויף איבערצו־רײַסן מיט דער צווייטויזנט־יאָריקער גלות־פֿאַרגאַנגענהײַט אונדזערער און פֿאַרבינדן אונדזער באַנײַט נאַציאָנאַל לעבן ווי ייִדן בלויז און נאָר מיט דער היסטאָרישער תּקופֿה פֿון אונדזער „מלוכה" פֿון אַמאָל, אַמאָל, אַזוי ווי די לעצטע צוויי טויזנט יאָר איז ניט געווען קיין ייִדיש פֿאָלק, וואָס זײַט־בײַ־זײַט מיט גזירות און פֿאַרפֿאָלגונגען, וואָס זײַנען אויף אונדז אויפֿגעשטאַנען, האָט פֿונדעסטוועגן געשאַפֿן גרויסע קולטור־אוצרות און האָט געפֿירט אַן אָרנטלעך לעבן מיט שיינע טראַדיציעס און אַ הויכער מאָראַל.

בלויז דער גויאישער פּראָפֿעסאָר אַרנאָלד טאָינבי, דער אָנער־קענטער היסטאָריקער פֿון אונדזער צײַט, האָט אונדז געקענט מזכּה זײַן מיט אַ געשיכטס־פֿילאָסאָפֿיע, מיט אַ טעאָריע, אַז מיטן אונטערגאַנג פֿון דער ייִדישער מלוכה, אין יאָר 70, נײַע צײַט, איז אויך אונטערגעגאַנגען דאָס ייִדישע פֿאָלק. דאָס איז דער גרעסטער שקר, וואָס מ'האָט געקאָנט אויף אונדז אויסטראַכטן. אמת, ייִדן האָבן טאָקע אין פֿאַרשיידענע צײַטן און אין פֿאַרשיידענע לענדער געליטן, אַפֿילו זייער געליטן, פֿאַר זייער ייִדישקײַט, אָבער זיי האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן, נאָר זיי האָבן ווײַטער געפֿירט אַן אינטענסיוו גײַסטיק ייִדיש לעבן. אונדזער גלות־געשיכטע איז פֿול מיט אַקטן פֿון העראָיִשן קידוש־השם, מיט מאַרטירערס, וואָס זײַנען אומגעקומען אויף די שײַטער־הויפֿנס און האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פֿון גיין צו שמד. מ'האָט אונדז אַרויסגעטריבן פֿון לענדער, וואו מ'האָט זיך מער ניט געניייטיקט אין אונדזער בײַטראָג, אין אונדזער הילף. האָבן מיר געוואַנדערט אין אַנדערע לענדער, וואו מיר האָבן ווידער געבויט ישיבֿות, בתּי־מדרשים און אַלערליי געזעלשאַפֿטלעכע הילף־אינסטיטוציעס. אונדזער לעבן האָט זיך כּסדר געהאַלטן אויף די יסודות פֿון תּורה און מעשׂים טובֿים.

אַפֿילו אין דעם ניט־לאַנג פֿאַרגאַנגענעם עבֿר אונדזערן, בעת מאָ־דערנע געדאַנקען און נײַע לעבנס־פֿאָרמען האָבן אָנגעהויבן אַרײַנצו־דרינגען אויף דער ייִדישער גאַס, האָבן ייִדן בדרך־כּלל, תּורה־מענטשן און סתּם פֿאָלקס־מאַסן, געוואָרצלט מיט ייִדישער באַזונדערקײַט. קען מען דאָס אַלץ איגנאָרירן, בעת מיר גייען פֿאַרווירקלעכן אונדזער היסטאָרישן חלום פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער ווידער־געבורט אין אונ־דזער אייגן לאַנד? דאָס איז געווען דער גרעסטער טעות אונדזערער, וואָס האָט אונדז שוין אָנגעטאָן גענוג שאָדן. אַ פֿאָלק טאָר ניט איבער־

רײַסן מיט זײַן נאָענטער פֿאַרגאַנגענהײַט. עס מוז אומבאַדינגט נאָכ־פֿאָלגן זײַן פּאָזיטיוון המשך, די קאָנטינואיטעט פֿון זײַן גײַסטיקן נעכטן*.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז די טויזנטער און טויזנטער ישׂראלים־טוריסטן פֿון איבערן גאַנצן לאַנד, די אמתע „סאַבראַס", וואָס איך פֿלעג באַגעגענען אין „כּפֿר־מכּביה", וואָו איך האָב געוואוינט העכער פֿיר חדשים, זײַנען אין מײַנע אויגן פֿולשטענדיק אָפּגעריסן פֿון ייִדישן המשך און פֿון ייִדישע קולטור־ווערטן. איך האָב זיי בשום אופֿן ניט געקענט אידענטיפֿיצירן ווי מײַנע פֿאָלקס־ברידער. אַפֿילו דער העברעיש זייערער קלינגט ווי אַ פֿרעמד לשון. איך צווייפֿל, צי אַפֿילו בן־גוריון און בן־צבֿי וואָלטן זיך געקוויקט מיט די דאָזיקע עכטע ישׂראל־„פּראָדוקטן". ס'איז לחלוטין ניטאָ קיין ענלעכקײַט צווישן זיי און די מאַסן ייִדן אין תּל־אָבֿיבֿ, רמת־גן, נתניה, חיפֿה, ירושלים, און אַנדערע שטעט.

די איינציקע געבאָרענע ישׂראלים, אויף וועלכע מ'קען, לויט מײַן באַשיידענער מיינונג, אָנווענדן דעם „נצח ישׂראל לא ישקר" און וועלן בלײַבן ייִדן, זײַנען, אין גרעסטן טייל, די אָפּשטאַמיקע פֿון די עכט־אָרטאָדאָקסישע היימען, ווי אויך די דערצויגענע אין די קאָלעקטי־וויסטישע קיבוצים. סײַדן אַ נס זאָל געשען...

נאָר שרעקט זיך ניט: דאָס אַלץ באַציט זיך צו אונדזער גאָר ווײַטער צוקונפֿט, אויב די דערמאָנטע נעגאַטיווע טענדענצן וועלן זיך, חלילה, אָן שווערקײַטן ווײַטער אַנטוויקלען. דערווײַל געפֿינט זיך נאָך ברוך־השם דער קאָנטראָל איבער אַלע וויכטיקע ענינים פֿון לאַנד און פֿון דער מדינה אין די הענט פֿון פֿירערס, וואָס וואָרצלען נאָך אַלץ אין ייִדיש־קײַט, רעליגיעזער אָדער סעקולערער ייִדישקײַט.

פֿון דער צווייטער זײַט, לאָמיר נאָר ניט אַרײַנפֿאַלן אין קיין אַפּאַטיע! מיר, ייִדן, זײַנען בטבֿע אַן אָפּטימיסטיש פֿאָלק, מיר האָבן אַלע־מאָל געהאָפֿט און געגלויבט, מיר האָבן אַלעמאָל אויפֿריכטיק געזאָגט: „אני מאמין". האָפֿן מיר, אַז אַזוי גיך ווי מיר וועלן באַפֿרײַט ווערן פֿון די מלחמה־געפֿאַרן און פֿון די כּסדרדיקע דראָאונגען מצד אונדזערע פֿײַנטלעכע שכנים — און מיר האַלטן דאָך נאָענט דערצו — וועלן אונ־דזערע אינטעלעקטועלע און געזעלשאַפֿטלעכע מנהיגים אין ישׂראל, פֿון

*) דער ענין „ייִדיש" אין ישׂראל, וואָס איז מצד דער „אָפֿיציעלער" ממשלה פֿון סאַמע אָנהייב־אָן שטאַרק באַוואָלהט געוואָרן, איז גאָר אַ טרויעריק קאַפּיטל פֿאַר זיך. און ווי עס גייט דאָס טראַדיציאָנעל־ייִדיש ווערטל: „ודי לחכּימא ברמיזא"...

וועלכע דער רובֿ וואָרצלט נאָך טיף אין ייִדישע טראַדיציעס און טראָגט מיט זיך אונדזער גײַסטיקע ירושה פֿון דור־דורות — זיי וועלן אויפֿסנײַ אָנהייבן משפּיע צו זײַן אויף אַן אינטענסיוון אופֿן אויף די מאַסן ייִדן, וועלכע זײַנען צעשפּרייט איבער די פֿאַרשיידנסטע ווינקלען פֿון לאַנד און זיי צוריקברענגען צו די אָריגינעלע אידעאַלן פֿון קאָנסטרוקטיוון ציוניזם.

אָט־די קולטורעלע און סאָציאַלע כּוחות אונדזערע וועלן נאָכן שליסן דעם געגאַרטן שלום מיט אונדזערע אַראַבישע שכנים זיכער אויסגענוצט ווערן אויף פֿאָלקס־דערציאונג אויף אַ ברייטן מאַס־שטאַב. זיי וועלן, ראשית כּל, אָפּשאַפֿן בהדרגה די גוואַלדיקע צעריסנ־קײַט צווישן די ישׂראלים גופֿא אין פֿאַרשיידענע פּאַרטייען און פֿאַר־טייעלעך, און בעיקר די אָפּגעפֿרעמדטקײַט צווישן די ישׂראלים און די ייִדן פֿון אַנדערע לענדער. מיר, ייִדן, זײַנען איין פֿאָלק! איין וועלט־פֿאָלק! אַזוי ווי דער גרויסער היסטאָריקער פֿון אונדזער תּקופֿה, דער מאַרטירער, דער קדוש, שמעון דובנאָוו, האָט עס פֿאָרמולירט.

די דערציאונג פֿון דער ישׂראל־יוגנט, אין די שולן פֿון אַלע מדרגות, וועט זיכער אַקצענטירן ניט נאָר די באַדײַטונג פֿון פֿיזישער אַנטוויק־לונג און מיליטערישער צוגרייטונג אויף צו פֿאַרטייִדיקן דאָס לאַנד — מחמת זיי זײַנען גאָר וויכטיקע עלעמענטן פֿאַר דער פֿיזישער זיכער־קײַט פֿון פֿאָלק — נאָר די הויפּט־געוויכט וועט בלי־ספֿק געלייגט ווערן אויף מאָראַל און מעשׂים טובֿים, וואָס זייערע עיקרים, זייערע פּרינציפּן, זײַנען זייער וויכטיקע באַשטאַנד־טיילן פֿון תּורת־משה און אונדזערע קולטור־אוצרות פֿון אַלע דורות. אויך וועט אונדזער ישׂראל־יוגנט פֿון אָנהייב־אָן דערצויגן ווערן אויף צו פֿילן אַ נאָענטע קרובֿהשאַפֿט צו דער ייִדישער יוגנט פֿון אַלע אַנדערע לענדער.

אָנצוצייכענען אַ ברייטע פּראָגראַם פֿון אָט־אַזעלכע קולטור־אַקטיוויטעטן וועט אַוודאי זײַן די צענטראַלע אויפֿגאַבע מצד אונדזערע אינטעלעקטועלע און געזעלשאַפֿטלעכע כּוחות אין ישׂראל אויף מאָרגן און איבערמאָרגן נאָך די מלחמה־קאַשמאַרן פֿון די העכער דרײַסיק יאָר עקזיסטענץ פֿון דער באַנײַטער ייִדישער מלוכה.

פֿישל הערשטיין

(צוקונפֿט, יאַנואַר, 1980)

ו) „ישׂראל און גלות"

(אַ פּאַראַלעל צווישן צוויי שטאַנדפּונקטן)

ס'האָט זיך אייגנטלעך געקענט דאַכטן, אַז די דאָזיקע דיסקוסיע איז שוין אַ פֿאַרענדיקטע. זי האָט געהאַט אַ זין, אַ ממשות, „קודם מדינת־ישׂראל". דעמאָלט איז דאָס געווען אַ טעאָרעטישע פֿראַגע, אַ פּלוגתּא: צוויי שיטות, צוויי שטאַנדפּונקטן, וועלכע האָבן צווישן זיך געראַנגלט, ווי אַזוי און אין וועלכער ריכטונג בעסער אויסצונוצן אונדזערע געזעל־שאַפֿטלעכע כּוחות און אונדזער נאַציאָנאַלע ענערגיע, בכדי צו מאַכן געזונט דאָס ייִדישע לעבן איבער דער וועלט און אויסצוהיילן אונדזער פֿאָלקס־אָרגאַניזם פֿון די אַלערליי חולאתן, וואָס פֿלעגן אים כּראָניש באַ־פֿאַלן אין אַלע מקומות, וואו ייִדיש לעבן האָט עקזיסטירט. ערשט „די גאָלדענע קייט", די פֿערטליאָר־שריפֿט אין ישׂראל, נומער 14, עפֿנט אויפֿסנײַ די דאָזיקע דיסקוסיע, אַזוי ווי מיר וואָלטן נאָך געהאַלטן בײַם „בראשית" פֿון אונדזער טעאָרעטישער באַגרינדונג פֿון אונדזער באַ־נײַטן מלוכה־לעבן אין אייגענעם לאַנד. ווי אַן אַנהייב (די רעדאַקציע זאָגט־צו אין קומענדיקן נומער צו פֿאַרעפֿנטלעכן ווײַטערדיקע מאמרים אויף דער זעלביקער טעמע) זײַנען די צוויי אַרטיקלען פֿון: דוד פּינסקי און אַבֿרהם גאָלאָמב.

ביידע, סײַ פּינסקי און סײַ גאָלאָמב, זײַנען אונדז גוט באַקאַנט פֿאַר אַזוי־גערופֿענע „גלותיסטן": ביידע זײַנען זיי מיט האַרץ און נשמה פֿאַר־אינטערעסירט אין ווײַטערדיקן המשך פֿון ייִדישן לעבן אומעטום, וואו עס געפֿינען זיך ייִדן. הגם ביידע האָבן זיי אין דערזעלביקער צײַט ליב מיט לײַב און לעבן דאָס היסטאָרישע און דאָס איצטיקע „ישׂראל". אָבער וואָס פֿאַר אַ געוואַלדיקער חילוק עס איז פֿאַראַן צווישן די דאָזיקע צוויי באַזונדערע אַרטיקלען! ממש אַ תּהום טיילט זיי אָפּ!

דוד פּינסקי, דער שיין־שרײַבער, דער דיכטער, וואָס האָלט אונדז אין איין איבערראַשן אין זײַן הויכן עלטער (עד מאה ועשׂרים!) מיט זײַן קינסטלערישער פּען, גיט אונדז אין זײַן אַרטיקל „אויס" אַ וואונדער־באַר־שיינעם פּאָעטישן פֿאַרגלײַך צווישן ישׂראל און גלות, סײַ אין היסטאָרישן און סײַ אין איצטיקן זינען. דאָס אַרטיקל, וואָלט איך גע־זאָגט, איז פֿול מיט פּאַטאָס וועגן דער נצחיות פֿון ייִדישן קיום בכלל. דערפֿאַר זעט ניט פּינסקי קיין שום סתּירות צווישן „ישׂראל" און „גלות" און ס'שלאָגט פֿון אים פֿיל אָפּטימיזם בנוגע דער ייִדישער צוקונפֿט

אומעטום. דאַקעגן א. גאָלאָמב, אין זײַן אַרטיקל „די ברכות און קללות פֿון גלות״ לאָזט איבער דעם אײַנדרוק פֿון אַן אַנגעברוגזטן, בײַ וועמען עס זײַנען אָנגעזאַמלט אַן אַ שיעור שווערע טענות, כאָטש איין גאָט ווייסט קעגן וועמען... ביידע, סײַ פּינסקי און סײַ גאָלאָמב, אָפּערירן מיט היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס (טאַקע, ווי דען אַנדערש קען מען באַהאַנדלען אַזאַ טעמע, אויב ניט מיט באַווײַזן פֿון געשיכטע!?). אָבער גראָד פּינסקי, דער פּאָעט, איז דאַכט זיך דער לאָגיש־אויסגעהאַלטענער, בעת גאָלאָמב, דער דענקער, איז צופֿיל עמאָציאָנעל...

לויט פּינסקין איז דער טערמין „גלות״ ענג פֿאַרבונדן מיט גאולה־בענקעניש און האָט לחלוטין ניט צו טאָן מיט די סינאָנימען: „צרות״, „פּיין״, „אומגליק״. לויט דער דאָזיקער דעפֿיניציע, האָבן זיך למשל די ייִדן אין בבֿל, נאָכן ערשטן חורבן, געפֿילט אין „גלות״, ווײַל זיי האָבן ניט אויפֿגעהערט צו בענקען אַהיים קיין יהודה. כאָטש אין בבֿל זײַנען די ייִדן, לויט פֿאַרלאָזלעכע מקורות, גוט באַהאַנדלט געוואָרן סײַ פֿון נבֿוכדנצרן און סײַ פֿון זײַן זון, אויל־מרודך, און עס האָט זיי דאָרטן גאָר ניט געפֿעלט, ניט אויפֿן עקאָנאָמישן און ניט אויפֿן סאָציאַלן געביט. איז פֿונדעסטוועגן בבֿל געווען פֿאַר די ייִדן „גלות״ מחמת דער אומצופֿרידנקײַט אין דער „פֿרעמד״. אָבער מיט כּורשעס דעקרעט, אַז ייִדן קענען זיך אומקערן קיין יהודה און דאָרטן ווידער אויפֿבויען דאָס בית־המקדש, האָט זיך פּאַקטיש דער „גלות״ געענדיקט אַפֿילו פֿאַר די פֿאַרבליבענע אין בבֿל, מחמת זיי זײַנען געווען פֿרײַ צו יעדער צײַט זיך אומצוקערן אין זייער אייגן נאַציאָנאַלן לאַנד אַרײַן. אַזוי אַז ווען הלל קומט (מיט יאָרן שפּעטער) פֿון בבֿל קיין ארץ־ישׂראל, קומט ער שוין ניט פֿון „גלות־בבֿל״, נאָר פֿון בבֿל, וואָס ייִדן האָבן געמאַכט פֿאַר זייער צווייטער מדינה, פֿון וואַנען זיי האָבן אָנגעהאַלטן די פֿרײַנטלעכסטע פֿאַרבינדונגען און אָפֿטן פֿאַרקער מיט די ייִדן אין „יהודה״... דאָס אייגענע, לויט פּינסקין, האָבן אויך די ייִדן אין מצרים, אין דער גריכישער עפּאָכע, זיך ניט באַטראַכט ווי זיי וואָלטן געווען אין „גלות־מצרים״, ווײַל זייער סטאַטוס איז ניט געווען פֿון „פֿאַרטריבענע״, וואָס האָבן זיך ניט געטאָרט אומקערן אין זייער אייגן לאַנד אַרײַן. אויך פֿאַר די ייִדן אין רוים, אין אַ שפּעטערער צײַט, ווי אויך אין אַנדערע ייִדישע קאָלאָניעס, איז דאָס וואָרט „גלות״ געווען פֿרעמד, ווײַל זיי זײַנען כּסדר געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט יהודה און האָבן זיך פֿרײַוויליק אונטערגעוואָרפֿן איר גײַסטיקער העגעמאָניע. ערשט שפּעטער, מיטן מאָמענט

ווען יהודה איז געפֿאַלן, האָט זיך דער „גלות" פֿאַרשפּרייט אויף אַלע ייִדישע תּפֿוצות. ווי אַ באַווײַז פֿאַר זײַן טעאָריע ברענגט דוד פּינסקי דעם פֿאַקט, וואָס אין בבֿל פֿון אַ שפּעטערער תּקופֿה (אין דער צײַט פֿון די „גאונים"), וואו ייִדן האָבן געגאָסן און פּראַקטיצירט די ברייטסטע אויטאָנאָמיע אין זייער גלות־געשיכטע, האָט זיך זייער פֿירער גערופֿן ניט מיט קיין אַנדערן נאָמען ווי „ריש־גלותא" — „דער עלטסטער פֿון גלות".

מיט אַנדערע ווערטער: אַפֿילו דאָרטן, וואו עס האָט זיך די ייִדן געלעבט גוט, איז עס פֿאַר זיי פֿאָרט געווען אַ „גלות־לאַנד", ווײַל ס'איז געווען באַגלייט מיט גאולה־בענקעניש. אָט־דאָס דאָזיקע געפֿיל איז געווען טיף אײַנגעוואָרצלט בײַם פֿאָלק אומעטום, זינט עס האָט פֿאַרלאָרן דאָס מלוכה־לעבן אין אייגענעם לאַנד. דאָס דערקלערט אַגבֿ אויך, וואָס יענער שיכט ייִדן, וואָס האָבן זיך — באַזונדערס אין דער נײַער צײַט — געוואָלט אַסימילירן מיט דער אַרומיקער ניט־ייִדישער סבֿיבֿה, האָט פֿײַנט געהאַט בתכלית השׂנאה דאָס וואָרט „גלות" און עס פּראָסט און פּשוט געוואָלט פֿאַרלייקענען. אויך אונדזער רעפֿאָרם־באַוועגונג — וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפֿן באָדן פֿון אַסימילאַציע — האָט געוואָלט אויסמעקן דאָס וואָרט „ירושלים" פֿון סידור און אַרויסוואַרפֿן דאָס וואָרט „גאולה" פֿון די תּפֿילות. אָבער פֿון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט האָבן ייִדן אין אַלע תּפֿוצות, אונטער גינסטיקע ווי אומגינסטיקע לעבנס־באַדינגונגען, ביז ניט־לאַנג צוריק אַלע געלעבט אין „גלות". ערשט מיטן אויפֿקום פֿון „מדינת־ישׂראל" פֿאַרשווינדט דער באַגריף „גלות" אין אַלע לענדער, פּונקט ווי אַמאָל אין בבֿל. ווײַל „מדינת־ישׂראל איז ייִדנלאַנד, וואָס געהערט צו אַלע ייִדן אין זייער צעשפּרייטקײַט", וואוהין זיי קענען קומען לויט זייער אייגענעם פֿרײַען ווילן, און די תּפֿוצות קענען באַטראַכט ווערן ווי „ייִדישע קאָלאָניעס" פֿון ייִדישן היימלאַנד. אזוי־ערנאָך האָט זיך מיט מדינת־ישׂראל געענדיקט די גלות־עפּאָכע אין דער ייִדישער געשיכטע. אַן אויסנאָם זײַנען נאָר יענע לענדער, פֿון וועלכע מ'לאָזט נאָך אַלץ די ייִדן ניט אַרויס — דאָרטן איז נאָך אַלץ „גלות"...

עד כאן פּינסקי. קומט א. גאַלאַמב, וועמען עס באַאומרואיקט זייער שטאַרק דער ווײַטערדיקער קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק איבער דער גאַנצער וועלט, און דריקט אויס די מורא, אַז ארץ־ישׂראל איז ווײַט ניט קיין גאַראַנטיע פֿאַר אונדזער גײַסטיקן המשך. פֿאַרוואָס? ווײַל, לויט גאַלאַמבן, איז אַלץ, וואָס איז עפּעס פֿאַראַן בײַ ייִדן גרויסע שעפֿערישע ווערק,

זײַנען זיי אַלע רעזולטאַטן פֿון „גלות״, בעת די צײַט, וואָס ייִדן האָבן גע־לעבט אין זייער אייגן לאַנד, צייכנט זיך מיט גאָרניט אויס (אַזוי ווי ארץ־ישׂראל וואָלט, רחמנא ליצלן, געווען אימפּאָטענט פֿאַר גײַסטיקע ווערטן!), אויסער — מיט זינד און פֿאַרדאַרבענע פּירונגען, וואָס האָבן דאָס לאַנד פֿאַראומרייניקט. און ווי אַ ראיה לדבֿריו ברענגט גאָלאָמב די ווערטער פֿון נבֿיא: „ותבֿאו ותטמאו את ארצי״, און אַלע תּורות (אַפֿילו די „תּורה״ פֿון מדבר סיני!) האָבן ייִדן — לויט גאָלאָמבן — געשאַפֿן אין די גלותן און זיי דערנאָך געבראַכט קיין ארץ־ישׂראל! און באַלד גייט אַוועק אַ לאַנגער „הלל״ פֿאַר דעם „גלות״, אַז ס׳איז ממש צו שטוינען, וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט אַזוי פֿיל יאָרן געלעבט אין טעות און מתפּלל געווען: „ותחזינה עינינו בשובֿך לציון ברחמים״! סײַדן, די ייִדן האָבן זיך געוואָלט באַפֿרײַען פֿון דעם איבערפֿלוס „גײַסטיקע קולטור״, מיט וועל־כער דאָס ייִדישע לעבן אין גלות איז געווען איבערגעפֿילט!...

יאָ, גאָלאָמבס אַרגומענטן, אַז אין גלות האָבן די ייִדן געשאַפֿן די וויכטיקסטע ווערק פֿון זייער גײַסטיקער קולטור (ווי אַ בײַשפּיל פֿאַר־גלײַכט ער דעם תּלמוד־בבֿלי צום תּלמוד־ירושלמי), זײַנען שוין זייער אַלט, און ווי אַן ערנסטער וויסנשאַפֿטלער וואָלט זיך גאָלאָמב ניט גע־דאַרפֿט אָנכאַפּן אַן דעם דאָזיקן שאַבלאָן. ווײַל דער אמתער אָנהייב פֿון ייִדישער קולטור (דער גרעסטער טייל פֿון די תּורה־געזעצן און די גײַסטרײַכע רעדעס פֿון די נבֿיאים) איז געשאַפֿן געוואָרן אויף ארץ־ישׂראלדיקן באָדן, מחמת נאָמאַדן אין מדבר שאַפֿן ניט קיין סאָציאַלע גע־זעצן פֿון שטאָטישן און דאָרפֿישן לעבן. דאָרטן, אין ארץ־ישׂראל, איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פֿון גײַסטיקן ייִדישן שאַפֿן און די וויכטיקסטע עטישע באַגריפֿן שטאַמען פֿון דאָרטן. אויף דעם דאָזיקן געזונטן פֿונדאַ־מענט פֿון אונדזער גײַסטרײַכן עטישן „בראשית״ האָבן די גײַסטיקע ריזן אונדזערע פֿון די פֿאַרשיידענע גלותן געקענט דערנאָך בויען זייערע געניאַלע „בנינים״, וואָס פֿון זיי איז שפּעטער אויסגעשמידט געוואָרן דאָס, וואָס מיר רופֿן אַן „ייִדישע קולטור״. אַגבֿ, צו דער דערמאָנטער קאַטעגאָריע „חכמהדיקע״ אַרגומענטן געהערן אויך גאָלאָמבס „היס־טאָרישע״ באַווײַזן, אַז דוד המלך איז געווען אַן אייניקל פֿון אַ ניט־ייִדישער באָבען און אַז דער גרויסער תּנא ר׳ מאיר האָט געשטאַמט פֿון גרים. בכלל דאַרף מען גאָלאָמבן אָפּטמאָל דערמאָנען דעם קלוגן זאָג פֿון שמעון בן שטח: „והוה זהיר בדבֿריך!״ — אויף צופֿעליקע דערשײַ־נונגען בויט מען ניט קיין לופֿט־שלעסער! און מען וואַרפֿט זיך ניט מיט

קיין „בויך־סבֿרות" דאָ, ווען מען דיסקוטירט אַזעלכע ערנסטע ענינים...

דערפֿאַר, ווײַל גאָלאָמב איז ניט ווי געהעריק אָפּגעהיט, איז זײַן אַרטיקל (הגם רײַך אין ערודיציע) פֿול מיט סתירות. אָט גלאָריפֿיצירט ער דעם גלות ווי די אמתע „היים" פֿון ייִדיש־גײַסטיקן שאַפֿן אין משך פֿון אַלע דורות, און אָט שילדערט ער אונדז אַ שווידערלעך בילד פֿון הײַנטיקן ייִדישן לעבן אין די גלות־לענדער. באַזונדערס איז פֿול מיט האַס, שׂנאה און פֿאַראַכטונג זײַן באַציאונג צום לעבן פֿון די ייִדן אין די אַמעריקאַנער לענדער, וואו עס גייט אָן, לויט זײַן פֿעסטער איבער־צײַגונג, אַן אומאויפֿהערלעכער פּראָצעס פֿון „אויסייִדישן זיך": ...„אַמעריקע איז דער שווערסטער און דער מסוכּנסטער גלות" — אַן אומרחמנותדיקע, גײַסטיקע ירידה, אַן דער מינדסטער האָפֿענונג אויף אַפּצוראַטעווען עפּעס; אמתע בגידה מצד די ייִדישע מאַסן אין: פֿאָלק, שפּראַך, און טראַדיציעס... עס וואונדערט בלויז, ווי אַזוי קען א. גאָ־לאָמב, דער פּעדאַגאָג און דערציער, זיך צורירן צו די פֿונקציעס פֿון ייִדישן חינוך בײַ אונדז אין די אַמעריקעס מיט אַזעלכע פּעסימיסטישע געפֿילן און מיט אַזאַ קעגנערישן צוגאַנג צום גורל פֿון היגן ייִדישן לעבן! דער דערציער מוז דאָך פֿריער פֿון אַלץ האָבן אמונה אין זײַן באַרוף, אין זײַן אַרבעט! דאָס איז דאָך דער סאַמע אַלף־בית פֿון לערערײַ בכלל!

און ווי אַ צווייטער רעזולטאַט פֿון אומפֿאַרזיכטיקײַט, ווערט א. גאָ־לאָמב נכשל און פֿאַלט אַרײַן, גאַנץ אומנייטיק, אין פּאָלעמישן טאָן: צו וואָס, אַשטייגער, דאָס דערמאָנען איצטער דעם אינצידענט מיטן העברעישן לערער אין דער קאָלאָניע „ראש־פּינה", מיט אַזוי פֿיל יאָרן צוריק, וועלכער האָט געהאַסט מיט אַלע רמ"ח אבֿרים דעם „זשאַרגאָן", בעת דער פּעריאָד פֿון „שקאָצערײַ" בנוגע ייִדיש־לשון אין ארץ־ישׂראל איז שוין לאַנג אַריבער און געהערט שוין לאַנג צו דער פֿאַר־גאַנגענהײַט?

בכלל איז א. גאָלאָמב אין זײַן צוגאַנג צו דער ייִדישער ווירק־לעכקײַט פֿול מיט קאַפּריזן: ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און וויל ניט אַנ־דערש, נאָר אַ ווילנע אָדער אַ וואַרשע! קיין אַנדערן מוסטער פֿון ייִדיש לעבן וויל ער באַין־אופֿן ניט אַקצעפּטירן. ס'טייטש! אפֿשר וועט זיך דאָ, גראָד אין די אַמעריקעס, פּונקט ווי למשל אַמאָל אין אַראַבישן שפּאַניע, קענען פֿאַרמירן אַן אייגנאַרטיק־ייִדיש לעבן לויט די היגע ספּעציפֿישע

באַדינגונגען, נאָר אין תּוך וועט עס ציִען די יניקה פֿון אַלטן שורש, מחמת אַנדערש קען גאָרניט געמאָלט זײַן קיין ייִדיש לעבן! אָבער שטעלנדיק זיך אַזוי עקשנותדיק אויף דער פֿאָרעם, שטימט עפּעס ניט מיט אונדזער געשיכטלעכן גאַנג ביז אַהער, און באַזונדערס שטימט עס ניט מיט די געזעצן פֿון לעבן, מיט די געזעצן פֿון עוואָלוציע: אַ סאָציאַ־לאָג מוז זיך שטאַרק רעכענען מיט אַזעלכע פֿאַקטאָרן ווי: „תּנאַי־החיים״ און „סבֿיבֿה״.

אַרום און אַרום קען מען זאָגן, אַז אויב פּינסקיס אַרטיקל הויכט אונדז אָן מיט דער פֿרייד פֿון גרויסן נס „מדינת־ישׂראל״ און וועקט אין אונדז אמונה אינם „נצח ישׂראל לא ישקר״, האָט אונדז א. גאָלאָמב ניט צוגעטראָגן קיין שום קאָנסטרוקטיוון פּלאַן בנוגע דער צוקונפֿט פֿון ייִדישן לעבן און ייִדיש־גײַסטיקן שאַפֿן. ער האָט זיך הפּנים געוואָלט מיט עמיצן אָפּרעכענען און האָט זיך דערווײַל אַביסל אַראָפּגערעדט פֿון האַרצן — אויך דאָס איז ניט אין צײַט!...

פּ. ה.

קאַפּיטל 3

„ייִדיש ווי אַ שטאַרקע באַוואָרעניש פֿאַר ייִדישקייט"

א) די היסטאָרישע ייִדיש־קאָנפֿערענץ

(אייניקע שטריכן אַנשטאָט אַ פֿולן באַריכט)

די קאָנפֿערענץ פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, אָפּגעהאַלטן אין ירושלים, פֿון מאָנטיק דעם 23סטן ביז דאָרנערשטיק דעם 26סטן אויגוסט 1976, איז געווען אַ היסטאָרישע געשעעניש, וואָס וועט אַרײַן אין דער ייִדישער געשיכטע ווי אַ נײַע און פּאָזיטיווע ווענדונג אינם קאַמף פֿאַר „ייִדיש" אַנערקענט צו ווערן פֿאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פֿון ייִדישן פֿאָלק. דער דאָזיקער אידעאָלאָגישער קאַמף ציט זיך שוין פֿון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ אָן, אין יאָר 1908. אין משך פֿון די דאָזיקע קנאַפּע 70 יאָר זײַנען פֿאָרגעקומען אין ייִדישן לעבן איבער גאָר דער וועלט טיפֿע ענדערונגען, וואָס האָבן זייער באַאומרואיקט און־דזערע גײַסטיקע פֿאָלקס־מנהיגים אומעטום. אַפֿילו אין מדינת־ישׂראל, אונדזער איינציקער ליכטיקער פּונקט אין משך פֿונם דאָזיקן צײַט־אָפּשניט, האָט מען זיך אָנגעהויבן ערנסט צו שרעקן פֿאַר אונדזער ווײַטערדיקער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ ווי אַ רעזולטאַט פֿון די דאָזיקע צו־טיפֿע שינויים.

די פֿיר טעג פֿון דער קאָנפֿערענץ, צו וועלכער עס זײַנען געקומען 400 דעלעגאַטן (און אַ גרויסע צאָל געסט) פֿון 16 לענדער, האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ דערהויבענעם ייִדישן קולטור־יום־טובֿ, בײַ וועלכן עס זײַנען געהאַלטן געוואָרן מצד אַקאַדעמיקערס, פּראָפֿעסאָרן, שרײַבערס און דערפֿאַרענע קולטור־טוערס, וויכטיקע רעפֿעראַטן איבער דעם נאַציאָנאַלן באַטײַט פֿון דער ייִדישער שפּראַך. אויך די קנאַפּע

פֿערציק יוגנטלעכע דעלעגאַטן, וועלכע זײַנען געקומען צו דער קאָנפֿע־רענץ מיט דער כּוונה צו־צושטעלן אַ פּלייצע צו דער פּראַקטישער אויפֿ־ריכטונג און פֿאַרבעסערונג פֿון דער מערכה פֿון ייִדיש, האָבן צוגעגעבן דער קאָנפֿערענץ קלאַר און דערמוטיקונג.

אַלע סעסיעס, סײַ די פּלענאַרע און סײַ די פֿון די פֿינף באַזונדערע אַרבעט־קאָמיסיעס, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט וואַרעמען אינטערעס און טיפֿן ערנסט. נאָר די אינטערעסאַנטסטע און באַגײַסטערנדיקסטע צוויי זיצונגען זײַנען געווען: די דערעפֿענונג פֿון דער קאָנפֿערענץ מאַנטיק אָוונט אינם פּרעכטיקן ירושלימער טעאַטער, וואָס איז געווען אָנגעפֿילט מיט העכער צוועלף הונדערט מענטשן, און די שלוס־זיצונג דאָנערשטיק פֿאַרנאַכט אין ירושלימער אוניווערסיטעט אין אולם־ווײַז. די דאָזיקע צוויי גאַר אימפּאָזאַנטע סעסיעס האָבן אויף יעדן איינעם איבערגעלאָזט אַ טיפֿן אײַנדרוק.

ס'איז געגנוג צו דערמאָנען צוויי באַגריסונגען בײַ דער דערעפֿע־נונג־זיצונג: 1) פֿונם קולטור־ און דערציאונג־מיניסטער אהרן יאַדלין, און 2) פֿון ד״ר אַרטור הערצבערג פֿון אַמעריקע. אַהרן יאַדלין איז אויפֿגענומען געוואָרן פֿונם באַגײַסטערטן עולם מיט שטורעמדיקע אַפּלאָדיסמענטן, מחמת נאָך פֿאַר דער קאָנפֿערענץ האָט ער געהאַט אָפֿי־ציעל דערקלערט, אַז ייִדיש ווערט אײַנגעפֿירט אין די מיטלשולן פֿון מדינת־ישׂראל ווי אַ פּריוויליקער לימוד. ער האָט באַגריסט אין עבֿרית. עטלעכע זאַצן אין זײַן רעדע זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זײַן פּערזענ־לעכער שטעלונג צו ייִדיש, ווי אויך פֿאַר דער שטעלונג פֿון דער ישׂראל־רעגירונג בײַם איצטיקן מאָמענט: „היחס שלנו ליידיש הוא בחיוב גדול״ („אונדזער באַציאונג צו ייִדיש איז זייער פּאָזיטיוו״); „הכּנוס למען ייִדיש חשובֿ מאד״ („די קאָנפֿערענץ פֿאַר ייִדיש איז זייער וויכטיק״). ער האָט גערופֿן צו אַ שותּפֿות פֿון אונדזערע גײַסטיקע כּוחות: „עלינו לבנות גשר יהודי לאחדות יהודית״ („מיר דאַרפֿן בויען אַ ייִדישע בריק צו ייִדישער אחדות״).

די צווייטע זייער אײַנדרוקספֿולע רעדע איז געווען פֿון ד״ר אַרטור הערצבערג, וועלכער האָט באַגריסט אין נאָמען פֿון ייִדישן וועלט־קאָנ־גרעס. ער האָט מיט זײַן רעדע געוואַלדיק באַגײַסטערט דעם ענטוזיאַס־טישן עולם. ער האָט גערעדט מיט טיפֿער ערודיציע וועגן אונדזער טראַגישן יאָרהונדערט און וועגן אונדזער נאַציאָנאַלן חובֿ צו שטיצן ייִדיש אויף אַלע געביטן פֿון אונדזערע נאַציאָנאַלע אַקטיוויטעטן. ער

האָט דעם עולם געהאַלטן געשפּאַנט מיט זײַן אינהאַלטסרײַכער רעדע אין אַ פּרעכטיקן, זאַפֿטיקן ייִדיש: „דער שלום צווישן ייִדיש און העברעיִש איז אייגנטלעך ניט אונדזער איינציקע פּראָבלעם איצט — מ׳קען סײַ אין ייִדיש און סײַ אין העברעיִש בלײַבן גויים — דער עיקר פּראָבלעם פֿאַר אונדז איז: ווי אַזוי צו פֿאַרבינדן דעם הווה מיטן ייִדישן עבֿר — ישׂראל איז דער יורש פֿון אַלע פֿאַרמען ייִדישקייט — דאָס ייִדישע פֿאָלק קען זיך ניט פֿאַרגינען מנותּר צו זײַן אַפֿילו אויף איין פּאָזיציע פֿון ייִדישן שאַפֿן — אונדזער הײַנטיקע קאָנפֿערענץ דאַרף פֿאַרפֿעסטיקן „ייִדישקייט” מיט אַלע תּקופֿות פֿון אונדזער עבֿר”.

עס זײַנען אויסגעהערט געוואָרן באַגײַסטערטע באַגריסונגען אויך פֿון אַ ריי אַנדערע וויכטיקע פֿאָרטזאָגערס פֿון ייִדישן לעבן. בכלל איז די דערעפֿענונג־סעסיע געווען זייער פֿײַערלעך: דער פּרעכטיקער טעאַטער־זאַל איז געווען פֿײַן דעקאָרירט, מיט פֿאַסיקע קבלת־פּנים אויפֿשריפֿטן אין עבֿרית און אין ייִדיש, מיט שלום־עליכמס שמייכלדיק בילד אין סאַמע צענטער פֿון דער בינע, מיט אַ גוט־געשולטן כאָר, וואָס האָט מקבל־פּנים געווען דעם יום־טובֿדיקן עולם מיט אַ קראַנץ שיינע מעלאָדיעס און לידער אין העברעיִש און אין מאַמע־לשון, און מיט אַ קינסטלערישער „שלום־עליכם” פּראָגראַם לכּבֿוד זײַן זעכציקסטן יאָרצײַט, דורכגעפֿירט טאַלאַנטפֿול פֿון: שמעון דזשיגאַן, שמעון פֿינקל און עטל קאָוועוסקאַ בײַם סוף פֿון אָוונט.

פֿון דינסטיק אין דער פֿרי אָן ביזן שלוס פֿון דער קאָנפֿערענץ זײַנען אַלע זיצונגען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלימער אוניווערסיטעט. דעם גאַנצן טאָג דינסטיק ווערן אין אולם־ווײַז געלייענט רעפֿעראַטן פֿון אַ העכערן ניוואָ: „ייִדיש אין דער נײַער היסטאָרישער און אַקטועלער סיטואַציע” — פֿון דבֿ סדן; און „סאָציאַל־הומאַניסטישע מאָטיוון אין דער ייִדישער ליטעראַטור” — פֿון מרדכי שטריגלער.ביידע רעפֿעראַטן ווערן נאָכגעפֿאָלגט פֿון אַן אינהאַלטסרײַכן פּאַנעל: „אַקטועלע פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור”, מיט דער באַטייליקונג פֿון אַ צאָל אנשי־רוח פֿון פֿאַרשיידענע לענדער.

די נאָכמיטאָג־זיצונג איז געווען געווידמעט באַריכטן וועגן דער לאַגע פֿון דער ייִדישער קולטור אין די תּפֿוצות. עס האָבן אָפּגעגעבן זייער אינטערעסאַנטע באַריכטן דעלעגאַטן פֿון אַכט לענדער, אַפֿילו פֿון סאָוועט־רוסלאַנד און רומעניע. דער אַלגעמיינער אײַנדרוק פֿון די באַריכטן איז, אַז אונדזערע ייִדן אין די פֿאַרשיידענע ישובֿים זײַנען ניט

גלײַכגילטיק צום גורל פֿון דער ייִדישער קולטור — כּמעט אומעטום
ווערן געמאַכט באַמיאונגען אויף אַ לאָקאַלן שטייגער אויפֿצוהאַלטן דאָס
פֿײַער פֿון ייִדישן שאַפֿן.

בײַם סוף ווערט אויך געלייענט אַן אינטערעסאַנטער רעפֿעראַט פֿון
פּראָפֿעסאָר חנא שמערוק: „ייִדיש אין די אוניווערסיטעטן", באַגלייט מיט
אַן איבערבליק פֿון ד"ר לאַנדיס וועגן „ייִדיש אין די אוניווערסיטעטן אין
די פֿאַרייניקטע שטאַטן". ווײַזט זיך אַרויס, אַז בעת ייִדיש פֿאַרלירט פּאָ־
זיציעס ווי אַ גערעדטע שפּראַך, געווינט זי אָבער וואָס מער פּרעסטיזש
דערמיט, וואָס זי ווערט אָנערקענט פֿון אָנגעזעענע אוניווערסיטעטן
איבער דער וועלט ווי אַ לימוד אויף צו שטודירן און פֿאָרשן. קומט אויס,
אַז העברעיִש און ייִדיש זײַנען ביידע אונדזערע נאַציאָנאַלע לשונות, נאָר
זיי בײַטן זיך מיט די ראָלן: פֿריער איז ייִדיש געווען מייסטנס די גע־
רעדטע שפּראַך און העברעיִש די בוך־שפּראַך פֿון ייִדישן פֿאָלק; מיט
דער עטאַבלירונג פֿון דער באַנײַטער ייִדישער מלוכה איז העברעיִש גע־
וואָרן אין ישׂראל כּמעט אַ טאָג־טעגלעכע שפּראַך, בעת ייִדיש ווערט
בהדרגה אַ שפּראַך פֿאַר סטודענטן און אַקאַדעמיקערס.

מיטוואָך דעם גאַנצן טאָג זײַנען אין „בית שפּרינצאַק" פֿון אוניווער־
סיטעט אָפּגעהאַלטן געוואָרן די סעסיעס פֿון די פֿינף אַרבעט־קאָ־
מיסיעס: ייִדישע דערציאונג, ייִדישע פּרעסע, איבערזעצונגען אויף ייִדיש
און פֿון ייִדיש, ייִדיש טעאַטער, און פּלענער און פּראָיעקטן צו שטאַרקן
די ייִדישע קולטור.

אַלע קאָמיסיעס האָבן געאַרבעט זייער אינטענסיוו. אין יעדער קאָ־
מיסיע האָט זיך די סעסיע אָנגעהויבן מיט אַ רעפֿעראַט (אָדער צוויי
רעפֿעראַטן) און צענדליקער דעלעגאַטן האָבן זיך באַטייליקט אין די
דיסקוסיעס. די פּרעזידיומס פֿון די קאָמיסיעס האָבן אויסגעאַרבעט פֿאַר־
שלאָגן און פּראָיעקטן פֿאַרן פּלענום אויפֿצונעמען און אָפּשטימען. די
קאָמיסיע פֿאַר „דערציאונג" איז אפֿשר געווען די אַממייסטן באַזוכטע.
דאָס היפּשע צימער איז געווען געפּאַקט און פֿיל דעלעגאַטן האָבן
געמוזט שטיין די גאַנצע צײַט. הפּנים, דערציאונג איז פֿאַרט דער לעבע־
דיקסטער נערוו אינעם קולטור־לעבן פֿון אונדזער פֿאָלק. ס'איז, אַגבֿ,
געווען אַ פֿאַרגעניגן צו הערן באַריכטן פֿון לאַטיין־אַמעריקע און אויס־
טראַליע, אַז דאָרטן איז די ייִדישע דערציאונג אין בליאונג־צושטאַנד.
דאָרטן פֿונקציאָנירן מייסטנס „טאָגשולן" און זיי ווערן אויסגעהאַלטן פֿון
דער אָרגאַניזירטער ייִדישער קהילה.

איידער מיר גייען איבער צום לעצטן טאָג פֿון דער קאָנפֿערענץ, לוינט זיך אָפּצושטעלן כאָטש אויף אַ ווײַל אויף דער מוסטערהאַפֿטער אָרגאַניזירטקייט אירער פֿון סאַמע אָנהייב־אָן ביזן סוף. עס באַווײַזט, אַז מיר, דעלעגאַטן פֿון טעכניש־אַנטוויקלטע לענדער, האָבן אַ סך צו לערנען פֿון די ישׂראלים אין הלכות „אָרגאַניזאַציע". אַלץ איז געווען פּינקטלעך צוגעגרייט מיט אַלע פּיטשעווקעס. עס קומט זיכער דערפֿאַר אַ סך קרעדיט דעם אַרכיטעקט פֿון דער קאָנפֿערענץ, דעם ייִדיש־העברעיִשן שרײַבער פֿון ישׂראל יצחק קאָרן.

אָט־די דאָזיקע זעלטענע אָרגאַניזירטקייט האָט אַפֿילו אָנגערעגט דעם רעדאַקציע־לץ פֿון „די לעצטע נײַעס", אַז ער זאָל דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט שטאַרק לויבן, אָבער גלײַכצײַטיק אים אָנווײַזן אויף אַ וואָזשנעם פֿאַרזען פֿון זײַן זײַט: ערבֿ דער דערעפֿענונג פֿון דער קאָנפֿערענץ האָט מען, לויט זײַן מיינונג, געדאַרפֿט צופֿירן אַלע דעלעגאַטן צו דער כּותל־מערבֿי, כּדי זיי זאָלן זיך דאָרטן שלאָגן „על־חטא" אויף אַלע זייערע חטאים קעגן דער באַליידיקטער „מאַמע־ייִדיש" און זאָגן: „אָשמנו — מיר האָבן זיך פֿאַרשולדיקט צו דיר; בָּגדנו — מיר האָבן געפֿעלשט אין דיר; טָפֿלנו שקר — מיר האָבן געזאָגט ליגנס, אַז מיר האָבן ליב ייִדיש, בעת צו אונדזערע אייגענע קינדער האָבן מיר ליבערשט גערעדט אויף אַנדערע פֿרעמדע לשונות; מיר האָבן שיין גערעדט וועגן ייִדישער דערציאונג פֿאַר יענעמס קינדער, אָבער אונדזערע אייגענע קינדער האָבן מיר גיכער געשיקט אין גויאישע שולן כּדי זיי בעסער צוצוגרייטן צו פּראָפֿעסיאָנעלע קאַריערעס"...

אויך איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז די קאָנפֿערענץ איז מײַסטנס באַשטאַנען פֿון „יאַ"־זאָגערס, כּמעט אָן אָפּאָנענטן. די איינציקע, וועלכע האָבן „געפּאָדערט" און געקעמפֿט, זײַנען געווען די יוגנטלעכע, די אַזוי־גערופֿענע „יוגנטרופֿניקעס", וועלכע זײַנען מיט זייער קעגנערשאַפֿט צום אַלטן „עסטאַבלישמענט" שוין געגאַנגען אַביסל צו־ווײַט. אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך, וואָס כאַראַקטעריזירט אין אַלגעמיין יוגנטלעכע חוצפּה, וואָס וויל ניט וויסן פֿון קיין גרענעצן...

מיר גייען איבער צום לעצטן טאָג פֿון דער קאָנפֿערענץ, דאָנערשטיק, דעם 26סטן אויגוסט. פֿון 9 אין דער פֿרי ביז 1:30 נ. מ. איז אין אולם־ווײַז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פּלענאַרע סעסיע, מיט אַלע דעלעגאַטן און געסט.

עס ווערן אָפּגעגעבן באַריכטן און פֿאָרשלאָגן פֿון אַלע 5 קאָ־

מיסיעס. ס'איז ניט געווען וואָס מקנא צו זײַן דעם פּאָרזיצער (ד״ר יהודה שאַפּירא): עס האָט געהערשט אַ שטאַרקע נערוועזיטעט מצד די פֿאַרזאַמלטע. אַ גרויסע צאָל קאָמיסיע־מיטגלידער האָבן זיך געריסן צום וואָרט, און ניט אַלע האָבן זיך געוואָלט צופּאַסן צו דער באַגרענעצטער צײַט פֿון ריידן. ס'איז געווען צו דערקענען, אַז די קאָמיסיעס האָבן געאַרבעט ענערגיש און אינטענסיוו, אָבער נישט אַלע מיטגלידער האָבן געקענט מסכּים זײַן מיט דער פֿאָרמולירונג פֿון די אָפּגעגעבענע באַריכטן. נאָך געוויסע אויפֿקלערונגען און טעכנישע אויסבעסערונגען זײַנען אַלע באַריכטן אײַנשטימיק אָנגענומען געוואָרן און „שלום על ישׂראל!״

פֿיר אַזייגער נ. מ. האָט זיך אין אולם־ווײַז געעפֿנט די שלוס־זיצונג פֿון דער קאָנפֿערענץ, מיט דער באַטייליקונג פֿון דער באַליבטער גאָלדע מאיר, וועלכע איז „שטאָל און אײַזן״ פֿאַר ייִדיש. אין דער באַגלייטונג פֿון יצחק קאָרן און אַנדערע מיטגלידער פֿון פּרעזידיום איז אַרײַנגעקומען אין זאַל אַרײַן גאָלדע מאיר. מ'האָט איר געגעבן די וואַרעמסטע אָוואַציע מיטן אויפֿשטעלן זיך פֿון גאַנצן פֿיל־קעפּיקן עולם. גאָלדע האָט אויף אַ פֿײַערלעכן אופֿן צוגעטיילט דעם פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער די פּרעמיער־אויסצייכענונג פֿאַר זײַנע פּאָעטישע פֿאַרדינסטן. איר באַגריסונגס־רעדע צום פּאָעט האָט אַרויסגערופֿן שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן און אין זאָל האָט געהערשט אַן אמת יום־טובֿדיקע שטימונג. נאָכדעם האָט גאָלדע אין שיינע וואַרעמע ווערטער אַפּעלירט צו אַלעמען צו שטאַרקן די פּאָזיציעס פֿון ייִדיש און ייִדישער קולטור, ווײַל „ייִדיש איז די שטאַרקסטע דאַמבע קעגן אַסימילאַציע״; ייִדיש איז אויך נייטיק ווי ייִדישע „אידענטיטעט״.

אַבֿרהם סוצקעווער האָט אין האַרציקע פּאָעטישע ווערטער אָפּגעדאַנקט פֿאַרן גרויסן כּבֿוד פֿון דער צוגעטיילטער פּרעמיער־אויסצייכענונג, און האָט גלײַכצײַטיק אויסגעדריקט באַגײַסטערונג פֿאַר די ערלעכע באַמיאונגען מצד אַלע קאָמיסיעס צו קרעפֿטיקן ייִדיש און ייִדישע קולטור.

נאָך יצחק קאָרנס פֿײַערלעכער שלוס־רעדע וועגן דער געלונגענער קאָנפֿערענץ און וועגן דער גרויסער באַדייטונג פֿון דער היסטאָרישער דעקלאַראַציע, וואָס וועט באַלד פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן, באַדאַנקט ער אַלע דעלעגאַטן און געסט פֿאַרן טיפֿן ערנסט, מיט וועלכן זיי האָבן

זיך באַצויגן צו אַלע פֿאַרהאַנדלונגען אין משך פֿון די פֿיר טעג פֿון דער היסטאָרישער ייִדיש־קאָנפֿערענץ.

די דעקלאַראַציע, וואָס דער „פֿאָרווערטס״־רעדאַקטאָר שמעון וועבער האָט פֿאָרגעלייענט, און וועלכע באַשטייט פֿון 8 פּונקטן, הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„פֿון ירושלים, די אייביק־ייִדישע שטאָט, קומט דער רוף צו די ייִדן אין גאָר דער וועלט צו שטאַרקן און קרעפֿטיקן די ייִדישע שפּראַך און די ייִדישע קולטור. דאָס איז דער רוף פֿון דער וועלט־קאָנפֿערענץ פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, וואָס איז אין די טעג פֿון כ״ז ביז ל׳ באָבֿ, תשל״ו, אין 31סטן יאָר פֿונם חורבן פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די מויערן פֿון ירושלים מיטן אָנטייל פֿון ישׂראלדיקע מלוכה־פּערזענלעכקייטן, שרייַבערס, קינסטלערס און קולטור־טוערס פֿון דער ייִדישער מדינה און די תּפֿוצות, א. אַז. וו. און ווייַטער.

די דעקלאַראַציע און אַ גרויסע צאָל רעזאָלוציעס ווערן איינשטימיק אָנגענומען מיט לאַנג־דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן, שטייענדיקערהייט, פֿון גאַנצן יום־טובֿדיקן עולם. מיטן געזאַנג פֿון דער „התקווה״ איז די קאָנפֿערענץ געשלאָסן געוואָרן.

איז די קאָנפֿערענץ געווען אַ דערפֿאָלג? — מ׳דאַרף ניט זייַן קיין ענטוזיאַסט און אַרייַנפֿאַלן אין איבערגעטריבענער התלהבֿות. אָבער עטלעכע וויכטיקע פֿאַרדינסטן קענען שוין פֿאַרצייכנט ווערן:

א) די קאָנפֿערענץ האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ מערקווירדיקע מאַניפֿעסטאַציע פֿון כּוח פֿון ייִדיש און ייִדישער קולטור — אַ גרויסער עולם איז געקומען ניט נאָר צו די דערעפֿענונג־ און שלוס־זיצונגען, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זייער אייַנדרוקספֿולקייט, נאָר אַלע סעסיעס, די פּלענאַרע ווי די פֿון די ספּעציעלע קאָמיסיעס, זייַנען געווען זייער גוט באַזוכט, און — „ברובֿ עם הדרת מלך״.

ב) די גייַסטרייַכע רעפֿעראַטן און די אינטערעסאַנטע דיסקוסיעס וועגן די גרויסע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן אין דער ייִדישער שפּראַך האָבן בייַם גרויסן עולם אויפֿגעהויבן דעם מוט און געשאַפֿן אַן אָפּטימיסטישע שטימונג בנוגע די פּאָטענצן און מעגלעכקייטן פֿון ווייַטערדיקן שאַפֿן נאַציאָנאַלע קולטור־אוצרות אויף ייִדיש.

ג) די באַטייליקונג בייַ דער קאָנפֿערענץ פֿון רעגירונג־פֿאָרשטייערס און

אַ גרויסער צאָל גײַסטיקע מנהיגים סײַ פֿון ישׂראל און סײַ פֿון די תּפֿוצות איז דער בעסטער סטימול פֿאַרן וועלט־ייִדנטום ממשיך צו זײַן אונדזער היסטאָרישע אויפֿגאַבע פֿון אָנהאַלטן די פֿריערדיקע, און בויען נײַע, פּאָזיציעס אויף צו זיכערן דעם קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דער אמתער דערפֿאָלג ליגט איצטער אין די הענט פֿון די לאָקאַלע קאָמיטעטן: זיי דאַרפֿן זיך אָנשטרענגען צו פֿאַר־וואַנדלען די שיינע רעזאָלוציעס אין רעאַלע דערגרייכונגען.

אין אַ בריוו וואָס איך האָב געשריבן פֿון ירושלים צו מײַנעם אַ חבֿר אין אַמעריקע אויף מאָרגן נאָך דער קאָנפֿערענץ, האָב איך זיך אויסגע־דריקט:

> „וואָלטן מיר געווען יונג, וואָלטן מיר נאָך דערלעבט די רעזול־טאַטן פֿון דער דאָזיקער פֿרוכטבאַרער היסטאָרישער ייִדיש־קאָנפֿערענץ. אָבער אַפֿילו ווי עלטערע מענטשן דאַרפֿן מיר זײַן צו־פֿרידן, וואָס בײַ דער קאָנפֿערענץ זײַנען פֿאַרפֿלאַנצט געוואָרן גע־זונטע קערנדלעך, וואָס וועלן מיט דער צײַט געבן גוטע פֿרוכטן, ווי עס דערציילט זיך אין אַ שיין תּלמודיש מעשׂהלע: אַ קינד האָט אַמאָל געזען, ווי אַן אַלטער מאַן פֿאַרפֿלאַנצט אַ טייטלבוים, האָט ער אים געפֿרעגט: — „זיידע! וועט איר נאָך עסן די פֿרוכטן פֿונם דאָזיקן טייטלבוים? עס דויערט דאָך יאָרן, איידער אַזאַ בוים גיט אַרויס פֿרוכטן?״ — האָט אים דער אַלטער מאַן געענטפֿערט: „טײַער קינד! איך עס הײַנט די פּירות פֿון פֿרוכטביימער, וואָס מײַן זיידע האָט געפֿלאַנצט; וועלן מײַנע אייניקלעך עסן שפּעטער די פֿרוכטן פֿונם בוים, וואָס איך פֿאַרפֿלאַנץ הײַנט!״

פֿישל הערשטיין
דעלעגאַט צו דער ייִדיש־קאָנפֿערענץ
(פֿון דער פֿילאַדעלפֿיער ציונ. סאָצ. באַוועגונג)

ב) „מוז טאַקע ייִדיש אונטערגיין״?

(אין שייכות צו אַ ראַבײַס אַ דרשה פֿרײַטיק־צו־נאַכטס אין אַ גרויסער קאָנסערוואַטיווער סינאַגאָגע פֿאַר אַ קעפּיקן עולם)

דער שרײַבער פֿון די שורות איז אויך געווען בײַ יענעם „קבלת־שבת״ און דאָס פּנים זײַנס האָט אים ממש געפֿלאַמט פֿאַר בושה צוהערנ־דיק זיך צו אַ ראַבײַ, וואָס שטייט פֿאַר אַן עדה ייִדן אין אַ מקום־קדוש און פּריידיקט פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע אַזוי אָפֿן די אַמאָליקע שפּראַך־

אַסימילאַציע, וואָס איך האָב געמיינט, אַז זי האָט שוין לאַנג, לאַנג אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם. ווײַל דער ראַבײַ האָט זיך אין זײַן דרשה ניט צופֿרידנגעשטעלט בלויז מיט דער פֿעסטשטעלונג, אַז ייִדיש ווי אַ געוועזענע שפּראַך ווערט לײַדער פֿונם היגן יונגן דור מער ניט גע־נוצט, נאָר ער האָט בפּירוש געגעבן צו דערקלערן, אַז מ׳דאַרף דעם „זשאַרגאָן״ מער ניט האָבן, ווײַל דאָ איז אַ לאַנד פֿון פֿרײַהײַט און דער־פֿאַר דאַרפֿן ייִדן שפּראַכלעך זײַן איינס מיט די ניט־ייִדישע שכנים.

לויטן ראַבײַס מיינונג איז דאָ פּלאַץ פֿאַר אַ באַזונדערער שפּראַך פֿאַר ייִדן נאָר אין אַ לאַנד פֿון גזירות און אונטערדריקונג, אָבער ניט אין אַזאַ דעמאָקראַטיש לאַנד ווי אונדזער קאַנאַדע, וואו עס זײַנען גאָט צו דאַנקען ניט פֿאַראַן קיין אויסנאַם־געזעצן בנוגע ייִדן. אָט דער דאָזיקער צוגאַנג, וואָלט איך געזאָגט, דערמאָנט שטאַרק אין יענע הכנעהדיקע אַסימילאַציע־דעקלאַראַציעס פֿון די „עמאַנציפּאַציע״־ייִדן אין פֿראַנק־רײַך אין דער צײַט פֿון נאַפּאָלעאָנס „סנהדרין״, וועלכע זײַנען גרייט געווען מקריבֿ צו זײַן די ייִדישע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס אויפֿן מזבח פֿון גלײַכע בירגער־רעכט. ניין, ראַבײַ! ניט דאָס איז דער גײַסט פֿונם מאָדערנעם שטאָלצן ייִדן! מיר לעבן שוין איצטער אין דער תּקופֿה פֿון באַנײַטן ייִדישן מלוכה־לעבן אין דער אייגענער מדינה, און די כאַראַקטעריסטיק אַפֿילו פֿונם ייִדן אין די תּפֿוצות איז ניט מער הכנעה און געפֿאַלנקײַט, נאָר שטאָלץ און מוטיקײַט. דער הײַנטיקער ייִד וועט ניט צאָלן קיין כּופֿר (אויסלייז־געלט) פֿאַר זײַנע בירגער־רעכט און וועט זיך ניט אָפּזאָגן פֿון זײַן נאַציאָנאַלן פֿאַרמעגן בלויז כּדי געפֿעלן צו ווערן זײַן ניט־ייִדישן שכן, וועלכער פֿאָדערט עס גאָרניט פֿון אים.

דעם ראַבײַס פֿאַרגלײַך פֿון ייִדיש צו לאַדינאָ און אַנדערע צופֿע־ליקע שפּראַכן, וואָס ייִדן האָבן גענוצט אין פֿאַרשיידענע גלותן, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי אַן אַלט־פֿרענקישער און פּאַסט זיך ניט לגמרי פֿאַר אַ הײַנטצײַטיקן פּראָגרעסיוון מענטשן זיך מיט אים צו באַנוצן. לאַדינאָ, למשל, איז העכסטנס געווען אַ לאָקאַלער דיאַלעקט פֿון ספֿרדישע ייִדן מיט אַ גאַנץ באַגרענעצטער ספֿערע פֿון אײַנפֿלוס, בעת ייִדיש האָט ביז דאָ ניט לאַנג צוריק געווירקט ווי אַ שעפֿערישער כּוח צווישן אַ 12 מיליאָן ייִדן איבער אַלע וועלט־טיילן און האָט אינדירעקט באַווירקט דאָס עמאָציאָנעלע און אינטעלעקטועלע לעבן אַפֿילו פֿון יענע ייִדן, וואָס זײַנען שפּראַכלעך געשטאַנען אויסערן גבֿול פֿון ייִדיש. „אין ייִדיש־לאַנד — איז בײַ אונדז ביז ניט לאַנג צוריק געווען אָנגענומען — גייט קיין־

מאָל די זון ניט אונטער״. נאָך אין 1750 האָט פּראָפעסאָר קרייזאַנדער, אַ קריסט, געשריבן: „מיט ייִדיש קען מען אויספאָרן די גאַנצע וועלט״. הײַנט דער יחוס פֿון ייִדיש! לויטן ראַבײַ פֿון דער דרשה איז ייִדיש אינ־גאַנצן אַלט אַרום 70־80 יאָר, בעת לויט די דאָקומענטן, וואָס מיר פֿאַר־מאָגן הײַנט און וועלכע זײַנען אָפֿן פֿאַר יעדן אינטעליגענטן מענטשן, האָבן ייִדן זיך באַנוצט מיט ייִדיש, סײַ בעל־פּה און סײַ אין שריפֿט, נאָך מיט אַ טויזנט יאָר צוריק און אפֿשר מער.

עס קלינגט זייער מאָדנע אין די אויערן צו הערן פֿון אַ ראַבײַ אין אַ פּרײַטיק־צו־נאַכטיקער דרשה, אַז ערשט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק וואָלט זיך אַ דורכשניטלעך־געלערנטער ייִד געשעמט צו שרײַבן צו אַ צווייטן ייִדן אַ בריוו אין ייִדיש. עס זײַנען הײַנט צוגענגלעך „שאלות־ותשובֿות״ פֿון גרויסע רבנים מיט אַ 400 יאָר צוריק, וואָס זײַנען אָנגע־פֿילט מיט אויסדרוקן, מאמרים און גאַנצע פּאַראַגראַפֿן אין ייִדיש. דעם שרײַבער פֿון די שורות איז אויסגעקומען צו לייענען פּנקסים פֿון באַ־רימטע ייִדישע קהילות, וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן אין ייִדיש מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק.

און ערשט די רײַכע ליטעראַרישע אוצרות אין ייִדיש! ס'איז דער גרעסטער טעות צו מיינען, אַז ייִדישע ליטעראַטור הייבט זיך אָן ערשט מיט די 3 קלאַסיקער פֿון דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור: מענדעלע מוכר־ספֿרים, שלום־עליכם און י. ל. פּרץ. „דער בראשית פֿון ייִדיש, ניט בלויז ווי אַ טאָג־טעגלעכע שפּראַך, נאָר שוין ווי אַ שעפֿערישער אינסטרו־מענט — זאָגט י. אָפּאַטאָשו אין זײַן עסיי „טויזנט יאָר ייִדיש״ — האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין 12טן, 13טן יאָרהונדערט. מחמת אָנהייב 14טן יאָרהונדערט האָבן מיר שוין געהאַט דעם ייִדישן העלדן־עפּאָס, דאָס „שמואל־בוך״ — אַן אָריגינעלע שאַפֿונג, וואָס אָפּעריִרט מיט ריין־ייִדישע טעמעס און שטאָפֿן — אַ ווערק פֿון אַ היוכער, רײַפֿער און שוין שטאַרק־טראַדיציאָנעלער טעכניק. דאָס „שמואל־בוך״ האָט מיט זעקס הונדערט יאָר צוריק שוין געמאַכט שולע. מע האָט שוין דעמאָלט גע־זאָגט, אַז די מעלאָדיע פֿון „בוך־שמואל קען „כל־ישׂראל״. דאָס פֿערצנטע יאָרהונדערט איז שוין געווען אַ בליצײַט אין דער ייִדישער ליטעראַטור״. — עד כאן אָפּאַטאָשו.

און נאָך אַ באַווײַז. אָט האָט מען ערשט מיט אַ קורצער צײַט צוריק בײַ אונדז געפֿײַערט דעם 400טן יאָרצײַט נאָך דעם גרויסן ייִדישן פּאָעט אליהו בחור, וועמענס „בבא־בוך״ ווערט נאָך איצט באַטראַכט פֿאַר אַ

גרויס פּאָעטיש ווערק און איז עטלעכע הונדערט יאָר נאָכאַנאַנד געווען זייער פּאָפּולער צווישן די פֿאַרשיידענע שיכטן פֿון ייִדישן פֿאָלק אין אַ צאָל לענדער. ענלעך האָבן אין משך פֿון פֿיל יאָרן צירקולירט אַ סך ייִדישע מעשׂות, נאָוועלעס און ראָמאַנען, געשריבן אין דער פֿאָלקס־שפּראַך „ייִדיש" ניט נאָר פֿאַר „ווײַבער און מיידן" נאָר אויך פֿאַר „בחורים און באַלעבאַטים אַלעביידן" (אָפּקאָפּירט פֿון איבער 100 שער־בלעטער).

היינט די קאָלאָסאַלע פֿרומע ליטעראַטור אין ייִדיש, ווי „תּחינות", „צאינה וראינה", דאָס „מעשׂה־בוך" און די מוסר־ספֿרים: „ספֿר מידות", „דער בראַנטשפּיגל", „לבֿ־טובֿ", „שׂמחת־הנפֿש" און פֿיל, פֿיל אַנדערע, וואָס האָבן הונדערטער יאָרן געווירקט אויפֿן געמיט, אויף דעם וועלט־באַנעם און דער דערציאונג פֿון קינדער; ערשט ביכער פֿון היסטאָ־רישער באַדײַטונג, ווי די ייִדישע באַאַרבעטונג פֿון „יוסיפֿון", „שבֿט יהודה" און אָריגינעלע ווערק: „שארית ישׂראל", „מעשׂה אַמסטערדאַם", „גליקל האמילס זכרונות" און נאָך און נאָך; היינט די פּורים־שפּילן, די פֿאָלקס־לידער; און שפּעטער ר' נחמן בראַצלעווערס וואונדערבאַרע מעשׂיות; און נאָך שפּעטער די ייִדישע ווערק פֿון דער השׂכּלה־עפּאָכע: שלמה עטינגער, ישׂראל אַקסענפֿעלד, אײַזיק מאיר דיק און פֿיל אַנ־דערע. נו, ווי קען מען מיט אַזאַ לײַכט געמיט אָט די דאָזיקע רײַכע ליטעראַרישע ירושה אַזוי מיר־נישט־דיר־נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט? וואָלט זיך די אינטעליגענץ פֿון אַן אַנדער פֿאָלק אויך זיך באַצויגן מיט אַזאַ ביטול און גרינגשעצונג צו זײַנע ליטעראַרישע אוצרות פֿון אַמאָל? וויפֿל נאַציאָנאַלע ענערגיע ליגט אין אַזאַ גײַסטיקער עשירות? פֿאַרוואָס־זשע פֿריידיקן, אַז מ'דאַרף עס ניט מער? פֿאַרוואָס ניט בעסער וועקן בײַ דער יוגנט אונדזערער דעם פֿאַרלאַנג זיך צו באַקענען מיט די דאָזיקע אוצרות און זיי טײַער האַלטן? פֿאַרוואָס ניט וועקן די אינטעלי־גענטע כּוחות אונדזערע צו שטודירן די דאָזיקע ירושה און זיך טאַקע פֿאַרטיפֿן אין איר?

און וואָס עפּעס דווקא אונדזער ליטעראַרישע ירושה פֿון אַמאָל? דאָס שאַפֿן אויף ייִדיש האָט נאָך, ברוך־השם, ניט אויפֿגעהערט און איז נאָך היינט גאַנץ רײַך און לעבעדיק. עס גייט ניט אַוועק דאָס יאָר, וואָס מיר זאָלן ניט קענען אונטערציען אַ רײַכן סך־הכּל פֿון נײַע ווערק, צווישן זיי גאַנץ גרויסע און וואָגיקע, אויף אַלע געביטן פֿון ליטע־ראַרישן שאַפֿן. אַדרבא, די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט זיך אויף ייִדיש, זײַט

ביי זייט מיט דער קינסטלערישער בעלעטריסטיק, אַ גאַנץ אינטערע־סאַנטע וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור. נעמט, למשל, די „ייִוואָ״־בלעטער. איר געפינט אין זיי זייער ערנסטע פאָרשונגס־אַרבעטן וועגן געשיכטע, דעמאָגראַפיע, פאָלקלאָר, ליטעראַטור־קריטיק אד״ג. אין די זאַמל־ביכער, זשורנאַלן און ספּעציעלע אויסגאַבעס פון פאַרשיידענע צענ־טערס געפינט איר אַ שלל מיט נייע ליטעראַרישע שאַפונגען. מ׳האָט, דאַכט זיך, ביי אונדז קיינמאָל אַזוי שיין ניט געשריבן, ניט קיין פּראָזע און ניט קיין פּאָעזיע, ווי גראָד אין דער לעצטער צייט.

אמת, מיט אַ ווייטיק אין האַרצן מוזן מיר צוגעבן, אַז ייִדיש האָט לעצטנס געקראָגן שווערע קלעפּ מיטן אונטערגאַנג פון עטלעכע טעג־לעכע ייִדישע צייטונגען. אונדזער פּרעסע אויף ייִדיש, ערשט ניט לאַנג צוריק, איז דאָך פול געווען מיט פיינע זשורנאַליסטישע און ליטע־ראַרישע שאַפונגען. אַגב, אין דער צייט פונם דערמאָנטן ראַביים דרשה וועגן אָפּזאָגן זיך פון ייִדיש, איז דאָך די ייִדישע פּרעסע דאָ נאָך געווען אין פולן גאַנג. אַפילו ווייניפעג, וואו דער באַטרעפנדיקער ראַביי האָט געלעבט, איז געווען אַ פיינע צייטונג, „דאָס ייִדישע וואָרט״. ריכטיק, עס טוט וויי ביז גאָר, וואָס ייִדיש גליטשט זיך לעצטנס וואָס ווייטער אַלץ מער אַרויס פון אונדז: די יוגנט לייענט ניט קיין ייִדיש און אינטערע־סירט זיך ניט דערמיט. מיר ווייסן דאָס אַלץ. אָבער איז דאָס אַ באַ־שערטע זאַך אַזאַ, אַ מין „גזירה מן השמים?״.

וואָלטן די ראַביים, אונדזערע גייסטיקע מורי־דרך, געפּריידיקט, אַז מ׳דאַרף ייִדיש פאַר אונדזער קיום, אַז דאָס איז אַ וויכטיקער כלי־זין קעגן אַסימילאַציע, וואָלט די לאַגע געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע. ייִדיש וואָלט דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ מוז אין אונדזער לעבן, און די יוגנט וואָלט זיך דערמיט גערעכנט. אָבער ווען אַ ראַביי שטעלט זיך אַוועק באַרימען זיך פון דער פּלאַטפאָרמע בפני כל עם ועדה, אַז פּופּציק פּראָצענט פון די אַמעריקאַנער ראַביים קענען אַליין ניט קיין ייִדיש, איז עס קודם אַן אַנזאָג, אַז מ׳דאַרף עס ניט. והשנית, איז עס אַ גאַנץ קנאַ־פּער קאָמפּלימענט פאַר די ראַביים אין אַלגעמיין. מ׳שטיינס געזאָגט, מוז מען זיך טראַכטן, אין וואָס קען באַשטיין דאָס גרויסע ייִדישע וויסן פון אונדזערע גייסטיקע פירער, אַז זיי האָבן אַפילו ניט דעם המשך פון אונ־דזער נאָענטסטן עבר? אויב מ׳קען ניט אַפילו קיין ייִדיש, מיינע פריינט, קען מען דאָך אַ פּרשה חומש מיט רש״י אַוודאי און אַוודאי ניט. מיט וואָס־זשע איז זיך דאָ גרויס צו האַלטן?

און נאָך עפּעס: ווער האָט דעם דאָזיקן ראַבײַ און אַנדערע ראַבײַס פֿון דעם שניט ווען־עס־איז געגעבן די אויטאָריטעט צו פּסקענען, אַז ייִדיש איז אַן איבעריקע זאַך און אַז מע דאַרף עס שוין איצטער עלימי־נירן פֿון ייִדישער דערציאונג? הונדערטער און הונדערטער יאָרן זײַנען גאַנצע דורות ייִדן דערצויגן געוואָרן דורך ייִדיש, ווײַל אויך אינם אַלטן חדר, אין דער ישיבֿה, איז ייִדיש געווען די לערן־שפּראַך. ווי זאָגט י. אָפּאַטאָשו אין זײַן דערמאָנטן עסעי: „דאָס ערשטע לערנען פֿון דעם חדר־ייִנגל ביז דעם האַרבסטן רמב״ם און שאַרפֿסטן פּלפּול — דאָס אַלץ איז דאָך געווען אין ייִדיש. איבער טויזנט יאָר שוין, ווי ס׳גיסט זיך אַרײַן אין ייִדיש דער חומש מיט די מפֿרשים, דאָס באַהאַלטנסטע פֿון דעם באַ־האַלטנסטן — דער „זוהר״, מיט אַלע קבלה־ספֿרים. און טייל מקובלים, וואָס האָבן אויף ייִדיש געפֿירט זייער קאַמף קעגן די לומדים און רבנים, אַפֿילו קעגן תּלמוד, האָבן דערקלערט, אַז משיח וועט גיכער קומען, ווען מע וועט דעם „זוהר״ לערנען אין דער פֿאָלקס־שפּראַך, אין ייִדיש״. — ווידער: אויב אַפֿילו די מערכה פֿון ייִדיש איז טאַקע איצטער ניט אַזוי גוט, לאָמיר זאָגן אַפֿילו זייער קריטיש, טאָ אויף וועלכן באַרג סיני איז עס איבערגעגעבן געוואָרן די ראַבײַס אונדזערע די מאָדנע מצווה צו דער־קלערן עפֿנטלעך אין אַ מקום־קדוש, אַז ייִדיש איז פֿאַרמשפּט צום טויט און דערמיט נאָך צואײַלן דעם אונטערגאַנג פֿון אונדזער פֿאָלקס־לשון?

ניין, רבותי! לא זו הדרך! איר רבנים טאָרט ניט דערמוטיקן דאָס דערווײַטערן זיך פֿון ייִדיש! איר טאָרט דאָס אַפֿילו ניט טאָן אויפֿן חשבון פֿון העברעיִש, ווײַל דאָ אין די תּפֿוצות נויטיקט זיך אַפֿילו העברעיִש אינעם וואַרעמען קלימאַט, וואָס די סבֿיבֿה פֿון ייִדיש קען פּראָדוצירן. אין די תּפֿוצות קען זיך העברעיִש ניט אַנטוויקלען אָן ייִדיש. אַ העברעער אין היגן לאַנד, וואָס זאָל ניט קענען קיין ייִדיש, וואָלט אויסגעזען ווי אַ מאָדנע באַשעפֿעניש. יאָ, דאָס איז שוין דער כּוח פֿון דער ייִדישער שפּראַך, וואָס פֿון איר זײַנען אַרויסגעקומען ניט נאָר די שאַפֿערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר אַפֿילו די וויכטיקסטע פֿאַרשטייערס פֿון דער העברעישער ליטעראַטור זײַנען דערצויגן געוואָרן מיט ייִדיש לשון אויף זייער צונג. אויך די מערסטע בויערס פֿונם באַנײַטן ארץ־ישׂראל שטאַמען פֿון דער ייִדיש־סבֿיבֿה. דאָרטן האָבן זיי געקראָגן די וויזיע און די אינספּיראַציע פֿאַר אַ באַנײַט ייִדיש לעבן אין ארץ־ישׂראל. איז ממה־נפֿשך: אויב „ייִדיש״ האָט טאַקע אַזאַ כּוח, אַזאַ ייִדישע וואַרעמקײַט, דאַרף מען דערמיט דערציען אונדזערע קינדער. דערפֿאַר, אַנשטאָט וויינען און

קלאָגן (און אפשר גאָר קוועלן!) אויפן אונטערגאַנג פון ייִדיש, לאָמיר בעסער זען, ווי אַזוי אונדזערע קינדער צו דערנעענטערן צו דער ייִדישער שפּראַך, צו דער ייִדישער ליטעראַטור און צו ייִדיש לעבן!

פ. הערשטיין

(ד. ייִד. וו., וויניפּעג)

ג) אוריאל ווײַנרײַך דער ייִדישער לעקסיקאָגראַף

איך האַלט עס פאַר אַ גרויסער זכיה, וואָס איך בין געווען דער שריפטזעצער פון אוריאל ווײַנרײַכס ענגליש־ייִדישן און ייִדיש־ענגלישן ווערטערבוך, וואָס דאַרף בקרובֿ, אונטער דער השגחה פון „ייִוואָ״, אַרויס פון דרוק. באַלד ווי איך האָב צום ערשטן מאָל אַרײַנגעקוקט אין מאַנוסקריפּט, האָב איך אײַנגעזען, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ ווערטערבוך מיט אַן אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו ייִדישער לעקסיקאָגראַפיע. און וואָס מער איך האָב זיך מתעסק געווען מיטן ווערטערבוך, בײַ דער פּראַקטישער שריפטזעצערײַ, אַלץ מער האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז דער מחבר איז געניאַל און פאַרמאָגט גאָר אַ הויכע ערודיציע אין לינגוויסטיק בכלל און אין ייִדישער פילאָלאָגיע בפרט.

אין משך פון דער אַרבעט איז צווישן אונדז פאָרגעקומען, אַזוי צו זאָגן, אַ שטילע קאָרעספּאָנדענץ, טאַקע אויף די ראַנדן פון כּתבֿ־יד. מחמת געוויסע פּונקטן זײַנען פאַרן שריפטזעצער ניט געווען קלאָר גענוג, איז נייטיק געווען, דורך אַ נאָטיץ דאָ און דאָרטן, צו ציִען די אויפמערקזאַמקײַט פון מחבר, אויב ער האָט ניט ערגעץ־וואו געמאַכט אַ טעות. אויך האָט דער בחור־הזעצער אָנגעוויזן אויף געוויסע אַנדערשקײַטן אין גראַמאַטיק און אידיאָמאַטישע אויסדרוקן בײַ די פּוילישע ייִדן, פון וועלכע ער שטאַמט. ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן יונגן געלערנטן אוריאל ווײַנרײַך, וואָס ער האָט זיך באַצויגן זייער פרײַנדלעך צו אָט די באַמערקונגען, האַלטנדיק הפּנים פונם „מכּל מלמדי השׂכּלתּי״, אָבער ניט אַלע מאָל האָט ער זיי געקענט אָננעמען. ער האָט געהאַט זײַנע וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונגען פאַר זײַנע שפּראַכיקע חידושים. בכלל שוועבט דער וויסנשאַפטלעכער גײַסט איבערן גאַנצן ווערטערבוך.

ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס בײַם סוף פון מאַנוסקריפּט האָט אוריאל

פֿאַר מיר צוגעקלעפּט אַ צעטעלע, אַז ווען איך וועל האַלטן בײַם „תּם ונשלם", זאָל איך אים בײַצײַטנס לאָזן וויסן דורכן פּאָסטקאַרטל, וואָס ער האָט בײַגעלייגט. און כּך הווה: ווען איך האָב געהאַלטן בײַ דעם לעצטער גראַנקע, האָב איך אים אָנגעזאָגט די גוטע בשׂורה און אים צוגעוואונטשן „מזל־טובֿ!". קומט מיר אָן פֿון אים אין עטלעכע טעג אַרום אַזאַ שיין בריוועלע, וואָס קען אמת דערפֿרייען: „ליבער חבֿר הערשטיין, אויב ס'קומט מזל־טובֿ, קומט עס דאָך אײַך אויך. מיר ווייסן, אַז ווען ניט איר, וואָלט דאָס ווערטערבוך ניט דערגאַנגען צו קיין גמר — זיכער ניט אַזוי גיך און אַזוי גוט. יעדער לייענער און באַנוצער וועט דאַרפֿן וויסן וועגן אײַער חלק אין דעם ווערק".

און איצטער מעג איך אויסזאָגן דעם סוד, אַז דאָס זעצן דאָס ווערטערבוך איז פֿאַר מיר געווען ניט גלאַט אַ פֿיזישער אַקט, נאָר אַ גײַסטיקע איבערלעבונג. איך פֿלעג יעדן אינדערפֿרי ממש לויפֿן צו דער אַרבעט, טאַקע ווי אין „פּסוק" שטייט: רץ כּצבֿי וגבור כּארי. איך האָב די אַרבעט געטאָן מיט פֿרייד, ווײַל איך האָב אַ גאַנצן טאָג געפֿילט, ווי איך לערן זייער אַ סך וועגן אונדזער לשון־ייִדיש פֿונם יונגן מחבר, וועלכער האָט אין זײַן ווערק אַרײַנגעלייגט אַזוי פֿיל יאָרן פֿון שעפֿערישער פֿאָרשונג. איך האָב, דעם אמת געזאָגט, ערשט איצטער אויף ס'נײַ דערזען, וואָס פֿאַר אַ רײַך און וואונדערלעך לשון ייִדיש איז. אַ פֿאַקט, די אַנדערע אַרבעטער אין „פּלאַץ" פֿלעגן זיך ווערטלען איבער מיר, אַז זינט איך האָב אָנגעהויבן זעצן דאָס ווערטערבוך, שײַנט פֿון מיר אַראָפּ די שכינה... איך האָב געשלונגען און אײַנגעזאַפּט אין זיך די שפּראַכיקע חידושים און בליציקע אײַנפֿאַלן, מיט וועלכע דאָס ווערטערבוך איז פֿול.

וועגן דעם גרויסן פֿילאָלאָגישן ווערט פֿון ווערטערבוך וועלן מסתּמא שרײַבן פֿאַכלײַט־ספּעציאַליסטן, אַזוי שנעל ווי דאָס בוך וועט אַרויס. איך וועל עס איצטער מאַכן בקיצור. לויט מײַן אײַנזעעניש, איז אוריאל ווײַנרײַכס אויפֿפֿאַסונג געווען, אַז אַ ווערטערבוך איז ניט סתּם אַן אַרכיוו פֿון ווערטער און אויסדרוקן, מיט וועלכע מ'האָט זיך באַנוצט אַמאָל־אַמאָל אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט, נײַערט אַז אַ ווערטערבוך דאַרף דינען ווי אַן אינסטרומענט מעגלעך צו מאַכן, אַז די געגעבענע שפּראַך זאָל ווערן שעפֿעריש־באַנוצט הײַנט און מאָרגן, אויף יעדן שריט אין לעבן. און דאָס האָט דער יונגער געלערנטער דערגרייכט. עס איז כּמעט ניטאָ קיין ענגליש וויכטיק וואָרט, וואָס זאָל ניט האָבן דעם פּאַסיקן ייִדישן עקוויוואַלענט בײַ ווײַנרײַכן אין ווערטערבוך.

איז וואו האָט ער גענומען די אַלע ווערטער? איז דער ענטפֿער: ער האָט גענישטערט אין ייִדישן שפּראַך־אוצר. ער איז אַוועק צו די מקורים פֿון ייִדיש — צו דער אַלטער און נײַער ייִדישער ליטעראַטור. גאַנץ אָפֿט האָט ער דאָרט געפֿונען דאָס געזוכטע וואָרט, וואָס איז שוין לאַנג געהאַט אַרויס פֿון באַנוץ און עס צוריק אַרײַנגעבראַכט אין דער לעבעדיקער שפּראַך. ער האָט זיך מסתּמא אויך צוגעהערט צו פֿאַר־שיידענע סאָרטן ייִדן, בײַ וועלכע ייִדיש איז געווען זייער נאַטירלעך לשון. ער האָט געפֿאָרשט אונדזערע פֿאַרשיידענע דיאַלעקטן. און ווען נייטיק, איז ער אַפֿילו געווען אַ מחדש און האָט געשמידט נײַע ווערטער און נײַע פֿאָרמען לויטן וויסנשאַפֿטלעכן פֿאַרגלײַך־מעטאָד. ס׳איז ממש צו באַוואונדערן די לײַכטקײַט און די געוואַגטקײַט, מיט וועלכע ער טוט עס. ס׳קומט אָפֿט אויס, ווי דער מחבר וואָלט געזאָגט: „דו זוכסט אָט־דאָס וואָרט, אָט־דעם אויסדרוק? — אָט איז עס!״ נאָר בײַ אַן אמתן אויטאָריטעט קען געמאָלט זײַן אַזאַ זיכערקײַט. פֿונדעסטוועגן וויל ער אין אַ סך פֿאַלן ניט זײַן דער פּוסק אַחרון, ספּעציעל בײַם באַשטימען דעם מין פֿון געוויסע סובסטאַנטיוון, אָדער די פֿאָרעם פֿון פּאַרטיציפּ פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט בײַ געוויסע ווערבן. גיט ער אין די דאָזיקע פֿאַלן ביידע פֿאָרמען, באַהאַפֿטן דורך אַ ספּעציעלן מקף. דאָס מיינט אייגנט־לעך, אַז ביידע פֿאָרמען זײַנען לעגאַליזירט. דורך אַ ספּעציעלן סימבאָל־צייכן לאָזט ער אונדז אָפֿט וויסן, וועלכע פֿאָרמען ווערן גענוצט אין דער ליטעראַטור־שפּראַך און וועלכע קענען באַטראַכט ווערן ווי לאָקאַ־ליזמען, אָדער אַפֿילו ווי „סלענג״.

דאָס ווערטערבוך איז אין דער אמתן אַ שפּראַכבוך אין ברייטערן זין פֿון וואָרט. עס פֿאַרמאָגט אַ צאָל סימבאָל־צייכנס, וואָס קלערן־אויף דעם באַנוצער וועגן פֿיל קאַרדינאַלע שפּראַך־אייגנטימלעכקײַטן, ווי: אַקצענט, מין, מערצאָל־פֿאָרעם, קאָניוגירונג פֿון ניט־רעגולערע ווערבן, טראַנסקריפּציע פֿון העברעיִשע ווערטער, אידיאָמאַטישע אויסדרוקן — אַלץ זייער וויכטיקע ניואַנסן פֿון ייִדישן לשון. דער באַטײַט פֿון די דאָזיקע סימבאָלן ווערט גענוי אויפֿגעקלערט אינם אַרײַנפֿיר צום ווערטערבוך. דער סך־הכּל איז, אַז ד״ר ווײַנרײַך האָט זיך געשטעלט דעם ציל אויסצוגלײַכן דאָס ייִדישע לשון, קוואַליטאַטיוו און קוואַנטי־טאַטיוו, מיט אַזאַ אַנטוויקלטער שפּראַך ווי ענגליש. באַזונדערס ווערט־פֿול זײַנען די אָפּטײַטשונגען און דערקלערונגען, ווען עס קומט צו אַ וואָרט פֿון העברעיִשן אָפּשטאַם און האָט אַ ספּעציפֿיש־ייִדישן,

קולטורעל־עטנאָלאָגישן באַטײַט, ווי למשל: לייגן תּפֿילין, בלאָזן שופֿר, שיקן שלח־מנות, ונתנה־תּוקף, הגדה, מצה, סוכּה, שׂמחת־תּורה אד״ג. דעמאָלט וועט שוין דאָס ווערטערבוך אַ נוצלעך האַנטבוך פֿאַר ייִדישקײַט־באַגריפֿן.

פֿון באַזונדערער וויכטיקײַט זײַנען די אידיאָמאַטישע פֿראַזעס און ווערטלעך, וואָס קומען אַרײַן אין שײַכות מיט אַן עיקר־וואָרט. דערמיט אַליין שטעלט דאָס ווערטערבוך מיט זיך פֿאָר אַ רײַכע זאַמלונג פֿון פֿאָלקלאָר. ס׳איז, אַגבֿ, קענטיק, אַז דער יונגער אוריאל ווײַנרײַך האָט געהאַט אַ וואונדערלעכן חוש און אַן אײַנגעבאָרענע ליבע פֿאַרן דאָזיקן שפּראַכצווײַג. ס׳איז באמת אַ שאָד, וואָס דאָס באַגרענעצטע פּלאַץ פֿון אַ צײַטונגס־אַרטיקל דערלאָזט ניט צו געבן מוסטערן אויף צו אילוסטרירן כאָטש טיילווײַז די אייגנאַרטיקע מעלות פֿונם ווערטערבוך.

עס ווילט זיך איצטער מאַכן אַ פּאַרענטעטישע באַמערקונג. אינם סאַמע לעצטן באַנד פֿון ד״ר י. צינבערגס קאָלאָסאַל ווערק וועגן דער געשיכטע פֿון ליטעראַטור בײַ ייִדן — „די בלי־תּקופֿה פֿון דער השׂכּלה״ — דרייט־זיך גאָר אַ גרויסער טייל פֿון ווערק אַרום דעם ביטערן קאַמף, וואָס די משׂכּילים אין רוסלאַנד האָבן געפֿירט קעגן דעם פֿאַרהאַסטן „זשאַרגאָן״, צו וועלכן גאַנץ אינטעליגענטע מענטשן האָבן געהאַט בלויז געפֿילן פֿון ביטול און פֿאַראַכטונג. די סיבה פֿאַר דער דאָזיקער שׂנאה־באַציאונג צו ייִדיש איז געווען, וואָס זיי, די משׂכּילים, האָבן באַטראַכט זייער מאַמע־לשון ייִדיש ווי אַ „קודער־וועלש״, וואָס האָט ניט קיין גראַ־מאַטיק און דער וואָקאַבולאַר איז זייער אַן אָרעמער. נו, קומט אויס, אַז וואָלטן די דאָזיקע מענטשן איצט אויפֿגעשטאַנען תּחיית־המתים און דערזען אוריאל ווײַנרײַכס ייִדישן ווערטערבוך, וואָס דערהייבט דעם סטאַנדאַרד פֿון ייִדיש צו דער מדרגה פֿון אַ קולטור־שפּראַך, וואָלטן זיי זיך געדאַרפֿט שלאָגן „על־חטא״ אויפֿן מיאוסן בלבול, וואָס זיי האָבן בשעתּם אויסגעטראַכט אויף זייער אייגענעם לשון.

יאָ, באַלד־באַלד וועט דאָס דאָזיקע ווערטערבוך דערזען די ליכטיקע וועלט און די ליבהאָבערס פֿון ייִדיש וועלן זיך קוויקן דער־מיט. ס׳איז נאָר אַ ווייטיק, אַ טיפֿער און אַ האַרץ־רײַסנדיקער, וואָס דער מחבר גופֿא, דער יונגער געלערנטער, האָט ניט זוכה געווען צו זען אין בוכפֿאָרעם דאָס גראַנדיעזע ווערק זײַנס, וועגן וועלכן ער האָט מיט אַזוי פֿיל פּיעטעט אָפּטמאָל איבערגעחזרט, אַז ער האָט דערין אַרײַנגעלייגט צען יאָר אינטענסיווע פֿאַרשאַרבעט. מע רעדט בײַ אונדז די לעצטע צײַט

זייער אַ סך וועגן אויפֿהייבן די חשיבֿות פֿון ייִדיש. ווילט זיך האָפֿן, אַז דאָס דאָזיקע ווערטערבוך וועט, ספּעציעל בײַם ייִדיש־סטודענט, אויפֿוועקן ניט נאָר חשיבֿות, נאָר אַ סך דרך־ארץ און ליבע צו אונדזער מאַמע־לשון. אפֿשר וועט דאָס זײַן אַ שטיקעלע טרייסט פֿאַרן פּריוואַטיק־פֿאַרשניטענעם לעבן פֿונם יונגן מחבר אוריאל ווײַנרײַך ע״ה. חבֿל על דאבֿדין ולא משתּכּחין!

פֿ. הערשטיין

(„אויפֿן שוועל", מײַ־יוני, 1967)

ד) מאַקס ווײַנרײַכס „געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך" (אין 4 בענד)

(פּרטים וועגן אַ גרויס ווערק)

פֿריער לאָמיר לייענען י. גלאַטשטיינס אַרטיקל אין „מאָרגן־זשורנאַל", פֿעב. 6, 1970 (רובריק: „פּראָסט און פּשוט").

„מ׳האָט שוין אַ סך געשריבן וועגן דער גרויסער קולטור־ירושה, וואָס מאַקס ווײַנרײַך האָט איבערגעלאָזט: זײַן „געשיכטע פֿון ייִדיש", וואָס וועט דערשײַנען אויף דרײַ לשונות: ייִדיש, ענגליש און עבֿרית. דאָס דאָזיקע מאָנומענטאַל ווערק זעצט זיך ערשט. אָבער, ווי ס׳ווײַזט אויס, דאַרף דער ייִדישער אָריגינאַל דערשײַנען אין עטלעכע חדשים אַרום. מ׳וואַרט אויף דעם ווערק מיט גרויס נײַגער. אָבער קלאָר, וואָס די דאָזיקע „געשיכטע" וועט מיט זיך פֿאָרשטעלן, ווייסט מען נאָך ניט; וואָס אייגנטלעך וועט אַזאַ „געשיכטע פֿון ייִדיש" אַרומנעמען; ווי ווײַט צוריק די „ייִדיש"־געשיכטע דערגריבלט זיך, און ווי ווײַט פֿאָרויס זי פֿאַרפֿעסטיקט — טעאָרעטיש און אַפֿילו פּראַקטיש — די וואָרע עקזיסטענץ פֿון ייִדישן לשון, איז ביז איצט ניט מער ווי בלויז אָנגעוואונקען געוואָרן. אַזאַ מין „אָנוואונק" האָב איך געפּרוווט געבן אין אַרטיקל „מאַקס ווײַנרײַכס בנין" (מיט צוויי וואָכן צוריק). אָבער קיינער האָט ביז איצטער אונדז ניט געגעבן אַ פֿאַרויסיקן אַרײַנבליק אין דעם גרויסן ווערק ווי פֿ. הערשטיין, וועלכער געפֿינט זיך אין גאָר נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער „געשיכטע פֿון ייִדיש" טאָג־טעגלעך.

„פֿ. הערשטיין איז פֿריער געווען אַ ייִדישער לערער אין וויניפּעג,

די אַמאָליקע „ירושלים ד׳קאַנאַדע״. ער איז געווען פֿון די גוט־באַקאַנטע און איבערגעגעבענע לערערס. ער איז ניט נאָר געווען אַ לערער, נאָר אַ פּעדאַגאָג, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט דערציערישע פּראָבלעמען.

„פֿ. הערשטיין האָט אויך געשריבן אינטערעסאַנטע קריטיק־עסייען. פֿון וויניפּעג איז ער מיט יאָרן צוריק געקומען קיין פֿילאַדעלפֿיע, וואו ער איז געוואָרן אַ ייִדישער שריפֿטזעצער (אין דער באַרימטער דרו־קערײַ פֿון דער „דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסײַאיטי״). אים האָט דאָס מזל צוגעשפּילט — און ס׳איז אפֿשר געווען רעכט, וואָס דאָס מזל זאָל אים האָבן אויסגעקליבן: אים איז אָנפֿאַרטרויט געוואָרן צו ערשט, אַז ער זאָל זעצן אוריאל ווײַנרײַכס „ווערטערבוך״, און איצטער מאַקס ווײַנרײַכס „געשיכטע פֿון ייִדיש״.

„אַגבֿ, בעת לייענערס האָבן אין „פֿאָרווערטס״ קריטיקירט אוריאלס ווערטערבוך, האָט הערשטיין אָנגעגורט די לענדן זײַנע און פֿאַר־טיידיקט דאָס מאָדערנע צוויי־שפּראַכיקע ווערטערבוך, און ער האָט דערבײַ באַוויזן, אַז ער קען אַזאַ אַרבעט זאַכלעך און פּראָפֿעסיאָנעל פֿאַרטיידיקן. יאָ, כ׳בין חבֿר הערשטיינען שולדיק אַ דאַנק פֿאַר זײַן בריוו צו מיר, וואָס פֿאַרגרעסערט נאָך מער דעם נײַגער אַרום מאַקס ווײַנ־רײַכס ירושה, און גיט אונדז דעם אמתן באַגריף וועגן דעם מהות פֿון גרויסן ווערק, וואָס ער, הערשטיין, בלעטערט כּסדר: ער לייענט, זעצט און לערנט.״

עד כאן י. גלאַטשטיינס אַרטיקל און איצטער עטלעכע וויכטיקע פּרטים וועגן דעם גרויסן ווערק.

* * *

פֿעב. 16, 1970

זייער חשובֿער י. גלאַטשטיין,

הגם ס׳איז כּמעט ווי אָנגענומען אין דער דרוקער־פּראָפֿעסיע ניט אויסצוזאָגן פֿון „חדר״, איידער אַ ווערק דערשײַנט, קאָן איך זיך, אונטער דער ווירקונג פֿון אײַער זייער וואַרעמער אָפּשאַצונג וועגן דער אידעאַלער פּערזענלעכקײַט פֿון מאַקס ווײַנרײַך, ניט צוריקהאַלטן פֿון איבערגעבן אײַך כאָטש אַ טראָפּן פֿון דער גײַסטיקער התרוממות, וואָס איך לעב־דורך יעדן טאָג בשעתן זעצן דאָס דאָזיקע גרויסע מײַסטערווערק.

איך פֿיל, אַז ניט איך אַרבעט, נאָר איך לערן גאַנצע טעג פֿונם דאָזיקן וויסנשאַפֿטלעכן מאַנוסקריפּט. אַלץ איז דאָרטן פֿאַראַן: לינגוויסטישע חקירות, פֿילאָלאָגישע טעאָריעס, דוגמאות פֿון פֿאַרשיידענע שפּראַכן, לעקסישע און גראַמאַטישע אַנאַלאָגיעס, און אַן אַ שיעור ציטאַטן פֿון תנ״ך, משנה, תּלמוד־בבֿלי און תּלמוד־ירושלמי, מדרש, שאלות־ותּשובֿות ליטעראַטור, אַחוץ קלאַסישע און מאָדערנע ווערק וועגן שפּראַך און ליטעראַטור בײַ ייִדן און ניט־ייִדן.

אמת, ניט אַלץ לייענט זיך אַזוי לײַכט, מ׳דאַרף אָפּט צולייגן קאָפּ. אָבער בדרך־כּלל איז דאָס לשון פֿליסיק און דער סטיל — גלאַטיק, אין הסכּם מיטן זאָג אין דער גמרא: „דברה תורה כּלשון בני אדם“. מחמת דאָס ווערק איז געשריבן ניט נאָר פֿון אַ וויסנשאַפֿטלער בחסד עליון, אַ פֿאָרשער, אַ מומחה, נאָר אויך פֿון אַ גוטן, אויסגעצייכנטן שרײַבער. הפּנים, אַז די דאָזיקע מתּנה זײַנע איז צו פֿאַרדאַנקען זײַן לאַנג־יאָריקער פּראַקטיק ווי אַ שרײַבער אין צײַטונגען און זשורנאַלן.

לפּי עניות דעתּי, שטייט די דאָזיקע אַרבעט פֿון מאַקס ווײַנרײַכן אויף גאָר אַ הויכן וויסנשאַפֿטלעכן ניוואָ. אָבער אַפֿילו פֿאַרן ניט־געלערנטן, פֿאַרן פּשוטן לייענער, זײַנען דאָ אינעם דאָזיקן ווערק פֿיל אינטערעסאַנטע קאַפּיטלעך, וואָס לייענען זיך מיט גרויס אינטערעס. עס זײַנען אַפֿילו פֿאַראַן אַ סך שפּאַסיקע אַנעקדאָטן, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט פֿאַלש, אָדער עם־הארציש, אויסטײַטשן געוויסע פּסוקים פֿון תּנ״ך אָדער אַ מאמר־חז״ל.

אָבער דאָס מערקווירדיקסטע אינעם דאָזיקן ווערק איז, אין מײַנע אויגן, די אומפֿאַרגלײַכלעך־ברייטע ביבליאָגראַפֿיע. היות ווי מאַקס ווײַנרײַך, פֿאָרשנדיק און אַנאַליזירנדיק דעם רײַכן אוצר פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר, צילט צו דערגרונטעווען זיך צום סאַמע מקור, וויל ער זיך ניט אַלעמאָל סומך זײַן בלויז אויף זײַנע אייגענע אײַנפֿאַלן און רעיונות, נאָר ער פֿאַררופֿט זיך אויך אויף די אָבסערוואַציעס פֿון אַנדערע אָנערקענטע אויטאָריטעטן, שפּראַך־פֿאָרשערס, און אויף מחברים פֿון דער ייִדיש־לומדישער וועלט. די ביבליאָגראַפֿיע איז אַזוי רײַך, אַז מען מוז קומען צו דער מסקנא, אַז צווישן די גדולים פֿונם ייִדיש־וועלטלעכן סעקטאָר איז מאַקס ווײַנרײַך געווען דער גרעסטער מתמיד. ס׳איז ממש צו שטוינען: וואו האָט דער דאָזיקער געלערנטער גענומען אַזוי פֿיל צײַט בלויז דורכצוקוקן די אומגעהויערע צאָל מקורים און ווי געהעריק צו פֿאַרצייכענען די מראי־מקומות?

ס׳איז צו דערוואַרטן, אַז דאָס דאָזיקע ווערק וועט זײַן אַ וואָגיק ספֿר, וואָס מענטשן מיט גײַסטיקע אינטערעסן וועלן הנאה האָבן אָפּט דערין מעיין צו זײַן. מחמת ס׳איז ניט בלויז אַ ווערק פֿאַר ספּעציאַליסטן. אַפֿילו דער געוויינטלעכער אינטעליגענטער לייענער וועט אַ סך לערנען דערפֿון, באַקענענדיק זיך ניט נאָר מיט דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדיש, נאָר מיט דער גאַנצער ייִדיש־אשכנזישער קולטור־תּקופֿה.

אַ יישר־כּוח אײַך, חבֿר גלאַטשטיין, וואָס איר האָט מיט אײַער אַרטיקל געצויגן די אויפֿמערקזאַמקײַט פֿונם לייענער אויף אַזאַ גײַסט־רײַכער פּערזענלעכקײַט ווי מאַקס ווײַנרײַך.

מיט פֿרײַנטשאַפֿט

פּ. הערשטיין, פֿילאַדעלפֿיע.

ה) דער כוח פֿון ייִדיש

ס׳וועט ניט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן, אַז ייִדיש, דאָס ייִדישע לשון, טיילט אָפּטמאָל דעם זעלביקן גורל ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק. וויפֿל מאָל, אין דער לאַנגער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, האָט מען געמיינט, אַז אָט־אָט און דאָס ייִדישע פֿאָלק גייט אונטער? און פֿונדעסטוועגן, ווי אויף צו־להכעיס אַלע שוואַרצזעערס, האָט זיך דאָס ייִדישע פֿאָלק תּמיד אַרויס־געדרייט פֿון זײַנע קריזיסן און האָט באַנײַט זײַן נאַציאָנאַלן קיום מיט פֿרישע כּוחות. אויך דער ייִדישער שפּראַך האָט מען שוין ניט איין מאָל אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. טייל האָבן איר געגעבן אַן עקזיסטענץ פֿון העכסטנס נאָך 20 יאָר. אַנדערע זײַנען געווען מילדער און האָבן פֿאַר־לענגערט איר עקזיסטענץ אויף נאָך 30־40 יאָר. אָבער ייִדיש, דאַנקען גאָט, לעבט און אַנטוויקלט זיך וואָס מער ווי אַ קולטור־שפּראַך און באַ־רײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור מיט גרויסע ווערק. נו, ווי קען אַ „טויטע״ שפּראַך זײַן אַזוי שעפֿעריש?

אמת, אין משך פֿון אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע האָבן ייִדן גע־רעדט אויך אויף אַנדערע דיאַלעקטן און שפּראַכן, ווי גריכיש אין אַלעק־סאַנדריע פֿון מצרים; אַראַמעיִש אין בבֿל, און אַנדערע לשונות אין אַנ־דערע גלות־לענדער. אָבער קיין איינע פֿון זיי האָט זיך ניט געהאַלטן אַזאַ לאַנגע צײַט ווי אונדזער ייִדיש, און קיין איינע פֿון זיי האָט ניט זוכה

געווען אָנגערופֿן צו ווערן מיטן נאָמען „ייִדיש‟. אַגבֿ, אפֿשר איז עס דערפֿאַר, וואָס אין יענע תּקופֿות איז שפּראַך ניט געווען אַזוי נייטיק אויף אָנצוהאַלטן די ייִדישע אידענטיטעט, ווײַל ייִדן האָבן דעמאָלט פֿאַר־מאָגט גענוג אַנדערע סימנים אויף אויסצוטיילן זייער אַנדערשקייט פֿון זייערע ניט־ייִדישע שכנים.

דער יחוס פֿון ייִדיש: לויט ד״ר מאַקס ווײַנרײַכס מאָנומענטאַל ווערק „די געשיכטע פֿון ייִדיש‟, איז „ייִדיש‟ ווי די שפּראַך פֿון ייִדישן פֿאָלק שוין אַלט טויזנט יאָר. זי איז אויפֿגעקומען בײַ די טײַכן פֿון ריין און מאָזל, אין דער געגנט פֿון לאָטאַרינגיע. מיט דער ייִדישער וואַנדע־רונג צו מזרח־אייראָפּע אין 11טן און 12טן י. ה. איז זייער שפּראַך מיטגעגאַנגען מיט זיי און געוואַקסן מיט זיי. ווען די ייִדישע וואַנדערונג האָט אין 13טן י. ה. דערגרייכט די סלאַווישע לענדער, האָט ייִדיש אָנגע־הויבן אַרײַנצונעמען אין זיך אויך דעם סלאַווישן עלעמענט. צוזאַמען מיט די אָריגינעלע גערמאַנישע ווערטער און אַ 12־13 טויזנט העברעיִשע ווערטער און פֿראַזעס, וואָס זײַנען גענומען געוואָרן פֿון תּנ״ך, מדרש, תּלמוד און תּפֿילות. אויף אַזאַ אופֿן איז ייִדיש מיט דער צײַט געוואָרן זייער אַ רײַכע שפּראַך: אַרום 180 טויזנט ווערטער, מיט אַן אייגענער גראַמאַטיק און מיט אַן אייגענעם אופֿן פֿון בויען זאַצן.

פּראָפֿעסאָר דובֿ סדן, פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט, קענענדיק זייער גוט די געשיכטע און די קולטור פֿון ייִדישן פֿאָלק, זעט־אײַן, אַז קיין אַנדער־צווייטע ייִדישע שפּראַך האָט ניט דערגרייכט אַזאַ זעלבסט־שטענדיקײַט, אַזאַ אייגנאַרט, און אַזאַ גײַסטיקע עשירות ווי „ייִדיש‟. דערפֿאַר קומט ער צום אויספֿיר, אַז „דאָס פֿאַרלאָזן, דאָס פֿאַרגעסן ייִדיש, וואָלט געווען אַ גרויסער פֿאַרלוסט, וואָס קיין פֿאָלק, וואָס האַלט טײַער זײַנע אייגענע קולטור־ווערטן און היט־אָפּ זײַנע אייגענע גײַס־טיקע שאַפֿונגען, קאָן זיך דאָס ניט דערלויבן‟.

נאָך אין יאָר 1750 האָט פּראָפֿעסאָר קרייזאַנדער, אַ קריסט, וועל־כער האָט געקענט ייִדיש, געשריבן: „מיט ייִדיש קאָן מען אויספֿאָרן די גאַנצע וועלט‟. אַגבֿ, דער דאָזיקער געלערנטער און פֿילאָלאָג איז אויך געווען דער מחבר פֿון אַ ייִדישער גראַמאַטיק. „אין ייִדיש־לאַנד — איז בײַ אונדז ייִדן געווען אָנגענומען — גייט קיינמאָל די זון ניט אונטער‟.

ביז ניט לאַנג צוריק, ביז דער היטלער־קאַטאַסטראָפֿע, האָט ייִדיש געווירקט ווי אַ שעפֿערישער כוח צווישן אַ 12 מיליאָן ייִדן איבער אַלע וועלט־טיילן און האָט אומדירעקט באַווירקט דאָס עמאַנציפּאַנעלע און

אינטעלעקטועלע לעבן אַפֿילו פֿון יענע ייִדן, וואָס זײַנען שפּראַכלעך גע־שטאַנען אויסערן גבֿול פֿון ייִדיש. אין זײַן עסעי „טויזנט יאָר ייִדיש" (ווי שוין דערמאָנט אין אַן אַנדערער אַרבעט אינם בוך) זאָגט דער באַ־רימטער שרײַבער י. אָפּאַטאָשו, אַז „דאָס פּערצנטע יאָרהונדערט איז שוין געווען אַ בליצײַט אין דער ייִדישער ליטעראַטור". עס וואָלט פֿאַר־נומען צופֿיל צײַט און פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף די גרויסע ייִדישע ווערק, פֿול מיט רײַכן אינהאַלט, וואָס זײַנען דערשינען אין דער דאָזי־קער צײַט.

היוצא מזה, אויב מיר זעען, אַז די מערכה פֿון „ייִדיש" הייבט־אָן צו פֿאַלן, טאָרן מיר ניט שטיין גלײַכגילטיק, פּאַסיוו, און אָננעמען דעם גורלדיקן פּסק־דין פֿון „אונטערגאַנג", חלילה. פֿאַרקערט, מיר מוזן אַקטיוויזירן אַלע אונדזערע שעפֿערישע כּוחות און מעגלעכקײַטן דאָס ניט צו דערלאָזן. מענטשלעכער ווילן און עקשנות קענען זייער אַ סך העלפֿן. ס'איז חלילה ניט קיין גזר־מן־השמים, אַז ייִדיש מוז אונטערגיין!

אָט צוליב דעם צוועק איז לעצטן אויגוסט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלים (וואָס סימבאָליזירט מיט זיך בײַם הײַנטיקן טאָג דעם צענטער פֿון דער ייִדישער וועלט) זייער אַ וויכטיקע קאָנפֿערענץ פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור.

חיים בעז, דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פֿון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, הייבט־אָן זײַן באַריכט וועגן דער קאָנפֿערענץ („צוקונפֿט", אָקטאָבער, 1976) בזה הלשון: „אויף דער יום־טובֿדיקער דערעפֿענונג אין זאַל פֿון ירושלימער טעאַטער איז געווען אַן עולם פֿון איבער 1200 ליבהאָבער פֿון ייִדיש, דעלעגאַטן און געסט. אויף די פּלע־נאַרע זיצונגען, אָפּגעהאַלטן אין העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, זײַנען אַלעמאָל געווען איבער 500 מענטשן. ירושלים האָט נאָך אַזוינס פֿריער ניט געזען. מ'ווייסט, אַז „ייִדיש" לעבט אין אַלטן קוואַר־טאַל „מאה שערים". אָבער אין עפֿנטלעכן לעבן פֿון ירושלים האָט זיך ייִדיש צו אַזאַ כּבֿוד ביז אַהער נאָך ניט דערשלאָגן".

וואָס עס האָט געבראַכט צו אַזאַ ענדערונג, איז נאָר צום־טייל מעג־לעך אויפֿצוקלערן. ערשטנס, דאָס געפֿיל אין די פֿירנדיקע קרײַזן פֿון דער מדינה, אַז ישׂראל מוז זײַן אויסגעבונדן מיטן וועלט־ייִדנטום; צווייטנס, די אַנערקענונג וואָס ייִדישע ליטעראַטור און בכלל ייִדיש־גײַסטיקע שאַפֿונג האָבן באַקומען אין דער גרויסער וועלט (און אַפֿילו בײַ דער ישׂראלדיקער יוגנט אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג); דריטנס,

האָט זיך ייִדיש אויפֿגעהיט אין ישׂראל אַפֿילו בײַ העברעיִש־ריידנדיקע ווי די שפּראַך פֿון טאַטע־מאַמע און דאָס לשון פֿון זייערע יונגע יאָרן. אַפֿילו אין ישׂראל האָט מען זיך פֿאַרבענקט אַביסל נאָך דער אינטימקייט, וואָס נאָר „מאַמע־לשון" איז אויף דעם פֿעיִק.

ווי באַוווּסט, איז די דאָזיקע ייִדיש־קאָנפֿערענץ געווען די צווייטע פֿון דעם סאָרט. נאָך מיט 68 יאָר צוריק (אין 1908) איז אין טשערנאָוויץ אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע ייִדיש־קאָנפֿערענץ מיט דער באַטייליקונג פֿון די גרעסטע גײַסטיקע כּוחות אונדזערע פֿון יענער צײַט אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אין פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע אידעאָלאָגיעס. אָבער יענע קאָנפֿערענץ האָט זיך געענדיקט מיט אַ שפּאַלטונג: אין „ייִדישיסטן" און „העברעיִסטן". אָט־דער „ריבֿ־הלשונות" איז געווען דער סלע־המחלוקת, וואָס האָט צעטיילט אונדזערע אַקטיווע קולטוריסטן אין כּמעט צוויי פֿײַנטלעכע מחנות, וואָס האָבן אַ לאַנגע צײַט באַקעמפֿט איינע די אַנדערע.

אָבער די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן, דער רובֿ־בנין ורובֿ־מנין פֿון פֿאָלק, האָבן זיך ניט געקענט אַלעמאָל ריכטיק אָריענטירן אין די מאָטיוון און אַרגומענטן פֿון ביידע צדדים, ווער ס'איז גערעכט און ווער ס'איז אומגערעכט. זײַנען זיי ס'רובֿ געווען די קרבנות פֿונם דאָזיקן מחלוקת. האָט מען אָנגעהויבן ווערן גלײַכגילטיק צום גאַנצן ענין שפּראַך. בײַ דער ערשטער געלעגנהײַט איז מען גאָר אַריבער צו דער לאַנדס־שפּראַך, און פֿון שפּראַך־אַסימילאַציע ביז דער אָפּגעפֿרעמדטקײַט פֿון ייִדישע אינטערעסן איז אַ קליינער מהלך.

אַזוי־ערנאָך איז בהדרגהדיק איבערגעריסן געוואָרן דער טראַדיציאָנעלער צוזאַמענבונד צווישן דעם נאָענטן עבֿר מיטן אויפֿקומענדיקן דור קינדער און אייניקלעך. וועגן דעם דאָזיקן גײַסטיקן חורבן אונדזערן האָט חיים גרינבערג געשריבן: „... דער גלות־ייִד האָט געשפּאַנט איבער דער וועלט פֿון פֿינצטערניש מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט. דער לאַמטערן איז געבליבן אין דער האַנט, אָבער דער בוימל האָלט בײַם אויסרינען". אין דער זעלבער צײַט האָט אַן אַנדער ייִדישער געלערנטער, פֿונם רעליגיעזן ייִדנטום, אַבֿרהם יהושע העשל, געשריבן: „ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען מ'וועט דערזען דאָס פֿאַרבאָרגענע ליכט פֿון דער מזרח־אייראָפּעיִשער תּקופֿה — וואָס איז געווען דער „שיר השירים" אין אונדזער געשיכטע פֿון די לעצטע צוויי־טויזנט יאָר..." — דער גרעסטער עקאָנאָמיסט און סאָציאָלאָג פֿון אונדזער צײַט, יעקבֿ

לעשטשינסקי, האָט געשאַפן אַ פאָרמל וועגן שטאַרקן אַסימילאַציע־שטראָם בײַ אונדז ייִדן אין אַמעריקע און אין אַנדערע פרײַע לענדער: „מאַקסימום פרײַהײַט — מינימום ייִדישקײַט".

יאָ, דער שפּראַכן־קאַמף האָט אונדז ייִדן אַנגעטאָן גענוג שאָדן. דעם מחבר פערזענלעך איז אָגב ניט באַקאַנט, אַז ייִדישיסטן זאָלן ווען־עס־איז האָבן געקעמפט קעגן העברעיש אָדער העברעיסטן. זיי האָבן בלויז געקעמפט פאַר די רעכט פון ייִדיש. דאַקעגן די העברעיסטן זײַנען געווען אַנגרײַפעריש סײַ אין די תּפוצות און סײַ אין ישׂראל: „ייִדיש איז אַ זשאַרגאָן", „ייִדיש איז אַ פאַרגרײַזטער דײַטש", „ייִדיש האָט ניט קיין גראַמאַטיק" א. אַז. וו., אַלץ טענות, וואָס באַצוועקן מזלזל צו זײַן דעם ווערט, די חשיבֿות, פון „מאַמע־ייִדיש". נאָר דעם גרעסטן חטא פון די העברעיסטן לגבי ייִדיש איז אין פאַרבינדונג מיטן מהות פון ציוניזם: „מיר ווילן אָנהייבן אין דער ייִדישער מדינה אַ נײַ לעבן, מיר ווילן ניט מיטשלעפּן מיט זיך דעם גלות" — אַזוי ווי ייִדיש וואָלט בלויז געווען דער סימבאָל פון „גלות" און ווײַטער גאָרניט. אַ געפערלעכער היסטאָרישער טעות: קיין שום פאָלק קען ניט און טאָר ניט איבערהיפּערן אָן עפּאָכע פון זײַן געשיכטע!

דאַקעגן לאָמיר זען, וואָס „ייִדיש" האָט יאָ יאָרנלאַנג בײַגעטראָגן צו „ייִדישקײַט":

אין משך פון הונדערטער יאָרן האָט מען אין די חדרים און ישיבֿות געלערנט חומש מיט רש״י, תנ״ך מיט פאַרשיידענע פּירושים, און גמרא מיט תּוספֿות, מהרש״א און אַנדערע מפֿרשים — אַלץ פאַרטײַטשט און דערקלערט אויף ייִדיש;

אויך די חסידישע רביים פלעגן אַלעמאָל זאָגן זייער „תּורה" אין ייִדיש, און אין די ניגונים בײַ זייערע „טישן" זײַנען געווען אײַנגעפלאָכטן ייִדישע ווערטער;

אויך פאַר די ייִדישע פרויען זײַנען אַרויס אויף ייִדיש וויכטיקע ספֿרים, ווי: דער טײַטש־חומש, צאינה וראינה, מנורת־המאור, תּחינות און אַלערליי מוסר־ספֿרים. דערפאַר איז די ייִדישע פרוי ניט געבליבן הינטערשטעליק אין ייִדישקײַט־וויסן, און זי האָט דערפאַר געקענט אויסהאָדעווען אירע קינדער צו תּורה און ייִדישע מידות טובֿות;

מ׳קען זאָגן, אַז אַלע סאָציאַלע באַוועגונגען בײַ ייִדן אין דער נײַער צײַט זײַנען מערסטנס געפירט געוואָרן אין ייִדיש;

אויך די אויפקלערונגס־אַרבעט פאַרן ציוניזם איז פון ספּעציעלע

שליחים־רעדנערס אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע געפֿירט געוואָרן אין „מאַמע־לשון":

די הויפּט־פֿירערס און וואָרט־זאָגערס פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן כמעט אַלע געשטאַמט פֿון מזרח־אייראָפּע, וואו די אומגאַנגס־שפּראַך בײַ ייִדן איז געווען ייִדיש. אויך אַלע ערשטע פֿיר פּרעזידענטן פֿון מדינת־ישׂראל, זײַנען געווען ייִדיש־רעדנערס: חיים ווייצמאַן, יצחק בן־צבֿי, שזר (זלמן רובאַשאָוו), און אפֿרים קציר.

די ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער האָבן דורך זייערע אַרטיקלען בדרך־כלל זייער פֿיל בײַגעטראָגן צו דער פּראַקטישער און פֿינאַנציעלער הילף פֿאַר מדינת־ישׂראל. ביזן הײַנטיקן טאָג ווערן די מערסטע געלט־קאַמפּאַניעס פֿאַר דער „הסתדרות" און אַנדערע ציוניסטישע פֿאָנדן געפֿירט אין ייִדיש; אָבער באַזונדערס בולט איז דער כוח פֿון ייִדיש אויפֿן ליטעראַריש־שעפֿערישן געביט: אין די לעצטע 80־90 יאָר איז אויף ייִדיש געשאַפֿן געוואָרן אַ שיינע און רײַכע קונסט־ליטעראַטור, וואָס הויך־ציוויליזירטע פֿעלקער וואָלטן זיך מיט איר געגרייסט און שטאָלצירט. דער דאָזיקער שעפֿערישער צײַט־פּעריאָד וועט בלי־ספֿק אַרײַן אין אונדזער געשיכטע ווי די „גאָלדענע עפּאָכע" פֿון ייִדישן שאַפֿן:

אַזעלכע קינסטלערישע טאַלאַנטן, כמעט פֿון איין דור, ווי: מענדעלע מוכר־ספֿרים, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ, דוד פּינסקי, שלום אַש, אַבֿרהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, בעל־מחשבֿות, ש. ניגער, פּרץ הירשביין, יהואָש, ה. לייוויק, מנחם באָריישאָ, י. י. שוואַרץ, י. י. זינגער, חיים גראַדע, יעקבֿ גלאַטשטיין, י. באַשעוויס זינגער, איציק מאַנגער, און הונדערטער אַנדערע גרויסע שרײַבער און פּאָעטן פֿון אַלע לענדער פֿון ייִדישער צעשפּרייטונג, האָבן געשאַפֿן אין ייִדיש ריזיקע קונסט־ווערק, וואָס קענען זײַן געזונטע גײַסטיקע שפּײַז פֿאַר אונדז און פֿאַר דורות ייִדן נאָך אונדז.

עס וואָלט פֿאַרנומען צופֿיל פּלאַץ אויסצורעכענען אַלע אַנדערע געביטן, אויף וועלכע ייִדיש ווירקט נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג ווי אַ שעפֿערישער אינסטרומענט. ווי אַ לערער אין ייִדיש־וועלטלעכע שולן העכער 50 יאָר וואָלט איך געקענט דערציילן וועגן אַ סך פֿאַלן, אין וועלכע דער כוח פֿון ייִדיש האָט מיך באַגײַסטערט. וועל איך דערציילן בלויז וועגן 2 אַזעלכע פֿאַלן.

1) אַ פּרײַטיק־צו־נאַכטס, אין אַ קאַנאַדער שטאָט. אַ תלמידה פֿון

אונדזערס אַ ייִדיש־וועלטלעכער שול האָט געדאַרפֿט ווערן בת־מצווה אין אַ גרויסער קאָנסערוואַטיווער סינאַגאָגע. דער ראַבײַ דאָרט רעדט געוויינטלעך צום עולם אין ענגליש. נאָר באַמערקנדיק אַ גרויסע צאָל געסט פֿון דער דאָרטיקער פּרץ־שול האָט ער ווי אַ זשעסט פֿון גאַסט־פֿרײַנטלעכקײַט יענעם אָוונט אַרײַנגעוואָרפֿן אין זײַן רעדע אַ סך ווער־טער און גאַנצע זאַצן אין ייִדיש.

די בת־מצווה מיידל האָט פּרעכטיק אויסגעזונגען די הפֿטורה אירע און איז נאָכדעם, ווי עס איז דאָרט דער אײַנפֿיר, צוגעגאַנגען צום אָפֿע־נעם אָרון־קודש און האָט געזאָגט אַ „תּפֿילה" בזה הלשון, ניט אין ענגליש, נאָר אין ייִדיש: „גאָט פֿון אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ! איך, רחל בת מנשה ורבֿקה, ווער הײַנט בת־מצווה. אין דער ייִדישער שול, וואו איך לערן שוין 8 יאָר צײַט, האָב איך צווישן אַלע אַנדערע לימודים זיך אויך דערוואוסט, וואָס עס מיינט צו זײַן אַ ייִד, און פֿון הײַנט אָן, ווי אַ בת־מצווה, הייב איך אָן צו טראָגן דעם עול פֿון ייִדישקײַט אויף מײַן אייגע־נער אַחריות. בעט איך דיך, האַרציקער גאָט, אַז דו זאָלסט מיך פֿירן אין די ריכטיקע וועגן פֿון ייִדישקײַט..."

דער עולם, דרײַ־פֿיר הונדערט מענטשן, זײַנען געבליבן פֿאַרגאַפֿט. ערשט דער ראַבײַ מאַכט אַ דערקלערונג, אַז ער פֿירט זיך צו פֿרעגן פֿריער בײַם בר־מצווה בחור, אָדער בײַ דער בת־מצווה מיידל, וואָס איז זייער באַזונדערער באַגער צו זייער פֿײַערונג. האָט די איצטיקע בת־מצווה מיידל אויסגעדריקט איר פֿאַרלאַנג, אַז מ'זאָל זי לאָזן צוזאַמענ־שטעלן איר אייגענע פּערזענלעכע תּפֿילה אין ייִדיש ווי אַן אויסדרוק פֿון דאַנקבאַרקײַט צו דער ייִדישער שול, וואו זי האָט געקראָגן איר ייִדישע דערציאונג.

2) אַ צווייטער פֿאַל אין דער זעלביקער שטאָט, ערשט מיט אַ 4־5 יאָר צוריק. איך בין דאָרטן געווען צו־גאַסט בײַ מײַנע קרובֿים. דערוויס איך זיך, אַז צוויי פֿון מײַנע אַמאָליקע תּלמידים, נאָך פֿון די 20ער יאָרן, זײַנען מיניסטאָרן אין דער דאָרטיקער פּראָווינץ־רעגירונג (קאַנאַדע, ווי באַוואוסט, איז אײַנגעטיילט אין „פּראָווינצן", אַזוי ווי מיר אין „שטאַטן") — איינער איז מיניסטער פֿון פֿינאַנץ, און דער צווייטער — מיניסטער פֿון דערציאונג. זיי האָבן מיך פֿאַרבעטן אויף מאָרגן צו קומען צו דער זיצונג פֿון דער לעגיסלאַטור (פֿאַרלאַמענט). פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב ניט דורכגעלאָזט אַזאַ גאָלדענע געלעגנהײַט. איך בין געזעסן צווישן אַלע באַזוכערס און „רעפּאָרטערס". ערשט בײַ דער הפֿסקה, צווישן איין

זיצונג און דער צווייטער, בין איך אַרויס אין קאָרידאָר, וואו מײַנע צוויי מיניסטאָרן האָבן זיך מיט מיר דערפֿרייט און מיר האָבן גערעדט צווישן זיך נאָר „מאַמע־לשון". מערקט אײַך, אין די קולואַרן פֿון פּאַרלאַמענט, וואו עס דרייען זיך אַרום רעגירונגס־מענטשן און רעפּאָרטערס, ריידן צוויי וויכטיקע מיניסטאָרן מיט אַן אומבאַקאַנטן מענטשן ניט קיין ענגליש, נאָר אַ פֿרעמד לשון. מײַנע צוויי געוועזענע תלמידים האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זייער געוועזענער לערער קען אויך ענגליש. נאָר הפּנים צוליבן רעספּעקט פֿאַר דער ייִדישער שול, וואו זיי זײַנען דערצויגן געוואָרן, האָבן זיי מיט מיר גערעדט דווקא אין ייִדיש.

נו, דאַרף מען נאָך מער באַווײַזן וועגן דעם כּוח פֿון ייִדיש? — היוצא מזה: ייִדיש לעבט און וועט לעבן — אַפֿילו מיט צײַטווײַליקע קריזיסן — כּדי אויפֿצוהאַלטן „ייִדישקייט". — ווי עס זינגט דער פּאָעט אַבֿרהם זאַק:

„אַ, ניין! מיר זײַנען ניט די לעצטע,
אונדזער ייִדיש לשון וועט איבערגיין
נאָך לאַנג פֿון דור צו דור!
בחינם די באַוויינערס
און אומזיסט דער „קדיש",
וואָס ס'זינגען־אויס „קברנים אין אַ כאָר"!

פּ. ה.

(פֿון אַ לעקציע בײַ די „פֿילאַדעלפֿיער פֿרײַנט פֿון ישׂראל")

ו) וועגן אונדזער אַלטן „ריבֿ־הלשונות"

[אין אַן אָפֿענעם בריוו צו א. גלאַנץ (אין ט.מ.זש.)]

סעפּטעמבער 8, 1962,
פֿילאַדעלפֿיע.

א. גלאַנץ,
טאָג־מאָרגן־זשורנאַל,
183 איסט בראָדוועי,
ניו־יאָרק.

ליבער פֿרײַנד, חבֿר גלאַנץ: —

ס'איז ניט מײַן טבֿע צו שרײַבן בריוולעך אין רעדאַקציע. פֿונדעסט־

וועגן קען איך דאָסמאָל ניט צוריקהאַלטן מײַן שרײַבערישן יצר־הרע פֿון מאַכן אײַך אַ פּאָר באַמערקונגען צו אײַער אַרטיקל „שווער צו שווײַגן" פֿון פֿאַרגאַנגענעם מיטוואָך (דעם 5טן סעפּטעמבער) אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל".

שוין יאָרן לאַנג, אַז איך לייען כמעט אַלץ, וואָס איר פֿאַרעפֿנט־לעכט — פּאָעזיע אָדער פּראָזע (צײַט־פּראָבלעמען), און איך באַטראַכט זיך פֿאַר איינעם פֿון אײַערע פֿאַרערער, פֿון אײַערע חסידים. איך קען אַפֿילו צוגעבן, אַז מיר זײַנען אידעאָלאָגיש כמעט פֿון זעלביקן „חדר" — חבֿרים לדעה, אַזוי צו זאָגן. מיר געפֿעלט זייער אײַער כּסדרדיקער קאַמף פֿאַר דער חשיבֿות פֿון ייִדיש, הגם איך פּערזענלעך באַצי זיך מיט גלײַכער ליבע און דרך־ארץ צו אונדזערע ביידע לשונות — ייִדיש און העברעיש. אָבער בײַ מײַן גאַנצן גלויבן אין דער וויכטיקייט פֿון ייִדיש און בײַ מײַן ערנסטער שרעק וועגן דעם גורל פֿון ייִדיש אין דער איצטי־קער תּקופֿה, באַטראַכט איך די נײַעסטע אויפֿלעבונג פֿון העברעיש אין ארץ־ישׂראל (ווי אויך טיילווײַז אין די תּפֿוצות) פֿאַרן צווייטן „נס" אין אונדזערע טעג, נאָכן ערשטן „נס" פֿונם אויפֿקום פֿון „מדינת־ישׂראל". און איך בין זיכער, אַז ווי אַ חובֿבֿ־ייִדיש איר זאָלט ניט זײַן, זײַט איר ווי אַ טיף־דענקענדיקער ייִדישער קולטור־מענטש זיכער ניט קיין שׂונא־העברעיש.

מײַן מיינונג איז, אַז איר האָט צופֿיל „אַרײַנגעטײַטשט" אין דער באַציאונג צו ייִדיש מצד דעם ארץ־ישׂראלדיקן עולם און די אָנפֿירער פֿון דער וועלט־קאָנפֿערענץ פֿון ייִדישער דערציאונג אין ירושלים. איך האָב אין אײַער אַרטיקל געזוכט ווי מיט ליכט „רעאַלע" פֿאַקטן וועגן די אָפּגעטוענע עוולות לגבי ייִדיש בײַ דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ, און האָב זיי ניט געקענט אָנכאַפּן. מ'האָט חלילה ניט פֿאַרשעמט אָדער באַ־ליידיקט דאָס ייִדישע לשון אָדער די שאַפֿער פֿון דער ייִדישער ליטע־ראַטור.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אין זעלביקן נומער „טאָג־מאָרגן־זשור־נאַל" איז פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בריוו פֿון יעקבֿ פּאַט וועגן דער זעלביקער חינוך־קאָנפֿערענץ, און ער זעט די גאַנצע קאָנפֿערענץ־אַטמאָספֿער אין גאָר אַן אַנדער ליכט. משמעות, אַז ווי אַ דערפֿאַרענער, פּראַקטישער שול־מענטש נאָך מימי די „ציש"אָ"־שולן אין פּוילן, ווייסט ער אפֿשר גיכער ווי אַזוי אָפּצושאַצן די פֿאַרבעסערטע סענטימענטן לגבי ייִדיש מצד דער ייִדישער אינטעליגענץ. ער דערציילט, למשל, מיט גרויס

פּאַרגעניגן וועגן דער פֿאַרזאַמלונג אין קורסקי־הויז, וואָס אין אַ הייסן זומער־טאָג איז מען געשטאַנען ממש קאָפּ אויף קאָפּ צוויי און אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד און אויסגעהערט וואַרעמע רייד וועגן דעם אָרט פֿון ייִדיש אין אונדזער קאַמף פֿאַרן נאַציאָנאַלן קיום. אויך גיט ער איבער וועגן אַן ענלעכער פֿאַרזאַמלונג אין בית־סאָקאָלאָוו, וואָס נעמט אַרײַן זעקס־זיבן הונדערט מענטשן, און פֿיל מענטשן האָבן פּשוט ניט געקענט אַרײַנקומען צוליב ענגשאַפֿט. דאַרפֿן מיר אויף די דערשיינונגען ניט זאָגן: „גם זו לטובֿה"!?

איך שטים ניט אײַן מיט אײַך, חבֿר גלאַנץ, אַז מיר דאַרפֿן איצטער אויפֿפֿלאַקערן בײַ אונדז אויפֿסנײַ דעם אַלטן ריבֿ־הלשונות, דעם שפּראַכן־קאַמף, וועלכער האָט אונדז גענוג שאָדן אָנגעטאָן אַלע יאָרן... לאָמיר בעסער צוגיין צום גאַנצן ענין פֿון ייִדישן קיום און ייִדישן המשך פּאָזיטיוויסטיש און צוטראָגן ממשותדיקע הילף אויף וויפֿל עס לאָזט זיך. מיר קענען זיך איצטער ניט פֿאַרגינען דעם לוקסוס פֿון נעגירן אַלץ און אַרויסברענגען בלויז די שאָטן־זײַטן פֿון אונדזער ווירקלעכקייט. ס'איז איצטער פֿאַר אונדז אַן ערנסטער מאָמענט פֿון עת לעשׂות ועת לבֿנות...

מיט כּבֿוד
פּ. הערשטיין

ז) „וואָס פּעלט אין אונדזער דערציאונגס־אַרבעט?"

ווידער איז בײַ אונדז געוואָרן אַקטועל דאָס „ריידן" וועגן אַ רעוויזיע און וועגן אַ רעאָרגאַניזאַציע אין אונדזער חינוך. פֿון איין זײַט ווײַזט מען אַן מיטן פֿינגער אויף „מדינת־ישׂראל" און פֿון דער צווייטער זײַט גיט מען אײַך אָנצוגעהערן אויף דער ירידה פֿון „ייִדיש"; פֿון איין זײַט הייסט מען זיך מער אָריענטירן אויפֿן „דאָ", אויף דער אַמעריקאַנער סצענע, און פֿון דער צווייטער זײַט הייבט מען אָן אַרויסצוברענגען דעם גרויסן ווערט פֿון רעליגיע אין אונדזער קאַמף פֿאַרן נאַציאָנאַלן קיום. לויט דער מיינונג פֿונם שרײַבער פֿון די שורות, וועלכע איז באַזירט אויף טאָג־טעגלעכע דערפֿאַרונגען אַרום איינער פֿון די גרעסטע ייִדישע שולן אויפֿן היגן קאָנטינענט, זײַנען די אַלע „טענ־

דענצן״ אויסגעזויגן פֿון פֿינגער און האָבן ניט דעם מינדסטן אַנשפּאַר אויפֿן פּאַקטישן מצב. העכסטנס קענען זיי דינען ווי גוט־מאָטיווירטע „תּירוצים״ אויף אַרויסצודרייען זיך פֿון אַקטיוון אָנטייל אין דער דערציאונגס־אַרבעט. שוין בײַם סאַמע אָנהייב דאַרף פֿעסטגעשטעלט ווערן, אַז אין די לעצטע 30 יאָר איז נאָך קיינמאָל ניט געווען, בײַ היגע דורכשניטלעכע ייִדישע עלטערן, אַזוי וואָך דער אינטערעס צו ייִדישער דערציאונג ווי דווקא די לעצטע צײַט. און דווקא דער נײַער דור ייִדישע טאַטע־מאַמע, דער צווייטער אָדער אַפֿילו דער דריטער דור דאָ־געבוי־רענע, האָט די פֿײַנסטע באַציאונג צו ייִדיש און צו ייִדישער קולטור ווי צו אַ קאַרדינאַלן טייל פֿון ייִדישער דערציאונג פֿאַר זייערע קינדער.

לאָמיר זיך קלאָר מאַכן עטלעכע פּונקטן. קודם־כּל דאַרף דערצי־אונג אַלעמאָל באַטראַכט ווערן ווי איינע פֿון אונדזערע וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע „מצוות״. מיר טראָגן מיט זיך די לאַנג־יאָריקע טראַדיציע פֿון „ותלמוד תורה כנגד כולם״. און ניט אומזיסט: אונדזערע אָבֿות האָבן אַזוי־ווי געשפּירט מיט אַלע רמ״ח אבֿרים, אַז אין לערנען תּורה ליגט דער יסוד פֿאַר אונדזער עקזיסטענץ ווי אַ פֿאָלק. ניט רעכענענדיק זיך מיט די ענדערונגען, וואָס קומען פֿאַר אין אונדזער לעבן, דאַרפֿן מיר כּסדר אײַנפֿלאַנצן בײַ אונדזערע קינדער די עיקרים פֿון ייִדישקײַט.

די פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם דורך דער פּראָקלאַמירונג פֿון „מדינת־ישׂראל״ האָט בײַ אונדזערע חבֿרים ניט געדאַרפֿט אַרויסרופֿן דאָס געפֿיל, אַז איצטער איז שוין ייִדישע דערציאונג אין חוץ־לארץ אַן איבעריקע אַרבעט. אונטער אַלע באַדינגונגען, קודם מדינת־ישׂראל אָדער נאָכדעם, איז אַלץ אונדזער חובֿ צו דערציִען אונדזער דור אין ייִדיש־נאַציאָנאַלן גײַסט. געוויס איז דער פֿאַקט פֿון „מדינת־ישׂראל״ פֿון געוואַלדיק־גרויסער באַדײַטונג פֿאַר אונדזער חינוך אין די „תּפֿוצות״: מיט דער רעאַליזירונג פֿון ציוניסטישן אידעאַל איז אין פֿיל פּרטים פֿאַר־לײַכטערט געוואָרן די אַרבעט פֿון ייִדישן לערער. הײַנט, למשל, קען דער ייִדישער לערער אַרײַנקומען אין קלאַס אַרײַן מיט אַן אויסגע־גלײַכטן רוקן און ריידן צו ייִדישע קינדער וועגן זייער פֿאָלק, ניט בלויז מיט רחמנות־געפֿילן, נאָר אויך מיט שטאָלץ און פֿרייד. אָבער צו מאַכן „ישׂראל״ פֿאַרן איינציקן אויסגאַנגס־פּונקט פֿון אונדזער דערציאונגס־אַרבעט דאָ, וואָלט געווען פֿונדאַמענטאַל פֿאַלש. דער ערשטער פּרינ־ציפּ פֿון יעדער דערציאונגס־סיסטעם איז: צו אָריענטירן זיך אויף דער

נאָענטער סבֿיבֿה פֿון קינד. און אַלע ווייסן, אַז מיר האַלטן נאָך אין די אַמעריקאַנער לענדער גאַנץ ווײַט פֿון אַ מאַסן־עלייה קיין ישׂראל.

והשנית, איז די אויפֿגאַבע פֿון אונדזער שול פֿון סאַמע אָנהייב־אָן געווען און געבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג: איבערצוגעבן צו די קינדער אונדזער גײַסטיקע ירושה. וואָס זיי וועלן דערנאָך טאָן מיט דער דאָזיקער ירושה, דאָס איז זייער זאַך. מיר דאַרפֿן זיי די ירושה איבערגעבן, מיר דאַרפֿן זיי דערציִען צו די קולטור־אוצרות פֿון אונדזער פֿאָלק. אויף דעם געביט האָבן מיר נאָך אַ היפּש ביסל אַרבעט אָוועקצולייגן: מיר פֿאַרמאָגן ברוך־השם אַ געוואַלדיקע קולטור־עשירות פֿון דורות. דאַרפֿן מיר דאָס איבערגעבן אונדזערע יורשים.

ווײַטער ווילן סקעפּטיקער שאַפֿן דעם אײַנדרוק, אַז מיר האַלטן דאָ אין אַמעריקע, אין פּרט פֿון ייִדישער קולטור, שוין „נאָך אַלעמען״. דאָס איז אָבער אָן אויבערפֿלאַכלעכער צוגאַנג צו היסטאָרישע פּראָצעסן. גייען מיר צו צום פּראָבלעם „ייִדן אין אַמעריקע״ פֿון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, מוזן מיר אָננעמען די הנחה, אַז מיר האַלטן נאָך בײַם „בראשית״ פֿון ייִדישער קולטורעלער פֿאַרפֿעסטיקונג אויפֿן היגן באָדן. די געשיכטע פֿון אונדזערע פֿריִערדיקע קולטור־צענטערס, ווי: בבֿל, שפּאַניע, פּוילן, האָט מסתּמא דורכגעמאַכט אָן ענלעכן פּראָצעס פֿון עוואָלוציאָנערן אײַנוואָרצלען זיך אין די נײַע לענדער.

מיר דאַרפֿן זיך אָבער אויסהיטן פֿון אילוזיעס, אַז מיר וועלן דאָ ווען־עס־איז אויפֿבויען אַ ווילנע, אַ וואַרשע, אָדער אַ לובלין. ניין! ניט אַזוי חזרט זיך איבער געשיכטע! צוויי געשיכטלעכע פּונקטן זײַנען קיינמאָל ניט ענלעך צו זיך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. דאָ, אין אַמעריקע און קאַנאַדע, וועט זיך מסתּמא מיט דער צײַט געשטאַלטן אָן אייגנאַרטיק ייִדיש לעבן, וואָס וועט ניט זײַן שטרענג־אָרטאָדאָקסיש, און וועט אויך ניט זײַן אויסגעטאָן אינגאַנצן פֿון טראַדיציעס. דאָס וועט גיכער זײַן אַ סינטעז פֿון טראַדיציאָנאַליזם און מאָדערניזם. דאָס נײַע ייִדישע לעבן אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט וועט מוזן ציִען די יניקה פֿון אַלטן ייִדישן קוואַל און וועט גלײַכצײַטיק זײַן באַזירט אויף ראַציאָנאַליסטישע קולטורעלע יסודות, ווי אונדזער גרויסער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו האָט אַמאָל געהאַט פֿאָרמולירט די נײַע טענדענצן בײַ אונדז: „דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער ייִדישער נאַציאָנאַליזם איז באַזירט אויף אונדזער היסטאָרישן באַוואוסטזײַן״.

אָט־די עטלעכע „עיקרים״ פֿון אונדזער דערציאונגס־פּראָגראַם, און

פּיל אַנדערע, זײַנען פֿאַראויסגעזען געוואָרן פֿון אונדזער באַוועגונג נאָך בײַם אָנהייב פֿון אונדזער שול־אַרבעט אויפֿן היגן באָדן, מיט פֿיר־פֿינף צענדליק יאָרן צוריק. אין דעם גײַסט איז די אַרבעט געפֿירט געוואָרן פֿון אונדזערע חבֿרים, שול־טוער און לערער, אין די פֿאַרשיידענע קהילות איבערן גאַנצן לאַנד, וואו מיט מער דערפֿאָלג און וואו מיט ווייניקער הצלחה; וואו מיט מער נחת־רוח און וואו מיט פֿיל ערגערניש; און אַמאָל אַפֿילו מיט אַנטוישונג. אונדזער פּראָגראַם איז אַלעמאָל געווען אַ מאַק־סימום־פּראָגראַם. פֿון אַלע שול־ריכטונגען האָט אונדזער ריכטונג אויסגעקליבן דעם שווערסטן וועג אין ייִדישן חינוך: אַזוי האָבן מיר אַרײַנגענומען אין אונדזער לערן־פּראָגראַם דעם לימוד פֿון אונדזערע ביידע נאַציאָנאַלע לשונות, ייִדיש און העברעיִש, און זייערע ליטע־ראַטורן; די פֿולע ייִדישע געשיכטע, פֿון אָנהייב ביזן הײַנטיקן טאָג; ייִדיש לעבן אין די תּפֿוצות און אונדזערע גאולה־אַספּיראַציעס פֿאַר אַ פֿול־בלוטיק ייִדיש לעבן אין ישׂראל; תּנ״ך און מאָדערנע ליטעראַטור־שאַפֿונגען: עבֿר און הווה; נאַציאָנאַלער באַוואוסטזײַן און סאָציאַלע אידעאַלן; ייִדישקײַט און וועלטלעכקײַט. עס וואָלט פֿאַרנומען צופֿיל פּלאַץ צו דערקלערן די נייטיקײַט און וויכטיקײַט פֿון יעדן עלעמענט באַזונדער. אונדזער דערציאונגס־פּראָגראַם איז געווען און איז געבליבן אַלץ־אַרומנעמענדיק, ווײַל אַזוי איז אונדזער קוק אויפֿן ייִדישן לעבן.

דערפֿאַר וואונדערט מיך, וואָס אַפֿילו אַזאַ פֿירנדיקער חבֿר פֿון אונ־דזער באַוועגונג ווי ברוך צוקערמאַן האָט אין זײַן אַרטיקל „וועגן קולטור און דערציאונג״ (אין „אידישן קעמפּער״ פֿון 2טן אַפּריל) „אַנט־דעקט אַמעריקע״ און דעררעדט זיך ענדלעך צו אַזאַ פּראָגראַם אין אונ־דזערע שולן, וואָס וועט שוין פּראַקטיצירט בײַ אונדז אַ קיימא־לן פֿון יאָרן. נאָך מער פֿאַרדריסט, וואָס אַזאַ אָנגעזעענער לערער אין אונ־דזערע שולן ווי ל. דאשעווסקי באַנוצט זיך מיט די שפּאַלטן פֿון „אידישן קעמפּער״ (פֿון 25סטן יוני) אויף צו פֿאַרטיידיקן אַ מינימום־פּראָגראַם, וואָס זאָל זיך צופֿרידנשטעלן מיט עטלעכע שעה אַ וואָך ייִדישע לימודים און, וואו נייטיק, דאָס ביסל „ייִדישקײַט אויפֿן שפּיץ מעסער״ איבער־געבן אַפֿילו אין ענגליש. אַלץ צוליבן נײַעם דור ייִדישע עלטערן, וועלכע ווילן גאַרניט, אַז אויף זייערע קינדער זאָל דער עול פֿון ייִדישקײַט פֿאַלן צו־שווער. האַלטן מיר שוין חלילה אין אונדזערע רייען בײַ אַזאַ „רעאַליזם״?

פֿון דער צווייטער זײַט הייבן־אָן חבֿרים דאָ און דאָרטן צו־שטאַרק

צו פֿאָדערן אַ סך העברעיִש, און דווקא מיט דער ספֿרדישער הבֿרה, כּדי אונדזערע קינדער זאָלן צוגעגרייט ווערן צוריידן פֿליסיק העברעיִש אין ישׂראל באַלד פֿונם ערשטן מאָמענט אָן, וואָס זיי וועלן באַטרעטן דעם ישׂראל־באָדן. יעדער בר־דעת, ניט דווקא אַ בר־סמכא אין דערציאונגס־ענינים, קען זען, אַז עס פּעלט בײַ אונדז „פּראָפּאָרציע" מצד אייגענע חבֿרים בנוגע זייערע פֿאָדערונגען, אין ליכט פֿון אונדזערע מעגלעכקייטן.

אָן ספֿק זײַנען אונדזערע שוועריקייטן אויפֿן געביט פֿון ייִדישן חינוך זייער גרויסע. מיר וועלן זײַן אָפֿנהאַרציק און צוגעבן, אַז ס'איז ניטאָ קיין אויסבליק, אַז אַפֿילו די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל — ווי חבֿר ב. צוקערמאַן מיינט — זײַן בּיכולת די שוועריקייטן צו באַזײַטיקן. טאַקע, מיט וואָס וועלן די ציוניסטישע פֿירער זײַן גרעסערע בריות איידער די פֿריִערדיקע אידעאַליסטישע שולטוער? און אַפֿילו די האָפֿע־נונג אויפֿן „לעתיד לבֿוא" פֿון אַ סך ייִדישע „טאָגשולן" איז אויך אַ קנאַפּע טרייסט: אויב ס'איז אָנגעקומען פֿינאַנציעל אַזוי שווער אויסצו־האַלטן די „צוגאָב־שולן", על אחת כמה וכמה אַז מ'וועט זיך כּסדר דאַרפֿן ראַנגלען מיט „דעפֿיציטן" כּדי אויפֿצוהאַלטן „טאָג־שולן", וואָס האָבן אָן־אַן־ערך פֿיל גרעסערע בודזשעטן! אָבער וואָס מיר דאַרפֿן יאָ כּסדר אין זינען צו האָבן איז: אַז ייִדישער חינוך איז בײַ אונדז אַ היסטאָ־רישער „אימפּעראַטיוו" — ווילנדיק אָדער ניט־ווילנדיק דאַרף אונדזער באַוועגונג כּסדר גערופֿן ווערן צו אַקטיווער באַטייליקונג אין דער שול־אַרבעט, מיט אַלע מכלומרשטע חסרונות אירע. מיר דאַרפֿן זיך אַפֿילו ניט רעכענען פּינקטלעך מיט די שוועריקייטן און מיט די שוואַכע רעזול־טאַטן. לאָמיר ניט זײַן צופֿיל „רעאַליסטיש"! לאָמיר ניט אויסחשבונען אין אַלע פּרטים יעדן שריט פֿון אונדזער שול־אַרבעט. דער עיקר: לאָמיר ענערגיש באַנײַען אונדזער שול־טעטיקייט! לאָמיר די שול־אַרבעט אַוועקשטעלן אין צענטער פֿון אונדזערע געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיווי־טעטן. וועלן אפֿשר ווי אַ פּועל־יוצא געפֿונען ווערן די פֿינאַנציעלע מיטלען אויסצוהאַלטן די שולן בכּבֿוד און מעגלעך־מאַכן בעסערע דער־גרייכונגען.

צום סוף לאָמיר זיך זאָגן דעם אמת: אונדזער באַוועגונג איז קיינ־מאָל ניט געווען איינהײַטלעך אין עיקר־פּראָבלעמען. אונדזער באַווע־גונג איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון פֿאַרשיידענע, צומאָל אַפֿילו פֿון ווידער־שפּרעכנדיקע עלעמענטן. אין אונדזערע דיסקוסיעס, בײַ נאַציאָנאַלע

צוזאַמענקונפֿטן ווי אין די לאָקאַלע צוויַיגן, קומען אַלעמאָל צום אויס־דרוק די פֿאַרשיידנסטע, קעגנגעזעצטע מיינונגען. פֿונדעסטוועגן איז קיינעמען קיינמאָל ניט איַינגעפֿאַלן, אַז צוליב די דאָזיקע אידעאָלאָגישע היפּוכים, אָדער מיינונגס־פֿאַרשיידנקייַטן, זאָלן מיר זיך אָפּזאָגן פֿון באַ־שטימטע גרונט־אַרבעטן. ערגעץ־וואו, אַפֿילו נאָך היציקע דעבאַטעס, ווערט ווי על־פּי־נס כמעט תמיד געפֿונען אַן אויסוועג ווי צו אַרבעטן האַרמאָניש און עס ווערט אָנגענומען אַ פּשרה־רעזאָלוציע, וואָס ווערט דערנאָך פֿאַרוואַנדלט אין מעשים. אַנדערש, צום באַדויערן, איז בייַ אונדז דער גורל פֿון דער דערציאונגס־פֿראַגע. אויף דעם געביט הערשט בייַ אונדז צופֿיל מכּלומרשטע „פֿרייַהייַט״, וואָס גרענעצט טיילמאָל מיט דיסציפּלינלאָזיקייַט, אַ צושטאַנד פֿון „איש הישר בעיניו יעשׂה״, אַן דעם מינדסטן דרוק פֿון „צענטער״.

דער דאָזיקער צושטאַנד מוז, אין ליכט פֿון אונדזערע נאַציאָנאַלע נויטן, אָפּגעשאַפֿט ווערן, אויב מיר ווילן זיך אויך אויף וויַיטער אידענטי־פֿיצירן מיט דער שול־ריכטונג, וואָס אונדזער אייגענע באַוועגונג האָט אויפֿגעבויט. איז צו וואָס זיך אַמפּערן וועגן „רעוויזיעס״ און „רעאָריענ־טאַציעס״, ווען די שעה רופֿט אונדז צו אַקטיווער שול־אַרבעט? לאָמיר בכלל ניט „ריידן״ אַזוי פֿיל וועגן דערציאונג. לאָמיר בעסער איבערגיין צו פּראַקטישע מעשׂים, לאָמיר ניט אויפֿהערן צו רופֿן אַלע צוויַיגן פֿון אונדזער באַוועגונג: די פּאַרטיי, דעם פֿאַרבאַנד, די פּיאָנערן־פֿרויען און די „הבונים״, צו נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין די שולן, וואָס עקזיסטירן אין זייערע שטעט, און אויפֿצובויען נייַע דאָרטן, וואו ס׳איז נאָך אונ־דזערס אַ שול ניט פֿאַראַן. פֿאַרוואָס זאָלן מיר זייַן ווי יענער ייִד בייַ שלום־עליכמען, וואָס קומט בלויז אָפּ מיט ריידן וועגן מילכיקס, אָבער קיין „מילכיקע סעודה״ עסט ער קיינמאָל ניט? „פֿון רייד צו מעשׂים!״ — אָט־דאָס דאַרף בייַ אונדז איצטער זייַן דער געבאָט פֿון דער שעה, אויפֿן געביט פֿון ייִדישער דערציאונג!

פֿ. הערשטיין

(„דאָס וואָרט״, מאָנטרעאָל, סעפּטעמבער 1954)

ח) „מיינען מיר ערנסט מיט ייִדישער דערציִאונג?“

(צו דער דיסקוסיע וועגן רעגירונגס־סובסידיע פֿאַר די פּריוואַטע שולן
— אַ „גאָלדענע געלעגנהייט“ אין מאַניטאָבאַ, קאַנאַדע)

איצטער, נאָכדעם ווי די געמיטער האָבן זיך שוין ביי אונדז מער־וויייניק באַרואיקט אַרום דעם באַריכט פֿון דער „קעניגלעכער קאָמיסיע פֿאַר דערציִאונג“, איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף עטלעכע וויכטיקע פּונקטן פֿון דער דאָזיקער קאָנטראָווערסיע (חילוקי־דעות).

דער שרייבער פֿון די שורות, וועלכער איז צוליב וואָגיקע טעמים אַליין אַ שטאַרקער קעגנער פֿון איינפֿירן „רעליגיע“ אין די רעגירונגס־שולן („פּאַבליק סקולס“), האָט ביי עטלעכע געלעגנהייטן אַרויס־געבראַכט דעם געדאַנק, אַז די פֿראַגע פֿון סובסידירן די פּריוואַטע („פּאַראָקיאַלע“) שולן איז ניט ענג־פֿאַרבונדן מיט דער פֿראַגע פֿון איינ־פירן דעם לימוד פֿון רעליגיע אין די „פּאַבליק־סקולס“. לויט מיין באַשיידענער מיינונג, קען מען שטימען לטובֿת דער רעגירונגס־סוב־סידיע פֿאַר די „פּריוואַטע שולן“ און דאָך זיין אין דער זעלבער צייט שטאַרק קעגן דעם פּונקט פֿון איינפֿירן רעליגיע אין די רעגירונגס־שולן. נאָכמער: אין פּרט פֿון באַקעמפֿן דאָס אַריינפֿירן דעם לימוד פֿון רעליגיע אין די רעגירונגס־שולן קענען מיר, און מיר דאַרפֿן, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע ליבעראַלע עלעמענטן אין דער פּראָווינץ אָנפֿירן אַ העפֿטיקן קאַמף. ווייל רעליגיע אין די שולן וואָלט געדאַרפֿט באַטראַכט ווערן פֿאַר אַ גרויס אומגליק פֿון אַ סך שטאַנדפּונקטן.

אַלע אַרגומענטן, אַז די קעניגלעכע קאָמיסיע האָט אונדז דאָ צוגע־שטעלט אַ „פּעקעדזש־דיל“ — און אויב אָננעמען איין זאַך מיינט עס שוין גלייכצייטיק אָננעמען אויך די אַנדערע פּונקטן — זיינען בלויז פּלפּול און האָבן ניט קיין ממשות. מחמת אין דעם „באַריכט“ זיינען פֿאַ־ראַן אָן אַ שיעור רעקאָמענדאַציעס. און קיין קאָמיסיע וואָלט ניט געווען אַזוי בלינד צו גלויבן, אַז אַלע אירע רעקאָמענדאַציעס וועלן גלייך וואוילגעפֿעלן און גלייך אָפּגעשאַצט ווערן פֿון עולם.

חוצדעם, אַפֿילו ווען די מחברים פֿונם קעניגלעכן באַריכט זאָלן יאָ געווען אַזוי טראַכטן, איז אָבער מיטן מאָמענט, ווען דער באַריכט גייט אַריבער אין רשות פֿון דער לעגיסלאַטור, קען די לעצטע אָננעמען יענע רעקאָמענדאַציעס, וואָס געפֿעלן איר יאָ, און צוריקווייזן יענע, וואָס גע־פֿעלן איר ניט. פּונקט אַזוי איז עס אין דער קאָמפּעטענץ פֿון דער עפֿנט־

לעכער מיינונג, פֿונם דעת הקהל, אַנצונעמען אַ טייל רעקאָמענדאַציעס און צו באַקעמפֿן אַנדערע רעקאָמענדאַציעס פֿון באַריכט.

די געפֿאַר, מיט וועלכער מען סטראַשעט, אַז די פֿאַרגעשלאָגענע רעגירונגס־סובסידיע צילט און פֿירט צום פֿונאַנדערפֿאַל און צו דער ליקווידירונג פֿון דער „פּאַבליק־סקול”, איז זייער ווײַט פֿון דער רעאַליטעט. עס רעדט זיך ניט אינם באַריכט, און עס איז אַפֿילו ניטאָ דערין די מינדסטע אָנדײַטונג, וועגן אויפֿלייזן די „פּאַבליק־סקול” און אויף איר אָרט „עפֿענען” אויפֿן ברייטן מאַסשטאַב פּריוואַטע, אָדער „פּאַראָקיעל”־שולן. עס האַנדלט זיך העכסטנס וועגן סובסידירן פֿון די רעגירונגס־שטײַערן די שוין־עקזיסטירנדיקע פּריוואַטע שולן. קיינער, בין איך זיכער, וואָלט ניט דערלאָזט, סײַדן אפֿשר דער עקסטרעם־רעליגיעזער עלעמענט, אַז אַזאַ וויכטיקע פֿעסטונג פֿון דעמאָקראַטיע, ווי עס שטעלט מיט זיך פֿאָר די היגע „פּאַבליק־סקול”, זאָל זיך צעפֿאַלן און אונטערגיין. אָבער עס האַלט גאָרניט דערבײַ. אָוודאי אַפּשרעקן דערמיט דעם עולם איז לײַכט. אין היציקן קאַמף זײַנען אַלע מיטלען מעגלעך... אָבער אַזאַ געפֿאַר שטימט ווײַט ניט מיט דערווירקלעכקײַט.

און וואָס ס'איז שייך דער ייִדישער מינאָריטעט, ווייסן מיר דאָך, אַז מיר זײַנען לחלוטין ניט גרייט אַרײַנצונעמען אין אונדזערע עטלעכע טאָגשולן אַפֿילו קיין העלפֿט פֿון די היגע ייִדישע שול־קינדער. ניט מיר האָבן דעם נייטיקן לערער־פּערסאָנאַל (אַפֿילו איצטער ראַנגלען זיך אונדזערע שולן מיט אַ שווערן דוחק אין לערער), און ניט מיר האָבן גענוג קלאַס־צימערן און אַנדערע שול־מכשירים. עס וואָלט גאָר געווען אַן אומגליק, ממש אַ „גזירה”, ווען די רעגירונג זאָל חלילה אַרויסגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, אַז אַלע ייִדישע קינדער מוזן מהיום־והלאה זיך לערנען נאָר אין אייגענע ייִדישע שולן. דער גרעסטער טייל ייִדישע קינדער, ווי אויך זייער אַ גרויסער טייל פֿון אַנדערע עטנישע גרופּעס, וועלן נאָך אַלץ, צוליב אַ סך סיבות, בעסער וועלן, אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען אין דער אַלגעמיינער קאַנאַדער שול.

אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, אויב מיר זאָלן איצטער בײַדים צוריקווײַזן די סובסידיע, וואָס ווערט רעקאָמענדירט אינם באַריכט פֿון דער קעניגלעכער קאָמיסיע, וואָלט עס געווען אַן אומגעהויערער שאָדן פֿון אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. מיר שטייען איצטער פֿאַקטיש פֿאַר דער ערשטער מעגלעכקײַט, אַז ייִדישע שולן אויף דעם קאָנטינענט זאָלן האָבן ניט נאָר רעגירונגס־רעכט נאָר אויך פֿינאַנציעלע רעגי־

רונגס־אחריות. — טאָ וועלכער ייִד מיט אַ יידיש געוויסן קען זיך שטעלן קעגן אַזאַ זכות, קעגן אַזאַ פּריווילעגיע? האָט מען זיך ביי אונדז ביז ניט לאַנג צוריק געקענט פאַרשטעלן אַ גרעסערן זיג פאַר אונדזערע יידיש־נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס? קענען מיר מיט אַ ריין געוויסן צוריק־ווייזן אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט? וויפל פּרעסטיזש, דאַרפן מיר זיך פרעגן, וואָלט אַזאַ פאַרעם פון רעגירונגס־אַנערקענונג צוגעגעבן אונ־דזערע שולן? און וואָס פאַר אַ מאָראַלישע ווירקונג וואָלט אַזאַ זיג פון דער יידישער שול געהאַט אויף אַנדערע יידישע קהילות איבערן לאַנד, אַז אויך זיי זאָלן זיך נעמען ערנסט צו שול־אַרבעט מיטן גלויבן, אַז אויך זייער שעה וועט אַמאָל שלאָגן?

אָבער די קעגנער אין אונדזערע אייגענע יידישע רייען, מכלומרשט אונטערן מאַנטל פון מורא, אַז דער קעניגלעכער באַריכט קען ברענגען צו דער איינפירונג פון רעליגיעזן לימוד אין די רעגירונגס־שולן, וואַרפן אויך אָפּ די סובסידיע. זיי זאָגן: „לא מדובשך ולא מעוקצך" — מיר ווילן ניט דיין האָניק און מיר ווילן ניט דיין ביס...

די איינציקע לאָגישע דערקלערונג פאַרוואָס עס געפינען זיך צווישן אונדז נאָך אַלץ אַזעלכע, וואָס באַקעמפן די רעגירונגס־סובסידיע פאַר אונדזערע טאָגשולן, איז די אַלטע מורא פאַר „סעגרעגאַציע", די באַ־האַלטענע קעגנערשאַפט צו די טאָגשולן... נאָר אַרויסקומען מיט דער דאָזיקער קעגנערשאַפט אין דער עפנטלעכקייט שעמט מען זיך פשוט. ווייל די דאָזיקע פחדנות פאַר סעגרעגאַציע איז שוין לאַנג אַן אָפּגע־לעבטע טעאָריע, אַן אָפּגעלייקנטע אין ליכט פון עטלעכע צענדליק יאָר טאָגשול־דערפאַרונג, וואָס האָבן באַוויזן, אַז די תלמידים און תלמידות פון אונדזערע טאָגשולן האָבן גאָרניט געהאַט קיין שוועריקייטן שפּע־טער זיך צו אינטעגרירן מיט די אַנדערע סטודענטן אין די הויכשולן און אוניווערסיטעטן, און האָבן שפּעטער מיט גרויס דערפאָלג פאַרנומען גאָר וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער היגער קאַנאַדער געזעלשאַפט, אין די ליבעראַלע פּראָפעסיעס, און אַפילו אויף אַנגעזעענע רעגירונג־שטעלעס.

וואָס ס'איז שייך די עצם פראַגע פון סובסידיעס פאַר די באַזונ־דערע נאַציאָנאַלע שולן, רעדט דער באַריכט פון דער קעניגלעכער קאָ־מיסיע אָפן אין נאָמען פון מענטשלעכע רעכט פאַר אַלע איינוואוינער פון דער פּראָווינץ צו געבן זייערע קינדער די מאָראַלע דערציאונג, וואָס זייער געוויסן דיקטירט זיי. דער באַריכט, וואָלט איך געזאָגט, האָט זייער

אַ יושרדיקן צוגאַנג צום ענין רעגירונגס־סובסידיעס, צו וועלכע אַזעלכע שולן זײַנען באַרעכטיקט. אָט ווי עס לייענט זיך דאָרט דער פּאַראַגראַף 3 פֿון קאַפּיטל 11, אויף זײַטל 175:

„אַלע עלטערן צאָלן שטײַערן — לאָקאַלע, פּראָווינציעלע און פֿעדעראַלע — אויף צו פֿינאַנצירן די דערציאונג פֿון דער פּראָווינץ. דערפֿאַר האָבן אַלע עלטערן אַ רעכט צו באַנוצן זיך מיט די דערציאונגס־מעגלעכקײַטן פֿאַר זייערע קינדער. אָבער היות ווי אַ באַדײַטנדיקע מינאָריטעט עלטערן, אומצופֿרידן מיט דער דערציאונג פֿון דער אַלגעמיינער שול, עפֿענען אייגענע שולן, זײַנען זיי באַרעכטיקט צום טייל פֿון זייערע שטײַערן כּדי אויפֿצוהאַלטן די דאָזיקע אייגענע שולן. עס איז ניט יושרדיק און ניט דעמאָקראַטיש, אַז פֿון די שטײַערן, וואָס ווערן געצאָלט פֿון אַלעמען, זאָלן אויסגעהאַלטן ווערן נאָר די שולן, וואָס באַפֿרידיקן בלויז די מאַיאָריטעט עלטערן״.

קלינגט דאָס ניט ווי אַן ערלעכער דאָקומענט אָן „הינטערשפּיצלעך״ עמיצן צו פֿאַרנאַרן אין זאַק אַרײַן, נאָר באַזירט אויף די פּרינציפּן פֿון יושר און גערעכטיקײַט?

און צום סוף אַ פּאָר וויכטיקע באַמערקונגען וועגן דעם מצבֿ פֿון אונדזער ייִדישן חינוך בײַם איצטיקן מאָמענט. פֿון איין זײַט זײַנען טאָקע אין די לעצטע יאָרן באַדײַטנדיק פֿאַרשטאַרקט געוואָרן צווישן די ייִדן אויפֿן היגן קאָנטינענט די נאַציאָנאַל־ייִדישע סענטימענטן: קיין באַוואוסטזיניקער ייִד וואָלט איצטער ניט וועלן פֿאַרלייקענען זײַן ייִדישע אידענטיטעט, זײַן שייכות צום עם־ישׂראל־סבֿא מיט זײַנע קולטור־רעלע און מאָראַלע ווערטן; פֿון דער צווייטער זײַט אָבער ווערט אַלע־מאָל שאַרפֿער און נייטיקער, אַז די ייִדישע שול זאָל פֿאַרן ייִדישן קינד ווערן כּמעט ווי אַ צווייטע היים, וואו עס זאָל זיך קענען אויסלעבן ייִדישלעך און אַרײַננעמען אין זיך וואָס מער ייִדיש וויסן און אײַנזאַפּן אין זיך וואָס מער אהבֿת־ישׂראל מיט טיפֿע ליבע־געפֿילן צו ייִדן און ייִדישקײַט. ווײַל די „אמתע״ היים פֿון הײַנטיקן דורכשניטלעכן ייִדישן קינד ווערט אומגליקלעכערווײַז אַלץ מער און מער אויסגעליידיקט פֿון ייִדישן אינהאַלט, פֿון ייִדישקײַט און ייִדישע ווערטן. אויב, אַשטייגער, ביז דאָ ניט לאַנג צוריק איז נאָך מעגלעך געווען זיך צופֿרידנצושטעלן מיט דער ייִדישער דערציאונג אין אַ „צוגאָב־שול״, אין די שפּעטע נאָכמיטאָגס און זונטיקס, ווערט עס איצטער פֿון מאָל צו מאָל שווערער און שווערער. עס איז פּשוט ניטאָ בײַ די יונגע טאַטע־מאַמעס גענוג מאָראַלער כּוח אויף צו פּועלן בײַ זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן מקריבֿ זײַן די

פֿיל אַנדערע קינדערישע פֿאַרגעניגנס און לוקסוסן לטובֿת די עטלעכע שעה אַ וואָך ייִדישער דערציאונג אין אַ צוגאָב־שול. אַנדערש איז עס אין דער ייִדישער „טאָגשול". דאָ פֿאָדערן זיך ניט קיין קרבנות מצד דעם קינד. קינדער ווייסן, אַז זיי מוזן זײַן אַ גאַנצן טאָג אין אַ שול. אַזוי איז דאָס געזעץ פֿון דער רעגירונג.

ווי אַ לערער און דערציער, וועלכער שטייט שוין בײַם רודער פֿון ייִדישן חינוך אויפֿן היגן קאָנטינענט לאַנגע יאָרן, זע איך פֿאַר זיך די כּסדר־וואַקסנדיקע שוועריקײַטן פֿאַר ממשותדיקע דערגרייכונגען אין די ייִדישע לימודים אין די צוגאָב־שולן. עס איז אַ באַוואוסטער פֿאַקט, אַז מיט ייִדישקײַט ווערט מען ניט געבוירן. דאָס מוז מען קריגן נאָר דורך באַוואוסטזיניקער דערציאונג. איז אויב אַמאָל איז די ייִדישע היים געווען אַ וויכטיקער שותּף אין דער ייִדישער דערציאונג פֿון קינד, האָט נאָך די צוגאָב־שול געקענט בײַטראָגן אַ היפּשן חלק. איצטער אָבער, ווען די גאַנצע דערציערישע אויפֿגאַבע פֿאַלט אויף דער ייִדישער שול, מוז מען פֿאַר די ייִדישע לימודים האָבן דעם מאַקסימום צײַט, וואָס איז נאָר מעגלעך אין דער טאָגשול, ווינציקסטנס פֿאַר אַ וויכטיקן טייל פֿון אונדזערע שול־קינדער.

איצטער שטעלט זיך די פֿראַגע: וואָלט עס ניט געווען ווירדיק און יושרדיק פֿאַר דער היגער ייִדישער קהילה, וועלכע האָט נאָך מיט יאָרן צוריק איבערגענומען די אַחריות פֿאַר דער ייִדישער דערציאונג, אָנצונעמען די אָנגעבאָטענע רעגירונגס־סובסידיע פֿאַר די ייִדישע טאָגשולן? מיט דער הילף פֿון דער דאָזיקער רעגירונגס־סובסידיע, ווינציקסטנס פֿאַר די ענגלישע לימודים, וואָלט פֿיל פֿאַרלײַכטערט געוואָרן דער פֿינאַנציעלער עול פֿון דער קהילה און עס וואָלט דערמעגלעכט געוואָרן אײַנצופֿירן באַדײַטנדיקע אויסבעסערונגען אין דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין שול. מחמת בײַם איצטיקן מאָמענט האַלט מען זיך אין איין באַקלאָגן, אַז די הכנסה־קוואַלן פֿון דער ייִדישער קהילה פֿאַר ייִדישער דערציאונג זײַנען זייער באַגרענעצטע (וואָס מיינט אייגנטלעך: פֿיל בודזשעטאַרע שוועריקײַטן), און דערפֿון לײַדט אין אַ געוויסער מאָס דער דערציערישער מצבֿ פֿון די שולן. אָבער מיטן צוקום פֿונם נײַעם הכנסה־קוואַל וואָלטן צו די שולן געקענט, למשל, צוגעצויגן ווערן נאָך פֿעיקע לערער, וועלכע וואָלטן געהאָלפֿן העכערן דעם פּעדאַגאָגישן ניוואָ פֿון די שולן, און עס וואָלטן בכלל געקענט אויסגעברייטערט ווערן די פֿאַרשיידענע שול־אַקטיוויטעטן.

לאָמיר זיך ניט נאַרן און צוגעבן, אַז כּדי אָנצוהאַלטן ייִדישקייט אין די היגע לענדער, אין אַ סבֿיבֿה מיט אַזוי פֿיל פֿרײַהייטן און פּריווי־לעגיעס, און מיט אַזוי פֿיל עקאָנאָמישע און סאָציאַלע קאָנטאַקטן מיט די אַרומיקע ניט־ייִדישע שכנים, פֿאָדערן־זיך אַ סך כּוחות און אָנשטרענ־גונגען אויפֿן פֿעלד פֿון ייִדישער דערציִאונג. לאָמיר קוקן מיט אָפֿענע אויגן אין אונדזער היגער ייִדישער ווירקלעכקייט!

פּ. הערשטיין

(אָנגעשריבן סוף 50ער יאָרן)

ט) „אונדזערע שולן און אונדזער יוגנט"

ס'איז בײַ אונדז שטאַרק אַרײַן אין דער מאָדע צו באַקלאָגן דעם גורל פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול: ווער ס'טוט עס מיט פֿאַר־ביטערונג, מיט שׂנאה, און אַפֿילו מיט חרטה פֿאַר זיין אַמאָליקער שייכות צו איר; און ווער — מיט באַדויערן, מיט אַ פֿרומען ציטער, און מיט אַ געפֿיל פֿון ווען עפּעס „אַפּראַטעוועון". — די אַנטוישונג אין דער ייִדיש־וועלטלעכער שול איז אַזויערנאָך געוואָרן אַ „באַליבטע" טעמע סײַ פֿאַר „רעאַל־פּאָליטיקער" און סײַ פֿאַר „לירישע" שרײַבער. ווי אַ באַווײַז פֿאַר זייערע באַרעכטיקטע ירידה־שטימונגען נעמען זיך די דאָזיקע „אַנ־טוישטע נעבעך" ס'רובֿ צו דער יוגנט אונדזערער: „טאָקע, וואו איז די יוגנט, וואָס די ייִדיש־וועלטלעכע שולן האָבן שוין געדאַרפֿט פֿון זיך אַרויסגעבן? זעט מען זי בײַ אונדזער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט? יאָגט זי זיך נאָך געזעלשאַפֿטלעכע פֿליכטן, וואָס דער איצטיקער קאַטאַס־טראָפֿאַלער מאָמענט אין אונדזער געשיכטע האָט אויף אונדז אַרויפֿ־געלייגט?"

אַז דער דאָזיקער צוגאַנג צו דער ייִדיש־וועלטלעכער שול איז אַן איינזײַטיקער, איז בלתי־ספֿק. ווײַל צו מאַכן די יוגנט פֿאַרן איינציקן אויסגאַנגס־פּונקט פֿון אַ שול־ריכטונג איז דורך־און־דורך פֿאַלש. מחמת בײַ קיין אומה ולשון איז די שול ניט דער איינציקער פֿאַקטאָר אויף צו באַשטימען דעם נאַציאָנאַלן אָדער סאָציאַלן באַנעם פֿון דער יוגנט. פֿיל אַנדערע פֿאַקטאָרן באַווירקן דאָס דענקען און פֿילן פֿון דער יוגנט און איר צוגעבונדנקייט צום לעבן און שאַפֿן פֿון פֿאָלק. די שול איז בלויז אַ סטימול און אַ גוטער וועג־ווײַזער. איז דאָרטן, וואו די שול איז אַ טייל

פֿונם אַרומיקן לעבן, און די געזעלשאַפֿט אַרום האָט צו איר די גע־העריקע באַציאונג און דעם געהעריקן אינטערעס, איז טאַקע איר וויר־קונג פֿון אומגעהויערער באַדײַטונג; דאָרטן אָבער, וואו אינם אַרומיקן לעבן הערשט אַ צעריסנקײַט, און די אַרבעט פֿון דער שול, ווי איר גאַנ־צער מהות, ווערט איגנאָרירט, איז די ווירקונג פֿון דער שול אויף גע־זונט צו מאַכן דעם פֿאָלקס־אָרגאַניזם זייער אַ באַגרענעצטע, הגם אירע דערציערישע פֿאַרדינסטן ווערן דורכדעם ניט מינימיזירט: די שול האָט זיך אירע נאָרמאַלע טאָג־טעגלעכע פֿונקציעס פֿון געבן דעם קינד מאָ־מענטן פֿון פֿרייד און העלפֿן אַנטוויקלען זײַנע גײַסטיקע פֿעיקײַטן.

בלויז פֿון אָט־דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט קען מען משפּטן אַ באַ־שטימטע שול־ריכטונג, צי זי האָט עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אָדער ניט. לכן, מיט אַלע „שוואַכקײַטן" אירע, איז די ייִדיש־וועלטלעכע שול בײַ אונדז פֿאַרט דערווײַל די איינציקע שול־ריכטונג, וואָס פֿאַרשטייט אירע דערציערישע אויפֿגאַבעס פּעדאַגאָגיש און וויסנשאַפֿטלעך. דער „דורכ־פֿאַל" פֿון דער יוגנט אָבער קען גיכער זײַן די שולד פֿון דער „געזעל־שאַפֿטלעכקײַט" אַרום, וועלכע פֿאַרמאָגט ניט די „אַטראַקציע" צו־צוציען צו זיך די יונגע מענטשן און אויסצונוצן זייער יונגע פֿרישע ענערגיע און זייער יוגנטלעכן נאַאיוון אידעאַליזם. ווער ס'האָט בכלל אַ באַגריף אין אונדזער געזעלשאַפֿטלעכקײַט בײַם איצטיקן מאָמענט, אין איר כאַאָטיש־קײַט, אין איר רודערלאָזער פֿירערשאַפֿט, און אין אירע לעפּישע מע־טאָדן, וועט גאָרניט זײַן געטראָפֿן, וואָס די יוגנט אונדזערע רײַסט זיך ניט אַזוי שטאַרק אַהין...

עטלעכע אילוסטראַציעס אויף צו באַלײַכטן די ביז־איצטיקע באַצי־אונגען מצד אונדזער „עפֿנטלעכקײַט" צו דער ייִדיש־וועלטלעכער שול וועלן ניט זײַן איבעריק פּלאַץ.

די ייִדיש־וועלטלעכע שול איז אויפֿגעקומען אין אַ מאָמענט, ווען די ייִדישע דערציאונג אומעטום, איבערהויפּט אין אַמעריקע, האָט זיך גע־פֿונען אין אַ שוידערלעכן צושטאַנד. דאָס אַלטע „חדר" איז סײַ מיט די לימודים און סײַ מיט די מעטאָדן לחלוטין ניט געווען מער צוגעפּאַסט צו די טיפֿע ענדערונגען, וואָס זײַנען געהאַט פֿאַרגעקומען אין ייִדישן לעבן. מעגן די „ראָמאַנטיקער" אונדזערע איצטער — פֿון טיפֿער בענקעניש — זינגען לויב־געזאַנגען דעם טראַדיציאָנעלן חדר, אָבער פֿאַר אונדזער נײַער ווירקלעכקײַט איז די ראָל פֿון „חדר" אַלצאיינס געווען אַ פֿאַר־ענדיקטע. דערפֿאַר איז געקומען די ייִדיש־וועלטלעכע שול, וועלכע

האָט באַצוועקט אַרײַנצובלאָזן אַ נײַ לעבן אינם ייִדישן שול־וועזן. די הויפּט־באַדײַטונג פֿון אָט־דער נײַער שול־ריכטונג איז געלעגן אין דעם, וואָס זי האָט באַזירט איר דערציִאונג ניט אויף רעליגיע, נאָר אויפֿן פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם. דער מאָטיוו איז געווען, אַז די נײַע שול זאָל קאָנען באַפֿרידיקן אַלע ייִדן, וואָס זײַנען נאַציאָנאַל געשטימט — מחמת אַפֿילו דער רעליגיעזער ייִד איז דאָך אין תּוך אויך נאַציאָנאַל — בעת אַ רעליגיעזע שול וואָלט דעם נאַציאָנאַלן ניט־רעליגיעזן ייִדן ניט געקענט באַפֿרידיקן. די דאָזיקע נײַע שול האָט אָנגעצייכנט אַ ברייטע לערן־פּראָגראַם, וואָס וואָלט זיך אַרײַנגעפּאַסט אויך אינם שול־קוריקולום פֿון אַלע נאָרמאַלע קולטור־פֿעלקער. איז וואָס פֿאַר אַ „קבלת־פּנים״ האָט די דאָזיקע נײַע שול אונדזערע געקראָגן? ס׳וואָלט געמיינט דערמאָנען זיך זייער אַ שמערצלעך קאַפּיטל פֿון אונדזער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהײַט: מיט מעשׂות וועגן לייגן אין „חרם״, עפֿנטלעכע פֿאַרפֿאָלגונגען און ביטערן קאַמף...

ס׳איז אָבער כדאי צו פֿאַרצייכענען, אַז ביזן הײַנטיקן טאָג איז נאָך מצד דעם ייִדישן „כּלל״, מצד דער ייִדישער געזעלשאַפֿט, קיין איין ערנסטע אָנשטרענגונג ניט געמאַכט געוואָרן לטובֿת דער ייִדיש־וועלטלעכער שול. לערער און שולטוער וואָלטן געקענט דערציילן וועגן אַ סך טרויעריקע דערפֿאַרונגען מצד אַפֿילו אַזעלכע קערפּערשאַפֿטן, וואָס וואָלטן אַליין געדאַרפֿט זײַן די אָנפֿירער פֿון דער ייִדישער שול־באַוועגונג, און פֿונדעסטוועגן זײַנען זיי געשטאַנען גאַנץ פֿונדערווײַטנס, אָפֿטמאָל אַפֿילו מיט אַ חוזק־שמייכל. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען, וואָס אין אַזאַ עיר ואם בישׂראל ווי ניו־יאָרק רבתי, וואו עס לעבן קיין עין־הרע אַזויפֿיל ייִדן, אָרגאַניזירט אין פֿיל שטאַרקע קהילות, זײַנען זייער ווינציק פֿון זיי געווען פֿאַרבונדן מיט דער ייִדיש־וועלטלעכער שול!

בײַ אַזאַ „אָפּרוף״ האָט די ייִדיש־וועלטלעכע שול נאַטירלעך דורכגעמאַכט אַ וועג פֿון גרויס מאַטערניש, און די דערגרייכונגען (אויפֿן געביט פֿון סאָלידע ידיעות) זײַנען דערפֿאַר געווען מינימאַלע. נו, ווערט דאָס איצט נאָך אויסגענוצט מצד קעגנער אויף צו „שלאָגן דערפֿון קאַפּיטאַל!״...

אַ צווייטע אילוסטראַציע איז דער ענין „ייִדיש״... די פֿראַגע פֿון „ייִדיש״ האָט אין דער אַרבעט פֿון דער שול לחלוטין ניט געהאַט (און ניט געטאָרט האָבן) די מינדסטע שייכות צו אונדזער אָנגעווייטיקטער שפּראַכן־פֿראַגע. אין שול האָט „ייִדיש״ אויסשליסלעך געמיינט אַ מיטל

ווי אַזוי צוצובינדן דאָס ייִדישע קינד צו די אַרום 12 מיליאָן ייִדן איבער דער וועלט, וואָס זייער שפּראַך איז געווען ייִדיש; אַז אויב דאָס ייִדישע קינד אין אַמעריקע זאָל זיך למשל ווען עס איז באַגעגענען מיט אַ ייִד פֿון פּוילן, רומעניע, אָדער פֿון וועלכן ס'איז אַנדער לאַנד, זאָל ניט זײַן קיין שפּראַכלעכע מחיצה צווישן זיי; אונדזערס אַ קינד זאָל באַלד נאָך אין שול קענען „געניסן" פֿון ייִדישן שאַפֿן, הנאה האָבן פֿון די שיינע ווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און דערמיט דערפֿילן, אַז אויך זײַן פֿאָלק פֿאַרמאָגט אַפֿילו איצט (ניט נאָר אין ווײַטן עבֿר) גרויסע שרײַבער און פּאָעטן, מיט וועלכע מ'קען שטאָלצירן.

ווי אַזוי איז אָבער דער דאָזיקער אויפֿריכטיקער, פּעדאַגאָגישער און נאַציאָנאַלער מאָטיוו אויפֿגענומען געוואָרן מצד אונדזער „עפֿנט־לעכקײַט"? — ס'איז געווען געגוג, עמיצער זאָל זיך אַ שפּיל טאָן מיט אַ וואָרט און באַלד האָט מען שוין געהאַט אַ „פּולן" באַגריף וועגן דער נײַער שול־ריכטונג — „ייִדישיזם"! ס'טײַטש, וואו איז דער העברעיִש, וואָס ווערט געלערנט אין די פֿאָלקס־שולן פֿון ייִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד? און דער העברעיִש פֿון די שלום־עליכם שולן, און אַפֿילו אין די אַרבעטער־רינג מיטל־שולן? פֿאַרפֿאַלן! עס העלפֿט שוין ניט. הגם, פֿון דער צווייטער זײַט, איז דער „העברעיִזם" פֿון די תלמוד־תורות אײַנגאַנצן אויסגערונען. מחמת די מערסטע תלמוד־תורות איבערן לאַנד האָבן שוין לאַנג שלום געמאַכט מיט „ענגליש", וועלכע איז בײַ זיי די „אָפֿיציעלע" שפּראַך סײַ אין די קלאַס־צימערן און סײַ אין דער גאַנ־צער אַרומיקער סבֿיבֿה.

בײַ נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט מען דעם דערציערישן ווערט פֿון „ייִדיש", פֿון אַן אייגענער שפּראַך, געדאַרפֿט אויפֿהייבן בײַ אונדזער יוגנט צו דער מדרגה פֿון אַ „קולט" — אָפּגעבן כּבֿוד יענע יוגנטלעכע, וואָס קענען און נוצן ייִדיש, און גלײַכצײַטיק דערקלערן פֿאַר עם־הארצים יענע ייִדן, וועלכע קענען ניט זייער אייגענע פֿאָלקס־שפּראַך, מעגן זיי אַפֿילו באַזיצן די העכסטע בילדונג. דאָס וואָלט געווען אַ דערמוטיקונג און אַן אָנרעגונג פֿאַר די טויזנטער קינדער אונדזערע, וועלכע לערנען ייִדיש, אַז זיי זאָלן זייער לערנען נעמען ערנסטער. ווערט אָבער דער דאָזיקער ענין פֿאַרשוויגן. עס שווײַגן אויך מער־וויניק מאַנכע פֿון אונדזערע „קולטוריסטן", בשעת אַנגעזעענע ייִדישע אינסטיטוציעס האַלטן כּמעט אָן אַ „חרם" אויף דער לעבעדיקער שפּראַך פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן און אויף דער ייִדישער ליטעראַטור . . .

וואָס ס'איז שייך דירעקט דער יוגנט אונדזערער, ווערט דאָס בילד געמאָלן פֿיל שוואַרצער, ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט. פּונקט ווי ביי „עלייה"־מאָמענטן איז מען ביי אונדז גענייגט אַלץ גוזמאדיק צו איבערשאַצן, אַזוי איז מען פֿאַרקערט ביי אַ „ירידה"־שטימונג גרייט אַלצדינג מבטל צו מאַכן כעפּרא דארעא. די יוגנט־פּראָבלעם דאַרף ביי אונדז, פּונקט ווי יעדע אַנדערע דערשיינונג, געמאָסטן ווערן אין „רעלאַטיווע" דימענסיעס. דאַן וואָלט מען מיט זיכערקייט געקענט וויניקסטנס זאָגן, אַז אָן דער יידיש־וועלטלעכער שול וואָלט געווען גאָר שלעכט. ווייל איידער זי איז געקומען, איז דער מצב פֿון דער היגער יידישער יוגנט געווען פֿיל, פֿיל ערגער. די יידיש־וועלטלעכע שול האָט בכלל געלייטערט די יידישע גאַס אין אַמעריקע, זי געמאַכט קולטורעלער, זי האָט ביי דער יוגנט אָנגעהויבן וועקן אַ באַציאונג צו אונדזערע פּראָבלעמען. די יידישע יוגנט אין אַמעריקע איז אין אַלגע־מיין נאָך ניט קיין באַשטימטער כוח, זי באַוועגט זיך נאָך אין אַן אַטמאָס־פֿער, וואָס איז ניט קריסטאַליזירט, אין אַ לעבן וואָס האָט נאָך ניט קיין קלאָר געשטאַלט. אָבער דאָ און דאָרטן באַמערקן זיך שוין צווישן דער יוגנט סימנים פֿון אַן אויפֿוואַכנדיקן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, באַזונ־דערס צווישן דער יוגנט, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ יידיש־וועלטלעכע שול. און זאָל נאָר אָנקומען אַ גרויסער מאָמענט פֿאַרן אַמעריקאַנער יידנטום, אַ מאָמענט פֿון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, פֿון זעלבסט־דער־קענונג, פֿון גרויסע מעשׂים, וואָלט אונדזער יידיש־דערצויגענע יוגנט אָן־ספֿק דעמאָלט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל, הגם נומעריש וואָלט זי — די יוגנט, וואָס האָט געקראָגן אַ יידיש־וועלטלעכע דערציאונג — גע־קענט בטל בששים ווערן...

וואָס זאָלן מיר אָבער טאָן מיט אונדזער יוגנט ביז יענעם מאָמענט פֿון אַלגעמיינער דערוואַכונג? אָפּלאָזן זי אויף גאָטס באַראָט און זיך פֿאַרלאָזן אויף נסים, אַז זי וועט ענדלעך אַליין געפֿינען דעם וועג צום פֿאָלק, צו זיין קאַמף פֿאַרן נאַציאָנאַלן קיום, און צו זיינע קולטור־אוצרות? דאָס וואָלט פּשוט געמיינט פּאַסיוויטעט, אָדער אין בעסטן פֿאַל, אָפּלאָזן אויף הפֿקר אונדזערע שול־דערגרייכונגען. יעדע שול־אָרגאַני־זאַציע דאַרף דעריבער מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען איינצוהאַלטן ביי זיך די יוגנט, וואָס איז ביי איר דערצויגן געוואָרן. נאַטירלעך איז דאָס פֿאַרבונדן מיט שוועריקייטן. אָבער צו שוועריקייטן איז דאָך די יידיש־וועלטלעכע שול שוין לאַנג צו־געוואוינט. עס מוזן אויסגעפֿונען

ווערן פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון האַלטן די גראַדואירטע יוגנט אַרום די שולן אויף לאַנגע יאָרן, און אפֿשר אויף תּמיד.

די פֿאָרמען פֿון אײַן שול וועלן, פֿאַרשטייט זיך, ניט אַלעמאָל גילטן אויך אויף די אַנדערע שולן. עס וועט אָפּהענגיק זײַן פֿון די ספּעציפֿישע לאָקאַלע באַדינגונגען. אָבער אומעטום דאַרף די גראַדואירטע יוגנט אונדזערע צוגעצויגן ווערן צו פּראַקטישער אַרבעט אַרום די שולן: צו פֿאַרשיידענע אַקטיוויטעטן. אַזוי למשל דאַרפֿן די גראַדואירטע אָנפֿירן מיט די קינדער־קלובן, מיט דער שול־ביבליאָטעק, מיט די קינדער־פֿאַרזאַמלונגען, אַפֿילו מיט די שול־פֿײַערונגען, און באַזונדערס מיט די קינדער־אַרויספֿאָרן און ספּאָרט־שפּילן. דאָ און דאָרט דאַרף אויך געשאַפֿן ווערן אַ באַצאָלטער אַמט פֿאַר אַזאַ יוגנטלעכן, ווי צו באַזוכן עלטערן אין פֿאַל, ווען אַ קינד קומט ניט רעגולער אין שול אַרײַן; אויך מחנך צו זײַן ווען פֿון זיי צו לערערײַ גופֿא. די גראַדואירטע דאַרפֿן האָבן דאָס געפֿיל, אַז די שול איז זייער געזעלשאַפֿטלעכער צענטער: דאָ זאָלן זיי האָבן זייערע יוגנטלעכע קלובן, זייערע לייענקרײַזן, זייערע פֿאַרווייַלונגען. מיט איין וואָרט: אויב אין די ערשטע עטלעכע צענדליק יאָר איז דאָס הויפּט־געוויכט פֿון די שולן געלייגט געוואָרן אויף די לימודים אין די קלאַס־צימערן, דאַרף איצט אַריבערגעטראָגן ווערן די הויפּט־אויפֿמערקזאַמקײַט אויף דער יוגנט, וואָס האָט שוין די שול לאַנג געענדיקט. אונדזערע פֿאָדערונגען אויף דעם געביט דאַרפֿן ווערן אינטענסיווער, שטאַרקער. „רעיוניאָנס" איין מאָל אַ יאָר פֿון אַן „אַלומני־קלוב" דאַרף אונדז מער ניט באַפֿרידיקן. איצט פֿאָדערט זיך אַ נעענטערער קאָנטאַקט מיט אונדזער אייגענער יוגנט. מיר מוזן זי האָבן אָפֿטער אין אונדזער סבֿיבֿה.

אין דער דאָזיקער וויכטיקער פֿונקציע פֿון ברענגען די יוגנט נעענטער צו אונדז — די יוגנט, וועלכע קען אונדז שוין, וועלכע קען אונדזער לשון און אונדזער אידעאָלאָגיע, וואָלט זייער אַ סך געקענט באַווירקט ווערן פֿון אונדזערע שרײַבער און אונדזערע געזעלשאַפֿטלעכע טוער.

די ייִדישע שרײַבער, וועמענס ווירקונג אויפֿן דענקען און פֿילן פֿון די פֿאָלקסמאַסן איז נאָך אַלץ גרויס און שטאַרק, וואָלטן געקענט באַשאַפֿן בײַ זייערע לייענערס, יונג און אַלט, אַ באַציאונג פֿון דרך־ארץ צו אונדזער פֿאָלקס־קולטור, און טאַקע ספּעציעל בײַ דער יוגנט, וואָס איז אין דער דאָזיקער קולטור דערצויגן געוואָרן. זיי, די שרײַבער, וועלן

מעגלעך דאַרפֿן נאָכגעבן אַ סך פֿון זייערע דערוואַרטונגען און פֿאָדע־רונגען. זיי וועלן זיך דאַרפֿן רעכענען מיט דער „נײַער״ רעאַלערווירקלעכקײַט און אויפֿהערן צו זײַן „מאַקסימאַליסטן״. די צײַט שטייט ניט אויף איין אָרט: גרויסע שינויים קומען כסדר פֿאָר אין לעבן!...

פֿ. הערשטיין

(„דאָס יידישע וואָרט״, וויניפּעג, יוני 6, 1941)

קאַפּיטל 4

וויניפּעג

א) וויכטיקע דאַטעס אינם „בראשית"־פּעריאָד פון דער וויניפּעגער פּרץ־שול

1. די פּרץ־שול האָט זיך געעפנט דעם 2טן מאַי, 1914, מיט 17 קינדער. דער ערשטער לערער איז געווען ב. גינזבורג, מיט אַ געהאַלט פון ‎$17.50 אַ חודש.
2. דעם 31סטן יאַנואַר, 1915, האַלט י. א. טשערניאַק די ערשטע לעקציע פון דער „שול־געזעלשאַפט" פאַר אַ ברייטן עולם אין קווינס־טעאַטער, אויף דער טעמע: „יידישע שולן".
3. דעם 5טן יאַנואַר, 1916, ווערט י. העסטרין באַשטימט פאַרן פּרינציפּאַל פון שול און שכר־לימוד פאַרוואַלטער.
4. יוני, 1917, ווערט געקויפט פאַר דער שול אַן אייגענע היים אויף 412 באַראַס עוועניו, און דער באַרימטער פּאָעט מנחם באָריישאָ ווערט ספּעציעל איינגעלאַדן צו דער חנוכת־הבית פייערונג.
5. אין אַפּריל, 1919, איז אויף דער איניציאַטיוו פון אַ קליינער צאָל פרויען פון דער שול־געזעלשאַפט געגרינדעט געוואָרן דער קינדערגאַרטן אונטער דער אויפזיכט פון דער לערערין מיס אַקסלראָד. אַדאַנק דעם איז גלייכצייטיק געגרינדעט געוואָרן דער „מוטער־פאַריין", וועלכער האָט זיך מתחייב געווען צו שאַפן דעם „בודזשעט" פאַרן קינדערגאַרטן.
6. אין סעפּטעמבער, 1920, איז געעפנט געוואָרן דער ערשטער קלאַס פון דער „טאָגשול".*

---

*) מיט יעדן יאָר איז צוגעקומען אַ נייער קלאַס „טאָגשול", ביז מיר האָבן דערגרייכט זיבן יאָר „טאָגשול". אין יעדן קלאַס האָט מען געלערנט אַ האַלבן טאָג „יידישע" לימודים און אַ האַלבן טאָג „ענגלישע" — לויטן קוריקולום פון „פּאַבליק־סקול".

7. אין סעפּטעמבער, 1924, ווערט פּ. הערשטיין (גראַדואַנט פֿון ייִדישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק), אָנגעשטעלט ווי דער „הויפּט־לערער" פֿון שול. (צוליב באַשיידנקייט האָט ער בפּירוש ניט גע־וואָלט אָננעמען דעם טיטל „פּרינציפּאַל".)
8. אין מאַי, 1925, קומט פֿאָר די ערשטע גראַדואירונג פֿון שול, מיט ד"ר חיים זשיטלאָווסקין אַלס גאַסט רעדנער, און אין סעפּטעמבער עפֿנט זיך דער ערשטער קלאַס „מיטלשול".
9. אין מאַי, 1928, קומט פֿאָר די יערלעכע גראַדואירונג פֿון דער עלעמענטאַר־שול צוזאַמען מיט דער ערשטער גראַדואירונג פֿון דער דרײַ־יאָריקער מיטלשול. לכּבֿוד דעם 15־יאָריקן יובֿל פֿון דער שול ווערט דורכגעפֿירט אַ שול־וואָך, צו וועלכער עס איז אײַנגע־לאַדן געוואָרן ד"ר חיים זשיטלאָווסקי אויף אַ סעריע לעקציעס.
10. אין סעפּטעמבער, 1928, ווערט געעפֿנט דער ערשטער קלאַס פֿון די „העכערע קורסן".

ב) מײַן ערשטע לערער־שטעלע

(אַ בלעטל זכרונות)

ס'איז זומער 1924. מיט עטלעכע וואָכן פֿריער האָב איך געהאַט גראַדואירט פֿון ייִדישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק. האָב איך זיך אויף עטלעכע טעג אין אַ סוף־וואָך אַרויסגעכאַפּט פֿון די ניו־יאָרקער היצן צו די קעטסקיל־בערג. אַהיים קומענדיק זונטיק אָוונט האָב איך אויף מײַן קוואַרטיר דערווישט אַ בריוו און אַ טעלעגראַם פֿון פּנחס גינגאָלד, דעם סעקרעטאַר פֿון ייִדישן לערער־סעמינאַר: „חבֿר טשערניאַק פֿון ווינפּעג האָט פֿרײַטיק־צו־נאַכטס אויף אײַך געוואָרט בײַ ד"ר יהודה קויפֿמאַן, דעם דירעקטאָר פֿון סעמינאַר. עס האַנדלט זיך וועגן אַ לערער־שטעלע פֿאַר אײַך אין דער דאָרטיקער פּרץ־שול".

איך האָב לויטן בריוו געזאָלט טעלעפֿאָנירן מאָנטיק אין דער פֿרי אין אָפֿיס פֿון „ייִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד" כּדי צו פֿאַרבינדן זיך מיטן ווינפּעגער גאַסט. און כך הווה: מאָנטיק אין דער פֿרי האָבן מיר זיך באַגעגנט טאַקע אין יענעם אָפֿיס, און מיר זײַנען זיך ביידע גלײַך געפֿעלן. מיר זײַנען ביידע געווען יונג און מיר זײַנען ביידע געווען אידעאַליסטן מיט אַ טיפֿער ליבע צו ייִדיש און ייִדישער קולטור.

נאָך אַ קורצן באַקענען זיך זײַנען מיר באַלד אַרויס אויף אַ לענגערן שפּאַציר, כדי אַרומצורײדן דעם עצם ענין פֿון מײַן קאַנדידאַטור. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ד״ר קויפֿמאַן, װעלכער האָט געקענט די װיניפּעגער פּרץ־שול פֿון זײַנס אַ לעקציע־טור אין יענער שטאָט, האָט — אַפֿילו אָן מײַן װיסן — מיך „פֿאַרשדכנט״ צו דער דאָזיקער שול. חבֿר טשערניאַק, באַווירקט פֿון ד״ר קויפֿמאַנס װאַרעמער רעקאָמענדאַציע, האָט װעגן מיר געהאַט גאָר אַ געהויבענע מיינונג בנוגע די נייטיקע קוואַליפֿיקאַציעס פֿאַר דער שול אין װיניפּעג, און ער האָט גלײַך געװאָלט מײַן הסכּמה אָנצונעמען די שטעלע.

ער האָט מיר דערבײַ איבערגעגעבן, אַז די שול עקזיסטירט שוין 10 יאָר צײַט און עס לערנען זיך אין איר אַ פּאָר הונדערט קינדער (צוזאַמען מיטן „קינדערגאָרטן״ און עטלעכע קלאַסן „טאָגשול״). די שול האָט גוטע מעגלעכקײַטן צו װאַקסן און זיך צו אַנטװיקלען, נאָר זי נייטיקטזיך אין אַן איבערגעגעבענעם און פֿעיקן פּרינציפּאַל.

װען איך האָב דערהערט דאָס װאָרט „פּרינציפּאַל״, האָב איך אים גלײַך אָפּגעשטעלט. איך האָב אים דערקלערט, אַז עס װאָלט געװען צופֿיל „חוצפּה״ פֿון מײַן זײַט, אַז תּיכּף בײַם ערשטן שריט נאָך מײַן גראַדואירן דעם לערער־סעמינאַר זאָל איך שוין דערהויבן װערן צו אַזאַ הויכער פּאָזיציע. ער האָט זיך באַמיט מיך צו איבערצײַגן, אַז די דאָזיקע פֿאַראַנטװאָרטלעכקײַט פֿון פּרינציפּאַלשאַפֿט װעט ניט פֿאַלן צו־שװער אויף מיר, מחמת איך װעל האָבן די פֿולע קאָאָפּעראַציע מצד דער גאַנצער שול־פֿאַרװאַלטונג. אָבער װען איך האָב אויף דעם דאָזיקן פּונקט אַרויסגעוויזן עקשנות, האָט ער מיר סוף־כּל־סוף נאָכגעגעבן.

דערנאָך האָט ער פֿאַר מיר געשילדערט זײער אינטערעסאַנטע פּרטים װעגן דער שול: אירע פּעדאַגאָגישע מעגלעכקײַטן און איר נישקשהדיקן פֿינאַנציעלן מצבֿ; װעגן דעם גוט־אָרגאַניזירטן שול־קאָמיטעט; װעגן דער פּאָזיציע, װאָס די שול פֿאַרנעמט אין דער דאָרטיקער ייִדישער קהילה, א. אַז. װ.; בײַם־סוף האָבן מיר זיך זײער חבֿריש געזעגנט.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מיר ד״ר קויפֿמאַן געלאָזט װיסן, אַז איך האָב שטאַרק נושׂא־חן געװען בײַ טשערניאַקן. אויך האָב איך פֿון טשערניאַקן גופֿא דערהאַלטן זײער אַ װאַרעם בריװל, געשריבן אויפֿן װעג אַהיים, מיך דערמאָנענדיק נאָכאַמאָל, אַז איך בין שוין כּמעט װי אַנגעשטעלט און כ׳זאָל ניט פֿאַרהאַנדלען מיט קיין אַנדערער שול. קורץ

נאָכדעם האָב איך טאַקע דערהאַלטן אַ טעלעגראַם פֿון דער שול־פֿאַר־וואַלטונג, אַז איך בין אָנגעשטעלט. אינגיכן האָב איך באַקומען אַ באַן־בילעט קיין וויניפּעג. האָב איך זיך גענומען גרייטן אין וועג אַרײַן.

מזל־טובֿ! — איך פֿאָר קיין וויניפּעג. אָבער מיטן מאָמענט וואָס איך האָב זיך אַװעקגעזעצט אויף מײַן פּלאַץ אין וואַגאָן, בין איך באַאומ־רואיקט געוואָרן פֿון פֿאַרשיידענע מחשבֿות און געפֿילן: וואָס טו איך? וואָס האָט מיר געפֿעלט אין ניו־יאָרק? איך בין דאָך ממש געווען פֿאַר־ליבט אין דער דאָזיקער עיר ואם בישׂראל! כ׳האָב זיך דאָרטן פֿאַרשאַפֿט גוטע חבֿרים און פּלעג הנאה האָבן פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע קולטור־רעלע צוזאַמענקונפֿטן, מיט וועלכע די ניו־יאָרקער „איסט־סײַד״ איז דעמאָלט פֿול געווען. חוצדעם האָב איך דאָך געפּלאַנעוועט דאָרטן ווײַטער צו שטודירן. איך וועל דאָך כסדר בענקען נאָך דער ליבער שטאָט... פֿון דער צווייטער זײַט, האָט געצויגן די אידעאַלע פּרץ־שול סבֿיבֿה, וואָס חבֿר טשערניאַק האָט פֿאַר מיר אַזוי שיין געמאָלן: די איבערגעגעבענע קולטוריסטן מיט זייער הייליקן ציל צו שטאַרקן ייִדיש־קײַט אין אַמעריקע און קאַנאַדע דורך ייִדיש־נאַציאָנאַלן חינוך...

איך האָב אָפּגעשטײַגט אויף עטלעכע טעג אין דעטרויט כדי דאָרטן צו באַזוכן מײַנע קרובים, וועלכע האָבן פֿריער געהאַט געוואוינט אין מערבֿ־קאַנאַדע און האָבן דאָרטן זיכער געהערט וועגן די גוטע אויפֿ־טוען פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־שול. אָבער זיי האָבן מיר אַגבֿ געעצהט, אַז איך זאָל „אויסדרייען דעם דישעל״ און צוריקפֿאָרן קיין ניו־יאָרק, וואו איך וועל האָבן בעסערע מעגלעכקײַטן זיך „אַרויפֿצואַרבעטן״... פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זייער עצה ניט אָנגענומען... טאַקע, וואו איז פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט?

אָנגעקומען קיין וויניפּעג בין איך „לייבאָר־דעי״ פֿאַרנאַכט. אויף דער פּלאַטפֿאָרמע האָט מיך באַגעגנט חבֿר טשערניאַק. ער האָט זיך מיט מיר דערפֿרייט און מיר געזאָגט, אַז אונטן וואַרטן אויף מיר די אַקטיוויסטע מיטגלידער פֿון דער שול־פֿאַרוואַלטונג. אונטן אין וואָקזאַל האָבן מיך מקבל־פּנים געווען אַ 15 חבֿרות און חבֿרים. מיר זײַנען אַלע גלײַך צוגעפֿאָרן צו ד״ר פּערלמאַן (אויך אַ מיטגליד אין דער שול־פֿאַרוואַלטונג) אין הויז אַרײַן, וואו ס׳איז געווען געגרייט אַ טיש מכל־טובֿ. מיר האָבן זיך באַקענט און געשמועסט עטלעכע שעה צײַט.

דאָס שוליאָר האָט זיך אָנגעהויבן מזלדיק. דער רעדאַקטאָר פֿון „דאָס ייִדישע וואָרט״, מאַרק זעלטשען, האָט אין דער צײַטונג באַגריסט

די כסדרדיקע פֿאַרזוכן פֿון דער פּרץ־שול אַרײַנצוברענגען פֿאַר־בעסערונגען אין די לימודים. די רעגיסטראַציע פֿון תּלמידים האָט אָנגע־הויבן צו שמײַגן, און מיר זײַנען באַלד געשטאַנען פּנים־אל־פּנים פֿאַר דער פּראָבלעם אָנצושטעלן נאָך לערערס אין שול. אָבער וואו נעמט מען קאַנדידאַטן? וועלכער לערער וואָלט וועלן פֿאַרלאָזן ניו־יאָרק און זיך באַזעצן אַזוי ווײַט פֿון „צענטער"? ווינניפּעג גופֿא האָט נאָך דעמאָלט ניט פֿאַרמאָגט קײַן קאַנדידאַטן אויף לערער־שטעלעס אין ייִדיש־וועלטלעכע שולן.

גליקלעכערווײַז האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו קריגן אַ פֿעיִקע לערערין פֿון טאָראָנטאָ, רבֿקה קאַן, וועלכע האָט צוזאַמען מיט מיר גראַדואירט פֿון ייִדישן לערער־סעמינאַר. זי האָט געהאַט לערערישע דערפֿאַרונג דורך געבן פּריוואַטע לעקציעס. אויך האָט זי געהאַט גע־אַרבעט עטלעכע סעזאָנען אין קעמפּ „בויבעריק", אונטער דער השגחה פֿונם באַרימטן דערציִער לייבוש לעהרער, וועלכער איז אין סעמינאַר געווען אונדזער לערער פֿון „קינדער־פּסיכאָלאָגיע" און „געשיכטע פֿון דערציאונג".

אויפֿן צווייטן לערן־יאָר איז מיר געלונגען צו־צוציִען צו דער שול נאָך צוויי אינטעליגענטע יונגעלײַט: משה קאַנטאָר און מאָריס שאָר. אויפֿן דריטן יאָר האָבן מיר אויך אָנגעשטעלט דעם לערער פאליק זאַלף, וועלכער האָט מיט זיך געבראַכט לערערישע דערפֿאַרונג פֿון די ייִדישע שולן אין פּוילן. אויך האָב איך צוגעגרייט צוויי פֿעיִקע תּלמידים פֿון אונ־דזער נײַער מיטלשול (און פֿון לעצטן יאָר „הײַסקול"): אליהו כאַזאַנאָוו און נחמה געמעריל, אויף צו לערנען מיט אָנפֿאַנגער־קלאַסן. אין די אַלע פֿאַלן פֿלעג איך זיך פֿריער באַראַטן מיטן דערציאונגס־קאָמיטעט, וועל־כער האָט מיך כסדר דערמוטיקט אין מײַנע פּלענער אָוועקצושטעלן די שול־אַרבעט אויף געזונטע יסודות.

דאָס ערשטע יאָר איז פֿאַר מיר געווען אַ שווער יאָר. די שול, וואָס אמת איז, איז אין מײַנע אויגן געווען פֿול מיט „פּראָבלעמען". איך וועל זיך אויף זיי אומדירעקט אָפּשטעלן בקיצור. די שול האָט באַלד פֿון לכתּ־חילה־אָן געפֿאָדערט מײַן פֿולע קאָאָפּעראַציע מצד דער שול־פֿאַר־וואַלטונג: אמת, די עלטערן פֿון די תּלמידים האָבן געהאַט צוטרוי, אַז די שול געפֿינט זיך אין גוטע הענט. אָבער איך גופֿא בין געווען פֿול מיט ספֿיקות, צי איך טו די ריכטיקע אַרבעט. איין ליכטיקער פּונקט האָט גע־מוטיקט און געראַטעוועט די לאַגע: די מערסטע תּלמידים האָבן מיט זיך

מיטגעבראַכט פֿון דער היים דאָס געֿרעדטע ייִדישע לשון און די פֿײַנסטע באַציאונג צו דער שול.

כדי ווי־עס־איז צו באַזײַטיקן די „פּראָבלעמען", וואָס פֿלעגן מיך באַאומרואיקן, האָב איך זיך געשטעלט דרײַ וויכטיקע אויפֿגאַבעס:

1) צוזאַמענשטעלן ווי ווײַט מעגלעך אַ געַנוי קוריקולום, וואָס זאָל פֿריער פֿון אַלץ באַזײַטיקן געזעלשאַפֿטלעכע חשדים אין צופֿיל „ייִדישיזם", אָדער אין צופֿיל „גלות־נאַציאָנאַליזם", וכדומה; הגם בנוגע דער אידעאָלאָגישער ריכטונג פֿון שול זײַנען דעמאָלט ניט געווען מער קיין גרויסע חילוקי־דעות — די שול איז שוין אַלט געווען העכער צען יאָר. דאָס קוריקולום האָט מער ווי אַלץ געדאַרפֿט דינען ווי אַ מורה־דרך פֿאַרן לערער אין קלאַס: וואָס צו לערנען? און וויפֿל? וואָס זאָל זײַן דער מינימאַלער סכום ידיעות פֿון יעדן קלאַס באַזונדער? דער ענד־ציל: צו דערגרייכן וואָס־בעסערע רעזולטאַטן אין די לימודים.

2) וואָס־פֿריער צו פֿאָרמירן אַ נוקלעאוס פֿון אַ גראַדואיר־קלאַס פֿון די בעסערע תּלמידים, מיט אַ העכערער אינטעליגענץ, וואָס גייען שוין אין „הײַסקול". דאָס וואָלט געווען אַ געהעריקער שריט אויף אײַנצו־פֿירן אין שול די אינסטיטוציע פֿון יערלעכע גראַדואירונגען ווי אַ וויכ־טיקן באַשטאַנד־טייל פֿון דער שול־אַרבעט. וועלן זיך די קינדער ניט צעלויפֿן פֿון שול פֿאַר דער צײַט. און פֿון די יערלעכע גראַדואירטע וועט צוזאַמענגעשטעלט ווערן אַ רעגולערע מיטלשול אויף ממשיך צו זײַן די לימודים אויף נאָך עטלעכע יאָר.

3) אײַנצופֿירן אין שול אויסערקלאַס־אַקטיוויטעטן — אָרגאַניזירן קינדער־קלובן פֿון די תּלמידים (לויטן עלטער און דער אינדיווידועלער אינטעליגענץ) פֿאַר זעלבסטשטענדיקער אַרבעט, ווי: שמועסן אויף געזעלשאַפֿטלעכע טעמעס, דיסקוסיעס, פֿאַרלעזונגען און דעקלאַ־מאַציעס — אונטער דער השגחה פֿונם לערער.

יאָ, עס איז אינגיכן אײַנגעשטעלט געוואָרן מער־ווייניק אַ סיסטע־מאַטישער סדר־לימודים אין אַלע קלאַסן. ס'איז פֿאָרמירט געוואָרן אַ גראַדואיר־קלאַס, און סוף מאַי, 1925, איז געפֿײַערט געוואָרן אין אַ גרויסן טעאַטער־זאַל די ערשטע גראַדואירונג פֿון דער פּרץ־שול (ווי עס ווערט געַנוי איבערגעגעבן אין אַן אַנדער אַרטיקל אין בוך).

אַגבֿ, די אײַנדרוקספֿולע גראַדואירונג בײַטאָג און דער באַנקעט יענעם אָוונט האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ גרויסאַרטיקן יום־טובֿ פֿאַר דער ייִדיש־וועלטלעכער שול. באַלד נאָך דער גראַדואירונג איז גע־

גרינדעט געוואָרן די דרײַ־יאָריקע מיטלשול אויף ממשיך צו זײַן און פאָרטיפֿערן די ייִדישע לימודים. דאָס אַלץ האָט געהאָלפֿן געווינען אָנערקענונג פֿאַר דער ייִדיש־וועלטלעכער דערציִאונג אין דער ייִדישער קהילה.

בײַ דער לעצטער שול־זיצונג פֿון מײַן ערשטן לערן־יאָר האָט מען מיך, ווי אַן איבערראַשונג, דערקלערט ווי דעם „פּרינציפּאַל" פֿון שול (אין משך פֿון גאַנצן יאָר איז מײַן טיטל געווען „הויפּט־לערער"). לויט ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבן, איז דאָס געווען חבֿר טשערניאַקס באַמיאונג, אַז מ'זאָל מיר צוטיילן די פֿאַרדינטע אָנערקענונג. אַזוי איז ער, אין אַ געוויסער מאָס, געווען מײַן „אינספּיראַציע" די גאַנצע פֿיר יאָר צײַט, וואָס איך בין געווען אין וויניפּעג, פֿון 1924 ביז 1928.

ס'איז כדאי צו וויסן

(פּריוואַטע פּעדאַגאָגישע אַרבעט)

אין וויניפּעג איז אין יענע יאָרן (1925־1928) געווען אַ היפּשע צאָל יונג־וואַרג, בחורים און מיידלעך, נישט־לאַנג־צוריק געקומענע פֿון פֿאַרשיידענע ערטער אין מזרח־אייראָפּע. זיי זײַנען געווען באַשעפֿטיקט בײַ אַלערליי אַרבעטן. אין זייער פֿרײַער צײַט פֿלעגן זיי זיך אַרײַנכאַפּן אין דער ייִדישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק און דאָרטן אַרײַנקוקן אין אַ צײַטונג אָדער אין אַ בוך.

מיט דער צײַט איז זייערס אַ דעלעגאַציע געקומען צו מיר מיט אַ בקשה, איך זאָל מיט זיי לערנען צוויי מאָל אַ וואָך: ייִדישע געשיכטע און ליטעראַטור (פֿאַרשטייט זיך פֿרײַ, אָן באַלוינונג). איך האָב גערן אָנגענומען זייער פֿאַרלאַנג. און ווי פֿאַרנומען איך בין ניט געווען מיט די פֿאַרשיידענע שול־אַקטיוויטעטן, האָב איך געפֿונען צײַט פֿאַר זיי: זונטיק, שפּעט נאָכמיטאָג, און אַן אָוונט אין מיטן וואָך.

איך בין געווען זייער צופֿרידן, וואָס זיי האָבן אָנגעקוואָלן פֿון מײַן „תּורה". אויך מײַן שול־פֿאַרוואַלטונג האָט עס באַטראַכט פֿאַר זייער אַ פֿײַנעם שריט פֿון מײַן זײַט.

אויך האָט דער מוטער־פֿאַריין, די מערסטע פֿון זיי: מאַמעס פֿון די תּלמידים אין מיטלשול, מיך געבעטן, איך זאָל זיי געבן דעם זעלבן קורס „ייִדישע ליטעראַטור", וואָס איך לערן מיט זייערע קינדער אין מיטלשול. דאָס איז מיר געפֿעלן פֿון אַ ריין־דערציִערישן שטאַנדפּונקט: זאָל זײַן עפּעס שותּפֿותדיקס אין גײַסטיקן זין צווישן עלטערן און קינדער.

האָב איך געפֿונען איין נאָכמיטאָג אין מיטן וואָך, ווען איך בין ניט געווען שטאַרק פֿאַרנומען, און האָב מיט זיי געלערנט. זייערע קינדער פֿלעגן זיך פֿאַר מיר דערנאָך באַרימען, אַז זיי האָבן נעכטן אָוונט, נאָך דער וועטשערע, גע־

לייענט מיט דער מאַמען די זעלביקע דערציילונגען און פּאָעמעס פֿון פּרצן, שלום אַשן, אַבֿרהם רייזענען, ש. פֿרוגן און אַנדערע, וואָס זיי האָבן געלייענט אין קלאַס.

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז איך פֿלעג דערפֿון האָבן אמתן נחת־רוח און פֿאַרגעניגן: איך האָב אײַנגעזען, אַז איך פּטר ניט קיין צײַט און כ׳גיי אויפֿן ריכטיקן וועג ווי אַ ייִדישער מחנך.

ג) די ערשטע סיום־פֿײַערונג פֿון דער י. ל. פּרץ־שול

(בן־חיים — „דאָס ייִדישע וואָרט״, יוני 5 1925)

די ערשטע עפֿנטלעכע סיום־פֿײַערונג פֿון דער י. ל. פּרץ־שול, דורכגעפֿירט דעם לעצטן זונטיק אין זאַל פֿון „פּלעהיהאַוז״, איז געווען אַ שיינע דעמאָנסטראַציע פֿאַר דער נײַער ייִדישער שול. אויב די דאָזיקע פֿײַערונג האָט געקענט צוזאַמענברענגען אַזאַ שיינעם עולם, איז עס נאָר דערפֿאַר, וואָס דער פּרץ־שול איז שוין געהאַט געלונגען צו גרופּירן אַרום זיך גאָר אַ גרויסן טייל פֿון דער היגער ייִדישער באַפֿעלקערונג. דער גאַנצער עולם, פֿון אַרום 500 מענטשן, וואָס האָט אָנגעפֿילט דעם גרויסן טעאַטער־זאַל, האָט זיך געפֿילט זייער יום־טובֿדיק. פּנימער האָבן געשטראַלט פֿאַר גרויס נחת און אויגן האָבן געפֿינקלט מיט פֿײַערלעך פֿון אינערלעכער פֿרייד און אמת־באַגײַסטערטער שׂמחה.

באַלד לכתחילה איז דער ייִדיש־ראַדיקאַלער עולם געקומען צו דער פֿײַערונג באַזונדערס יום־טובֿדיק. שוין בײַם אַרײַנגאַנג האָבן זיך חבֿרים באַגעגנט מיט שׂמחה־אויסרופֿן, מ׳האָט זיך פֿריילעך געדריקט די הענט, זיך אָפּגעגעבן „מזל־טובֿ!״, ווײַל ניט קיין קאָנצערט אין געוויינטלעכן זין איז דאָס געווען, נאָר אַ יום־טובֿדיקער צונויפֿקום פֿון חבֿרים, וואָס אַרבעטן בשותּפֿות אַרום אַ שיינעם אידעאַל. דאָס איז די ייִדיש־ראַדיקאַלע משפּחה פֿון וויניפּעג זיך געקומען משׂמח זײַן, כּדי צו שעפּן נחת פֿון דער 11־יאָריקער דערציאונגס־אַרבעט, וואָס זי פֿירט־אָן אויף דער היגער ייִדישער גאַס מיט אַזוי פֿיל איבערגעגעבנקייט, מיט אַזוי פֿיל אָנשטרענגונג. פֿיל פֿון זיי האָבן אַ סך פֿון זייער ענערגיע אָוועקגעגעבן פֿאַר דער דאָזיקער פּרץ־שול, זינט זי איז געגרינדעט געוואָרן. אַלע ווייסן, וויפֿל שווערע קרבנות דער אויפֿבוי פֿון דער שול האָט דעם ייִדיש־אינטעליגענטן עולם אָפּגעקאָסט. נאָך הײַנט־צו־טאָג אַפֿילו הערט די שול ניט אויף צו מאָנען חובֿות פֿון די, בײַ וועמען ס׳איז טײַער דער

געדאַנק פֿון דער נײַער ייִדישער דערציאונג. אָבער קיינע אומעטיקע זכרונות וועגן דער לאַנג־יאָריקער שווערער אַרבעט האָבן ניט פֿאַרטונקלט די פֿרייד פֿונם יום־טובֿ. בײַ דער פּײַערונג האָט זיך גיכער געקענט מערקן די שׂמחה פֿון „שנײַדן מיט געזאַנג דאָס, וואָס מ׳האָט פֿאַרזייט מיט טרערן״. אָט מיט דעם געפֿיל איז מען געקומען צום גרויסן שול־יום־טובֿ.

און קיינער האָט זיך ניט אָפּגענאַרט. צום ביסל באַגײַסטערונג, וואָס דער פֿאַרזאַמלטער עולם האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, איז באַלד צוגעקומען דער גרויסער פֿאַרגעניגן, וואָס דער רײַכער, שיינער קאָנצערט האָט געקענט פֿאַרשאַפֿן יעדן מענטשן מיט געשמאַק פֿאַר שיינקייט און ליבע צו די שול־דערגרייכונגען. פֿון אָנהייב ביזן סוף האָט אין זאַל געהערשט אַן אמת־האַרציקע שטימונג. דאָס אויג איז אויף קיין איין רגע ניט מיד געוואָרן פֿון קוקן אויף דער פּלאַטפֿאָרמע און זיך קוויקן מיט דער שיינקייט, וואָס יעדער נומער פֿון פּראָגראַם האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט. אַלע וואָלטן באַשטאַנען צו זיצן דאָ אין זאַל וואָס לענגער און האָבן דעם אמת־גײַסטיקן פֿאַרגעניגן, וואָס נאָר אַזאַ יום־טובֿדיקייט קען פֿאַרשאַפֿן דעם מענטשן, וואָס זוכט עפּעס שענערס אין לעבן.

פֿריער פֿון אַלץ וועגן דעם „סאָוועניר״, וואָס איז דערשינען לכּבֿוד דער גראַדואירונג. ער האָט פֿאַרן גרויסן עולם מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ „שׂמחה בתוך שׂמחה״. אַ קלייניקייט? — אַ זשורנאַל פֿון 68 זײַטן! און אַזוי שיין, ממש קינסטלעריש, אַרויסגעגעבן. און כמעט אינגאַנצן אָנגעפּיקעוועט מיט קינדער־שאַפֿונגען.

האָט מען טאַקע די זשורנאַלן צעכאַפּט תּיכף בײַ דער טיר. מיט גרויס נײַגעריקייט האָט מען זיך גענומען דעם זשורנאַל בלעטערן. דער עולם נוצט נאָך אויס די לעצטע מינוטן פֿאַרן קאָנצערט זיך צו באַקענען מיטן אינהאַלט. ס׳איז צו באַמערקן אויסדרוקן פֿון באַוואונדערונג אויף אַלעמענס פּנימער. עפּעס ווערט מען באַהערשט פֿון אַ מאָדנעם געפֿיל: אַזעלכע אַרבעטן! „וואָלטן מיר, דערוואַקסענע, דען פֿעיִק געווען אַלעמאָל אַזעלכע ערנסטע זאַכן אָנצושרײַבן?״ ווײַל וואָס איז אינעם זשורנאַל נישטאָ? אָנגעהויבן פֿון די זעלטענע קינדער־שאַפֿונגען, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ די פֿרישקייט פֿון די קינדערשע נשמהלעך, און ענדיקנדיק מיט ערנסטע אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור, געשיכטע און סאָציאַלע פֿראַגעס, וואָס ווײַזן אַרויס בקיאות און אינטעליגענץ. — אויף אַלע אַרבעטן ליגט דער חותם פֿון דער נײַער שול.

אָבער דער עולם קען זיך לאַנג ניט קוויקן מיט די גײַסטיקע פֿאַרגעניגנס, וואָס דער זשורנאַל פֿאַרשאַפֿט אים. באַלד הייבט זיך אָן דער קאָנצערט און אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקײַט איז שוין געווענדט צו דער בינע.

די גאַנצע פּראָגראַם פֿונם קאָנצערט איז דורכגעפֿירט געוואָרן פֿון די שול־קינדער. קיינע פּראָפֿעסיאָנעלע טאַלאַנטן! בלויז שול־קינדער, און בלויז אַזעלכע נומערן, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר די טאָג־טעגלעכע אַרבעטן פֿון שול. און דאָך ווי גראַציעז, ווי עלעגאַנט, ווי וואונדער־באַר־שיין אַלץ איז דורכגעפֿירט געוואָרן! ס׳איז ממש געווען אַנטציקט צו ווערן פֿון דער שיינקײַט, וואָס יעדער נומער האָט אַרויסגעבראַכט. אַלץ איז דורכגעפֿירט געוואָרן טאַקטיש, ריטמיש, אַז מ׳האָט צײַטנווײַז פֿאַרגעסן, אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט קינדער, וואָס גיבן אַוועק זייער צײַט אויף פֿיל ערנסטע לימודים, און דערפֿאַר אַזאַ פֿריידיקער „אַפּלאָז" נאָך יעדן נומער!

געעפֿנט האָט זיך דער קאָנצערט מיטן שול־כאָר, וועלכער איז גוט באַקאַנט דער שטאָט. ער איז שוין בײַ פֿיל געלעגנהײַטן אויפֿגעטראָטן און ס׳איז איבעריק צו דערמאָנען, וואָסער גוטן אײַנדרוק ער לאָזט איבער יעדעס מאָל אויף די צוהערער. ממש ס׳איז צו שטוינען, ווי מ׳קען פֿון קינדער־שטיפֿער צוזאַמענשטעלן אַזאַ מוסטערהאַפֿטן כאָר! ער איז אַן אמתע צירונג פֿאַר דער שול! דער דערפֿאָלג פֿונם כאָר איז אָן־ספֿק צו פֿאַרדאַנקען דעם מוזיק־לערער, וועלכער איז אַ מײַסטער אויף זײַן געביט. אין אַלע לידער, וואָס די קינדער זינגען, מערקט זיך די ליבע, די איבערגעגעבנקײַט, און די מוזיקאַלישע נשמה פֿונם לערער און דיריגענט ח׳ בראָנשטיין.

אַחוץ דעם קינדערשן „אינטערנאַציאָנאַל" און דעם „פּרץ־שול מאַרש" האָט דער כאָר געזונגען אַ רײַע קלאַסישע לידער, וואָס האָבן בײַם עולם זייער אויסגענומען. דערנאָך זײַנען געווען עטלעכע נומערן גימנאַסטישע איבונגען, פֿריִער פֿון ייִנגלעך און דערנאָך פֿון מיידלעך. ביידערליי איבונגען זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן זייער שיין. דער עולם, באַזונדערס דער קינדערישער עולם, האָט ניט אויפֿגעהערט צו אַפּלאָ־דירן אונדזערע „אַטלעטן". בכלל האָט זיך געלאָזט פֿילן, אַז אונדזערע קינדער טויגן זיך זייער גוט אויס אויך צו פֿיזישע איבונגען.

עס זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן זייער שיין עטלעכע נומערן טענץ. די לערערין, מיס בייקער, אַ געוועזענע תלמידה פֿון דער פּרץ־שול,



האָט אַרויסגעוויזן גוטע פֿעיִקײַטן ווי אַ טאַנץ־לערערין. די טענץ זײַנען געווען זייער גראַציעז און געשיקט.

גאָר געראָטן איז געווען דער איינאַקטער „אַ דין־תּורה מיטן ווינט״ (פֿון פּרצעס „דרײַ ברייטלעך״). די גראַדואירטע קינדער האָבן זיך דערין באַטייליקט און האָבן אים דורכגעפֿירט זייער געלונגען.

אַ זעלטן־גוטן אײַנדרוק האָט געמאַכט אויפֿן עולם דאָס בילד פֿון די פֿאַרשיידענע שול־סעקציעס. אַט הייבט זיך אויף דער פֿאָרהאַנג, און אויף דער בינע זײַנען אויסגעזעצט פֿאַרשיידענע גרופּעס קינדער, וואָס טוען כּלערליי אַרבעטן. דאָ זיצן קינדער און נייען, דאָ שטריקט מען, דאָ העפֿט מען, דאָ פֿלעכט מען קאָשעקלעך, און דאָ אין ווינקל שטייט אַ גרופּע בײַ דער דרוקערײַ און „קלאַפּט״ דעם שול־זשורנאַל: „די קערנדלעך״.

שווער געווען אײַנצושטילן דעם אַפּלאָדירנדיקן עולם. אַזוי באַגײַס־טערט איז מען געווען פֿון דעם בילד, וואָס האָט באַוויזן, וואָסערע וויכ־טיקע דערציִאונגס־אַרבעטן עס ווערן אין דער פּרץ־שול דורכגעפֿירט אויסערהאַלב פֿון די קלאַסן. מחמת דאָ, אין די פֿאַרשיידענע סעקציעס, געוויינען זיך די קינדער, ווי יונג זיי זײַנען, צו אַרבעטן און הנאה האָבן פֿון דער אַרבעט.

עס זײַנען אויך געלייענט געוואָרן 2 זייער געלונגענע שריפֿטלעכע רעפֿעראַטן פֿון גראַדואירטע קינדער. איינער וועגן „די באַשאַפֿער פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור״ און דער צווייטער וועגן דער „אַרבעטער־פֿראַגע״.

דער פֿאַרזיצער פֿון שול, ח׳ טשערניאַק, האָט געהאַלטן אַ וואַרעמע רעדע וועגן דעם וואוקס פֿון דער שול־באַוועגונג איבערן לאַנד. דער־נאָך איז דאָס וואָרט איבערגעגעבן געוואָרן דעם חשובֿן גאַסט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, וועמענס פּערזענלעכקײַט האָט דעם יום־טובֿ צוגעגעבן נאָך מער פֿײַערלעכקײַט. נאָך לאַנגע, הילכיקע אָוואַציעס פֿונם גאַנצן עולם האָט ענדלעך איבערן זאַל געגומען קלינגען די זיכערע, פֿעסטע, שטים פֿון אונדזער גרויסן לערער. דער וועטעראַן פֿונם ייִדישן שול־גע־דאַנק שטייט און ווייסט ניט וועמען פֿריער צו באַגריסן: צי די בעלי־שׂמחה, די 14 קינדער, וואָס גראַדואירן; צי די עלטערן פֿון די קינדער; אָדער די שולטוער; צי דעם גרויסן עולם; צי גאָר זיך אַליין, וואָס ער האָט נאָך דערלעבט צו זען די ערשטע פּרוכטן פֿון זײַן 20־יאָריקער אומדערמידלעכער אַרבעט אינם קאַמף פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך!

גערעדט האָט דער „רבי" מיט דער זעלביקער מוטיקער שטים, מיט וועלכער ער רעדט שוין צום ייִדיש־ראַדיקאַלן עולם יאָרן און יאָרן. נאָר דאָס מאָל רעדט ער מיט מער טריאומף ווי תמיד. ער רעדט און שפּיגלט זיך כסדר אין די 14 גראַדואירנדיקע קינדער, וועלכע זיצן אַנטקעגן אים. ווער ווייסט, וואָסערע זכרונות דעם רבין קומען דעמאָלט אויפֿן געדאַנק? זײַנען עס ניט קיין זכרונות פֿון יענע צײַטן, ווען דער געדאַנק וועגן אַ ייִדישער שול איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַזוי פֿיל קעגנערשאַפֿט פֿון אַלע זײַטן, פֿון רעכטס און פֿון לינקס?!...

אָבער איצטער האָט ער דאָך געזיגט! ווײַל וויניפּעג איז אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דעם, וואָס עס קומט איצטער פֿאָר איבערן גאַנצן לאַנד. אומעטום האַלטן זיך אין גרינדן ייִדישע שולן, און די אַסימילאַציע ליגט שוין ווי געבונדן, זי לאָזט פֿון זיך אַרויס דעם לעצטן אָטעם־צוג... דער „רבי" זעט פֿאַר זיך די פֿאַרווירקלעכונג פֿון יענעם שיינעם חלום, וואָס דער ייִדישער שול־געדאַנק איז פֿאַר אים געווען אַלעמאָל.

נאָך דער גײַסטרײַכער, מוטיקער רעדע, וועלכע איז פֿונם גאַנצן עולם אין זאַל אויסגעהערט געוואָרן מיט דער גרעסטער חשיבֿות, טרעט מען צו צו דער גראַדואירונגס־צערעמאָניע. דער הויפּט־לערער פֿון שול, ח׳ הערשטיין, לאָזט וויסן, אַז 14 תלמידים און תלמידות גראַדואירן און גיט איבער דעם חשובֿן גאַסט, ד״ר חיים זשיטלאָווסקין, דעם כּבֿוד פֿון אויסטיילן צו די גראַדואירנדיקע די כּשר־פֿאַרדינטע דיפּלאָמען. די אויסטיילונג פֿון די דיפּלאָמען קומט פֿאָר אויף זייער אַן אימפּאָזאַנטן אופֿן. ווען אַלע גראַדואירטע האָבן שוין געקראָגן זייערע דיפּלאָמען, דערמאָנט זיי ד״ר זשיטלאָווסקי, אַז פֿון־איצטער־אָן דאַרפֿן זיי זײַן נאָך מער צוגעבונדן צו דער שול, און ווינטשט זיי הצלחה אין זייער ווײַטערדיקן לערנען.

דערמיט ענדיקט זיך די שיינע פֿײַערונג, און דער עולם, אַ צופֿרידענער, אַ באַגײַסטערטער, פֿאַרלאָזט דעם זאַל אין זייער אַ געהויבענער שטימונג, און גייט אַוועק מיט אַ באַזונדערער צופֿרידנקײַט, וואָס בלויז אַזעלכע שׂמחות קענען איבערלאָזן אויף יעדן איינעם מיט איידעלע מענטשלעכע געפֿילן. אַגבֿ, איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז די גאַנצע צײַט האָבן זיך אין זאַל געפֿונען אַ סך קינדערלעך. אָבער זיי האָבן זיך פֿאַרהאַלטן זייער רואיק, ווי אויך זיי וואָלטן דורכגעלעבט די ערנסטע יום־טובֿדיקײַט פֿון דער פֿײַערונג. זיי זײַנען געזעסן מיטן

ערשטער גראַדויִר קלאַס — 1925

פֿולסטן רעספּעקט אויף זייערע פלעצער און האָבן אויפֿגענומען מיט גרויס אינטערעס יעדן נומער פֿון „זייערע" חבֿרים־טאַלאַנטן.

עס איז אויך געווען אין זאַל אַ גרויסע צאָל קינדער פֿון דער אַרבעטער־רינג שול, וועלכע זײַנען ספּעציעל פֿאַרבעטן געוואָרן צום יום־טובֿ. אויך זיי האָבן זיך געפֿילט יום־טובֿדיק. דאָס קליינוואַרג האָט, הפּנים, דערפֿילט זייער קרובֿהשאַפֿט מיט די קינדער פֿון דער פּרץ־שול, ניט־קוקנדיק, וואָס זיי לערנען ניט אונטער איין דאַך...

דאָס איז אַלץ וועגן דער פֿײַערונג בײַטאָג אין „פּלעיהאַוז". עטלעכע שעה שפּעטער האָט זיך די בעל־שׂמחהדיקע פּרץ־משפּחה ווידער באַגעגנט אין זאַל פֿון שול, כּדי דאָ, אין דער אייגענער היים, צו פֿאַרענדיקן די שׂמחה פֿון טאָג.

אויב מ׳קען זאָגן, אַז בײַטאָג האָט זיך אין „פּלעהיהאַוז" געלאָזט פֿילן אַ האַרציקייט, איז שוין פֿאַר דער שטימונג פֿון אָוונט אין שול אינגאַנצן קיין נאָמען ניטאָ. ווײַל ניט קיין געוויינטלעכער באַנקעט איז דאָס געווען, נאָר אַ מין גײַסטיקע פֿאַרווײלונג, וואו אַלע האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין גרויסער פֿרייד, ניט געווען קיין סימן פֿון יענער אָנגעצויגענער שטימונג — מעג עס אַפֿילו זײַן אַ פֿריילעכע שטימונג —, וואָס הערשט געוויינטלעך אויף באַנקעטן, נאָר אַ פֿרײַער געמיט, אויסגעמישט מיט ענטוזיאַסטישער פֿרייד. די באַגריסונגען פֿון די פֿאַרשיידענע קערפּערשאַפֿטן זײַנען געווען ממש פּאָעטישע השתּפּכות־הנפֿשן פֿון מענטשן, בײַ וועמען דער שול־אידעאַל איז אַן אָרגאַנישער טייל פֿון זייער לעבן. אָט באַגריסט אַ פֿאָרשטייער פֿון דער פּרץ־שול־עקזעקוטיוו, ניט דערמאָנענדיק מיט קיין וואָרט וועגן יענער מסירות־נפֿשדיקער אַרבעט, וואָס די שולטוער הערן ניט אויף אָוועקצוגעבן פֿאַר דער שול. אַלע שווערע מאָמענטן, קריזיסן, ווערן פֿאַרגעסן אינם שטראָם פֿון פֿרייד, וואָס אַלע לעבן הײַנט דורך. נאָר צופֿרידנקײַט פֿון די שוין־דערגרייכטע רעזולטאַטן און פֿעסטער גלויבן אויף נאָך גרעסערע דערגרייכונגען — אָט־דאָס פֿילט־אָן אַלעמענס הערצער.

אַ מוטער באַגריסט אינם נאָמען פֿון מוטער־פֿאַריין מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט, מיט אַזוי פֿיל צערטלעכקייט, כאָטש לאָזט זי אויסקושן יעדעס קינד באַזונדער. אָט דער טאָן פֿון ליבשאַפֿט, האַרציקייט, נשמהדיקייט, מוט, גלויבן, האָפֿענונג, לאָזט זיך הערן פֿון אַלע איבעריקע באַגריסער, דער אין נאָמען פֿון נאַציאָנאַלן־אַרבעטער פֿאַרבאַנד, דער אין נאָמען פֿון

די פּוע״צ, און דער אין נאָמען פֿון די לערער, און אַזוי ווײַטער און ווײַטער.

אַלע זײַנען זיי פֿול מיט האָפֿענונג אויף דער צוקונפֿט. ניטאָ דער מינדסטער שפּור פֿון יענעם „וויינען און קלאָגן״ אויפֿן אונטערגאַנג פֿון ייִדיש אין אַמעריקע, וואָס די אָדער יענע „קלאָגמוטער״ לאָזט פֿון זיך הערן פֿון צײַט צו צײַט אין די פֿאַרשיידענע צײַטונגען...

נאָך אַ גאַנץ שיינער פּראָגראַם מיט מוזיק, געזאַנג, אַ דעקלאַמאַציע און אַ רעפֿעראַט פֿון אַ גראַדואירטן וועגן „ייִדישן מיטלאַלטער״, מעלדעט דער פֿאָרזיצער פֿון שול, ח׳ טשערניאַק, אַז באַגריסונגס־טעלעגראַמען זײַנען דערהאַלטן געוואָרן. זיי ווערן באַלד פֿאַרגעלייענט און דער יום־טובֿדיקער עולם נעמט־אויף די „מזל־טובֿס״ מיט זייער וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן. גאָר באַזונדערס האָט בײַ אַלעמען אַרויסגערופֿן ממש אַ שטורמישע פֿרייד די באַגריסונגס־טעלעגראַם פֿון די לערער פֿון דער היגער אַרבעטער־רינג שול. די טעלעגראַם, דערקענט מען, איז געשריבן טאַקע מיט האַרץ, מיט אמתער לערערישער חבֿרישקײַט. דער לערער, וואָס האָט די ייִדישע שול געמאַכט פֿאַר זײַן לעבנס־אידעאַל, ניט־קוקנדיק אויף די אָפֿטע ערנסטע מאָמענטן, וואָס אַ ייִדישן לערער קומט אויס צײַטנווײַז איבערצולעבן — אָט־דער לערער מוז מיטגעריסן ווערן מיט דער התפּעלות, וואָס אַזאַ יום־טובֿדיקע פֿײַערונג קען אַרויסרופֿן, אַ יום־טובֿ פֿון נחת פֿאַר דער ייִדישער שול־טעטיקײַט!

זייער רירנדיק איז געווען ד״ר זשיטלאָווסקיס פּאַר ווערטער. זײַנע ווערטער האָבן געשפּרודלט מיט פֿיל יוגנטלעכקײַט, מיט פֿיל מונטערקײַט! „איך בין שוין — הייבט ער אָן — פֿאַרמאַטערט פֿון די פֿיל גײַסטיקע איבערלעבונגען פֿון הײַנטיקן טאָג״. ער קען זיך גאָרניט אָפּלויבן פֿון דעם איבערפֿלוס גײַסטיקע פֿאַרגעניגנס, וואָס זײַנע תלמידים האָבן אים אין משך פֿון הײַנטיקן טאָג אַליין פֿאַרשאַפֿט.

דער „טיש״ האָט זיך געענדיקט אַרום 11 בײַנאַכט. דער עולם, מיד פֿון די איבערלעבענישן אין משך פֿון גאַנצן טאָג, האָט פֿונדעסטוועגן ניט געוואָלט אַזוי גיך אַוועק פֿון דער יום־טובֿדיקער אַטמאָספֿער. ווייניק פֿאַראַן אַזעלכע שיינע מאָמענטן אין לעבן!

האָט מען זיך ערשט גענומען אַביסל אַ לעב טאָן. באַזונדערס האָבן זיך דאָ אָנגעזען טאַקע די גראַדואירטע קינדער גופֿא. אָט די ערנסטע, בעת זיי הערן אַ לעקציע וועגן ליטעראַטור, געשיכטע, אָדער פּאָליטישער עקאָנאָמיע א. ד. ג., זײַנען גאַנץ לעבעדיק, ווען מ׳דאַרף אַ הוליע

טאָן. קינדער קיין עין־הרע פֿול מיט לעבן, פֿריילעכקייט. מ׳טאַנצט, מ׳זינגט, מ׳פֿרייט זיך, אָבער אַלץ איז אַזוי אינטעליגענט, באַשיידן. קיין סימן פֿון יענער „גאַסישקייט״, פֿון וועלכער טאַטע־מאַמעס האָבן געגוג צו זינגען און צו זאָגן...

אָט אין אַזעלכע מאָמענטן, קוקנדיק אויפֿן יונגן דור, וואָס אונדזער שול דערציט, פֿילט מען זיך אַזוי גוט, ממש גליקלעך. עפּעס איז דאָך פֿאָרט די ייִדישע שול אַ גרויסער אויפֿטו! עס וואַקסט־אונטער אַ דור, וואָס האָט שלום געמאַכט צווישן לערנען און לעבן, דערבײַ שטאָלץ אויפֿן ייִדישן אָפּשטאַם און באַוואוסטזיניק אויפֿן סאָציאַלן קאַמף, וואָס קומט פֿאָר אין די ראַמען פֿון דער הײַנטיקער געזעלשאַפֿט!

ד) אויפֿן וועג צו דער ייִדישער פֿאָלקשול
(דערקלערונג לכּבֿוד דער דריטער יערלעכער גראַדואירונג)

פֿאַרן באַוואוסטזיניק־ראַדיקאַלן ייִדן דאַרף די הײַנטיקע גראַדואירונג פֿון דער פּרץ־שול זײַן אַן אמתער יום־טובֿ, מחמת עס גראַדואירן איצטער 22 קינדער — אַ נישקשהדיקע צאָל, כּן ירבּו! — וואָס האָבן דורכגעמאַכט סיסטעמאַטיש די לערן־פּראָגראַם פֿון דער זעקס־יאָריקער עלעמענטאַר־שול. זייער אַ וויכטיקע פּאַסירונג פֿאַר דער נײַער ייִדישער שול בכלל און פֿאַר דער וויניפּעגער פּרץ־שול בפֿרט.

יאָרן און יאָרן האָט דער ייִדיש־ראַדיקאַלער עולם זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק וועגן אַ מאָדערנער ייִדיש־וועלטלעכער שול, וואו די ייִדישע קינדער זאָלן קריגן אַ געהעריקע ייִדישע דערציאונג אינם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן גײַסט. 13 יאָר זײַנען אַוועק, זינט דער ראַדיקאַלער עלעמענט פֿון וויניפּעג האָט זיך גענומען פֿאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן חלום. עס איז זיך לײַכט פֿאַרצושטעלן, וואָס פֿאַר אַ שווער שטיקל צײַט דאָס איז געווען: שוועריקײַטן און שטרויכלונגען אויף שריט און טריט. פֿון איין זײַט, די אייגענע אומזיכערקײַט בנוגע די וועגן און מיטלען ווי אַזוי צו דערגרייכן דעם פּעדאַגאָגישן ציל: עס איז נאָך ניט געווען קיין קוריקולום, אָדער אַ גענויער לערן־פּלאַן וועגן די לימודים פֿון אַ ייִדיש־וועלטלעכער שול. חוצדעם זײַנען נאָך ניט געווען קיין פּאַסיקע טעקסט־ביכער און קוואַליפֿיצירטע לערער. דערצו איז מען

נאָך אָפּגעלאַכט און באַקעמפֿט געוואָרן פֿון רעכטס און פֿון לינקס. אָבער די אַלע שטערונגען און מניעות האָבן ניט אָפּגעשוואַכט דעם אומפֿאַר־גלײַכלעכן אידעאַליזם פֿאַר דער נײַער ייִדישער דערציאונג, וואָס די פּיאָנערן פֿון דער פּרץ־שול האָבן אַרויסגעוויזן.

אַוועק זײַנען נאָר 13 יאָר, גאָר אַ קליינער פּעריאָד אין געשיכט־לעכע טערמינען, און די גאַנצע לאַגע האָט זיך געביטן. פֿון אַלע טיילן איבערן לאַנד קומען־אָן כסדר פֿריילעכע ידיעות וועגן דעם וואוקס פֿון דער נײַער ייִדישער שול־באַוועגונג. דער וויניפּעגער ראַדיקאַלער עולם האָט זיך, חלילה, גאָרניט וואָס צו שעמען, בעת ער דאַרף זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פֿון זײַנע אייגענע דערגרייכונגען אויפֿן געביט פֿון דערצי־אונג במשך די דרײַצן יאָר פּרץ־שול.

בײַם איצטיקן מאָמענט פֿאַרמאָגט דער היגער פּרץ־אינסטיטוט די פֿאָלגנדיקע דערציאונגס־אָפּטיילונגען: דעם קינדערגאָרטן, די טאָגשול, די פּרץ־שול נומער 2, די אָוונטשול, און די מיטלשול. סך־הכּל לערנען זיך איצטער אין די פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דער פּרץ־שול אַ 470 קינ־דער. אָבער וויכטיק איז דאָ ניט אַזוי פֿיל דער כּמות ווי דער וואוקס אין איכות. יעדע אָפּטיילונג פֿון שול האָט זיך איר אייגנאַרטיקע פֿיזיאָנאָמיע מיט אירע באַשטימטע צילן.

דער קינדערגאָרטן, אין וועלכן עס לערנען זיך קינדער פֿון 4־6 יאָר אַלט, גיט זיך אויסשליסלעך אָפּ מיט דער ריין־דערציערישער זײַט פֿון די קינדער. עס ווערן דורכגעפֿירט פֿאַרשיידענע שפּילן, דורך וועלכע עס אַנטוויקלט זיך בײַם קינד דער חוש פֿאַר קלאַנגען, פֿאַר קאָלירן, פֿאַר ריטם. עס ווערט געלייגט פֿיל אַכט אויף דער פֿיזישער אַנטוויקלונג און די שפּיל־נייגונגען בײַ קינדער; דורך מעשׂהלעך און געשפּרעכן אַנט־וויקלט מען די קינדערס פֿאַנטאַזיע. אויך זײַנען אין קינדערגאָרטן זייער פֿיל פֿאַרטראָטן פֿאַרשיידענע האַנט־אַרבעטן, ווי: קלעפּן, שניצן, מאָלן, וועלכע אַנטוויקלען בײַ די קינדער די נייגונגען צו קאָנסטרוקציע און זעלבסטשטענדיקן שאַפֿן. מיט איין וואָרט: אינם קינדערגאָרטן ווערט געזאָרגט פֿאַר דער פֿילזײַטיקער אַנטוויקלונג פֿון די קינדער און פֿאַר דער באַרײַכערונג און פֿאַרשענערונג פֿון זייער קינדעריש לעבן. במשך די אַכט יאָר, זינט דער קינדערגאָרטן עקזיסטירט, איז צו באַמערקן אַ כּסדרדיקן וואוקס. בײַ הײַנט־צו־טאָג איז דער קינדערגאָרטן בײַ דער פּרץ־שול אויף זייער אַ שיינער מדרגה, און ער קען זיך פֿאַרגלײַכן מיט די פֿײַנערע מאָדערנע קינדערגאָרטנס בײַ די אומות־העולם.

(ס'איז כדאַי דאָ צו באַמערקן, אַז אין דער וויניפּעגער „פּאַבליק־סקול סיסטעם" עקזיסטירט נאָך אַלץ ניט קיין קינדערגאָרטן. עס הערשט נאָך צווישן יענע דערציִערס אַ חילוקי־דעות בנוגע דעם דערציִערישן ווערט פֿון קינדערגערטנעריַי בכלל. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט זייערס אַ קאָמיסיע באַזוכט אונדזער קינדערגאָרטן און זיך זייער גוט צוגע־קוקט צו די פֿאַרשיידענע אַקטיוויטעטן.)

ווי גאָר אַ גרויסע דערגרייכונג איז צו פֿאַרצייכענען די „טאָגשול". ווען די קינדער ווערן 6 יאָר אַלט, גייען זיי אַריבער פֿון קינדערגאָרטן אין דער טאָגשול, וואו אַ האַלבער טאָג ווערט מיט זיי געלערנט „ענגליש" (לויט דער פּראָגראַם פֿון „פּאַבליק סקול"), און אַ האַלבער טאָג ייִדיש. די „טאָגשול" איז דער בעסטער וועג, וואָס פֿירט צו דער „נאָרמאַלער" ייִדישער שול אין אַמעריקע. די קינדער פֿאַרברענגען אין דער ייִדישער שול דעם גאַנצן טאָג. פֿאַר די ייִדישע לימודים ווערט אָפּגעגעבן זייער פֿיל צײַט, און טאַקע די „נאָרמאַלע" צײַט, ווען די קינ־דער זײַנען נאָך ניט פֿאַרמאַטערט. ביז איצט איז דערווײַל אײַנגעפֿירט בלויז די ערשטע 5 קלאַסן. דערנאָך גייען די קינדער אַריבער אין דער ענגלישער שול. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס כאָטש די קינדער לער־נען בײַ אונדז די ענגלישע לימודים בלויז אַ האַלבן טאָג, פֿונדעסטוועגן קומען זיי שפּעטער אָן אין „פּאַבליק סקול" זייער גוט צוגעגרייט. פֿון זייערע דערגרייכונגען אין די ייִדישע לימודים איז דאָך אָפּגערעדט. ס'איז ממש אַ פֿאַרגעניגן אַרײַנצוקומען אין דער „טאָגשול" און הערן, ווי די יונגע קינדער נוצן אַ שיין־קלינגענדיקן ייִדיש!

די פּרץ־שול נר' 2 איז אַן אָפּטיילונג פֿונם פּרץ־אינסטיטוט אין אַן אַנדערער געגנט. זי איז שוין אָפּן דרײַ יאָר. זי אַנטוויקלט זיך גאָר פֿײַן. די קינדער ווײַזן־אַרויס גוטע רעזולטאַטן אין לערנען. נאָכן פֿערטן יאָר וועלן די קינדער טראַנספֿערירט ווערן אין דער אָוונטשול פֿון פּרץ־אינסטיטוט.

די „אָוונטשול" איז אייגנטלעך די שול, וואָס מיר קענען לעת־עתה געוויינטלעך האָבן אין אַמעריקע און קאַנאַדע. אַ גאַנצן טאָג לערנען די קינדער די וועלטלעכע לימודים אין דער ענגלישער שול. ערשט שפּעט נאָכמיטאָג, אָדער אין אָוונט, קומען זיי צו אונדז דערגאַנצן זייער וויסן ווי קינדער פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמענטשן. עס איז ממש באַגײַסטערט צו ווערן זעענדיק, ווי יעדן פֿאַרנאַכט, נאָך אַ טאָג לערנען אין דער ענגלי־שער שול, לאָזן זיך צו אונדז די ייִדישע קינדער מיט זייערע ביכלעך און

אַנדערע שול־מכשירים אין די הענט. אַזוי־ווי אַט־די יונגע מחנות וואַלטן אויך געפֿילט די גרויסע באַדײַטונג, וואָס די ייִדישע שול האָט פֿאַר זייער פֿולער אַנטוויקלונג. אין דער אָוונטשול פֿאַרברענגען די קינדער געוויינטלעך זעקס יאָר. זיי לערנען זיך אויס ריידן, לייענען און שרײַבן ייִדיש. זיי באַקענען זיך גאַנץ ברייטלעך מיט דער געשיכטע פֿון זייער פֿאָלק. זיי שטודירן די בעסערע מוסטערן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטע־ראַטור. זיי קריגן אַ גוטע צוגרייטונג אין דער העברעישער שפּראַך. זיי באַקענען זיך אין משך פֿון די גאַנצע 6 יאָר מיט אַ גרויסן טייל פֿון די ביבלישע און תלמודישע לעגענדעס, און אין קלאַס 6 הייבן זיי אָן לער־נען (אין אָריגינאַל) טיילן פֿון חומש. חוץ דעם ווערן אין די קלאַסן אָפּט געפֿירט געשפּרעכן, דורך וועלכע מען באַקאַנט די קינדער מיט די וויכ־טיקסטע דערשײַנונגען אינם ייִדישן און אַלגעמיינעם לעבן. עס שטייט פֿאַר אונדז כסדר דער ציל: צו דערציִען די קינדער צו די גרויסע פֿליכטן, וואָס די געשיכטע האָט אויף אונדז, פּראָגרעסיווע ייִדן, אַרויפֿגעלייגט.

די לערן־פּראָגראַם פֿון שול האַלט זיך אין איין אויסברייטערן אין הסכּם מיט דער סיסטעמאַטישקײַט, וואָס ווערט בכלל אײַנגעשטעלט בנוגע די לימודים און די מעטאָדן. ווי אַן אילוסטראַציע איז צו פֿאַר־צייכענען, וואָס בלויז די גראַדואירנדיקע קינדער זײַנען הײַנטיקס יאָר דורכגעאַנגען:

אין ייִדיש האָבן זיי שטודירט: צען דערציילונגען און פּאָעמעס פֿון פּרצן; „מסעות בנימין השלישי״ פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים; טיילן פֿון „טוביה דער מילכיקער״ פֿון שלום־עליכם; פֿון שלום אַש, „קיין אַמע־ריקע״; און אַ צאָל פּאָעמעס פֿון אונדזערע וויכטיקע דיכטער: ש. פֿרוג, א. רייזען, מאַני לייב, און אַנדערע.

אין ייִדישער געשיכטע איז מען דורכגעגאַנגען פֿון „בר־כּוכבֿא־אויפֿשטאַנד״ ביזן „גירוש־שפּאַניע״, אָפּשטעלנדיק זיך אויף די וויכ־טיקסטע געשעענישן און פּערזענלעכקײַטן.

אין „העברעיש״ איז מען דורכגעאַנגען אַ 40 סיפּורים און שירים פֿון „לשון וספֿר״ חלק א׳, מיט די וויכטיקסטע כּללים אין דקדוק.

אויסערדעם זײַנען געשריבן געוואָרן אַ צאָל קאָמפּאָזיציעס אויף ליטעראַרישע און געשיכטלעכע טעמעס, וואָס זײַנען אַנאַליזירט געוואָרן אין קלאַס.

אַגבֿ, די העכערע לימודים פֿאַנגען זיך אָן אין „מיטלשול״, וועלכע

עקזיסטירט ערשט 2 יאָר, און דאָך ווײַזט זי זיך אַרויס פֿאַר אַ גרויסן דערפֿאָלג, ממש אַזוי ווי זי וואָלט געווען דער ריכטיקער אויסגאַנגס־פּונקט פֿון דער גאַנצער דערציִאונגס־אַרבעט פֿון דער עלעמענטאַר־שול. די עקזיסטענץ פֿון דער „מיטלשול" איז וויכטיק פֿון פֿיל שטאַנד־פּונקטן, באַזונדערס דערמיט, וואָס האַלטנדיק די קינדער פֿון יוגנט־לעבן עלטער אַרום דער שול, וועקט עס בײַ זיי אַן אינטערעס אין העכערע לימודים און באַרײַכערט זייער אינטעליגענץ מיט אַלגע־מיינעם און ייִדישן וויסן.

דאָס אַלץ איז אין קורצן אַ סך־הכּל פֿון דעם, וואָס ס'איז הײַנטיקס יאָר געלערנט געוואָרן אין גראַדואיר־קלאַס פֿון דער פּרץ־שול. אָבער די דערגרייכונגען פֿון דער שול בכלל באַשטייען ניט בלויז אין דער אויסברייטערונג פֿון די אַרבעטן אינווייניק אין די קלאַס־צימערן. פֿון ניט־ווינציקער וויכטיקײַט איז די אַרבעט אויסער די קלאַסן. מיר שטרעבן כּסדר דערצו, אַז די קינדער זאָלן זײַן שול־קינדער אין פֿולן זין פֿון וואָרט און זאָלן תּמיד זײַן נאָענט צו אונדז, און עס געלינגט אונדז לעצטנס זייער אַ סך אויפֿן דאָזיקן געביט. די וואָס שטייען נאָענט צו דער שול, קענען באַמערקן די שיינע באַציִאונג פֿון די תּלמידים צו דער שול. מ'קען למשל טרעפֿן קינדער אין שול, אַפֿילו ווען עס גייען ניט אָן די פֿאַרמעלע לימודים. אַזוי זײַנען הײַנטיקן ווינטער געווען טעטיק 5 קלובן פֿון די שול־קינדער: „בלימעלעך", „פֿרײַע ווינטעלעך", „שלום־עליכם", „רייזען", „פּרץ". זיי פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען פֿרײַטיק, שבת, אָדער זונטיק, כּדי אָפּצוהאַלטן די פֿאַרזאַמלונגען. אין די „ייִנגערע" קלובן פֿלעגן דורכגעפֿירט ווערן אויך פֿאַרשיידענע האַנט־אַרבעטן. אין די „גרעסערע" קלובן ווערן מייסטנס דורכגעפֿירט שמועסן, פֿאַר־לעזונגען, דעקלאַמאַציעס, א. ד. ג.

זייער אַן אָנגעזען פּלאַץ פֿאַרנעמט אין אונדזער שול ייִדישע נגינה. די שול־פֿאַרוואַלטונג האָט אָנגעשטעלט פֿאַר דעם צוועק שוין עטלעכע יאָר דעם טאַלאַנטפֿולן מוזיקער ב. בראָנשטיין. אַזוי איז בײַ דער שול אָרועקגעשטעלט געוואָרן אַ שיינער קינדער־כאָר, וואָס באַשיינט אַלע שול־שׂמחות.

עס איז אויך וויכטיק צו דערמאָנען די שול־פֿײַערונגען, וואָס ווערן אָפּט דורכגעפֿירט. מיר האַלטן די דאָזיקע פֿײַערונגען פֿאַר זייער דערציִעריש. מ'דאַרף בײַ יעדער געלעגנהײַט צוגעווינען סײַ די קינדער און סײַ די עלטערן צום געדאַנק, אַז די ייִדישע שול איז פֿאַר זיי אַ פּלאַץ

פֿון גײַסטיקע פֿאַרגעניגנס. בײַ די פֿײַערונגען פֿירן געוויינטלעך די קינ־דער דורך אַ קאָנצערט, און אַ לערער דערקלערט דערבײַ די באַדייטונג פֿון דער פֿײַערונג. דאָס העלפֿט, פֿאַרשטייט־זיך, זייער אַ סך צו דער־נעענטערן די קינדער צו די לערער און במילא אויך צו דער שול.

הײַנטיקס יאָר זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן פֿאָלגנדיקע שול־פֿײַע־רונגען: אַ דערעפֿענונגס־קאָנצערט בײַם אָנהייב פֿון שוליאָר; 4 חנוכה־פֿײַערונגען; 2 יהואָש טרויער־אָוונטן; אַ „דריטער סדר"; אַן אַרויספֿאָר אין דער פּסח־וואָך; ערשטער מאַי.

פֿון גרויס וויכטיקײַט איז די ביבליאָטעק־אַרבעט. דער נאָענטסטער ציל פֿון דער שול איז צו געווינען דאָס ייִדישע קינד פֿאַרן ייִדישן בוך. מוזן מיר צו־געוויינען די קינדער צו וואָס מער ייִדישע ביכער. האָבן מיר דערפֿאַר בײַ דער שול אַ רײַכע קינדער־ביבליאָטעק, און קינדער פֿון פֿאַרשיידענעם עלטער נעמען אָפּט אַרויס ביכער אויף צו לייענען אין דער היים.

מאַכן מיר אַ סך־הכל פֿון אַלע סאָרטן אַרבעטן, וואָס ווערן אָפּגע־טאָן אין איין יאָר בלויז אין איינער פֿון די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין אַמעריקע, זעען מיר אַ גאַנץ אָפּטימיסטיש בילד פֿאַר דער ייִדישער שול־באַוועגונג. די יעניקע, וועלכע זײַנען געשטאַנען בײַם וויגעלע פֿון דער נײַער שול, האָבן זיך געוויס ניט פֿאַרגעשטעלט אַזאַ גיכע אַנטוויקלונג. אויב די אַנטוויקלונג איז דאָך געקומען אַזוי שנעל, איז עס דערפֿאַר, ווײַל די נויטן פֿאַר דער דאַזיקער ייִדישער שול אין אַמעריקע זײַנען אַ נאַטירלעכער טייל פֿון די ספּעציפֿיש־היגע לעבנס־באַדינגונגען. וויל דער ייִד אָנהאַלטן זײַן אייגענעם נאַציאָנאַלן „איך", און וויל ער, אַז זײַנע קינדער זאָלן ניט אָפּגעפֿרעמדט ווערן פֿון זײַן פֿאָלק און פֿון זײַן קלאַס, דאַרף ער זיי שיקן אין אַן אייגענער ייִדישער שול.

די נײַע ייִדישע שול מוז ווערן די ייִדישע פֿאָלקס־שול, וואוהין אַלע שיכטן פֿון פֿאָלק זאָלן שיקן זייערע קינדער. אמת, דערווײַל האַלט עס נאָך ניט דערבײַ. בײַ הײַנט־צו־טאָג טראָגן זיך נאָך גענוג תּלמוד־תּורה ייִדן אַרום מיט חלומות ווידעראַמאָל אויפֿצולעבן דאָס שטרענג־רעלי־גיעזע ייִדנטום. אַנדערע ווידער באַגרײַפֿן נאָך אַלץ ניט די באַדײַטונג פֿון מאָדערנער דערציאונג און ווילן פֿון איין לימוד — ווי די העברעישע שפּראַך — מאַכן דעם גאַנצן אינהאַלט פֿון אַ נאַציאָנאַלער דערציאונגס־אינסטיטוציע. פֿאַרשטייט־זיך, אַז די דאָזיקע מענטשן טוען גאָרניט קיין טובֿה דער נײַער ייִדישער שול. דער ייִדישער מאַסן־מענטש

איז נאָך אַלץ גוטער מאַטעריאַל פֿאַר דער סענטימענטאַלער ראָמאַנטיש־קײַט, וואָס די פֿאַרשטייער פֿון די תלמוד־תורות און פֿון די העברעיס־טישע קרײַזן האַלטן אין איין דרשנען. אָבער עס וועט דאָך ווען־עס־איז קומען דער טאָג, ווען די פֿאָלקס־מאַסן וועלן פֿאַרשטיין און אָפּשאַצן דעם גײַסט פֿון דער נײַער צײַט. דעמאָלט וועלן זיי אײַנזען, אין וואָסער סאָרט דערציאונג זייערע קינדער נייטיקן זיך. און דעמאָלט וועט די נײַע ייִדישע שול ווערן די אמתע ייִדישע פֿאָלקסשול!

לערער־ראָט פֿון דער י. ל. פּרץ־שול,
פּ. הערשטיין, פּרינציפּאַל

(וויניפּעג, 1927)

ה) די גראַדואירונג פֿון דער ערשטער מיטלשול — אין 1928

אין יאָר 1925 האָבן פֿון דער י. ל. פּרץ־שול אין וויניפּעג גראַדו־אירט 14 קינדער. אָן אמתע שׂמחה האָט דעמאָלט געהערשט צווישן דעם היגן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן עולם, אַ שׂמחה צוליב דעם, וואָס ענדלעך איז געפֿונען געוואָרן אַ וועג צו די געפֿילן און געדאַנקען פֿונם היגן ייִדישן קינד: די ייִדיש־וועלטלעכע שול! ווײַל אויב קינדער האָבן געקאָנט לער־נען אין דער ייִדישער שול 6 יאָר צײַט, אײַנלעבן זיך אינם גײַסט וואָס הערשט דאָרט, צוגעוווינען זיך צו דער שפּראַך און די געדאַנקען פֿונם ייִדישן לערער — איז אַ סימן, אַז עפּעס אַ טיפֿער כּוח ליגט אין דער נײַער ייִדישער שול, אַ כּוח וואָס איז ביכולת אויף דעם נײַעם ייִדישן דור אין אַמעריקע און קאַנאַדע צו געווינען פֿאַר די אידעאַלן, וואָס האָבן באַ־פֿרוכפּערט דאָס ייִדישע דענקען אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט און וואָס באַ־לײַכטן אונדזער ווײַטערן וועג אין דער צוקונפֿט. אויב יאָרן און יאָרן האָט דער ייִדיש־ראַדיקאַלער עולם זיך אַרומגעטראָגן מיטן חלום וועגן אַ ייִדיש־וועלטלעכער שול, האָט לעצטנס אָט־דער חלום אָנגעהויבן ווערן אַ ווירקלעכקײַט. וואָס ווײַטער און ווײַטער הייבן־אָן פֿאַרשווינדן פֿון דער ייִדישער שול־אַרבעט די סימנים פֿון צופֿעליקײַטן. עס עטאַב־לירט זיך בײַ אונדז ביסלעכווײַז אַ שול־וועזן, וואָס שטיצט זיך ניט נאָר אויף אַבסטראַקטע „פּרינציפּן", ווי „אני־מאמין"־דערקלערונגען, פֿרומע וואונטשן; נאָר די ייִדישע שול הייבט־אָן קריגן אויסדרוק אין דער

פאַרעם פון אויסגעאַרבעטע פּראָגראַמען, טעקסט־ביכער, פּעדאַגאָגיש־צוגעפּאַסטע מעטאָדן, וכדומה.

אינמיטן דער שמחה פון 1925 האָט די פּרץ־שול פאַרוואַלטונג ניט פאַרגעסן, אַז די בעסטע עלעמענטאַר־שול קען נאָך ווײַט ניט פאַרענטפערן אַפילו אונדזערע וויכטיקסטע דערציאונגס־פּראָבלעמען. קינדער, וואָס פאַרענדיקן די זעקס־יאָריקע עלעמענטאַר־שול, זײַנען דורכשניטלעך אַלט 12־13 יאָר, נאָך צו־יונג, אַז זיי זאָלן שוין האָבן אין זיך אַרײַנגענומען אַזויפיל ייִדיש און סאָציאַל וויסן, וואָס זאָל פאַר זיי גענוג זײַן אויף צו פאַרשטיין דאָס לעבן און די פליכטן, וואָס ווערט אויף זיי אַרויפגעלייגט. חוצדעם מוז מען זיך זייער און זייער רעכענען מיטן פאַקט, וואָס דאָס אָרעמיקע לעבן — פון וועלכן אונדזערע קינדער קענען ווײַט ניט זײַן לגמרי איזאָלירט — פאַרמאָגט אין זיך גענוג שעדלעכקײַטן פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון אונדזער „גאָלדענער יוגנט”. כדי אַנטקעגנצואווירקן אָט־די פרעמדע השפּעות איז דערפאַר נייטיק צו האַלטן אַזוי נאָענט צו דער ייִדישער שול ווי מעגלעך אָט־די יעניקע קינדער, וועלכע זײַנען בײַ אונדז דערצויגן געוואָרן און האָבן אין זיך שוין אײַנגעזאַפּט עפּעס פונם מאָדערנעם ייִדישן גײַסט. עס האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן פאַר אומבאַדינגט נייטיק צו באַשאַפן פאַר דידאַזיקע יונגע סטודענטן אַן אַטמאָספער פון גײַסטיקער פאַרטיפונג, און פאַראינטערעסירן זיי מיט יענע צווײַגן פון וויסן, וואָס דאַרפן אַרײַנהויכן אַ שיינע געזונטע נשמה אינם באַנײַטן ייִדישן לעבן.

אָט ווי אַזוי די מיטגלידער פון דער פּרץ־שול פאַרוואַלטונג זײַנען עס אין 1925 געקומען צו אַן אײַנשטימיקן באַשלוס, אַז אין אונדזער דערציאונגס־אַרבעט טאָרן מיר זיך באין־אופן ניט אָפּשטעלן בײַם קינדערגאָרטן און בײַ דער זעקס־יאָריקער עלעמענטאַר־שול: מיר מוזן אויך אָנהייבן טאָן עפּעס פאַר העכערער ייִדישער בילדונג, און — אַ מיטלשול איז געגרינדעט געוואָרן!

עס איז זיך לײַכט פאַרצושטעלן, וואָס די ערשטע דרײַ יאָר מיטלשול־אַרבעט האָט געמיינט פאַר אונדז. ווײַל אויב אין דער עלעמענטאַר־שול, וואָס פאַרמאָגט שוין הינטער זיך אַ געשיכטע פון אַן 11־יאָריקער דערפאַרונג, געפינט זיך אין איר נאָך אַלץ שפּורן פון עקספּערימענטן, פון זוכעניש, זײַנען מיר אין מיטלשול־אַרבעט געווען נאָך גאָר־גאָר אין עקספּערימענטאַלן צושטאַנד. מיטלשול־אַרבעט איז בכלל פאַר אונדז געווען אַ נײַער שריט. מיר האָבן דאָ געדאַרפט כמעט

באַשאַפֿן אַ יש־מאַין. אָבער דאַכט זיך, אַז מיר האָבן דעם וועג ענדלעך געפֿונען.

מיר זײַנען לכל־הפּחות במשך פֿון דער צײַט געוואויר געוואָרן, וואָס ס'איז מעגלעך און וואָס ס'איז נייטיק צו לערנען אין אונדזערס אַ מיטלשול. דאָס אַליין איז זייער אַ גרויסע דערגרייכונג. מישט־אויף דאָס ערשט־בעסטע טעקסט־בוך וועגן „געשיכטע פֿון דערציאונג" בײַ די אומות־העולם, וועט איר זען, וואָסער פּרײַז נאָרמאַלע פֿעלקער האָבן געוויינטלעך באַצאָלט פֿאַר ענלעכע עקספּערימענטן. און איך צווייפֿל, צי איר וועט ערגעץ געפֿינען אַן ענלעכן בײַשפּיל, אַז אין אַזאַ קורצער צײַט און מיט אַזעלכע באַגרענעצטע מיטלען זאָל מען האָבן דערגרייכט אַזעלכע פֿיל־פֿאַרשפּרעכנדיקע רעזולטאַטן, וואָס מיר האָבן דערגרייכט אין די 3 יאָר. אַגבֿ, דער שרײַבער פֿון די שורות איז ווײַט פֿון צו זײַן „צופֿיל" צופֿרידן מיט די ממשותדיקע רעזולטאַטן: דער שטענדיק־אומרואיקער פֿאַרלאַנג נאָך העכערע דערגרייכונגען לאָזט אונדז לערער בכלל קיינמאָל ניט זײַן צופֿרידן.

אָבער אומזיסטע, ניט־באַגרינדעטע אומצופֿרידנקײַט איז אויך ניט אַזאַ געוואַלטיקע מעלה. דער פֿאַקט איז, אַז במשך דרײַ יאָר צײַט זײַנען די תּלמידים און תּלמידות פֿון מיטלשול געקומען צו אונדז אויף 8 שעה יעדע וואָך כדי נאָך אַלץ צו לערנען ייִדישע, אַלגעמיינע און סאָציאַלע לימודים. עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל, אַז נאָרמאַלע שול־קינדער פֿון צווייטן און דריטן יאָר הײַסקול, מיט מער ווי דורכשניטלעכע פֿעיִקײַטן און מיט דער שענסטער באַציאונג צו דער ייִדישער שול, זאָלן נאָך אַ רעגולערן באַזוך פֿון 8 שעה וועכנטלעך במשך 3 יאָר צײַט ניט האָבן אַרויסגעקראָגן פֿון דער מיטלשול אַ היפּשן סכום ידיעות און אינטעליגענץ. אָט־דאָס איז דער קוואַל פֿון אונדזער אָפּטימיזם, פֿון אונדזער גלויבן. למען־האמת מוז צוגעגעבן ווערן, אַז דאָס מזל האָט אונדז צוגעשפּילט, וואָס מיר האָבן צוגעקראָגן עטלעכע קוואַליפֿיצירטע לערער פֿאַר געוויסע לימודים אין מיטלשול.

אין משך פֿון די 3 יאָר צײַט איז אונטער אומשטענדן פֿון זוכענישן און צופּאַסונגען געלונגען דורכצוגיין אין דער מיטלשול אַן אינטענסיווע פּראָגראַם פֿון זייער וויכטיקע לימודים. מיר וועלן איצטער פּרואוון מאַכן אַ קורצן סך־הכל פֿון די קורסן, וואָס זײַנען במשך פֿון דער צײַט געגעבן געוואָרן.

ייִדישע ליטעראַטור — מיר האָבן שוין בײַ אַן אַנדערער געלעגנ־

הײַנט געהאַט אַנגעוויזן אויף דעם זייער וויכטיקן פּלאַץ, וואָס דער לימוד פֿון יידישער ליטעראַטור פֿאַרנעמט בכלל אין דער נײַער יידישער שול. אַז אייגנטלעך האָט מען ערשט אין דער יידישער שול אָנגעהויבן די יידישע ליטעראַטור צו שטודירן, בעת פֿריער, איידער די מאָדערנע יידישע שול איז געקומען, האָט מען די יידישע ליטעראַטור העכסטנס געלייענט. נאָר אויב דאָס איז ריכטיק בנוגע דער עלעמענטאַר־שול, קען מען זיך פֿאַרשטעלן, וואָס פֿאַר אַ וויכטיק אָרט דער דאָזיקער לימוד פֿאַרנעמט אין דער מיטלשול. דאָ ווערט אויסגענוצט די באַקאַנטשאַפֿט מיט די יידישע שרײַבערס און זייערע שאַפֿונגען, וואָס די קינדער האָבן געקראָגן נאָך אין דער 6־יאָריקער עלעמענטאַר־שול. דאָס איז אַזוי־צו־זאָגן דער פֿונדאַמענט, אויף וועלכן עס ווערט געבויט דער ווײַטער־דיקער בנין. אין מיטלשול ווערט הויפּטזאַכלעך געלייגט געוויכט אויף אונדזערע קלאַסיקער און אויף דער נײַער דיכטונג. עס ווערט כּסדר אָנגעוויזן אויף דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור און די טענדענצן, וואָס האָבן זיך אין איר אָפּגעשפּיגלט בײַ פֿאַרשיידענע שרײַבער און פֿאַרשיידענע שאַפֿונגען.

במשך פֿון די 3 יאָר איז מען אין מיטלשול דורכגעאַנגען פֿאָלגנדיקע ווערק: מסעות בנימין השלישי, די קליאַטשע — פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים; טוביה דער מילכיקער, מנחם מענדלס בריוו — פֿון שלום עליכם; רייזע בילדער, פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן — פֿון י. ל. פּרץ; קידוש השם — פֿון שלום אַש; גרינע פֿעלדער — פֿון פּרץ הירשביין; און לידער פֿון: פֿרוג, יהואָש, רייזען, אײַנהאָרן, מאַני לייב, מ. ל. האַלפּערן.

יידישע געשיכטע — עס איז איבעריק אָנצואווײַזן אויף דער אויסערגעוויינטלעכער וויכטיקײַט פֿון דעם דאָזיקן לימוד אין דער יידישער שול. אויב מיר שטרעבן צו באַשאַפֿן בײַם נײַעם דור אַ געזונטע אָריענטאַציע בנוגע דעם יידישן לעבן, קען דאָס הויפּטזאַכלעך דערגרייכט ווערן דורכן לימוד פֿון יידישער געשיכטע. פֿאַרמאָגט אָבער דער דאָזיקער לימוד אַ חסרון פֿון אַ ריין־פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט: ער איז ניט לײַכט צוגענגלעך צו גאָר־יונגע קינדער דערפֿאַר, וואָס בײַ זיי איז נאָך ניט ווי געהעריק אַנטוויקלט די קאָנצעפּציע פֿון צײַט. ערשט אין די העכערע קלאַסן פֿון דער עלעמענטאַר־שול הייבט מען אָן צו אַנט־וויקלען בײַם תלמיד וואָס אַ מאָל מערער אַ חוש צו פֿאַרשטיין גע־שיכטע. צו קענען זיך פֿונאַדערקלײַבן אין די סיבות און רעזולטאַטן פֿון

אַ געוויסער געשיכטלעכער פֿאַסירונג; באַזונדערס אָבער קען דאָס דערגרייכט ווערן אין אַ גרעסערער מאָס ערשט אין מיטלשול, וואו די תלמידים זיינען שוין געוויינטלעך רײפֿער אין יאָרן און אין אינטעליגענץ.

במשך די 3 יאָר האָט מען אין מיטלשול מייסטנס זיך אָפּגעגעבן מיט דער „נײַער צײַט", אָנהייבנדיק מיט דער עפּאָכע פֿון נאָכן גירוש־שפּאַניע. מ'האָט זיך אָפּגעשטעלט באַריכות אויף די פֿאַרשיידענע יידישע ישובֿים, נעמענדיק אין באַטראַכט פֿאָלגנדיקע טעזיסן: משיח־באַוועגונג פֿון 17טן י. ה.; אַקאָסטאַ, שפּינאָזאַ, מנשה בן־ישראל; יידן אין דער רעפֿאָרמאַציע־צײַט; וועד־אַרבע־ארצות; השׂכּלה אין דײַטשלאַנד, עסטרײַך, רוסלאַנד; פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע; חכמת ישׂראל; חסידות; ביז די נײַעסטע דערשײַנונגען, ווי: יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און ציוניזם. דער קורס האָט אויך טיילווײַז אַרײַנגענומען: „געשיכטע פֿון די יידן אין אַמעריקע".

העברעיש — אין פֿאַרלויף פֿון די 3 יאָר מיטלשול האָט מען גע־לערנט עבֿרית פֿון „לשון וספֿר" (ספֿר ראשון, ספֿר שני) פֿון יעקבֿ פיכ־מאַן: אַן 80 סיפּורים און שירים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען מוסטערן פֿון די בעסטע שרײַבער און דיכטער. אויך איז דער קלאַס דורכגעגאַנגען די וויכטיקסטע טיילן פֿון העברעישן דקדוק. חוצדעם איז דער קורס דערגאַנצט געוואָרן מיט לײַכטע געשפּרעכן און באַמער־קונגען וועגן די געלייענטע העברעישע שרײַבער און זייערע שאַפֿונגען.

תנ"ך — חוץ דעם לימוד העברעיש האַלטן מיר פֿאַר אומגעהויער וויכטיק, אַז די תלמידים פֿון דער נײַער יידישער שול זאָלן זײַן באַקאַנט אויף אַ דירעקטן אופֿן אויך מיט אונדזער אַלטער קלאַסישער ליטע־ראַטור: דעם תנ"ך. אין משך פֿון די 3 יאָר זײַנען די תלמידים פֿון מיטל־שול דורכגעגאַנגען: שמואל א' (20 קאַפּיטלען), און צו עטלעכע קאַפּיט־לעך פֿון: עמוס, ישעיה און ירמיה. חוצדעם איז געגעבן געוואָרן אַ קורצער איבערבליק איבער נבֿיאות און די טעקסטן.

יידישע אַרבעטער־באַוועגונג — דער קורס איז געגעבן געוואָרן די לעצטע 2 יאָר פֿון מיטלשול. דאָס איז געווען זייער אַ געלונגענער פֿאַר־זוך אַרײַנצופֿירן די תלמידים פֿון מיטלשול אין די באַדינגונגען, אונטער וועלכע עס איז אויסגעקומען דעם יידישן אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש ווי אַ קלאַס מיט באַזונדערע קלאַס־אינטע־רעסן, ביז עס זײַנען אַנטשטאַנען די מעכטיקע יידישע אַרבעטער־

אָרגאַניזאַציעס (די יוניאָנס), וואָס האָבן בלי־ספֿק זייער גרויסע פֿאַר־דינסטן פֿאַרן באַנײַטן ייִדישן לעבן בכלל. דער קורס האָט אַרומגענומען אַ געשיכטלעכן איבערבליק איבער דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די לענדער: רוסלאַנד, ענגלאַנד און אַמעריקע.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע — מיט דעם קורס האָבן מיר באַצוועקט צו געבן די תלמידים אַ טעאָרעטישע באַלײַכטונג פֿאַר די פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פֿון דער הײַנטיקער צײַט. דאָס איז געווען אַ סיסטע־מאַטישער קורס במשך די גאַנצע דרײַ יאָר מיטלשול. פֿאָלגנדיקע טעזיסן זײַנען אַרומגערעדט געוואָרן: די אײַנטיילונג פֿון דערווירט־שאַפֿט — פּראָדוקציע, צירקולאַציע, קאָנסומפּציע; די פֿאַקטאָרן פֿון דער ווירטשאַפֿט — נאַטור, אַרבעט, קאַפּיטאַל.

וועלט־ליטעראַטור — מיטן דאָזיקן קורס האָבן מיר זיך געשטעלט דעם ציל אַרײַנצופֿירן די תלמידים אין די פֿאַרשיידענע שטרעמונגען פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. זאָלן זיי קריגן אַ באַגריף וועגן די כּלערליי אַנטוויקלונגס־שטופֿן, וואָס די וועלט־ליטעראַטור האָט דורכגעמאַכט, וואָסערע אַנשויאונגען און טענדענצן עס האָבן זיך אין איר אָפּגע־שפּיגלט אין פֿאַרשיידענע צײַטן. אַזאַ קורס, האָבן מיר געגלויבט, וואָלט געקענט אויסברייטערן דעם אַלגעמיינעם האָריזאָנט פֿון תלמידס וויסן און בײַ אים אַנטוויקלען אַ בעסערע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר ליטעראַטור.

אָט־דאָס איז אין קורצן דער סך־הכּל פֿון דעם, וואָס ס׳איז גע־לערנט געוואָרן אין מיטלשול אין פֿאַרלויף פֿון די 3 יאָר. אָנשטאָט די אַמאָליקע טונקעלע באַגריפֿן וועגן דער ייִדישער שול, וועגן איר פֿאַר־נעם און אירע מעגלעכקײַטן, טרעטן וואָס אַמאָל מער אַרויס בולטער און קלאָרער די וועגן, אויף וועלכע מיר דאַרפֿן גיין.

אָבער די פֿריילעכסטע נײַעס, וואָס מיר קענען איצטער צוטראָגן דעם היגן ייִדישן עולם, איז: די פּרץ־שול פֿאַרוואַלטונג האָט לעצטנס באַשלאָסן ניט אָפּצושטעלן זיך אַפֿילו מיט דער מיטלשול־אַרבעט. פֿאַר די גראַדואירטע פֿון מיטלשול ווערן אויפֿן קומענדיקן לערניאָר גע־עפֿנט „העכערע קורסן". די אויפֿגאַבע פֿון די „קורסן" וועט זײַן: ווײַטער אויסצוברייטערן און צו אָרגאַניזירן דעם וויסן, וואָס די תלמידים האָבן געקראָגן פֿריער אין דער עלעמענטאַר־שול און דערנאָך אין מיטלשול. לאָמיר האָפֿן, אַז די „קורסן" וועלן זיך אײַנגעבן, ווײַל דאָרט וואו ס׳איז דאָ די באַגײַסטערונג, זײַנען קיינע צילן ניט אומדערגרייכבאַר. און קוים

וועלן זיך די „קורסן" איינמאָל איינשטעלן, אַזוי וועלן זיי שוין האָפֿנט־לעך בלײַבן אויף שטענדיק. די געשיכטע פֿון פּרץ־אינסטיטוט לערנט אונדז, אַז דאָס גוטע, וואָס ווערט איין מאָל אײַנגעפֿירט, בלײַבט שוין אַ שטענדיקע אינסטיטוציע. אונדזער לאָזונג איז איצטער: וואָס מער סיסטעמאַטישע דערציאונגס־אַרבעט אין אונדזער עלעמענטאַר־שול און וואָס מער דערגרייכונגען פֿאַר העכערער ייִדישער בילדונג!

דערציאונגס־קאָמיטעט פֿון דער פּרץ־שול, 1928
פּ. הערשטיין, פּרינציפּאַל.

ו) „אונדזער חובֿ צום ייִדישן קינד"

(שטימונגען פֿונם פּרינציפּאַל צום גראַדואיר יום־טובֿ)

ערבֿ אַ גראַדואירונג אין אַ ייִדיש־וועלטלעכער שול, אָדער בײַם אָפּשלוס פֿון אַ יאָר שול־אַרבעט, מוז דער ערנסטער, געוויסנהאַפֿטער ייִדישער לערער און שול־טוער דורכלעבן מאָדנע געפֿילן און גע־דאַנקען, מחמת די ייִדיש־וועלטלעכע שול איז ערשט מיט עטלעכע צענ־דליק יאָר צוריק געבאָרן געוואָרן און איז די גאַנצע צײַט געפֿירט גע־וואָרן אונטער באַזונדערס־אָנגעשטרענגטע באַדינגונגען. מאָטיווירט פֿון די אויפֿריכטיקסטע כּוונות און מיט דער קלאָרסטער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די נויטן פֿון ייִדישן חינוך, איז דאָך די אַטמאָספֿער אַרום דער ייִדיש־וועלטלעכער שול כּסדר פֿול געווען מיט געפֿילן פֿון שרעק און אומזיכערקײַט.

דער ייִדישער אַרום איז אָפֿטמאָל געבליבן גלײַכגילטיק צו די ערנסטע פֿאַרזוכן פֿון דער נײַער ייִדישער שול אויף צו פֿאַרטיפֿערן די אַרבעט פֿון ייִדישן חינוך כּדי צו דערציִען אַ דור, וואָס זאָל ראוי זײַן ווען־עס־איז, אין דער נאָענטער צוקונפֿט, איבערצונעמען די פֿאַראַנט־וואָרטלעכע פֿירערשאַפֿט פֿונם גרעסטן ייִדישן ישובֿ אין דער וועלט. דער ברייטער עולם איז געבליבן פֿרעמד צום גרויסן פֿאַרנעם פֿון דער ייִדישער שול. די דורכשניטלעכע טאַטע־מאַמע האָבן בכלל ניט גע־פֿאָדערט קיין סך פֿון דער ייִדישער שול און זיך צופֿרידנגעשטעלט מיטן סאַמע מינימום דערגרייכונגען. אַ ביסל „עבֿרי" מיט אַ שיינעם „מפֿטיר" צו דער בר־מצווה איז פֿאַר זיי געווען דַי־והותר. ניט איין מאָל האָט אַ

ייִדישער לערער געהערט די טענה פֿון טאַטע־מאַמע: „מיר ווילן גאָר־ניט, אַז אונדזער סעמעלע זאָל אויסוואַקסן אַ רבֿ!"

צום גליק האָט זיך די ייִדיש־וועלטלעכע שול ניט גערעכנט מיטן נידעריקן ניוואָ פֿונם דורכשניטלעכן ייִדן אין אַמעריקע. בײַ דער ייִדיש־וועלטלעכער שול זײַנען אַלעמאָל געשטאַנען מענטשן עקשנים, מיט פּרינציפּן, מיט הויכע אידעאַלן און נאַציאָנאַל־געזעלשאַפֿטלעכע צילן. איז שווער געווען פֿאַר זיי מוותר צו זײַן אויף זייערע דערוואַרטונגען פֿון דער נײַער ייִדישער שול. אמת, מ'איז צוליב דעם ניט אויסגעוואַקסן קוואַנטיטאַטיוו צו אַ גרויסן כוח אויף דער ייִדישער גאַס. אין אַזעלכע גרויסע שטעט ווי ניו־יאָרק, פֿילאַדעלפֿיע, דעטרויט, און אַנדערע, מאַכן די ייִדיש־וועלטלעכע שולן מכל־המינים אויס זייער אַ קליינעם פּראָצענט לגבי די אַנדערע, רעליגיעזע, שול־אינסטיטוציעס. אין ברוקלין, למשל, אויף דער זעלבער גאַס, וואו עס געפֿינט זיך אַ תלמוד־תורה מיט אַ טויזנט קינדער, קענען די טויער פֿון אַ פֿאָלקשול פֿון „שלום־עליכם פֿאָלקס־אינסטיטוט" זײַן צופֿרידן, וואָס בײַ זיי לערנען זיך קוים אַ 40 קינדער.

פֿאַרוואָס? — ווײַל זיי גלויבן באמונה שלמה, אַז ווי קליין זיי זאָלן ניט זײַן אין כמות, פֿילן זיי אויס אַ וויכטיקע היסטאָרישע שליחות אין ייִדישן לעבן. בײַ זיי קומט־אויס, אַז ייִדישע דערציאונג מוז אומבאַדינגט אײַנשליסן אין זיך: ייִדיש לשון, ייִדישע ליטעראַטור, מאָדערנע ייִדישע געשיכטע — לימודים וואָס אין דער בעסטער תלמוד־תורה און ישיבֿה ווערן לײַדער כמעט פֿאַרנאַכלעסיקט.

דער לערער און טוער פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעלערנט ניט נתפּעל צו ווערן פֿונם מעכטיקן וואוקס פֿון די כלערליי רעליגיעזע שולן. אין ייִדישן לעבן, גלויבן זיי, איז פֿאַראַן גענוג פּלאַץ: 1) פֿאַר סתם ייִדן, וואָס שטעלן זיך צופֿרידן מיטן קלענסטן מינימום פֿון ייִדישער דערציאונג; 2) פֿאַר ייִדן, וואָס פֿאַר זיי מיינט „תורה" בלויז: חומש מיט רש"י און אַ בלאַט גמרא; און 3) פֿאַר אינטעליגענטע, נאַציאָנאַלע ייִדן, וואָס האַלטן, אַז אחוץ באַקאַנטשאַפֿט מיט טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט דאַרף מען דאָס ייִדישע קינד אויך פֿאַרבינדן מיטן נאָענטן עבֿר פֿון ייִדישן פֿאָלק, מיט זײַנע קולטור־אוצרות אויף ייִדיש און העברעיִש, און צו וועקן בײַ אים אַן אינטערעס און אַ ליבע צו מדינת־ישׂראל.

דער ציל פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול איז פֿון סאַמע אָנהייב־

אַן געווען גאַנץ קלאָר פֿאַרשטאַנען: פּאַראַלעל מיטן אַלגעמיינעם וויסן, וואָס דאָס ייִדישע קינד קריגט אין דער ענגלישער שול, אָדער אין די ענגלישע לימודים פֿון דער ייִדישער „טאָגשול״, דאַרף עס אין די שול־יאָרן זיך אויך באַקענען, אין אַ היפּשער מאָס, מיט די וויכטיקסטע עטאַפּן פֿון דער ייִדישער געשיכטע און ייִדישן קולטורעלן, געזעלשאַפֿטלעכן שאַפֿן. דאָס ייִדישע קינד דאַרף פֿון די פֿריסטע יאָרן אָן זיך צוגע־וואוינען, מיט די געדאַנקען און געפֿילן, אַז עס שטאַמט פֿון אַ פֿאָלק מיט אַ רײַכער פֿאַרגאַנגענהײַט, וועמענס שאַפֿונגס־כוחות האָבן זיך נאָך ניט אויסגעשעפּט. דאָס ייִדישע פֿאָלק דאַרף נאָר האָבן די גײַסטיקע לעבנס־באַדינגונגען כדי ווײַטער צו קענען שפּינען דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן, קולטורעלן המשך. דורך לערנען און לעבן אין אַ געזונטער שול־אַטמאָספֿער קען דאָס ייִדישע קינד אײַנזאַפּן אין זיך אַ שלל מיט פּאָזי־טיווע מאָמענטן, וואָס זאָלן אים אָנפֿילן מיט ייִדישן שטאָלץ און מיט ייִדישן באַוואוסטזײַן אויפֿן גאַנצן לעבן.

דערפֿאַר איז די לערן־פּראָגראַם פֿון דער ייִדישער פֿאָלקשול גע־וועזן פֿון לכתחילה אַן געצילט אַרומצונעמען אַלץ: דער לימוד פֿון ייִדישער געשיכטע, למשל, זאָל אײַנשליסן ניט נאָר די יאָרן פֿון דער מלוכה־צײַט, בעת דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געפֿירט אַ נאָרמאַל לעבן אויפֿן אייגענעם באָדן; ניט בלײַבן שטיין בײַ אַ „חורבן״ — צי דאָס איז געווען חורבן בית־ראשון, אָדער חורבן בית־שני; נאָר מ׳דאַרף באַקענען די תלמידים מיט דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע, אײַנגעשלאָסן אויך די מזרח־אייראָפּעיִשע תקופה, וועלכע האָט אונדז דערפֿירט צו דער הײַנטיקער צײַט מיט די צוויי הויפּט־צענטערן אין ייִדישן לעבן: אַמע־ריקע און ארץ־ישראל. אויפֿן געביט פֿון ייִדישער קולטור־שאַפֿונג דאַרף אַרויסגעבראַכט ווערן דער געדאַנק, אַז די גלאָריע פֿון ייִדישן שאַפֿן ליגט ניט נאָר אינם ווײַטן „אַמאָל״, נאָר אַז אויך אין דער הײַנטיקער צײַט לעבן און ווירקן ייִדישע שרײַבער און פּאָעטן, וואָס זייער׳ע שאַפֿונגען וואָלטן געקענט זײַן אַ צירונג און אַ שטאָלץ אַפֿילו פֿאַר די רײַכסטע קולטור־פֿעלקער.

דאָס ייִדישע לעבן האָט זיך קיינמאָל ניט באַגרענעצט בלויז אַרום דער סינאַגאָגע און אַרום די תפֿילות (וואָס ווערן שוין הײַנט אין פֿיל ערטער געזאָגט אין ענגליש). ייִדיש לעבן נעמט אַרום אַ פֿיל ברייטערן שטח פֿון אינטערעסן און פּראָבלעמען. ייִדישע דערציאונג — אַזוי איז געווען אַלעמאָל דער צוגאַנג פֿון דער ייִדישער פֿאָלקשול — טאָר ניט

זײַן באַגרענעצט אין תוכן און אין פֿאָרעם. ייִדישקײַט בכלל איז אַ פֿיל ברייטערער באַגריף. די ייִדישע פֿאָלקשול האָט זיך אַפֿילו פֿאַרנומען, ווי אַמאָל די חסידישע באַוועגונג, אַרײַנצוברענגען ייִדישע פֿרייד און ייִדישן לעבנס־ווילן אין דער ייִדישער היים. אין דעם גײַסט, דערמאָנט זיך, האָט ש. גיגער ע"ה געהאַט אַמאָל באַגריסט אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון ייִדישע פֿאָלקשולן אין סיראַקיוז, זאָגנדיק דערבײַ, אַז די דורכשניטלעכע טאַטע־מאַמע, וואָס שיקן זייער קינד אין אַ תלמוד־תורה, ניט האָבנדיק קיין אַנונג, וואָס מ'לערנט אים דאָרטן, מיינען אייגנטלעך, אַז זיי שיקן עס אין אַ ייִדישער פֿאָלקשול, וואָס וויל זייער קינד געבן אַלץ, וואָס איז נייטיק און געזונט פֿאַר זײַן ייִדישער נשמה.

לײַדער פֿעלט אין די מערסטע ייִדישע קהילות אָט דער ברייטער צוגאַנג צום ייִדישן חינוך. דעריבער שטויסט זיך אָן דער לערער און שול־טוער אויף אַזוי פֿיל מכשולים אין דער אַרבעט. דער „אָרום" ציט בעסער צו אַ לײַכטער ייִדישקײַט, וואָס פֿאָדערט ניט קיין צופֿיל קרבנות, און לייגט ניט אַרויף אויף די עלטערן אַזויפֿיל אַחריותן בנוגע דער ייִדישער דערציִאונג פֿון זייערע קינדער. שיקן דערפֿאַר די מערסטע עלטערן זייערע קינדער אין אַזעלכע לערן־אַנשטאַלטן, וואו מ'לערנט ווייניקער שעהן אַ וואָך און מ'פֿאַרנעמט זיך ניט מיט אַזעלכע „האַרבע", ערנסטע לימודים... בפֿרט, אַז מ'האָט דערצו די שטילע הסכּמה (שתיקה כהודאה דמיא) מצד די רעליגיעזע מנהיגים...

אָט־דאָ בעט זיך ממש אַ קריטישע באַמערקונג פֿון אַ ייִדישן מחנך, וואָס זײַן צוגאַנג צום ייִדיש־נאַציאָנאַלן דערציִאונגס־פּראָבלעם איז אַ פּסיכאָ־פּעדאַגאָגישער און סאָציאָלאָגישער.

מ'האַלט אין דער לעצטער צײַט אין אייןריידן וועגן „חוזרי בתשובֿה" צווישן ייִדן פֿון פֿריערדיקן ראַדיקאַלן לאַגער. עס וואָלט אָסור ניט געשאַדט אַביסעלע הרהורי־תשובֿה אויך מצד דעם קלעריקאַלן עלעמענט אונדזערן, וועלכער האַלט אין איין זינדיקן לגבי דעם ייִדישן קינד, פֿאַרשטעלנדיק פֿון אים אין די יונגע שול־יאָרן די ייִדישע ווירקלעכקײַט און ניט צוגרייטנדיק אים צו דער רעאַלער סבֿיבֿה אונדזערער. דער חסרון איז, וואָס מ'האָט בײַ אונדז מורא צו זאָגן אַ קריטיש וואָרט אויפֿן חשבון פֿון די רעליגיעזע פֿירער אונדזערע. אַזוי־ווי זיי גופֿא וואָלטן טאַקע געווען אמתע׳ מוסטערן פֿון „פּערפֿעקציע", פֿון מענטשלעכער שלימות.

ווען מיר בלעטערן אָבער די אַלטע ספֿרים וועגן ייִדישן חינוך, זעען

מיר, אַז דווקא די רבנישע וועלט פֿלעגט תמיד זײַן באַזאָרגט וועגן צופּאַסן מיטלען און מעטאָדן כדי צו געווינען די ליבע פֿון ייִדישן קינד צום ייִדישן פֿאָלק און צו זײַן תורה. הײַנט גייען לײַדער דאָס רובֿ רעלי־גיעזע מנהיגים בנוגע ייִדישער דערציאונג אויפֿן וועג פֿון לײַכטסטן ווידערשטאַנד — אַזוי בנוגע דער לערן־פּראָגראַם, איגנאָרירנדיק לגמרי וויכטיקע שעפֿערישע קוואַלן פֿון ייִדישער קולטור; אַזוי בנוגע דער לערן־צײַט, שטעלנדיק זיך צופֿרידן מיט 3־2 מאָל אַ וואָך אין די נאָכ־מיטאָג־שולן; און אַזוי בנוגע ייִדיש־לשון — פֿאַר זיי איז שוין ייִדיש אָפּגעשטאָרבן: אין די מערסטע ייִדיש־רעליגיעזע שולן אויפֿן היגן קאָנטינענט הערט מען סײַ אין די קלאַס־צימערן און סײַ בײַ שול־פֿײַע־רונגען און „אַסעמבלים" נאָר און נאָר ענגליש. אַן אומפֿאַרגעבלעכער חטא לגבי דעם ייִדישן קינד!

פּ. הערשטיין

(ד. יי. וו., יוני 14, 1957)

ז) די סיום־פֿײַערונג פֿון דער פּרץ־שול אין 1928

(פֿון ב. י. — איינער פֿון די געסט)

זײַענדיק דעם 20סטן מאַי אויף דער פֿײַערונג פֿון דער י. ל. פּרץ־שול האָב איך זיך ווירקלעך געמוזט דערמאָנען אין דער גמרא: „מי שלא ראה שׂמחת בית־השואבֿה לא ראה שׂמחה מימיו".

דער גרויסער פּרץ־שול זאַל איז געפּאַקט מיט שול־קינדער, עלטערן און פֿרײַנט פֿון דער ייִדישער שול, אַלע אָנגעטאָן יום־טובֿדיק. אַ באַזונדערע אינעווייניקסטע יום־טובֿדיקע שטימונג שפּרודלט אַרויס פֿון די אַקטיווע שולטוער, וועלכע שטייען שוין בײַ דער שול מער ווי אַ צענדליק יאָר, אָט־די וועלכע פֿלעגן פֿריער גיין מבית לבית כדי אויסצו־בעטלען בײַ די טאַטעס און מאַמעס זייער קינד. זיי האָבן געמוזט געבן זייער „אָרנטלעכקײַט" פֿאַר אַ משכון, אַז זייערע קינדער וועט מען ניט מאַכן פֿאַר קיין „גויים"...

און איצט זעען זיי פֿאַר זיך אַזאַ פּראַכטפֿולן בנין, אַנשטאָט אַ קליין שולעכל, אַנשטאָט אַן אויסגעבעטלט דירהלע ערגעץ־וואו בײַ אַ גוטן „לענדלאָרד", אַן אייגענע „היים" מיט הונדערטער קינדער, מיט באַגײַס־

טערטע עלטערן, וועלכע קוקן־אַרויף צו דער בינע מיט דורשטיקע בליקן. זיי זעען די דערגרייכונגען פֿונם פֿאַרגאַנגענעם לערניאָר. ביי פֿיל עלטערן רופֿט עס אַרויס אַ הייליקע קנאה: „הלוואי האָלט עס שוין אַזוי מיט מײַנע קינדער!"...

און ווער האָט דאָס געשאַפֿן אַזאַ שיין גײַסטרײַך בילד, אַזאַ הייליקע שטימונג, אַזאַ חסידישע התלהבֿות מיטן אמתן ברען פֿון טאָן אַ מצווה־לשמה? — בלויז אַ קליין הײַפֿעלע מענטשן! ס'איז דערפֿאַר טאַקע ניט קיין וואונדער, ווען מ'זעט די אמתע פֿרייד פֿון אַט־די שולטוער. דאָס איז די פֿרייד פֿון שניט, די פֿרייד וואָס מען פֿילט, אַז דער שייער איז פֿול מיט תבֿואה־קערנדלעך, און דער ווײַן לאָזט זיך טרינקען. ס'איז באמת געוועזן אַן אויסגוס פֿון פֿרייד, וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אַזוי פֿיל זאָרג און לײַדן. פֿילן אַט־די שמחה האָבן נאָר געקאָנט די יעניקע, וועלכע האָבן אַליין פֿאַרבונדן זייער אידעאַל, זייערע האָפֿענונגען, צוזאַמען מיט דער ווידעראויפֿלעבונג פֿון דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור. ס'איז פּשוט מקנא צו זײַן אַט־די גליקלעכע משפּחה פֿון דער י. ל. פּרץ־שול.

איידער די פֿײַערונג הייבט זיך אָן, גייען אַרום לערער און שול־טוער מיט זיכערע טריט. עס מערקט זיך ניט קיין סימן פֿון נערוועזיטעט צוליבן „אַרויסטריט" פֿאַרן פּובליקום, ביי וועמען מ'דאַרף נאָך געווינען אַנערקענונג, צו קענען „אויסנעמען ביי לײַטן", ווי מען זאָגט. ניין! די יידישע שול איז שוין געוואָרן אַ נויטווענדיקייט ביי די ברייטע מאַסן, אַ נאַטירלעכע זאַך. דערפֿאַר טראָגט ניט די פֿײַערונג דעם כאַראַקטער פֿון סתּם עפּעס אַ פֿאַרשטעלונג, אַזוינס וואָס זאָל אין זיך אָפּשפּיגלען טעאַטראַלישקייט. ס'איז אַ יום־טובֿ פֿון קינדער צוליב קינדער, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן מיט אַזוי פֿיל ליבע זייערע בעסטע שעהן פֿון טאָג פֿאַר לערנען יידישע און אַלגעמיינע קענטענישן. און מיר, גרויסע טאַטעס און מאַמעס, זײַנען געקומען אַ „נאַש" טאָן פֿון דער יום־טובֿדיקייט פֿון אונדזערע קינדער, וואָס איז אויך אונדזער יום־טובֿ.

דער קאָנצערט איז דורכגעפֿירט געוואָרן בלויז פֿון די קינדער אַליין. דער קינדערגאָרטן, אונדזערע לעבעדיקע בלומען, האָבן דורכגעפֿירט אייניקע לעבעדיקע נומערן, אַ שפּיל אין בינטעלעך מיט בלומען. עס איז ווערט געוועזן אָנצוקוקן אַט־דאָס בילד, ווי די שיינע רחלעך און שלמהלעך זײַנען ווירקלעך פֿאַרוואַנדלט געוואָרן ווי אין אמתע בלומען (אַ ליבע צו בלומען און נאַטור ווערט אין זיי אַנטוויקלט

אין זייערע פֿריע קינדער־יאָרן, ווען זיי באַטרעטן קוים די שוועל פֿון שול). זיי זינגען אַזוי האַרציק, דעקלאַמירן אין אַ חנעוודיקן ייִדיש, וואָס איז געוואָרן זייער גערעדטע שפּראַך (זיי זײַנען אַזוי ווי געוואָרן אַליין יונגיקע לערער און לערנען זייערע מאַמעס ריידן ייִדיש). זיי זײַנען אויך נאָענטע מחותנים צו דער סיום־פֿײַערונג, ס'איז אויך זייער סיום: זיי גראַדואירן פֿון קינדערגאַרטן און ווערן שוין „פֿולשטענדיקע מענטשן", טרעטן אַרײַן צום נײַעם לערניאָר אין דער „טאָגשול", וואו זיי וועלן לערנען ייִדישע און ענגלישע לימודים. אָט־דער קינדערגאַרטן איז דער פֿונדאַמענט פֿון דער שול און ציילט שוין קיין ע"ה העכער אַכציק קינ־דער. דאָס איז דער „צו לצו" צו די, וועלכע קוקן נאָך עד־היום מיט קעגנערשאַפֿט צו דער ייִדישער שול. די קינדערלעך זײַנען אַזוי צוגע־בונדן צו דער שול, אַז בײַ זיי ניט גיין אַ טאָג אין שול, צוליב וועלכער ס'איז סיבה, ווערט פֿון זיי באַטראַכט ווי אַ שטראָף. די קינדערלעך זאָגן טאָקע צו זייערע מאַמעס גאַנץ אָפֿט: „מאַמע טײַערע, איך האָב דיך אַזוי ליב ווי די לערערין פֿון קינדערגאַרטן".

און דער גרויסער חשובֿער גאַסט צום יום־טובֿ, דער „ארי שבחבורה", ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, זיצט אַנטקעגן דער בינע און הערט־זיך־צו צו די קינדערשע לידלעך און צו זייערע דעקלאַמאַציעס, מיט אַזאַ אַנשטרענגונג, ווי ער וואָלט מורא געהאַט חלילה אַ וואָרט צו פֿאַרלירן. פֿון צײַט צו צײַט נעמט ער אַראָפּ די ברילן און ווישט אויס אַ טרער פֿון שׂמחה, וואָס זײַנע הייליקסטע אידעאַלן, פֿאַר וועלכע ער האָט אַזוי שווער געדאַרפֿט קעמפֿן מיט צענדליקער יאָרן צוריק, זײַנען איצטער באמת פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. זײַנע אייניקלעך, וואָס זײַנען אין קינדערגאַרטן, וועלן אים שפּעטער געוויס פֿאַרשטיין און אים דאַנקבאַר זײַן.

דער שול־כאָר, אָנגעפֿירט פֿון מוזיק־לערער, ב. בראָנשטיין, איז געוויס אַ שיינער צווײַג פֿון דעם גרויסן בוים אין דער י. ל. פּרץ־שול. און ווי־וואונדערבאַר און אײַנדרוקספֿול זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן די נומערן פֿון כאָר!

עס פֿילט זיך בפועל־ממש, ווי די קינדער אַליין טראָגן־מיט די פֿולע אַחריות פֿונם אויסזינגען די ווערטער פֿון די לידער. זיי פֿילן און זעען דעמאָלט דאָס לעבן פֿונם אַרבעטער, ווען זיי זינגען אויס „דאָס ליד פֿון אַרבעט", זייערע אייגעלעך צינדן זיך אָן מיט פֿײַערלעך, לײַכטן ערגעץ ווײַט, ווײַט. זיי פֿאַרגעסן דעמאָלט, אַז זיי זינגען פֿאַר אַן עולם צו־

שויער. דער עולם איז זאָל אַפּלאַדירט מיט שטורעם. דער פּאָרזיצער פֿון קאָנצערט באַדאַנקט חבֿר בראַנשטײנען מיט צװײ בענד „כל כתבֿי שלמה איבן גבֿירול״ װי אַנערקענונג פֿאַר זײַן פֿאַרדינסטפֿולער אַרבעט מיטן כאָר.

און דאָ מוז געזאָגט װערן, אַז דאָס איז אױך אײנע פֿון די פֿאַר־דינסטן פֿון דער ייִדישער שול, װאָס גיט די מעגלעכקײַט אַזאַ טאַלאַנט־פֿולן מוזיקער, ער זאָל זיך קענען אױסשפּרײטן אױפֿן ברײטן פֿעלד פֿון דער שול מיט זײַנע מוזיקאַלישע פֿעיקײַטן.

עס פֿאָלגן־נאָך אַ נומער „טאַנץ״ און אַ נומער „ספּאָרט״, װעלכע זײַנען מוסטערהאַפֿט דורכגעפֿירט געװאָרן — דער ערשטער עקספּע־רימענט אײַנצופֿירן אין דער ייִדישער שול שטענדיקע גימנאַסטישע איבונגען, װאָס איז פּראַקטיש פֿון אַלע שטאַנדפּונקטן: „אין אַ געזונטן קערפּער קאָן מען דערציִען אַ געזונטע נשמה״... אונדז, פֿונם „אַלטן חדר״, האָט מען געװאָלט, נאָך װי צען־יאָריקע קינדער, שױן מאַכן פֿאַר „באַלעבאַטים קטנים״, מיט אײַנגעבױגענע רוקנס, און אונדז אײַנ־שפּאַנען אינם „גלות־װאָגן״. שטיפֿן, לאַכן, איז געװען אַן עבֿירה. האָבן מיר מיטן גאַנצן האַרצן מקנא געװען די דאָזיקע קינדערלעך מיט די גלײַכע פּלײצעס, װאָס פֿירן־דורך שטאָלץ, ריטמיש, לײַכטע און גע־זונטע באַװעגונגען.

די נײַע ייִדישע שול מוז געבן דעם ייִדיש־אַמעריקאַנער קינד אַלץ, װאָס זאָל אים באַפֿרידיקן, נאָר אין די אײגענע דלד אַמות פֿון דער שול, דערװײַטערט פֿון דער „דרויסנדיקער״ סבֿיבֿה... די ייִדישע שול דאַרף זײַן אַ „געזונטע היים״, װאו דאָס קינד זאָל אַלץ קענען נעמען און גע־ניסן אונטער דער השגחה פֿון אונדזערע איבערגעגעבענע דערציִער און לערער. אױך ספּאָרט און גימנאַסטישע איבונגען זאָלן דורכגעפֿירט װערן „דערציִעריש״, פּונקט װי די אַנדערע לימודים פֿון דער ייִדישער שול.

דער לעצטער נומער פֿון פּראָגראַם — ליטעראַרישע טיפֿן און בילדער, װי: מענדעלע מוכר־ספֿרים און אַלתר יקנה״ז, „שלום און שמואליק״ פֿון שלום־עליכמען, „בײַם פּאַקיר״ פֿון פּרצן — שטריכן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, װאָס זײַנען אױפֿגענומען געװאָרן אין די העכערע קלאַסן. דאָס איז אַ באַװײַז, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז זיך צונױפֿגעװאַקסן מיטן ייִדישן קינד אין שול, װאָס קען אַרױסברענגען די טיפֿן פֿון אונדזערע קלאַסיקער, כאָטש ער האָט זײ קײנמאָל ניט געזען.

אָבער ער פֿאַרשטייט זיי, ער פֿילט זיי. דאָס עלטערע קינד פֿאַרשטייט מענדעלען, שלום־עליכמען, פּרצן, כאָטש ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַן אַנדערער סבֿיבֿה, ניט ערגער ווי מיר, וועלכע האָבן אַליין געלעבט אין דער דאָזיקער סבֿיבֿה און געזען פֿאַר די אויגן די דאָזיקע טיפּן.

די אויסשטעלונג פֿון די דיפּלאָמען צו די גראַדואירנדיקע, סײַ פֿון דער עלעמענטאַר־שול און סײַ פֿון דער מיטלשול, איז געווען אַ פּרעכ־טיק בילד, וואָס האָט זיך טיף אײַנגעקריצט אין דער נשמה און איבער־געלאָזט אַ טיפֿן רושם. קינדער דערוואַקסענע, מיט אַ העכערער ביל־דונג — אייניקע האָבן שוין פֿאַרענדיקט הײַ־סקול — זײַנען אויסגע־זעצט אויף דער בינע, מיט בוקעטן בלומען אין דער האַנט, און וואַרטן אויפֿן מאָמענט צו באַקומען זייערע דיפּלאָמען. דער פּרינציפּאַל פֿישל הערשטיין האַלט פֿאַר זיי אַ גײַסטרײַכע און אײַנדרוקספֿולע רעדע, וועלכע האָט געמאַכט זייער אַ טיפֿן אײַנדרוק אויפֿן גרויסן עולם געסט. דעם כּבֿוד פֿון אויסטיילן די דיפּלאָמען גיט ער איבער דעם זייער חשובֿן גאַסט ד״ר זשיטלאָווסקין, וועלכער רעדט צו די גראַדואירטע:

„איר זאָלט וויסן, טײַערע קינדער, אַז מיט אַן ערך צוויי טויזנט פֿינף הונדערט יאָר צוריק זײַנען אויך געווען קינדער, וועלכע האָבן צע־טראָגן איבער דער וועלט שיינע געדאַנקען, הויכע אידייען, צו וועלכע די גאַנצע מענטשהײַט שטרעבט. דאָס זײַנען געווען די „בני הנבֿיאים״. און איר, קינדער, דאַרפֿט און מוזט זען, אַז זייערע הויכע געדאַנקען זאָלן פֿאַרווירקלעכט ווערן. איר דאַרפֿט אַרײַנגיסן בלוט אין די אָדערן פֿון זייערע הייליקע ווערטער!״

דאָס זײַנען געווען ווערטער, וואָס האָבן אַלעמען אָנגעפֿילט מיט טיפֿע מחשבֿות. ווײַל ד״ר חיים זשיטלאָווסקי איז ניט נאָר געווען אַ פּערזענלעכקײַט מיט הויכע אידעאַלן, נאָר אויך אַן אויסגעצייכנטער רעדנער, וואָס האָט אַלעמען שטאַרק באַגײַסטערט.

דערמיט האָט זיך פֿאַרענדיקט די וואונדערבאַרע גראַדואירונג־פֿײַערונג פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־שול, סוף מאַי, 1928. אָבער די דאָזיקע שׂמחה איז נאָך פֿאַרגעזעצט געוואָרן דעם זעלביקן אָוונט מיט אַ שיינעם און גײַסטרײַכן באַנקעט אינעם גרויסן שול־זאַל.

(ד. ייד. וו., דעם ערשטן יוני, 1928)

ח) „טאָגשולן" ווערסוס „נאָכמיטאָגשולן"

(אין ליכט פֿון די וויניפּעגער פּרץ־פֿאָלקשולן)

די „טאָגשול" פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־פֿאָלקשול איז שוין אַן אײַנגעשטעלטע אינסטיטוציע מיט טראַדיציעס פֿון יאָרן. די שול גופֿא ציט איר געשיכטע פֿון 1914 אָן. מיט פֿינף יאָר שפּעטער, אין 1919, איז געעפֿנט געוואָרן דער קינדערגאָרטן. און פֿונם ערשטן קינדערגאָרטן איז מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1920, אויסגעוואַקסן די „טאָגשול", וועלכע האָט קיינמאָל זינט דאַן ניט איבערגעריסן איר עקזיסטענץ. די „טאָג־שול" איז אָנגעהויבן געוואָרן מערסטנס מיט קינדער פֿון די שול־בויערס גופֿא, וועלכע האָבן מיט זייערע אייגענע קינדער, הייסט עס, עקספּערי־מענטירט צו געבן זיי אויך די ענגלישע לימודים אין די ווענט פֿון דער ייִדישער שול.

דער געדאַנק דערבײַ איז געווען: ניט איבערצורײַסן די היימישע שול־אַטמאָספֿער, מיט וועלכער די קינדער האָבן זיך שוין געהאַט אײַנגעלעבט אין קינדערגאָרטן. עס איז דאָ, ערשטנס: אַרײַנגעקומען דער עכט־דערציערישער פּרינציפּ פֿון ניט אַרײַנצוברענגען קיין צעריסנקײַט אין דער נשמה פֿונם יונגן קינד. דער צווייטער מאָטיוו איז געווען: צו זײַן עקאָנאָמיש מיט דער צײַט פֿון לערן־טאָג אַזוי, אַז אין דער נאָרמאַלער צײַט פֿון טאָג, פֿון 9 אינדערפֿרי ביז 4 נאָכמיטאָג, זאָל דאָס קינד קריגן אין דער היים פֿון דער ייִדישער שול סײַ די ענגלישע לימודים און סײַ די ייִדישע. דערצו האָט אַרויסגעהאָלפֿן דאָס ליבע־ראַלע שול־געזעץ פֿון קאַנאַדע, לויט וועלכן די רעגירונג צווינגט ניט די עלטערן צו שיקן זייערע קינדער דווקא אין אַ „פּאַבליק־סקול", נאָר עס ווערט איבערגעלאָזט צו די עלטערן די פֿולע ברירה אויסצוקלײַבן פֿאַר זייערע קינדער, וועלכע שול זיי ווילן אַליין, נאָר בתנאי אַז אין דער דאָזיקער שול ווערט נאָכגעפֿאָלגט דאָס אַלגעמיינע קוריקולום.

מיינט עס, אַז פֿון סאַמע אָנהייב־אָן איז די וויניפּעגער „טאָגשול" געווען אַ נאַטירלעכער אַרויסוואוקס „פֿון אייגענעם דראַנג" צו אַן אייגע־נער פֿולער ייִדישער שול. עס איז דערבײַ, הייסט עס, ניט געווען דער מינדסטער דרוק מצד דער דרויסנדיקער סבֿיבֿה, ווי אַ שטייגער אין מאָנטרעאָל, וואו איינע פֿון די סיבות פֿאַר דער אַנטשטייאונג פֿון דער „טאָגשול" דאָרט איז געווען די מורא פֿון טייל ייִדישע טאַטע־מאַמעס צו שיקן זייערע קינדער אין אַ „פּראָטעסטאַנטישער" אָדער „קאַטוילישער"

שול, מחמת קיין אַנדערע שולן זײַנען אין קוויבעק ניט פֿאַראַן. וויניפּעג איז אָבער אין דעם פּרט פּונקט ווי אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן: די „פּאַבליק־סקול" איז דאָ פֿרײַ פֿון יעטוועדער קירכלעכער השגחה.

בײַם אָנהייב זײַנען אין דער וויניפּעגער „טאָגשול" געווען בלויז די ערשטע עטלעכע קלאַסן („גרעידס"), נאָר ביסלעכווײַז זײַנען צוגעקומען נאָך און נאָך קלאַסן. פֿון 1942־1943־אָן געפֿינען זיך אין דער טאָגשול זיבן קלאַסן. אַגבֿ, האָט די שול־פֿאַרוואַלטונג מיט אַן אַכט יאָר צוריק געהאַלטן בײַם עפֿענען אויך אַן אַכטן קלאַס. אָבער היות ווי דער וויניפּעגער ייִדישער „וועלפֿעיר־פֿאָנד" סובסידירט לעצטנס דעם שול־בודזשעט, און בײַ דער מערהײַט פֿון יענע פֿירער הערשט נאָך אַלץ אַ געוויסע קעגנערשאַפֿט צו „טאָגשולן", איז דערפֿון גאָרניט געוואָרן. אויף אַזאַ אופֿן איז די וויניפּעגער פּרץ־פֿאָלקשול די לעצטע 18 יאָר אַ זיבן־יאָריקע שול, סײַ פֿאַר די קינדער פֿון דער „טאָגשול" און סײַ פֿאַר די קינדער פֿון דער „נאָכמיטאָגשול" (אָדער ווי מע רופֿט זי: „אוונט־שול").

ניט מער, וואָס די גראַדואַנטן פֿון דער „טאָגשול" טראָגן בדרך־כּלל אַרויס מער ייִדישע ידיעות איידער די גראַדואַנטן פֿון דער „נאָכמיטאָג־שול", פּשוט ווײַל זיי האָבן כּמעט צוויי מאָל אַזויפֿיל צײַט פֿאַר די ייִדישע לימודים: אין דער „אָוונטשול" לערנט מען פֿינף מאָל אַ וואָך צו אַנדערהאַלבן שעה, בעת אין דער „טאָגשול" לערנט מען ייִדישע לימודים פֿינף מאָל אַ וואָך צו צוויי־און־אַ־האַלבע שעה. דערצו איז די לערן־צײַט אין דער „טאָגשול" די נאָרמאַלע לערן־צײַט פֿאַרן קינד, ווען עס איז ניט פֿאַרמאַטערט. אויך איז דער באַזוך דאָ פֿיל נאָרמאַלער אַדאַנק דעם, וואָס זי טראָגט דעם כאַראַקטער פֿון אַ „פּאַבליק־סקול", וואו מען טאָר ניט דורכלאָזן, סײַדן אין פֿאַל פֿון קראַנקײַט. (אַגבֿ, די טעכנישע אָראַנזשירונג אין דער „טאָגשול" איז: אַ האַלבער טאָג ווערט אָפּגעגעבן פֿאַר די ייִדישע און אַ האַלבער טאָג פֿאַר די ענגלישע לימודים: איין קלאַס קען לערנען ייִדיש אין־דער־פֿרי און ענגליש נאָכ־מיטאָג, אַ צווייטער קלאַס פּונקט פֿאַרקערט.) עס פֿאַרשטייט זיך, אַז עס געפֿינען זיך פּאַראַלעלע קלאַסן אין שול. אַט האָבן מיר הײַנטיקס יאָר, אַשטייגער, געהאַט 13 טאָג־קלאַסן, און איבעראַיאָר וועלן מיר האָבן 14 טאָג־קלאַסן.

נאָכן גראַדואירן פֿון דער 7־יאָריקער עלעמענטאַר־שול טרעטן די תּלמידים און תּלמידות, סײַ פֿון „טאָגשול" און סײַ פֿון „אָוונטשול", אַרײַן

אין דער דריי־יאָריקער מיטלשול, וואָס פֿונקציאָנירט בלויז ווי אַן אָוונט־שול. די מיטלשול עקזיסטירט שוין פֿון 1925 אָן, באַלד נאָך דער ערשטער גראַדויִרונג פֿון דער עלעמענטאַר־שול. נאַטירלעך, איז דער פּראָצענט, וואָס באַזוכט די מיטלשול, אַ גאַנץ קלײנער, ספּעציעל זינט די שול איז געוואָרן אַ זיבן־יאָריקע. אַ וויכטיקער טעם דערפֿון איז טאַקע דער פֿאַקט, וואָס פֿאַר די גראַדואַנטן פֿון דער „טאָגשול" קומט־אָן אַפֿט אַביסל אומזיכער דאָס אַרײַנפּאַסן זיך אין „גרעיד 8" פֿון דער ענגלי־שער שול. זיי שרעקן זיך ספּעציעל די ערשטע צײַט פֿון צופּאַסן זיך צו דער פֿרעמדער (פֿאַר זיי) סבֿיבֿה. איז, פֿאַרשטייט זיך, דער ערשטער „קרבן" דער ווײַטערדיקער המשך פֿון די יידישע לימודים. לעצטנס ווערן, אַגבֿ, געמאַכט אָנשטרענגונגען צו באַנײַען בײַ די גראַדואַנטן דעם אינטערעס אין דער מיטלשול. עס זײַנען אַפֿילו געמאַכט געוואָרן הנחות בנוגע „צײַט". זיי קומען אין מיטלשול אָנשטאָט 5 מאָל, נאָר 3 מאָל אַ וואָך אויף 5 שעה, און עס ווערן געלערנט בלויז די הויפּט־לימודים: יידישע ליטעראַטור, העברעיִש, תנ״ך און יידישע געשיכטע. עס מערקט זיך אָן אויפֿלעבונג און ס'איז דאָ אַ האָפֿענונג, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועט די מיטלשול ווידער פֿאַרנעמען דאָס חשובֿע פּלאַץ אין דער דער־ציִונגס־אַרבעט פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־פֿאָלקשול ווי אַמאָל. הײַ־יאָר האָבן אין מיטלשול געלערנט קרובֿ צו 30 תּלמידים און תּלמידות.

די סיבה פֿאַרוואָס די „טאָגשול" איז אַזוי אויסגעוואַקסן, איז קודם־כל צו פֿאַרדאַנקען דער אָנערקענונג, וואָס די שול האָט זיך במשך פֿון די פֿיל יאָרן דערוואָרבן אין שטאָט. הײַנט למשל איז שוין מער ניטאָ די מורא מצד די עלטערן, אַז דער „ענגליש" פֿון דער פּרץ־שול קען חלילה שטערן די קינדער אין זייערע שפּעטערע קאַריערעס ווי פּראָפֿעס־יאָנאַלן. אָבער די צײַט האָט באַוויזן, אַז די אָנגעזעענסטע יידישע פּראָפֿעסיאָנאַלן פֿון שטאָט זײַנען פּראָדוקטן פֿון אונדזער „טאָגשול", און אַז ניט „אונדזער" ענגליש און ניט די יידישע לימודים האָבן זיי חלילה מיט עפּעס געשאַדט אין זייער פּערזענלעכן און געזעלשאַפֿטלעכן פּראָגרעס.

פֿון דער צווייטער זײַט אָבער זעט מען אינם וואוקס פֿון דער „טאָג־שול", וואָס אמת איז, אַ נעגאַטיווע דערשײַנונג: יידישע דערציִונג אָן אָנשטרענגונג, אָן קרבנות; דער מערהײַט פֿון די הײַנטיקע יונגע עלטערן פֿעלט די מאָראַלישע שטאַרקײַט צו קענען באַוועגן זייערע קינ־דער צו באַזוכן אין אָוונט אַ יידישע שול, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַ גאַנצן

טאָג פֿאַרבראַכט אין דער ענגלישער שול. אָבער אין דער „טאָגשול" דאַרפֿן די עלטערן ניט פֿירן אַ כסדרדיקן קאַמף מיט די קינדער זיי צו טרייַבן אין דער ייִדישער שול. די קינדער גופֿא פֿאַרשטייען, אַז אין דער „טאָגשול" מוז מען גיין, דאָס איז פֿאַר זיי אַזוי ווי אַ „פּאַבליק־סקול".

אין דער הייַנטיקער „טאָגשול" גייט מען דורך אַן אינטענסיוו קוריקולום פֿון ייִדישע און העברעישע לימודים. ווי אַן אילוסטראַציע ווערן די 12½ שעה אַ וואָך פֿון זעקסטן קלאַס אייַנגעטיילט אין דער דאָזיקער פּראָפּאָרציע: „ייִדיש און ייִדישע ליטעראַטור" — 3 שעה; „העברעיש" — 2½; „חומש" — 1½; „געשיכטע" — 1½; „סאָציאַלע לימודים" און „ייִדישער לעבנסשטייגער" — 1 שעה; „תּפֿילות" 1 שעה; „פּרקי־אָבֿות — 1 שעה; קלוב און געזאַנג — 1 שעה. אין דער זיבן־יאָריקער „אָונטשול" ווערט דאָס קוריקולום באַדייַטנדיק פֿאַרקירצט צוליב דוחק אין צייַט.

אין די לעצטע יאָרן מערקט זיך בייַ אונדז אַ באַדייַטנדיקע טענדענץ. אַז די „אָונטשול" ווערט פֿאַרקלענערט, בעת די „טאָגשול" ווערט כסדר פֿאַרגרעסערט. צוליב פֿינאַנציעלע טעמים קען אויך די „טאָגשול" צופֿיל ניט וואַקסן, ווייַל יעדעס מאָל, ווען עס דאַרף צוגעגעבן ווערן נאָך אַ „טאָג"־קלאַס (עס רעדט זיך אַפֿילו וועגן אַ פּאַראַלעלן קלאַס), באַגעגענען מיר שוועריקייַטן מצד דעם „וועלפֿער־פֿאָנד", וועלכער רעכנט זיך פֿאַרן פֿינאַנציעלן באַלעבאָס פֿון שול, מחמת ער איז פּאַקטיש פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן בודזשעט. און אַ „טאָג־קלאַס" איז, לויט זייַן חשבון, אַ גרויסע הוצאה: מ'דאַרף אויסהאַלטן צוויי לערער — אַן ענגלישן און אַ ייִדישן. חוצדעם מיינט עס נאָך אַ קלאַס־צימער, וואָס דאָס איז אויך אַ היפּשע הוצאה.

אין דער „טאָגשול" האָבן מיר אַזעלכע אחריותן, וואָס אין דער „אָונטשול" האָבן מיר זיי ניט. מיר זייַנען דאָ פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער גאַנצער דערציאונג פֿון קינד, ניט נאָר פֿאַרן ייִדישן טייל. אַ „טאָגשול" איז פֿאַר קינדער ניט נאָר אַ פּלאַץ אויף צו לערנען, נאָר אויך אויף אויסצולעבן זיך. דער שול־בנין מוז זייַן לויט די בוי־רעגולאַציעס פֿון די שטאָטישע שולן, מיט אַלע באַקוועמלעכקייַטן. דאָס שול־מעבל מוז זייַן פֿון בעסטן סאָרט, לויט די פֿאָדערונגען פֿון „סקול־באָארד". עס מוז אויך זייַן אַ גרויסער שול־הויף, מיט גימנאַסטישע מכשירים און אייַנריכטונגען, אויף צו שפּילן זיך אין דער הפסקה־צייַט. אין משך פֿון די לעצטע יאָרן האָבן מיר אייַנגעפֿירט אין דער „טאָגשול" „סעיפֿטי־פּאַט־

ראַלס", וואָס גיבן אַכטונג אויף די הונדערטער קינדער, וואָס דאַרפֿן אַריבערגיין די גאַסן נאָענט פֿון שול. מיר האָבן אויך איינגעפֿירט „פֿיזישע דערציאונג" מיט אַ ספּעציעל־אָנגעשטעלטן אינסטרוקטאָר. אין שול מוז זיך אויך געפֿינען אַ „נוירס" אויף אַכטונג צו געבן אויפֿן געזונט־צושטאַנד פֿון די קינדער. אין קלאַס 7 („דזשוניאָר הײַ־סקול") מוזן מיר לערנען די קינדער כאָטש איין האַלבן טאָג אין וואָך „האַנט־ווערקערײַ", נייען אָדער קאָכן, פֿאַר מיידלעך; און אַנדערע „מלאָכות" פֿאַר ייִנגלעך. אין די מערסטע ענגלישע לימודים באַנוצן מיר זיך מיט פֿילם־פֿאַסן, מיט מוזיק־פּלאַטעס און ראַדיאָ־פּראָגראַמען. אַגבֿ, די ענגלישע לימודים ווערן געפֿירט לויטן קוריקולום פֿון דער „פּאָבליק־סקול", אונטער דער השגחה פֿון אַ „סקול־אינספּעקטאָר" (אויך פֿאַר די ייִדישע לימודים איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פֿון פּרינציפּאַל און דעם „דערציאונגס־קאָמיטעט" אַ סיסטעמאַטיש קוריקולום). היות ווי די מערסטע קינדער קומען פֿון פֿאַרשיידענע געגנטן פֿון שטאָט, איז אויך דאָ אַ שאַרפֿע פּראָבלעם פֿון טראַנספּאָרטאַציע. יעדן פֿרימאָרגן און פֿאַרנאַכט זעט מען אַרום דער שול אַ גרויסע צאָל „טאַקסיס", וועלכע ברענגען די קינדער פֿון די ווײַטע געגנטן אין שול אַרײַן און פֿירן זיי שפּעטער אַפּ אַהיים. צוליב דער זעלביקער סיבה פֿון ווײַטן שטח מוז אויך אַ גרויסע צאָל קינדער בלײַבן יעדן טאָג אין שול אויף מיטאָג־עסן. מוז מען אויף זיי אַכטונג געבן אין דער מיטאָג־שעה. מיט איין וואָרט: אַ „טאָגשול" איז פֿאַרבונדן מיט אַ סך פּראָבלעמען, דער עיקר — מיט גרויסע הוצאות און שווערע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייטן.

פֿירן מיר אונטער אַ סך־הכל פֿון די „פּליוסן" און „מינוסן" פֿון אַ „טאָגשול", קענען מיר צו דער דיסקוסיע „טאָגשולן ווערסוס אָונטשולן" מאַכן די ווײַטערדיקע אויספֿירן:

א) אין דער „טאָגשול" זײַנען אָן־ספֿק פֿאַראַן גינסטיקערע באַדינגונגען פֿאַר בעסערע רעזולטאַטן און טעכנישע דערגרייכונגען בנוגע די לימודים איידער אין דער „אָונטשול". אויך הערשט דאָ מער געמיטלעכקײַט אין קלאַס. די קינדער נעמען־אויף דאָס לערנען אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן, און דער לערער האָט געניג צײַט אין זײַן רשות אויף איינצולעבן זיך מיט די קינדער.

ב) פֿון דער צווייטער זײַט טאָרן מיר זיך ניט איילן אונטערצושעצן דעם נאַציאָנאַל־דערציערישן ווערט פֿון דער „אָונטשול". דער פֿאַקט אַליין, וואָס די קינדער פֿון דער „אָונטשול" דאַרפֿן אין אַ געוויסער מאָס

זיך „מוסר־נפש" זײַן פֿאַר דער ייִדישער דערציִאונג און ברענגען פֿאַר איר געוויסע „קרבנות" אין דער פֿאָרעם פֿון דורכלאָזן געוויסע ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־פּראָגראַמען, טאַנץ־ און מוזיק־לעקציעס, אד"ג. דאָס האָט אין אַ געוויסן זין אַ טיפֿע ווירקונג אויף צו וועקן בײַ די דאָזיקע קינדער דאָס ייִדיש־נאַציאָנאַלע געפֿיל. חוץ דעם האָבן מיר גראָד פֿון די „אָונט־שולן" געהאַט אַ סך נחת אין די ערשטע „האָניק־יאָרן" פֿון אונדזער שול־אַרבעט. פֿון די „אָונטשולן" זײַנען אַרויסגעקומען אַ היפּשע צאָל ייִדישע לערער און געזעלשאַפֿטלעכע טוערס. וואָס נעמען ביזן הײַנטיקן טאָג אַן אַקטיוון אָנטייל אין היגן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

ג) ניט אומעטום איז די ייִדישע קהילה, לויט מײַן מיינונג, שוין איצ־טער גרייט צו נעמען אויף זיך די שווערע פֿינאַנציעלע אַחריות פֿון אויסהאַלטן אַ ייִדישן „טאָגשול"־וועזן. מיר ווייסן, צום באַדויערן, ווי די מערסטע ייִדישע שולן איבערן לאַנד דאַרפֿן זיך נאָך אַלץ ראַנגלען מיט זייערע באַשיידענע בודזשעטן פֿאַר אויפֿהאַלטן בלויז אָונט־קלאַסן, און די הוצאות פֿון אַ „טאָגשול" זײַנען אַן־אַן־ערך גרעסערע און שווערערע.

ד) אין יענע ערטער, וואו מ'האַלט בנוגע ייִדישע „טאָגשולן" ערשט בײַם סאַמע „בראשית", דאַרף מען וויסן, אַז עס וועלן זיך געפֿינען ווייניק עלטערן, וואָס וועלן גרייט זײַן צו „ריזיקירן" מיט דער אַלגע־מיינער דערציִאונג פֿון זייערע קינדער אין די ווענט און אונטער דער פֿולער השגחה פֿון דער ייִדישער שול. דערצו איז נייטיק אַ באַציִאונג פֿון אידעאַליזם און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזײַן מצד די ייִדישע עלטערן — אַ זאַך, וואָס מ'האָט געקענט גיכער געפֿינען מיט אַ דור און צוויי דורות פֿריער בײַ די פּיאָנערן פֿון דער ייִדישער שול. הייסט עס, אַז אַחוץ דער פֿראַגע פֿון פֿינאַנצן, איז צו דערוואַרטן אַ גרויסע שטערונג אינם אומ־צוטרוי, מצד געוויסע עלטערן, צו די דערציִערישע מעגלעכקײַטן פֿון דער ייִדישער „טאָגשול".

ה) רעאַליסטיש געקוקט אויפֿן מצבֿ פֿון די מערסטע ייִדישע דער־ציִאונגס־אינסטיטוציעס איבערן לאַנד, מוז מען אָננעמען, אַז דער ייִדי־שער שול אויפֿן היגן קאָנטינענט וועט נאָך באַשערט זײַן אַ גאַנץ לאַנגע צײַט צו פֿונקציאָנירן בלויז ווי אַ צוגאָב־שול. מען מוז אָבער אויך אײַנ־זען, אַז בײַ אַלע חסרונות זייערע זײַנען די דאָזיקע צוגאָב־שולן (אין דער פֿאָרעם פֿון „אָונטשולן") אין יענע ערטער דער צענטער פֿון ייִדישע אַקטיוויטעטן, קולטורעלע און געזעלשאַפֿטלעכע. איז פֿאַראַן אַ געפֿאַר, אַז דער לאָזונג פֿון „טאָגשולן"־דערציִאונג איז עלול אין אַזעלכע ערטער

אַרײַנצוברענגען צעטומלעניש און אומצופֿרידנקײַט מיט דער איצט־עקזיסטירנדיקער שול און אָפּצושוואַכן דעם ענטוזיאַזם צו אַרבעטן פֿאַר איר. אין אַזעלכע ערטער איז נאָך דער ענין „טאָגשולן" אין דער קאַטעגאָריע פֿון אַן אוטאָפּיע, וואָס קען ברענגען אומגעהויערן שאָדן דער רעאַלער אַרבעט פֿון דער עקזיסטירנדיקער „אָונטשול".

היוצא לנו מדבֿרינו: דאָס עפֿענען אַ „טאָגשול" פֿאָדערט פֿאָרזיכטיקע הכנות פֿון אַלע שטאַנדפּונקטן, סײַ בנוגע דעם מעגלעכן קינדער־מאַטעריאַל; סײַ בנוגע דער גרייטקײַט מצד די עלטערן ניט אַנטוישט צו ווערן באַלד בײַ די ערשטע שריט; און סײַ בנוגע די געלטמיטלען, וואָס די קהילה איז גרייט צו אַסיגנירן פֿאַר אַזאַ סאָרט שול. ערשט ווען די דאָזיקע באַדינגונגען זײַנען מער־ווייניק געזיכערט, ערשט דעמאָלט קען מען זיך פֿאַרגינען דעם לוקסוס פֿון אַ נאָרמאַלער ייִדישער „טאָגשול".

[פֿ. הערשטיין. רעפֿעראַט געהאַלטן בײַ אַ שולן־קאָנפֿערענץ
אין „אינדזער קעמפּ", יולי 1961]
(„ייִדישע דערציאונג", דעצ. 1962)

בײַ דער געלעגנהײַט איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז עטלעכע מאָל אין יאָר פֿלעגט קומען אין אונדזער „טאָגשול" אַ וויכטיקע פֿאַרשטייערין פֿון דער היגער „פּאַבליק־סקול סיסטעם", אין דער פּערזאָן פֿון ד״ר באַיס, אויף אינספּעקציע אין אונדזערע ענגלישע קלאַסן. זי איז געווען פֿאַראינטערעסירט: אינם מצבֿ פֿון די ענגלישע לימודים, אין דער דיסציפּלין־פּראָבלעם, אינם רעגולערן באַזוך, אד״ג... דערנאָך פֿלעגט זי האָבן אַ לענגערע זיצונג מיטן שול־פּרינציפּאַל וועגן אַלע וויכטיקע פּעדאַגאָגישע אַספּעקטן פֿון אונדזערע ענגלישע קלאַסן, ווי: קוריקולום, קוואַליפֿיקאַציעס פֿון די לערערינס, אד״ג.

זי פֿלעגט אָבֿ אויך באַמערקן, אַז איר קימערט ניט, וואָס פֿאַר די ענגלישע לימודים ווערט דאָ אָפּגעגעבן בלויז אַ האַלבן טאָג, מחמת אויך אין די „פּאַבליק־סקולס" גיט מען זיך ניט אָפּ דעם גאַנצן טאָג מיט פֿאַקטישע לימודים: מען דערציילט די קינדער מעשׂהלעך, מען שפּילט זיך מיט זיי, א.אַז.וו., און זי איז זיכער, אַז די ייִדישע לימודים פֿון צווייטן האַלבן טאָג דאָ, אין דער פּרץ־שול, האָבן פֿיל מער דערציערישן באַטײַט.

ט) דער סך־הכל פֿון מײַן ערשטער קאַדענץ אין דער וויניפּעגער פּרץ־שול

בײַם אָנהייב פֿונם קאַפּיטל „וויניפּעג" זײַנען אָנגעגעבן וויכטיקע דאַטעס אינם „בראשית"־פּעריאָד פֿון שול. איז איצטער בײַם סוף פֿונם

קאַפּיטל כדאי צוצוגעבן ווײַטערע הוספֿות במשך די פֿיר יאָר, וואָס איך בין מיט דער שול געווען פֿאַרבונדן.

מיטן הסכם פֿונם „דערציִאונגס־קאָמיטעט" האָב איך אויסגעאַרבעט אַ דעטאַליזירט קוריקולום פֿאַר די לימודים אין אַלע קלאַסן, וואָס נעמט אַרום:

1) אויסלערנען די קינדער רײדן, לײענען און שרײַבן ייִדיש.
2) באַקענען זײ מיט די בעסערע מוסטערן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.
3) אַרײַנפֿירן זײ ווי ווײַט מעגלעך אין דער העברעישער שפּראַך און אין חומש.
4) באַקענען זײ מיט דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק.
5) באַקענען זײ מיטן הײַנטיקן לעבן פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן.
6) באַקענען זײ מיט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען אין ייִדישן לעבן.
7) אַנטוויקלען בײַ זײ געפֿילן פֿון יושר און אַ ליבע צו פֿרײַהײַט.
8) אַנטוויקלען בײַ זײ דעם אידעאַליזם און די שטרעבונג צו גרויסע מעשׂים אינם קאַמף פֿאַר אַ בעסערער געזעלשאַפֿט.
9) אַנטוויקלען בײַ זײ אַ ליבע צו ארץ־ישׂראל ווי אונדזער היסטאָריש לאַנד.
10) פֿײַערן מיט זײ די ייִדישע ימים־טובֿים.

(באריכות ווערט דאָס קוריקולום איבערגעגעבן אינם „סאָוועניר־בוך" פֿון דער פּרץ־שול אין 1925).

* * *

איצטער אַ קורצן סך־הכל: אין משך פֿון די פֿיר יאָר איז די פּרץ־שול כסדר געוואַקסן, סײַ אין כמות און סײַ אין איכות — פֿון אַ 200 תלמידים אין 1924, זײַנען איצטער, אין 1928, פֿאַראַן אין שול העכער 450. אָבער פֿון נאָך אַ גרעסערער וויכטיקײַט איז דער פּרעסטיזש, וואָס די שול האָט זיך דערוואָרבן אין דער היגער ייִדישער קהילה ווי אַן ערנסטע, פּראָגרעסיווע, דערציִאונגס־אינסטיטוציע, מיט אַ פּאָזיטיווער באַציִאונג צו אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן, סײַ אין ייִדיש און סײַ אין העברעיש; סײַ אין שייכות צום גלות־נאַציאָנאַליזם און סײַ צום אַרבעטער־ציוניזם. כ'וועל זיך ניט דערוועגן צו זאָגן, אַז דאָס איז אַלץ דערגרייכט געוואָרן אין מײַן זכות, כאָטש אַ שטיקעלע חלק האָב איך יאָ געהאַט אין דעם „באַרג־אַרויף" פֿון דער שול. איך האָב, וואָס אמת, די גאַנצע פֿיר יאָר צײַט געהאַט דעם פֿולן צוטרוי און די חבֿרישע מיטהילף פֿון דער ענערגישער און באַוואוסטזיניקער שול־פֿאַרוואַלטונג — חבֿרים, וואָס זײַנען געווען גרייט אויף אַלע אָנשטרענגונגען אַבי צו פֿאַרבעסערן דעם פּעדאַגאָגישן מצבֿ פֿון שול.

פֿונדעסטוועגן האָב איך בײַם סוף פֿון פֿערטן יאָר באַשלאָסן, צוליב רײַן־פּערזענלעכע מאָטיוון צו פֿאַרלאָזן וויניפּעג. אָבער די דאָזיקע פֿיר יאָר האָבן אויף מיר, הפּנים, געווירקט ווי אַ כּישוף: איך האָב במשך לאַנגע יאָרן נאָכדעם זיך ניט געקענט באַפֿרײַען פֿון „קלאַס־צימער״.

* * *

יאָ, אין דער לעצטער מינוט האָט זיך געשאַפֿן אַ לאַגע, אַז איך האָב נאָך אַלץ ניט געקאָנט צוריקפֿאָרן קיין ניו־יאָרק, די שטאָט וואָס איך האָב זייער ליב געהאַט און וואו איך האָב געהאַט איבערגעלאָזט אַ היפּשע צאָל טײַערע חבֿרים. וואָס האָט פּאַסירט? — פֿון קאַלגאַרי, אַן 800 מײַל נאָך ווײַטער פֿון וויניפּעג, איז געקומען חבֿר חיים אײַזנשטיין, אַן אמתער חובֿבֿי־ייִדיש, מיט אַ שליחות מצד אַ גרופּע חבֿרים, אויך ייִדיש־ליב־האָבערס, אַז די וויניפּעגער פּרץ־שולטוער זאָלן זיי העלפֿן עפֿענען אין זייער שטאָט אַ ייִדישע שול לויטן מוסטער פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־שול. זיי האָבן שוין אַפֿילו רעגיסטרירט אַ צאָל קינדער און געשאַפֿן אַ פֿינאַנציעלן פֿאָנד ווי אַן התחלה. זיי דאַרפֿן אָבער אַ פֿעיִקן פּרינציפּאַל, וואָס זאָל זיי העלפֿן פֿאַרווירקלעכן זייער פּלאַן. נאָר וואו נעמט מען אַזאַ מענטשן?

האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פֿון באַראַטונגען און זיצונגען צווישן דער שול־פֿאַרוואַלטונג און דעם לערער־פּערסאָנאַל. „קהל״ האָט לסוף באַשלאָסן צו ווירקן אויף הערשטיינען אָפּצולייגן זײַן צוריקקער קיין ניו־יאָרק אויף נאָך אַ יאָר און אין דער צווישנצײַט בעסער העלפֿן די קאַלגאַרער חובֿבֿי־ייִדיש צו אָרגאַניזירן זייער שול. האָב איך גענומען ערנסט דעם אַפּיל פֿון דעת־הקהל צו פֿאָרן קיין קאַלגאַרי מיטן תּנאַי צו זײַן דאָרטן בלויז איין יאָר כּדי מיטצוהעלפֿן דעם געבורט פֿון אַ נײַער ייִדישער שול.

האָט זיך עס אײַנגעגעבן? — מיר וועלן זען אַביסל שפּעטער.

* * *

מײַן געזעגענען זיך מיט דער וויניפּעגער פּרץ־שול

„אַ שיינער באַנקעט לכּבֿוד פּ. הערשטיין, פּרינציפּאַל פֿון י. ל. פּרץ־שול פֿאַר די לעצטע פֿיר יאָר, איז דורכגעפֿירט געוואָרן מיטוואָך אָוונט אין פּרץ־שול. אַרום 50 געסט, נאָענטע טוער און לערער פֿון שול, זײַנען געווען אָנוועזנד.

פֿ. הערשטיין פֿאָרט איצט אָפּ קיין קאַלגאַרי, וואו ער האָט אָנגענומען דעם אַמט פֿון לערער און אָרגאַניזאַטאָר פֿאַר דער נײַער י. ל. פּרץ־שול, וואָס ווערט דאָרט איצט געעפֿנט.

די רעדנער בײַם באַנקעט, אויסדריקנדיק אָנערקענונג צו פֿ. הערשטיין פֿאַר זײַנע וויכטיקע אויפֿטועון פֿאַר דער שול דאָ, האָבן אויך אויסגעדריקט זייער צופֿרידנקײַט דערמיט, וואָס ער זעצט־פֿאָר ווײַטער זײַן אַרבעט אויף דעם זעלבן שול־געביט און פֿאַרבלײַבט מיט אַ שוועסטער־שול פֿון דער וויניפּעגער י. ל. פּרץ־שול.

פֿאָרזיצער פֿונם אָוונט איז געווען י. א. טשערניאַק, איצטיקער פֿאָרזיצער פֿון דער שול־עקזעקוטיווע".

(נאָטיץ אין „ד. ייד. וו.", וויניפּעג, סוף יוני, 1928)

* * *

יאָ, איך האָב אָנגענומען די שטעלע אין קאַלגאַרי. אָבער איידער איך בין אַהין געפֿאָרן עפּעס דאָרטן די פּרץ־שול, בין איך ווי אין די פֿריערדיקע זומערס אָוועק אויף זעקס וואָכן צײַט אין דער זומער־שול פֿון מאַניטאָבאַ־אוניווערסיטעט כדי דאָרט אויפֿצונעמען נאָך עטלעכע לימודים. קומט איינמאָל אין אַן אָוונט אַרײַן צו מיר אין צימער חבֿר טשערניאַק. ער וויל מיך אַביסל אַרומפֿירן אין זײַן אויטאָמאָביל, כדי איך זאָל זיך בײַ דער געלעגנהײַט באַקענען מיטן נײַעם פּרינציפּאַל פֿון אונדזער שול. „זייער פֿײַן! הגם קיין סך צײַט קען איך דערויף איצט ניט אָוועקגעבן, מחמת איך מוז הײַנט אָוונט אַרבעטן אויף מײַנע עקזאַמענס, וואָס דאַרפֿן אָפּגעהאַלטן ווערן מאָרגן און איבערמאָרגן".

גוט, איך האָב זיך באַקענט מיטן נײַעם פּרינציפּאַל ד"ר י. שאַפּיראָ, און זײַן ערשטע באַמערקונג איז געווען: „חבֿר הערשטיין, איך בין שוין דאָ העכער אַ וואָך אין וויניפּעג און איך קען אײַך איבערגעבן, אַז איך וואָלט זיך געווונטשן, אַז ווען מײַן צײַט וועט אַמאָל קומען צו פֿאַרלאָזן די וויניפּעגער פּרץ־שול, זאָלן די חבֿרים און עלטערן פֿון שול מיר נאָכזאָגן אַזעלכע פֿײַנע שבֿחים, וואָס זיי זאָגן וועגן אײַך". פֿאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער גרוס האָט מיך זייער געפֿרייט...

באַלד נאָך מײַנע עקזאַמענס האָב איך טעלעפֿאָנירט די שול־חבֿרים אין קאַלגאַרי, אַז איך וועל צו זיי קומען ערשט אין אַ פֿיר טעג אַרום, מחמת מײַן ברודערס פֿרוי מיט די צוויי גרויסע בחורים זײַנען נאָר וואָס אָנגעקומען פֿון פּוילן, מוז איך זיי העלפֿן אײַנאָרדענען זיך, ווי עס

באַדאַרף צו זײַן. אַ הויז און מעבל האָב איך צוזאַמען מיט מײַן ברודער שוין געהאַט צוגעגרייט פֿון פֿריער. אַזוי־ערנאָך קען איך שוין מיט אַ באַרואיקט געמיט איצטער פֿאָרן קיין קאַלגאַרי.

סוף־כּל־סוף פֿאַרלאָז איך וויניפּעג. זײַט געזונט, טײַערע טוער און לערער, תּלמידים און תּלמידות פֿון דער אידעאַלער פּרץ־שול! ווינטשט מיר גליק אויף מײַן נײַער שטעלע!

פֿ. ה.

קאַפּיטל 5

קאַלגאַרי

א) קאַלגאַרי — אויף דער מאַפּע פֿון יידיש־וועלטלעכע שולן

זאָל זײַן מיט מזל! עס דערמאָנען זיך די געפֿילן און געדאַנקען, מיט וועלכע איך בין אין מיטן אויגוסט 1928 געפֿאָרן קיין קאַלגאַרי כּדי דאָרטן צו עפֿענען אַ פּרץ־שול לויטן מוסטער פֿון דער פּרץ־שול אין וויניפּעג. אַ געוועזענער תּושבֿ פֿון קאַלגאַרי, וועלכער וואוינט איצט אין וויניפּעג, האָט מיר בײַם געזעגענען זיך מיט אים באַמערקט: „איר פֿאָרט צו זייער אַ פֿײַנער גרופּע יידן, וועלכע וועלן אָפּשאַצן מיט וואַרעמקײַט אַלץ, וואָס איר וועט טאָן פֿאַר זיי, ווײַל דידאַזיקע מענטשן זײַנען פּשוט אויסגעהונגערט נאָך אַ יידיש־קולטורעלער סבֿיבֿה. פֿונדעסטוועגן קען פֿון מײַן זײַט אײַער שריט באַטראַכט ווערן ווי אַ ירידה: פֿון אַ פּרינצי־פּאַל אין אַזאַ גרויסער שול אין „ירושלים דקאַנאַדע" צו דער מדרגה פֿון אַ פּרינציפּאַל ערגעץ אין אַ פּראָווינץ־שטאָט". מיך גופֿא האָט דווקא גע־רייצט דאָס געפֿיל, וואָס איך וועל דאָרטן, אין דער „פּאַרוואַרפֿענער" קאַלגאַרי, האָבן אַ געלעגנהײַט אויסצונוצן מײַנע פֿיר־יאָר פּעדאַ־גאָגישער דערפֿאַרונג אין וויניפּעג און דאָ באַשאַפֿן אַ „יש־מאין"...

געמיינט האָב איך לכתחילה, אַז איך וועל דאָ האָבן אַ „שולעכל" פֿון אַ 20־25 קינדער לויטן מוסטער אין טייל אָרעמע געגנטן אין ברוקלין, ניו־יאָרק, און איך וועל קענען אָנפֿירן די שול אַליין, אָן אַ געהילף. לסוף, אַזוי גיך ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די „רעגיסטראַציע", האָט מען גע־בראַכט קינדער, יינגערע און עלטערע, פֿון אַלע זײַטן. איז גלײַך אויפֿגע־שוואומען די פּראָבלעם: וואו קריגט מען אַ געהילף? האָבן זיך אָנגע־הויבן באַראַטונגען און זיצונגען, ביז מ'האָט זיך געווענדט צו דער גרוי־סער שול אין וויניפּעג. האָבן יענע יידן אויסגעדריקט פּאַראיבל אויף מײַן חשבון: „הערשטיין דאַרף וויסן, אַז מיר גופֿא האָבן אַ דוחק אין לערער, מחמת אונדזער שול האַלט אין איין וואַקסן..."

איז מיר אײַנגעפֿאַלן זיך צו ווענדן צו אַ פֿאַמיליע אין וויניפּעג, וועמענס טאָכטער, אַ יונגע מיידל, מײַנע אַ תלמידה, וואָס האָט נאָר־וואָס פֿאַרענדיקט צוויי יאָר מיטלשול. איר מומע (איר מוטערס אַ שוועסטער), וואוינט אין קאַלגאַרי, און די מיידל, חנה, וואָלט זיך בײַ איר געפֿילט ממש ווי אין דער היים. קורץ, עס האָט זיך אײַנגעגעבן. די עלטערן און חנה גופֿא האָבן מיט צופֿרידנקײַט צוגעשטימט, אַז זי זאָל קומען קיין קאַלגאַרי ווי אַ לערערין אין דער נײַ־געגרינדעטער פֿרץ־שול. זייער פֿײַן! אָט־די חנה ברענגט מיט זיך אַ שיין ביסל ייִדישע שול־דערפֿאַרונג. זי איז אַ ליבהאָבערין פֿון יונגע קינדער, שפּילט פּיאַנאָ זייער פֿײַן און קען אַ צאָל ייִדישע שול־לידער. הייסט עס: אַ פּאַסיקע געהילף־לערערין מיט אַלע מעלות, ספּעציעל פֿאַר ייִנגערע קינדער.

מיר האָבן נאָך פֿריער געהאַט געדונגען צוויי שיינע קלאַס־צימערן אין אַ שטאָטישער „קאָמערציעלער הײַסקול". די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן מזלדיק. אַלע זײַנען געווען צופֿרידן. די איינציקע אומצופֿרידענע אין שטאָט זײַנען פֿאַרשטייט זיך געווען די ייִדן, וועלכע האָבן זיך מתעסק געווען מיט דער דאָרטיקער „תלמוד־תורה". עס האָט גע־הערשט בײַ זיי אַ באַרעכטיקטע מורא, אַז די „נײַע" ייִדישע שול וועט האָבן אַ שטאַרקערע אַטראַקציע בײַם קליינוואַרג, און אַפֿילו בײַ די דער־וואַקסענע, וועלכע האָבן געהאַט געמיינט, אַז ייִדיש איז שוין „טויט"...

* * *

די שול־פֿאַרוואַלטונג האָט אָנגעהויבן אָפּצוהאַלטן זיצונגען אין פּריוואַטע היימען כמעט יעדע וואָך. זייער צופֿרידנקײַט איז געוואַקסן פֿון זיצונג צו זיצונג. שול־עלטערן האָבן זיך פֿרײַוויליק אָנגעשלאָסן אין דער פֿאַרוואַלטונג. מ'האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די עלטערן ברענגען אַליין דעם שׂכר־לימוד מיט פֿאַרגעניגן. מ'דאַרף זיי ניט מאָנען אָדער דערמאָנען.

אָט־די אַלע גוטע גרויסן האָבן מיך זייער דערמוטיקט. דאָס לערנען אין די קלאַסן איז בהדרגה אײַנגעשטעלט געוואָרן אויף זייער אַ פֿײַנעם אופֿן, און די לימודים זײַנען אָנגעגאַנגען בסדר, מיט טעקסט־ביכער און אַביסעלע היימאַרבעט. באַלד נאָך די ימים־נוראים האָב איך ערנסט אַ טראַכט געטאָן אָנצוהייבן ביסלעכווײַז צוגרייטן אַן עפּנטלעכע חנוכּה־פֿײַערונג. אָבער קיין געזאַנג־לערער ווי אין וויניפּעג האָבן מיר, פֿאַר־שטייט זיך, דאָ ניט געהאַט. האָב איך אָרגאַניזירט מיט די גרעסערע קינ־

דער אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער. מיר האָבן אָנגעשטעלט דערפֿאַר אַן אויסגעצייכנטע מוזיק־לערערין, וועלכע האָט געטאָן די אַרבעט בשלימות, מיט אַמתער איבערגעגעבנקייט. איך האָב איר צוגעשטעלט יידישע מוזיק־בויגנס און זי האָט זיך מאָמענטאַל גוט אָריענטירט אַזוי, אַז אין אַ קורצער צײַט אַרום האָבן מיר שוין כמעט פֿאַרמאָגט אין שול אַ „מוזיקאַלישן" אָרקעסטער, וואָס האָט ווי־עס־איז געקענט אַרײַנברענגען אַ ביסל פֿרייד בײַ אונדזערע שול־שמחות.

דער אמת איז, אַז חנה, מײַן געהילף־לערערין, האָט פֿיל בײַגע־טראָגן צו אַלע דערגרייכונגען אין שול־לעבן, מחמת זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פֿון דער גרויסער שול אין וויניפּעג דעם אינטערעס און די פֿרייד צו שאַפֿן אַרום דער שול אַן אַטמאָספֿער פֿון יום־טובֿדיקייט.

מיר האָבן די צוגרייטונגען פֿאַר דער חנוכה־פּײַערונג אויסגענוצט ווי אַ פּראָיעקט פֿון שול־אַרבעט מיט חנוכה־מאַטעריאַל: פּאַעמעלעך פֿאַר די אַכט ליכטעלעך און דעם שמש (ווי אַ חנוכה־לעמפּל) און אַ צאָל אַנדערע דעקלאַמאַציעס פֿון טעקסטביכל, און אַפֿילו אַ קליינע חנוכה־שפּיל. די עלטערן, וועלכע האָבן נאָך געדענקט אַ ביסל יידיש פֿון זייערע קינדער־יאָרן, פֿלעגן אײַנחזרן מיט זייערע קינדערלעך אין דער היים די געגראַמטע שורות. סײַ־ווי־סײַ, מיר האָבן באַשאַפֿן אַ חנוכה־אַטמאָספֿער ניט נאָר פֿאַר די קינדער, נאָר אויך פֿאַר אַ טייל עלטערן.

ווי אַזוי די חנוכה־פּײַערונג איז דורכגעגאַנגען, וועלן מיר לייענען פֿון אַ צווייטער אַרבעט. מיר האָפֿן, אַז מיר וועלן האָבן צו באַריכטן וועגן אַ היפּש ביסל „נחת פֿון קינדער"...

פּ. ה.

ב) די חנוכה־פּײַערונג זייער אַ געלונגענער פּראָיעקט

אַן אמתער פֿאָלקס יום־טובֿ איז דאָס געוועזן! די „פּני" פֿון דער יידישער קהילה האָבן טאַקע געגלאַנצט מיט זייער אָפּוועזנקייט, דער־פֿאַר אָבער האָבן ניט פֿאַרפֿעלט צו קומען די פּראָסטע יידן, עמך, די פּשוטע פֿאָלקס־מענטשן, וועלכע זײַנען גאַנץ ערלעך מיט זייער אינטע־רעס צו יידישער קינדער־דערציאונג און אונדזער געזעלשאַפֿט־לעכקייט. זיי האָבן די נײַע יידישע שול ליב געקראָגן מיטן גאַנצן האַרצן. האָבן זיי טאַקע געהאַט אַ סך פֿאַרגעניגן, און דער ערשטער קינדער־

אויפֿטריט פֿון דער נײַ־געגרינדעטער פּרץ־שול וועט זײַ זיכער אויף לאַנג בלײַבן אין זכּרון.

אין משך פֿון גאַנצן קאָנצערט, וועלכער האָט געדויערט העכער צוויי שעה, האָט מען געקאָנט כסדר זען, ווי גליקלעך דער פֿאַרזאַמלטער עולם האָט זיך געפֿילט. ממש אַ קינדערשע פֿרייד האָט אַלעמען באַהערשט יעדעס מאָל, ווען די „קלײנע חבֿרה" האָבן זיך באַוויזן אויף דער בינע. מ'האָט ערשט געקענט זען, וואָסער קראַפֿט אָט־דאָס קלײנוואַרג באַזיצט, כּדי די „גרויסע" זאָלן זיך דורך זײ מיטאַמאָל פֿילן גײַסטיק דערהויבן: באַשר קינדער האָבן שיין דעקלאַמירט ייִדישע פּאָעמעלעך, פֿריילעך געזונגען, ריטמיש געטאַנצט, אָדער לעבעדיק געשפּילט עפּעס אַן אַקט! דערפֿאַר די שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן באַגלײט יעדן דורכגעפֿירטן נומער. דער עולם האָט געשטוינט: ווען האָט די יונגע פּרץ־שול שוין צײַט געהאַט אויפֿצוטאָן אַזוי פֿיל גוטע אַרבעט?! די ייִדישע שפּראַך האָט דאָך די גאַנצע צײַט חנעוודיק געקלונגען אין די קינדערשע מײַלעכלעך!

עס איז קײן ספֿק ניט, אַז דורכן דאָזיקן קאָנצערט האָט די ייִדישע שול אָפּגעהאַלטן אַ מאָראַלישן ניצחון. דער עולם האָט ערשט דערזען, וואָס אַ מאָדערנע ייִדישע שול מײנט פֿאַר דער דערציאונג פֿון אונדזער יונגן דור. איצט נאָכן קאָנצערט הייבט ערשט אָן דער היגער עולם צו קומען צו זיך פֿון די מאָסן רכילותן, וואָס מ'האָט אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע עטלעכע חדשים ניט אויפֿגעהערט צו פֿאַרשפּרייטן צווישן דער היגער ייִדישער באַפֿעלקערונג וועגן דער פּרץ־שול...

אָפּגעהאַלטן געוואָרן איז דער קאָנצערט אין „מעמאָריאַל האָל", זייער אַ גרויסער זאַל אין סאַמע צענטער פֿון שטאָט. פֿרעגט זיך: פֿאַר־וואָס האָט מען עפּעס גענומען אַזאַ גרויסן זאַל? ווי גרויס איז דען דאָ די גאַנצע ייִדישע קהילה? און ערשט זײַנען דאָך ניט אַלע קײן פּרץ־שול ייִדן: עס זײַנען דאָך פֿאַראַן גענוג תּלמוד־תּורהניקעס און אויך — גאָר אַ נײַ באַשעפֿעניש — „חדרניקעס"! יאָ, מ'האָט געדונגען אַזאַ גרויסן זאַל פּשוט דערפֿאַר, ווײַל ערגעץ־אַנדערש האָבן די לערער ניט געהאַט וווּ אָפּצוהאַלטן די עטלעכע רעפּעטיציעס מיט די קינדער. די פּרץ־שול פֿאַרוואַלטונג האָט זיך לכתּחילה גערײכנט, אַז דער זאַל וועט זײַן כּמעט אַ ליידיקער. דער לערער האָט מיט אַ טאָג פֿריער געהאַט אָנגעזאָגט דעם אויפֿזעער פֿון זאַל, אַז ער זאָל אויסשטעלן בלויז אַ פּאָר שורות בענקלעך אין צענטער פֿון זאַל. איז דער אויפֿזעער, הפּנים, געווען „פֿאַר־

טרונקען" און האָט דווקא אויסגעשטעלט בענק איבערן גאַנצן זאַל. ווײַזט זיך אַרויס, אַז מ'קאָן גאָרניט אָפּשאַצן קיין ייִדישע נשמות: גע־קומען צום קאָנצערט, איז דער זאַל געווען כמעט אַ פֿול־געפּאַקטער. ס'איז, זעט אויס, שווער געווען פֿאַר ייִדן צו פֿועלן בײַ זיך צו בלײַבן אין דער היים אין טאָג פֿון אַזאַ שיינעם פֿאָלקס יום־טובֿ אין שטאָט. און באמת, בלויז אַ קוק געבנדיק אויף דעם גרויסן זאַל מיט ייִדן, מענער, פֿרויען און קינדער, האָט מען געהאַט דעם אײַנדרוק פֿון אַ שיינער ייִדישער דעמאָנסטראַציע.

געעפֿנט די פֿאַרזאַמלונג האָט חבֿר ל. פּאַפּערני, דער פּרעזידענט פֿון דער פּרץ־שול. אין אַ קורצער זאַכלעכער רעדע האָט ער דער־קלערט די היסטאָרישע באַדײַטונג פֿון חנוכּה. ער האָט זיך אויך אָפּגע־שטעלט אויף דער דערציִערישער אויפֿגאַבע פֿון דער פּרץ־שול, אָנווײַזנדיק אויף די שוועריקײַטן, וואָס זי האָט געהאַט צו באַקעמפֿן במשך די עטלעכע מאָנאַטן זינט איר עקזיסטענץ, און באַגריסנדיק די לערער, וואָס אין אַזאַ קורצער צײַט האָבן זיי די שול־אַרבעט זייער גוט אַוועקגעשטעלט.

באַלד האָט זיך אויפֿגעהויבן דער פֿאָרהאַנג און דורך דער בינע האָבן אָנגעהויבן דורכמאַרשירן ווי יונגע „קעמפֿער" אַלע קינדער פֿון דער פּרץ־שול, זינגענדיק דערבײַ דעם „שול־מאַרש", טראָגנדיק ווײַס־בלאָע פֿענדלעך מיט די אויפֿשריפֿטן פֿון די פֿיר עקזיסטירנדיקע קלאַסן. שוין דער „מאַרש" איז געווען אַן אָנזאָג פֿון אַ שיינעם גוט־אָרגאַניזירטן קאָנצערט, וואָס עס דערוואַרט דעם עולם. גאָר גיך האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דאָס פֿאָרגעפֿיל האָט ניט אָפּגענאַרט: אין די געציילטע רגעס, וואָס דער פֿאָרהאַנג איז געווען אַראָפּגעלאָזט נאָכן „מאַרש", האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויס אין דער פֿאָרעם פֿון אַ שיין בילד דער שול־כאָר: אַ 45 קינדער! מיט אַ מוסטערהאַפֿטער און ערנסטער רואיקײַט זײַנען די קינדער געשטאַנען גרייט אָנצוהייבן צו באַשיינען דעם גרויסן יום־טובֿ מיט זייער געזאַנג.

זעקס לידלעך זײַנען געזונגען געוואָרן — דער שול־הימן; „אָ, איר קליינע ליכטעלעך"; „ברוך אתה"; „אונדזער ליד"; „ווער בראָנעוועט און פּיטערט"; „חנוכּה, אָ, חנוכּה". — דאָס געזאַנג האָט זייער אויסגענומען בײַם עולם. קאַלגאַרי האָט נאָך קיינמאָל פֿריער אַזאַ קינדער־כאָר ניט געהערט! עס האָבן זיך אַפֿילו געמערקט גוטע קינדער־שטימען. עס איז געווען איבערראַשנדיק די כאָראַלע דיסציפּלין און האַרמאָניע, וואָס די

קינדער האָבן אַרויסגעוויזן. אַלע לידלעך זײַנען געזונגען געוואָרן מיט אַ באַזונדערן חן, מיט אַ פֿײַערלעכער יום־טובֿדיקײַט. בכלל איז דער כאָר געווען אַן איבערראַשונג אַפֿילו פֿאַר די שולטוער, וואָס פֿלעגן אָפֿט קומען אין שול אַרײַן און דאָרטן הערן די קינדערלעך זינגען: „אויף אַזוי גוט האָבן מיר זיך ניט גערעכנט!" קיין וואונדער ניט, וואָס דער כאָר איז אַרויסגערופֿן געוואָרן עטלעכע מאָל.

נאָך אַ געלונגענער שיינער דעקלאַמאַציע פֿון אַ יונגער שילערין, איז אויפֿגעטראָטן מיט צוויי נומערן דער ניט־לאַנג געגרינדעטער מאַנדאָלין־אָרקעסטער. קיינער האָט זיך ניט געקענט גלויבן, אַז אין אַזאַ קורצער צײַט — אין משך פֿון אַכט וואָכן — זאָלן זיך קינדער שוין האָבן אויסגעלערנט צו באַהערשן אַן אינסטרומענט. הפּנים, דאָרט וואו ס'איז דאָ דער ווילן און די אָרגאַניזאַטאָרישע האַנט, איז קיין זאַך ניט אוממעגלעך.

גאָר אַ סך פֿרייד האָט פֿאַרשאַפֿט דעם עולם דער קומענדיקער נומער: „אַ האַלבע שעה קלאַס־אַרבעט". דאָס איז געווען אַ בילד אַזאַ פֿון די צוויי ייִנגסטע קלאַסן פֿון שול, איין קינד האָט געשפּילט די ראָל פֿון אַ לערערין און האָט אָנגעפֿירט מיטן קלאַס. דער עולם האָט דאָ מער ווי פֿון די אַנדערע נומערן געקענט זען אויף אַ דירעקטן אופֿן, וואָס און ווי־אַזוי עס ווערט געלערנט אין דער מאָדערנער ייִדישער שול. ס'איז געווען אַ חיות צו הערן פֿון די גאָר קליינינקע די פֿאַרשיידענע שיינקלינגענדיקע דעקלאַמאַציעס: קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע. ערשט די שפּילן, די שיינע לידלעך! דערבײַ האָבן זיך די קינדער געהאַלטן אַזוי לעבעדיק, אַזוי פֿרײַ. אַפֿילו פּשוטע מענטשן, ניט קיין לערער, האָבן געקענט אָפּשאַצן דעם גרויסן דערציִערישן ווערט פֿון די מעטאָדן, וואָס ווערן באַנוצט אין דער נײַער ייִדישער שול. יעדער איינער האָט געקענט פֿילן אין יענעם מאָמענט, אַז אָט־די פֿרײַקײַט און לעבעדיקײַט, וואָס די קינדער האָבן אַרויסגעוויזן, זײַנען אַן אַנטפּלעקונג פֿון שעפֿערישע כּוחות, וואָס זײַנען באַהאַלטן אין די יונגע נשמהלעך. נאָכן דאָזיקן נומער זײַנען די לערערין חנה און די קינדערלעך באַשאָנקען געוואָרן פֿון דער שול־עקזעקוטיוו מיט צוויי רײַכע בוקעטן בלומען.

דערנאָך האָט חבֿר פּ. הערשטיין, דער פּרינציפּאַל פֿון דער שול, געהאַלטן אַ קורצע רעדע, אין וועלכער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער באַדײַטונג פֿון חנוכּה פֿאַרן הײַנטיקן ייִדן און אויף די ענדערונגען, דירעקטע און אומדירעקטע, וואָס די ייִדישע שול ברענגט אַרײַן אין

ייִדישן לעבן פֿון אַמעריקע און קאַנאַדע: — „ביסלעכווײַז ווערט פֿאַרטריבן פֿון דער ייִדישער גאַס די פּוסטקייט און עם־האַרצות, וואָס די פֿאַרגרעבטע אַסימילאַציע האָט מיט זיך געהאַט געבראַכט. די ייִדישע שול בלאָזט אַרײַן אַ נײַעם אינהאַלט און אַ נײַעם גײַסט אין אונדזער לעבן. די ייִדיש־וועלטלעכע שול איז דאָס הײַנטיקע סימבאָלישע „חנוכּה־ליכטעלע", וואָס ניט נאָר עס וועט קיינמאָל ניט פֿאַרלאָשן ווערן, נאָר אַדרבא, עס וועט נאָך אַרײַנברענגען אַ סך וואַרעמקייט און ליכטיקייט אין לעבן פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן. די טוער, די לערער, און די תּלמידים פֿון דער נײַער ייִדישער שול זײַנען עס די „חשמונאָים" פֿונם 20סטן יאָרהונדערט!" — חבֿר הערשטיין איז דעמאָלט באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ רײַכן בוקעט בלומען.

דערנאָך איז אַ גרופּע פֿון אַכט מיידלעך אויפֿגעטראָטן אין אַ שיינעם פֿאָלקס־טאַנץ — „די מילך־מיידלעך און די דאָרפֿישע ייִנגלעך". אויך האָט איין מיידל געטאַנצט אַן אַראַבישן טאַנץ. ביידע טענץ זײַנען געווען זייער געלונגען. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז מיר פֿאַרמאָגן אין דער ייִדישער שול מיידלעך, וואָס זײַנען אויך זייער פֿעיִק צו טאַנצן, אַגבֿ, האָבן דאָס די שולטוער שוין גאַנץ גוט אין זינען, אַז אַזוי גיך, ווי די שול וועט האָבן אַן אייגענע „היים", זאָל בײַ דער שול עקזיסטירן אויך אַ טאַנץ־קלאַס.

דאַן האָט חבֿר הערשטיין פֿאַרגעלייענט צוויי באַגריסונגען פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־שול: איין באַגריסונג פֿון אַ קינדער־קלוב, די צווייטע פֿון לערער־ראַט. דער עולם האָט אויפֿגענומען אַט־די באַגריסונגען מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. הפּנים, עס האָט אַלעמען געשמייכלט דער פֿאַקט, וואָס אַפֿילו אין דער „גרויסער" שול אין וויניפּעג פֿרייט מען זיך אויך מיט אונדזער הײַנטיקן יום־טובֿ. דער לעצטער נומער פֿון קאָנצערט איז געווען אַן איינאַקטער „חנוכּה־געלט" פֿון שלום־עליכמען, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט נײַן קינדער פֿון עלטערן קלאַס — קלאַס ג'. דער אַקט איז געשפּילט געוואָרן לעבעדיק און פֿריילעך. עס האָט זיך געהערט אַ גוטע דיקציע, און די שפּילער האָבן אַרויסגעוויזן אַ גוטע פֿאַרשטענדעניש פֿון די כאַראַקטערן און פֿון דער גאַנצער זאַך. זיי האָבן זיך געהאַלטן פֿרײַ און באַוועגלעך די גאַנצע צײַט פֿון שפּיל. אויף דעם עולם האָט דער „אַקט" געמאַכט זייער אַ גוטן אײַנדרוק.

בײַם סוף האָט מען די לערער דערלאַנגט חנוכּה־מתּנות מצד די קלאַסן און מצד איינצלנע קינדער. אויך האָט דער מוטער־פֿאַריין

אויסגעטיילט צו אַלע קינדער, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין זאַל, זעקע־לעך מיט „גוטע" זאַכן. דער עולם האָט דאַן פֿאַרלאָזט דעם זאַל אַ צופֿרי־דענער, אַ באַגײַסטערטער. דאָ און דאָרט האָט מען געזען חבֿרים זיך אַרומנעמען און זיך באַגריסן צום ערשטן, זייער געלונגענעם, אויפֿטריט פֿון די שול־קינדער: „מײַן האַרץ איז פֿול מיט פֿרייד!" — האָט איינער באַמערקט — „איך האָב קיין ווערטער ניט!" — האָט דער צווייטער אָפּגעענטפֿערט.

ג) די פּרץ־שול אין קאַלגאַרי — אין אַן „אייגענער היים"

(צו דער דערעפֿענונג פֿון פּרץ־אינסטיטוט, סעפּט. 22, 1929)

די י. ל. פּרץ־שול אין קאַלגאַרי איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ יאָר צוריק. זי האָט זיך געשטעלט דעם צוועק צו געבן די היגע קינדער אַ ייִדיש־וועלטלעכע דערציאונג ווי אַ דערגאַנצונג צו דער דערציאונג, וואָס זיי קריגן אין „פּאַבליק סקול". אמת, ס'איז נאָך פֿון פֿריער געווען אין שטאָט די תלמוד־תורה. איז אָבער די תלמוד־תורה אַ רעליגיעזע אינסטיטוציע און די דערציאונג דאָרטן איז אַ רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישע מיט העברעיש ווי די לערן־שפּראַך. די ייִדיש־פּראָגרעסיווע עלעמענטן פֿון שטאָט האָבן זיך ניט געפֿילט באַפֿרידיקט, ניט מיטן גײַסט פֿון דער תלמוד־תורה און ניט מיט אירע רעזולטאַטן. האָבן זיי דערפֿאַר באַ־שלאָסן צו עפֿענען אַ וועלטלעך־פּראָגרעסיווע שול מיט ייִדיש ווי די לערן־שפּראַך.

אין אָנהייב האָט מען געקענט מיינען, אַז די פּרץ־שול וועט אַ לאַנגע צײַט זיך ניט קענען אויסברייטערן, ווײַל דער אַלגעמיינער עולם איז בטבֿע קאָנסערוואַטיוו און שרעקט זיך פֿאַר עפּעס נײַעס. האָט מען דער־פֿאַר געקענט גלויבן, אַז דער פּשוטער פֿאָלקס־מענטש וועט מורא האָבן צו שיקן זײַנע קינדער אין דער פּרץ־שול. בפֿרט, אַז מ'האָט קעגן דער פּרץ־שול געפֿירט אַ קאַמף אין שטאָט. ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז די פּרץ־שול איז געקומען אויף דער היגער ייִדישער גאַס גראָד אין צײַט, ד. ה., ווען דער אַלגעמיינער עולם האָט זיך ווירקלעך געניייטיקט אין איר, אין דער לעבעדיקער אַטמאָספֿער, וואָס זי קען אַרום זיך באַשאַפֿן, און אינם אָפּטימיזם, וואָס זי טראָגט אַרײַן אין ייִדישן לעבן. אָט אַדאַנק דער דאָזיקער אייגנשאַפֿט אירער האָט די נײַע שול געקענט אין אַזאַ

קורצער צײַט געווינען פֿאַר זיך אַזעלכע שטאַרקע פּאַזיציעס אויף דער היגער ייִדישער גאַס.

וואָס האָבן מיר אַזוינס אויפֿגעטאָן אין פֿאַרלויף פֿונם יאָר?

קודם־כל איז וויכטיק דער פֿאַקט, וואָס מיר עקזיסטירן נאָך אַלץ. האָבן דאָך אונדזערע קעגנער אונדז פֿאַרויסגעזאָגט אַ שנעלן סוף. דאָס העכסטע, וואָס מ'האָט אונדז געגעבן, איז געווען אַן עקזיסטענץ פֿון אַ 3־4 חדשים. פֿונדעסטוועגן זעט מען דאָך...

אויך האָבן מיר געקראָגן פֿיל מער קינדער, ווי אונדזערע גרעסטע אָפּטימיסטן האָבן פֿריער גערעכנט. אין אַזאַ קליינער ייִדישער קהילה האָבן מיר שוין אינם ערשטן יאָר פֿון אונדזער עקזיסטענץ געהאַט קרובֿ צו 70 קינדער. אַגבֿ, האָבן מיר פֿון דער תלמוד־תורה כמעט גאָר קיין קינדער ניט אַוועקגענומען. אַזוי אַז מיט רעכט האָבן פֿיל מענטשן באַמערקט, אַז ביז די פּרץ־שול איז געקומען, האָט מען גאָרניט געוואוסט, אַז אין קאַלגאַרי געפֿינען זיך אַזוי פֿיל ייִדישע קינדער פֿון שול־עלטער. אַן אמת ליגט אין דער דאָזיקער באַהויפּטונג: ביז די פּרץ־שול איז געקומען, איז ניט געווען בײַ די היגע ייִדן אַזאַ אינטערעס אין ייִדישער קינדער־דערציאונג.

ווײַטער איז צו באַמערקן דעם גרויסן פֿאָרשריט, וואָס די קינדער פֿון פּרץ־שול האָבן אין איין יאָר געמאַכט אין זייערע לימודים. קינדער, וועלכע האָבן פֿריער קיין ייִדיש וואָרט ניט געקענט פֿאַרשטיין, ריידן שוין, צו ביסלעך, און לייענען און שרײַבן ייִדיש. די קינדער זײַנען לויט זייער עלטער און לויט זייער אינטעליגענץ געווען אײַנגעטיילט אין פֿיר קלאַסן. אין די ערשטע 2 קלאַסן האָט מען זיך אָפּגעגעבן מיט אַנטוויקלען בײַ די קינדער די פֿעיִקײַט צו פֿאַרשטיין און אויסצודריקן זיך אין ייִדיש. דערבײַ האָט מען אָנגעווענדט די פּעדאַגאָגישע מעטאָדן פֿון מאָדערנע שולן. מ'האָט די קינדער דערציילט מעשׂהלעך. אויך האָבן זיי זיך אויסגעלערנט אַ פֿײַנע צאָל דעקלאַמאַציעס אויף אויסנווייניק. זיי האָבן געזונגען שיינע לידלעך און האָבן אויך געטאָן אַביסל האַנט־אַרבעט. דערבײַ האָבן זיי שפּילנדיקערהייט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן ייִדיש. די אַנדערע צוויי קלאַסן האָבן זיך חוץ דעם אויך באַקענט מיט אַ באַדײַטנדיקער צאָל ייִדישע שרײַבער און פּאָעטן. זיי האָבן געקראָגן אַ באַגריף וועגן ייִדישע ימים־טובֿים, וועגן ייִדישע מנהגים. מיט איין וואָרט: זיי האָבן אָנגעהויבן אַביסל צו פֿאַרשטיין דאָס ייִדישע לעבן. דער עלטערער קלאַס האָט אויך געלערנט ייִדישע געשיכטע־

מעשׂהלעך ביזן ערשטן חורבן. זיי האָבן אויך געלערנט העברעיִש דרײַ מאָל אין וואָך און האָבן געקראָגן אַ באַשיידענעם אַרײַנפּיר אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אַט־די גוטע רעזולטאַטן פֿון די קינדער האָבן אָנגעהויבן אָפּגע־שאַצט צו ווערן ניט נאָר פֿון די שולטוער, פֿון די אייגענע עלטערן, נאָר אויך פֿון פֿרעמדע מענטשן, וואָס האָבן פֿריער מיט דער פּרץ־שול קיין שום שייכות ניט געהאַט. מחמת די לערן־דערגרייכונגען פֿון די קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצואווײַזן בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהײַטן. אַט האָבן מיר אין פֿאַרלויף פֿון יאָר געהאַט עטלעכע אַרויסטרעטונגען מיט די קינדער. האָט מען די קינדער געהערט זינגען, דעקלאַמירן, זיך שפּילן אין ייִדיש. אַפֿילו בײַ פּריוואַטע פֿאַרווײַלונגען, קוים האָבן זיך דאָרטן געפֿונען עטלעכע קינדער פֿון דער פּרץ־שול, האָבן זיי שוין אַהין אַרײַנגעבראַכט ייִדיש לעבן מיט זייערע לידלעך און דעקלאַמאַציעס.

פֿון באַזונדערער באַדײַטונג איז דאָס שטופּנווײַזע אײַנלעבן זיך פֿון די קינדער מיט דער שול־סבֿיבֿה. זיי פֿלעגן האָבן פֿאַרווײַלונגען מיט די לערער. די עלטערע קינדער האָבן געגרינדעט אַ פּרץ־הירשביין־קלוב. די מיטגלידער פֿלעגן זיך צונויפֿקומען אַלע עטלעכע וואָכן אין אַ הויז פֿון אַן אַנדער קינד, אָפּהאַלטן דאָרט אַ קלוב־פֿאַרזאַמלונג, מיט אַ פּראָ־גראַם פֿון פֿאַרלעזונגען, דעקלאַמאַציעס, שפּילן און געזאַנג. דער לערער פֿלעגט שוין דערבײַ העלפֿן די קינדער בײַם דורכפֿירן די פֿאַר־שיידענע אַרבעט, ריידן צו זיי וועגן וויכטיקע נײַעסן, פֿאַרלייענען פֿאַר זיי, זינגען מיט זיי און פֿאַרברענגען צוזאַמען חבֿריש. אויך פֿלעגן די קינדער אָנהאַלטן זייער מאַנדאָלין־אָרקעסטער מיט רעפּעטיציעס יעדע וואָך.

אומגעהויער וויכטיק איז די עלטערן־סבֿיבֿה, וואָס די שול האָט גע־שטרעבט צו שאַפֿן אַרום זיך. איינער פֿון די וויכטיקסטע צוועקן, וואָס די ייִדישע שול שטעלט זיך, איז צו פֿאַראינטערעסירן די עלטערן אין דער דערציִאונג פֿון זייערע קינדער און אַזוי־אַרום העלפֿן באַשאַפֿן די האַר־מאָניע צווישן קינדער און עלטערן: די קינדער זאָלן פֿון זייערע עלטערן ניט דערווײַטערט ווערן, נאָר אַדרבא, זיי זאָלן פֿאַר זיי האָבן רעספּעקט. די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער פּרץ־שול האָט דאָס זייער גענומען אין אַכט און האָט באַלד געזען אָרגאַניזירן אַ געזעלשאַפֿט אַרום דער שול: זי האָט געגרינדעט פֿון סאַמע אָנהייב אַן אַ פּרץ־שול געזעלשאַפֿט. אין פֿאַרלויף פֿון יאָר האָט זי געקראָגן אַ סך מיטגלידער מיט אַ מינימום־

שטײַער. עס האָבן געזאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן פֿאַר די מיטגלידער רעגו־לערע פֿאַרזאַמלונגען. נאָר אַזוי־ווי די פּרץ־שול האָט נאָך קיין אייגענע „היים" ניט געהאַט, האָט דאָס ניט געקאָנט דורכגעפֿירט ווערן. עס זײַנען אין משך פֿון יאָר יאָ אָפּגעהאַלטן געוואָרן 2 עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען: איינע אין „מעמאָריאַל האָל" און די צווייטע אין אַן אַנדערן זאַל. דערבײַ זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן פֿולע באַריכטן וועגן דעם צושטאַנד פֿון שול, וועגן אירע נויטן און וועגן אירע דערגרייכונגען. די רעזולטאַטן פֿון אַט־די 2 פֿאַרזאַמלונגען זײַנען געווען גאַנץ גוטע: די באַזוכער האָבן אָנגע־הויבן בעסער צו פֿאַרשטיין די באַדײַטונג פֿון דער דערציאונג, וואָס די פּרץ־שול וויל געבן די ייִדישע קינדער. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס צוליב טעכנישע סיבות האָט מען אַזעלכע פֿאַרזאַמלונגען ניט געקאָנט דורכ־פֿירן אָפֿטער . . .

מער מזל האָט געהאַט דער מוטער־פֿאַריין, וועלכער באַשטייט ניט נאָר פֿון די מוטערס פֿון די שול־קינדער, נאָר אויך פֿון זײַטיקע פֿרויען, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער מאָדערנער ייִדישער דערציאונג. דער מוטער־פֿאַריין האָט זיך געשטעלט אַ דרײַפֿאַכע אויפֿגאַבע: 1) צו שטיין אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די שול־אַרבעטן; 2) צו בילדן זיך זעלבסט, הערנדיק לעקציעס און טוענדיק געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט; 3) צו שטיצן די שול פֿינאַנציעל. אויף אַלע דרײַ געביטן איז דער מוטער־פֿאַריין דאָס ערשטע יאָר געווען אַ גרויסער דערפֿאָלג. דער פֿאַריין ציילט שוין איצט קנאַפּע 100 מיטגלידערינס. אין משך פֿון יאָר פֿלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן פֿאַרזאַמלונגען אין פּריוואַטע הײַזער כמעט יעדע וואָך, וואו עס פֿלעגט אָדער אָפּגעגעבן ווערן אַ באַריכט פֿון שול, אָדער געהאַלטן ווערן אַ לעקציע, צי אַ פֿאַרלעזונג. אויך האָט דער פֿאַריין געשאַפֿן העכער 800 דאָלאַר און דערמיט אַרויסגעהאָלפֿן דער שול־פֿאַרוואַלטונג. עס זײַנען פֿאַרגעקומען עטלעכע אונטערנעמונגען אין דער פֿאָרעם פֿון אַ „טיי" און אַ „טאַנץ".

זעענדיק ווי די פּרץ־שול צעוואַקסט זיך, האָבן אַפֿילו די פֿריער־דיקע קעגנער אירע אָנגעהויבן מיט דער צײַט צו בײַטן זייער שטעלונג צו איר. זיי האָבן אָנגעהויבן צוצוגעבן, אַז די פּרץ־שול איז ניט געקומען בלויז אויף אַ ווײַלע: זי איז געקומען צו עקזיסטירן אויף לאַנגע יאָרן און זיך גוט אײַנאָרדענען אין היגן ייִדישן לעבן. דער פּרעסטיזש פֿון דער שול איז באַדײַטנדיק געהויבן געוואָרן. באַזונדערס האָט מען אין שטאָט אָנגעהויבן אָפּצושאַצן דעם ענטוזיאַזם און די ענערגיע, וואָס די פּרץ־

שולטוער האָבן אַרויסגעוויזן די גאַנצע צײַט. ממילא איז די אַטמאָספער אין שטאָט געוואָרן אַ פּיל גינסטיקערע פאַר דער פּרץ־שול. די שול האָט געקראָגן מער און מער אָנהענגער און אונטערשטיצער.

ענדלעך האָט דער שול־קאָמיטעט אײַנגעזען די נויטווענדיקײַט פון האָבן אַן אייגענע „היים" פאַר די פאַרשיידענע טעטיקײַטן, וואָס ס׳איז נייטיק אָנצופירן אַרום דער שול. האָט מען אַזוי לאַנג געאַרבעט און גע־פּלאַנעוועט, זיך געבראָכן די קעפּ, אָפּגעהאַלטן זיצונגען, ביז מ׳האָט באַ־שלאָסן אויפצושטעלן אַ שיינעם בנין אין סאַמע צענטער פון ייִדישן קאַלגאַרי. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן אויפן רוף פון שול־קאָמיטעט און עס זײַנען געשאַפן געוואָרן די נייטיקע מיטלען דערצו.

איצטער איז דער שול־בנין שוין פאַרטיק, און דעם 22סטן סעפּ־טעמבער קומט־פאַר דער חנוכת־הבית. די שול־געבײַדע האָט אָפּגע־קאָסט אַרום 30 טויזנט דאָלאַר. זי איז זייער אַ שיינע און מאַכט אַ גוטן אײַנדרוק. די געבײַדע איז אַ צווייִשטאָקיקע און באַשטייט פון אַ גרויסן שיינעם זאַל, וואָס קאָן אַרײַננעמען אַרום הונדערט מענטשן; פון צוויי ליכטיקע און לופטיקע קלאַס־צימערן; פון אַ קאַנצעלאַריע; פון אַ קיך און פון אַ קאָמיטעט־צימער. דערצו איז נאָך די שול אַזוי סאָליד אָוועק־געשטעלט, אַז אויב אין אַ צײַט אַרום וועט נייטיק זײַן, וועט מען קאָנען אויך אָוועקשטעלן אַ דריטן שטאָק, אַהין אַריבערפירן די קלאַסן, און דעם זאַל מאַכן נאָך גרעסער. די שול איז געבויט פון די בעסטע מאַטע־ריאַלן און דאָס מעבל איז פונם פײַנסטן סאָרט.

איצט פאַרמעסט זיך ערשט די פּרץ־שול אויסצוברייטערן איר טעטיקײַט. קודם־כל עפנט זי דעם ערשטן אָקטאָבער אַ קינדערגאָרטן פאַר קינדער פונם עלטער צווישן 4־6 יאָר. ווײַטער איז עס שוין אַ באַ־שלאָסענע זאַך, אַז תיכף נאָך די ימים־טובים וועלן זיך עפענען אָוונט־קלאַסן פאַר דער יוגנט אין: ייִדיש, ייִדישע ליטעראַטור, ייִדישע גע־שיכטע, און העברעיִש. אויך פאַר דערוואַקסענע וועט די פּרץ־שול זײַן אַ פּלאַץ פון גײַסטיקן אינטערעס: עס וועלן אַראָפּגעבראַכט ווערן לעק־טאָרס, עס וועלן אָפּגעהאַלטן ווערן פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען, ליטע־ראַרישע אָוונטן, אד"ג. עס איז בכלל די שטרעבונג פון די פּרץ־שולטוער צו פאַרוואַנדלען די נײַע „היים" אין אַ געזעלשאַפטלעכן צענטער פאַר די היגע ייִדן: אַ היים פאַר ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, פאַר יוגנט־קלובן און פאַרוויילונגען. עס גייט אויך אַרײַן אין דער פּראָגראַם פון דער שול־

טעטיקייט צו האָבן ביי דער שול אַ רייכע ביבליאָטעק און אַ לייען־צימער.

צי די דאָזיקע אַקטיוויטעטן וועלן קאָנען מיט דערפאָלג דורכגעפירט ווערן, איז איצטער מער אָפּהענגיק פונם ווילן, וואָס די היגע יידישע באַפעלקערונג וועט אַרויסווייזן צו אַן אייגן קולטורעל לעבן. די נאָענטע טוער פון שול האָבן אַן־צווייפל אין משך פון איין יאָר אויפגעטאָן וואונדערבאַרע אַרבעט: זיי האָבן כמעט באַשאַפן דאָס אוממעגלעכע. איצטער איז עס אין דער האַנט פונם אַלגעמיינעם יידישן עולם צו פאַרוואַנדלען די פרץ־שול אין אַ שיינעם קולטורעלן צענטער: זאָל די יידישע קהילה זיך אינטערעסירן מיט די אַקטיוויטעטן פון פרץ־אינסטיטוט און טאַקע געבן די נייטיקע אונטערשטיצונג, וועלן די קאַלגאַרער יידן גאַר אינגיכן מעגן שטאָלץ זיין אויף דער סביבה, וואָס זיי וועלן האָבן פאַר זיך באַשאַפן, און זיי וועלן האָבן באַדייטנדיק געהאָלפן לייזן דאָס גוואַלדיקע פּראָבלעם פון מאָדערנער יידישער דערציאונג אין זייער אייגענער קהילה. יאָ, וואָס פאַר אַ באַפרידיקונג דאָס קאָן געבן יעדן איינעם!

ד) עדיטאָריעל פון „דאָס יידישע וואָרט״, סעפּט. 19, 1929

די פרץ־שול אין קאַלגאַרי אין אַן אייגענער „היים״

מיט העכער אַ יאָר צוריק, ווען די י. ל. פרץ־שול אין קאַלגאַרי האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן, האָט דאָס אַביסל אויפגערודערט די מער־קאָנסערוואַטיווע יידישע עלעמענטן פון שטאָט. זיי האָבן אין דער־דאָזיקער שול דערזען אַ געפאַר פאַר זייער תלמוד־תורה, וועלכע קאָסט זיי אַזעלכע גרויסע קרבנות און וועלכע ס'איז אַזוי שווער אויפצוהאַלטן. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די נייע שול אין שטאָט זאָל ניט אַריינברענגען אַן אומגעווינטשטע צעשפּליטערונג און אָפּשוואַכונג פון די טעטיקייטן אין דער ניט־איבעריקס גרויסער יידישער געמיינדע.

„דאָס יידישע וואָרט״ האָט דאַן געזוכט צו באַרואיקן דעם עולם. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף אונדזערע אייגענע דערפאַרונגען אין וויניפּעג, וואו די פרץ־שול האָט מיט איר אַנטוויקלונג ניט נאָר ניט גע־

שאַדט, נאָר גראָד אַרויסגעהאָלפֿן דער תּלמוד־תּורה, אַנטוויקלענדיק דעם געדאַנק ביי די עלטערן, אַז ייִדישע דערציאונג בכלל איז אַ גרויסע נויטוועגדיקייט. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז די פֿרידלעכע קאָנקורענץ פֿון ביידע שול־סיסטעמען האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן פֿאַר ביידן, און אַז די פּרץ־שול איז שוין דאָ אַלגעמיין־אָנערקענט פֿאַר אַ וויכטיקער און נוצלעכער אינסטיטוציע.

ליידער האָבן ניט אַלע ייִדן אין קאַלגאַרי דאַן אָנגענומען אונדזער שטאַנדפּונקט. זיי האָבן, גלויבן מיר, בכלל גוט געמיינט; זיי האָבן אָבער פּאַרט מורא געהאַט, עס זאָל ניט גיין צו גרונט די אַרבעט פֿאַר זייער תּלמוד־תּורה, פֿאַר וועלכער זיי האָבן אַוועקגעגעבן אַזויפֿיל כּוחות.

מיר האָפֿן אָבער, אַז איצט זיינען אַלע געוועזענע מיספֿאַר־שטענדענישן פֿאַרשוואונדן, און אַלע ייִדן פֿון קאַלגאַרי אָנערקענען, אַז די פּרץ־שול האָט אויסער נוצן פֿאַר דעם געדאַנק פֿון ייִדישער דער־ציאונג, און אויסער אַ פֿרישן שטראָם פֿון לעבעדיקער געזעלשאַפֿט־לעכער טעטיקייט, גאָר קיין שלעכטס ניט געבראַכט קיין קאַלגאַרי.

די תּלמוד־תּורה פֿון קאַלגאַרי האָט גאָרנישט ניט פֿאַרלאָרן דורך דעם אויפֿקום פֿון דער פּרץ־שול, נאָר אדרבא, זי האָט פֿיל געוואונען. די צאָל קינדער אין דער תּלמוד־תּורה איז, ווי אונדז זעט אויס, פֿאַר דעם יאָר געוואַקסן אויף פּאָפּציק פּראָצענט. — און, אָנשטאָט אַ 70־80 קינ־דער, וואָס האָבן פֿריער איידער די פּרץ־שול איז געקומען, געקראָגן אין קאַלגאַרי אַ ייִדישע דערציאונג אין אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן געזעל־שאַפֿטלעכן אַנשטאַלט, קריגן איצט אַזאַ דערציאונג, פֿון איין ריכטונג אָדער אַ צווייטער, גאַנצע 200 קינדער!

* * *

די געביידע פֿון דער פּרץ־שול קאָסט דרייסיק טויזנט דאָלאַר — אַ קאָלאָסאַלע סומע פֿאַר דעם קרייז אין דער ניט־גרויסער ייִדישער קהילה פֿון קאַלגאַרי — און די אונטערנעמונג האָבן די פּרץ־שול ייִדן דורכ־געפֿירט כּמעט מיט זייערע אייגענע כּוחות, פּאַקטיש אָן וועלכער ס'איז הילף פֿון דרויסן.

זיי האָבן כּשר פֿאַרדינט זייער שׂמחה מיט דער דערגרייכונג — אַ שׂמחה, וועלכע מיר גלויבן, אַז אַלע ייִדן פֿון קאַלגאַרי און אומגעגנט, און אַלע וואָס זיינען פֿאַראינטערעסירט אין ייִדישער דערציאונג בכלל און אין דער מאָדערנער ייִדישער שול בפֿרט, דאַרפֿן זיך מיט זיי טיילן.

צו זייער חנוכת־הבית פֿײַערונג דעם קומענדיקן זונטיק, סעפּט. 22סטן, שיקן מיר זיי אונדזער האַרציקסטע באַגריסונג פֿאַר זייער דער־גרייכונג, און וועלכער מיר זעען דעם דערפֿאָלג פֿון ייִדישער דערציאונג.

זאָלן זײַן געבענטשט די הענט, וואָס האָבן די אַרבעט געטאָן, און וואָס האָבן מיט זייער אָפּפֿערווילקײַט געלייגט נאָך אַ ציגל פֿאַר דער באַפֿעסטיקונג פֿונם יסוד פֿון ייִדישן לעבן אין דעם יונגן ייִדישן קיבוץ פֿון מערבֿ־קאַנאַדע!

מ. ז. (רעד.)

ה) באַגריסונגען

אונדזערע הערצער זײַנען פֿול מיט פֿרייד, וואָס אונדזער שיינער חלום איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. אמת, עס האָט אונדז געקאָסט אַ סך מי — מיר האָבן געבראַכט פֿיל קרבנות פֿאַר אונדזער אידעאַל אָוועקצו־שטעלן אונדזער שול אויף אַ געזונטן באָדן, אויף געזונטע יסודות, אַז קיין שטורעם זאָל אונדזער שיינע אינסטיטוציע ניט קאָנען צעשטערן. דער געדאַנק, אַז אונדזערע לערער וועלן קענען אומגעשטערט אָנגיין מיט זייער אַרבעט צו דערציען אונדזערע קינדער לויט אונדזער וואונטש, און בכלל וועט דאָך אונדזער שיינע מאָדערנע געבײַדע זײַן דער קולטורעלער צענטער פֿאַר דער גאַנצער היגער ייִדישער באַפֿעל־קערונג — דאָס מאַכט אונדז פֿילן, אַז אונדזערע קרבנות האָבן מיר מקריבֿ געווען פֿאַר זייער אַ הייליקן צוועק.

מיר פֿילן, אַז די דערעפֿענונג פֿון אונדזער פּרץ־שול איז ניט בלויז אונדזער שׂמחה, נאָר די שׂמחה פֿון אַלע ייִדיש־פּראָגרעסיווע עלע־מענטן פֿון קאַנאַדע, וועלכע וועלן דאָס פֿאַרצייכענען ווי איינע פֿון די שענסטע פּאַסירונגען אין מערבֿ־קאַנאַדע, ספּעציעל איצט, ווען מיר נויטיקן זיך מער ווי תּמיד, אַז אונדזערע קינדער זאָלן זיך דער־נעענטערן צום ייִדישן פֿאָלק.

אַנשטאָט צו באַדאַנקען דעם קאָמיטעט און די פּרץ־שול געזעל־שאַפֿט בכלל פֿאַר זייער שיינער, ענערגישער אַרבעט, וויל איך צו זיי זאָגן, אַז שׂכר־מצוה — מצוה: די באַלוינונג פֿאַר אײַער שיינער אַרבעט

איז די שיינע אינסטיטוציע, וועלכע מיר האָבן אויפֿגעשטעלט — די שענסטע ירושה, וועלכע מיר קאָנען איבערלאָזן אונדזערע קינדער.

מיט אַכטונג,
ל. פּאַפּערני, פֿאָרזיצער פֿון
דער קאַלגאַרער פּרץ־שול

מײַן האַרציקסטע באַגריסונג צו דער דערעפֿענונג פֿון אונדזער י. ל. פּרץ־שול! בלויז אַ פּאָר ווערטער: — איך האָף, אַז אונדזערע קינדער וועלן דערצויגן ווערן אין אונדזער שול אויף אַן עכט ייִדיש־פּראָגרעסיוון אופֿן. ווען זיי וועלן אַרויסטרעטן אויפֿן וועג פֿון לעבן, וועלן זיי זיך ניט וואַקלען; זיי וועלן זײַן שטאָלץ מיט זייער ייִדישקייט און אַז יעדע ייִדישע פֿראַגע וועט זיי זײַן נאָענט צום האַרצן. איך בין זיכער, אַז אונדזער פּרץ־שול וועט שענער מאַכן דאָס היגע ייִדישע לעבן: פֿון דער פּרץ־שול וועט אַרויסשטראַלן ליכטיקייט!

מיט אַכטונג
א. בושייקין, וויצע־פֿאָרזיצער

ו) „נאָכן חנוכּת־הבית"

(און מײַן געזעגענען זיך מיט די שול־קינדער)

איידער מיר הייבן־אָן דאָס דאָזיקע אַרטיקל, איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז צום „חנוכּת־הבית" פֿון דער קאַלגאַרער פּרץ־שול איז געקומען אַ דעלעגאַציע פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־שול מיט אַ שיינעם בײַשטײַער. זיי האָבן זיך משתתּף געווען ווי אמתע חבֿרים־לדעה אין דער גרויסער שׂמחה פֿון די קאַלגאַרער פּרץ־שולטוער.

אויף מאָרגן נאָכן חנוכּת־הבית האָב איך זיך אומאָפֿיציעל דורכגערעדט מיט עטלעכע אַקטיווע טוער פֿון דער שול־פֿאַרוואַלטונג, אַז מ׳זאָל וואָס פֿריער אָנהייבן דורכצופֿירן אין שול־זאַל קולטור־אַקטיוויטעטן פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט. גלײַכצײַטיק האָב איך אויסגעדריקט מײַן מיינונג, אַז דער פּאַסיקסטער גאַסט פֿאַר אַזאַ התחלה, צו באַנײַען דעם שול־זאַל, וואָלט געווען לייבוש לעהרער, דער לערער פֿון „דערציאונג" אין ניו־יאָרקער ייִדישן לערער־סעמינאַר און דער גײַסטיקער פֿירער פֿון

„שלום־עליכם פֿאָלקס־אינסטיטוט״. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן דאָס אויפֿנעמען מיט די אַנדערע מיטגלידער פֿון שול־קאָמיטעט.

קורץ, כדי צו פֿאַרקלענערן די הוצאות־הדרך פֿאַר דער שפּאָגל־נײַער שול, איז אַראַנזשירט געוואָרן אַ לעקציע־טור מיט לייבוש לעהרער פֿאַר דרײַ שטעט אין מערבֿ־קאַנאַדע: וויניפּעג, קאַלגאַרי און עדמאָנטאָן. צו דער לעקציע אין קאַלגאַרי איז געקומען אַ גרויסער עולם, ממש אָנגעפּילט דעם שול־זאַל. דער פּאַרזיצער, חבֿר פּאַפּערני, האָט מיר צוגעטיילט דעם כּבֿוד פֿאַרצושטעלן דעם חשובֿן גאַסט, וועלכער איז געווען מײַן לערער אין „סעמינאַר״ פֿולע דרײַ יאָר. אויב מײַן זכּרון נאַרט מיך ניט, האָט ער אַרומגערעדט אויספֿירלעך די צילן פֿון דער דעמאָלט נײַ־געגרינדעטער „יִדישע קולטור־געזעלשאַפֿט״. די לעקציע האָט אַרויסגערופֿן גרויס אינטערעס בײַם עולם, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין שטעלן פֿראַגעס.

אויפֿן צווייטן טאָג האָט חבֿר לעהרער באַזוכט די קלאַסן און, דאַכט זיך, געשעפּט אַ היפּש ביסל נחת. ער האָט מיר אויך אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָס איז פֿאַר אים דאָס ערשטע מאָל צו באַזוכן אַ יִדיש־וועלטלעכע שול, וואָס איז לכתּחילה אויפֿגעבויט געוואָרן לשם שול. מחמת די מערסטע שולן אונדזערע אין ניו־יאָרק אָדער אומגעגנט געפֿינען זיך אין דער נידער אָדער אין דער הייך פֿון עמיצנס אַ שטוב. ער האָט בכלל אָנגעקוואָלן פֿון אַלצדינג: פֿון שול־מעבל און פֿון די בילדער און אויפֿשריפֿטן אויף די ווענט.

דער צווייטער אויפֿטריט פֿון לעהרערן איז געווען בײַ געדעקטע טישן, כּלומרשט אַ ספּעציעלע חנוכּת־הבית פֿײַערונג לכּבֿוד דעם זייער חשובֿן גאַסט. אַגבֿ, מיר איז פֿריער פֿיל מאָל אויסגעקומען צו הערן לעהרערן ריידן פֿאַר אַן עולם, אָבער מיט אמתער באַגײַסטערונג און פּאַטאָס זײַנען אַלעמאָל געווען דורכגעדרונגען זײַנע באַנקעט־רעדעס. דער קאַלגאַרער יִדישער עולם, וואָס איז ביז דעמאָלט ניט געווען באַקאַנט מיטן „כּוח פֿון יִדיש״, האָט יענעם אָוונט ממש געשטראַלט מיט יום־טובֿדיקייט. אַן־צווייפֿל, האָט לעהרערס באַזוך באַדײַטנדיק געשטאַרקט די הערצער בײַ די בויערס פֿון דער שול.

יאָ, דאָס איז געווען אַ מזלדיקער אָנהייב פֿון עפֿנטלעכע אויפֿטריטן אין שול־זאַל. מיר האָבן זיך כּסדר באַמיט אָנצוהאַלטן די טראַדיציע פֿון ליטעראַרישע אָוונטן, מערסטנס מיט לאָקאַלע כּוחות — טעאַטראַלע און מוזיקאַלע. ס׳איז בײַ אונדז אויך געווען זרובבֿל. מיר

האָבן היפּשלעך געגאַשט פֿון אים. אַ פֿאַרגעניגן געווען אים צו הערן און אויך מיט אים צו פֿאַרברענגען. ער פֿלעגט זיך, אַגבֿ, אַראָפּכאַפּן קיין בענף, לעיק־לואיס, און אַלע אַנדערע שיינע ערטער אַרום די „ראָקי־מאַונטיינס“. ער האָט אַ סך געהאַלטן פֿון „עולם־הזה“ און איז בכלל געווען גוטע געזעלשאַפֿט. עס זײַנען אויך געקומען שליחים פֿון דער „הסתדרות“ און אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע „פֿאָנדן“.

עס ווילט זיך באַזונדערס דערציילן פֿון אַ וויניפּעגער „קראַפֿט“. געווען אין וויניפּעג אַ פֿאַרמעגלעכער ייִד, אַ גרויסער געשעפֿטסמאַן, אָבער גלײַכצײַטיק אַן אויסגעצייכנטער שלום־עליכם פֿאָרלעזער — שטיינבערג האָט ער געהייסן. אַפֿילו שלום־עליכם גופֿא וואָלט זײַנע אייגענע זאַכן ניט געקענט פֿאָרלייענען בעסער פֿון אים. מאַכט זיך איינמאָל אַ זונטיק, איך בין נאָר־וואָס פֿאַרטיק געוואָרן מיט מײַנע פֿרימאָרגן־קלאַסן. ערשט איך עפֿן די טיר, שטיינבערג איז דאָ! ער איז געקומען באַטראַכטן די נײַע שול, וואָס די קאַלגאַרער ייִדן האָבן אויפֿגעבויט. כאַפּן מיר זיך אַרום מיט פֿרייד. גראָד זײַנען, ווי אַלע מאָל, געווען אין דער געבײַדע עטלעכע פֿון דער שול־פֿאַרוואַלטונג. זאָג איך זיי: „מיר האָבן זיך געזאָרגט וועגן דער פּראָגראַם הײַנט אָוונט. האָט אונדז גאָט צוגעשיקט דעם וויניפּעגער „שלום־עליכם“! און ניט נאָר לייענט ער פֿאַר זייער שיין, נאָר ער צאָלט נאָך צו פֿאַר יעדן צוהערער אין זאַל אַ „קוואָדער“. שלאָגט ער מיר איבער: „אַ קוואָדער צאָל איך אין וויניפּעג, אָבער אין דער נײַער פּרץ־שול דאָ וועל איך צאָלן אַ האַלבן דאָלאַר פֿאַר יעדן צוהערער“. קורץ, ס'האָט זיך גלײַך פֿאַרשפּרייט די ידיעה אין שטאָט, אַז דער באַרימטער „שלום־עליכם“ פֿון וויניפּעג וועט הײַנט אָוונט פֿאַרלייענען עפּעס פֿריילעכס. נו, האָב איך קוים מיט צרות געפֿונען בײַ עמיצן אַ בוך מיט שלום־עליכמס מאָנאָלאָגן. פֿרעגט שוין גאָרניט, וואָס פֿאַר אַ פֿריילעכן אָוונט דער עולם האָט דעמאָלט געהאַט!

אויף מאָרגן, צי איבערמאָרגן, איז אַ קאָמיטעט פֿון שול אַריבער צו אים אין האָטעל אַרײַן. ווי ער האָט זיי דערזען, האָט ער פֿריילעך אויסגערופֿן: „אָ, יע, איך קום אײַך אַ חובֿ! זאָגט מיר נאָר: וויפֿל מענטשן זײַנען געווען אין זאַל, בשעת איך האָב פֿאָרגעלייענט פֿון שלום־עליכמען?“

זאָגן זיי: „אַרום זיבעציק מענטשן“.

זאָגט ער: „איר בלאָפֿט! איך האָב אַליין איבערגעציילט 85 מענטשן“. און ער גיט זיי אַ פֿולן הונדערטער און מאַכט זיי אַ קאָמפּלי־

מענט, אַז אויף „יענער וועלט“ אחרי מאה ועשׂרים וועלן זיי אַרײַן אין „גן־עדן“, ווײַל זיי האָבן געטאָן גאָר אַ גרויסע מצוה מיטן אויפֿבויען אַ שול פֿאַר ייִדישע קינדער. טשיקאַווע, אין אַ צען טעג שפּעטער קומט אונדז פֿון „פּיפּלס בוק־סטאָר“ אין וויניפּעג אַ פֿולער זאַץ פֿון שלום־עליכמס ווערק (28 בענד), אַ מתּנה פֿון פֿרײַנט שטיינבערג „פֿאַר דער נײַער פּרץ־שול אין קאַלגאַרי“. קען מען אָפּשאַצן אַ ייִדישע נשמה?

אַ קורצע צײַט נאָכדעם זײַנען פּרץ הירשביין און זײַן פֿרוי אסתּר שומיאַטשער צוריקגעקומען פֿון זייער רײַזע אַרום דער וועלט. אַז זיי האָבן דערזען די פּרץ־שול, האָבן זיי זיך זייער דערפֿרייט (אַגבֿ, די גרויסע שומיאַטשער־משפּחה האָט זיך גאָר אַקטיוו באַטייליקט אינם אויפֿבוי פֿון דער פּרץ־שול). הירשביין האָט נאָך צוגעגעבן: „די פּרץ־שול איז די שענסטע מתּנה, וואָס די קאַלגאַרער ייִדן האָבן אונדז געקענט געבן צו אונדזער אַהיימקומען“. — איבעריק צו זאָגן, אַז די הירשביינס האָבן זיך מיט פֿרייד באַטייליקט אין די קולטור־אונטן, וואָס זײַנען אין שול־זאַל דורכגעפֿירט געוואָרן כמעט אַלע צוויי וואָכן אין משך פֿון גאַנצן לערניאָר.

* * *

איך האָב דער שול־פֿאַרוואַלטונג באַצײַטנס געלאָזט וויסן, אַז בײַם שליסן דאָס לערניאָר פֿאַר איך, לויט אונדזער אָפּמאַך, צוריק קיין ניו־יאָרק, און זיי דאַרפֿן זיך באַצײַטנס באַזאָרגן מיט אַ נײַעם פּרינציפּאַל. אָבער וואָס נעענטער ס׳איז געקומען די צײַט פֿון „גרייטן זיך אין וועג אַרײַן“, האָב איך אַלץ מער און מער געטראַכט וועגן די זעקס יאָר, וואָס איך האָב אָוועקגעגעבן מערבֿ־קאַנאַדע: 4 יאָר אין וויניפּעג און 2 יאָר אין קאַלגאַרי. אמת, געזעלשאַפֿטלעך און קולטורעל האָב איך גראָד ניט גע־פּטרט קיין צײַט. אַלע האָבן אַנערקענט, אַז סײַ אין וויניפּעג און סײַ אין קאַלגאַרי האָב איך געגעבן אַ נישקשהדיקן צושטײַער צו ייִדישער דער־ציאונג, אָבער פּערזענלעך האָב איך זיך אַ היפּש ביסל פֿאַרנאַכלעסיקט: איך בין מיט זעקס יאָר צוריק געקומען אַהער אַ בחור און פֿאַר איצטער צוריק קיין ניו־יאָרק נאָך אַלץ אַ בחור. איך האָב פּשוט די גאַנצע צײַט ניט געהאַט די מעגלעכקײַט צו טראַכטן וועגן אַ „תּכלית“ (אין ייִדישן זינען . . .).

נאָכן ענדיקן דעם סעמינאַר האָב איך בפֿירוש געהאַט בדעה זיך גרייטן אַרײַנצוגיין אין אוניווערסיטעט. קיין פּרנסה האָט מיר דעמאָלט

ברוך־השם ניט געפּעלט. איך בין געווען אַ גוטער פּאַרדינער בײַ מײַן פֿאַך. אַ פֿאַקט, איך פֿלעג פֿאַרדינען צוויי מאָל אַזוי פֿיל און אפשר מער ווי בײַ לערערײַ. נאָר אונטער דער ווירקונג פֿון ד״ר יהודה קויפֿמאַן בין איך געוואָרן אויף „דערוויײַל" אַ ייִדישער לערער. אָבער וואָס טוט מען איצטער? פֿון זײַטיקע קוואַלן האָב איך געוואוסט, אַז נאָכן פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון וויניפּעג און קאַלגאַרי וועל איך אין די שולן אין ניו־יאָרק און אומגעגנט קיין ענלעכע גײַסטיקע באַפֿרידיקונג ניט האָבן . . . פֿון דער צווייטער זײַט האָב איך ניט קיין גרונט צו זײַן פֿולשטענדיק אומ־צופֿרידן צוליבן פֿאַרנאַכלעסיקן מײַן ווײַטערדיקן שטודיום: איך האָב נאָך אין וויניפּעג באַוויזן צו קריגן פֿון דער דאָרטיקער אוניווערסיטעט (אַרײַנגערעכנט אויך דאָס שטודירן אין די „סאָמער־סקולס") קרעדיטן אין „ליבעראַל אַרטס" פֿאַר דרײַ־און אַ האַלב יאָר.

און אַוודאי און אַוודאי דאַרף איך צורעכענען ווי אַ גרויסע פּאָזי־טיווע דערגרייכונג, וואָס עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אין וויניפּעג אַראָפּצובריינגען פֿון פּוילן מײַן ברודער, זײַן פֿרוי, און זייערע צוויי בחורים, אין אַ צײַט, ווען די אימיגראַציע אין די שטאַטן איז געווען פֿול־שטענדיק געשלאָסן. ביידע בחורים האָבן גוט אויסגענוצט די פּריווי־לעגיעס פֿונם ליבעראַלן לאַנד קאַנאַדע, וואו זיי האָבן פֿיל דערגרייכט אויפֿן געביט פֿון העכערער אַקאַדעמישער בילדונג.

אָט מיט אַזעלכע מחשבֿות האָב איך זיך געראַנגלט, בעת עס האָט זיך דערנעענטערט די צײַט פֿון מײַן זאָגן „גוד בײַ!" צו קאַנאַדע און זיך אומקערן קיין ניו־יאָרק. די שול־פֿאַרוואַלטונג האָט אין דער צווישנצײַט זיך פֿאַרשטענדיקט מיט אַ קאַנדידאַט אויף צו פֿאַרנעמען מײַן פּלאַץ.

* * *

די שול־פֿאַרוואַלטונג, פֿון איר זײַט, האָט צוגעגרייט אַ געזעגע־נונגס־אָוונט פֿאַר מיר בײַ טישן געדעקטע מכל־טובֿ, כּמעט אַ באַנקעט, מיט פֿײַנע רעדעס פֿול מיט שבֿחים און ווינטשעוואַניעס. אַלץ עכט יום־טובֿדיק. אינדעם רופֿט מען מיך אויף צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. נאַטיר־לעך האָב איך זיי האַרציק געדאַנקט פֿאַרן פֿײַנעם אָוונט לכּבֿוד מײַן וויייקײַט. איך האָב ווידעראַמאָל פֿאָרמולירט דעם גרונט־צוועק פֿון ייִדישן חינוך: ייִדישע דערציאונג מוז פֿירן צו פֿאַרשטאַרקן אונדזערע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען: ייִדישע דערציאונג מיינט „ייִדישע עקזיס־טענץ ווי אַ פֿאָלק": מיר מוזן זיך היטן פֿון דער גרויסער אַסימילאַציע־

כוואַליע, פֿון וואָס פֿאַר אַ זײַט זי זאָל ניט קומען. מיר, ראַדיקאַלע ייִדן, האָבן ניט געקענט זיַין צופֿרידן מיט די תלמוד־תורות צוליב דרײַ סיבות: 1) דערציאונג געשטיצט בלויז אויף רעליגיע; 2) דערציאונג באַזירט נאָר אויפֿן עבֿר: און 3) די פֿאַרנאַכלעסיקונג פֿון ייִדיש־לשון. איך האָב נאָך צוגעגעבן: איר האָט מיך געשטיצט די גאַנצע צוויי יאָר, זעט־זשע נאָך מער צו שטיצן דעם נײַעם פּרינציפּאַל, חבֿר פּראַוואַטינער, וועלכער קומט צו אײַך פֿון די שלום־עליכם שולן אין ניו־יאָרק.

אָבער אין לויף פֿון מײַנע פֿאַר ווערטער האָט זיך בײַ מיר מעשׂה־שׂטן אַרויסגעכאַפּט: „מײַנע בעסטע זעקס יאָר האָב איך אַוועקגעגעבן די ייִדישע שולן פֿון וויניפּעג און קאַלגאַרי".

דערויף האָט פּרץ הירשביין געבעטן דאָס וואָרט, כאָטש ער איז ניט געווען אויף דער רעדנער־ליסטע. אויף זײַן אייגנאַרטיקן שטייגער פֿון ריידן פּאַמעלעך, אויסגעצויגן, זאָגט ער: „חבֿר הערשטיין, וואָס מיינט איר מיטן אויסדרוק „די בעסטע זעקס יאָר"? פֿאַרוואָס ניט האָפֿן אויף נאָך בעסערע יאָרן?" — און ער לייגט פֿאַר מיר אַוועק אַ גאַנצע פֿילאָסאָפֿיע דערוועגן, וואָס איז פֿאַר מיר אין יענעם מאָמענט געווען אַ שווער שטיקל מהרש"א תופֿס צו זײַן...

* * *

מיט עטלעכע טעג נאָכדעם, אין אַ נאָכמיטאָג, האָב איך זיך געזעגנט מיט אַלע שול־קינדער. אין זאַל איז אויך געווען אַ צאָל מוטערס. מיטן מאָמענט, ווען איך האָב אַרויסגעזאָגט די ווערטער: „טײַערע קינדער! איך פֿאַר באַלד אַוועק פֿון דאַנען, וויל איך אײַך זאָגן גודבײַ!"... האָט מאָמענטאַל אויסגעבראָכן אַ געוויין פֿון אַלע יונגע קינדער, אַז איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן כדי זיי אײַנצושטילן. — „ווייַנט ניט, ליבע קינדער, איך בעט אײַך! עס וועט קומען אַן אַנדערער לערער, חבֿר פּראַוואַטינער. ער איז אַ בעסערער לערער פֿון מיר!" — איז דער געיאָמער פֿון קליינוואַרג געוואָרן פֿיל שטאַרקער. איך בין געווען פֿאַרצווייפֿלט, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן כדי זיי אײַנצושטילן.

בײַם אַרויסגיין זאָגט מיר חבֿרה פּראַוואַטינער, וועלכע האָט צוגעזען די גאַנצע סצענע: „חבֿר הערשטיין, אַזוינס האָב איך נאָך ניט בײַגעוואוינט!"

* * *

אין אַ שעה אַרום האָב איך פֿאַרלאָזט קאַלגאַרי, וואוהין פֿאָר איך? — נאָך מיט אַ צײַט צוריק האָב איך זיך דורך פּאָסט געהאָט רעגיסט־רירט אין „קאָלאָמביע אוניווערסיטעט" אין ניו־יאָרק, אויף דרײַ לימודים אין דער דאָרטיקער „זומער־שול", און כ'וועל טאַקע דאָרטן וואוינען אַ 6־7 וואָכן.

ז) מיט יאָרן שפּעטער — אין 1953

(די 25־יאָריקע פֿײַערונג פֿון דער פּרץ־שול אין קאַלגאַרי)
— באַריכט —

זונטיק דעם 30סטן מאַי אין אָוונט איז אין דער קאַלגאַרער פּרץ־שול דורכגעפֿירט געוואָרן די 25־יאָריקע יובֿל־פֿײַערונג פֿון איר עקזיס־טענץ. שוין בײַם אַרײַנקומען אין ליכטיקן זאַל אַרײַן, האָט אַרומגענומען אַ וואַרעמקײַט פֿון אַ גרויסער פֿאָלקס־שׂמחה. ס'איז געווען אַן אמת יום־טובֿדיקע אַטמאָספֿער. אַרום די טישן זײַנען געווען אויסגעזעצט די בעלי־שׂמחה, יונג און אַלט, וואָס זײַנען געקומען משׂמח זײַן זיך ווי נאָענטע מחותּנים אין דער וויכטיקער פֿײַערונג. באַזונדערס געפֿרייט האָבן די עטלעכע טישן מיט יונגוואַרג — גראַדואירטע פֿון דער שול אין פֿאַרשיידענע צײַטן. אָט־דידאָזיקע יונגע מענטשן, צווישן וועלכע עס געפֿינען זיך אויך אַזעלכע, וואָס האָבן שוין איצט אַליין קינדער אין שול, זײַנען געקומען פֿײַערן דעם 25־יאָריקן יובֿל פֿון זייער שול, מיט וועל־כער עס זײַנען פֿאַרבונדן אַ סך זיסע זכרונות פֿון זייערע קינדער־יאָרן.

עס איז געווען סימבאָליש פֿאַר דער המשך־ראָל פֿון דער פּרץ־שול דערציאונג, וואָס אַ שול־קינד האָט געעפֿנט דעם יום־טובֿ מיט דער דערקלערונג אין אַ שיינעם ייִדיש, אַז היות וואָס זײַן טאַטע איז געווען איינער פֿון די ערשטע תּלמידים פֿון שול, און זײַן זיידע — איינער פֿון די ערשטע שולטוער — דערפֿאַר איז אים, ווי אַ פֿאַרשטייער פֿון דריטן דור פּרץ־שול אין קאַלגאַרי, איבערגעגעבן געוואָרן דער כּבֿוד צו עפֿענען דעם יום־טובֿ מיט אַ האַרציקן „מזל־טובֿ!" און איבערצוגעבן דעם פֿאָרזיץ פֿון אָוונט צום איצטיקן פּרעזידענט פֿון שול: חבֿר א. פּערלמאַן.

דער גאַנצער אָוונט האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ פֿאָלקס־יום־

טובֿ, אין וועלכן עס זײַנען געקומען צום אויסדרוק כמעט אַלע עלע־מענטן פֿון דער ייִדישער קהילה. אויסער די נאָענטסטע מחותנים — די וועטעראַנען שילטוער און ביידע מוטער־פֿאַריינען — האָבן וואַרעם באַגריסט: דער „קאָונסיל אָוו דזשואיש ווימען", דער „נאַציאָנאַלער אַרבע־טער־פֿאַרבאַנד", דער פֿאַריין פֿון ניט־לאַנג אַריבערגעקומענע פּוילישע ייִדן, דער „וועלפֿעיר־פֿאַנד", וועלכער סובסידירט דעם גרעסטן טייל פֿון שול־בודזשעט, און דער קאַנאַדער ייִדישער קאָנגרעס, וועלכער האָט דורך זײַן פּרעזידענט, אַדוואָקאַט ל. פֿראַדקין, דערלאַנגט דער פּרץ־שול אַ „סערטיפֿיקאַט" אויף פּאַרמעט, געמאָלן פֿון אַ קינסטלער, אין וועלכן עס ווערט אויסגעדריקט אַנערקענונג דער פּרץ־שול פֿאַר די גוטע דער־גרייכונגען אויפֿן געביט פֿון ייִדישער דערציאונג אין משך פֿון אירע 25 יאָר עקזיסטענץ. גאָר אַ באַזונדערן חן האָט דעם אָונט צוגעגעבן די זייער גרויסע צאָל געוועזענע תלמידים און תלמידות פֿון שול און זייערע שיינע באַגריסונגען אויף ייִדיש, צי אין דער פֿאָרעם פֿון רעדעס, צי אין שיינעם כאָר־געזאַנג, וואָס איז געווען זייער פֿײַן צוגעגרייט. מ'האָט געקענט אָראָפּלייענען פֿון די פּנימער בײַם פֿאַרזאַמלטן עולם יונגוואַרג אויסדרוקן פֿון שטאָלץ און גליק, וואָס זיי האָבן געהאַט די זכיה צו זײַן תלמידים פֿון דער שול, וועמענס 25־יאָריקער יום־טובֿ עס ווערט איצטער געפּראַוועט. און בײַ די חבֿרים און חבֿרות פֿון עלטערן דור, וואָס האָבן די שול געגרינדעט און געטראָגן דעם עול פֿון אויס־האַלטן זי אַלע יאָרן פֿון איר עקזיסטענץ, האָט מען געקענט מערקן אויסדרוקן פֿון פֿרייד און נחת — אמתע שׂמחה־געפֿילן פֿון „הזורעים בדמעה ברנה יקצורו".

בײַם שרײַבער פֿון די שורות, וועלכער האָט געהאַט די זכיה צו שטיין בײַם וויגעלע פֿון דער דאָזיקער שול מיט קנאַפּע 26 יאָר צוריק ווי איר ערשטער לערער און פּרינציפּאַל, האָבן — ווי אַ רעאַקציע צו דער פֿײַערלעכקײַט פֿון אַרום — אויפֿגעלעבט בילדער און אײַנדרוקן פֿון די ערשטע טעג פֿון דער שול — פֿון די „האָניק־חדשים" בײַם אָנהייב און פֿון אירע גרויסע שוועריקײַטן באַלד נאָכדעם. אָך, וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין ייִדישן קאַלגאַרי!... ס'איז זייער אַ טשיקאַווע „מעשׂה" און דערצו — מיט אַ געזונטן מוסר־השׂכּל...

די גרופּע חבֿרים און חבֿרות, וואָס האָבן זיך דעמאָלט קאָנצענ־טרירט אַרום דער נײַער שול, איז טאַקע געווען זייער קליין, אָבער דער־פֿאַר ענטוזיאַסטיש און ענערגיש. ס'איז געווען גלויבן און ליבע צו דער

שול. קיינע קרבנות פֿאַר דער שול זײַנען ניט געווען צו־טײַער. אינם דערוווײַטערטן קאַלגאַרי, וואָס איז דעמאָלט באַשטאַנען פֿון קוים אַ 300 ייִדישע משפחות, האָט זיך מיטאָמאָל אָנגעהויבן הערן בײַ די קינדער־לעך פֿון דער נײַער פּרץ־שול דער קלאַנג פֿון ייִדישן וואָרט און ייִדישן ליד. קינדערלעך זײַנען טאָג־אײַן טאָג־אויס ניט געגאַנגען נאָר געלאָפֿן אין דער ייִדישער שול אַרײַן מיט פֿרייד און ליבע, טראַגנדיק שטאָלץ זייערע ייִדישע ביכלעך און העפֿטן אונטער די אָרעמס. שוין אין די ערשטע וואָכן פֿון שול־לעבן איז געגרינדעט געוואָרן אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער פֿון אַ גרופּע שול־קינדער, וועלכער איז גאָר אינגיכן אַפֿילו אויפֿגעטראָטן אויף דער ראַדיאָ מיט אַ סעריע ייִדישע מאָטיוון. מ׳האָט אָנגעהויבן פֿײַערן ייִדישע ימים־טובֿים. דער ערשטער חנוכה־קאָנצערט, וועלכער איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין „מעמאָריאַל־האָל", האָט דער־פֿרייט דעם פֿאַרזאַמלטן עולם עלטערן און פֿרײַנט פֿון דער שול. די פּראָגראַם, דורך־און־דורך אין ייִדיש, איז געווען רײַך אין אינהאַלט און פּראַכטפֿול דורכגעפֿירט פֿון די שול־קינדער. דער עולם האָט מיטאָמאָל דערזען די גרויסע מעגלעכקײַטן פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול. די שולטוער האָבן זיך געפֿילט גליקלעך. דערפֿאַר ווען ס׳איז אינגיכן אַרויפֿגעבראַכט געוואָרן צום ערשטן מאָל דער געדאַנק וועגן בויען אַן אייגענע היים פֿאַר דער שול, האָבן זיך אַלע אין דעם אָנגעכאַפּט, הגם זיי האָבן גוט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס וועט מיינען גרויסע פֿינאַנציעלע אָנ־שטרענגונגען מצד זיי גופֿא.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ „ויצעקו" אין שטעטל. ביז דעמאָלט האָט דער תלמוד־תורה עלעמענט בלויז געקוקט מיט קנאה אויף דער נײַ־געגרינדעטער פּרץ־שול און זיך געטרייסט, אַז זי וועט לאַנג ניט „אויסהאַלטן". איצטער אָבער האָט מען זיך אין יענעם לאַגער פּשוט דערשראָקן: אַ פּרץ־שול אין אַן אייגענעם בנין קען נאָך אָפּציען תלמי־דים פֿון תלמוד־תורה! האָט מען אָנגעהויבן פֿירן אַ קאַמף קעגן דער פּרץ־שול אונטערן לאָזונג, אַז זי האָט כלומרשט צעבראָכן די אידילישע האַרמאָניע פֿון שטעטל, די אחדות פֿון דער ייִדישער געמיינדע, דעם שלום־בית פֿון אַן אייגענער משפּחה. גלײַכצײַטיק האָט מען אַפּעלירט צו די פּרץ־שול ייִדן אין נאָמען פֿון גאַנצקײַט פֿון דער קהילה, אַז זיי זאָלן זיך אָפּהאַלטן פֿון בויען, מחמת דאָס קען נאָך שטערן דעם פּלאַן פֿון בויען אין שטאָט אַ בשותּפֿותדיקן „קאָמיוניטי צענטער". עס האָבן זיך אָנגעהויבן שטורמישע פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער קהילה. פֿון איין זײַט

האָט מען ניט געוואָלט צופּיל אויפֿרעגן די מוטיקע „פּרצניקעס", כדי זיי זאָלן ניט אָפּטאָן אַ צולהכעיס און דווקא בויען. פֿון דער צווייטער זײַט האָט מען אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע מיטלען אויף אָפּצושוואַכן בײַם פּרץ־שול עלעמענט דעם ענטוזיאַזם פֿון בויען פֿאַר זיך אַ שול־בנין. עס זײַנען געווען מאָמענטן, ווען אַנגעשראָקענע יחידים פֿון דער פּרץ־שול האָבן שוין געהאַלטן בײַם אונטערגעבן זיך און מסכים זײַן אויף בויען צוזאַמען מיטן תלמוד־תורה עלעמענט אַ „קאָמיוניטי־צענטער". צום גליק פֿון דער פּרץ־שול און צום גאַנצן יידישן קולטור־קרײַז אין קאַלגאַרי איז פֿונם דאָזיקן שותפֿות־פּלאַן גאָרניט געוואָרן.

ס'איז די איבערצײַגונג פֿונם שרײַבער פֿון די שורות, אַז ס'איז געווען אַ גליק פֿאַרן קיום פֿון דער פּרץ־שול, וואָס אירע איבערגעגעבענע טוער האָבן ענדלעך באַשלאָסן אויפֿצובויען אַן אייגענע שול־געבײַדע. אין אַ „קאָמיוניטי־צענטער" וואָלט די פּרץ־שול לויט מײַן איבערצײַגונג אונטער די בעסטע גאַראַנטיעס שוין לאַנג געווען אײַנגעשלונגען געוואָרן פֿונם אַסימילירטן ייִדן, וואָס האָט נאָך מיט 30 יאָר צוריק געטענהט בקול רם, אַז ייִדיש איז טויט. אין דער שיינער פּרץ־שול געבײַדע, וואָס איז געבויט געוואָרן פֿון אַ קליינער גרופּע איבערגעגעבענע חבֿרים, האָט זיך באַלד אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע קולטור־טעטיקײַט אויף ייִדיש. מחמת פּאַראַלעל מיטן דערפֿאָלג פֿון די לימודים אין די קלאַסן איז אָנגעגאַנגען אין דער שול־געבײַדע אין משך פֿון יאָרן אַן אַקטיווע קולטור־טעטיקײַט פֿאַר דערוואַקסענע. מ'פֿלעגט אַרונטערברענגען באַרימטע לעקטאָרס, ייִדישע שרײַפֿטשטעלערס. מ'פֿלעגט דורכפֿירן ליטעראַרישע אָוונטן. מ'פֿלעגט אַפֿילו שפּילן ייִדישע פּיעסעס און פֿײַערן ייִדישע ימים־טובֿים, און אַלץ אויף ייִדיש. ס'איז געווען אַן עכט ייִדישע אַטמאָספֿער, וואָס האָט געאָטעמט מיטן ייִדישן שעפֿערישן וואָרט. מ'האָט זיך אויסגעלעבט אין אַ ייִדיש־קולטורעלער סבֿיבֿה.

אָט־די אַלע סענטימענטן און איבערלעבענישן זײַנען געקומען צום אויסדרוק בײַ דער 25־יאָריקער יובֿל־פֿײַערונג פֿון דער פּרץ־שול אין קאַלגאַרי. עס ווילט זיך בלויז פֿרעגן: וואָס אַשטייגער האָט די ייִדישע קאַלגאַרי פֿאַרלאָרן דערמיט, וואָס עס האָט דאָרט פֿונקציאָנירט 25 יאָר צײַט אַזאַ אַקטיווער ייִדישער צענטער? וואָס האָט אַפֿילו די דאָרטיקע תלמוד־תורה דערלייגט דערצו?

עס זײַנען נאָך, ברוך־השם, דאָ די מענטשן, וואָס געדענקען גאַנץ גוט דעם ירידה־צושטאַנד פֿון דער תלמוד־תורה אין קאַלגאַרי, בעת די

פּרץ־שול איז אויפֿגעקומען. מיט איר פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר ייִדישער דערציאונג און מיט איר טאָג־טעגלעכער דערציאונגס־אַרבעט האָט די פּרץ־שול אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס אויפֿגעוועקט דאָס געוויסן פֿון די מערסטע ייִדישע עלטערן אין שטאָט ניט צו בלײַבן גלײַכגילטיק צו דער ייִדישער דערציאונג פֿון זייערע קינדער. און דער סך־הכּל איז געווען, אַז אויך די תּלמוד־תּורה האָט דערפֿון אַ סך געוואונען. אַ פֿאַקט: די תּלמוד־תּורה האָט הײַנט מער קינדער, ווי זי האָט דעמאָלט געהאַט. ווײַטער: די נײַע אײַנפֿירונגען פֿון דער פּרץ־שול, ווי אַ קינדערגאָרטן, אַ טאָגשול, אַ מוטער־פֿאַריין, אד"ג, זײַנען מיט דער צײַט איבערגענומען געוואָרן אויך פֿון דער תּלמוד־תּורה און האָבן זי ממש געראַטעוועט פֿון אונטערגאַנג. דאָ האָט געווירקט דער עלעמענט פֿון „קנאת־סופֿרים". נו, זאָל זײַן שלום צווישן אחינו בני ישׂראל, און אונדזערע קינדער זאָלן אויסוואַקסן גוטע ייִדן!

מיט כּבֿוד און פֿיל נחת,

פֿישל הערשטיין.

נ. ב. — מיט אַ קנאַפּ יאָר פֿאַר דער דערמאָנטער שול־פֿײַערונג איז דער מחבר פֿון דאַזיקן „באַריכט" געהאַט אַנגעקומען נאָך אַ מאָל קיין וויניפּעג צו זײַן צווייטער קאַדענץ פֿון פּרינציפּאַלשאַפֿט אין דער גרויסער פּרץ־פֿאָלקשול. האָט דער קאַלגאַרער פּרץ־שול קאָמיטעט מיך פֿאַרבעטן צו דער שיינער פֿײַערונג ווי דעם גרינדער פֿון דער דאַזיקער שול און איר ערשטער פּרינציפּאַל און לערער. פֿאַר מיר איז דאָס געווען אַ פֿרייד און אַ נחת צו זײַן דער ערן־גאַסט צו אַזאַ שׂמחה. בין איך דעם קאָמיטעט זייער דאַנקבאַר פֿאַרן גרויסן פֿאַרגעניגן, וואָס די דאַזיקע שׂמחה האָט מיר פֿאַרשאַפֿט.

הנ"ל

קאַפּיטל 6

צוריק אין ניו־יאָרק

געוואוינט און געלערנט אין דער זומער־שול
פֿון קאָלאָמביע־אוניווערסיטעט — זעקס וואָכן צײַט
(געלערנט און זיך אַביסל אָפּגערוט)

א) שלום־עליכם שול 13 אין ברוקלין
(אַרײַן אין דער משפּחה פֿון ש״ע פֿאָלקס־אינסטיטוט)

אין ניו־יאָרק האָב איך זיך גלײַך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיטן ש״ע פֿאָלקס־אינסטיטוט וועגן אַ לערער־שטעלע (אַזוי האָט מיר געעצהט חבֿר לייבוש לעהרער). זײַן ברודער ליפּע, דער פֿאַרוואַלטער פֿון „אינסטיטוט״, האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז צוויי וויכטיקע ש״ע־שולן ווילן זייער מיך אָנשטעלן. נאָר אַזוי גיך ווי עס וועט קומען צו אַ הסכם צווישן ביידע צדדים, וועט מען מיר גלײַך לאָזן וויסן. דערויף האָב איך דערקלערט: „איך פּערזענלעך וויל זיך אין דעם סכסוך ניט מישן, נאָר אין וועלכער שול עס וועט באַשלאָסן ווערן, אַז איך דאַרף לערנען, אַהין וועל איך גיין. גוט גענוג?״

נאָכן פֿאַרענדיקן דעם זומער־קורס אין „קאָלאָמביע״, דערוויס איך זיך, אַז איך דאַרף לערנען אין שול 13, אין ברוקלין. די ערשטע באַגעגעניש מיט דער שול־פֿאַרוואַלטונג האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ גוטן אײַנדרוק: אַן אינטעליגענטער עלעמענט מיט דער פֿײַנסטער באַציאונג צו דער שול־אַרבעט. — יאָ, דער פֿריערדיקער לערער, חבֿר שטשעגלאָוו, איז אַוועק קיין דײַטשלאַנד כדי דאָרטן צו שטודירן מעדיצין.

אָן באַזונדערע שוועריקײַטן האָב איך באַהערשט די קלאַסן. אָבער וואָס ווײַטער האָב איך אײַנגעזען, אַז ס׳איז קיין פֿאַרגלײַך ניט צו דער זעלטן־אײַנגעשטעלטער דיסציפּלין אין די שולן פֿון וויניפּעג און קאַל־

1937

מעזעלע מוכר-ספרים
פאָלק - שול פילאַדעלפיע

פונם קלוב־ווינקל

דער קלוב „שטערנדלאך"

דער צווייטער קלאס האט געגרינדעט דעם קלוב „שטערענדלאך" פאראיארן, דעם 13טן יאנואר, 1936, אין דער מענדעלע פאלק שול. די באאמטע זיינען געווען: טייבל אָלשאנסקי, פאָרזיצערן; סאָפי ראדניצקי, וויצע־פארזיצערן; רחל רובינשטיין, סעקרעטארן; ראָדי קאָהאָן, קאסירערן.

די ערשטע זאך זינגען מיר אונזער קלוב־הימן „בלאָנדזשעט מער ניט אין דער פינצטער." די סעקרעטארן לייענט דעם פראטאקאָל. די קאסירערן נעמט צוזאמען די דיוס, וואס איז 5 סענט אלע צוויי וואכן. מיר פארברייגנען גוט, ווייל די קינדער דעקלאמירן, דערציילן מעשה־לאך און פירן דורך שפילן.

איצט זיינען מיר אין קלאס „ג", אין דריטן קלאס. די פראגראמען זיינען די זעלבע ווי פאראיארן און דיוס איז 5 ס. אלע צוויי וואכן. די באאָמטע זיינען איצט: שוירלי קאָהאָן, מאָרים ענענבערג, ראָדי קאָהאָן און ישעיה פעסטמאן.

טייבל אָלשאנסקי — ראָדי קאָהאָן
רחל רובינשטיין

דער „התקוה"־קלוב פון די „הבונים"

דער אמאליקער שלום־עליכם־קלוב פון אונזער שול איז איצט א „הבונים"־קלוב מיטן נאמען „התקוה". איך באלאנג צום „ביאליק"־קלוב. אבער דוד קראל און דוד הענדרעלסמאן און איך גייען צום „התקוה"־קלוב, ווייל מיר ווילן העלפן אונזער מנהלת אלישבע. און אויך לערנען מער פון דעם, וואס די „הבונים" דארפן וויסן. מיט 5 וואכן צוריק איז יחיאל געקומען און האט דערקלערט די מיטגלידער, וואס די הבונים־קלובן זיינען. אין א וואך ארום איז אלישבע געקומען און האט אונז געלערנט דאס ליד „עלה ובנה" און האט אונז דערציילט אביסל פון א טאג אין א קבוצה. ווען די פארזאמלונג האט זיך געענדיקט, האט זי געלערנט טאנצן א „הארע". צו דער דריטער פארזאמלונג איז אויך נעמי געקומען. מיר האבן דערוויילט רזשוליוס רויט פאר קאסירער. נעמי האט צו אונז גערעדט וועגן קרופן אונזערע בלויע העמדלעך. אלישבע האט אונז דאן דערציילט פון דער „הכשרה" (א פארם, וואו די חלוצים פארברענגען איידער זיי פארן קיין ארץ־ישראל). מיר האבן דאן געלערנט א נייעם העבראישן טאנץ „פעם אחת". אבער מיר האבן זיך אים ניט אויסגעלערנט, ווייל די מיידלאך האבן זיך געשעמט. אין א וואך ארום האט אלישבע אונז געוויזן בילדער פון ארץ־ישראל און צו אונז גערעדט וועגן דעם „עמס", וואס איז געווען זייער אינטערעסאנט. צו דער פארזאמלונג פונם 5־טן מערץ איז אלישבע ניט געקומען. יחיאל איז געווען. ער האט אונז געגעבן דעם „הבונים"־זשורנאל „הבונה". וואס איז זייער אינטערעסאנט. ער האט דאן געגעבן די אפליקאציע־פאפירן צו די מיטגלידער און אונז געלערנט צוויי לידער: „שלום, חברים!" און „טומבא, טומבא, טומבא". נאך דער פארזאמלונג האט אונז יחיאל געלערנט א נייעם טאנץ, און מיר האבן זיך דערוואוסט, אז אלישבע וועט צו אונז מער ניט קומען.

חיים קלימאָפסקי

„קלוב־„ארבעט"

דער קלוב „ארבעט" איז איצטער דער אינגסטער קלוב אין שול: ער איז געגרינדעט געווארן ערשט מיט א פאָר מאנאטן צוריק. אין אים גייען אריין די קינדער פון די קלאסן „א2" און „ב". אחוץ דעם ליטעראריש־דראמאטישן טייל ווי: דעקלאמאציעס, אינסצעניר ונגען, א. ד. ג., פארנעמט זיך דער קלוב מיט פארשידענע האנט־ארבעטן ווי: איינבינדעריי, סטאָלעריי, א. ד. ג. אין זיין פראָגראם גייט אויך אריין: געזאנג און שפילעריען. די קינדער זיינען אלע באגייסטערט און האבן דעם קלוב ליב.

גאַרי, און אַוודאי איז קיין פֿאַרגלײַך ניט צו יענע שולן אויפֿן געביט פֿון די דערגרייכטע ידיעות אין די שול־לימודים; ספּעציעל בנוגע דעם פּלי־סיקן „ייִדיש" פֿון יענע שול־קינדער. אָבער דער לערער דאַרף זײַן פֿעיִק און גרייט אויף קאָמפּראָמיסן מיט דער לאַגע. ענדלעך האָבן אויך די „אַמעריקאַנער" תלמידים מײַנע זיך אָנגעהויבן באַציִען צו מיר מיטן גע־העריקן רעספּעקט און מיט פֿרײַנטשאַפֿט. די פֿאַרוואַלטונג און די עלטערן האָבן עס ערלעך אָפּגעשאַצט.

יאָ, עס זײַנען אויך געווען זעקס תלמידים „גראַדואירטע", אָבער די עלטערן זייערע האָבן זיך אָפּגעזאָגט זיי צו שיקן אין דער ניו־יאָרקער מיטלשול צוליבן ווײַטן שטח. האָבן מיר דערפֿאַר געמוזט אײַנשטעלן אין שול 13 אויך אַ פּראָ־מיטלשול קלאַס (אויף צוויי מאָל אַ וואָך). האָט מען מיר פֿאַר דעמדאָזיקן קלאַס צוגעגעבן דעם לערער י. זילבערבערג (כאַלעוואַ). אַגבֿ, פֿון דעמאָלט־אָן איז די איבערגעגעבענע חבֿרשאַפֿט צווישן אונדז ביידן געווען שטאַרק ביז זײַן אַוועקגיין אין דער אייבי־קײַט. אים טאַקע האָב איך געהאַט צוגעזאָגט, אַז איך וועל נאָך זיך איבערלאָזן כאָטש איין בוך מיט מײַנע פֿאַרשיידענע אַרטיקלען, וואָס ער פֿלעגט כסדר לייענען און פֿון זיי אָנקוועלן. בין איך עס איצטער מקיים אַ חבֿרישן צוזאָג (כמו אַ „צוואה")...

צום שבֿח פֿון שול 13 דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז עס פֿלעגן דאָרט אָפֿט פֿאָרקומען ליטעראַרישע אָוונטן, מיט לעקציעס און חבֿרישע שמועסן. דאָס האָט מיך גײַסטיק באַפֿרידיקט און איך האָב אָנגענומען באהבֿה מײַן לערער־שטעלע אין אַזאַ קליינער שול נאָך דער גרויסער פּרץ־שול אין וויניפּעג.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז חוץ מײַן פֿונקציע פֿון אַ שול־לערער בין איך באַלד אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין עטלעכע קאָמיסיעס פֿונעם „אינסטיטוט". אַזוי ערנאָך בין איך גאָר גיך באַהאַוונט געוואָרן מיט די פּראָבלעמען און מיטן מצבֿ פֿון אַ צאָל שלום־עליכם שולן.

הערה: עס פֿאַרשטייט זיך, אַז די שלום־עליכם שולן האָבן געהאַט זייערס אַ „קוריקולום". האָב איך נאָכגעפֿאָלגט דעם דאָזיקן סדר־הלימודים, באַנוצנדיק זיך מיט די געהעריקע טעקסט־ביכער. דאָס לערנען אין די קלאַסן האָט זיך אײַנגעשטעלט גאַנץ נאָרמאַל, צו דער צופֿרידנקײַט פֿון די עלטערן און דער שול־פֿאַרוואַלטונג.

ב) פערט־עמבאָי, ניו־דזשוירזי

(נאָך שול 13, אין ברוקלין, קומט שול 7, אין פערט־עמבאָי)

פֿונדעסטוועגן האָט דער ש״ע־אינסטיטוט בײַם סוף לערניאָר באַשטימט, אַז איך זאָל אָננעמען די שטעלע אין שול 7, אין פערט־עמבאָי, ניו־דזשוירזי. דאָרטן איז געווען נייטיק אַ לערער, וועלכער זאָל גלײַכצײַטיק זײַן דער אָנפֿירער פֿון די קולטור־טעטיקײַטן פֿאַר דער־וואַקסענע. אַרום יענער שול איז געווען אַקטיוו אַ וויכטיקער אַרבעטער־רינג צווײַג. האָט דער פּרינציפּאַל פֿון דער ש״ע־שול געדאַרפֿט זיי באַזאָרגן מיט לעקטאָרס און בכלל אָרגאַנזשירן פֿאַר זיי די קולטור־אָונטן, צו וועלכע עס פֿלעגן קומען אויך טוערס פֿון שול און עלטערן פֿון פֿיל שול־תּלמידים*.

ספּעציעל איז אויף מיר דאָרטן אַרויפֿגעלייגט געוואָרן מצד דער שול־פֿאַרוואַלטונג די קולטור־אַרבעט פֿאַר די עלטערן פֿון די שול־קינדער. כאַראַקטעריסטיש, וואָס איך פֿלעג אָפֿט צוגרייטן עטלעכע אינטעליגענטע פֿרויען און מענער צו האַלטן לײַכטע רעפֿעראַטן און ליטעראַרישע פֿאַרלעזונגען, וואָס איז זייער אָפּגעשאַצט געוואָרן מצד דעם שול־קאָמיטעט.

יאָ, איך פֿלעג אין יענער שול פֿאַרענדיקן די וואָך לימודים פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט. דערפֿאַר האָב איך געקענט פֿאַרברענגען שבת און זונטיק אין ניו־יאָרק, וואו איך האָב געהאַט אַ צאָל יוגנט־פֿרײַנט. איין יאָר, זונטיקס, בין איך אין דער ש״ע־מיטלשול אין ניו־יאָרק געווען לערער פֿון ייִדישער געשיכטע.

אויך די שול־פֿאַרוואַלטונג אין פערט־עמבאָי האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אַ באַוואוסטזיניקן עלעמענט מיט געטרײַער איבערגעגעבנקײַט צו דער שול־אַרבעט. איך פֿלעג זיך פֿילן זייער פֿרײַנטלעך אין זייער געזעלשאַפֿט.

* * *

---

*) ס׳איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז איינמאָל בין איך פֿון דאָזיקן קולטור־קאָמיטעט רעקאָמענדירט געוואָרן אײַנצולאַדן אויף אַ לעקציע דעם באַרימטן חיים גרינבערג און אַז ער זאָל ריידן וועגן דער „רוסישער ליטעראַטור״. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז ווען חבֿר גרינבערג איז געקומען, האָט ער מיר דערקלערט: „חבֿר הערשטיין, איך וועל ניט ריידן וועגן דער ׳רוסישער ליטעראַטור׳, באַשר ס׳איז הײַנט דאָ וויכטיקערע טעמעס פֿאַר ייִדן״.
וואָלט איר זיך געגלויבט, אַז אייניקע פֿון זיי האָבן דערנאָך דערפֿאַר געהאַט „טענות״ צו מיר פערזענלעך?...

אינגיכן האָב איך למזל חתונה געהאַט מיט אַן אינטעליגענטער מיידל פֿון וויניפּעג (פֿון אָרטאָדאָקסישע עלטערן). זי האָט געקענט ייִדיש נישקשהדיק. פֿון פֿאַך: אַ טעלעגראַפּיסטקע. איר צוליב האָב איך אָנגע־הויבן טראַכטן זיך אַריבערצוציען קיין פֿילאַדעלפֿיע, כדי זי זאָל געניסן פֿון גרויס־שטאָטישן לעבן (פֿאַר ניו־יאָרק האָט זי מורא געהאַט צוליבן שטורמישן טומל דאָרטן). אַ באַזונדערס וויכטיקע סיבה פֿאַר פֿילאַ־דעלפֿיע איז געווען: איך האָב זייער געוואָלט דאָרטן לערנען אין „דראָפּסי־קאָלעדזש" (ס'האָט מיך אַלעמאָל געצויגן ממשיך צו זײַן מײַן שטודיום). ענדלעך האָט מיר יואל ענטין, דער דעמאָלטיקער דירעק־טאָר פֿון די פֿאָלקשולן, געגעבן אַ לערער־שטעלע אין פֿילאַדעלפֿיע. אַזוי האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די פֿײַנע חבֿרים אין פּערט־עמבאָי. אָבער פֿון צײַט צו צײַט פֿלעג איך אָפּנעמען גוטע גרוסן פֿון דאָרטן, אַז די שול־אַרבעט איז אָנגעגאַנגען ווײַטער מיט געהעריקן דערפֿאָלג, און דאָס האָט מיך זייער געפֿרייט.

ג) אין דער צווישנצײַט אַ באַגריסונג צום צוואַנציק־יאָריקן יובילײ פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־שול

טײַערע חבֿרים און חבֿרות פֿון דער וויניפּעגער י. ל. פּרץ־שול!

ווי איך זע, גרייט איר זיך צו אַ גרויסן יום־טובֿ. ווינטש איך אײַך קודם־כּל וואָס מער פֿרייד, דערמוטיקונג און באַגײַסטערונג. איך בין זיכער, אַז איר דאַרפֿט אַט־די „גוטע" ברכות נייטיק האָבן אויף אײַער ווײַטערדיקן וועג פֿון טאָג־טעגלעכער שול־טעטיקײַט. אין דער הײַנטי־קער צײַט פֿון אַלגעמיינעם סקעפּטיציזם און עקאָנאָמישן קריזיס דאַרפֿן ייִדישע שול־טוער אָנווענדן אַ סך כּוחות אינעם קאַמף פֿאַר דער אויפֿ־האַלטונג פֿון די שוין לאַנג־דערוואָרבענע פּאָזיציעס. דערצו איז נאָך בײַם הײַנטיקן טאָג פֿאַראַן גענוג לײדיקער חלל אינעם היגן ייִדישן לעבן, וואָס קען און דאַרף אָנגעפֿילט ווערן מיט די אידעאַלן און מעשׂים פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול...

מיר דאַכט זיך אָבער, חבֿרים און חבֿרות, אַז עס דאַרף אײַך אָנ־קומען זייער לײַכט צו קריגן אַט־יענע באַגײַסטערונג, יענעם ענטו־זיאַזם. ס'איז גענוג פֿאַר אײַך, אַז צום 20־יאָריקן יובֿל פֿון אײַער שול זאָלט איר קוקן אַביסל רעטראָספּעקטיוו און זען, וואָס פֿאַר אַ לאַנגן וועג

איר זײַט שוין אָפּגעגאַנגען און וואָס פֿאַר אַ טיפֿע וואָרצלען אײַער אַרבעט האָט געשלאָגן אַרום זיך. דערמאָנט זיך, חבֿרים און חבֿרות, מיט וואָס פֿאַר אַן אָרעמקייט אין אייגענע כוחות און מיט וואָס פֿאַר אַ חוזק־באַציאונג מצד דעם אַרום איר האָט אָנגעהויבן אײַער שול־טעטיקייט מיט 20 יאָר צוריק, און וויפֿל „קריזיסן", אמתע שטורעמווינטן, האָט די שול געדאַרפֿט אין משך פֿון דער גאַנצער צײַט דורכגיין... פֿונדעסט־וועגן ניט געקוקט אויף אָט־די אַלע מכשולים האָט איר נאָך 20 יאָר עקזיסטענץ איינע פֿון די מעכטיקסטע שולן איבערן גאַנצן לאַנד, מיט אַזויפֿיל נחתדיקע רעזולטאַטן, און אײַער אײַנפֿלוס איז ווײַט־ווײַט אַרי־בער די ווענט פֿון אײַער אייגענער שול... איר זײַט ניט נאָר דער „עמוד האש" פֿאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן איבער קאַנאַדע און טייל־ווײַז אויך איבער די פֿאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אַפֿילו די תלמוד־תורות פֿון מערבֿ־קאַנאַדע האָבן אונטער אײַער אומדירעקטער ווירקונג גע־מוזט מאָדיפֿיצירן טיילווײַז זייער קוריקולום און זיך צופּאַסן מער־ווייניק צו די נײַע פֿאַרלאַנגען, וואָס איר האָט געהאָלפֿן אַרויסרופֿן בײַ די יידישע פֿאָלקס־מאַסן...

ווייסט איר, פֿונוואַנען עס האָבן זיך גענומען צו אײַך די כוחות אָנצופֿירן כסדר דעם דאָזיקן קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ?

דאָס איז, ערשטנס, דערפֿאַר, וואָס איר האָט אַלעמאָל געמיינט זייער ערנסט מיט אײַער שול־אַרבעט. איר האָט אויף דער שול־אַרבעט כמעט געבויט אַלע האָפֿענונגען אויף אַ געזונט גײַסטיק יידיש לעבן.

צווייטנס, זײַט איר מערסטנטיילס מענטשן פֿון טאַט. בעת אין די מערסטע יידישע ישובֿים פֿאַרנעמט מען זיך לײַדער נאָך עד־היום הויפּטזאַכלעך מיט דיסקוסיעס וועגן יידישער דערציאונג, האַלט איר אין איין פּראַקטיצירן שול־אַרבעט, בויען דאָס יידישע שולוועזן דורך טאָג־טעגלעכע מעשׂים.

דריטנס, איז בײַ די טוער פֿון דער פּרץ־שול אין וויניפּעג די שול־אַרבעט ניט געווען קיין צוגאָב צו „עפּעס" אַנדערש, נאָר אַן עיקר, אַ ציל, פֿאַר זיך אַליין. די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס איר האָט געדינט מיט אײַער שול־אַרבעט, איז געווען דאָס יידישע פֿאָלק...

ענדלעך, האָט דער וויניפּעגער פּרץ־שול אויך אָפּגעגליקט, וואָס בײַ איר רודער זײַנען לכתחילה אַוועקגעשטעלט געוואָרן געשעפֿטס־מענטשן מיט אַ חוש פֿאַר פּראַקטישקייט, וועלכע האָבן די שול־אַרבעט געפֿירט אויף געזונטע געשעפֿטלעכע יסודות. דער וואָס האָט אַ גע־

נויערע באַקאַנטשאַפֿט מיט ייִדישע אינסטיטוציעס אויפֿן היגן קאָנטי־נענט, ווייסט, וויפֿל צרות מ׳שטייט זיך בײַ אונדז אויס פֿון אַט־דעם דוחק אין פּראַקטישקייט... מיט שיינע פֿאַנטאַזיעס און ברייטע וויזיעס אַליין וואָלט קיין אינסטיטוציע, אַפֿילו די וויכטיקסטע, די אידעאַלסטע, ניט געקענט עקזיסטירן...

אַט פֿאַרוואָס די שול־אַרבעט איז בײַ אײַך אַזאַ פּראָדוקטיווע, אַן אמתער מזל־ברכה, מיט הונדערטער גראַדואירטע, וועלכע טראָגן בײַ זיך אין האַרצן, און בײַ זיך אין מוח, יענע אמתן, יענע אידעאַלן, פֿון ייִדישקייט און מענטשלעכקייט, וואָס זײַנען די נשמה, דער סאַמע אינ־האַלט, פֿון דער פּרץ־שול־דערציאונג!

איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן די יאָרן 1924־1928, ווען מיר איז אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער דערציאונגס־אַרבעט פֿון דער וויניפּעגער י. ל. פּרץ־שול. דאָס זײַנען פֿאַר מיר געווען יאָרן פֿון אמתן נחת־רוח, וואָס גײַסטיקע אַרבעט קען נאָר פֿאַרשאַפֿן. איך האָב זיך בײַ דער דאָזיקער אַרבעט אָנגענומען מיט אַ סך גלויבן אין די מעגלעכקייטן פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער דערציאונג, אויב זי ווערט נאָר געפֿירט אין דער ריכטיקער ליניע... איך וועל פּרוּוון אונטער־שטרײַכן איין באַזונדערס־וויכטיקן מאָמענט אין דער אַרבעט. מיר דאַכט זיך, אַז זעלטן־ווען ווערט אין אַ ווינקל פֿון ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן דורכגעפֿירט אַזוי קאָנסעקוועגט דער אידעאַלער סינטעז פֿון אַלע פּאָזיטיווע מאָמענטן פֿון אונדזער ווירקלעכקייט, נאַציאָנאַלע און סאָ־ציאַלע, ווי אין דער וויניפּעגער פּרץ־שול. איך קען אַשטייגער ניט פֿאַר־געסן, מיט וואָסער נאַטירלעכער זעלבסט־פֿאַרשטענדלעכקייט עס פֿלעגן אין איין און דעם זעלביקן טאָג געלערנט ווערן אין די העכערע קלאַסן פֿון דער פּרץ־שול, אָן שום קשיות, אָן שום מורא פֿאַר דער „עפֿנטלעכער מיינונג", אַזעלכע פֿאַרשיידענע לימודים, ווי: ייִדישע גע־שיכטע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ייִדישע ליטעראַטור, העברעיש, תנ״ך, וועלט־ליטעראַטור, געשיכטע פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און אַנדערע.

בײַ די תלמידים און תלמידות איז דער המשך, דער צוזאַמענהאַנג, פֿון די דאָזיקע פֿאַרשיידנאַרטיקע לימודים געווען אַזאַ האַרמאָנישער, אַזאַ גאַנצער, אַז זיי האָבן ניט געהאַט דעם מינדסטן חשד, אַז ערשט מיט אַ קורצער צײַט צוריק איז כמעט געווען אוממעגלעך בײַ אונדז צו דענ־קען וועגן אַזאַ האַרמאָניע; אַז ערשט מיט אַ קורצער צײַט צוריק האָט

מען בײַ אונדז געוואָלט זען נאָר ווידערשפּרוכן (סתירות) צווישן דעם ייִדישן און דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן, צווישן דעם נאַציאָנאַלן און דעם סאָציאַלן... יאָ, דער דאָזיקער סינטעז אַליין איז דאָך די שענסטע דערגרייכונג אין אונדזער קולטורעלער אויפֿבויאונג. ערשט די ערנסטע באַציאונג, דער טיפֿער דרך־ארץ, מצד די תּלמידים און תּלמידות צו אונדזערע קולטור־אוצרות! און זייער ליבע צום לערנען, צום וויסן! דאָס זײַנען דאָך פֿאַרן ייִדישן לערער, פֿאַרן ייִדישן קולטור־טוער, די אמת־גליקלעכע מאָמענטן אין לעבן!

זײַט דעריבער שטאָלץ, חבֿרים און חבֿרות פֿון דער ווינײַפּעגער פּרץ־שול, מיט אײַערע קרבנות און דערגרייכונגען פֿאַר די 20 יאָר אָנגעשטרענגטער שול־אַרבעט: עס האָט זיך געלוינט אײַער מי! איר האָט אַרײַנגעשריבן אַ שיינעם בלאַט אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן העראָאיזם. מײַן וואונטש צו אײַער יום־טובֿ איז, אַז איר זאָלט זיך איצטער אָננעמען מיט באַנײַטן מוט, מיט דערפֿרישטער ענערגיע, פֿאָרצוזעצן אײַערע שיינע טראַדיציעס פֿון פּראָדוקטיווער שול־טעטיקײַט. שוין די אַרבעט אַליין איז אַ שיינע באַלוינונג. דערצו וועט איר נאָך אינגיכן זוכה זײַן צו זען נאָך פֿיל רײַכערע רעזולטאַטן פֿון אײַער איבערגעגעבענער אַרבעט.

מיט טיפֿן דרך־ארץ,

פֿ. הערשטיין.

פּערט־עמבאָי, נ. דזש., מאַי 12, 1934.

ד) פֿילאַדעלפֿיע

(אין די 30ער יאָרן אַן אייגנאַרטיקע ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכע שטאָט)

אין פֿילאַדעלפֿיע זײַנען דעמאָלט געווען דרײַ פֿאָלקשולן: 1) די „שטיינבערג־שול"; 2) די „דינעזאָן־שול"; 3) די „מענדעלע־שול". מיר האָט מען איבערגעגעבן די מענדעלע־שול. איך האָב זיך אין אַ קורצער צײַט אַרום דערוואוסט, אַז דידאָזיקע שול האָט זיך דעם פֿאַרגאַנגענעם לערניאָר צוגעמאַכט מיט אַ פֿיר חדשים פֿריער, איידער דער שול־סעזאָן האָט זיך געענדיקט, מיט בלויז זיבן קינדער. נו, עפּעס אַ גוטע דערמוטיקונג?!...

מענדעלע אויס פאָלקשול — פילאַדעלפיע

אויסער-קלאס טעטיקייטן:

(פונם לערערס באריכט) פרינציפאל ב. [illegible]

די פאלק־שולן אלס מאדערנע שולן זיינען ניט נאר לערן־אנשטאלטן, נאר פריער פון אלץ דערציאונגס־אינסטיטוציעס. דערפאר ווערט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו ברענגען די קינדער אין קאנטאקט מיטן געזעלשאפטליכן לעבן. באזונדערס ווערן פאר דעם צוועק אויסגענוצט די נאציאנאלע ימים־טובים און די שול פייערונגען.

אין משך פון די פארגאנגענע 5 חדשים זיינען די שול־קינדער געווען פארבונדן מיט די פאלגנדיקע אויסער־קלאס טעטיקייטן:

זונטיק, דעם 4־טן אָקטאָבער ארויסגעפאָרן מיט 60 קינדער צו דער „סאקער גיים" פון די „מאקאבייער".

דעם זעלביקן אוונט זיינען א גרופּע קינדער אויפגעטראטן מיט א שיינער פראָגראם ביי דער חנוכת־הבית פייערונג אין שול.

מיט א פּאָר טעג שפּעטער א גרויסע שמחת־תורה קינדער פייערונג — מיט פּראגראם — ארום 90 קינדער בייגעווען.

אויפן צווייטן טאָג ארויסגעפארן מיט א גרופּע קינדער צום זאָאָלאָגישן גאָרטן אין פעירמאונט־פּארק.

ביי דער דערעפענונג פונם צענטראלן שולן־קאמפּיין — נאָוועמבער — האָט א קינד פון אונזער שול באגריסט די פארזאמלונג.

ביים אוונט לכבוד דער דערעפענונג פון דער פּראָמיטל־שול זיינען די קינדער פונם דאָזיקן קלאס אויפגעטראטן מיט א שיינער ליטעראריש־מוזיקאלישע פּראגראם.

ביים חנוכה־אוונט פאר די עלטערן האָט זיך א גרופּע קנדער באטייליקט אין דער פּראגראם.

דעם לעצטן טאג חנוכה האבן די קינדער דורכגעפירט א וואונדערבארע פּראגראם פון : געזאנג, דעקלאמאציעס און שפּיל. ארום 160 קינדער זיינען געווען ביים יום־טוב.

דעם זעלביקן אוונט האט א קינד פון אונזער שול זיך באטייליקט אין דער פּראגראם ביי דער „ראלי" פונם שולן־קאמפּיין.

ביי דער דריטער פארזאמלונג פונם ניי געגרינדעטן מוטער קלוב זיינען צוויי קינדער אויפגעטראטן מיט זייער א שיינער דראמאטיזירטער דעקלאמאציע.

חמשה־עשר בשבט איז דאס יאר געפייערט געוואָרן אויף א „שטילן" אופן אין די קלאסן : מיט מעשה'לאך, געזאנג און חמשה־עשר־אויבס.

ביים שלום באנקעט פונם שולן־קאמפּיין אין „קאמאדאר האָטעל" האבן זיך 2 פון אונזערע קנדער באטייליקט אין דער שיינער פּראגראם, וואס איז דעמאלט דורכגעפירט געווארן פון די קינדער פון אלע 5 פאלק־שולן.

אינמיטן יאנואר זיינען אריבער 80 קינדער פון אונזער שול צוזאמען מיט די לערער געגאנגען זען דאס נייעסטע בילד פון ארץ ישראל „זאת הארץ".

צו דער פּורים פייערונג, וועלכע איז דורכגעפירט געווארן אין קולטור־צענטער מיט דער באטייליקונג פון אלע קינדער פון די היגע פאלק־שולן, זיינען געווען קרוב צו הונדערט קינדער פון אונזער שול און האבן זיך גאנץ גוט „אנגעזעהן" מיט זייערע קאסטיומען.

אין דער ערשטער וואָך פון מערץ האבן די קינדער פון די קלאסן : „א", „א2" און „ב" אפגעהאלטן א פארזאמלונג, ביי וועלכער די לערער האבן גערעדט וועגן דעם גרויסן יום טוב וואס ווערט איצט דורכגעפירט אין דער מענדעלע שול אין פארבינדונג מיט איר צוואנציק־יאריקן יובילעי.

אויסערדעם זיינען די קינדער ארגאניזירט אין קלובן, וואו עס ווערט אוועקגעגעבן א סך פלאץ די פארשידענע זעלבסטשטענדיקע טעטיקייטן.

פֿונדעסטוועגן האָב איך זיך לאַנג ניט געקענט באַקלאָגן, איך האָב געהאַט מזל: באַלד האָט מען אָנגעהויבן רעגיסטרירן קינדער צום נײַעם לערן־יאָר. אין משך פֿון אַ צוויי יאָר צײַט האָב איך געהאַט אין שול אַ גרעסערע צאָל תּלמידים איידער די אַנדערע צוויי שולן צוזאַמען. ווי אַ צוגאָב איז די שול־אַרבעט אַוועקגעגאַנגען גלאַטיק, צו דער צופֿרידנקײַט פֿון אַלעמען. אינגיכן האָט מען מיר געמוזט צוגעבן אַ געהילפֿס־לערערין, רות ביסקין (לערער גבֿריאל ביסקינס טאָכטער), אַ סטודענטקע אין אוניווערסיטעט, דערצו אַ גוטע ייִדיש־קענערין און אַ פּראָדוקט פֿון אַ פֿײַנער ייִדישער פֿאָלקשול אין וואַשינגטאָן(?).

איצטער אַביסל אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם ייִדישן פּילאַדעלפּיע אין יענע יאָרן. אין פֿאַרגלײַך צו דער גרויסער ייִדישער וועלט־שטאָט ניו־יאָרק, איז דאָ געווען מער „ייִדישקײַט" כּמעט אין אַלע טיילן פֿון שטאָט. מ'האָט דאָ געקאָנט הערן ריידן ייִדיש אַפֿילו אין די גאַסן. למשל, אין „פֿעירמאַונט פּאַרק" פֿלעגן זייער אָפֿט אָנגיין שטורמישע דיסקוסיעס אויף ייִדיש צווישן „סאָציאַליסטן" און „קאָמוניסטן". דאָס ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכע לעבן פֿלעגט זיך מערסטנס אָפּשפּיגלען, אַלץ אויף ייִדיש, אין דער גרויסער צאָל לאַנדסמאַנשאַפֿטן און פֿאַרשיידענע פֿרויען־ און מענער־אָרגאַניזאַציעס, אין בתּי־מדרשים און תּלמוד־תּורות פֿון אַלע ריכטונגען. אויך „אַרבעטער־רינג"־ און „אָרדן"־שולן האָבן זיך געפֿונען כּמעט אין אַלע געגנטן פֿון שטאָט. אַגבֿ, ווי אַ רעזולטאַט, וואָס אַ צאָל „לאַנדסמאַנשאַפֿטן" האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין „ציוניסטישן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד", זײַנען אינגיכן צוגעקומען נאָך צוויי פֿאָלקשולן: די „זשיטלאָווסקי־שול" און די „ביאַליק־שול".

יאָ, בײַ די פֿאָלקשולן אין פּילאַדעלפּיע זײַנען געשטאַנען על־פּי־רובֿ ניט־פֿאַרמעגלעכע ייִדן (און דער שׂכר־לימוד פֿער קינד פֿלעגט דורכשניטלעך זײַן 25־50 סענט אַ וואָך). כּדי צו קענען פֿונקציאָנירן פֿינאַנציעל פֿלעגט די „צענטראַלע פֿאַרוואַלטונג" פֿון די פֿאָלקשולן (מיט ד"ר קאַלישן אין דער שפּיץ) דורכפֿירן יערלעך אַ געלט־אַקציע לטובֿת די שולן צווישן אַ צאָל פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פֿלעגן זיך זייער וואַרעם אָפּרופֿן מיט בײַשטײַערונגען פֿאַרן שול־בודזשעט.

אין פּילאַדעלפּיע פֿלעגן אָפֿט פֿאַרקומען צוזאַמענפֿאָרן און קאָנפֿערענצן פֿון דער פּועלי־ציון באַוועגונג און פֿון דער „הסתדרות", צײַטנווײַז אַפֿילו מיט דער באַטייליקונג פֿון אָנפֿירנדיקע ישׂראל־חבֿרים. חוץ־דעם פֿלעגן אין יעדער פֿאָלקשול רעגולער דורכגעפֿירט ווערן קולטור־

אָוונטן, געוויינטלעך מיט דער אַקטיווער באַטייליקונג פון די לערער און קאָמפּעטענטע לעקטאָרס פון ניו־יאָרק.

די מענדעלע־שול איז גיך געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער צענטער פאַרן צווייַג 25 „נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד" און פאַר אַ צווייַג פון די פּוע"צ. מיט איין וואָרט: איך האָב הנאה געהאַט אי פון דער שול־אַרבעט און אי פון דער אידעאַלער געזעלשאַפט אַרום.

ווי אַ גוטער צוגאָב: פלעג איך דרייַ פרימאָרגנס אַ וואָך שטודירן זייער וויכטיקע לימודים אין „דראָפּסי־קאָלעדזש". צווישן זיי: אַראַביש און סיריש (פון ד"ר סקאָס); ייִדישע געשיכטע (פון ד"ר ניומאַן, פּרעזי־דענט פון קאָלעדזש); עבֿרית (פון ד"ר יוסף ריידער), און אַנדערע אַקאַ־דעמישע לימודים. אַזוי איז פאַרבייַ אַ 4־5 יאָר. אָבער וואָס טוט מען מיט „פּרנסה"? ווייַטער ממשיך צו זייַן מיט „דראָפּסי", שרייַבנדיק אַ וויסנ־שאַפטלעכע דיסערטאַציע עטלעכע יאָר צייַט (כדי דערנאָך צו קריגן אַ „דאָקטאָראַט")? — וואָלט געמיינט נאָך מער דחקות אין דער פאַ־מיליע... (איך בין שוין געווען אַ טאַטע פון אַ זון).

גראָד אין יענער צייַט האָט ד"ר דזשייקאָבס, דער דירעקטאָר פון דער „דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייַאיטי", מיר געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז איך זאָל אָנהייבן אַרבעטן אין זייער דרוקערייַ אַ 6 שעה אַ טאָג, ווי אַ שריפטזעצער און בעל־מגיה. האָב איך דאָרטן אַזוי אָפּגעאַרבעט מיט גייַסטיקן פאַרגעניגן אַ לאַנגע צייַט. איך פלעג אַ סך לערנען פון די מאַנוסקריפּטן פון די סאַמע גרעסטע ייִדישע געלערנטע.

איך האָב דאָרטן אויך געזעצט און געלייענט די קאָרעקטורן פון יהואָשעס תנ"ך־איבערזעצונג און די „הערות" צום תנ"ך; אוריאל ווייַנ־רייַכס „ייִדיש־ענגלישן און ענגליש־ייִדישן ווערטערבוך": אויך האָבן מייַנע צען פינגער „געזעצט" די צוויי בענד „הערות" פון מאַקס ווייַנ־רייַכס „געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך"; איך האָב אויך געזעצט ד"ר לוי גינזבורגס „תלמוד ירושלמי"; אַ צאָל וויסנשאַפטלעכע ווערק פון אַזעלכע אויטאָריטעטן פון ייִדיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר ווי: ד"ר פינקעלשטיין, ד"ר ליבערמאַן און אַנדערע ייִדישע געלערנטע. איך באַ־טראַכט עס פאַר אַ באַזונדערער זכיה, וואָס איך האָב אויך געזעצט אין די צוויי בענד פון מייַן געוועזענעם סעמינאַר־לערער, חיים שויס (אין: קאַפּיטלעך „נבֿיאים אחרונים"), די אָריגינעלע העברעישע תנ"ך־פראַג־מענטן פון די נבֿיאים — עמוס, הושע, ישעיה, מיכה, צפניה, נחום,

ירמיה, ווי אויך די אויסצוגן פֿון מלכים ב׳ (אין שייכות צו יאשיהוס רעפֿאָרם).

איך האַלט די דאָזיקע שריפֿטזעצערישע אַרבעט מײַנע פֿאַר ניט־ווינציקער קולטורעל־וויכטיק ווי צו זײַן אַ לערער אָדער אַפֿילו אַ פּרינציפּאַל פֿון אַ ייִדישער שול. ווי עס האָט געזאָגט דער „מחזה־אבֿרהם״ (דער „חזון־איש״) צו צמח אַטלאַסן: „אין וועלכן ספֿר שטייט עס געשריבן, אַז צו זײַן אַ רבֿ אָדער אַ ראש־ישיבֿה איז אַ העכערע מדרגה ווי צו זײַן אַ קרעמער?״...

אָבער איך בין אַפֿילו דעמאָלט ניט אַוועק אינגאַנצן פֿון „קלאַס־צימער״: פֿינף מאָל אַ וואָך פֿלעג איך פֿון 4 בײַטאָג אָן ממשיך זײַן מיט לערערײַ אין די נאָכמיטאָג־שולן — צוויי יאָר אין דער דינעזאָן־פֿאָלקשול און איין יאָר אין דער שטיינבערג־פֿאָלקשול (אונטער דער פּרינציפּאַלשאַפֿט פֿונם פּעדאַגאָג ש. שאַפּיראָ).

איך האָב אויך געלערנט אין דער היגער אַ.ר. שול 3 יאָר, און אין דער אַ.ר. מיטלשול 4 יאָר (צוזאַמען מיט די באַרימטע לערער: ברעסלער, סיימאָן, ש. ד. זינגער און יוסף גליקסאָן). ס׳איז דערבײַ כדאַי צו דערמאָנען דעם גרויסן נחת, וואָס איך האָב דאָ געהאַט פֿון אַ געוויסן מיטלשול־קלאַס, וועלכער האָט מיך אָפּט דערמאָנט אין די גוטע יאָרן אין דער ווינּיפּעגער פּרץ־שול: די תּלמידים און תּלמידות האָבן געקענט ייִדיש און האָבן זייער ליב געהאַט דאָס לערנען*.

דער דאָזיקער קלאַס האָט אויך פֿאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן „פּרץ־קלוב״, וואָס זייער פֿריערדיקער לערער, דער שרײַבער חיים באַרקאַן, האָט געהאַט אָרגאַניזירט. זיי פֿלעגן אָפּט (נאָכן לערנען) אָפּהאַלטן זייערע קלוב־זיצונגען מיט פֿאַרשיידנאַרטיקע קולטור־פּראָגראַמען, ווי: קורצע רעפֿעראַטן, שמועסן, דיסקוסיעס, רעציטאַציעס און געזאַנג.

דערצו פֿלעגן זיי פֿון צײַט צו צײַט אָפּדרוקן (מיט דער הילף פֿון אַ שרײַבמאַשין), אַ זשורנאַל מיטן מאָדנעם נאָמען „אילפּיק״ (די ראשי־תּיבֿות פֿון „י. ל. פּרץ־קלוב״), מיט פֿײַנע קאָמפּאָזיציעס וועגן ליטעראַרישע און געזעלשאַפֿטלעכע ענינים, „שרײַבערישע פֿאַרזוכן״, וואָס

---

*) איך באַטראַכט עס כמעט ווי אַ מאָראַלן חובֿ צו דערמאָנען דאָ בײַ זייערע נעמען כאָטש צוויי זייער פֿעיִקע תּלמידים פֿונם דאָזיקן געראָטענעם קלאַס, וועלכע זײַנען געווען ווי אַ גוטער סטימול פֿאַר די אַנדערע חבֿרים־תּלמידים מיט זייער חשק צום לערנען: ד״ר שיקל פֿישמאַן און ד״ר עדי קאָלקאָ.

האָבן געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק אַפֿילו אויפֿן דערוואַקסענעם עולם פֿון די „חובֿבֿי־ייִדיש״.

מיט דער צײַט האָט דערדאָזיקער קלוב זיך באַקאַנט מיט אַן ענלעכן קלוב פֿון יוגנטלעכע (אין זעלביקן עלטער) אין ניו־יאָרק, די מערסטע פֿון זיי „אַריבערגעקומענע״, פּראָדוקטן פֿון די צישאָ־שולן אין ווילנע און אַנדערע פּוילישע שטעט.

די דאָזיקע צוויי קלובן פֿלעגן פּעריאָדיש אָפּהאַלטן געמיינשאַפֿט־לעכע קולטור־באַגעגענישן אויף אַזאַ אופֿן: איין באַגעגעניש אין ניו־יאָרק און איינע אין פּילאַדעלפּיע. זייערע קולטור־פּראָגראַמען זײַנען פֿון מאָל צו מאָל געוואָרן אינהאַלטס־רײַכער, און די דערנעענטערונג פֿון די קלובן אַלץ נעענטער און נעענטער צווישן זיך. זיי פֿלעגן זיך אַפֿילו טרעפֿן בײַ פֿאָרשטעלונגען פֿון מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער, ניו־יאָרק, מיט ספּעציעל־אַראַנזשירטע זיץ־פּלעצער. מאָריס שוואַרץ גופֿא האָט זיי איין מאָל אַפֿילו באַגריסט פֿון דער „בינע״ אַראָפּ, און איינער פֿון די יוגנטלעכע (שיקל פֿישמאַן) האָט אָפּגעענטפֿערט מיט שבֿחים פֿאַר די אויסגעצייכנטע אויפֿפֿירונגען פֿון „קונסט־טעאַטער״.

איין מאָל בײַ אַ געמיינשאַפֿטלעכער זיצונג אין פּילאַדעלפּיע, האָט אַ פֿאָרשטייער פֿון די „ניו־יאָרקער״ אויסגעדריקט דעם פֿאַרלאַנג פֿון זײַן קלוב צו ווערן אויך שותּפֿים צום זשורנאַל, נאָר בתנאַי, אַז דער נאָמען „אילפּיק״ זאָל געביטן ווערן אויף אַן אַנדערן נאָמען. בײַ דער צווייטער זיצונג זײַנען פֿאָרגעלייגט געוואָרן פֿאַרשיידענע נעמען פֿאַרן געמיינ־שאַפֿטלעכן זשורנאַל. ענדלעך איז, אויפֿן פֿאָרשלאָג פֿונם שרײַבער פֿון די דאָזיקע שורות, באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער זשורנאַל זאָל גערופֿן ווערן „יוגנטרוף״.

אָט־דערפֿון נעמט זיך דער נאָמען „יוגנטרופֿניקעס״: די יוגנט־אָרגאַניזאַציע וואָס האָט צווײַגן אין פֿאַרשיידענע שטעט פֿון אַמעריקע און קאַנאַדע. זיי לאָזן זיך אָפּט הערן פֿון זייערע טריבונעס בנוגע פֿאַר־שיידענע ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, ספּעציעל וועגן דער גרויסער וויכטיקײַט פֿון ייִדיש־לשון. יאָ, זיי גיבן נאָך אַלץ אַרויס דעם זשורנאַל „יוגנטרוף״ מיט יוגנטלעך־רײַפֿן אינהאַלט.

ה) קינדער־פֿאָרומס

(ווי אַ דערציאונגס־פּראָיעקט)

פֿאַראיאָרן האָב איך אין דער מענדעלע פֿאָלקשול פֿון פֿילאַדעלפֿיע אײַנגעפֿירט אַ קינדער־פֿאָרום. פֿון אויבן־אויף איז די עצם אידייע פֿון אַ קינדער־פֿאָרום, פֿון קינדער־פֿאַרזאַמלונגען, ניט נײַ בײַ אונדז. האָט מען דאָך אין דער סבֿיבֿה פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול אַלעמאָל געהאַלטן אין אַקצענטירן די וויכטיקייט פֿון געזעלשאַפֿטלעכקייט אין אונדזער דערציאונגס־אַרבעט. נײַ זײַנען אָבער די מאָטיוון, וואָס האָבן מיך דאָס מאָל באַוואויגן אײַנצופֿירן דעם קינדער־פֿאָרום ווי אַ פּערמאַנענטע אינסטיטוציע בײַ דער שול. נײַ איז אויך דער אופֿן, ווי אַזוי דער „קינדער־פֿאָרום" פֿלעגט דורכגעפֿירט ווערן.

ווי אַ סך ייִדישע לערער האָב איך שוין לאַנג אײַנגעזען, אַז מיט די לימודים אַליין, מעגן זיי זײַן ווי וויכטיק, קענען מיר ניט באַשאַפֿן פֿאַרן ייִדישן קינד אַט־די גײַסטיקע וואַרעמקייט, אין וועלכער עס נייטיקט זיך אַזוי שטאַרק. עפּעס מוז געטאָן ווערן כדי צו שאַפֿן אין דער ייִדיש־וועלטלעכער שול אַן אַטמאָספֿער פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿאַרן קינד. אַפֿילו אין די פֿאַרשיידענע שול־קלובן קען דער דאָזיקער דראַנג נאָך געזעלשאַפֿטלעכקייט מצד דעם קינד ניט באַפֿרידיקט ווערן, ווײַל אין די מערסטע פֿאַלן זײַנען די אַקטיוויטעטן פֿון אַ שול־קלוב אַן איבער־חזרונג פֿון קלאַס־אַרבעט, נאָר מיט מער פֿרײַקייט. ענדלעך האָב איך זיך דערטראַכט צו פּעריאָדישע מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען פֿון שול־קינדער. ווײַל די ווירקונג, וואָס אַ מאַסנפֿאַרזאַמלונג קען האָבן אויפֿן קינד, אויף זײַן פֿאַנטאַזיע, און אויף זײַן געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג, זײַנען פֿון גאָר אַ גרויסער באַדײַטונג. חוץ דעם דאַרפֿן מיר צוגעבן, אַז בײַם הײַנטיקן טאָג איז דער מיטינג, די פֿאַרזאַמלונג, זייער אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. לכן, אויב דער צוועק פֿון אונדזער דערציאונג איז צוצוגרייטן דאָס קינד צום שפּעטערדיקן לעבן, טאָ פֿאַרוואָס טאָקע ניט צוגרייטן עס אויך צו דער דאָזיקער אינסטיטוציע? פֿאַרוואָס ניט דערציען דאָס קינד — ניט דורך „לעקציעס" נאָר טאָקע דורך אומ־מיטלבאַרער פּראַקטיק! — ווי אַזוי אָנצופֿירן אַ פֿאַרזאַמלונג? ווי אַזוי זיך צו האַלטן בײַ אַ פֿאַרזאַמלונג? ווי אַזוי אָנצופֿילן אַ פֿאַרזאַמלונג מיט אינהאַלט?

כדי צו פֿאַרווירקלעכן אַט־דעם פּלאַן איז נייטיק געווען: 1) אויסצו־

אַרבעטן קודם־כּל אַ גענויע רשימה פֿון מאַטעריאַלן, וואָס וואָלטן זיך אַרײַנגעפּאַסט אין קינדער־פּראָגראַמען פֿון אַזאַ פֿאָרנעם; 2) צו אַקטיווי־זירן די קינדער גופֿא, בײַם אָנפֿאַנג כאָטש אַ גרופּע פֿון זיי, אין דער אַרבעט; 3) צו באַגײַסטערן אַלע קינדער פֿון שול פֿאַר דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

די אויסגעאַרבעטע פּראָגראַם איז באַשטאַנען פֿון אַ רײַכן אויסוואַל פֿון פּאָעמעס, מעשׂהלעך, ביאָגראַפֿיעס, קורצע אָפּהאַנדלונגען וועגן פֿאַרשיידענע טעמעס, אד״ג, אַרויסגענומען פֿון „קינדער־זשורנאַל״, „גרינינקע ביימעלעך״, „קינדער וועלט״ און פֿאַרשיידענע טעקסט־ביכלעך. דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז סאָרטירט געוואָרן לויט די ימים־טובֿים און לויט אַנדערע טעמעס. חוצדעם האָט די פּראָגראַם געזאָלט אַרײַננעמען דעם רעפּערטואַר פֿון אַריבער 30 לידלעך, וואָס די שול־קינדער האָבן געקענט זינגען. בײַ יעדן פֿאָרום האָט די פּראָגראַם גע־דאַרפֿט זײַן אַ וואַריאירטע און מיט דער באַטייליקונג פֿון די קינדער פֿון אַלע קלאַסן כּדי צו באַפֿרידיקן די קינדער פֿון יעדן עלטער. עס האָבן אויך געדאַרפֿט פֿון אָנפֿאַנג אָן אײַנגעשטעלט ווערן אי אַ באַשטימטע פֿאָרעם ווי אַזוי אָנצוהייבן און ווי אַזוי צו ענדיקן יעדעס מאָל די פֿאַר־זאַמלונג; אי אַ געוויסע פֿיקסירטע רוטין, וואָס זאָל צוגעבן דעם קינדער־פֿאָרום דעם כאַראַקטער פֿון טראַדיציע, פֿון אײַנגע־שטעלטקייט.

בײַ דער שול האָט דעמאָלט עקזיסטירט אַ „יהואש־קלוב״ פֿון די גרעסערע קינדער. צו יענעם קלוב בין איך עס געקומען מיט מײַן פּלאַן, וועלכער איז באַלד אויפֿגענומען געוואָרן זייער ענטוזיאַסטיש פֿון אַלע־מען. די קינדער האָבן באַלד צווישן זיך אײַנגעטיילט די אַרבעט: דער זאָל אַכטונג געבן אויף דער אָרדענונג אין זאַל; דער זאָל העלפֿן די קינדער זיך אויסזעצן אויף די פּלעצער; דער זאָל צוזאַמען מיטן לערער אַכטונג געבן אויף די פּראָגראַמען, וואָס מ׳דאַרף צוגרייטן; דער זאָל אַרײַנשרײַבן אין אַ פּראָטאָקאָל־בוך אַלץ, וואָס ווערט בײַם קינדער־פֿאָרום דורכגעפֿירט.

ווען דער גאַנצער „אַפּאַראַט״ איז געווען אײַנגעשטעלט, איז גע־רופֿן געוואָרן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע קינדער פֿון שול, בײַ וועלכער דער לערער האָט קלאָר געמאַכט וועגן דער נײַער אינסטיטוציע, וואָס מ׳גייט דאָ אײַנפֿירן, ווי נייטיק זי איז פֿאַר די קינדער און פֿאַר דער שול, און אַז אַלע דאַרפֿן מיטהעלפֿן אין דער אַרבעט. דער עיקר, אַז אַלע קינ־

דער דאַרפֿן זײַן בײַ די פֿאָרומס. באַלד בײַ דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג האָט מען שוין געקענט זען, אַז די אינסטיטוציע „קינדער־פֿאָרום" וועט זיך אין אַ גרויסער מאָס אײַנגעבן. דער ערשטער אָפּרוף איז געווען זייער אַ וואַרעמער, אַפֿילו אַן ענטוזיאַסטישער.

די קינדער־פֿאָרומס פֿלעגן פֿאָרקומען רעגולער און פּינקטלעך. ניט נאָר פֿלעגן זיי זיך אָנהייבן אין צײַט: 11.15, נאָר זיי פֿלעגן זיך אויך ענדיקן אין צײַט: 12.15. אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פֿון קינדער פֿלעגט אַכטונג געבן אויף דער אָרדענונג אין זאַל. איין קינד, דער פֿאָרזיצער, פֿלעגט עפֿענען דעם פֿאָרום מיט אַ קורצער דערקלערונג, דאַן פֿלעגן אַלע צוזאַמען רואיק זינגען צוויי לידלעך: „בלאַנדזשעט מער ניט אין דער פֿינצטער" און „ייִדישע שול". באַלד נאָכדעם האָט דער סעקרעטאַר פֿאָרגעלייענט דעם פּראָטאָקאָל פֿונם פֿריערדיקן פֿאָרום. דערנאָך האָט איין קינד פֿאָרגעלייענט די וויכטיקסטע נײַעסן פֿון דער וואָך, אָנגעשריבן אין אַ לײַכטער און קורצער פֿאָרעם, דאַן האָבן אַ גרופּע קינדער דורכגעפֿירט אַ פֿאַרשיידנאַרטיקע פּראָגראַם פֿון: דעקלאַמאַציעס, לידלעך, מעשׂהלעך, ביאָגראַפֿיעס, אד"ג. דער פֿאָרזיצער פֿלעגט אויך אויפֿרופֿן דעם לערער אויף צו מאַכן געוויסע מעלדונגען וועגן דער שול, ווי: אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון מוטער־קלוב, אַ יום־טובֿ אין שול, אד"ג. ענדיקן פֿלעגט זיך דער קינדער־פֿאָרום אַלעמאָל אויך מיט צוויי באַשטימטע לידלעך: „להבֿה" און „התקוה". די פּראָגראַם פֿלעגט געוויינטלעך טראָגן מער־ווייניק אַן אײנהײַטלעכן כאַראַקטער, למשל וועגן: חנוכּה, חמשה־עשׂר, פּורים, ארץ־ישׂראל, די ייִדישע שול, אַ ייִדישער שרײַבער, אד"ג.

כּדי צו מאַכן די פֿאָרומס לעבעדיקער, אינטערעסאַנטער, זײַנען אַלעמאָל צוגעטראַכט געוואָרן נײַע אײַנפֿירונגען. אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן פֿאַרבעטן צו די פֿאָרומס פֿאַרשיידענע געסט: ייִדישע שרײַבער און פֿירער פֿון אונדזער געזעלשאַפֿטלעך לעבן. אויף אַזאַ אופֿן זײַנען די שול־קינדער געקומען אין לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן ייִדישן שרײַבער און מיט ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכע פֿירער. געוויינטלעך פֿלעגט דער גאַסט, איידער די גאַנצע פּראָגראַם איז געווען פֿאַריבער, קריגן דאָס וואָרט אויף אַ פּאָר מינוט. טייל קינדער פֿלעגן נאָכן פֿאָרום צוגיין צום גאַסט און בײַ אים בעטן זײַן אויטאָגראַף ווי אַן אָנדענק.

עטלעכע מאָל אין יאָר פֿלעגט אויך דער פּרינציפּאַל לאָזן וויסן, וועלכע קינדער זײַנען אַרײַן אינם „גאָלדענעם בוך" פֿון שול פֿאַר גוטער

אויפֿפֿירונג, פֿאַר אויסצייכענען זיך אין די לימודים, אד״ג. בכלל האָט מען בײַ אַ מאַסן־פֿאַרזאַמלונג פֿון קינדער און בײַ אַ יום־טובֿדיקער שטי־מונג אַלעמאָל אַ בעסערע געלעגנהײַט צו ווירקן אויף קינדער און אָנצו־צינדן בײַ זיי אַן אינטערעס צו געזעלשאַפֿטלעכע ענינים.

פּ. הערשטיין
(„יידישע דערציאונג״, מערץ, 1939)

ו) וויכטיקע דאָקומענטן פֿון דרײַ שולן אין פֿילאַדעלפֿיע

דאָ קומען עטלעכע וויכטיקע דאָקומענטן, אַרויסגענומען פֿון דרײַ „סאוועניר־זשורנאַלן״ בײַ די היגע פֿאָלקשולן, וואָס וואַרפֿן אַ קלאָרן בליק אויף דער שול־אַרבעט אין פֿילאַדעלפֿיע.

סאוועניר־זשורנאַל
מענדעלע מוכר־ספֿרים פֿאָלקשול

אונדזער הײַנטיקער יום־טובֿ

מיט 20 יאָר צוריק האָט זיך געעפֿנט די מענדעלע מוכר־ספֿרים פֿאָלקשול אין פֿילאַדעלפֿיע. וואָלט מען בײַ אונדז פֿאַרשריבן אַלע וויכ־טיקע געשעענישן אַרום אונדזערס אַ שול און טאַקע אָפּגעהיט דאָס פֿאַרשריבענע, וואָלטן מיר אַן־ספֿק געהאַט פֿאַר זיך אַן אינטערעסאַנט בילד פֿון אַ ליכטיק קאַפּיטל יידיש לעבן אין אַמעריקע: די געשיכטע פֿון אַ יידישער שול, וועלכע ניט־געקוקט אויף די פֿאַרשיידענע שטערונגען און אַפֿילו „דורכפֿאַלן״ האָט אין פֿאַרשיידענע צײַטן פֿון איר עקזיס־טענץ אַרויסגעוויזן אַ גוואַלדיקן כּוח אויף צו באַגײַסטערן מענטשן און אָנפֿילן זיי מיט אַ סך האָפֿענונגען אויף בעסערע צײַטן פֿאַרן יידישן קולטור־לעבן אויפֿן היגן קאָנטינענט. ווײַל ווי אָרעם עס קאָן אויסקוקן אונדזערס אַ שול פֿונדערווײַטנס, ליגט אין יעדער שול אינווייניק באַ־האַלטן אַ רײַכער אוצר פֿון מענטשלעכער ענערגיע און שיינע חלומות. יעדע שול אונדזערע האָט דורכגעלעבט אירע ליכטיקע מאָמענטן, וואָס

האָבן באַגײַסטערט דעם שולטוער, דעם לערער, טאַטע־מאַמע, דאָס קינד, און האָבן אַרײַנגעטראָגן יום־טובֿדיקייט אין זייער לעבן.

די געשיכטע פֿון דער מענדעלע־שול איז טאַקע ניט פֿאַרשריבן געוואָרן, אָבער עס איז זיך לײַכט אָנצושטויסן, אַז ס'איז דיזעלבע געשיכטע פֿון די מערסטע שולן אונדזערע איבערן לאַנד: בײַם אָנהייב אַזוי פֿיל אָפּטימיזם, גלויבן, ענטוזיאַזם פֿון אידעאַליסטן־פּיאָנערן; אַזוי פֿיל קעמפֿערישן גײַסט בײַצושטיין די ביטערע קעגנערשאַפֿט און חוזק פֿון לינקס, די אָפֿענע שׂנאה פֿון רעכטס, און די נאַרישע גלײַכגילטיקייט מצד די ברייטע מאַסן; שפּעטער, הפּנים אונטערן דרוק פֿון די שווערע עקזיסטענץ־באַדינגונגען, אַ גײַסטיקע ירידה: אומצופֿרידנקייט, אָנטוישונג און — פּאַסיוויטעט. גייט אָבער פֿאַרבײַ אַ שטיקל צײַט, דערפֿילט מען אין זיך אַ ליידיקייט: די שול־אַקטיוויטעט פֿעלט אויס, פֿעלט אויך אויס דאָס נשמה־יתירהדיקע אין לעבן. הייבט מען אָן זיך צוריקצונעמען צו דער שול־אַרבעט, אָבער מיט באַנײַטן מוט, מיט פֿאַרטאָפּלטער ענערגיע און מיט מער עקשנות. לעבט די שול ווידער אויף און עס הייבט זיך ווידער אָן אַ נײַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון דער געגעבענער שול. אָט־דער זיגזאַגישער וועג פֿון עליות און ירידות איז סימפּטאָמאַטיש כמעט פֿאַר יעדער שול אונדזערער און באַזונדערס פֿאַר דער מענדעלע מוכר־ספֿרים פֿאָלקשול, וועמענס 20־יאָריקער יובֿיליי עס ווערט הײַנט געפֿײַערט.

זאָל־זשע זײַן קלאָר פֿאַר אונדז אַליין: מיר פֿײַערן הײַנט דעם 20־יאָריקן יובֿל פֿון דער מענדעלע פֿאָלקשול ניט ווי אַ ניצחון פֿאַר די שוין־דערגרייכטע רעזולטאַטן: דער 20־יאָריקער יובֿל דאַרף פֿאַר אונדז, דווקא איצט, אינם פּעריאָד פֿון אויפֿשוואונג, גיכער זײַן אַן אָנרעגונג צו יענע אַרבעטן, וועלכע דער גורל האָט אויף אונדז אַרויפֿגעלייגט דורכצופֿירן. מיר גייען איצט באַרג־אַרויף, לאָמיר־זשע, חבֿרים, ניט מיד ווערן, נאָר, פֿאַרקערט, זיך אָננעמען מיט נײַעם מוט און מיט באַנײַטער ענערגיע!

פֿ. הערשטיין

[סאוועניר־זשורנאַל, מערץ 1937]

* * *

סואווועניר־זשורנאַל
פֿון דער יעקבֿ דינעזאָן פֿאָלקשול

צו אונדזער הײַנטיקן יום־טובֿ

די דינעזאָן פֿאָלקשול פֿאַרנעמט אַ באַזונדער פּלאַץ אינם היגן יידישן שול־וועזן. אויסערדעם וואָס זי האָט אַמאָל געגאָלטן פֿאַר אַ גרויסער שול, מיט אַ רחבֿות, מיט אַ ברייטן פֿאַרנעם און אַ קלינגענדיקן נאָמען, איז איר אָפֿט אויסגעקומען צו זײַן די וועג־ווײַזערין פֿאַר אַנדערע שולן, אַן אמתע פּיאָנערקע אויף אַרויפֿצופֿירן די שול־אַרבעט אויפֿן „דרך המלך״.

נאָך אין דער ערשטער פֿאַזע פֿון איר עקזיסטענץ האָט זיך די דינעזאָן־שול אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס זי האָט זיך ניט באַגרענעצט בלויז מיטן „קלאַס־צימער״. בײַ דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער דינעזאָן־שול איז נאָך פֿרי רײַף געוואָרן דער באַוווסטזײַן, אַז אַ שול קען ניט זײַן איזאָלירט פֿונם אַרומיקן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן: עס מוז זײַן אַ סבֿיבֿה אַרום דער שול, אַ קולטור־צענטער, מיט פֿאַרשיידענע צווײַגן פֿון אונדזער אַרבעט, וואָס זאָלן צוגעבן זין און באַדײַטונג דעם גאַנצן ענין פֿון דערציאונג.

דערציילט מען טאַקע, אַז דער גאַנצער יידישער „קולטור־צענטער״, וואו די דינעזאָן פֿאָלקשול האָט איר היים, האָט אַ צײַט־לאַנג געאָטעמט מיטן באַזונדערן גײַסט פֿון מאָדערנעם יידיש־וועלטלעכן קולטור־לעבן. אויב ס׳איז געקומען אַ נײַער מענטש מאנשי־שלומנו קיין פֿילאַדעלפֿיע, האָט ער אין „קולטור־צענטער״ געקענט הערן אַ יידיש וואָרט און זיך פֿילן היימישלעך־וואַרעם. ווײַל אין קולטור־צענטער פֿלעגט מען אָפֿט הערן אַ יידישע לעקציע, אַ דיסקוסיע אויף אַ געזעלשאַפֿטלעכער טעמע, און אַפֿילו אַ זמרל. דאָ האָט זיך אויך געשאַפֿן אַ ביבליאָטעק מיט אַ רײַכן אויסוואַל פֿון גוטע יידישע ביכער. אין די אָוונטן, באַזונדערס פֿרײַטיק אָוונט, איידער די לעקציע האָט זיך אָנגעהויבן, איז מען געזעסן אין לייען־צימער און מ׳האָט מעיין געווען אין אַ יידיש בוך און זיך טאַקע דערמיט געקוויקט.

אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך געשאַפֿן אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט צווישן דעם „קלאַס־צימער״, וואו דער נײַער דור האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט יידיש וויסן און יידיש־פּראָגרעסיווע אידעאַלן, און צווישן דער פֿאַר־

זאַמלונג, וואָס האָט בײַם מאָדערנעם ייִדן פֿאַרנומען דאָס פּלאַץ פֿונם אַלטן בית־מדרש.

די דינעזאָן־פֿאָלקשול האָט אויך אויסגעטראָטן דעם וועג צו די מאַסן, צו דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג פֿון שטאָט: די דינעזאָן־שול האָט אײַנגעפֿירט דעם יערלעכן „קאַמפּיין", וואָס איז שפּעטער איבער־גענומען געוואָרן פֿון דער צענטראַלער שול־פֿאַרוואַלטונג. עס איז ניט געווען בלויז די פֿינאַנציעלע דחקות, וואָס האָט געטריבן זיך צו ווענדן נאָך סובסידיעס צום אַלגעמיינעם עולם, נאָר דער שטאָלץ און דער מוט פֿון באַוואוסטזיניקע קולטור־מענטשן, אַז די מאַסן דאַרפֿן אַרײַנגעצויגן ווערן אין דער דערציאונג פֿונם יונגן דור, זיי דאַרפֿן ווערן שותּפֿים אין דער שול־אַרבעט, העלפֿן טראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר איר אויפֿהאַלטונג און זיך מיט איר בכלל אינטערעסירן.

צום הײַנטיקן יובֿל קען די דינעזאָן־פֿאָלקשול אונטערציִען אַ שטיקל סך־הכּל: טויזנטער קינדער האָבן זיך אין איר געלערנט און געקראָגן אַ ייִדיש־פּראָגרעסיווע דערציאונג. אַ טייל פֿון אירע געוועזענע תּלמידים און תּלמידות זײַנען איצטער אַקטיוו אין אונדזער אייגענער יוגנט־באַוועגונג ווי „הבונים"; אַ גרויסע צאָל מענטשן, וואָס האָבן זיך גע־וואַרעמט אַרום דעם קולטור־ווינקל פֿון שול, זײַנען אַליין באַרײַכערט געוואָרן מיט אינטעליגענץ און זײַנען דערנעענטערט געוואָרן צו אונ־דזער קולטור און צו אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן בכלל.

לײַדער קען מען בײַ דער איצטיקער פֿײַערונג ניט ריידן מיט גרויס באַגײַסטערונג וועגן דעם צושטאַנד אירן בײַם איצטיקן מאָמענט. גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז די לעצטע עטלעכע יאָר לעבט די שול דורך אַ גאַנץ ערנסטן קריזיס.

לאָמיר האָפֿן, אַז מיט דער הײַנטיקער פֿײַערונג וועט די אַרבעט פֿון דער דינעזאָן־פֿאָלקשול ווידער אָנהייבן צו גיין באַרג־אַרויף. צו דער אַרבעט, חבֿרים, מיט נײַעם מוט און באַנײַטע כּוחות!

פּ. הערשטיין

[סואווענירזשורנאַל, מאַי 1940]

* * *

„ווינפּילד ייִדישע פֿאָלקשול־נײַעס״

(די שטיינבערג־פֿאָלקשול)

אונדזער נײַער לערער

מיט שטאָלץ און טיפֿער פֿרייד זײַנען מיר מודיע די עלטערן פֿון אונדזערע תּלמידים און תּלמידות און אַלע ייִדן פֿון ווינפּילד, אַז צום נײַעם שוליאָר האָבן מיר צוגעקראָגן אַ וויכטיקן מענטשן אין אונדזער שטיינבערג־פֿאָלקשול, אין דער פּערזאָן פֿון חבֿר פֿ. הערשטיין.

חבֿר הערשטיין איז אַ וואָגיקע פּערזענלעכקייט מיט אַ רײַכער אַלזײַטיקער שול־דערפֿאַרונג. געבוירן אין פּוילן, אין אַ למדניש־חסידיש הויז, האָט ער אײַנגעזאַפּט אין זיך פֿון דער פֿריער קינדהייט־אָן חסידישע התלהבֿות, וואָרצלדיקע ייִדישקייט, און אַ דורשט נאָך וויסן, וואָס איז פֿריער געשטילט געוואָרן מיט תּלמוד און פּוסקים, און שפּעטער מיט וועלטלעכע לימודים.

אין 1920 איז חבֿר הערשטיין געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ באַגאַזש פֿון אַלגעמיינעם און ייִדישן וויסן. אָבער זײַן דורשט צו לערנען האָט אים איניגיכן געבראַכט אין ייִדישן לערער־סעמינאַר, פֿון וועלכן ער האָט גראַדואירט אין 1924. דער דעמאָלטיקער דירעקטאָר, ד״ר יהודה קויפֿמאַן, האָט אים דאַן רעקאָמענדירט דער וויניפּעגער פּרץ־שול אַלס פּרינציפּאַל.

אין וויניפּעג האָט חבֿר הערשטיין דערוואָרבן אַ סך דערפֿאַרונג אין שול־אַרבעט סײַ ווי אַ לערער, סײַ ווי אַן אַדמיניסטראַטאָר און לײַטער פֿון אַ גרויסער ייִדישער שול. אָבער ער האָט דערבײַ ניט איבערגעריסן זײַן ווײַטערדיקן שטודיום. אין וויניפּעג האָט ער דרײַ־און־אַ־האַלב יאָר באַזוכט דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט, וואו ער האָט שטודירט שפּראַכן, ליטעראַטור, און מאַטעמאַטיק.

שפּעטער איז ער צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָט זיך פֿאַרבונדן מיט די שלום־עליכם שולן און פֿאַרגעזעצט זײַן שטודיום אין „קאָלאָמביע״ און אין „ניו־יאָרק אוניווערסיטעט״.

אין 1934 איז חבֿר הערשטיין געקומען קיין פֿילאַדעלפֿיע כּדי צו שטודירן אין „דראָפּסי קאָלעדזש". אויף דער רעקאָמענדאַציע פֿון חבֿר יואל ענטין איז ער דאַן אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס לערער אין דער „מענדעלע פֿאָלקשול". אַ רײַע יאָרן האָט חבֿר הערשטיין אָנגעהאַלטן וויכטיקע פּאָזיציעס אין די היגע פֿאָלקשולן. אין 1940 איז ער געוואָרן לערער אין דער היגער „אַ. ר. מיטלשול".

אָט־דעם רײַכן באַגאַזש פֿון וויסן און פֿאַרשיידנאַרטיקער דער־פֿאַרונג אַלס לערער און פּרינציפּאַל ברענגט איצט חבֿר הערשטיין דער „ווינפֿילדער ייִדישער פֿאָלקשול". לאָמיר האָפֿן, אַז דער געוואַגטער שריט וועט זיך באַרעכטיקן; אַז די ייִדישע עלטערן וועלן דאָס אָפּשאַצן, און די שול וועט הײַנטיקס יאָר מאַכן ווײַטערן פֿאָרשריט אין דערגרייי־כונגען אין די ייִדישע לימודים פֿון אונדזערע תּלמידים און תּלמידות.

ש. שאַפּיראָ, פּרינציפּאַל
[סעפּט. 1947]

* * *

די קינדער ימים־טובֿים אין דער ווינפֿילדער ייִדישער פֿאָלקשול

(אײַנדרוקן פֿון אַ צוריקגעקומענעם לערער)

מיט אַ מאָדנעם געפֿיל, צומאָל אַ געפֿיל פֿון ציטער און מורא, בין איך — נאָך אַן איבעררײַס פֿון 7 יאָר — אָנהייב פֿאַרגאַנגענעם זמן צוריקגעקומען צו דער ייִדישער פֿאָלקשול: עפּעס זײַנען דאָך די באַדינ־גונגען אין ייִדישן קלאַס־צימער די לעצטע יאָרן געוואַלדיק פֿאַר־ערגערט געוואָרן! אַ נײַער דור ייִדישע קינדער איז אונטערגעקומען — קינדער פֿון היימען, וואו ס'הערט זיך שוין זייער זעלטן דער קלאַנג פֿון דער ייִדישער שפּראַך, וואו ס'איז בכלל ניטאָ קיין ייִדישע אַטמאָספֿער; קינדער — אמתע נשמות ערטילאות, „נאַקעטע נשמות", אָן ייִדישן אינ־האַלט, אָן דעם מינדסטן באַגאַזש פֿון ייִדישקייט!

איך האָב אָבער באַלד אײַנגעזען, אַז דער ייִדישער דערציער טאָר ניט פֿאַרצווייפֿלט ווערן און פֿאַרלירן די האָפֿענונג. אדרבא, ווײַל די באַ־דינגונגען זײַנען שווערער, מוז דער לערער זיך שטאַרקן און ממשיך זײַן די וויכטיקע אַרבעט מיט מער פֿאַרזיכטיקייט און מיט מער צוגעגרייט־

קייט. די געענדערטע לאַגע איז, פֿאַרקערט, מחייב דעם לערער צו גרע־סערער אַחריות און צו מער פּלאַנמעסיקייט אין זײַן אַרבעט. אויך דאַרף ער בײַטן זײַן באַציאונג צום עיקר אַנשטאָט צום טפֿל.

אויב, אַשטייגער, פֿריער איז בײַ אים געווען דער עיקר דער אינ־האַלט פֿון די לימודים, דאַרף איצטער בײַ אים פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן דער מעטאָד פֿון לערנען; אויב פֿריער איז די ייִדישע שול געווען בעיקר אַ שול צום לערנען ייִדיש, דאַרף זי איצטער ווערן אַ צענטער פֿון לעבן ייִדיש. די ייִדישע שול דאַרף אַזוי אַוועקגעשטעלט ווערן, אַז זי זאָל אַלץ מערער און מערער צוציִען צום ייִדישן לעבן און ייִדישן שאַפֿן סײַ די קינדער, סײַ די עלטערן (וועלכע זײַנען לײַדער אָפּגעפֿרעמדט געוואָרן פֿון ייִדישקייט) צו דער קולטורעלער אַטמאָספֿער, מיט צערעמאָניאַלער פֿײַערלעכקייט און מיט אַ באַשטימטן ייִדישן נוסח. אויף דעם געביט, שײַנט מיר, ווערט אין דער ווינפּילדער ייִדישער פֿאָלקשול, אונטער דער פּירערשאַפֿט פֿון ש. שאַפּיראָ, אַ סך אַרבעט אַוועקגעלייגט.

איך וועל נעמען ווי אַן אילוסטראַציע איין פֿאַזע פֿון דער אַרבעט — די פּראָיעקטן אַרום די ייִדישע ימים־טובֿים. די יום־טובֿ אַטמאָספֿער איז אין דער ייִדישער שול אַלעמאָל געווען אַן אָפּפֿרישונג סײַ פֿאַרן קינד און סײַ פֿאַרן לערער. אָבער בײַ די איצטיקע באַדינגונגען אַרום דער ייִדישער שול מוז — און קען — דער יום־טובֿ דערהויבן ווערן צו אַן עיקרדיקן פֿאַקטאָר אין דער גאַנצער דערציאונגס־אַרבעט. דער ייִדישער יום־טובֿ פֿאַרמאָגט די געוואַלדיקע מעלה, וואָס מ׳דאַרף אים ניט ערשט באַשאַפֿן. מ׳דאַרף דאָ ניט אָנווענדן קיין „עפֿעקטישע״ געקינצלטקייט. פּראָיעקטן אַרום אונדזערע ימים־טובֿים זײַנען מסוגל צו זײַן עכט און קענען אויסגענוצט ווערן אויף אַ וואונדערבאַר־קאָנסטרוקטיוון אופֿן. מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך ריינע שעפֿערישע קוואַלן פֿון וואַנען צו שעפּן.

וועלכער ייִדישער שרײַבער אַשטייגער, דערציילער, אָדער פּאָעט, איז ווען־עס־איז ניט אָנגערעגט געוואָרן פֿון שיינע איבערגעלעבטע יום־טובֿ־מאָמענטן און מיט זיי באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור? יעדער ייִדישער יום־טובֿ איז פֿאַרבונדן מיט אַזעלכע שיינע מעשׂות און לעגענ־דעס, און היסטאָרישע דערקלערונגען; און מיט יעדן ייִדישן יום־טובֿ גייען־מיט פֿאַרשיידענע מנהגים און טראַדיציעס, פֿאָלקלאָר און געזאַנג. איז דאָס ניט אמתע קולטור? און איז אין דעם אַלץ ניטאָ גענוג שיינקייט אויף אָנצופֿילן די קינדערשע הערצלעך מיט פּאַטאָס און צו באַרײַכערן זייער פֿאַנטאַזיע? אָט־דעם גאַנצן פֿאַרבנרײַכן אוצר פֿון טראַדיציע, גע־

מישט מיטן סאַמע מאָדערנסטן פֿון אונדזער הײַנטיקן שאַפֿן, ווערט אין דער ווינפֿילדער פֿאָלקשול אויסגענוצט אויף אַ פּלאַנמעסיקן, עכט־דערציערישן אופֿן. למשל: אַ 3־4 וואָכן פֿאַר יעדן ייִדישן יום־טובֿ הייבט מען שוין אָן צו פֿילן אין שול די אַטמאָספֿער פֿונם אָנקומענדיקן יום־טובֿ. די מעשׂהלעך און פּאָעמעס וואָס מ׳לייענט, די לידלעך וואָס מ׳זינגט, זײַנען אַלע טײַערער יום־טובֿ־מאַטעריאַל.

אַוודאי דאַרפֿן אַזעלכע פּראָיעקטן דורכגעפֿירט ווערן ניט צופֿעליק, נאָר פּאַרזיכטיק, דורכגעטראַכט. ש. שאַפּיראָ גיט זיך מיט זיי ערנסט אָפּ. ביז איצט האָט ער שוין אָפּגעדרוקט 2 אַזעלכע יום־טובֿ זאַמלונגען: איין זאַמלונג לכּבֿוד פּסח און איין זאַמלונג לכּבֿוד די ימים־נוראים. ביידע פֿאַרמאָגן אַ שלל מאַטעריאַלן — אין ייִדיש און אין העברעיש — אין שייכות מיט דידאַזיקע ימים־טובֿים; און זיי זײַנען באַשטימט פֿאַר קינדער פֿון פֿאַרשיידענעם עלטער און פֿאַרשיידענע מדרגות אין וויסן. בדרך כּלל קען אַזאַ זאַמלונג — דאָס „מחזור" פֿון דער ייִדישער פֿאָלקשול — גענוצט ווערן אין משך פֿון 5 יאָר צײַט אָדער מער. וואָס אַ יאָר לענגער אין שול נעמט דער קלאַס אויף, ערבֿ דעם געגעבענעם יום־טובֿ, מאַטעריאַלן פֿון אַ העכערער מדרגה (אויך פֿאַר די אַנדערע ימים־טובֿים האָט ש. שאַפּיראָ צוגעגרייטן מאַטעריאַל, וואָס ווערט אויסגעטיילט אין די קלאַסן גענוג צײַט פֿאַרויס). אויף אַזאַ אופֿן לערנען די קינדער גאַנצע שטיקער ליטעראַטור אין שייכות מיט יעדן יום־טובֿ. אַזוי, אַז די יום־טובֿ פּראָיעקטן זײַנען ניט קיין באַזונדערע, אָפּגעריסענע פֿראַגמענטן, נאָר זיי זײַנען אַ סיסטעמאַטישער, אינטעגראַלער טייל פֿון לערן־פּראָגראַם בכלל.

דער קלימאַקס פֿון די אַלע הכנות אין משך פֿון וואָכן פֿריער איז נאַטירלעך די פֿײַערונג גופֿא פֿון דעם געגעבענעם יום־טובֿ, צי דאָס איז בלויז פֿאַר די קינדער, אָדער דאָס איז קאָמבינירט פֿאַר קינדער מיט דערוואַקסענע צוזאַמען. דאָס איז אָבער ניט קיין געוויינטלעכער שול־קאָנצערט, צוליב וועלכן מ׳זאָל האָבן געפּטרט צײַט פֿון לערנען און גע־שאַפֿן כאַאָס אין שול. דאָס איז אַן אמתע פֿײַערונג, אַ סך־הכּל פֿון לערנען און איבערלעבונגען, אַן אָפּשלוס פֿון לאַנגע דערוואַרטונגען. דאָס איז אַ יום־טובֿ בפּועל־ממש, בײַ וועלכן די קינדער לעבן־דורך מאָמענטן פֿון אמתער פֿײַערלעכקייט.

אַט למשל ווי אַזוי עס איז געפֿײַערט געוואָרן שׂמחת־תּורה. דער זאַל איז געווען פֿול מיט קינדער, אויסגעזעצט אויף בענקלעך לויט די

קלאַסן נאָך. מיטאַמאָל הייבן זיך אַלע אויף און זינגען דעם שול־הימן. דערנאָך דערקלערט אַ גרעסער קינד די באַדײַטונג פֿון שׂמחת־תּורה. מ׳זינגט אַ שׂמחת־תּורה ליד. יעדער קלאַס איז אין דער פּראָגראַם פֿאַר־טראָטן מיט אַ פּאָעמע אָדער אַ מעשׂהלע פֿונם „ימים־נוראים און סוכּות בוך״, וואָס מ׳האָט אין אַלע קלאַסן געניצט עטלעכע וואָכן צײַט. כּדי אַלע זאָלן זײַן אַקטיוו, זינגט מען צווישן די דעקלאַמאַציעס און פֿאַר־לעזונגען פֿאַרשיידענע לידלעך פֿונם שול־רעפּערטואַר. דער לערער דערקלערט דאַן דעם ענין „הקפֿות״. מ׳טיילט אויס אַלע קינדער ווײַס־בלויע פֿענדלעך. דער עלטסטער קלאַס לאָזט זיך גיין מיט די „הקפֿות״ אַרום־און־אַרום דעם זאַל זינגענדיק אויף אַ גוט־אײַנגעשטודירטן אופֿן „אָנאַ ד׳ הושיעה נאָ, אָנאַ ד׳ הצליחה נאָ״ ביזן סוף, אַזוי איין מאָל און נאָכאַמאָל. דערווײַל קומען אַלע קינדער אַרויס פֿון צווישן די שורות בענקלעך און שליסן זיך אָן אין דער פּראָצעסיע און זינגען־מיט די מע־לאָדיע פֿון די „הקפֿות״. אין געציילטע מינוטן זעט מען פֿאַר זיך אַ הערלעך בילד: קינדער, יינגערע און עלטערע, מיט פֿענדלעך אין די הענט, דרייען זיך אַרום דעם זאַל פֿון שול מיט יום־טובֿדיקן געזאַנג. דערנאָך קריגן די קינדער כּיבוד פֿון מוטער־פֿאַריין און גייען אַהיים גליקלעכע, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ שטיק יום־טובֿדיקייט.

אַזוי איז געפֿײַערט געוואָרן חנוכּה און אַנדערע ימים־טובֿים. אָבער ניט ווי קאָנצערטן מיטן צוועק כּדי צופֿרידנצושטעלן די עלטערן, נאָר ווי אַ רעזולטאַט פֿון לערנען און באַקענען זיך מיט אַ שטיק ייִדישער קולטור, מיט ייִדיש לעבן. פֿון באַזונדערער באַדײַטונג, טאַקע באמת אַ נײַס, זײַנען די „עונג־שבתים״, וואָס דער עלטערער קלאַס פֿירט־דורך גאַנץ אָפֿט פּרײַטיק־צו־נאַכטס. אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך.

ס׳איז איבעריק צו באַמערקן וועגן דער גרויסער דערציערישער באַדײַטונג, וואָס אַזעלכע פּראָיעקטן מיט אַזעלכע פֿײַערונגען האָבן אויפֿן קינד און ווי דאָס באַווירקט דאָס גאַנצע עמאָציאָנעלע לעבן זײַנס. אָבער אויך אויף די עלטערן גופֿא האָבן אַזעלכע פֿײַערונגען אַ טיפֿע השפּעה.

* * *

ווי אומקלאָר און פֿאַרנעפּלט עס זאָל ניט אויסזען דער ענדציל פֿון ייִדישער דערציאונג, און ווי שווער און פֿאַרפּליאָנטערט עס זאָלן ניט זײַן די וועגן און אומוועגן צו אים, דאַרף דער ייִדישער דערציִער פֿון

יעדן דור זיך קענען צופּאַסן צו די עקזיסטירנדיקע אומשטענדן און אַרויסקריגן דעם מאַקסימום רעזולטאַטן. דערציאונג איז אַ ברייטער באַגריף מיט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן. דער עיקר דאַרף דער יידישער מחנך תמיד האָבן פֿאַר זיך אין דער מחשבֿה דעם יידישן דערציאונגס־אידעאַל: קיום פֿון יידישן פֿאָלק און המשך פֿון זײַן קולטור.

פּ. הערשטיין

[„ווינפּילד יידישע פֿאָלקשול"]

ז) אונדזער שול —
אַ צענטער פֿאַר דער שול־יוגנט

(דער סך־הכּל פֿאַר אַלע סאָרטן יידיש־וועלטלעכע שולן)

די באַזונדערע באַדײַטונג פֿון דער יידיש־וועלטלעכער שול ליגט, פֿון איר סאַמע אָנפֿאַנג אָן, אין איר רעאַליסטישן צוגאַנג צום יידישן לעבן, צו דער יידישער געזעלשאַפֿט, צו די ספּעציפֿישע נויטן פֿון אונדזער לאַגע.

די יידיש־וועלטלעכע שול האָט אַלעמאָל געוואָלט געבן אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע: ווי אַזוי ברענגט מען דעם יונגן יידישן דור נעענטער צום יידישן לעבן, צו דער יידישער סבֿיבֿה, צו יידישע פּראָבלעמען? די יידישע שול איז קיינמאָל ניט געווען קיין שפּראַך־שול אין ענגן זין פֿון וואָרט מיט דער באַגרענעצטער פֿונקציע אויסצולערנען אַ שפּראַך אָדער שפּראַכן. אַפֿילו דאָס לערנען יידישע געשיכטע איז אין דער יידישער שול געווען באַזעלט מיט דער שטרעבונג אָנצוצינדן בײַ די קינדער וואַרעמע געפֿילן צו זייער פֿאָלק, זײַן פֿאַרגאַנגענהײַט און זײַנע „גײַסטיקע" העלדן. און אַזוי איז עס אויך געווען מיט ליטעראַטור: דורך אַ ליד, דורך אַ דערציילונג, דורך אַ פֿאָלקס־מעשׂה, אָנצופֿישופֿן בײַם קינד אַ ליבע און אינטערעס צום פֿאָלקסמענטש, צום לעבן פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן איבער דער גאַנצער וועלט.

אין אַנדערע ווערטער: ניט בלויז לויטן סכום ידיעות האָט געדאַרפֿט געמאָסטן ווערן די באַדײַטונג פֿון דער יידישער שול, נאָר מיט דער טעמפּעראַטור פֿון באַציאונג צו יידישער עקזיסטענץ, צום יידישן שאַפֿן. ניט נאָר זאָל אַ תּלמיד פֿון דער יידישער שול זײַן באַקאַנט מיט

אונדזערע געשיכטע־העלדן, נאָר צו זײַן שטאָלץ מיט זיי; און ניט נאָר זאָל ער וויסן, וואָס עס פּאַסירט מיט ייִדן אין דער ברייטער וועלט, נאָר זײַן האַרץ זאָל שלאָגן מיט אַ לעבעדיקן אינטערעס פֿאַר זייער גורל. די ייִדישע שול האָט געדאַרפֿט ווערן דער צענטער, וואו עס זאָל זיך כסדר פֿילן דער פּולס פֿון ייִדישקייט, פֿון ייִדישן לעבן, פֿון ייִדישע שטרע־בונגען, פֿון ייִדישע האָפֿענונגען. דאָס ייִדישע קינד וואָלט געדאַרפֿט דורכגעדרונגען ווערן מיט אָט־דער גײַסטיקער אַטמאָספֿער און זײַן איינס מיט דער ייִדישער אומה, זיך מצרף זײַן צו אירע דאגות און זיך קוויקן מיט אירע שיינע דערוואַרטונגען.

האָט דערפֿאַר די ייִדישע שול אין טעכנישן זין געדאַרפֿט פֿון־לכתחילה־אָן אַזוי אָנגעשטעלט ווערן, אַז זי זאָל באמת זײַן אַ מין „צווייטע היים" פֿאַר אירע תלמידים און תלמידות, אַ צענטער וואו זיך אויסצולעבן געזעלשאַפֿטלעך, און אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרבונדן ווערן מיט דער ייִדישער סבֿיבֿה אויפֿן גאַנצן לעבן.

זאָל עס זײַן קלאָר: אונדזער שול טאָר ניט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּלאַץ בלויז אויף אָפּצולערנען און אַהיים־גיין. אין דעם פּרט טאָרן מיר זיך ניט פֿאַרגלײַכן צו די אומות־העולם. פֿאַר אונדז, ייִדן, האָט די שול אַ גאַנץ אַנדערע שליחות. אונדזער גאַנץ נאַציאָנאַל לעבן אין דער צוקונפֿט איז אָפּהענגיק פֿון דעם, ווי אַזוי אונדזער שולוועזן וועט זיך אײַנ־אָרדענען, וואָס פֿאַר אַ השפּעה זי וועט האָבן אויף אונדזערע קינדער, און דער עיקר, צי די יוגנט וועט בלײַבן מיט אונדז: וועט אונדזער שול קענען דערציִען אַ נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע יוגנט, וועלן זיך מיט דער צײַט אַלע אונדזערע וואונדן פֿאַרהיילן; טאָמער חלילה וועט די יוגנט בלײַבן אָפּגעפֿרעמדט פֿון אונדז, וועלן אונדזערע אָנשטרענגונגען פֿאַר אַ באַנײַט ייִדיש לעבן זײַן אַ ברכה לבֿטלה.

דערפֿאַר וואָלט געדאַרפֿט באַגריסט ווערן יעדער פֿאַרזוך צו פֿאַר־וואַנדלען אונדזערע שולן אין געזעלשאַפֿטלעכע צענטערס פֿאַר אונ־דזער יוגנט. זאָל די שול, וואו אונדזערע קינדער קריגן דעם ערשטן קאָנטאַקט מיט דער ייִדישער תורה און מיטן ייִדישן פֿאָלק, גלײַכצײַטיק זײַן דאָס פֿאַרזאַמלונגס־פּלאַץ פֿאַר זייערע געזעלשאַפֿטלעכע טעטי־קייטן אויך יאָרן נאָכדעם, ווי זיי האָבן פֿון דער שול גראַדואירט. זאָל עס ווערן זייער געוואוינהײַט צו באַטראַכטן די היים פֿון דער ייִדישער שול ניט נאָר ווי אַ דירת־ארעי, בעת זיי זײַנען נאָך שול־קינדער, נאָר קוקן אויף איר ווי אויף אַ דירת־קבֿע, וואו זיי זאָלן זיך האַלטן אויך יאָרן שפּע־

טער נאָך זייער שול־עלטער. זאָלן זיי דאָ קריגן אַן אויסדרוק פֿאַר זייערע סאָציאַלע, אינטעלעקטועלע און סתּם פֿאַרווײַלערישע פֿאַרלאַנגען.

ס׳איז פֿאַקטיש ניטאָ קיין באַרעכטיקונג, פֿאַרוואָס אונדזערע יוגנט־לעכע, וועלכע זײַנען אין די שול־יאָרן געווען אַזוי צוגעבונדן צו אונדז, זאָלן פֿון אונדז פֿאַרלאָרן גיין גראָד דעמאָלט, ווען מיר נויטיקן זיך אין זיי אַממערסטן, ווען מיר קענען ריידן צו זייער פֿאַרשטאַנד, צו זייער באַוואוסטזײַן. מ׳האָט בײַ אונדז פּשוט ביז איצטער זייער ווינציק גע־זאָרגט אויף אַ קאָנקרעטן אופֿן וועגן אונדזערע קינדער אין יוגנטלעכן עלטער, און מיר האָבן כּמעט גאָרניט געטאָן אויף אַ ברייטן פֿאַרנעם כּדי אײַנצוהאַלטן זיי אין דער שול־סבֿיבֿה. אמת, פּאַרטייען און פּראָטער־נאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך „געיאָגט״ נאָך דער יוגנט. אָבער טאַקע ניט מער ווי געיאָגט זיך נאָך זיי. ס׳איז מערסטנס ניט געווען קיין גײַס־טיקער המשך פֿון דער שול־דערציאונג, וואָס די יוגנטלעכע האָבן גע־קראָגן און אײַנגעזאַפּט אין זיך אין די דלד אַמות פֿון ייִדישן קלאַס־צימער. פֿאַרקערט, אָפֿטמאָל איז, צום באַדויערן, די נײַע סבֿיבֿה, ניט נאָר שפּראַכלעך, נאָר אויך מיטן גײַסט אירן, געווען כּמעט ווי אַ ווידער־שפּרוך צו דער אַטמאָספֿער פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול. ס׳איז בלתּי־ספֿק, אַז די זאָרג וועגן דער יוגנט אונדזערער און די השגחה איבער איר מוז, אין ליכט פֿון אונדזער דערפֿאַרונג, ווערן אַ קאַרדי־נאַלער טייל פֿון דער שול־פּראָגראַם. ס׳איז ווירקלעך אַ שאָד, אַ גרוי־סער שאָד, וואָס צוליב אַ רייע סיבות, דער עיקר טעכנישע, איז דאָס ביז איצט געבליבן בלויז אַ פֿרומער וואונטש בײַ יחידים, און אָפֿטמאָל דאָס אויך ניט, ווײַל מ׳האָט עס מורא געהאַט אָרויפֿצוברענגען אויף די ליפּן כּדי ניט באַטראַכט צו ווערן ווי בטלנים, פֿאַנטאַזיאָרן . . .

אין דער אמתן וואָלט שוין צײַט געווען אויסצופּרואוון אויף אַ גוט־אָרגאַניזירטן אופֿן די מעגלעכקײַטן פֿאַר פֿאַרשיידענע יוגנט־אַקטיווי־טעטן אין דער היים פֿון דער ייִדישער שול. בײַ געהעריקער פּלאַנירונג און, פֿאַרשטייט זיך, בײַ גוט־פֿינאַנצירטע מיטלען, וואָלטן אונדזערע דערגרייכונגען אויף דעם געביט געקענט זײַן פֿון גאָר גרויסער באַדײַ־טונג. דערפֿאַר פֿאַרדינט די ווינפֿילד־ייִדישע פֿאָלקשול באַגריסט צו ווערן פֿאַר די אָנשטרענגונגען, וואָס זי מאַכט איצט, צו פֿאַרוואַנדלען די שול־היים אין אַ צענטער פֿאַר אַלערליי אַקטיוויטעטן פֿאַר דער יוגנט. לאָמיר האָפֿן, אַז דער דאָזיקער עקספּערימענט וועט האָבן מזל־ברכה

און וועט דינען ווי אַ סטימול פֿאַר די אַנדערע ייִדישע פֿאָלקשולן זיך צו פֿאַרנעמען מיט התחלות אין דער זעלביקער ריכטונג.

פֿ. הערשטיין

* * *

דערווײַל האָט מיך וויניפּעג ווידער פֿאַרבעטן אויף אַ צווייטער „קאַדענץ". די פֿירער פֿון יענער גרויסער שול האָבן מיר דערקלערט שריפֿטלעך און טעלעפֿאָניש, אַז זיי דאַרפֿן מיך נייטיק האָבן פֿאַר זייער שול. (אויך האָט מיר ש. ניגער איבערגעגעבן די דאָזיקע ידיעה פֿער־זענלעך.) נו, געזעגן איך זיך מיט פֿילאַדעלפֿיע. אויף ווי לאַנג? — ווער ווייסט?

איך פֿיל זיך באַזונדערס גוט, וואָס איך לאָז איבער דעם שול־מצבֿ אין פֿילאַדעלפֿיע אין אַ פֿיל בעסערן צושטאַנד, איידער ווען איך בין אַהער אַנגעקומען (5 שולן איצט, אַנשטאָט 3 פֿריער). — ניט קיין שלעכט געפֿיל!

בכל־אופֿן נעם איך אָן באהבֿה די נײַע פֿאַרבעטונג פֿון די וויניפּעג־ער שול־חבֿרים. איך האָף, אַז איך וועל אין דער אַרבעט בײַ דער גרוי־סער ייִדישער שול געפֿינען אמתע באַפֿרידיקונג. הלוואַי!

פֿ. ה.

קאַפּיטל 7

ווידער אין וויניפּעג

א) „צוריק אין חדר אַרײַן!"

(פֿון אַ רעדע צום נײַעם שוליאָר, אויגוסט, 1952)

קומענדיקן דינסטיק, דעם 2טן סעפּטעמבער, וועלן זיך די אַלגע־מיינע שולן איבערן לאַנד ווידער עפֿענען צום נײַעם לערניאָר און די קלאַס־צימערן וועלן ווידער אָנגעפֿילט ווערן מיט קינדער און לערער. קיין בר־דעת וואָלט ניט אײַנגעפֿאַלן, אַז אין 1952 איז נאָך נייטיק אויפֿצוקלערן דורכשניטלעכע עלטערן וועגן דער נויטווענדיקײַט פֿון שיקן זייערע קינדער אין אַ שול. דער געדאַנק פֿון קינדער־דערציִונג איז בײַם הײַנטיקן מאָמענט אַזוי עלעמענטאַר און אַזוי פּאָפּולער, אַז יעדער סאָרט פּראָפּאַגאַנדע אויף דעם געביט קען באַטראַכט ווערן פֿאַר לחלוטין איבעריק. קומט עס אָבער צו ייִדישער דערציִונג, צו דער ייִדישער שול, האַלטן מיר נאָך צום באַדויערן בײַם סאַמע אָנהייב. כאָטש דאָ און דאָרטן ווערן שוין פֿאַר די לעצטע 30־40 יאָר געמאַכט אינטענסיווע אָנשטרענגונגען אויף אויפֿצוקלערן דעם ייִדישן עולם, די ייִדישע טאַטע־מאַמע, וועגן דער נייטיקײַט פֿון געבן זייערע קינדער אַ ייִדישע דערציִונג, אײַנפֿלאַנצן אין זיי ייִדיש וויסן און ייִדישן באַוואוסטזײַן — איז עס אָבער ווי אַ טראָפּן אין ים.

יעדער ייִדישער לערער און יעדער ייִדישער שולטוער אין אַמעריקע און קאַנאַדע וואָלט געקענט דערציילן וועגן אַ סך טרויעריקע דערפֿאַרונגען, וועגן אַן־אַ־צאָל מכשולים, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפֿן אויפֿן שווערן וועג פֿון באַווירקן ייִדישע עלטערן צו שיקן זייער קינד אין אַ ייִדישער שול.

און עס איז זייער מאָדנע! מיר, ייִדן, מיט אַזעלכע טיף־פֿאַרוואָרצלטע טראַדיציעס פֿון תורה־לערנען, אין משך פֿון לאַנגע דורות,

מיט ליבע און דרך־ארץ פֿאַר גײַסטיקע ווערטן, — מיר זאָלן אין אַזאַ קריטישן פּעריאָד אין אונדזער געשיכטע ווי הײַנט, ווען דער ווײַטער־דיקער קיום פֿון אונדזער פֿאָלק אין די תּפֿוצות העגנט ממש אויף משקולת, און מיר געפֿינען זיך כּסדר על פּרשת דרכים, — מיר ייִדן, זאָלן אין אַזאַ צײַט נעמען די פֿראַגע פֿון ייִדישער דערציִאונג אַזוי לײַכט און דערמיט גורם זײַן, אַז מאַסן ייִדן זאָלן אָפּגעפֿרעמדט ווערן פֿון ייִדישער קולטור, פֿון ייִדישן לעבנס־שטייגער, און זייער לעבן זאָל אויסגעליידיקט ווערן פֿון יעדן ייִדישן אינהאַלט!

עס כאַפּט דאָך ממש אַן אַ גרויל, ווען מ׳קומט פּנים־אל־פּנים מיט דער גײַסטיקער אָרעמקײַט פֿון דער דורכשניטלעכער היגער ייִדישער היים. אין אַזאַ מאָמענט, אין אַזאַ צושטאַנד, איז דאָך די אויפֿגאַבע פֿון ייִדישער דערציִאונג קאָלאָסאַל־וויכטיק. פֿונדעסטוועגן דאַכט זיך אָפֿט, אַז ייִדישע דערציִאונג פֿאַרנעמט ניט אין ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן דעם געהעריקן פּלאַץ. ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען אין סאַמע צענטער פֿון ייִדישן לעבן, פּטרן אָפּט אָפּ די פּראָבלעם פֿון ייִדישער דערציִאונג מיט אַ פֿאַרעוווער רעזאָלוציע, אָבער צו קיין ממשותדיקע מעשׂים קומט עס ניט. און דאָס איז אַ געוואַלדיקער טעות פֿון זייער זײַט! מחמת בײַם הײַנטיקן מצבֿ פֿון דער דורכשניטלעכער ייִדישער היים איז דאָ אַ גרויסע געפֿאַר, אַז אָן פֿאָרמעלער ייִדישער שול־דערציִאונג זאָל חלילה אויפֿוואַקסן אַ דור „אשר לא ידע את יוסף", וואָס וועט ניט וועלן וויסן פֿון זײַנע פֿאָלקס־ברידער און וועט אַלץ מער אָפּגעריסן ווערן פֿון זײַן שורש. וואָס־זשע וואָלט דאַן געוואָרן פֿון אַלע אונדזערע פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס? פֿון אַלע זייערע באַמיאונגען אויפֿצוהאַלטן דעם קיום־האומה?

דערפֿון איז געדרונגען, אַז ייִדישע דערציִאונג דאַרף איצט אַרויס פֿון רשות־היחיד און ווערן אַ כּלל־ענין, אַ פֿאָלקס־באַוועגונג, ניט אַן ענין פֿון יחידים, וואָס האָבן אַ „שוואַכקײַט" צו שול־אַרבעט, אָדער בלויז פֿון טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן אַ קינד פֿון שול־עלטער, נײַערט די ייִדישע שול מוז איצטער ווערן אַ פֿאָלקס־ענין, מיט וועלכן גאַנץ קהל דאַרף זיך באַשעפֿטיקן.

דאָס אָרגאַניזירטע ייִדישע לעבן, דער ייִדישער דעת־הקהל, טאָר מער ניט בלײַבן גלײַכגילטיק צו אַזאַ לעבנס־וויכטיקן ענין ווי ייִדישע דערציִאונג. אויב אַשטייגער עס מערקט זיך אַ גלײַכגילטיקײַט מצד אייגענע טאַטע־מאַמע צו דער ייִדישער דערציִאונג פֿון זייערע קינדער,

דאַרף די ייִדישע געזעלשאַפֿט זיך אַרײַנמישן. ייִדישע דערציאונג טאָר ניט בלײַבן קיין פּריוואַטער ענין. מחמת פֿון ייִדישער דערציאונג איז אָפּ־הענגיק די צוקונפֿט פֿון אונדזער פֿאָלק. דאָ מוז אָנגעווענדט ווערן דער פּרינציפּ פֿון „כל ישׂראל ערבֿים זה לזה". לאָמיר זיך, למשל, דערמאָנען, מיט וואָס פֿאַר אַן אחריות די עדה פֿון אַ ייִדיש שטעטל אין אייראָפּע פֿלעגט זיך באַציִען צו אַ יתום. מ'פֿלעגט אַזאַ יתום באַזאָרגן מיט אַ מלמד, שיקן אים אין תּלמוד־תּורה אַרײַן, אים פֿון צײַט צו צײַט פֿאַר־הערן אין לערנען, אד"ג. יאָ, בנוגע ייִדישער דערציאונג זײַנען הײַנט, צו אונדזער גרויסן באַדויערן, אַ סך ייִדישע קינדער אויפֿן היגן קאָנטי־נענט אין דער קאַטעגאָריע פֿון יתומים... קהל מוז דערפֿאַר שטיין אויף דער וואַך און אַכטונג געבן, אַז ייִדישע קינדער זאָלן לערנען תּורה, זאָלן שעפּן פֿון אונדזערע קולטור־אוצרות, און זאָלן פֿון־קליינערהייט־אָן דערנעענטערט ווערן צום ייִדישן פֿאָלק. מיט איין וואָרט: ייִדישער חינוך מוז אומבאַדינגט ווערן אַ קאַרדינאַלער טייל פֿון יעדער ייִדישער אָרגאַניזאַציע און העלפֿן בויען און אַנטוויקלען די ייִדישע שול.

וואָלט דאָס אָרגאַניזירטע ייִדישע לעבן אויפֿן היגן קאָנטינענט זיך געלאָזט אין דער דאָזיקער ריכטונג, וואָלט דער מצבֿ פֿון ייִדישן חינוך מיטאַמאָל זיך געבעסערט, און די באַציאונג צו דער ייִדישער שול און די ייִדישע לימודים, סײַ מצד די קינדער און סײַ מצד די עלטערן, וואָלט זיך באַדײַטנדיק געענדערט צום גוטן און דערמיט פֿיל לײַכטער געמאַכט דעם ייִדישן לערער זײַן מלאכת־הקודש. פֿון דער צווייטער זײַט, וואָלט דער ייִדישער לערער אין 1952 געקאָנט אַרײַנקומען אין קלאַס אַרײַן מיט אַן אויסגעגלײַכטן רוקן, און מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל דערציילן די קינדער ניט דווקא פֿון „חורבן", פֿון געוויין, פֿון יסורים, נאָר ריידן צו זיי שטאָלץ וועגן אויפֿלעבונג, וועגן קיבוץ־גליות, וועגן גרויסן נס פֿון ייִדישן רענעסאַנס אין ארץ־ישׂראל, כּדי אײַנצופֿלאַנצן אין אונדזער יונגן דור דעם גײַסט פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער, גײַסטיקער ירושה, און די באַנײַטע שטימונגען פֿון ייִדישער אויפֿלעבונג. מיר מוזן עפֿענען וואָס מער שולן און זיי אָנפֿילן מיט ייִדישע קינדער. צום נײַעם שול־זמן, וואָס הייבט זיך איצט אָן, דאַרף יעדער נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקער ייִד ווירקן אויף זײַנע שכנים און פֿרײַנט, וואָס האָבן קינדער פֿון שול־עלטער, זיי צו שיקן אין אַ ייִדישער שול.

פּ. הערשטיין

ב) אין קאַמף פֿאַר אונדזער המשך

(צו דער גראַדואירונג, יוני 24, 1953)

אין אַ סבֿיבֿה פֿון סקעפּטיציזם און ספֿיקות וועגן דעם „מאָרגן" פֿון ייִדן און ייִדישקייט אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז דער וועג פֿון ייִדישן חינוך זייער אַ שווערער. באַזונדערס שווער איז דער וועג פֿון דער ייִדישער שול, וואָס חוץ דעם קאַמף פֿאַר קיום־האומה, חוץ דער ליבע צו ארץ־ישׂראל, צו ייִדישע טראַדיציעס און צו ייִדישער קולטור פֿון אַלע צײַטן, זײַנען צוויי עיקר־יסודות פֿון איר פּראָגראַם: ייִדיש לשון (און אַלץ וואָס איז דערמיט פֿאַרבונדן) און סעקולאַריזם (וועלט־לעכקײַט).

געוויסע עלעמענטן אין היגן ייִדישן לעבן, מיט אויסגעשפּראָכענע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן און מיט באַגרענעצטע באַגריפֿן וועגן די דערציאונגס־מעגלעכקײַטן אין דער היגער סבֿיבֿה, זײַנען אַקטיוו אויף מבֿטל צו מאַכן דעם ווערט פֿון די דאָזיקע צוויי עיקר־יסודות, און די ברייטע מאַסן מיט שוואַכער ווידערשטאַנדס־קראַפֿט לאָזן זיך באַאײַנ־פֿלוסן פֿון די דאָזיקע עלעמענטן. אָט־דאָס מאַכט די אַרבעט פֿון דער דאָזיקער שול־ריכטונג שווערער און שווערער. ווײַל כּדי תּופֿס צו זײַן דעם פֿולן באַנעם פֿון דער דאָזיקער דערציאונגס־ריכטונג און צו זײַן גרייט פֿאַר איר צו קעמפֿן איז נייטיק, ערשטנס, אַ טיפֿערע פֿאַר־שטענדעניש פֿון ייִדישן לעבן; און, צווייטנס, אַ העכערער אידעאַליזם און קרבנות־גרייטקײַט. דאָס זײַנען צוויי אייגנשאַפֿטן, וועלכע דער דורכשניטלעכער היגער ייִד, מיט זײַן שטענדיקער פֿאַרהאַוונטקײַט און פֿאַריאָגטקײַט צוליב דאגות פּרנסה, איז צום באַדויערן ניט מסוגל צו אַנטוויקלען בײַ זיך. דעריבער זעען מיר טאַקע אַרום די מערסטע ייִדיש־וועלטלעכע שולן איבער אַמעריקע און קאַנאַדע גאַנץ קליינע שול־פֿאַר־וואַלטונגען, אָבער דערפֿאַר באַוואוסטזיניקע, מוטיקע קעמפֿער פֿאַר זייערע דערציאונגס־אידעאַלן.

ווינניפּעג איז אויך אין פּרט פֿון כּמות אַן אויסנאַם, ווען עס קומט צו ייִדישער דערציאונג: בײַ די היגע פּרץ־פֿאָלקשולן שטייט נאָך אַלץ אַ גרויסע פֿאַרוואַלטונג און מיט נאָך אַ גרעסערער פּעריפֿעריע אַרום איר (די מוטער־פֿאַריינען און פֿרײַנטלעכע פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציעס), וואָס זײַנען גרייט צו יעדער צײַט צו קרעפֿטיקן די שול־פּאָזיציעס הן אין מאַ־טעריעלן ... ראַלישן און הן אין מאַטעריעלן זין. דאָס איז דערפֿאַר, וואָס די היגע

פּרץ־שול איז פֿון סאַמע אָנהייב אָן אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף גע־זונטע יסודות און אירע גרינדער און בויער איז באַשערט געווען די אַלע יאָרן פֿון איר עקזיסטענץ צו שעפּן פֿון איר אַ סך נחת און דער־מוטיקונג. קיין ייִדיש־וועלטלעכע שול אויפֿן היגן קאָנטינענט האָט נאָך ניט אַרויסגעלאָזט אַזאַ צאָל גראַדואַנטן, און פֿון אַזאַ קוואַליטעט, וואָס האָבן באַדײַטנדיק אויפֿגעהויבן דעם פּרעסטיזש פֿון דער שול, וואו זיי האָבן געקראָגן זייער ייִדישע דערציאונג.

די הײַנטיקע גראַדואירונג איז שוין די 28־סטע, וואָס די שול פֿירט דורך (אין 1925 איז דורכגעפֿירט געוואָרן די ערשטע גראַדואירונג), און דער גרעסטער טייל גראַדואירטע אין משך פֿון די אַלע יאָרן זײַנען פֿאַר־בליבן גוטע, געטרײַע ייִדישע זין און טעכטער, וואָס זײַנען, אויף איין אופֿן אָדער אויף אַן אַנדערן, אַקטיוו הײַנט־צו־טאָג אין ייִדיש־געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן. די פּרץ־שול האָט אַלעמאָל מיטגעגעבן אירע גראַדו־אַנטן גענוג גײַסטיקן צידה־לדרך, פֿונדאַמענטאַלן ייִדישן וויסן, וואָס האָט זיי געקלעקט אויף לאַנגע יאָרן צו שפּײַזן זייער ייִדישן גײַסט און האַלטן זיי נאָענט צום ייִדישן לעבן. אַוודאי, וואָלט די ייִדישע סבֿיבֿה, מיט וועלכער אונדזערע גראַדואַנטן האָבן זיך באַהאָפֿטן נאָכדעם, ווי זיי זײַנען אַרויס פֿון שולס רשות, געווען דורכגעדרונגען מיטן זעלביקן גײַסט פֿון ייִדיש־לשון און ייִדישער קולטור, וואָלט זייער לעבן געווען פֿיל גליקלעכער, האַרמאָנישער. צום באַדויערן אָבער האָט שוין די שול אויף אָט־דער ברייטער ייִדישער סבֿיבֿה אַ גאַנץ קנאַפּע שליטה. דאָ ווירקן שוין אַנדערע כּוחות מיט אַנדערע טענדענצן, קעגן וועלכע די באַשיידענע שול, דער אָהלו של יעקבֿ, איז צײַטנווײַז צו־שוואַך...

אין וואָס באַשטייט דער „צידה־לדרך", וואָס די פּרץ־פֿאָלקשול גיט געוויינטלעך מיט אירע גראַדואַנטן אויפֿן ווײַטן וועג פֿון ייִדיש לעבן אין אַ ניט־ייִדישער סבֿיבֿה? זיבן יאָר נאָכאַנאַנד (און אַמאָל אַפֿילו אַכט אָדער ניין) זאַפּט־אײַן אין זיך דער תּלמיד אָדער די תּלמידה די וואָרעמקײַט פֿון ייִדישן וואָרט, פֿון ייִדישן ליד, פֿון דער ייִדישער אגדה, פֿון ייִדישער געשיכטע (וואָס איז באַגלייט מיט הייליקע מאָמענטן פֿון „קידוש־השם" און ייִדישע האָפֿענונגען); די שיינקײַט פֿון תּנ"ך (דעם ספֿר־הספֿרים); דעם צויבער און דעם כּוח פֿון מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור (דער בולטסטער אויסדרוק פֿון הײַנט־צײַטיקער ייִדישער שעפֿערישקײַט); די דינאַמישקײַט פֿון אַקטועלן ייִדישן לעבן (ייִדישע אינטערעסן און ייִדישע פּראָבלעמען). נו, קען אַן אויפֿריכטיקער ייִד מיט ייִדישן געוויסן און מיט

יידישער גאולה־בענקעניש איגנאָרירן דעם ווערט פֿון אַזאַ „צידה־לדרך"?

אין משך פֿון זייערע זיבן יאָר אין דער עלעמענטאַר־שול האָבן די 20 בחורים און מיידלעך, וואָס גראַדואירן איצטער, געלערנט: יידיש און העברעיש, תּנ"ך, מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, געשיכטע, פּרקי־אָבֿות, געזאַנג; געפּירט שמועסן וועגן: יידישע ימים־טובֿים, יידישע טראַדיציעס און יידישן לעבנסשטייגער; דיסקוטירט וועגן וויכטיקע דאַטעס, ווי: מדינת־ישׂראל, געטאָ־אויפֿשטאַנד, האָבן זיך באַקענט מיט די פֿאַרשיידענע ריכטונגען, באַוועגונגען און אָרגאַניזאַציעס ביי יידן; געפּייערט יידישע ימים־טובֿים, זיך באַטייליקט אין עונג־שבתים און אין אַנדערע שול־פּייערונגען. אַט־די אַלע לימודים, פּראָיעקטן און יום־טובֿדיקע מאָמענטן אין שול, האָבן אָן־ספֿק באַרייכערט זייער גייסטיק לעבן מיט יידישן אינהאַלט אויף יאָרן און יאָרן.

אָבער מיטן גראַדואירן פֿון דער עלעמענטאַר־שול ענדיקט זיך נאָך ניט — אָדער טאָר זיך ניט ענדיקן! — זייער יידישע דערציאונג אין דער פּרץ־פֿאָלקשול. ווייל זינט־1925־אָן האָט די פּרץ־שול אַ 3־יאָריקע מיטלשול, וואו די יידישע לימודים ווערן פֿאַרטיפֿט און אויסגעברייטערט. אין מיטלשול ווערט, למשל, יידישע געשיכטע שטודירט אויף אַ ברייטערן פֿאַרנעם, אַזוי אַז די תּלמידים און תּלמידות זאָלן קענען ריכטיקער באַנעמען דעם באַטייט פֿון יידיש לעבן אין דער נייער צייט אונטער די נייע לעבנס־באַדינגונגען. אַזוי איז אויך מיטן לימוד ליטעראַטור. אמת, יידישע ליטעראַטור, שרייבער און זייערע ווערק, ווערן גאַנץ ערנסט אויפֿגענומען נאָך אין די קלאַסן פֿון דער עלעמענטאַר־שול. קען מען דערפֿאַר אין מיטלשול אויפֿנעמען עטלעכע וויכטיקע ווערק פֿון אונדזערע קלאַסיקער, וואו עס וואַרצלען די טענדענצן פֿון די מאָדערנע יידישע שרייבער און דיכטער. דאָסזעלבע איז מיטן לימוד תּנ"ך און מיט די סאָציאַלע לימודים, וואָס כּדי צו באַגרייפֿן און אָפּצושאַצן זייער ווערט און טאָקע פֿון זיי באַווירקט צו ווערן, איז נייטיק די אינטעליגענץ פֿון יוגנטלעכע, און אַ וואַרעמע יידיש־אינטעלעקטועלע סבֿיבֿה.

ערשט אין מיטלשול זיינען דאָ די מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען ביי די יונגע בחורים און מיידלעך דעם באַזונדערן צוגאַנג צום יידישן לעבן און צו יידישע פּראָבלעמען פֿון אַ נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון שטאַנדפּונקט. אָן אַזאַ דערציאונג מיינט פּשוט אומקלאָרקייט בנוגע אונדזערע שייכותן צום יידישן לעבן אין אַזאַ צעראודערטער צייט. דערפֿאַר איז

שעדלעך די טענדענץ, וואָס ווערט לעצטנס פּאַרשפּרייט אַפּילו אין וויניפּעג (די שטאָט מיט לאַנג־יאָריקע תּורה־טראַדיציעס) בכדי צו מאַכן לייַכטער און לייַכטער דעם עול פֿון ייִדישקייַט און פֿאַרבייַטן די ערנסטע תּורה־פּראָגראַמען פֿון דער פּרץ־מיטלשול מיט אַ „דזשודאַאיזם" פֿון עטלעכע שעה אַ וואָך אויף ענגליש. דאָס מיינט פּשוט אַראָפּפֿירן די ייִדישע דערציאונגס־צילן פֿון דרך־הישר. ווייַל אָן תּורה, אָן טיפֿן ייִדישן וויסן, וואָס מיינט אייגנטלעך אָן וואָרצלען, איז ניטאָ און קען ניט זייַן קיין ייִדישער המשך.

דעריבער איז צו דערוואַרטן, אַז די גרופּע בחורים און מיידלעך, וואָס גראַדואירן איצטער פֿון דער פּרץ־פֿאָלקשול, וועלן ממשיך זייַן זייערע ייִדישע לימודים אין דער דרייַ־יאָריקער פּרץ־מיטלשול. נאָר דעמאָלט האָט זייער גראַדואירן איצטער אַ ממשות, אַ ייִדישן זין: בייַ ייִדן איז בכלל ניט פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי ענדיקן לערנען („די תּורה האָט ניט קיין ענד"). גיכער באַטייט ביי אונדז „גראַדואירן", טאַקע וואָס דאָס וואָרט מיינט עטימאָלאָגיש: איבערגיין פֿון איין מדרגה צו אַ צווייטער, אַ העכערער, גיין מחיל אל חיל.

פּ. הערשטיין

[פֿון אַ רעדע]

ג) פּערציק יאָר פּרץ־שול אין וויניפּעג

דעם 18טן מאַי, 1914, האָט זיך אין וויניפּעג געעפֿנט די ייִדיש־ראַדיקאַלע שול (מיט 17 קינדער). דעם 10טן אַפּריל, 1916, האָט מען באַשלאָסן בייַ אַן אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿון דער ייִדיש־ראַדיקאַלער שול־געזעלשאַפֿט, אַז צום אָנדענק פֿון ערשטן יאָרצייַט נאָך יצחק לייבוש פּרץ זאָל דער נאָמען פֿון שול געענדערט ווערן אויף „י. ל. פּרץ־שול". מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, סעפּטעמבער 1944, ווען די „פֿאָלקשול" פֿון די פּועלי־ציון איז אַריבער צו דער פּרץ־שול־געזעלשאַפֿט, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די שולן זאָלן זיך רופֿן „י. ל. פּרץ־פֿאָלקשולן". ווערט איצט, הייסט עס, געענוי 40 יאָר, זינט עס איז אויפֿגעקומען די ערשטע ייִדיש־וועלטלעכע שול אין וויניפּעג. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז די 40 יאָר, זינט די שול עקזיסטירט, זייַנען געווען יאָרן פֿון טיפֿע ענדערונגען אין

ייִדישן לעבן איבער דער גאַנצער וועלט. אונדזער שול האָט זיך באַלד בײַם אָנהייב געשטעלט מיטן פּנים צו דער ייִדישער ווירקלעכקײַט. איז נאַטירלעך, אַז אַלע טיפֿע שינויים אין ייִדישן לעבן, במשך דער דאָזיקער היסטאָרישער תּקופֿה, האָבן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויפֿן גאַנג און אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער שול.

צום שבֿח פֿון די פּרץ־שולטוער מוז געזאָגט ווערן: זיי זײַנען צוגעטראָטן צו דער שול־אַרבעט ניט נאָר מיט טיפֿער אמונה אין דער זאַך, נאָר אויך מיט אַ קלאָרן בליק, מיט באַשטימטע איבערצײַגונגען און געוויסע דערוואַרטונגען, ווי עס פּאַסט פֿאַר מענטשן מיט געזעלשאַפֿטלעכע פּרינציפּן און אידעאָלאָגיעס. דאָך זײַנען זיי ניט געבליבן שטײַף פֿאַרעקשנט, ווען מ׳האָט אין פֿאַרלויף פֿון דער צײַט געדאַרפֿט אַרײַנטראָגן אין דער פּראָגראַם, אינם גאַנצן צוגאַנג צו ייִדישער דערציאונג, געוויסע ענדערונגען, פֿאַרבעסערונגען, תּיקונים. עס איז, אַגבֿ, ניט קיין איבעריקע מעלה פֿאַר אַ שול־פּראָגראַם, אַז זי ענדערט זיך לגמרי ניט. אַ שול, ווי אַן אויסדרוק פֿון לעבן און ווי אַ צוגרייטונג צום לעבן, דאַרף ניט זײַן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש. מיט אַנדערע ווערטער: אַ שול־פּראָגראַם טאָר ניט בלײַבן פֿאַרגליווערט, טאָר ניט בלײַבן הענגען אין אַ חלל. אַ שול־פּראָגראַם מוז מיטמאַכן דעם פּראָצעס פֿון אַנטוויקלונג, זי מוז אַרײַנגעגלידערט ווערן אינם גאַנצן קאָמפּלעקס געזעלשאַפֿטלעכע אידייען, אַזוי לאַנג ווי די עיקרים אירע, די הויפּט־פּרינציפּן פֿון דער פּראָגראַם, וואָס טיילן זי אויס ווי אַ באַזונדערע שול־ריכטונג, ווערן אָפּגעהיט און שטעלן מיט זיך פֿאַר דעם גײַסט פֿון דער שול.

גראָד װעגן אָט־די דאָזיקע „עיקרים" ווילט זיך בײַם אָנהייב פֿערציקסטן יובֿל־יאָר פֿון די וויניפּעגער פּרץ־פֿאָלקשולן מאַכן עטלעכע קורצע באַמערקונגען:

א) כאָטש די שול האָט זיך בײַם סאַמע אָנהייב גערופֿן „ייִדיש־ראַדיקאַלע שול", איז זי אין־תּוך פּונקט ווי די ערשטע „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1910 אונטער דער השגחה פֿון יואל ענטין, קיינמאָל ניט געווען „ראַדיקאַל" אינם וואולגאַרן זין פֿון „חלבֿ־פֿרעסערײַ". ווען מ׳דערמאָנט זיך דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע פֿון אַ 40־50 יאָר צוריק, און ספּעציעל דעם שטאַרקגעפֿאַלענעם מצבֿ פֿון היגן ייִדישן חינוך אין יענער צײַט, פֿאַרשטייט מען, פֿאַרוואָס די גרינדער פֿון ייִדישע שולן אויפֿן היגן קאָנטינענט, אונטער דער גײַסטיקער השפּעה פֿון די פּועלי־ציון און פֿון דעם

דעמאָלט נאָר־וואָס געגרינדעטן ייִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, האָבן זיך באַנוצט מיטן טערמין „ראַדיקאַלע".

ס'איז כדאַי דאָ צו ציטירן דעם ערשטן פּאַראַגראַף פון דער בראָשור „דאָס פּראָבלעם פון דער ייִדישער דערציאונג", געשריבן פון חיים ליבערמאַן און אַרויסגעגעבן פון די פּועלי־ציון און דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, אין יאָר 1913, כדי צו אילוסטרירן יענעם צושטאַנד און צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דער דאָזיקער עלעמענט איז בכלל צוגעטראָטן צו גרינדן ייִדישע שולן.

> „40־50 יאָר ייִדישע דערציאונג האָבן מיר אין דעם לאַנד, און צו איר קרעדיט (ריכטיקער: דיסקרעדיט! — פּ. ה.) האָט זי אַ דור, וואָס איז פרעמד פון ייִדישקייט, ווייט פון דעם ייִדישן פאָלק, וואָס אינטערעסירט זיך ניט מיט זיינע פּראָבלעמען, פרייט זיך ניט מיט זיינע פריידן און קימערט זיך ניט פאַר זיינע ליידן. און מיר שטייען און קוקן מיט שמערץ אין האַרצן צו, ווי אונדזערע קינדער גליטשן זיך אַוועק פון אונדז, ווערן פון אונדז אָפּגעריסן, אָפּגעשניטן; אין אונדזערע רייען ווערט אַלץ שיטערער, ביי אונדזערע קולטור־אַרבעטן הערן זיך ניט די פרישע, הילכיקע, מונטערע שטימען פון יונגע אַרבעטער. אונדזערע פעלדער זיינען פאַרלאָזן, אונדזערע וויינגערטנער זיינען וויסט..."

מיינט עס, אַז די נייע ייִדישע שול איז געקומען אויף צו היילן די דאָזיקע וואונדן, אַריינצוטראָגן אין ייִדישן חינוך גרינטלעכע פאַרבעסערונגען? ניין: אַריינצובלאָזן אין אים אַ רוח־חיים, צופּאַסן אים צום לעבעדיקן ייִדישן לעבן און צום פּראָגרעסיוון צוגאַנג צו ייִדישקייט. אָפּגעטייטשט אין היינטיקע טערמינען וואָלט עס געהייסן, אַז די דאָזיקע פּרץ־שול איז פון איר געבורט אָן געווען אַ ייִדיש־פּראָגרעסיווע שול.

ב) די י. ל. פּרץ־שול איז פון סאַמע אָנהייב אָן געווען אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלע שול. אַפילו אויב מע האָט זיך אין דער שול־פּראָפּאַגאַנדע פון דער ערשטער צייט ניט באַנוצט מיט אַזעלכע טערמינען ווי: „המשך", „קיום־האומה" און „אהבת ישראל", זיינען דאָס געווען די יסודות און די נשמה פון דער פּרץ־שול. אין דער געשיכטע פון דער היגער פּרץ־שול איז אַפילו באַקאַנט אַ קאַפּיטל „מעשה לאַזונג", וואָס האָט שיר ניט געשטעלט אין סכנה די גאַנצע עקזיסטענץ פון דער ניי־געגרינדעטער שול, נאָר אַדאַנק דער געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט פון די עקשנותדיקע „נאַציאָנאַליסטן" איז די שול אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. היינט קען מען שוין מיט אַביסעלע הומאָר איבערדערציילן

יענעם עפּיזאָד: אויף די בלאַנקען פֿון דער דעמאָלטיקער ניי־געגרינדע־טער פּרץ־שול האָט מען אָפּגעדרוקט דעם מאָטאָ (וואָס מ'האָט אייגנט־לעך נאָכקאָפּירט פֿון דער טאָראָנטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול): „די ייִדישע יוגנט פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק". האָבן די „אינטערנאַציאָנאַליסטן" פֿון דער שול־געזעלשאַפֿט אָנגעהויבן אַ „מלחמה" מיט רעזאָלוציעס און דעמאָנסטראַציעס. ערשט נאָך אַ רייע אונטערהאַנדלונגען, מיט דע־באַטעס, רעזאָלוציעס און קאָנטער־רעזאָלוציעס, קאָמפּראָמיסן און שפּאַל־טונגען, האָט זיך ענדלעך איינגעשטעלט אַ שלום, און די איבער־געבליבענע „נאַציאָנאַליסטן" האָבן זיך אַרייַנגעוואָרפֿן אין דער שול־אַרבעט מיט לייַב און לעבן.

ג) די פּרץ־שול איז געווען און געבליבן אַ וועלטלעכע (סעקו־לערע) ייִדישע שול. „ייִדישקייַט" ווערט דאָ פֿאַרשטאַנען ניט אינם באַגרענעצטן זין פֿון רעליגיעזע דאָגמעס, נאָר אין אַ סך־ברייטערן פֿאַר־נעם: ייִדן ווי אַ פֿאָלק, היסטאָריש געקניפּט און געבונדן מיט אַלע פֿריערדיקע ייִדישע דורות; ייִדן ווי אַ וועלט־פֿאָלק מיט ענגע שייכותן צווישן די ייִדישע קהילות אין די פֿאַרשיידענע תּפֿוצות; זייער גורל ווי ייִדן און זייערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס; ייִדן ווי אַ קולטור־שעפֿעריש פֿאָלק מיט רייַכע קולטור־אוצרות פֿון די פֿריערדיקע דורות און מיט כסדרדיקע אָנשטרענגונגען אויף צו סטימולירן גייַסטיקע שעפֿע־רישקייַט אין דער צוקונפֿט. אָבער אַפֿילו צו אונדזער רעליגיעזער קולטור האָט די היגע פּרץ־שול, פּונקט ווי אַלע אַנדערע ייִדישע פֿאָלקס־שולן, געהאַט די וואַרעמסטע באַציאונג: ייִדישע מנהגים און ייִדישע ימים־טובֿים, ווי אַלע אַנדערע עלעמענטן פֿון אַלטן ייִדישן לעבנס־שטיי־גער, האָבן אַלעמאָל אין דער פּרץ־שול פֿאַרנומען זייער אַ חשובֿ אָרט — דאָס האָט אָן־ספֿק אייַנגעפֿלאַנצט ביי אַ סך תּלמידים און תּלמידות אַ באַציאונג פֿון רעספּעקט צו ייִדישע טראַדיציעס.

ד) די היגע פּרץ־שול, ווי די אַנדערע ייִדיש־וועלטלעכע שולן, האָט געהאַלטן און האַלט נאָך אַלץ פֿאַר זייער וויכטיק דעם לימוד פֿון ייִדיש, וואָס נעמט אַרום: ייִדישע שפּראַך, ייִדישע ליטעראַטור, ייִדיש געזאַנג און ייִדישן פֿאָלקלאָר. ייִדיש־לשון ווערט פֿון די ייִדיש־וועלטלעכע שולן נאָך אַלץ באַטראַכט פֿאַר אַ וויכטיקן טייל פֿון „ייִדישקייַט": ייִדיש פֿאַר־בינדט אונדז מיטן נאָענטסטן עבֿר פֿון אונדזער ייִדישער געשיכטע און דורך ייִדיש איז אויפֿגעוועקט געוואָרן ביים מאָדערנעם ייִדן דאָס נאַציאָ־נאַלע באַוואוסטזיין: אין ייִדיש זיינען במשך די לעצטע 800 יאָר גע־

שאַפֿן געוואָרן זייער פּיל גײַסטיקע ווערטן. און דער גרעסטער טייל פֿון דער הײַנטיקער יִידישער שעפֿערישקײַט דריקט זיך נאָך אַלץ אויס אין יִידיש. אַלע אַרגומענטן, אַז די פּאָזיציע פֿון יִידיש ווי אַ גערעדטע שפּראַך ווערט אויפֿן היגן קאָנטינענט וואָס־ווײַטער אַלץ־מער אָפּגע־שוואַכט, האָבן לחלוטין קיין שייכות ניט מיט דער גרויסער באַדײַטונג פֿון יִידיש ווי אַ קולטור־שפּראַך און דער מסוגלדיקײַט פֿון יִידיש צו דערציִען אונדזער יוגנט אין יִידיש־נאַציאָנאַלן גײַסט.

ה) די היגע פּרץ־שול און די אַנדערע יִידישע פֿאָלקסשולן איבערן לאַנד, איז פֿון לכתחילה אָן געווען אַ יִדיש־העברעיִשע שול. נאָך אין דער געדרוקטער לערן־פּראָגראַם פֿון יאָר 1916 ווערט קלאָר אָנגע־געבן, אַז אָנהייבנדיק מיטן דריטן לערניאָר ווערט געגעבן אַ סיסטע־מאַטישער קורס אין העברעיִש, אויסער דעם לימוד פֿון „העברעיִשע עלעמענטן", וואָס ווערט געגעבן פֿון ערשטן קלאַס אָן. בײַם הײַנטיקן טאָג, ווען די שול איז אַ זיבן־יאָריקע און זי איז גרעסטנטיילס אַ „טאָג־שול", וואָס מיינט, אַז ס'איז דאָ מער צײַט צום לערנען, ווערט דער לימוד פֿון העברעיִש בהדרגה אויסגעברייטערט און ער הייבט זיך אָן נאָך מיטן צווייטן קלאַס. וואָס־ווײַטער אַנטוויקלט זיך דער סענטימענט בײַ אַלעמען, באַזונדערס בײַ די עלטערן, אַז מיטן אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל און מיט דער אויפֿלעבונג פֿון העברעיִש, דאַרף מען איצטער אומעטום לערנען מער העברעיִש ווי מיט יאָרן צוריק. ווערן טאַקע אויפֿן דאָזיקן געביט לעצטנס געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו פֿאַר־בעסערן אין דער פּרץ־שול דעם לימוד העברעיִש. דער לימוד ווערט געלערנט אינטענסיווער און עס ווערן אײַנגעפֿירט מאָדערנע טעקסט־ביכער און פּאַסיקע צוציִענדיקע לייענביכער אין העברעיִש.

ו) ארץ־ישׂראל האָט אַלעמאָל פֿאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין דער לערן־פּראָגראַם און אין די אַקטיוויטעטן פֿון דער פּרץ־שול. באַשטייט דאָך דער רובֿ־בנין ורובֿ־מנין פֿון דער שול־פֿאַרוואַלטונג פֿון חבֿרים, וואָס זײַנען אויף איין אופֿן אָדער אַן אַנדערן אָנגעשלאָסן אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. איז טאַקע ניט איין תּלמיד אָדער תּלמידה פֿון דער פּרץ־שול אינספּירירט געוואָרן פֿון דער שיינקײַט און וויכטיקײַט פֿונם ארץ־ישׂראל־אידעאַל און זיי האָבן פֿאַרבונדן זייער פּערזענלעכן גורל מיטן פּיאָנערישן לעבן אינם לאַנד פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער גאולה. אויב אָבער די שול קען אַנטוויקלען בײַ תּלמידים ליבע און אינטערעס צו ארץ־ישׂראל, איז עס נאָך גאַנץ ווײַט פֿון מעגן

באַטראַכטן די דאָזיקע שול ווי אַ „הכשרה־קעמפּ" אויף צוצוגרייטן חלוצים.

ז) סאָציאַלע דערציאונג איז אין דער פּרץ־שול אַלעמאָל באַטראַכט געוואָרן פֿאַר איינעם פֿון די וויכטיקסטע עיקרים אין איר פּראָגראַם. נאָר אויב די שול האָט צוליב טאַקטישע טעמים, דער עיקר צוליב פֿאַרזיכ־טיקייט וועגן, זיך קיינמאָל ניט געוואָלט אידענטיפֿיצירן מיט קיין באַשטימטער פּאָליטישער ריכטונג, האָט זיך די שול פֿון דער ערשטער צייט אָן אָפּגעגעבן מיט אַנטוויקלען בײַ די קינדער אַ נייגונג צו געזעל־שאַפֿטלעכקייט און אַן אינטערעס אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אַ חוש פֿאַר סאָציאַלן יושר און אַ שטרעבונג צו אַזאַ געזעלשאַפֿטלעכער אָרדע־נונג, וואו עס זאָל הערשן סאָציאַלע גערעכטיקייט.

אָט־די דאָזיקע עיקרים זײַנען מער אָדער ווייניקער געווען דער „עמוד האש" און דער „עמוד הענן", וואָס האָבן געפֿירט די היגע פּרץ־שול יידן דורך די גאַנצע 40 יאָר פֿון געזעלשאַפֿטלעכן „מדבר" אינם נײַעם יידישן ישובֿ. עס איז ניט געווען קיין לײַכטער וועג. פֿאַרקערט: דער וועג איז געווען אַ דאָרנדיקער, פֿול מיט מכשולים און ראַנג־לענישן. די פּרץ־שול האָט אַפֿילו יונגערהייט שוין פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון אַ „חרם", וואָס אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון רבנים האָט אויף איר אַרויפֿ־געלייגט. מען האָט אויף איר אויך אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז זי איז אַ מיסיאָנעריש קלייזל. ס'האָט אַפֿילו ניט געפֿעלט קיין מסירהלע צו דער „סקול־באָארד", וואָס האָט דער יונגער פּרץ־שול געהאַט געגעבן צימערן צום לערנען, אַז אַרום דער פּרץ־שול גרופּירן זיך געפֿערלעכע „סאָציאַליסטן" און „מאָראַל־צעשטערער"... עס זײַנען, פֿון דער אַנ־דערער זײַט, געווען גענוג שטערונגען אויך פֿון „לינקס": גלײַכגילטי־קייט פֿון איין זײַט און אָפּלאַכערײַ פֿון דער צווייטער זײַט. נאָר ניט דאָ איז דאָס פּלאַץ אויף אָפּצושטעלן זיך אויף די פֿאַרשיידענע ראַנגלענישן און שווערע קאַמפֿן פֿון „רעכטס" און פֿון „לינקס". דאָס זײַנען אַלץ נעגאַטיווע שטריכן. בײַם אָנהייב פֿון פֿערציק־יאָריקן יובֿל איז אַ סך גלײַכער און ווינטשנסווערטער זיך אָפּצושטעלן אויף די פּאָזיטיווע מאָ־מענטן פֿון דער שול־אַרבעט און מאַכן כאָטש אַ קורצן סך־הכל פֿונם אָפּגעגאַנגענעם וועג. נאָר אויף אַזאַ אופֿן וועלן מיר קענען צוטרעטן צום יום־טובֿדיקן יאָר מיט אַ געפֿיל פֿון שטאָלץ און מיט דער געהערי־קער פֿײַערלעכער שטימונג.

מאַכן מיר אַזאַ סך־הכל, זעען מיר, אַז אונדזער וועג איז גאָרניט גע־

ווען קיין וועג פֿון בלאָנדזשענישן און טעותן. אדרבא, עס באַקומט זיך דער אײַנדרוק, אַז אַלץ איז געווען אין פֿאָרויס אויסגעפּלאַנירט, אויסגע־חשבונט, ווינציקסטנס אַז די אַרבעט איז געפֿירט געוואָרן באַ־וואוסטזיניק.

פּ. הערשטיין

„צוקונפֿט", סעפּטעמבער, 1955

ד) דרײַסיק יאָר גראַדואירונגען — יוני 23, 1955

צום פֿערציק־יאָריקן יובל פֿון דער פּרץ־שול מיט אַ יאָר צוריק קומט־איצטער־צו דער יובילײ פֿון דרײַסיק יאָר גראַדואירונגען בײַ דער דאָזיקער שול: אין יאָר 1925 האָט זיך בײַ דער היגער שול אײַנגע־שטעלט דער מנהג דורכצופֿירן בײַם סוף שוליאָר אַ גראַדואיר־יום־טובֿ לכּבֿוד די תּלמידים און תּלמידות, וועלכע האָבן אָפּגעלערנט אין שול אַ באַשטימטע צאָל יאָרן (דעמאָלט איז דאָס קורירולום געווען איסגע־רעכנט אויף זעקס לערן־יאָרן) און זײַנען ראוי צו גראַדואירן. די גראַדואיר־אינסטיטוציע איז נאָך דעמאָלט געווען אַ נײַעס אויף דער ייִדישער גאַס און האָט אַרויסגערופֿן בײַ אַלעמען: בײַ די תּלמידים פֿון שול, בײַ די עלטערן און בײַם ברייטן עולם, אַ גרויסן אינטערעס. צו דער ערשטער גראַדואירונג, וועלכע איז געפֿײַערט געוואָרן מיט דרײַסיק יאָר צוריק אין „פּלעיהאַוז" מיט אַ גרויסאַרטיקן שול־קאָנצערט און מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקין ווי דער גאַסט־רעדנער, זײַנען גע־קומען נאָענט צו 500 מענטשן. דאָס איז געווען אַ יום־טובֿ ניט נאָר פֿאַר די טוער פֿון דער פּרץ־שול, נאָר אַ שמחה פֿאַר אַלע ייִדישלעכע עלע־מענטן אין דער „נאָרד־ענד" פֿון וויניפּעג.

בײַם ערשטן סיום האָבן גראַדואירט בלויז 14 תּלמידים און תּלמי־דות, מיט וועלכע ס'האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די דרײַ־יאָריקע מיטל־שול. פֿון יאָר צו יאָר האָט זיך די צאָל גראַדואַנטן פֿאַרגרעסערט, אַזוי אַז אין משך פֿון די דרײַסיק יאָר האָט די שול אַרויסגעלאָזט זייער אַ גרויסע צאָל תּלמידים און תּלמידות. אַרום 60 פּראָצענט פֿון די גראַדואַנטן פֿלעגן זיך אָפּשטעלן אין מיטלשול, ווער בלויז אויף איין יאָר, ווער אויף צוויי, און ווער אויף די פֿולע דרײַ יאָר. עס זײַנען געווען אויך אַזעלכע תּלמידים, הגם ניט קיין סך, וואָס האָבן ניט געוואָלט אַוועקגיין פֿון שול

אַפֿילו נאָכדעם, ווי זיי זײַנען דורכגעגאַנגען דעם פֿולן דרײַ־יאָריקן קורס פֿון מיטלשול. פֿאַר די דאָזיקע סטודענטן האָט מען אין 1928 גע־עפֿנט די צוויי־יאָריקע „העכערע קורסן“. מיט דער צײַט האָט מען די עלעמענטאַר־שול פֿאַרלענגערט אויף נאָך אַ יאָר, ד. ה., זי איז געוואָרן אַ זיבן־יאָריקע שול (פֿון 1940 אָן). אויף אַזאַ אופֿן האָט די פּרץ־שול פֿאַר־מאָגט תורה אויף 14 יאָר צײַט: 2 יאָר קינדערגאָרטן, 7 יאָר עלעמענ־טאַר־שול, 3 יאָר מיטלשול און 2 יאָר „העכערע קורסן“. זײַענדיק פֿאַר־בונדן מיט דער פּרץ־שול אַזוי פֿיל יאָרן, האָט אַזאַ תּלמיד אָדער תּלמידה טאַקע אױפֿגעוואַקסן מיט זיך אַ רײַכן באַגאַזש פֿון ייִדיש־וויסן און ייִדיש־גײַסטיקער צוגעבונדנקײַט, וואָס האָט געקלעקט אויף לאַנגע יאָרן, אויב ניט אויפֿן גאַנצן לעבן. זײַנען פֿיל פֿון די „פּראָדוקטן“ פֿון אָט דער שול־סיסטעם שפּעטער געוואָרן אַקטיווע טוער און אָנפֿירער אין ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אַ טייל פֿון זיי זײַנען מיט דער צײַט אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין שול אַרײַן ווי לערער. דאָס איז באמת געווען אַ נחת, וואָס ניט יעדע שול בײַ אונדז האָט דערצו זוכה געווען.

לײַדער קען מען אין די לעצטע יאָרן בײַ אונדז מער ניט פֿאַר־צייכענען אַזעלכע נחתדיקע דערגרייכונגען. גראָד איז די צאָל גראַדו־אַנטן פֿון דער עלעמענטאַר־שול נאָך געשטיגן, ספּעציעל נאָכדעם ווי די „טאָגשול“ האָט בײַ אונדז אָנגעהויבן צו וואַקסן. אָבער די צאָל קאַנדי־דאַטן פֿאַרן מיטלשול־קורס, אָדער „העכערע קורסן“, האַלט אין איין פֿאַלן. דאָס איז אַ סימן מובֿהק, אַז דער אידעאַל פֿון תּורה־לערנען האָט אַפֿילו אין ווייניפּעג אָנגעהויבן לעצטנס צו פֿאַרלירן זײַן אַמאָליקע חשיבֿות. די טוער בײַ דער פּרץ־פֿאָלקשול זײַנען זייער באַזאָרגט וועגן דעם דאָזיקן צושטאַנד און זיי טראַכטן ערנסט וועגן אָננעמען גע־העריקע שריט אויפֿן דאָזיקן געביט. עס וואָלט געווען כדאי, אַז דער דאָזיקער ענין זאָל אויפֿגענומען ווערן בשותּפֿות מיט די אַנדערע חינוך־אינסטיטוציעס אין שטאָט. מיט בשותּפֿותדיקע כּוחות וואָלט מען נאָך אפֿשר געקענט אָפּראַטעווען אַ געוויסן טייל פֿון אונדזער יוגנט און זיי אײַנהאַלטן בײַם לערנען ייִדישע לימודים נאָך עטלעכע יאָר, ביז זיי וועלן אַרויסוואַקסן פֿון זייער „קריטישן“ יוגנטלעכן עלטער און וועלן שוין זײַן דערוואַקסענע מענטשן. אַזעלכע יוגנטלעכע וואָלטן שפּעטער געקענט אַ סך בײַטראָגן צום ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אַפֿילו אויפֿן שול־געביט גופֿא ווי דערציִער און פּעדאַגאָגן.

פֿריִער פֿון אַלץ אָבער וואָלט מען געוואָלט זען אַביסל פֿאַר־

אינטערעסירטקײַט מצד די עלטערן גופא צו האַלטן זייערע קינדער אין דער ייִדישער שול אַפּילו נאָך דער גראַדואירונג פֿון דער עלעמענטאַר־שול. ס׳וואָלט געווען אַ גרויסער נחת־רוח און אַ פֿריילעכע דערמוטי־קונג פֿאַר די שולטוער, ווען די עלטערן פֿון אַזעלכע קינדער זאָלן קומען צו דער שול־פֿאַרוואַלטונג מיט פֿאָדערונגען און אַרויסוויַיזן אַן אינטע־רעס אָנצוהאַלטן פֿאַר זייערע גראַדואירנדיקע קינדער אַן אינסטיטוציע פֿאַר העכערן ייִדישן וויסן. ווי אָרעם די שול זאָל ניט זײַן אין פֿינאַנצן, איז כמעט זיכער, אַז עס וואָלט דעמאָלט ניט געווען קיין מניעה אַפּילו אין געלט־מיטלען. צו די עלטערן פֿון די דאָזיקע קינדער זאָגט די פּרץ־פֿאָלקשול: „גיט אונדז אויך וויַיטער די קינדער אײַערע און מיר וועלן שוין זאָרגן וועגן דעם, אַז זיי זאָלן קריגן דעם געהעריקן וויסן, די ריכ־טיקע ייִדישע סבֿיבֿה און די נייטיקע באַציאונג צו ייִדן און ייִדישקײַט!״ די גראַדואירנדיקע האָבן אַלע געקראָגן אַ געזונטן פֿונדאַמענט אין מאָדער־נער ייִדישקײַט. עס וואָלט געווען אַ ניט־פֿאַרגעבלעכע זינד סײַ מצד די עלטערן און סײַ מצד דער ייִדישער געזעלשאַפֿט, אַז מ׳זאָל אָט־די דאָזיקע גוטע התחלות פֿון אַ נאָרמאַלער ייִדישער דערציאונג לאָזן אָן וויַיטערדיקן המשך.

די 32 תּלמידים און תּלמידות, וועלכע גראַדואירן איצטער (16 בחורים און 16 מיידלעך), האָבן פֿאַרבראַכט אין דער פּרץ־פֿאָלקשול ווינציקסטנס זיבן יאָר. דער גרעסטער טייל פֿון זיי אויך 2 יאָר אין קינדערגאָרטן. די גאַנצע צײַט האָבן זיי געלעבט אין אַ ייִדיש־קולטו־רעלער סבֿיבֿה: האָבן געפּײַערט ייִדישע ימים־טובֿים, דורכגעפֿירט עונג־שבתים, זיך באַטייליקט אין פֿאַרשיידענע עקסטראַ־קוריקולום אַקטיווי־טעטן. זיי האָבן פֿיל מאָל דורכגעלעבט אין שול מאָמענטן פֿון פֿרייד און אויך מאָמענטן פֿון טרויער אין שייכות מיט די טרויעריקע איבער־לעבענישן פֿון ייִדן איבער דער גאָרער וועלט. אין משך פֿון די זיבן יאָר עלעמענטאַר־שול האָבן די קינדער געלערנט: ייִדיש און ייִדישע ליטע־ראַטור, העברעיִש און העברעיִשע ליטעראַטור, טיילן פֿון חומש און נבֿיאים, אגדות פֿון תּלמוד, ייִדישע געשיכטע, תּפֿלות, פּרקי־אָבֿות, וועגן ייִדישן לעבנס־שטייגער, געזאַנג. די קינדער פֿון טאָגשול האָבן חוצדעם אויך געלערנט אין דער פּרץ־פֿאָלקשול אַלע ענגלישע לימודים לויטן קוריקולום און אונטער דער אינספּעקציע פֿון דער „פּאַבליק סקול״.

מיט שטאָלץ און פֿרייד און מיט אַ סך האַרציקע ברכות דערלאַנגט די פּרץ־פֿאָלקשול דידאָזיקע תּלמידים און תּלמידות זייערע כשר־פֿאַר־

דינטע גראַדואיר־דיפּלאָמען גראַטולירנדיק זיי פֿאַר זייערע דערגריי־כונגען אין לערנען ביז איצטער. אָבער גלײַכצײַטיק דערמאָנט זי זיי, אַז לויט דער ייִדישער אויפֿפֿאַסונג מיינט ניט „גראַדואירונג" דאָס פֿולשטענדיקע פֿאַרענדיקן דאָס לערנען. ניטאָ אַזאַ זאַך בײַ ייִדן! בײַ אונדז ייִדן מיינט גראַדואירן: דאָס אַריבערגיין צו אַ העכערער מדרגה אין לערנען. כדי צו קענען הײַנטיקע צײַטן לעבן ווי אַ ייִד, דאַרף מען זײַן ווי־געהעריק צוגעגרייט: מ'דאַרף וויסן, וואָס עס מיינט פֿאַר אונדז אונדזער פֿאַרגאַנגענהײַט; מ'דאַרף זײַן אַ טייל פֿונם באַנײַטן ייִדישן לעבן אין מדינת־ישׂראל; מ'דאַרף ווײַטער אָנהאַלטן ייִדיש לעבן אין די תּפֿוצות; מען מוז זיך אויסלערנען צו געניסן פֿון די ייִדישע קולטור־אוצרות פֿון אַמאָל און פֿון הײַנט. דערפֿאַר טאָר זיך ייִדישע דערציאונג בשום־אופֿן ניט אָפּשטעלן בײַ עלעמענטאַר־שולן. ס'איז דער הייסטער וואונטש פֿון דער פּרץ־פֿאָלקשול, אַז די הײַ־יאָריקע גראַדואַנטן זאָלן צוריק באַנײַען די שיינע פּרץ־שול טראַדיציעס פֿון אַ גרויסער מיטל־שול, און אַלע איצטיקע גראַדואַנטן זאָלן צוריקקומען סעפּטעמבער ממשיך צו זײַן אין דער מיטלשול זייער ייִדישע דערציאונג. דאָס וואָלט געווען דער שענסטער צושטײַער זייערער צום טאָפּלטן יובֿל פֿון זייער שול: פֿערציק יאָר פּרץ־שול און דרײַסיק יאָר גראַדואירונגען! אונדזער האַרציקסטן מזל־טובֿ אײַך און אײַערע עלטערן!

די שול־פֿאַרוואַלטונג

ה) דער ענין „בר־מצוה" אין אונדזערע שולן

בײַם אָנהייב פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול, אין 1910, איז קיינעמען אויפֿן געדאַנק ניט געקומען, אַז דער ענין „בר־מצוה" זאָל ווען־עס־איז ווערן אַ טייל פֿון איר דערציאונגס־סיסטעם. אַפֿילו שפּע־טער, בעת יואל ענטין, דער „פֿאָטער" פֿון דעמדאָזיקן סאָרט דערצי־אונג, האָט זיך מתוודה געווען, אַז טעותן זײַנען באַגאַנגען געוואָרן מיט דער ראַדיקאַלער אויפֿפֿאַסונג פֿון „סעקולערער" ייִדישקײַט, האָט מען נאָך אַלץ ניט גערעדט אָפֿן וועגן אָפּגעבן זיך אין די דאָזיקע שולן מיט צוגרייטן די תּלמידים צו בר־מצוה. אָבער טייל לערער (צי מיטן הסכם פֿון דער לאָקאַלער שול־אַדמיניסטראַציע אָדער ניט) האָבן עס פֿאַקטיש

יאָ פּראַקטיצירט, הפּנים, טײַלווײַז אונטערן דרוק פֿון די גײַסטיקע צײַט־שינויים, און אַביסל פֿאַר דער מורא צו פֿאַרלירן די ייִנגלעך פֿון אונדזערע שולן.

כאַראַקטעריסטיש, דווקא די ייִנגערע עלטערן האָבן געוואָלט „פּראַווען" בר־מצוה פֿאַר זייערע קינדער ווי אַ געלעגנהײַט דורכצופירן אַ שׂמחה פֿאַר משפּחה און פֿרײַנט. אָבער מײַן אייגן מזל האָט מיר צוגעשפּילט, וואָס איך פּערזענלעך בין ניט געפּרואווט געוואָרן מיט דער בר־מצוה פּראָבלעם אין משך פֿון אַ לאַנגער צײַט אין מײַן לערער־קאַריערע. אָבער אין 1939 האָב איך אין דער דינעזאָן פֿאָלקשול, פֿילאַדעלפֿיע, יאָ דורכגעפֿירט אַ „בר־מצוה", נאָר אויף אַן אייגן־אַרטיקן אופֿן, ווי איך האָב עס באַריכטעט לאחר־המעשׂה אין מײַנס אַ בריוו צום צענטראַלן שולן־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק. אָט איז אַן אויסצוג פֿונם בריוו:

„... עס איז באַזונדערס כדאַי צו דערציילן וועגן דער בר־מצוה־פֿײַערונג, וואָס איז בײַם חנוכה־אָוונט דורכגעפֿירט געוואָרן לכּבֿוד אַ תּלמיד פֿון שול, וואָס איז פּונקט געוואָרן 13 יאָר אַלט. אַלע זײַנען מיט דער מיינונג, אַז מיר האָבן געמאַכט אַ גוטע התחלה מיט דער באַנײַטער „אינסטיטוציע". איך האָב געזען, אַז דער ענין זאָל דורכגעפֿירט ווערן אויף אַ צערעמאָניאַלן אופֿן און זאָל איבערלאָזן אַ רושם. דאַכט זיך, אַז ס'האָט זיך מיר אײַנגעגעבן. מען זאָגט אַפֿילו, אַז דאָס איז געווען גוטע רעקלאַמע פֿאַר די פֿאָלקשולן ...

די שול־קינדער זײַנען געזעסן אויף דער בינע אַרום אַ טיש מיט אַ ספּעציעלן קוכן אין מיטן, אַפֿילו מיט 13 ליכטעלעך. דער בר־מצוה־בחור איז געזעסן אין סאַמע צענטער. אַז דער פֿאָרהאַנג האָט זיך געעפֿנט און דער עולם האָט שטאַרק אַפּלאַדירט די „סצענע", האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט דערקלערן דעם ענין בר־מצוה פֿון אונדזער שטאַנדפּונקט. איך האָב קלאָר געמאַכט אונדזער צוגאַנג צו ייִדישע טראַדיציעס בכלל און צו ייִדישע ימים־טובֿים בפֿרט. דערנאָך האָב איך דורכגעפֿירט אַ פֿאַרגלײַך צווישן ימים־טובֿים פֿון כּלל און ימים־טובֿים פֿון יחידים. דערבײַ האָב איך אַרויסגעבראַכט דעם געזונטן קערן פֿון בר־מצוה: דער איבערגאַנג צו רײַפֿקײַט, דאָס געפֿיל פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַר די אייגענע מעשׂים א. אַ. וו., דאַן האָט דער בר־מצוה־בחור אַליין געהאַלטן אַ קורצע רעדע, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו אַ קינד פֿון אונדזערע שולן און האָט פֿאַרענדיקט מיט אַ פּאָעמע פֿון י. ל. פּרץ. אויך די מאַמע האָט גערעדט אַ פּאָר האַרציקע ווערטער און באַדאַנקט דער שול פֿאַר העלפֿן דערציִען איר קינד אינם ייִדיש־פּראָגרעסיוון גײַסט. דערנאָך האָב איך אַרויסגערופֿן דעם לערער פֿון עטנאָלאָגיע אין מיטלשול — חבֿר וו. שיכמאַנען — אונדז צו געבן דעם ייִדיש־וועלטלעכן פּירוש אויפֿן ענין בר־מצוה. חבֿר

שיכמאַן איז אויסגעהערט געוואָרן מיט ניט ווייניקער אויפֿמערקזאַמקײַט ווי אַ „ראַבײַ" אין אַ טעמפּל. דערנאָך האָט אַ ייִנגל פֿון שול אָנגעצונדן די 13 ליכטלעך פֿונם קוכן און דער בר־מצוה־בחור האָט זיי אויסגעלאָשן, דאָן האָבן זיך אַלע אויפֿגעשטעלט און געזונגען דאָס לידל „חנוכה, אָ חנוכּה!" (איך האָב באַמערקט, אַז מיט דער צײַט וועלן מיר האָבן אַ ספּעציעל ליד לכּבֿוד בר־מצוה פֿײַערונגען) און אַ קינד פֿון שול האָט אָפּגעענטפֿערט דעם בר־מצוהניק מיט אַ שיינער רעדע און אים דערלאַנגט אַ מתּנה — אַ ייִדיש ביכל — אין נאָמען פֿון שול. אַגבֿ, אַ סך פֿון די אָנוועזנדיקע האָבן געמיינט, אַז די דאָזיקע צערעמאָניע איז געווען אײַנשטודירט פֿון פֿריער. הפּנים זי איז אַרויסגעקומען זייער געלונגען*.

פּ. הערשטיין

פֿון 1940 אָן ביז 1952 האָב איך געאַרבעט פֿולע צײַט אין דער דרוקערײַ פֿון דער „דזשואיש־פּאַבליקיישאַן־סאָסײַאיטי" סײַ ווי אַ שריפֿטזעצער און סײַ ווי אַ קאָרעקטאָר. אמת, איך בין אַפֿילו דעמאָלט ניט געווען אַוועק אינגאַנצן פֿון „קלאַס־צימער": איך פֿלעג אין דער אַ. ר. מיטלשול לערנען צוויי מאָל אַ וואָך — ייִדיש, העברעיש און מאָדערנע ייִדישע געשיכטע. אַזוי אַז די פּראָבלעם פֿון „בר־מצוה" איז ניט געווען מײַן פּראָבלעם. נאָר ס'איז צו מיר דערגאַנגען די ידיעה, אַז כּמעט אין אַלע ייִדיש־וועלטלעכע שולן איבערן לאַנד גרייט מען צו אומאָפֿיציעל צו בר־ אָדער בת־מצוה.

עד כאן פֿילאַדעלפֿיע

איצטער לייענט ווײַטער וועגן מײַן קאָנטאַקט מיטן בר־מצוה פּראָבלעם מיט אַ 12־13 יאָר שפּעטער אין וויניפּעג, בעת מײַן צווייטער קאַדענץ דאָרטן (פֿון 1952 ביז 1962).

אַז איך בין (אין 1952) ווידער אָנגעקומען אין דער וויניפּעגער פּרץ־שול, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אַפֿילו דאָרטן, אין דעם עכט־ייִדישיסטישן צענטער, גרייט מען צו טייל ייִנגלעך צו בר־מצוה, ניט אָפֿיציעל פֿון שול, נאָר פּריוואַט, דורך איינעם פֿון די דאָרטיקע שול־לערער.

האָב איך בײַ אַ נאָענטער זיצונג פֿון דערציאונגס־קאָמיטעט אויפֿגענומען די דאָזיקע פֿראַגע כּמעט בזה הלשון: „ממה־נפֿשך, איז דער ענין

---

*) דער בריוו איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין „ייִדישע דערציאונג", מערץ, 1939.

בר־מצוה טריף, טאָר מען עס אינגאַנצן ניט האָבן אין אונדזערס אַ שול; איז עס כשר, דאַרף עס זײַן אַן אָפֿענער לעגאַלער טייל פֿון אונדזערע שול־פֿונקציעס. אַלץ, מיט וואָס אונדזערע שולן פֿאַרנעמען זיך, דאַרף זײַן אָפֿן פֿאַרן דעת־הקהל. קיין באַהאַלטענע זאַכן טאָרן בײַ אונדז ניט עקזיסטירן. צו אונדזערס אַ שול דאַרף מען אַרײַנקומען דורך דער פֿאָדערשטער, ,פֿאַראַדנער' טיר, ניט דורך אַ הינטערשטן אַרײַנגאַנג".

קורץ, מ'האָט דעם ענין אויפֿגענומען גאַנץ ערנסט בײַ עטלעכע זיצונגען און וועגן אים אַרומגערעדט פֿון פֿאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, מחמת אַ באַדײַטנדיקער טייל פֿון קאָמיטעט איז באַשטאַנען פֿון

עקסטרעמע „ראַדיקאַלן”. סוף־כּל־סוף איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פּרינציפּאַל זאָל אויפֿהענגען אַ מודעה: „יעדער תּלמיד פֿון שול, אין עלטער פֿון 12 יאָר, אויב ער וויל זיך גרייטן צו בר־מצוה, זאָל ער מיט דער הסכּמה פֿון זײַנע עלטערן זיך ווענדן דעם רעגיסטרירן בײַם שול־פּרינציפּאַל”.

דער בר־מצוה לערער דאַרף באַשטימען די צײַט ווען זיך צו טרעפֿן מיטן בר־מצוה קאַנדידאַט. די צײַט פֿון די בר־מצוה לעקציעס טאָר ניט קומען אין קאָנפֿליקט מיט דער געוויינטלעכער לערן־שעה פֿון קלאַס. — דער רעזולטאַט איז געווען, וואָס בלויז אַ קליינער טייל ייִנגלעך האָבן זיך פֿאַרשריבן פֿאַרן בר־מצוה קלאַס, און אַלץ איז דורך בשלום.

ווי לאַנג דאָס האָט אָנגעהאַלטן, איז מיר לײַדער ניט באַקאַנט. איך ווייס בלויז, מיט טיפֿן ווייטיק, אַז די געוואַלדיקע ירידה אין דער וועלט פֿון ייִדיש און ייִדיש־וועלטלעכער דערציִונג האָט ניט געשאָנעוועט אַפֿילו די ייִדישיסטישע וויניפּעג. איך האָב יענע שול איבערגעלאָזט אין 1962 (מיט העכער 700 תּלמידים און אַ שטאַב פֿון 30 לערערס).

פּ. הערשטיין

ו) אין שוץ פֿון אונדזער גײַסטיקער ירושה

(אַ באַריכט און אַ „רוף”)

מיטוואָך, דעם אַכטן אָקטאָבער, אויף מאָרגן נאָך שׂמחת־תּורה, איז אַרײַנגעשריבן געוואָרן אַ נײַ בלאַט אין דער געשיכטע פֿון דער היגער פּרץ־פֿאָלקשול. אין דעם טאָג האָבן זיך אין „גאַרדן־סיטי”, אינם נײַעסטן טייל פֿון דער וויניפּעגער „נאָרד־ענד”, געעפֿנט דער קינדערגאָרטן און דער אָוונט־קלאַס פֿון דער נײַער אָפּטיילונג פֿון דער ייִדישער שול, וואָס האָט אין משך פֿון איר 44־יאָריקער עקזיסטענץ באַוויזן צו דערציִען טויזנטער ייִדישע קינדער אין ייִדיש־נאַציאָנאַלן גײַסט. איצטער פֿונקציאָנירט שוין אין גאַרדן־סיטי אויך אַ טאָג־קלאַס, וואָס לערנט אַ האַלבן טאָג ייִדישע און אַ האַלבן טאָג ענגלישע לימודים לויטן סיסטעם פֿון דער צענטראַלער פּרץ־פֿאָלקשול און אונטער איר פֿולער השגחה.

מיט דער דערעפֿענונג פֿון דער נײַער־פֿאָלקשול ווערט די ייִדישע אײַנוואוינער פֿון גאַרדן־סיטי דערמעגלעכט צו געבן זייערע קינדער אַ ייִדישע דערציִונג. און אויב זיי וועלן נאָר אַרויסווײַזן ווילן און ענטו־

זיאָזם, קען די נײַע שול ווערן אויך פֿאַר זיי, פֿאַר די עלטערן און אַנדערע אײַנוואוינער, אַ צענטער פֿאַר יידיש־געזעלשאַפֿטלעכע טעטי־קײַטן בכלל. ווער ס'איז נאָר באַקאַנט מיט די יידישע ישובֿים אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט ווייסט, אַז בדרך־כּלל איז יעדע יידישע קינדערשול גלײַכצײַטיק אַ שטאַרקע פּאָזיציע פֿאַר יידיש־קולטורעלע אַקטיוויטעטן, אַרום וועלכע עס קאָנצענטרירן זיך אַלע יידישלעכע עלע־מענטן פֿון דער סבֿיבֿה און לעבן זיך דאָרט אויס געזעלשאַפֿטלעך ווי יידן. עס איז צו האָפֿן, אַז די יידישע אײַנוואוינער פֿון גאַרדן־סיטי וועלן ניט בלײַבן איזאָלירט פֿון יידישן כּלל און וועלן זיך באַנוצן מיט דער געזעלשאַפֿטלעכער געלעגנהײַט, וואָס עס ווערט זיי געגעבן בײַ דער נײַער יידישער „קולטור־היים" אין זייער געגנט.

פֿון די פֿאַרשיידענע אָנפֿראַגעס, פּערזענלעכע און טעלעפֿאָנישע, איז צו זען, אַז דער היגער דורכשניטלעכער ייִד איז נאָך אַלץ ניט גרינט־לעך באַהאַוונט מיטן מהות פֿון דער יידישער דערציאונג פֿון דער פּרץ־פֿאָלקשול, ניט קוקנדיק אויף דער זייער גוטער רעפּוטאַציע און אָנער־קענונג, וואָס זי האָט שוין פֿון לאַנג געוואונען אין דער וויניפּעגער יידישער קהילה. איז דערפֿאַר כּדאַי צו מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועגן דעם בײַ דער איצטיקער געלעגנהײַט.

די פּרץ־פֿאָלקשול, הגם זי איז געגרינדעט געוואָרן פֿון אַ באַשטימטער געזעלשאַפֿטלעכער ריכטונג, די ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישע אָריענטאַציע, איז זי שוין לאַנג געוואָרן אַ גאַר וויכטיקע פֿאָלקס־אינסטיטוציע, וועלכע באַדינט אַלע שיכטן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג און ווערט אָנגעפֿירט פֿון אַ פֿאַרוואַלטונג, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאַר אין מיניאַטור אַ ברייטע קאָאַליציע פֿון פֿאַרשיידענע כּוחות און ריכטונגען אין יידישן לעבן. נאָך כּמעט בײַם אָנהייב פֿון איר עקזיס־טענץ איז אויף דער פֿאָן פֿון דער פּרץ־שול אויסגעקריצט געוואָרן דער לאָזונג: „דאָס יידישע קינד פֿאַרן יידישן פֿאָלק!". אין דעם גײַסט איז די דערציאונגס־אַרבעט פֿון דער פּרץ־שול געפֿירט געוואָרן אַלע יאָרן. דערפֿאַר איז זי קיינמאָל ניט געבליבן פֿאַרגליווערט אין איר פּראָגראַם און האָט אויפֿגעכאַפּט די שטימונגען און אידעאַלן פֿון דער נײַער צײַט פֿאַר די צילן פֿון איר יידישער דערציאונג.

פֿאַכלײַט גיבן צו, אַז די לערן־פּראָגראַם פֿון דער פּרץ־פֿאָלקשול איז אַ רײַכע, אַן אויסגעברייטערטע, מיט וועלכער אַנדערע שול־ריכטונ־גען קענען זיך בשום אופֿן ניט פֿאַרגלײַכן. אין ברייטע ראָמען איז דער

ציל פֿון איר דערציאונג: צו אַנטוויקלען בײַם ייִדישן קינד אַ ייִדיש געפֿיל און אַ ייִדישן באַוואוסטזײַן, אײַנצופֿלאַנצן אין אים אַ ליבע צו זײַן פֿאָלק און אים איבערצוגעבן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פֿון אונדזערע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן, כּדי אים צו באַרײַכערן מיט אַזוי פֿיל ווערטפֿולע טיילן פֿון אונדזער גײַסטיקער ירושה, וויפֿל ס׳איז נאָר מעג־לעך. און זאָל מען ניט גרינגשאַצן דאָס, וואָס מיר דאַרפֿן לערנען, און וואָס מיר לערנען, אונדזערע קינדער.

צו זײַן מער ספּעציפֿיש: כאָטש דער גרויסער אָרום איז, למשל, מבֿטל דאָס ייִדישע לשון, זײַנען מיר עקשנים, אַז ייִדיש איז פֿאַר אונדז, ווי־אַ־פֿאָלק, לעבנס־וויכטיק. פּראַקטישע רעאַליסטן צווייפֿלען: צו וואָס לערנען העברעיש? וועלן דען אונדזערע קינדער ווען־עס־איז באַ־הערשן די דאָזיקע שפּראַך? אָבער מיר באַטראַכטן דעם עצם פּראָצעס פֿון לערנען העברעיש ווי אַן עיקר פֿון ייִדישקייט. אין ארץ־ישׂראל קוקן אַ סך אויף אונדז גלות־ייִדן ווי פֿאַרלאָרענע, פֿאַרפֿאַלענע, אָבער מיר קעמפֿן אַפֿילו דאָ פֿאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און ייִדישן המשך. אַנדערע ווידער פֿרעגן: צו וואָס אײַנפֿלאַנצן בײַ אונדזערע קינדער אַ ליבע צו ארץ־ישׂראל, אַז לעבן וועלן זיי דאַרפֿן דאָ אין די תּפֿוצות? זאָגן מיר: אַז יעדער ייִד דאַרף טראָגן אין זיך אַ בענקשאַפֿט צו ארץ־ישׂראל, און אויב מעגלעך, אַפֿילו עולה צו זײַן אַהין, און צוזאַמען מיט די אַנ־דערע ישׂראלים העלפֿן בויען און שטאַרקער מאַכן די באַנײַטע מדינת־ישׂראל.

אַזוי איז אונדזער צוגאַנג אויך בנוגע די אַנדערע אַספּעקטן פֿון אונ־דזער קוריקולום. מיר וואָלטן געקענט רעזומירן: לויט דער דערציאונג, וואָס מיר גיבן אונדזערע קינדער, וואָלטן זיי אין שפּעטערדיקן לעבן זיך געקענט אַרײַנפּאַסן אין דער ייִדישער סבֿיבֿה, וועלכע איז נאָענט צו זייער האַרצן: זיי קענען זײַן גוטע נאַציאָנאַלע ייִדן, און זיי קענען, אויב זיי ווילן, אויך זײַן פֿרומע ייִדן.

אין דער הײַנטיקער קאָמפּליצירטער צײַט איז דאָס אייגנטלעך דער מער־צוגעפּאַסטער צוגאַנג, און ער איז אויך דער היסטאָריש־ריכטי־קער. ייִדישקײַט איז קיינמאָל אין אונדזער געשיכטע ניט געווען קיין מאָנאָליטישער באַגריף, פֿון איין באַגרענעצטן סאָרט. פֿאַרקערט, ייִדן זײַנען אַלעמאָל געווען פֿאַרשיידנאַרטיק. אַפֿילו ערבֿ דער סאַמע נײַעסטער צײַט זײַנען ייִדן געווען צעטיילט אויף: משׂכּילים און פֿרומע, און די פֿרומע ווידער אין: מתנגדים און חסידים, און די חסידים גופֿא אין

פֿאַרשיידענע „שטיבלעך״... פֿונדעסטוועגן האָבן ייִדן כּסדר געזונגען: „וואָס מיר זײַנען, זײַנען מיר, אָבער ייִדן בלײַבן מיר״... דער הויפּט־צוועק איז דערפֿאַר צו דערציִען בײַם ייִדישן קינד דעם פֿאַרלאַנג צו וועלן בלײַבן ייִדן.

די העכער פֿערציק יאָר דערציִונגס־אַרבעט פֿון דער היגער פּרץ־שול באַשטייט פֿון כּסדרדיקע אָנשטרענגונגען מצד אַ געוויסן שיכט פֿון דער היגער ייִדישער נאַציאָנאַליסטישער אינטעליגענץ אײַנצופֿלאַנצן בײַם יונגן דור אַ ליבע צו זײַן רײַכער קולטור־ירושה, וואָס איז דער תּמצית פֿון אונדזער טראַדיציאָנעלער תּורה־ייִדישקײַט. ווער ס׳איז באַקאַנט מיט דער ייִדישערווירקלעכקײַט אויפֿן היגן קאָנטינענט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, קען אָפּשאַצן דעם גרויסן אויפֿטו פֿון אַזעלכע חינוך־אינסטיטוציעס. פֿריער איז דאָך דאָ ממש געווען אַ „מדבר״: פֿולע גלײַכגילטיקײַט צו ייִדיש־גײַסטיקע ווערטן מצד די ברייטע אײַנגעוואָנדערטע ייִדישע מאַסן; אַפֿילו מיט אַ באַציִונג פֿון חוזק און אָפּלאַכערײַ פֿון ייִדישקײַט מצד דער אַפּיקורסיש־ראַדיקאַלער באַוועגונג. אָבער אַדאַנק דער עקשנות פֿון די פּיאָנערישע קולטור־טוער האָט דער ייִדישער עולם מיט דער צײַט געביטן צום גוטן זײַן באַציִונג צו ייִדישקײַט, און במילא זײַן באַציִונג צום פּראָבלעם פֿון ייִדישן חינוך אין דער „נײַער היים״. אַזוי איז דער געדאַנק פֿון ייִדישער דערציִונג הײַנט־צו־טאָג זייער פּאָפּולער בײַ היגע ייִדן פֿון די פֿאַרשיידנסטע שאַטירונגען.

און צום סוף: די וויניפּעגער פּרץ־שול האָט עטלעכע פֿערציק יאָר באַדינט דער ייִדישער קהילה אויף זייער אַ וויכטיקן שטח. פֿיל געוועזענע תּלמידים און תּלמידות אירע זײַנען איצטער אַקטיוו אין אַלע צווײַגן פֿון היגן ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. איז ניט מער ווי יושרדיק, אַז די ייִדישע געמיינדע בכּלל זאָל ווי געטרײַע שותּפֿים העלפֿן אין דער אָנשטרענגונג, וואָס ווערט איצט געמאַכט מצד די אָנפֿירנדיקע טוערס פֿון דער פּרץ־שול.

אַלע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין „גאַרדן־סיטי״ ווערן פֿאַרבעטן צוצושטיין צו דער אַרבעט פֿון דער נײַער שול אין זייער געגנט. זיי וועלן זיכער געפֿינען אין דער דאָזיקער הייליקער אַרבעט גײַסטיקע און געזעלשאַפֿטלעכע באַפֿרידיקונג.

פּ. הערשטיין, **פּרינציפּאַל.**

(„דאָס ייִדישע וואָרט״, אָקטאָבער, 1958)

ז) צום „חנוכת־הבית" פֿון דער פּרץ־פֿאָלקשול אין „גאַרדן־סיטי"

(אַ פּאָר ווערטער פֿון פּרינציפּאַל)

די יידישע פֿאָלקשול פֿאַרנעמט אַן אייגנאַרטיק אָרט אין דער וועלט פֿון יידישן חינוך. אירע צילן זײַנען רײן־דערציערישע. זי פֿאַרנעמט זיך ניט צו־צופֿירן די תלמידים אירע דווקא צו איין באַשטימטער פֿאָרעם פֿון יידישקײַט, אָדער צו דערציען זיי ווי צוקונפֿטיקע מיטגלידער פֿון דער־און־דער קאָנגרעגאַציע. דער יידישער פֿאָלקשול איז לחלוטין פֿרעמד אַזאַ באַגרענעצטער צוגאַנג צו אונדזער דערציאונגס־פּראָבלעם. דער אידעאַל פֿון דער יידישער פֿאָלקשול איז אַלעמאָל געווען אײַנצופֿלאַנצן אין די הערצער פֿון אירע תלמידים אַ טיפֿע ליבע צום כּלל־ישׂראל און צו די ווערטן פֿון זײַן גײַסטיקער ירושה פֿון דורות. אין דעם זינען — ווי ש. ניגער ע"ה האָט עס געהאַט זייער קלאָר מסביר געווען בײַ אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון די יידישע פֿאָלקשולן פֿון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד — אַז, „די יידישע פֿאָלקשול איז דער דירעקטער יורש פֿונם טראַדיציאָנעלן „חדר" אונדזערן, וועלכער האָט דערצויגן דורות יידן, געטרײַ און איבערגעגעבן דעם פֿאָלק ישׂראל און זײַן תּורה".

דאָס מיינט: די יידישע פֿאָלקשול איז באַזירט אויף תּורה־לערנען, אָבער „תּורה" אין ברייטערן זין פֿון וואָרט — אַ תּורה, וואָס איז ניט נאָר אַן אָפּקלאַנג פֿון פֿאַרצײַטן, נאָר אַ תּורת־חיים, וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן גײַסט פֿון דער הײַנטיקער צײַט; אַ תּורה, וואָס שפּיגלט־אָפּ די באַמי־אונגען פֿון די בעסטע פֿאָלקס־עלעמענטן אויף ממשיך צו זײַן די יסודות פֿון יידישקײַט, און אין דער זעלביקער צײַט אַרײַנצובלאָזן אַ רוח־חיים אינעם יידישן פֿאָלקס־אָרגאַניזם; אַ תּורה, וואָס נעמט אויך אַרײַן, אין אַ ברייטער מאָס, די שעפֿערישקײַט פֿון די איצטיקע יידישע קולטור־כּוחות.

און ווײַל דער פֿאַרנעם און דער צוגאַנג פֿונם בויער פֿון דער יידישער פֿאָלקשול איז אַזוי ברייט, אַזוי טיף, און אַזוי תּוכיק, מוז ער, פֿריער אָדער שפּעטער, געווינען אויף זײַן זײַט דעם ערלעכן פֿאָלקס־מענטשן, דעם ליבהאָבער פֿון יידישער שעפֿערישקײַט און דעם אינטעליגענטן מאמין אין כּוח פֿון יידיש און פֿון דער נײַער יידישער ליטעראַטור. דערבײַ איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז פֿון איר סאַמע אָנהייב אָן, מיט קרוב צו 50 יאָר צוריק, האָט די יידישע פֿאָלקשול אײַנגעשלאָסן

אין איר לערן־פּראָגראַם: אונדזערעביידע נאַציאָנאַלע לשונות, ייִדיש און העברעיש; ליבע צו ארץ־ישראל און אַ ווילן וויַיטער צו בויען ייִדיש לעבן אומעטום, וואו עס געפינען זיך ייִדן; ברייטע ידיעות וועגן אונדזער פאַרגאַנגענהייט און אַ גענויע באַקאַנטשאַפט מיטן איצטיקן ייִדישן לעבן; רעספּעקט צו אונדזער אַלטער קולטור און לאַנג־יאָריקע טראַדיציעס, און גלייַכצייַטיק חשיבות צו די נייַע ייִדישע קולטור־ווערטן.

דער גרעסטער פאַרדינסט פון דער ייִדישער פאָלקשול איז אָבער, וואָס זי איז ניט געבליבן קיין פאַרגליווערטע אינסטיטוציע: זי האָט תמיד געהאַט אַ וואַכיק אויג און אַן אויפמערקזאַם אויער צו אַלע ענדערונגען אין ייִדישן לעבן, וואָס די צייַט האָט מיט זיך געבראַכט, און האָט לויט זיי צוגעפּאַסט איר פּראָגראַם, אַז זי זאָל אַלעמאָל זייַן אַ לעבעדיקע לערן־פּראָגראַם. זי האָט זיך אויך באַמיט מיט אירע לערן־מעטאָדן צו זייַן אַ פּראָגרעסיווע שול, צוגעפּאַסט צו דער פּסיכאָלאָגיע פון קינד, זייַן מענטאַליטעט און זייַנע פעיקייטן.

אַלע זעען איצט איין די גרויסע וויכטיקייט פון ייִדישער דערציִאונג. מ'קען זאָגן, אַז דערציִאונג הייבט־אָן צו פאַרנעמען אַ צענטראַל פּלאַץ אין די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן פונם אָרגאַניזירטן ייִדישן לעבן. ערשט אַנומלטן, למשל, האָט ד״ר נחום גאָלדמאַן, פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, אין אַ רעדע ביים צוזאַמענפאָר פון דער ייִדישער דערציִאונג־געזעלשאַפט, אָפּגעהאַלטן אין אַטלאַנטיק־סיטי, אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז ס'איז שוין צייַט, אַז די ייִדן אין אַמעריקע זאָלן מאַכן אַ גרינטלעכע איבערשאַצונג פון די ווערטן אין זייער קהלשן לעבן אַזוי, אַז די צענטראַלע ראָל, וואָס עס האָט ביז איצט געשפּילט די הילף־טעטיקייט, זאָל פון איצט אָן איבערגענומען ווערן פון ייִדישן דערציִאונג־סיסטעם.

זייער געפעלן איז מיר אַ טרעפלעכע באַמערקונג לעצטנס ביי בן־גוריונען וועגן דעם ענין דערציִאונג: „לויט מייַן מיינונג, שרייַבט בן־גוריון, דאַרף מען אָפּשאַצן דעם ווערט פון דערציִאונג לויט איין זאַך: צי גרייט זי צו דעם יונגן דור צו דער שליחות פון אונדזער תקופה? פאַרשטייט זיך, אַז דער לערער דאַרף געבן ידיעות דעם שילער. אָבער ידיעות, וויסן, איז נאָר איין זאַך; דער עיקר איז דאָס פאָרמירן די פּערזענלעכקייַט, דעם כאַראַקטער פון תלמיד און דאָס צוגרייטן די יוגנט צו איר לעבנס־שליחות".

פון דער צווייטער זייַט זייַנען לייַדער אויך באַקאַנט פאַלן, ווען

רעדנער און שרײַבער, קוים באַרירן זיי דעם ענין „ייִדישע דערציאונג", אַזוי פֿאַלן זיי גלײַך אַרײַן אין נוסח פֿון הספּד־מאַכער. אַזאַ צוגאַנג, וואָלט איך געזאָגט, איז אי קורצזיכטיק, אי שעדלעך. מ'טאָר בפּירוש ניט באַהאַנדלען אַזוי איבערפֿלעכלעך אַזאַ טיפֿן, ערנסטן ענין ווי „ייִדישע דערציִאונג". מאַכן סתם פֿאַרגלײַכן צו ווילנע און לובלין, איידער מ'האָט מעטאָדיש און וויסנשאַפֿטלעך אויסגעפֿאָרשט די ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿון דעם היגן שול־וועזן; אָדער אַרויסקומען כסדר מיט „טענות" צו דער וועלט, איז ניט דער דרך פֿונם פּאָזיטיוויסט, וואָס וויל אויפֿטאָן ממשותדיקס אויפֿן דאָזיקן געביט. דעם מחבר פֿון די שורות זײַנען גענוג באַקאַנט די אינערלעכע שוועריקײַטן פֿון ייִדישער דערציאונג אויפֿן היגן קאָנטינענט, די היפּשע חסרונות אין דער אַרבעט גופֿא, אַפֿילו די מאָגערע רעזולטאַטן אין טערמינען פֿון פּראַקטישע דערגרייכונגען אין לערנען. אָבער אים זײַנען אויך באַקאַנט: די גײַסטיקע אויסגעליידיקטקײַט פֿון דער דורכשניטלעכער ייִדישער היים, די שעדלעכע השפּעות פֿון דער אַרומיקער דורך־און־דורך מאַטעריאַליסטישער סבֿיבֿה, וכדומה אַזעלכע גרויסע פֿונדאַמענטאַלע מכשולים פֿאַר אַזעלכע דערציערישע אויפֿגאַבעס ווי אונדזערע אין דער הײַנטיקער צײַט. פֿונדעסטוועגן האַלט ער, אויפֿן גרונט פֿון פֿיל־יאָריקער דערציערישער דערפֿאַרונג אויפֿן היגן קאָנטינענט, אַז מיר, ייִדן אין חוץ־לארץ, זײַנען בײַם איצטיקן מאָמענט אין אַזאַ לאַגע, אַז נאָך יעדער פּאָזיטיווער דערגרייכונג אויפֿן געביט פֿון ייִדישער דערציאונג, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט אומגעהויערע שוועריקײַטן, דאַרפֿן מיר זאָגן בפּה מלא: „גם זו לטובֿה!".

דער עצם פֿאַקט, וואָס מ'איז זיך מתעסק מיט ייִדישער דערציאונג; וואָס געוויסע ייִדישע מנהיגים מאַכן דערפֿאַר גרויסע אָנשטרענגונגען; וואָס עלטערן נעמען־אויף דעם רוף און שיקן אונדז זייערע קינדער; און ייִדישע לערער באַמיען זיך איבערצוגעבן זייערע תלמידים וואָס מער פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן פֿאַרמעגן — דאָס אַליין איז „ייִדישקײַט" און שאַפֿט יסודות פֿאַר ייִדישן המשך. אַוודאי דאַרפֿן מיר זיך היטן ניט אַרײַנצופֿאַלן, פֿון דער צווייטער זײַט, אין התפּעלות פֿון זעלבסט־צופֿרידנקײַט; אַוודאי דאַרפֿן מיר ניט מיד ווערן אויסצוברייטערן אונדזערע פּאָזיציעס. אָבער ווי ייִדישע דערציער דאַרפֿן מיר אויפֿנעמען מיט פֿרייד און באַגריסן דעם פֿאַקט, וואָס עס געפֿינען זיך נאָך איבערגעגעבענע שול־טוער, וואָס גיבן אַוועק צײַט, געלט און אַרבעט בכדי צו בויען נײַע שול־בנינים. פֿון דעם דאַרפֿן ייִדישע מחנכים אינספּירירט

ווערן אין זייער אַרבעט און קריגן מער בטחון אין זייערע טאָג־טעגלעכע באַמיאונגען פאַרן יידישן קיום, פאַרן אָרגאַניזירטן יידישן לעבן, פאַר דער יידישער צוקונפט!

ה. פ.

UNITED I. L. PERETZ FOLK-SCHOOLS

שלום־יאָר פייערונגען

— אין דער —

י. ל. פרץ־פאָלק שול

צו אלע עלטערן, שול־טוערס און פריינט!

מיר האָבן דעם כבוד אייך צו פארבעטן צו די פייערונגען פון דער גראדויר־וואָך ביי אונדז אין שול.

מיר בעטן אייך קומען און זיך באטייליקן אין דעם יום־טוב.

מיט שול־גרוס,

פאר דער פארוואלטונג און דעם לערער־ראט:

זלמן זעלטשען, שול־פּאַרזיצער.

יוסף מיימאן, פּאַרז. פון דערציונג קאָמיטעט.

משה קאָהען, סעקרעטאר.

פ. הערשטיין, פרינציפּאַל.

יוני, 1958.

ח) די גראַדואיר־וואָך אין פרץ־פֿאָלקשול און די ניַי־דערוויילטע שול־אַדמיניסטראַציע

(באַריכט)

די גראַדואיר־וואָך, מיט וועלכער עס שליסט זיך געוויינטלעך דאָס לערניאָר אין דער פרץ־פֿאָלקשול, איז פֿאַר זיך אַליין אַ וויכטיקער דערציערישער אַקט: די גאַנצע פּעריפֿעריע אַרום דער שול — די תּלמידים, די עלטערן, די טוער און די גרויסע צאָל פֿריַינט פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול, ווערן שותּפֿים אין דער שׂמחה פֿון סיום־הזמן און לעבן־דורך די פֿרייד פֿון די גראַדואַנטן און זייערע עלטערן. אין משך פֿון יאָרן האָט זיך שוין דאָ אַזוי־ווי איַינגעשטעלט אַ באַשטימטער נוסח פֿון דער גראַדואיר־וואָך מיט אַ צאָל פֿיַערונגען. און מיט יעדן יאָר ווערן די דאָזיקע פֿיַערונגען אימפּאָזאַנטער און אינהאַלטסריַיכער. קיין וואונדער ניט, וואָס זיי ציִען־צו אַזאַ גרויסן עולם, אַז דער ניַיער, באַקוועמער שול־אוידיטאָריום האָט ניט געגוג פּלאַץ פֿאַר אַלעמען.

1) עסייען־אָוונט — די גראַדואיר־וואָך עפֿנט זיך אַלעמאָל מיטן עסייען־אָוונט. אין משך פֿון חודש מאַי ווערט אין שול, פֿון קלאַס 5 אָן און העכער, דורכגעפֿירט אַן עסייען־קאָנטעסט. קינדער שריַיבן עסייען אויף פֿאַרשיידענע טעמעס: וועגן ליטעראַטור, געשיכטע, געזעלשאַפֿט־לעכע ענינים און פֿריַיע שאַפֿונגען אין דער פֿאָרם פֿון — דערציי־לונגען, עפּיזאָדן און אָפּהאַנדלונגען. דערנאָך ווערן די עסייען גע־לייענט פֿון ספּעציעלע לייען־קאָמיסיעס, וואָס דער דערציאונגס־קאָ־מיטעט פֿון שול שטעלט צוזאַמען, און זיי באַשטימען פּריזן פֿאַר יעדן קלאַס, סיַי אין ייִדיש און סיַי אין ענגליש. בײַם עסייען־אָוונט ווערן אויסגעטיילט די געוואונענע פּרעמיעס. ביז דעמאָלט ווייסט קיינער ניט, ווער די געווינערס זיַינען, וויַיל די קינדער שריַיבן־אונטער די עסייען מיט אַלערליי פּסעוודאָנימען. דער עסייען־פֿאָנד ווערט אויסגעהאַלטן פֿון ביַישטיַיערער צו פֿאַרשיידענע געלעגנהיַיטן: צי אין שייכות מיט אַ שׂמחה אין דער משפּחה, אָדער פֿאַרקערט ביַי אַ טויטן־פֿאַל אין אָנדענק פֿון פֿאַרשטאָרבענעם.

הײַ־יאָר איז דער עסייען־אָוונט דורכגעפֿירט געוואָרן פֿריַיטיק, דעם

23סטן יוני. פֿאָרזיצער איז געווען וו. ליטווין. דער געזאַנג־לערער פֿון שול, ב. בראַנשטיין, האָט מיט אַ כאָר פֿון אַ 100 תּלמידים פֿון שול דורכ־געפֿירט זייער אַ שיין־מוזיקאַלישע פּראָגראַם פֿון אַ צאָל שבת־ און פֿריילינג־לידער. דזש. סילווערבערג, געשיכטע־לערער אין דער פּרץ־מיטלשול, און מיטגליד פֿון דער לייען־קאָמיסיע, האָט גערעדט וועגן דער „באַדייטונג" פֿונם עסייען־קאָנטעסט און שטאַרק געלויבט די אינטעליגענץ פֿון די עסייען־שרײַבער. אסתּר פּעלץ און יאַנקל גאָלד־מאַן, ביידע פֿונם גראַדואיר־קלאַס, האָבן פֿאָרגעלייענט זייערע עסייען: די ערשטע אין ענגליש — ''As time goes by'', און דער צווייטער אין ייִדיש — „דרײַצן יאָר מדינת־ישׂראל". ביידע עסייען האָבן זייער אויסגענומען בײַם עולם. דער פֿאָרזיצער פֿונם אָוונט, וו. ליטווין, האָט אויסגערופֿן די נעמען פֿון די לייען־קאָמיסיעס און זיי באַדאַנקט פֿאַר זייער געטרײַער אַרבעט. ער באַדאַנקט אויך די בײַשטײַערער צום „ספּע־ציעלן פֿאָנד", וועלכע מאַכן מעגלעך צו באַלוינען די געווינערס מיט פּאַסיקע מתּנות. ער בעט דאַן דעם עולם אויפֿצושטעלן זיך און אָפּגעבן כּבֿוד די פֿאַרשטאָרבענע, אין ווענעמענס אָנדענק אַ צאָל פֿון די בײַשטײַע־רונגען זײַנען געמאַכט געוואָרן. דערנאָך גיט ער איבער דעם פּרינ־ציפּאַל, פּ. הערשטיין, אַז ער זאָל אַרויפֿרופֿן די געווינערס פֿונעם קאָנטעסט.

עס ווערן אַרויפֿגערופֿן אין אַ סדר 48 תּלמידים און תּלמידות, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע עסייען, און די בײַשטײַ־ערערס דערלאַנגען זיי פּרעמיעס אין דער פֿאָרעם פֿון זייער ווערט־פֿולע ביכער. דער זאַל ווערט אָנגעפֿילט מיט באַגײַסטערטע אויסרופֿן און אַפּלאָדיסמענטן מצד די קינדער פֿון פֿאַרשיידענע קלאַסן, די פֿרײַנט פֿון די געווינערס. עס ווערט אויך אַרויפֿגערופֿן חבֿרה זאַראָוו, וועלכע אַנאָנסירט, אַז אירע טעכטער, גאָלדע און בתיה, האָבן אין אָנדענק פֿון זייער פֿאָטער ל. זאַראָוו ע"ה געגעבן דער שול אַ נײַע פּיאַנאָ און אַ „טעיפּ־רעקאָרדער", זייער אַ שיינע מתּנה, וואָס וועט דער שול ברענ־גען פֿיל דערציערישן נוצן. דער עולם באַערט דעם אָנדענק פֿון ל. זאַראָוו ע"ה, דעם לאַנג־יאָריקן איבערגעגעבענעם שולטוער, מיט אויפֿ־שטעלן זיך.

צום סוף ווערט אַרויפֿגערופֿן חבֿרה וואַליצער, וויצע־פֿאָרזיצערין פֿון „קרן התּרבות", וועלכע פּרעזענטירט אַ גראַדוענער תּלמידה פֿון קלאַס 6, מאַשע פּערמוט, אַ סקאָלערשיפּ פֿון דרײַ וואָכן פֿרײַע וואַ־

קאַציע אין קעמפּ „מסד", וואָס ווערט אויפגענומען פֿונם גאַנצן עולם מיט גרויס באַגײַסטערונג. דער זייער אײַנדרוקספֿולער דערציאונגס־אָונט שליסט זיך מיט דער „התקוה".

2) גראַדואירונג פֿון קינדערגאַרטן — זונטיק, יוני דעם 25סטן, 11 פּ״מ, איז דורכגעפֿירט געוואָרן די גראַדואירונג פֿון 2 גרופּעס קינדער־גאַרטן, וועלכע וועלן קומענדיקן סעפּטעמבער אָנהייבן קלאַס איינס אין דער פּרץ „טאָגשול".

דער זאַל איז ווידער געפּאַקט און די קינדערלעך, אונטער די קלאַנגען פֿון מוזיק, מאַרשירן אַרײַן אין זאַל מיט ווײַס־בלויע פֿענדלעך אין די הענט, גלײַך אַרויף אויף דער בינע, צום ערשטן די גרופּע פֿון גאַרדן־סיטי און דערנאָך די גרופּע פֿון עיקינס. די קינדערלעך פֿירן דורך אַ שיינע פּראָגראַם טאַקע מלא חן, פֿון עטלעכע לידלעך, פּאָעמע־לעך און טענץ. די לערערינס מרס. גרין און מרס. ברעלאָוו, טיילן אויס צו די 56 קינדערלעך זייערע ערשטע „דיפּלאָמען" אין לעבן. מרס. וו. וויקטאָר, וויצע־פּאָרזיצערין פֿון עלטערן־פּאַריין, רעדט זייער שיין צו די עלטערן וועגן דער גוטער אַרבעט פֿון קינדערגאַרטן פֿאַר דער אַנט־וויקלונג פֿון די דאָזיקע יונגע קינדערלעך, און זי אַפּעלירט צו די עלטערן, אַז זיי זאָלן ניט איבעררײַסן די דערציערישע אַטמאָספֿער פֿון די דאָזיקע קינדערלעך, נאָר זיי ווײַטער שיקן אין דער „טאָגשול", וואו זיי וועלן קריגן זייער אַלגעמיינע און יידישע דערציאונג אין דער נאָר־מאָלער צײַט פֿון טאָג. עס ווערן פֿון די חבֿרות סטאָלער און באַראָן איבערגעגעבן אין נאָמען פֿון אַלע עלטערן צו ביידע לערערינס שיינע מתּנות ווי אַן אויסדרוק פֿון אָפּשאַצונג און דאַנקבאַרקײַט.

3) די נײַע שול־עקזעקוטיוו — ווי אַ טייל פֿון דער „גראַדואיר־וואָך" פּראָגראַם איז דינסטיק, דעם 27סטן יוני, דורכגעפֿירט געוואָרן די שלוס־זיצונג פֿון דער שול־עקזעקוטיוו, בײַ וועלכער עס זײַנען גע־הערט געוואָרן קורצע באַריכטן פֿונם פֿאַרענדיקטן שול־יאָר און די פּלע־נער מיט די הכנות פֿאַרן קומענדיקן לערניאָר. עס זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן וואַלן פֿאַר דער שול־פֿאַרוואַלטונג, און די פֿאָלגנדיקע הויפּט־באַאַמטע זײַנען דערוויילט געוואָרן: יעקבֿ שעפּס, עקס־פֿאָרזיצער; וו. ליכטווין, פֿאָרזיצער; סעם קאָהען און י. גיסנהאָלץ, וויצע־פֿאָרזיצערס;

אָשר אַנטעל, פֿאָרז. פֿון דערציאונגס־קאָמיטעט; פֿרידע פֿײַנמאַן, וויצע־פֿאָרז. פֿון דערציאונגס־קאָמיטעט; א. שענעס, קאַסירער; יצחק וויקטאָר, פֿינאַנץ־סעקר.; יעקבֿ פלאָטקין און ל. לייזער, קאָמיטעט פֿאַר ספּעציעלע פֿאָנדן; י. א. טשערניאַק, פֿאָרז. פֿון בוי־קאָמיטעט; ל. טענענהויז, הויז־פֿאַרוואַלטער; נחמן זעלטשען, פֿאָרז. פֿון „פּאַבליק רעליישאַנס" קאָמיטעט.

יעקבֿ שעפּס, אַליין אַ געוועזענער תּלמיד פֿון שול, דער אַרויסגייענדיקער שול־פֿאָרזיצער, האָט אָפּגעדאַנקט דער גאַנצער עקזעקוטיווו פֿאַר דער וואונדערבאַרער קאָאָפּעראַציע, וואָס ער האָט געקראָגן די פֿאַרגאַנגענע 2 יאָר, און ער האָט פֿאַרשפּראָכן ווײַטער צו שטיין מיט דער שול און איר העלפֿן אין אַלע אַקטיוויטעטן. וו. ליטווין, דער נײַ־דערווילטער פֿאָרזיצער, האָט אָנגעשלאָגן אַ טאָן פֿון אָפּטימיזם און ענטוזיאַזם אויף אַרײַנצוברענגען פֿאַרבעסערונגען אויף אַלע געביטן פֿון דער שול־אַרבעט.

בײַ דער זיצונג איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן חבֿר הערשטיינען אַלס דעלעגאַט צו דער דערציאונגס־קאָנפֿערענץ פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס וועט פֿאַרקומען פֿונם 13טן ביזן 16טן יולי, אין „אונדזער קעמפּ", היילענד מילס, ניו־יאָרק.

4) די גראַדואירונג — דאָנערשטיק אָוונט, יוני 29, איז אינם שיין־דעקאָרירטן פּרץ־זאַל דורכגעפֿירט געוואָרן דער יערלעכער סיום פֿון 7טן קלאַס עלעמענטאַר־שול און דריטן קלאַס מיטלשול, צוזאַמען 47 תּלמידים און תּלמידות — די גרעסטע צאָל, וואָס האָט ווען־עס־איז גראַדואירט. געעפֿנט האָט זיך דער אָוונט מיט אַ שיין־מוזיקאַלישן פּראָגראַם פֿון שול־כאָר, אונטער דער לײַטונג פֿון געזאַנג־לערער בנימין בראָנשטיין. שׂרה ליפּקאָוויטש איז געווען סאָליסטין און מרס. ברעלאָוו האָט אַקאָמפּאַנירט. דערנאָך האָבן אַרײַנמאַרשירט די גראַדואַנטן, וועלכע זײַנען פֿונם יום־טובֿדיקן עולם אויפֿגענומען געוואָרן מיט די וואַרעמסטע אַפּלאָדיסמענטן. דער פֿאָרזיצער פֿון אָוונט, אָשר אַנטעל, אַליין אַ געוועזענער תּלמיד פֿון שול, מאַכט עטלעכע זייער געלונגענע באַמערקונגען וועגן דעם באַזונדערן גײַסט פֿון דער פּרץ־פֿאָלקשול און איר אַנדערשקײַט פֿון די אַנדערע ייִדישע חינוך־אינסטיטוציעס. ער דערוואַרט אויך פֿון די הײַנטיקע גראַדואַנטן, אַז ניט אַלעמאָל וועלן זיי דאַרפֿן גיין מיטן „שטראָם". אָמאָל איז דווקא וויכטיק צו קאָנען גיין קעגן

דעם שטראָם. ער רופֿט דאַן אַרויס צוויי תּלמידות פֿון מיטלשול ג׳, עלינקע טענענהויז און ציפּע באַראַן, וועלכע לייענען אויסצוגן פֿון ישעיהו, אין העברעישן מקור און אין יהואָשס ייִדישער איבערזעצונג. דערנאָך רופֿט ער אַרויס זײַן אייגענעם זון, יאַנקל, וועלכער לייענט זייער אַ גײַסטרײַכן עסעי וועגן לייוויקס ווערק „דער גולם״. דאַן לייענען־פֿאַר עלינקע טענענהויז און לייזער טשערניאַק, אין נאָמען פֿון גראַדואיר־קלאַס מיטלשול, אַ בריוול צו לייוויקן, ווי אַן אָפּשאַצונג איבער דעם גײַסטיקן גענוס, וואָס זיי האָבן געהאַט פֿון זײַן גרויס ווערק „דער גולם״. עס באַגריסן אין פֿאַרלויף פֿון אָוונט אַ מוטער — מלכּה גוטקין, און אַ פֿאָטער — שאול טשערניאַק, ביידע אַליין גראַדואירטע פֿון אַלע דעפּאַרטמענטן פֿון פּרץ־שול: פֿון קינדערגאָרטן ביז די „העכערע קורסן״. ביידע באַגריסער האָבן אין זייער אַ שיינעם ליטעראַרישן ייִדיש גערעדט וועגן דעם טיפֿן גײַסטיקן אינהאַלט פֿון דער פּרץ־שול, וועגן די סאָציאַלע אידייען, מיט וועלכע די שול פֿלעגט אַלעמאָל באַרײַכערן די מוחות און די הערצער פֿון די תּלמידים.

אין זײַן באַגריסונגס־רעדע האָט דער פּרינציפּאַל, פּ. הערשטיין, זיך אָפּגעשטעלט אויף די הויפּט־לימודים פֿון שול, אויף דעם גײַסט פֿון ייִדישער אויפֿלעבונג (וואָס איז אַן „עיקר״ אין דער פּרץ־פֿאָלקשול), און אויף די אַלגעמיינע דערציִערישע דערגרייכונגען פֿון די גראַדואַנטן. עס ווערט דאַן דורכגעפֿירט אַן אײַנדרוקספֿולע צערעמאָניע פֿון אויסטיילן די דיפּלאָמען צו 37 תּלמידים און תּלמידות פֿון דער עלעמענטאַר־שול און צו 10 פֿון דער מיטלשול.

עס ווערן געהאַלטן זייער שיינע „וואַלעדיקטאָריעס״ פֿון רבֿקה שיקמאַן, ראָזע סאַנדלער און פֿריידל גאָרנשטיין, פֿון קלאַס 7. לייבל פּאַניטש, פֿון מיטלשול ג׳, האָט מיט זײַן וואַלעדיקטאָריע ממש דערפֿרייט דעם גרויסן עולם, באַזונדערס די טוער פֿון שול. ס׳איז געווען אַן אמתער נחת־רוח צו הערן פֿון אַ יוגנטלעכן אַזאַ רײַכע אָפּשאַצונג און מיט אַזויפֿיל דאַנקבאַרקײַט צו די לערער וועגן זײַנע 10 יאָר לערנען אין דער פּרץ־שול.

מלכּה זעלטשען, פֿאָרזיצערין פֿון מוטער־פֿאַריין קאָונסיל, האָט וואַרעם באַגריסט אַלע גראַדואַנטן און זייערע עלטערן, און צו די 10 גראַדואַנטן פֿון מיטלשול האָט זי אויסגעטיילט שיינע מתּנות: קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס אינטערעסאַנט בוך „אויף די וועגן פֿון ציון״.

ס׳ווערן דאַן אויסגעטיילט די פֿאָלגנדיקע „סקאָלערשיפּס״: ראָזע

עלקין, אין אָנדענק פֿון משה עלקין ע״ה, צו מאַטעלע קייץ פֿון מיטל־שול א׳; און א. קושנעראָוו, פֿון „וויניפּעג״ עיד״, צו מיכלע קראַוועצקי, פֿון מיטלשול א׳; מרס. ראָטמאַן, פֿון „לעידיס אָקזילערי וו. עיד״, צו רבֿקה אַסטרינסקי, פֿון מ״ש א׳; י. פלאַטקין (במקום שׂרה זעלטשען), אין אָנ־דענק פֿון ש. מ. זעלטשען ע״ה, צו אָשר באַגלייטער, פֿון מ״ש ב׳; גאָלדע גאָלדשטיין (במקום ראובֿן מאָזער), אין אָנדענק פֿון ל. זאַראָוו ע״ה, צו רחל באָטלער, פֿון מ״ש ב׳.

פֿרידע פֿײַנמאַן מאַכט אַ דערקלערונג, אַז דער „עלטערן־פֿאַריין״ פֿירט־אײַן פֿון הײַנט אָן אויסצייכענונגען צו די בעסטע תּלמידים פֿון שול פֿון אַלע קלאַסן. זי מאַכט אָן אָנהייב מיט די פֿאָלגנדיקע 3 אויס־צייכענונגען: צו רבֿקה שיקמאַן, פֿאַר די ייִדישע לימודים פֿון קלאַס 7; צו דיאַנאַ גוטקין, פֿאַר די ענגלישע לימודים אין קלאַס 7; און צו יאַנקל אַנטעל, פֿאַרן בעסטן תּלמיד פֿון מיטלשול.

זייער אַן אײַנדרוקספֿולער מאָמענט בײַ דעם אָוונט איז געווען, בשעת פּ. הערשטיין, אַרויסרופֿנדיק דעם קלאַס 7 ב׳ אויף צו קריגן די דיפּלאָמען, האָט דערקלערט, אַז דער לערער פֿון דעם קלאַס איז ביז פּורים געווען ח׳ זאַלף ע״ה. דערפֿאַר איז עס אונדזער מענטשלעכער חובֿ צו באַערן דעם דאָזיקן לאַנג־יאָריקן לערער און פּרינציפּאַל. דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפֿגעשטעלט, און פּ. הערשטיין האָט געגעבן אַ קורצע אָפּשאַצונג פֿון ח׳ זאַלף דעם לערער מיט גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער ייִדיש־וועלטלעכער דערציִאונג.

געשלאָסן דעם אָוונט האָט דער נײַער שול־פֿאַרזיצער וו. ליטווין, מיט אַ פּאָר טרעפֿלעכע ווערטער וועגן דער באַדײַטונג פֿון אַזעלכע שול־פֿײַערונגען ווי די הײַנטיקע גראַדואירונג. דער גרויסער עולם וועט דעם דאָזיקן אָוונט זיכער לאַנג־לאַנג געדענקען, ספּעציעל די גראַדו־אַנטן און זייערע עלטערן.

(„דאָס ייִדישע וואָרט״, יולי 14, 1961)

ט) צום הייליקן אָנדענק פֿון דרײַ זייער איבערגעגעבענע יידישע לערער אין וויניפּעג

1) לייזער גרינבערג; 2) פאליק זאַלף; 3) משה בלאַשטיין.

1. מיט דער פּטירה פֿון לייזער גרינבערג האָט די פּרץ־שול פֿאַרלאָרן אַ לערער פֿון פֿריערדיקן דור, — אַ דור וועלכער האָט אין זיך פֿאַרייניקט תּורה און חכמה, אַ דור וואָס האָט געזוכט נײַע דרכים אין לעבן און איז גלײַכצײַטיק געווען פֿאַרוואָרצלט אין יידישע טראַדיציעס פֿון תּורה־לערנען און מעשׂים־טובֿים. ער האָט לערערײַ גענומען זייער ערנסט אַלע זײַנע יאָרן און האָט זיך באַמיט אײַנצופֿלאַנצן אין די הערצער פֿון זײַנע תּלמידים די שענסטע מידות פֿון יידישקײַט.

פֿאַר מיר פּערזענלעך איז לייזער גרינבערגס טויט אַ באַזונדערס טיפֿער ווייטיק, ווײַל איך האָב אים געקענט און רעספּעקטירט פֿון קינדווײַז אָן. מיט זײַן טויט האָב איך פֿאַרלאָרן זייער אַ ליבן חבֿר. מיר שטאַמען ביידע פֿון זעלבן פּוילישן שטעטל, קראַסניסטאַוו. בעת איך בין נאָך געווען אַ יונג יינגל, איז שוין לייזער געווען באַרימט אין אונדזער שטעטל ווי אַ „משׂכּיל". ווי די מערסטע משׂכּילים פֿון יענער צײַט האָט ער מיט זיך געהאַט מיטגעבראַכט פֿון „חדר" און „בית־המדרש" אַ גרויסע ליבע צו אַ קאַפּיטל „פּסוק" און אַ בלאַט גמרא מיט תּוספֿות. נאָר דער דראַנג און דאָרשט נאָך „וויסן" האָט אים ווי אַ סך יונגע מענטשן אַרײַנגעפֿירט אין דער השׂכּלה־ליטעראַטור. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט אויפֿגעהערט ליב צו האָבן אונדזערע קולטור־אוצרות פֿון די פֿריערדיקע דורות. ביזן סוף פֿון זײַן לעבן האָט ער צוזאַמען מיט וועלטלעכער קולטור ליב געהאַט יידישע ספֿרים.

נאָך גאַר יונג האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַשעפֿטיקן מיט יידישער לערערײַ און ער איז געבליבן אַ יידישער לערער ממש ביז דער לעצטער מינוט פֿון זײַן שיין ערלעך לעבן. יאָרן־לאַנג איז ער געווען אַ יידישער לערער אין וואַרשע, און זינט ער איז געקומען קיין קאַנאַדע, האָט ער ניט אויפֿגעהערט זיך צו באַשעפֿטיקן מיט דער מלאכת־הקודש פֿון דערציִען דאָ אין דער „נײַער וועלט" אַ נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקן יידישן דור, וואָס זאָל קענען און וועלן ממשיך זײַן אונדזער נאַציאָנאַלן קיום. פֿריער איז ער געווען לערער אין די תּלמוד־תּורות פֿון: רעדזשיינע, וויניפּעג און פֿאָרט־וויליאַם, און אין דער וויניפּעגער פּרץ־

שול. אומעטום האָט ער דעם ייִדישן קינד אַוועקגעגעבן פֿון זיך דאָס בעסטע און שענסטע, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט.

עס איז שווער אין אַזאַ מאָמענט צו זאָגן אַ טרייסט־וואָרט זײַן ליבער פֿרוי און זײַנע דרײַ גערעטענע טעכטער, וועלכע ער האָט ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן; און זײַנע דרײַ איידימס, מיט וועלכע ער איז זייער שטאָלץ געווען.

דער נפֿטר לייזער גרינבערג האָט געלעבט אַ שיין גײַסטיק לעבן. ער איז קיינמאָל קיינעמען ניט געשטאַנען אין וועג. ער האָט קיינעמען קיינמאָל ניט באַלעסטיקט. ער האָט רואיק געלעבט און איז רואיק גע־שטאָרבן. זײַן טויט דערמאָנט מיך אינם טויט פֿון אַ מלמד בײַ אונדז אין שטעטל. אין „יזכור־בוך" נאָך די קראָסניסטאַווער קדושים ווערט דער־ציילט זייער פּאַטעטיש וועגן דעם טויט פֿון אַ דאָרטיקן לאַנג־יאָריקן מלמד, „לייזער מלמד", וועלכער איז געשטאָרבן ממש בנשיקה בײַ זײַן טיש אין „חדר", בשעת די חדר־קינדער האָבן זיך אַביסל געשפּילט אין דרויסן . . . אויך אונדזער לייזער, לייזער גרינבערג, איז אויסגעגאַנגען „בנשיקה".

ער איז דאָך דער שול און די תּלמידים ניט שולדיק געבליבן אַפֿילו קיין איין לעקציע: ער האָט נאָך פּרײַטיק געלערנט מיט די קינדער און זיך מיט זיי געזעגנט אויף שבת (און יום־טובֿ), און אין געציילטע שעהן נאָכדעם האָט ער אויסגעאָטעמט דעם לעצטן אָטעם־צוג. ערלעך און רואיק געלעבט, ערלעך און רואיק געשטאָרבן. תּהא נפֿשו צרורה בצרור החיים!

* * *

2. וועגן דעם צווייטן נפֿטר, דעם באַרימטן פּרץ־שול לערער, פֿאַליק זאַלף ע"ה, וועל איך זיך אָפּשטעלן אַ ביסל שפּעטער. פֿריער פֿאַסט זיך גיכער איבערצוגעבן מײַנס אַ באַגריסונג בײַם „פֿאַרבאַנד"־אָוונט, דעם 4טן יוני, 1956, לכּבֿוד דער דערשײַנונג פֿון זאַלפֿס דריטן בוך „אונדזער קולטור־המשך", עטלעכע יאָר פֿאַר זײַן פּטירה.

חשובֿע חבֿרים און חבֿרות: הײַנט אָוונט איז מײַן עובֿדא צו באַ־גריסן אַ וויכטיקן גאַסט פֿון „ייִדיש"־לאַנד. ווי איר ווייסט, חבֿרים, קען מען הײַנט פֿון ייִדיש־לאַנד קיין געהויבענע באַריכטן, צום באַדויערן, ניט דערוואַרטן. דער דורכשניטלעכער עולם איז אַפֿילו ניט נײַגעריק צו

הערן פֿון דאָרטן אַזעלכע באַריכטן, — ניטאָ דאָרטן קיין „מיליטערישע פּאַראַדן"; ניטאָ קיין באַגײַסטערטע אַנזאָגן פֿון אויפֿשוואונג און פּראָס־פּעריטעט; ניטאָ דאָרטן אַפֿילו קיין רײַכע אילוזיעס. אין „ייִדיש־לאַנד" פֿעלט ענטוזיאַזם. ס'איז דאָרט שטיל, עס הערשט דאָרטן אַפֿילו אין אַ געוויסן זין אַפּהענטיקײַט; און אפֿשר איז דאָס קול פֿון עכטער קולטור־שאַפֿונג אַלעמאַל געווען אַ „קול דממה דקה"?...

מיר זײַנען הײַנט געקומען פֿײַערן די דערשיינונג פֿון פֿ. זאַלפּס דריטן בוך: „אונדזער קולטור־המשך". חבֿר זאַלף האָט צונויפֿגענומען צווישן 2 טאָוולען 10 גדולים פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, אַ מנין גרויסע שעפֿערישע ייִדן, אַ מנין ניט צו דאַוונען „מנחה־מעריבֿ", נאָר צו זאָגן „הלל" דעם גאָט פֿון ייִדיש־גײַסטיקער קרעאַטיוויטעט, און דער מחבר פֿון בוך זאָגט „הלל" צוזאַמען מיט זיי... ניט קיין פּראָסטע ייִדישע שרײַבער זײַנען דאָס: נאָר צען וויכטיקע פֿאָרשטייערס פֿון דער נײַער ייִדיש־קינסטלערישער ליטעראַטור:

1. — י. ל. פּרץ, מיט זײַנע שבת־קודשדיקע, יום־טובֿדיקע ייִדן, — ייִדן מיט שטרײַמלעך, מיט רבנישן יחוס פֿון דור־דורות, מיט בענקעניש נאָך גײַסטיקער שלימות, מיט בטחון און האָפֿענונג אויף אַ יום שכּולו שבת...

2. — חיים נחמן ביאַליק, דער גרעסטער ייִדיש־נאַציאָנאַלער דיכטער פֿון דער נײַער עפּאָכע אין דער ייִדישער געשיכטע, וועלכער האָט אויסגעדריקט אין נבֿיאישן גײַסט, אין נבֿיאישן נוסח, דעם צער און צאָרן פֿון אונדזער פֿאָלק, האָט געשטורעמט און געוועקט צו נאַציאָנאַלער אַקטיוויטעט, צו דער באַנײַאונג פֿון אונדזערע גײַסטיקע און פֿיזישע כּוחות...

3. — אַבֿרהם רייזען, דער „ר' לוי יצחק" פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכער האָט אויף זײַן פֿאָלקסטימלעכן אופֿן געטרייסט און געוואָרעמט די דערשלאָגענע און געפֿאַלענע, און האָט פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט די שטילע, ריינע נשמות פֿון די אָרעמע מענטשן: דעם שנײַדער, דעם שוסטער, דעם קרעמער, דעם לערער, וועלכע ראַנגלען זיך אין דער שטיל מיט זייערע באַשיידענע „פּראָבלעמען" און נעמען־אָן באהבֿה זייער גורל...

4. — פּרץ הירשביין, דער צאַרטער שילדערער פֿון פּשוטע פֿאָלקס־מענטשן מיט זייערע אײַנגעשטעלטע געוואוינהײַטן און אבערגלויבעניש, וואָס זײַנען פֿול מיט חן און פֿאָלקסטימלעכקײַט. ער האָט אַרײַנ־

געבראַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור דעם אַראָמאַט פֿון „גרינע פֿעלדער" און דעם לירישן הומאָר פֿון אידילישן משפּחה־לעבן צווישן דאָרפֿס־ייִדן...

5. — יוסף אָפּאַטאָשו, דער גרויסער קינסטלער, דער שטאַרקער דעמב, וועלכער וואָרצלט טיף אין ייִדישן עבֿר און איז אָנגעלאָדן מיט שרײַבערישן טאַלאַנט, מיט אויגן וואָס זעען ווײַט און מיט אויערן וואָס כאַפּן־אויף די שטילסטע קלאַנגען פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־נשמה...

6. — מאַני לייב, דער ריינער קינסטלער בײַ אונדז, וועלכער האָט זיך אויסגעקליבן דעם וועג פֿון „קונסט לשם קונסט", און וועלכער האָט אַנטוויקלט די ייִדישע באַלאַדע אין עכט־ייִדישן נוסח מיט דער שטענדיקער באַגלייטונג פֿון אליהו הנבֿיא...

7. — י. י. שוואַרץ, דער פּיזיש און גײַסטיק קרעפֿטיקער, דער עכטער נאַטור־דיכטער בײַ אונדז, וועלכער איז דאָך געקניפּט און געבונדן מיטן טראַדיציאָנעל־ייִדישן ליד, פֿון סליחות, פּיוט און „תּפֿילות", און מיט דער פּאָעזיע פֿון דער „גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע". ער האָט אויסערדעם אויך באַרײַכערט די ייִדישע פּאָעזיע מיט דער גרעסטער עפּאָפּעי בײַ אונדז: „קענטאָקי"...

8. — למד שאַפּיראָ, וועלכער האָט מיט די ברוטאַלע פּאָגראָם־בילדער זײַנע אויפֿגעדעקט דאָס סאַמע העסלעכסטע אין דער מענטשלעכער „חיה"... זײַן „ייִדישע מלוכה" איז די שאַרפֿסטע סאַטירע אויף דער ייִדישער שוצלאָזער עדה, און זײַן „ניו־יאָרקיש" איז אַן אָפּלאַכרײַ פֿון אונדזער קולטורלאָזיקײַט פֿון דער „נײַער היים"...

9. — דוד איגנאַטאָוו, דער פֿײַנשמעקער, דער עסטעט, מיט ליטעראַרישע מאַניערן, מיט אַמביציעס און אונטערנעמונגס־גײַסט צו אָרגאַניזירן די ייִדישע ליטעראַטור אויפֿן נײַעם באָדן, זי זאָל אָפּשפּיגלען דאָס ייִדישע אײַנלעבן־זיך אין אַמעריקע. ער האָט געשילדערט אַ גאַנצן דור ייִדישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן אין דער „נײַער היים" פֿאַרלאָרן דעם באַלאַנס פֿון זייערע שטרעבונגען און אידעאַלן, וועמענס גײַסטיקער פּליאָנטער דערמאָנט אין די „העלדן" פֿון הערש־דוד נאָמבערג...

10. — ז. סעגאַלאָוויטש, איינער פֿון די פּאָפּולערסטע ייִדישע שרײַבערס אין פּוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. ער האָט, זעט־אויס, געדאַרפֿט פֿאַרוואָגלט ווערן אַהער כּדי דאָ אויסצואַווייִנען זײַן „קדיש" אויפֿן „דאָרטן" און אויפֿן „נישטאָ" פֿונעם אונטערגעגאַנגענעם פּוילישן

ייִדנטום. יאָ, פֿון צרות און יסורים איז ער אַליין אַוועק אַזוי יונג פֿון דער וועלט . . .

פֿאַליק זאַלף שרײַבט ניט קיין קריטיק איבער די דאָזיקע שרײַבערס. אַ פֿאַקט, ער „קריטיקירט" לגמרי ניט. ער הייבט בלויז אַרויס די ליכטיקע זײַטן פֿון זייערע ליטעראַרישע בײַטראַגן, דאָס פּאָזיטיווע, דאָס שעפֿערישע אין זיי. ער האָט גרויס הנאה דערפֿון און ער וויל שטאַרק, אַז אויך מיר זאָלן דערפֿון הנאה האָבן.

אַגבֿ, נאָכן דאָזיקן רעפֿעראַט איז צו מיר צוגעקומען חבֿר זאַלף און האָט מיך שטאַרק באַדאַנקט. ער האָט מיך גלײַכצײַטיק געבעטן, אַז מיר זאָלן צוזאַמען אַהיימפֿאָרן, מחמת ער האָט מיר זייער וויכטיקס איבערצוגעבן. אויפֿן וועג אַהיים האָט ער פֿאַר מיר געוויינט מיט טרערן און פֿאַר מיר מגלה־סוד געווען, אַז ער איז ערנסט קראַנק. בײַם לעצטן וויזיט האָט אים דער דאָקטער שטאַרק איבערגעשראָקן. נאַטירלעך האָב איך אים ווי ווײַט מעגלעך באַרויִקט און אים צוגעוואונטשן, אַז ער זאָל נאָך לאַנגע יאָרן לערנען מיט קינדער און שרײַבן גוטע ווערק.

לײַדער, לײַדער, האָבן מײַנע גוטע אויפֿריכטיקע וואונטשן ניט געהאָלפֿן: אין ווינציקער פֿון 2 יאָר נאָכדעם איז ער אַוועק קיין ראָטשעסטער אויף אַן ערנסטער אָפּעראַציע, און האָט שוין דאָרטן „פֿאַרענדיקט"... חבֿל על דאבֿדין ולא משתכחין!

* * *

און אָט זײַנען אַ פּאָר פֿון מײַנע ווערטער צו די „שלושים":

„מיט דער פּטירה פֿון פֿאַליק זאַלף ע"ה איז אַוועק אין דער אייביקײַט איינער פֿון די פּיאָנערן־לערער פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול, וועלכער האָט מיט זיך געהאַט מיטגעבראַכט פֿון פּוילן אַ רײַכן באַגאַזש פֿון אונדזער טראַדיציאָנעלער ייִדישער תּורה צוזאַמען מיט אַ ברייטער באַקאַנטשאַפֿט אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז געווען ניט נאָר אַ לערער, נאָר אויך אַ ייִדישער שרײַבער, וואָס האָט אונדז איבערגעלאָזט בירושה דרײַ געדרוקטע ביכער: „אויף פֿרעמדער ערד" (1945), „די לעצטע פֿון אַ דור" (1952), און „אונדזער קולטור־המשך" (1956). ער האָט אויך איבערגעלאָזט זייער פֿײַנע קינדער און אייניקלעך, און זייער אַ גוטן נאָמען ווי אַ מחנך. ווי אַ לערער פֿלעגט ער אַלעמאָל אַרײַנ־

קומען אין קלאַסצימער גוט צוגעגרייט צו זײַנע לעקציעס, און געדולדיק זיי מסביר געווען צו די תלמידים. יהי זכרו ברוך!״

* * *

3. — וועגן דעם דריטן נפֿטר, **דעם אַרבעטער־רינג לערער, מ. בלאַשטיין ע״ה.**

א גרויסער מליץ־יושר פֿאַרן היגן ייִדישן קינד

ווידער האָט דער טויט פֿון אונדז אַוועקגענומען איינעם פֿון די אָנגעזעענסטע און איבערגעגעבנסטע לערער און בויער פֿון די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אויפֿן היגן קאָנטינענט. און כאָטש דער נפֿטר, מ. בלאַשטיין, איז שוין אין משך פֿון יאָרן, צוליב ערנסטער קראַנקייט, ניט געווען אַקטיוו באַשעפֿטיקט בײַ דער שול־אַרבעט, האָט דאָך זײַן טויט אַרויסגערופֿן טיפֿן צער און ווייטיק בײַ פֿיל פֿון זײַנע אַמאָליקע פֿרײַנד און פֿאַרערערס, וועלכע זײַנען געווען באַקאַנט מיט זײַנע גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַרן ייִדישן חינוך סײַ אין וויניפּעג, סײַ אין עדמאָנטאָן, און סײַ אין אַטלאַנטאַ — אומעטום, וואו ער האָט זײַנע בעסטע כּוחות, פֿיזישע און גײַסטיקע, אַוועקגעגעבן פֿאַרן ייִדישן קינד.

דער שרײַבער פֿון די שורות האָט זיך באַקענט מיט מ. בלאַשטיין נאָך אין 1924. באַלד נאָך מײַן אָנקומען קיין וויניפּעג, איבערנעמענדיק די פּירערשאַפֿט פֿון דער דאָרטיקער י. ל. פּרץ־שול, בין איך איין מאָל אין אַ פּרײַטיק פֿאַרנאַכט (ווען די פּרץ־שול קלאַסן זײַנען געווײנטלעך געשלאָסן), אַריבערגעגאַנגען צו דער דאָרטיקער אַרבעטער־רינג שול (וועלכע האָט זיך געפֿונען אינעם בנין אונטערן מאָדנעם נאָמען „טעמפּל״), וואו מ. בלאַשטיין איז געווען איינער פֿון די לערערס און דער פּרינציפּאַל. איך האָב זיך פֿאַר אים פֿאָרגעשטעלט און בײַ אים געבעטן די דערלויבעניש בײַצוּוואוינען זײַנס אַ קלאַס. ער האָט גראָד דעמאָלט געהאַלטן אין מיטן אַ לעקציע אין „קולטור־געשיכטע״ און אין קלאַס האָבן זיך געפֿונען אַ 20 דערוואַקסענע בחורים און מיידלעך. שוין פֿון די ערשטע 15־20 מינוטן האָב איך געקענט אַרויסטראָגן דעם אײַנדרוק, אַז בלאַשטיין איז אַן אויסגעצייכנטער לערער מיט אַ סך וויסן און גרויסן אידעאַליזם. די דיסציפּלין איז געווען מוסטערהאַפֿט, אומפֿאַרגלײַכלעך, און דעם לערערס דערקלערונגען זײַנען געווען זייער פֿאַרשטענדלעך און קענטיק גוט צוגעגרייט. אַלע תלמידים און תלמידות

האָבן אַרויסגעוויזן פֿאַרשטענדעניש און פֿאַראינטערעסירטקײַט אין קעגנשטאַנד און טיפֿן רעספּעקט צו זייער לערער.

די גוטע אַרבעט אין קלאַס־צימער און די וואַרעמע באַציאונג צום קינד, צו די עלטערן און צו די מיטגלידער פֿון שול־קאָמיטעט בכלל, האָבן פֿאַר בלאָשטיינען באַלד געשאַפֿן אַ וואונדערבאַרן נאָמען אין שטאָט סײַ ווי אַ פּעדאַגאָג און סײַ ווי אַן אידעאַליסט. עס האָבן אָנגע־הויבן צירקולירן אין דער ייִדישער וויניפּעג מאָדנע וואונדער־מעשׂיות, ממש לעגענדעס, וועגן דער פּערזאָן בלאָשטיין — ער האָט בײַ יענע אַרבעטער־רינג ייִדן און בײַ אַ טייל ייִדישע קולטוריסטן פֿון אַנדערע שאַטירונגען אָנגעהויבן צו פֿיגורירן ווי אַ „לאַמעד־וואָווניק" אין אַ ראַדיקאַלן לבֿוש. ער האָט, למשל, ליב געהאַט אומגעריכט אָפּצושטאַטן וויזיטן בײַ געוויסע עלטערן פֿון זײַנע תּלמידים, כּדי אויף אַזאַ אופֿן צו קריגן ערשט־האַנטיקע אינפֿאָרמאַציע וועגן דער היים פֿון די קינדער און גלײַכצײַטיק טאָקע משפּיע צו זײַן אויף די עלטערן צו פֿירן זיך אין דער היים אין הסכּם מיט די אידעאַלן פֿון דער ייִדישער שול. מחמת די שול און די היים טוען אַ בשותּפֿותדיקע אַרבעט אין דער דערציאונג פֿון קינד, טאָרן צווישן זיי ניט זײַן קיין קאָנפֿליקטן, נאָר עס דאַרף צווישן זיי הערשן וואָס מער האַרמאָניע. צו די קינדער אין שול פֿלעגט ער בײַ אָפֿטע געלעגנהײַטן אַרויסווײַזן צערטלעכע, פֿאָטערלעכע ליבע. די קינ־דער האָבן דערפֿאַר ליב געהאַט זײַן געזעלשאַפֿט. זיי פֿלעגן אים ממש פֿאַרגעטערן.

צוועלף יאָר צײַט האָט מ. בלאָשטיין כּמעט געטאָגט און גע־נעכטיקן אין שול. צוזאַמען מיט די אַנדערע לערערס, ספּעציעל אַדאַנק דעם לערער יצחק וואַלדמאַן, ע"ה, אַ ייִד מיט אַ הויכער אַקאַדעמישער בילדונג פֿון ווינער אוניווערסיטעט און מיט אַן עכט־ייִדישער וואַרעמ־קײַט פֿון אַ באַלעבאַטיש־פֿרומער היים, האָט זיך בלאָשטיינען אײַנגע־געבן אויפֿצובויען אין וויניפּעג די שענסטע און גרעסטע אַרבעטער־רינג שול אין אַמעריקע און קאַנאַדע. בלאָשטיינען האָט אויך אָפּגעגליקט, וואָס זײַן שול־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פֿון האַרעפּאַשנע פֿאָלקס־ייִדן, וועלכע האָבן אויס דאַנקבאַרקײַט און אָפּשאַצונג פֿאַר זײַן גוטער דערציערישער אַרבעט אין און אַרום דער שול געשאַפֿן פֿאַר אים די פֿרײַנדלעכסטע און וואַרעמסטע סבֿיבֿה.

ווער ווייסט, צי וואָלט בלאָשטיין ווען־עס־איז גאָר געדאַרפֿט פֿאַר־לאָזן וויניפּעג. נאָר דאָ האָט זיך אונטערגערוקט דער פֿאַרביטערטער

קאַמף צווישן „לינקע" און „רעכטע" אין די אַרבעטער־רינג רייען, וואָס האָט זיך צעפֿלאַקערט אין אַן אמתער ברידער־מלחמה און די „לינקע" האָבן סוף־כּל־סוף פֿאַרכאַפּט די שול. אמת, אין אָנהייב איז בלאָשטיין גופֿא, דער נאַאיווער סאָציאַליסט פֿון יענע יאָרן, געווען היפּש אינסטרו־מענטאַל אָנצוצינדן בײַ יענע ייִדן פֿון זײַן שול־קאָמיטעט אַ ליבע צום קאָמוניסטישן רוסלאַנד און אַ גלויבן, אַז די אמתע ישועה פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק וועט קומען פֿון מאָסקווע. אָבער ווען דער קאַמף האָט אָנגע־נומען אַן ערנסטן כאַראַקטער און די „לינקע" האָבן געקראָגן באַפֿעלן פֿון די „העכערע אינסטאַנצן" צו צעברעכן אײַנגעפֿונדעוועטע קולטור־אינסטיטוציעס פֿון די „קליינבירגערלעכע עלעמענטן", איז בלאָשטיין שוין געווען אוממעכטיק זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם „גולם", וואָס ער אַליין האָט געהאָלפֿן שאַפֿן אַרום דער שול... און אין 1932 האָט ער גע־מוזט פֿאַרלאָזן זײַן באַליבטע שטאָט וויניפּעג.

אָבער דערמיט האָט זיך ניט פֿאַרענדיקט בלאָשטיינס גלענצנדיקע קאַריערע ווי אַ ייִדישער לערער. ער האָט זײַן הייליקע אַרבעט פֿון לערערײַ נאָך דעם ממשיך געווען מיט גרויס דערפֿאָלג אין עדמאָנטאָן (זיבן יאָר) און אַטלאַנטאַ,דזשאָרדזשיא (פֿערצן יאָר), וואו ער האָט זיך אין משך פֿון אַ קורצער צײַט דערוואָרבן איבערגעגעבענע פֿרײַנד, טאַקע חסידים, אויפֿן גאַנצן לעבן. אין 1953 האָט ער צוליב אַ האַרץ־אַטאַקע זיך געמוזט צוריקציִען אין גאַנצן פֿון לערערײַ. פֿונדעסטוועגן איז ער ביזן לעצטן טאָג פֿון זײַן לעבן געווען געקניפּט און געבונדן מיט ייִדישער דערציִאונג. אמת, ער האָט לעצטנס אין אַ סך פּרטים געביטן זײַן קוק אויפֿן ייִדישן חינוך, מחמת ער איז פֿיל דערנעענטערט געוואָרן צו די וואָרצלען פֿון רעליגיעזער ייִדישקײַט. אָבער ס'איז גענוג געווען צו פֿאַרברענגען מיט אים געציילטע מינוטן כּדי אײַנצוזען, ווי ער האָט נאָך כּסדר געאָטעמט און געלעבט מיט די זכרונות פֿון יענע „גליק־לעכע" יאָרן, ווען ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט ייִדישע קינדער־לעך, וועלכע האָבן פֿאַרשטאַנען און גערעדט „מאַמע־לשון", און מיט ייִדן, וועלכע האָבן ליב געהאַט צו הערן אין ייִדיש אַ פֿאַרטראַג וועגן פּרצן און אַ לעקציע וועגן די נבֿיאים.

מ. בלאָשטיין האָט אונדז אויך איבערגעלאָזט אַ ירושה פֿון עטלעכע וואָגיקע ביכער: 1) אין פֿאַרטיידיקונג פֿון קינד; 2) אויף די וועגן פֿון קינדס נשמה; 3) אַ לערער רעדט זיך אָראָפּ פֿון האַרצן; 4) די ישיבֿה קטנה, די טאָגשול; און 5) דאָס לעצטע וואָרט. אָט די אַלע ביכער שטעלן

מיט זיך פֿאַר אַ רײַכע קאָלעקציע פֿון אַ לערערס דערפֿאַרונגען צוזאַ־מען מיט זײַנע אינטערפּרעטאַציעס וועגן קאָמפּליצירטע קולטורעלע און סאָציאַלע דערשיינונגען אין דער ייִדישער סבֿיבֿה אין אַמעריקע. איך וואָלט געזאָגט, אַז בלאָשטיינס שרײַבן איז ניט געווען קיין אויסדרוק פֿון וועלכע ס׳איז ליטעראַרישע אַמביציעס, נאָר דאָס איז גיכער געווען אַ המשך און אַ פּירוש צו זײַן לאַנג־יאָריקער פּעדאַגאָגישער אַרבעט.

דער תּמצית אין זײַנע ווערק איז, אַז אין די שוואַכע רעזולטאַטן פֿון דער וועלטלעך־ייִדישער דערציאונג איז שולדיק ניט דאָס קינד, נאָר טאַטע־מאַמע און די גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע סבֿיבֿה אונדזערע. דער־פֿאַר האָט ער אַזוי שטאַרק געגלויבט אין די מעגלעכקײַטן פֿון דער טאָג־שול, וואו דאָס קינד געפֿינט זיך דעם גאַנצן טאָג אונטער דער השפּעה פֿון דער ייִדישער שול. אַגבֿ אורחא, האָט בלאָשטיין קיין מאָל אין קיין טאָגשול ניט געאַרבעט און האָט דערפֿאַר ניט געהאַט קיין באַגריף אין די אַנטוישונגען, וואָס זײַנען אויך דאָרט, אין דער טאָגשול, פֿאַראַן לרובֿ... בכלל האָט בלאָשטיין זיך זייער גענומען צום האַרצן דעם קריזיס, וואָס די ייִדיש־וועלטלעכע שול, ווי דאָס גאַנצע ייִדיש־וועלטלעכע קולטור־לעבן, מאַכט איצט דורך. עס האָט אים ווײ געטאָן ביז גאָר.

מיט בלאָשטיינס טויט איז פֿון אונדז אַוועק אַ לערער פֿון אַ דור, רײַך מיט געזעלשאַפֿטלעכע אידעאַלן, מיט אַן אידעאַליזם, וואָס האָט געגרענעצט מיט קרבנות־גרייטקײַט, מיט אַ ברייטן ייִדישן און אַלגע־מיינעם וויסן, און ועל־כּולם אַ לערער מיט אַ טיפֿער ליבע און גרויס פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער נשמה פֿון ייִדישן קינד. דאָס איז באַזונדערס בולט אין די ביכער און אַרטיקלען, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט, און אין וועלכע ער האָט זיך כּסדר געגריבלט וועגן דער פּערזענלעכקײַט פֿון קינד און וועגן די אוצרות פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס דאַרפֿן זײַן די גײַסטיקע שפּײַז פֿאַרן קינדס נשמה. בײַ בלאָשטיינען, פּונקט ווי בײַ אַנדערע אַנגעזעענע מחנכים, איז דאָס קינד געשטאַנען אין צענטער פֿון דער דערציאונגס־אַרבעט. תּנצבֿ״ה. — זאָל אים דער דאָזיקער זכות בײַשטיין!

(„קולטור און דערציאונג״, דעצעמבער, 1964)

י) מאַרק זעלטשען ע״ה

בײַ מײַן פֿאַרלאָזן וויניפּעג (בײַם סוף פֿון מײַן צווייטער קאַדענץ, יולי 1962) האָלט איך פֿאַר מײַן מענטשלעכן חובֿ איבערצוגעבן מײַן וואַרעמע אָפּשאַצונג וועגן דער שיינער פּערזענלעכקייט פֿון מאַרק זעלטשען ע״ה (וואָס איך האָב געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט מיט עטלעכע יאָר צוריק צו זײַנע „שלושים״).

מאַרק זעלטשען איז געווען אַ גײַסטרײַכע פּערזענלעכקייט, וועלכע איז געקומען צום אויסדרוק סײַ אין געדרוקטן וואָרט, סײַ אין פּראַקטישע מעשׂים: סײַ אַלס רעדאַקטאָר פֿון דער איינציקער ייִדישער צײַטונג אין מערבֿ־קאַנאַדע; סײַ אַלס לאַנג־יאָריקער אַקטיווער מיטגליד אין דער פּרץ־שול געזעלשאַפֿט; און סיי אַלס פֿאָרזיצער פֿון דערציאונגס־קאָמיטעט בײַם מערבֿ־קאַנאַדער ייִדישן קאָנגרעס.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל מאַרק זעלטשענען נעענטער דערקענען אויף די אַלע געביטן פֿון ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכער אַקטיוויטעט. נאַטירלעך האָב איך מיט אים מערסטנס מיטגעאַרבעט בײַ דער פּרץ־שול. אָבער וועגן דעם שפּעטער. איך וועל פֿריער פּרוּוון געבן אַ קורצע אָפּשאַצונג וועגן אים אַלס רעדאַקטאָר און אַלס גײַסטיקער פֿירער פֿון „קאָנגרעס״.

הגם איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין „פּראָפֿעסיאָנעלער״ שרײַבער, האָב איך זיך גאַנץ אָפֿט געדרוקט אין „דאָס ייִדישע וואָרט״ פֿון וויניפּעג אונטער מאַרק זעלטשענס רעדאַקטאָרשאַפֿט. עס איז מיר אויסגעקומען צו פֿאַרעפֿנטלעכן אַרטיקלען אין דער דאָזיקער צײַטונג נאָך אין די יאָרן 1924־1931. מ. זעלטשען איז געווען זייער גאַסטפֿרײַנטלעך צו מיר ווי צו אַ יונגן לערער און אַ יונגן שרײַבער. ער האָט מיך אָפֿט דערמוטיקט עפּעס אָנצושרײַבן פֿאַר דער צײַטונג, אַפֿילו ווען ער האָט ניט אַלעמאָל פֿולשטענדיק אײַנגעשטימט מיט מײַנע מיינונגען און מיט מײַן שטאַנדפּונקט אין געוויסע געזעלשאַפֿטלעכע ענינים.

שוין אין יענע יאָרן האָב איך באַמערקט, און דאָס האָבן אויך באַמערקט אַ צאָל קולטור־געסט אין וויניפּעג, גרויסע פּערזענלעכקייטן, ווי: ד״ר יהודה קויפֿמאַן, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ש. ניגער, און אַנדערע, אַז „דאָס ייִדישע וואָרט״ דאַ שטייט אויף אַ גאַנץ הויכן זשורנאַליסטישן ניוואָ. אַזאַ אײַנדרוק וועגן דער דאָזיקער צײַטונג האָב איך געהאַט אַלע יאָרן, שוין נאָכדעם ווי איך האָב זיך ווידער געפֿונען אין די שטאַטן, אין

ניו־יאָרק, אין פֿילאַדעלפֿיע, ווען עס פֿלעגט מיר אַרײַנפֿאַלן אַ נומער פֿון „דאָס יִדישע וואָרט". איך האָב די דאָזיקע מיינונג מײַנע אויסגעדריקט ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק טאַקע אין דער דאָזיקער צײַטונג אין דער פֿאָרעם פֿון אַ בריוו צום רעדאַקטאָר. איך האָב דאָרט אָנגעמערקט, אַז אין משך פֿון די פֿיל יאָרן, וואָס איך בין געווען פֿאַרבונדן מיט דער „דזשואיש פּאַבליקיישאָן סאָסײַאיטי" אין פֿילאַדעלפֿיע, האָב איך געהאַט די געלעגנהײַט אָפּטמאָל אַרײַנצוקוקן אין טייל יִדישע צײַטונגען פֿונם גרויסן אַמעריקע, וואָס פֿלעגן דאָרטן דערהאַלטן ווערן, ווי אויך פֿון מעקסיקע און אַרגענטינע. אָבער אַלע די דאָזיקע צײַטונגען האָבן אין זיך געהאַט דעם קאָנטיקן חותם פֿון „פּראָווינציעלע" צײַטונגען. גאָר אַנ־דערש איז געווען דער אײַנדרוק פֿון „דאָס יִדישע וואָרט" פֿון וויניפּעג.

די „אַגבֿ־אורחאס" און לײַט־אַרטיקלען פֿון דער דאָזיקער צײַטונג האָבן זייער אָפֿט אָפּגעשפּיגלט אַ ברייטן צוגאַנג צו וויכטיקע נאַציאָ־נאַל־געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען. מ. זעלטשען האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזט אַרײַנציען אין קיין קלייזל־פּאָליטיק פֿון אַ פּראָווינץ־צײַטונג. „דאָס יִדישע וואָרט" האָט אַלעמאָל מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ ווירדיקע געזעלשאַפֿטלעכע טריבונע, וועלכע האָט רעאַגירט מיט ברייטן פֿאַר־נעם אויף יִדישע און אַלגעמיינע ענינים. און דאָס איז זיכער געווען צו פֿאַרדאַנקען פֿריער פֿון אַלץ דעם רעדאַקטאָר מאַרק זעלטשען, וועל־כער האָט אויפֿגענומען די לויפֿנדיקע געשעענישן פֿון אַ ברייטער פּערספּעקטיוו, מיט גרויס פֿאַרשטענדעניש און קלוגער אַרגומענ־טאַציע. ער האָט זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכקײַטן אָפּצוהיטן די ריינע אָביעקטיוויטעט פֿון דער צײַטונג. ווײַל אַ צײַטונג, ספּעציעל פֿון אַ קליינער קהילה און ווײַט פֿון צענטער, קען זייער לײַכט נכשל ווערן אין קליינלעכע פּליאָנטערס...

מאַרק זעלטשען האָט אָבער גלײַכצײַטיק פֿאַרשטאַנען זײַן פֿליכט ווי אַ רעדאַקטאָר אַכטונג צו געבן אויפֿן שלום־בית פֿון דער קהילה, וואָס באַשטייט פֿון אַזוי פֿיל פֿאַרשיידענע ריכטונגען. אין פֿאַרבינדונג דער־מיט איז כּדאַי איבערצוגעבן דעם פֿאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן פֿאַל:

מיט אַן אַכט יאָר צוריק האָט אַ היגער רבֿ געהאַלטן אַ דרשה בײַ זיך אין שול אויף דער טעמע: „ווײ, ווײ, יִדיש מוז נעבעך אונטערגיין!" — איך מיט נאָך עטלעכע חבֿרים פֿון דער פּרץ־שול זײַנען געגאַנגען הערן, אַז אַך און ווײ, די דרשה וועגן דער ירידה פֿון יִדיש! ס'האָט געגוג גע־גרימט און געוויייטיקט צו הערן, ווי אַ רבֿ שטייט בפֿני כּל עם ועדה און

באַווייזט, אַז ס׳איז ניט קיין אומגליק, וואָס יידיש גייט־אונטער און מ׳דאַרף קיין טרער אויף דעם ניט פאַרגיסן... יידיש האָט שוין אָפּגע־שפּילט זיין ראָל...

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער ברענג איך אַרײַן אין רעדאַקציע פון „דאָס יידישע וואָרט" אַ לאַנג אַרטיקל אויף דער טעמע: „מוז טאַקע יידיש אונטערגיין?" — חבר זעלטשען גיט מיר גלייך אַ זאָג: „הער־שטיין, אויב דאָס איז פּאָלעמיק, וועל איך עס ניט דרוקן!"

דערקלער איך אים, אַז עס ווענדט זיך, וואָס מ׳פאַרשטייט אונטערן וואָרט „פּאָלעמיק". אָבער איך באַטראַכט עס פאַר אַ חוב אויפצוקלערן דעם ווירדיקן רבֿ אויף די שרעקלעכע טעותן, וואָס ער מאַכט, און אויף די פאַרפירערישע שלוסן, צו וועלכע ער קומט.

„איבעריקנס — האָב איך געטענהט צו חבר זעלטשענען — מיין פליכט איז געווען צו ענטפערן דעם רבֿ. איר קענט איצט מיטן אַרטיקל טאָן, וואָס איר ווילט".

צו מיין גרויסער איבערראַשונג האָב איך מיט עטלעכע טעג שפּע־טער געזען מיין אַרטיקל אָפּגעדרוקט אָן דער מינדסטער ענדערונג. „אָט־דאָס איז אַ מוסטער — האָב איך זיך איבערצייגט — פון אַן ערלעכן רעדאַקטאָר, וואָס דער אמת איז ביי אים וויכטיקער פון אַלץ".

איך מוז נאָך צוגעבן צו מאַרק זעלטשענס רעדאַקטאָרשאַפט, אַז ער איז געווען ניט נאָר אַ ליבהאָבער, נאָר אויך אַ גרויסער קענער פון יידיש, טאַקע פון די געציילטע צווישן יידישע שרייבער. אין פּרט פון גוטן „יידיש" איז „דאָס יידישע וואָרט" אונטער מ. זעלטשענס רעדאַקציע געשטאַנען אָפטמאָל העכער אַפילו פון טייל ניו־יאָרקער צייטונגען.

איצטער אַ פּאָר ווערטער וועגן זעלטשענס פאַרדינסטן פאַרן קאַ־נאַדער יידישן קאָנגרעס, ווי איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אָפּצו־שאַצן.

נאָך מיט יאָרן צוריק פלעגן מיר זייער אָפט לייענען מ. זעלטשענס אַרטיקלען וועגן דער נייטווענדיקייט פון אַן אָרגאַניזירטער יידישער קהילה. דאָס איז אייגנטלעך געווען דער געזעלשאַפטלעכער „אני־מאמין" פון דער ראַדיקאַלער יידישער אינטעליגענץ מיט אַ דור צוריק, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ יידיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, אַז מ׳דאַרף בויען יידיש לעבן אויף געזונטע יסודות אומעטום, וואו יידן געפינען זיך. אין פולן הסכם מיט אָט־דער אָריענטאַציע פלעגט מ.

זעלטשען ביי יעדער געלעגנהייט וועקן און מאַנען אין זיינע אַרטיקלען צו אָרגאַניזירן דאָס ייִדישע לעבן אין קאַנאַדע אויף אַ נאַציאָנאַלן מאָס־שטאַב און דאָ שאַפֿן אַ ייִדישן דעת־הקהל.

מיר האָבן אויך אין אַמעריקע פֿיל געהערט וועגן דעם פֿאַרנעם פֿון קאַנאַדער ייִדישן קאָנגרעס. ערשט ווען איך בין ווידער צוריקגעקומען קיין וויניפּעג מיט העכער אַכט יאָר צוריק און מאַרק זעלטשען האָט מיך איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין דערציאונגס־קאָמיטעט פֿון קאָנגרעס, בין איך געקומען פּנים־אל־פּנים מיט דער אַרבעט פֿון ייִדישן קאָנגרעס און האָב מער פֿאַרשטאַנען די טיפֿע באַדייטונג זיינע: ער איז פֿיל ייִדיש־לעכער, פֿאָלקסטימלעכער, און ממילא מער רעפּרעזענטאַטיוו איידער דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס. און דאָס איז צו פֿאַרדאַנקען דעם פֿאַקט, וואָס צום קאַנאַדער ייִדישן קאָנגרעס זיינען צוגעשטאַנען פֿון סאַמע אָנפֿאַנג אָן אַזעלכע ייִדן ווי מאַרק זעלטשען, מיט אַ סך ייִדיש וויסן, מיט ערנסטער באַציאונג צו ייִדישקייט און מיט אַ טיפֿער פֿאַר־שטענדעניש פֿון ייִדישן לעבן. ביי די זיצונגען פֿון דערציאונגס־קאָ־מיטעט פֿון קאָנגרעס האָבן מיר געקענט זען, ווי ערנסט מ. זעלטשען פֿלעגט זיך באַציען אַפֿילו צו אַזאַ לאָקאַלן ענין ווי אַראָפּברענגען קיין וויניפּעג פּאָסיקע לעקטאָרס, געשולטע ייִדישע קאָנצערטיסטן און דער־פֿאַרענע טעאַטראַלן, כּדי אָנצוהאַלטן און אויפֿצוהייבן די חשיבֿות פֿון ייִדישן וואָרט, פֿון ייִדישן ליד, און פֿון ייִדישער קולטור בכלל.

און איצטער וועגן מאַרק זעלטשען דעם שולטוער. ער איז געווען איינער פֿון די 14 חבֿרים, וועלכע האָבן מיך באַגעגנט ביי דער באַן, בעת איך בין צום ערשטן מאָל געקומען קיין וויניפּעג, דעם 2טן סעפּט. 1924. מ'האָט אים מיר באַלד פֿאָרגעשטעלט ווי דעם פֿאָרזיצער פֿונם דער־ציאונגס־קאָמיטעט פֿון דער פּרץ־שול, און ער איז געשטאַנען ביים בכבֿודיקן רודער פֿון דער דערציאונגס־אַרבעט פֿון שול די גאַנצע 4 יאָר צייט, וואָס איך בין דעמאָלט דאָ געווען, און מן־הסתּם נאָך פֿיל יאָרן נאָכדעם.

די פֿיר יאָר, פֿון 1924 ביז 1928, זיינען געווען זייער וויכטיקע יאָרן אין לעבן פֿון דער פּרץ־שול: במשך די דאָזיקע פֿיר יאָר איז די שול באַדייטנדיק געוואָקסן קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו. אין דעם פּעריאָד איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ קוריקולום פֿאַר אַלע לימודים אין אַלע קלאַסן פֿון שול; אין דער צייט איז דורכגעפֿירט געוואָרן די ערשטע גראַדואירונג פֿון דער עלעמענטאַר־שול; באַלד נאָך דער גראַדואירונג

איז געעפֿנט געוואָרן דער ערשטער קלאַס מיטלשול; און אין 3 יאָר שפּעטער איז פֿאָרגעקומען די ערשטע גראַדואירונג פֿון דער מיטלשול און עס זײַנען געעפֿנט געוואָרן די „העכערע קורסן".

אַט־די אַלע אַנטוויקלונגען האָבן פֿאַר דער דרויסנדיקער וועלט אפֿשר געקענט מיינען בלויז „מזל־ברכה", בלויז נחת, אַ כּסדרדיק שטײַגן „באַרג־אַרויף". אָבער אינווייניק אין שול האָט דאָס געמיינט: אָן־אַ־שיעור שווערע פּראָבלעמען: אַנשטעלן נאָך און נאָך לערער, פּאַסיקע לערער, וואָס זאָלן ראוי זײַן דורכצופֿירן די פֿאַראַנטוואָרטלעכע דערציִונגס־אַרבעט, דורך צוגעבן נײַע לימודים, פֿאַרטיפֿערן די פֿריערדיקע, אַרײַנצופֿירן מער עבֿרית און מער תנ"ך אין שול, מער פֿאָלקסטימלעכקייט, פֿײַערן ייִדישע ימים־טובֿים — און דאָס אין אַ צײַט, ווען מיר זײַנען נאָך אַלץ געווען דורכגעדרונגען מיט „ראַדיקאַלע" אידייען...

דאָס איז געווען אַן אמתע „שטורעם־און־דראַנג" תּקופֿה פֿאַר דער פּרץ־שול. מחמת די שול־פֿאַרוואַלטונג איז אַלעמאָל באַשטאַנען פֿון אַלערליי געזעלשאַפֿטלעכע עלעמענטן, אַ מין קאָאַליציע־פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען און שאַטירונגען. נאַטירלעך, האָט זיך אַרום די דאָזיקע אַלע פּראָבלעמען געקענט לײַכט אַנטוויקלען אַ שאַרפֿער אידעאָלאָגישער קאַמף. נאָר אַדאַנק דער השפּעה פֿון מאַרק זעלטשען, דעם פֿאַרזיצער פֿון דערציִונגס־קאָמיטעט, דעם רואיקן, אָבער זייער לאָגישן מענטשן, וועמען אַלע אין דער פֿאַרוואַלטונג האָבן רעספּעקטירט צוליב זײַן אידעאַליזם, צוליב זײַן ערנסטער, ערלעכער באַציִונג צו דער שול און צו די שולטוערס, זײַנען אַ סך צונויפֿשטויסן אויסגעמיטן געוואָרן און די ריין־טעאָרעטישע חילוקי־דעות זײַנען סוף־כּל־סוף אויסגעגלײַכט געוואָרן אויפֿן פּאָזיטיוון אופֿן לטובֿת דער שול. מאַרק זעלטשען איז בטבֿע געווען אַ שווײַגער, אָבער אַ גוטער באַאָבאַכטער און זייער אַן אויפֿמערקזאַמער צוהערער. די היציקסטע דיסקוסיע פֿלעגט ער דערנאָך קענען רעזומירן אין געציילטע, קלאָרע ווערטער און צופֿירן צו אַ פּשרה, וואָס איז געווען אָננעמבאַר פֿאַר אַלע צדדים, און מ'האָט זיך ווײַטער גענומען צו קאָנסטרוקטיווער שול־אַרבעט.

מיטן פּרינציפּאַל פֿלעגט ער כּסדר שטיין אין קאָנטאַקט און איז געווען גוט אינפֿאָרמירט וועגן גאַנצן גאַנג פֿון דער אַרבעט אין שול. (אַט־די פֿרײַנטשאַפֿט האָבן מיר אָנגעהאַלטן יאָרן־לאַנג. מיר האָבן זיך אייניקע מאָל באַגעגנט אויך אין ניו־יאָרק בײַ גרויסע צוזאַמענפֿאָרן: פֿון דער „ציקאָ", פֿון קולטור־קאָנגרעס, פֿון די ייִדישע פֿאָלקשולן. ער האָט

מיט מיר אַלעמאָל געשמועסט וועגן תּוך־זאַכן פֿון אונדזער שול־אַרבעט און באַזונדערס וועגן די פּראָבלעמען אין דער ווינּיפּעגער פּרץ־שול).

יאָ, אין די יאָרן 1924־1928 פֿלעגט ער זײַן אַן אָפֿטער גאַסט אין שול אין דער צײַט פֿון די לימודים און מיט פֿאַרגעניגן בײַוואוינען פֿאַר־שיידענע לעקציעס אין די קלאַס־צימערן. פֿון אַ שול־יום־טובֿ איז דאָך אָפּגערעדט, אַז ער האָט כּמעט קיינמאָל ניט דורכגעלאָזט. פֿאַר אים איז די פּרץ־שול געווען דאָס, וואָס בײַ אַ פֿרומען ייִדן איז דער בית־הכּנסת. ווען אין שול איז פֿאָרגעקומען אַ „פֿײַערונג", האָט ער געפֿילט, אַז ער טאָר ניט בלײַבן אינדערהיים. אַ פֿאַקט, אַפֿילו אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן, ווען ער האָט זיך שוין געפֿילט שוואַך אין געזונט, האָט ער ניט געוואָלט דורכלאָזן אַ „דריטן סדר" אין שול, אָדער אַן אַנדערע שול־פֿײַערונג. דאָס איז זיכער דערפֿאַר, ווײַל ער האָט געזען אין דער שול, אין ייִדישן חינוך בכלל, אונדזער צוקונפֿט ווי אַ פֿאָלק.

אָט־דער ווײַטער קוק אויף די קומענדיקע דורות איז געווען זײַן וועג־ווײַזער, זײַן מורה־דרך, אויף אַלע געזעלשאַפֿטלעכע געביטן: סײַ אַלס רעדאַקטאָר פֿון אַ ייִדישער צײַטונג, סײַ אַלס וואָרט־זאָגער אין קאַ־נאַדער ייִדישן קאָנגרעס, און סײַ אין זײַן באַטייליקונג אויפֿן שטח פֿון ייִדישער דערציִאונג. כּמעט פֿון יעדן „אָגבֿ־אורחא" זײַנעם (זעט זײַן בוך אונטערן דאָזיקן נאָמען, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1948) קען מען אַרויסלייענען די דאָזיקע געדאַנקען זײַנע, וואָס זײַנען געוואָרן בײַ אים כּמעט אַ לעבנס־שיטה.

קאַפּיטל 8

צוריק אין פֿילאַדעלפֿיע

(נאָך דער צווייטער קאַדענץ אין וויניפּעג)

א) ענדלעך צוריק אין אונדזער „היימשטאָט"

אין סעפּטעמבער 1962 האָבן מיר צוליב משפּחה־סיבות זיך אומגעקערט קיין פֿילאַדעלפֿיע, וואו איך בין געוואָרן פֿול־באַשעפֿטיקט בײַ דער אינטערעסאַנטער אַרבעט אין דער דרוקערײַ פֿון ד״ר דזשייקאָבס (די אָריגינעלע דרוקערײַ פֿון דער „דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסײַאיטי"). איך בין געווען זייער צופֿרידן פֿון דער אַרבעט. פֿונדעסטוועגן האָט עס מיך כּסדר געצויגן צום „קלאַס־צימער".

גראָד האָט מיך פֿרײַנד יעפּרויקין, דירעקטאָר פֿון די אַ. ר. שולן, באַוואויגן אַנצונעמען עטלעכע קלאַסן אין דער היגער אַ. ר. מיטלשול, וואו איך האָב געלערנט יידישע געשיכטע און העברעיש. מײַנע זייער גערעאָטענע תּלמידים האָבן מיר פֿאַרשאַפֿט אמתן תּענוג.

שפּעטער בין איך דורך אַ צופֿאַל אַרײַנגעצויגן געוואָרן אויף דרײַ לערן־יאָר אין דער שכונותדיקער „סינאַגאָג־סקול" צו לערנען דאָרטן „ביבלישע געשיכטע" און „תּפֿילות". דעמאָלט גראָד האָב איך געקענט מער אָפּשאַצן דעם העכערן ניווא און די גרעסערע חשיבֿות פֿון דער דערציערישער אַרבעט אין די „יידיש־וועלטלעכע שולן"... חוצדעם איז מיר זייער ניט געווען צום האַרצן, וואָס איך האָב כּסדר געדאַרפֿט ריידן צו די קינדער אין ענגליש. „מאַמע־יידיש" איז זיי געווען פֿרעמד. אויך וואָלטן די באַלעבאַטים פֿון דער סינאַגאָגע ניט געווען טאָלערירט קיין יידיש אין די קלאַסן... זאָל גאָט אָפּהיטן!...

ווען אַ גרויסע העברעישע הײַסקול אין פֿילאַדעלפֿיע, די „גרינ־

סטאַן היברו הײַסקול" (מיט אַ 350 תּלמידים) האָט אײַנגעפֿירט „יִדיש" אין איר קוריקולום, בין איך אַהין פֿאַרבעטן געוואָרן ווי דער לערער פֿון „מאַמע־לשון". איך האָב דאָרטן געלערנט אַ קיימא־לן במשך גאַנצע זעקס יאָר צײַט, און כ'האָב זיך דאָרט געפֿילט זייער און זייער באַפֿרי־דיקט, מחמת די תּלמידים, די מערסטע פֿון יִדיש־ריידנדיקע היימען, האָבן זיך געלערנט מיט גרויס חשק[1].

איך קען אויך פֿאַרצייכענען אַ יאָר „יִדיש" אינם היגן „גרעטץ־קאָלעדזש", וואו אונטער דער ווירקונג און פֿינאַנציעלער שטיצע פֿון דער היגער יִדישער „קולטור־אָרגאַניזאַציע" איז דאָרט געהאַט אײַנגע־פֿירט געוואָרן אַ קלאַס אין „יִדיש" מיט חבֿר וו. שיכמאַן ווי דער לערער. נאָר בעת שיכמאַן האָט געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַק, האָט מען מיר טעלעפֿאָנירט פֿון קאָלעדזש, אַז איך מוז איבערנעמען דעם קלאַס, ווײַל אַניט וועט דער קלאַס בטל ווערן. נו, האָב איך געפֿאָלגט, כאָטש איך בין שוין געווען פֿאַרנומען איבערן קאָפּ. געמיינט האָב איך לכתּחילה, אַז ס'איז אַ פֿראַגע בלויז אויף אַ קורצער צײַט. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז איך האָב דעם דאָזיקן קלאַס געדאַרפֿט אָנהאַלטן ביזן סוף לערניאָר, מחמת דער דאָקטער האָט שיכמאַנען ניט דערלויבט צוריקצוגיין צו לערערײַ במשך פֿון פֿולע 12 חדשים[2].

---

1) אַגבֿ, דאָס אײַנפֿירן „יִדיש" אין יענער העברעישער הײַסקול איז ניט געקומען פֿון „אויבן", נאָר פֿון אַ צאָל „עלטערן" — הפּנים, געטרײַע „חובֿבֿי יִדיש", און די „שול־פֿאַר־וואַלטונג" האָט זיך געמוזט אונטערגעבן דעם פֿאַרלאַנג פֿון די „יִדישיסטישע" טאַטע־מאַמעס . . . (פֿ. ה.)

2) אָט איז שיכמאַנס אַן ענטפֿער אויף אַ בריוו פֿון זײַנע תּלמידים און תּלמידות פֿונם „יִדיש"־קלאַס אין גרעטץ־קאָלעדזש. דער ענטפֿער איז מיר איבערגעשיקט געוואָרן פֿון קאָלעדזש־פֿאַרוואַלטער, הפּנים, מיט דער כּוונה מיך צו באַווירקן אָנצוהאַלטן דעם דאָזיקן קלאַס, ביז חבֿר שיכמאַן וועט צוריקקומען.

ערבֿ פּורים, תּשל"א

מײַנע טײַערע תּלמידים און תּלמידות:

אײַער קורץ בריוול געשריבן מיט אַזוי פֿיל וואַרעמקײַט און פֿרײַנד־לעכקײַט האָט מיך ממש מחיה געווען. פֿון אַלע רפֿואות וואָס דער דאָקטער גיט מיר, איז אײַער בריוול די בעסטע רפֿואה, וואָס האָט דערפֿרייט מײַן האַרץ און געהויבן מײַן געמיט.

איך בין זייער צופֿרידן וואָס מײַן פֿרײַנד הערשטיין, אַ לערער מיט אַ סך וויסן, און פּעדאַגאָגישער דערפֿאַרונג, און דער עיקר מיט אַ סך ליבשאַפֿט צו יִדיש־לשון, פֿירט־אָן מײַן קלאַס.

איך פֿיל זיך נאָך שוואַך, אָבער איך קום ביסלעכווײַז צו די כּוחות און איך

אויך איז מיר געהאַט אויסגעקומען אָנצופֿירן אַ יאָר צײַט מיט אַ „יידיש״־קלאַס פֿאַר דערוואַקסענע און יוגנטלעכע אין דער סינאַגאָגע „נר־צדק״ (די מערסטע: מיטגלידער פֿון די „הבונים״). סײַ איך און סײַ די תלמידים און תלמידות פֿלעגן אָנקוועלן פֿון די לעקציעס, ווײַל ס׳האָט אינם קלאַס כסדר געהערשט אַ גוטע חבֿרישע שטימונג.

אַגבֿ, איז מיר אויך אויסגעקומען, נאָך מיט יאָרן פֿריער, אָנצופֿירן דרײַ יאָר צײַט מיט יידיש־קלאַסן פֿאַר דערוואַקסענע אין דער היגער צענטראַלער יידישער „ווײַ״. יידישע פּראָפֿעסיאָנאַלן און געשעפֿטסלײַט זײַנען געווען פֿאַראינטערעסירט זיך אויסצולערנען כאָטש אַ ביסל יידיש, ווײַל אינגאַנצן אָן יידיש איז מען דעמאָלט אין פֿילאַדעלפֿיע באַטראַכט געוואָרן ווי אַן „עם־הארץ״... אויך דידאַזיקע קלאַסן זײַנען געווען אונטער דער השגחה און פֿינאַנציעלער סובסידיע פֿון דער פֿריער־דערמאָנטער „יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע״ (אין דער שפּיץ פֿון וועלכער עס זײַנען געשטאַנען די קולטוריסטן: אהרן פֿישמאַן און יהודה זעליטש).

ב) באַגריסונג צום 60־יאָריקן יובֿל פֿון דער פּרץ־שול אין וויניפּעג

(„היסטאָרישע שטריכן פֿון שול דערציילט פֿון אירס אַ לאַנג־יאָריקן פּרינציפּאַל״)

(פֿון אַ בריוו צום פּרינציפּאַל פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־שול, ש. הייליק)

זייער חשובֿער חבֿר ש. הייליק:

ווי איך זע פֿון די אָפֿטע נאָטיצן אין דער וויניפּעגער צײַטונג, האָט איר אין משך פֿון גאַנצן לערניאָר דורכגעפֿירט אַ רייע פּאַסיקע שׂמחות לכּבֿוד דעם גרויסן קולטור־יום־טובֿ פֿון 60 יאָר פּרץ־שול. קומט דער־פֿאַר דעם גאַנצן שול־אַקטיוו אַ האַרציקער יישר־כּוח. דאָס איז אַגבֿ דער

האָף, אַז איך וועל אינגיכן קומען צוריק אין קלאַס אַרײַן: לערנען, זינגען און פֿאַרברענגען אויף יידיש.

זײַט געזונט און גריסט אַלעמען,

אײַער מיט פֿרײַנטשאַפֿט,

וו. שיכמאַן

בולטסטער באַווײַז, אַז די דאָזיקע תּורה־אינסטיטוציע האָט געשלאָגן טיפֿע וואָרצלען אין דער דאָרטיקער ייִדישער קהילה, און אַז אירע פּיאָנערן האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט געטרײַע יורשים, וועלכע זײַנען ממשיך מיט ליבע די ערנסטע טראַדיציעס פֿון ייִדישן חינוך.

איך גופֿא בין אָנגעקומען אין דער וויניפּעגער פּרץ־שול אין סעפּטעמבער 1924, מיט קנאַפּע 51 יאָר צוריק, עטלעכע חדשים נאָך מײַן גראַדואירן דעם ייִדישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק.

אַז איך טראַכט זיך איצט אַרײַן אין די סיבות פֿון דער לאַנג־יאָריקער דערפֿאָלגרײַכער עקזיסטענץ פֿון דער פּרץ־שול אין וויניפּעג: אַפֿילו מיט באַנײַטע פּלענער איצטער פֿאַרן ווײַטערדיקן קיום אירן, כּדי ווי אַזוי צו פֿאַרבעסערן כּסדר און פֿאַרטיפֿערן די לימודים און די לערן־מעטאָדן אירע — האָב איך דערצו איין איינציקע דערקלערונג: די ערנסטע באַציאונג צום ייִדישן חינוך, וואָס האָט באַגלייט די דאָרטיקע אַרבעט פֿון סאַמע אָנהייב אָן. דער פּראָגרעס פֿון דערדאָזיקער שול איז ניט קיין „צופֿאַל" און ניט קיין „נס". די נחתדיקע דערציאונגס־אַרבעט פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־שול איז אַ רעזולטאַט פֿון אירע טיפֿע ייִדישע וואָרצלען. דער גײַסט פֿון תּורה איז אַלעמאָל געווען דער סאַמע עיקר אירער. סײַ די לימודים און סײַ די פֿאַרשיידענע שול־אַקטיוויטעטן זײַנען תּמיד געווען דורכגעדרונגען מיט ייִדישן באַוואוסטזײַן. די לערער צוזאַמען מיט די שולטוער האָבן כּסדר געשטרעבט, אַז די שול־קינדער זאָלן ניט בלויז לערנען, נאָר אויך זיך ייִדישלעך אויסלעבן אין שול.

אין די 20ער יאָרן האָבן ייִדישע דערציערס אַ סך האָפֿענונג געלייגט אויף די רעזולטאַטן פֿון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול. מ'האָט טיף געגלויבט, אַז די שול וועט אַפֿילו באַדײַטנדיק פֿאַרבעסערן די ייִדישע „היים". די שול און די היים וועלן זײַן אמתע שותּפֿים און זיי וועלן זיך איינס דאָס אַנדערע דערגאַנצן: אַפֿילו די „היים" וועט באַווירקט ווערן פֿון די לימודים אין שול. די עלטערן וועלן ניט וועלן בלײַבן הינטערשטעליק לגבי זייערע קינדער אין: ייִדישער ליטעראַטור, ייִדישער געשיכטע, אַ קאַפּיטל תּנ"ך, אָדער אין אַ ייִדיש פֿאָלקסליד. די לערער פֿלעגן באַטראַכטן זייער דערציערישע אויפֿגאַבע ווי אמתע מחנכים און האָבן גענומען זייער פּעדאַגאָגישע אַרבעט טיף ערנסט. די לערער־זיצונגען פֿלעגן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אמתע סעמינאַרן, וואו איינער האָט געלערנט פֿון צווייטן ווי אַזוי צו פּלאַנירן אַ לעקציע און ווי אַזוי איבערצוגעבן די קינדער זייערע געדאַנקען און זייער וויסן. לערערס

האָבן זיך אויסגעלערנט ווי צו באַנוצן אַ קלאָר לשון אין קלאַס־צימער, און ווי אַזוי צו ריידן צו קינדער כּדי צו געווינען זייער פֿולע אויפֿמערקזאַמקייט און זייער אינטערעס. די לערער האָבן גענומען זייער אַרבעט אַזוי ערנסט, אַז זיי האָבן, איידער זיי זײַנען אַרײַן אין קלאַס־צימער, ממש געזאָגט אַ תּפֿילה אין האַרצן, אַ תּפֿילה בלחש, אַז זיי זאָלן חלילה ניט ניכשל ווערן מיט קיין אויסדרוק אָדער אַ האַרב וואָרט קעגן אַ קינד, און זיי זאָלן מצליח זײַן אין אינספּירירן די תּלמידים צו תּורה לשמה און צו אַהבֿת־ישׂראל.

אין יענער תּקופֿה, דאַרף מען וויסן, האָט דער ייִדישער לערער באַגעגנט אַן אַ שיעור שוועריקייטן אין זײַן אַרבעט: ס׳איז נאָך ניט געווען קיין פּעדאַגאָגישע פּרעסע אויף ייִדיש, צוגעפּאַסט פֿאַר די באַזונדערע נויטן פֿון ייִדישן לערער, און אַפֿילו ניט קיין פּאַסיקע טעקסט־ביכער. אָבער דאָס געפֿיל, אַז ער פֿירט דורך אַ נאַציאָנאַלע שליחות אין ייִדישן לעבן, האָט דעם לערער פֿאַרשאַפֿט אַ גײַסטיקע באַפֿרידיקונג און אים געגעבן דערמוטיקונג. האָט מען אַליין, ווי־עס־איז, אויסגעאַרבעט טעזיסן, פּראָיעקטן, סילאַבוסן און פֿאַרשיידענע לערן־מעטאָדן.

די פּרץ־שול איז בהדרגה כּסדר געוואַקסן סײַ אין פֿיזישן זין (מיט נײַע שול־בנינים, און מיט אַ גרעסערער צאָל תּלמידים) און סײַ גײַסטיק. במשך מײַן ערשטער קאַדענץ אין שול (1924־1928) האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן צו פֿאַרצייכענען עטלעכע וויכטיקע דערגרייכונגען: (א) מיר האָבן אײַנגעשטעלט אַ דעטאַליזירט קוריקולום פֿאַר אַ 6־יאָריקער עלעמענטאַר־שול (שפּעטער איז די שול געוואָרן אַ 7־יאָריקע); (ב) אין 1925 האָבן מיר דורכגעפֿירט די ערשטע גראַדואירונג, וואָס איז פֿון דעמאָלט־אָן געוואָרן אַ גרויסער יערלעכער שול יום־טובֿ; (ג) באַלד נאָך דער גראַדואירונג האָט מען אָרגאַניזירט די דרײַ־יאָריקע מיטלשול; (ד) מיט דרײַ יאָר שפּעטער האָט מען פֿאַר די ערשטע מיטלשול־גראַדואירטע, וועלכע זײַנען שוין געווען אין לעצטן יאָר „הײַסקול” (אָדער אַפֿילו סטודענטן אין אוניווערסיטעט), אײַנגעשטעלט „העכערע קורסן”.

מיט איין וואָרט: מ׳האָט געצילט צו האַלטן די תּלמידים וואָס לענגער אין שול. טייל תּלמידים זײַנען אַפֿילו דערנאָך געוואָרן לערערס אין שול, וואָס האָט אַ היפּש ביסל געהאָלפֿן לייזן די פּראָבלעם פֿון דוחק אין לערער. ס׳איז כּדאַי דערבײַ צו באַמערקן, אַז פֿון די אַן ערך 200 תּלמידים אין שול אין 1924 איז די שול אויסגעוואַקסן בײַם סוף פֿון 1928

קרובֿ צו 475. דאָס איז געווען אַדאַנק דעם פּרעסטיזש און צוטרוי, וואָס די שול האָט געוואונען אין דער קהילה, ווי אויך אַדאַנק דעם וואוקס פֿון קינדערגאָרטן און די „טאָג־קלאַסן" פֿון שול. די שול האָט אויך געוואונען אָנערקענונג בײַם גרויסן עולם אַדאַנק אירע פּובליקאַציעס פֿון קינדער־אַרבעטן (זייער פֿײַנע קאָמפּאָזיציעס), צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען געראָטענע און גאַנץ אינטערעסאַנטע שאַפֿונגען, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם ניוואָ פֿון די לימודים און דעם ייִדישלעכן גײַסט פֿון שול.

כאַראַקטעריסטיש, בעת איך בין אָנגעקומען אין שול אַרײַן אויף מײַן צווייטער קאַדענץ, פֿון 1952־1962, האָב איך שוין געטראָפֿן אין שול אַ גרויסע צאָל קינדער פֿון מײַנע געוועזענע תּלמידים און תּלמידות. בכלל האָבן מײַנע אַמאָליקע תּלמידים פֿון פּרץ־שול, אַ היפּשע צאָל פֿון זיי, שוין דעמאָלט פֿאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס אין ייִדישן קהילה־לעבן און אין די פּראָפֿעסיעס. פֿון אָנהייב 60ער יאָרן אָן ווערט די שול געפֿירט הויפּטזאַכלעך פֿון ייִנגערן דור. זיי האַלטן טײַער די פּרינציפּן פֿון דער פּרץ־שול דערציאונג, נישט־קוקנדיק וואָס די צײַטן האָבן זיך שטאַרק געביטן און שטורמישע ענדערונגען זײַנען פֿאָרגעקומען אין ייִדישן לעבן אומעטום. אָט־אַזאַ עקשנות איז די בעסטע גאַראַנטיע פֿאַרן ייִדישן קיום!

דאָס באַזונדערע מזל פֿון דער פּרץ־שול אין וויניפּעג איז לויט מײַן באַשיידענער מיינונג געווען, וואָס זי האָט זיך גלײַך פֿון אָנהייב אָן געשטעלט מיטן פּנים צו דער ייִדישער ווירקלעכקײַט אין היגן לעבן. דערפֿאַר איז איר צוגאַנג צו ייִדישע קולטור־ווערטן ניט געבליבן פֿאַרגליווערט. אין דער „בראשית"־תּקופֿה איז די פּרץ־שול טאַקע געווען אַ ייִדיש־„ראַדיקאַלע" שול. אָבער ווען די צײַט איז רײַף געוואָרן, האָט מען דאָרט אײַנגעפֿירט מער העברעיש אין די קלאַסן; ארץ־ישׂראל האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען וואָס מער אָרט אין שול־לעבן; און מ'האָט אַפֿילו אָנגעהויבן צוצוגרייטן קינדער צו בר־מצווה און „תּפֿילות".

ווי איך זע פֿון די ידיעות אין דער וויניפּעגער צײַטונג, הערשט נאָך אַלץ בײַ דער דאָרטיקער שול־פֿאַרוואַלטונג דער ענטוזיאַזם און דער ווילן צו טראָגן די אחריות פֿון ייִדישן חינוך. וויל איך זיי אַלעמען ווינטשן פֿיזישע און גײַסטיקע כּוחות אָנצוגיין ווײַטער מיט דער דאָזיקער אמת־הייליקער אַרבעט. ייִדן כּמעט איבער דער גאַנצער וועלט זײַנען איצטער זייער שטאַרק באַזאָרגט וועגן ווײַטערדיקן ייִדישן קיום.

אָבער דער יסוד פֿון ייִדישן המשך ליגט אין ייִדישן חינוך. זײַט אַלע האַרציק געגריסט צום שיינעם יום־טובֿ פֿון זעכציק יאָר פּרץ־שול!

אמת־חבֿריש, פּ. הערשטיין
(פֿילאַדעלפֿיע, יוני, 1975)

ג) יאָ, איך האַלט פֿאַר פּאַסיק צו שליסן דאָס בוך מיט:

(1) איבערגעבן דעם דאָקומענט פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־שול צום געזעגענען זיך מיט אונדז סוף יוני, 1962, און אונדז צואווינטשן אַ „צאתכם־לשלום״;
(2) אַן ערן־שריפֿט (גרויסן פֿאָרמאַט, געצייכנט פֿון אַ סופֿר, יוני 24, 1970, צו מײַנע פֿיל יאָרן באַשעפֿטיקט אין ייִדישן חינוך);
(3) „צווישן די נאָטיצן״ (אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״).

* * *

1) דער „צאתכם לשלום!״ פֿון דער וויניפּעגער פּרץ־שול
(י. ל. פּרץ־פֿאָלקשול וויניפּעג)

טײַערע און ליבע חבֿר און חבֿרה פּ. הערשטיין: —

מיר, חבֿרים און חבֿרות פֿון אַלע צווײַגן פֿון אונדזער י. ל. פּרץ־פֿאָלקשול געזעלשאַפֿט, באַדויערן פֿון טיפֿן האַרצן אײַער פֿאַרלאָזן אונדזערע שולן, אויף וועלכע איר האָט אָפּגעגעבן פֿיל אָנגעשטרענגטע יאָרן פֿון אײַער לעבן. מיר באַדויערן זייער אײַער פֿאַרלאָזן אונדז חבֿרים, מיט וועלכע איר האָט זיך אַזוי גוט אײַנגעלעבט אין אונדזער שול־משפּחה.

חבֿר הערשטיין, 14 יאָר האָט איר אָנגעפֿירט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט און געטרײַשאַפֿט אַלס פּרינציפּאַל־אַדמיניסטראַטאָר און געטאָן אײַער אַרבעט בלבֿ ונפֿש. כּמעט אַלע יאָרן האָט איר פֿאַרבונדן אײַער פּערזענלעך לעבן מיטן לעבן פֿון אונדזער שול־באַוועגונג; במשך אַלע יאָרן האָט איר באַוויזן זיך חבֿריש אײַנצולעבן מיט אונדז, שול־טוער, לערער, עלטערן און הונדערטער תּלמידים און תּלמידות.

מיר פֿילן אונדזער חובֿ אויסצודריקן אײַך, ליבער חבֿר הערשטיין, אונדזער טיפֿסטע אָנערקענונג און דאַנקבאַרקײַט.

* * *

מיט אַ האַרציקן „צאתכם לשלום" געזעגענען מיר זיך מיט אײַך און מיט האַרציקע ברכות ווינטשן מיר אײַך, איר זאָלט דאָרטן, אין די שטאַטן, פֿאָרזעצן אײַער קולטור־אַרבעט, וואָס איז אײַך אַזוי ליב און טײַער.

זײַט געגריסט און האָט נחת פֿון אײַערע קינדער!
פֿאַר דער שול־משפּחה
וו. ליטווין, שול־פֿאָרזיצער,
אַ. אַנטעל, דערציאונגס־פֿאָרזיצער.
ווינניפּעג, יוני 1962.

2) קאָפּיע פֿון ערן־שריפֿט (גרויסער פֿאָרמאַט) געצייכנט פֿון אַ סופר

דער יידישער לערער־סעמינאַר און פֿאָלקס־אוניווערסיטעט
און
בית־מדרש למורים „הרצליה"
גיט איבער די ערן־שריפֿט דעם געטרײַען לערער
און פֿאַרדינסטפֿולן מחנך

פישל הערשטיין

ווי אַן אויסדרוק פֿון אָנערקענונג פֿאַר זײַן לאַנג־יאָריקער טעטיקײַט און אידעאַליסטישער איבערגעגעבנקײַט לטובֿת יידישער קולטור און דער־ציאונג:

„ותלמוד תורה כנגד כולם".

איבערגעגעבן בײַ דער סיום־פײַערונג

אין ניו־יאָרק, נ. י.

כ' סיון, תש"ל — דעם 24סטן יוני, 1970

יעקבֿ קצמן — גרשון וויינער, דעקאַן
פּרעזידענט — פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג

3) פֿון דער פּרעסע:

פֿישל הערשטײן איז אַ גראַדואַנט פֿון ייִדישן לערער־סעמינאַר און אַ פּיאָנער פֿון דער ייִדישער שול־באַוועגונג אין קאַנאַדע און די פֿאַראייניקטע שטאַטן. ווי אַ לערער און פּרינציפּאַל אין די אַרבעטער־רינג־, שלום־עליכם־, און פֿאַרבאַנד־שולן און מיטלשולן אין פֿאַרשיידענע שטעט, איז ער גוט באַקאַנט אין דער ייִדישער דערציִאונגס־וועלט. זײַנע אַרטיקלען איבער געזעלשאַפֿטלעכע און דערציִערישע ענײנים זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע אויסגאַבן. ער איז אויך געווען דער זעצער פֿון יהואָשעס תנ״ך־איבערזעצונג און אוריאל ווײַנרײַכס ייִדיש־ענגלישן־און ענגליש־ייִדישן ווערטערבוך.

(„טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, צווישן די „נאָטיצן״)

* * *

> אין 1976, תּיכּף נאָך מײַן טײַערער פֿרויס פּטירה, האָב איך זיך צוריקגעצויגן פֿון יעטוועדער באַצאָלטער באַשעפֿטיקונג. אָבער איך בין ווײַטער פֿאַרבליבן אַן אַקטיווער חבֿר אין די וויכטיקסטע צווײַגן פֿון ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. פֿון באַזונדערער וויכטיקײַט איז צו דערמאָנען די ליטעראַרישע לעקציעס, וואָס איך פֿלעג דעמאָלט אָפֿט געבן: (1) בײַ די אַ. ר. לייען־קרײַזן; (2) בײַם לייען־קרײַז פֿון די פּיאָנערן־פֿרויען; (3) בײַ די „פֿילאַדעלפֿיער פֿרײַנט פֿון ישׂראל״; (4) בײַ מײַן אייגענעם צווײַג פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, אויף וויפֿל מײַן צײַט און מײַנע כּוחות האָבן דערלויבט. דאָס איז אפֿשר געווען דער פֿאַרנומענסטער און שעפֿערישסטער פּעריאָד אין מײַן לעבן. אַגבֿ, מײַן פֿאַרנומענקײַט איז גראָד געווען אַ „רפֿואה״ קעגן מײַן „איינזאַמקײַט״...
>
> פֿ. ה.

* * *

אַרום יענער צײַט האָט די פֿילאַדעלפֿיער „טעמפּל־יוניווערסיטי״ געעפֿנט אַן אָפּטיילונג אין צענטער פֿון שטאָט, מיט אַ צאָל געוועזענע פּראָפֿעסאָרן, וועלכע האָבן דאָרטן געגעבן אַקאַדעמישע קורסן אין: פֿילאָסאָפֿיע, סאָציאָלאָגיע, וועלט־ליטעראַטור, שפּראַכן, אד״ג. כּדי צו

זײַן באַשעפֿטיקט אויך אין די פּרימאַרגנס און צו זײַן אין גוטער געזעל־שאַפֿט האָב איך זיך דאָרטן רעגיסטרירט אויף עטלעכע קורסן. הפּנים, מיך האָט כּסדר געצויגן צום „קלאַס־צימער", צי ווי אַ לערער, אָדער ווי אַ תּלמיד.

יאָ, נאָכדעם ווי דער דירעקטאָר פֿון יענע קורסן האָט מיך אינטער־וויואירט, האָט ער באַמערקט, אַז ווי אַ מאַן מיט אַזאַ רײַכער לערערי־שער דערפֿאַרונג ווי איר, וואָלט זיך אויך דאָ געקענט מאַכן נוצלעך ווי אַ לערער. ער האָט מיר גלײַכצײַטיק פֿאַרגעלייגט איבערצונעמען דעם קורס „ייִדיש 3", האָב איך פּשוט ניט געהאַט קיין האַרץ אָפּצוזאָגן. אויף־צווייטן לערניאָר האָט מען מיר אויך איבערגעגעבן דעם קורס „עבֿרית 3".

אַגבֿ, האָט מיך דאָרטן צוויי יאָר נאָכאַנאַנד באַזונדערס אינטערע־סירט דער קורס פֿון אַן אָנגעזעענעם פּראָפֿעסאָר ד"ר פּיין: „די הלכה



פֿון תלמוד אין פֿאַרגלײַך מיטן קאָדעקס פֿון אַמעריקאַנער געריכט". ער פֿלעגט זײַנע לעקציעס באַזירן אויף תלמודישע ווערק אין ענגליש. כאָטש ער גופא האָט קיינמאָל פֿריער קיין תלמוד ניט געלערנט, איז אָבער געווען זייער אינטערעסאַנט צו הערן זײַנע לאָגישע פֿאַרגלײַכונגען.

* * *

כאַראַקטעריסטיש, בעת אַט־די אַלע קורסן האָבן וואַקאַציע־צײַט (אין די זומער־חדשים) ניט פֿונקציאָנירט, פֿלעג איך פֿליען קיין ישׂראל אויף די עטלעכע חדשים יעדן יאָר כּדי זיך מער און מער צו באַקענען מיטן לאַנד און מיט די געזעלשאַפֿטלעך־קולטורעלע אַקטיוויטעטן דאָרטן.

האַ? ווי געפֿעלט עס אײַך? ניט קיין שלעכטער צײַט־פֿאַרטרײַב פֿאַר איינזאַמע עלטערע מענטשן!...

* * *

ד) פֿון דער ליטעראַטור*

(אַ צאָל ליטעראַטור־לעקציעס געהאַלטן בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהײַטן)

(1) מענדעלע מוכר־ספֿרים — דער „זיידע" פֿון דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור

(פֿון אַ לעקציע צום 30סטן יאָרצײַט נאָך אונדזער ערשטן „קלאַסיקער")

חשובֿע חבֿרים און חבֿרות:

מיט אײַער דערלויבעניש וועל איך אָנהייבן די לעקציע מיט אַ קורצן אַרײַנפֿיר.

איך בין יאָרן־לאַנג אַ גרויסער פֿאַרערער פֿון מענדעלעס שאַפֿן. איז כּדאַי צו דערמאָנען וועגן מײַן ערשטן קאָנטאַקט מיטן „זײַדען"... בײַ

---

*) אין משך פֿון פֿיל יאָרן איז דעם מחבר אויסגעקומען צו רעפֿערירן אויף ליטעראַרישע טעמעס בײַ פֿאַרשיידענע קולטור־קרײַזן. אַ טייל פֿון זיי זײַנען דערנאָך פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין אַלערליי פּובליקאַציעס (מיט פֿאַרקירצונגען).

אונדז אין שטאַט (אין פּוילן) איז קיין יידישע ביבליאָטעק יענע יאָרן ניט געווען. איז כמעט ניט געווען פֿאַר מיר קיין מעגלעכקייט צו לייענען מענדעלעס ווערק, הגם געוואוסט האָב איך פֿון זיין גרויסער ליטע־ראַרישער שעפֿערישקייט דורך די יידישע צייטונגען, וואָס פֿלעגן ביי אונדז יאָ דערהאַלטן ווערן.

איך האָב אָבער געקענט פּויליש און פֿלעג אָפֿט נעמען ביכער אין דער פּוילישער שטאָט־ביבליאָטעק. באַמערק איך דאָרטן איינמאָל אַ ביכל מיטן טשיקאַווען טיטל „דאָן קישאָט זשידאָווסקי" (סערוואַנטע־סעס באַרימט ווערק „דאָן קיכאָט" איז מיר געווען באַקאַנט פֿון פֿריער). זע איך, אַז דאָס איז אַן איבערזעצונג פֿון מענדעלעס „קיצור מסעות בנימין השלישי". די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן פֿונם פּוילישן שרייבער קלעמענס יונאָשאָ, וועלכער האָט זיך ספּעציעל אויסגעלערנט יידיש, כדי ער זאָל קענען לייענען די יידישע ליטעראַטור און די יידישע פּרעסע אין אָריגינאַל, און זייער וויכטיקן אינהאַלט דערנאָך איבערגעבן דעם אינטעליגענטן פּוילישן לייענער.

אין זיין לאַנגן אַריינפֿיר איז יונאָשאָ זיך מודה, אַז זיין ציל דערביי איז ניט קיין פּאָזיטיווער און ניט קיין נעגאַטיווער: ער איז ניט אויסן געווען דערמיט אַרויסצוברענגען זיין אייגענע פֿריינטלעכע אָדער פֿיינטלעכע באַציאונג צום יידישן פֿאָלק. דער דורכשניטלעכער פּאָליאַק איז, לויט זיין מיינונג, אומבאַקאַנט מיטן גייסטיקן לעבן פֿון זיין יידישן שכן. ער קען דעם יידן בלויז ווי אַ קרעמער אָדער בעל־מלאָכה אין משך פֿון וואָכעדיקן טאָג. אָבער וואָס טוט דער ייד נאָך זיין מאַטעריעלער האַוועניש? מיט וואָס באַשעפֿטיקט ער זיך ספּעציעל שבת און יום־טובֿ? אַפֿילו ווען דער פּאָליאַק זאָל דעם יידן באַטראַכטן ווי אַ שונא, דאַרף ער דאָך וויִנציקסטנס זיין באַקאַנט מיט זיינע וואָפֿן, מיט זיינע גייסטיקע כוחות!...

די דאָזיקע איבערזעצונג איז אַגבֿ אויסערגעוויינטלעך אינטערע־סאַנט. ס'איז ניט געווען קיין לייכטע אויפֿגאַבע פֿאַרן פּוילישן שרייבער איבערצוזעצן מענדעלעס אַ ווערק, וואָס איז פֿול מיט ספּעציפֿיש־יידישע אייגנקייטן, סיי בנוגע די יידישע שפּראַך־אידיאָמען און סיי בנוגע די באַזונדערע פֿירעכצן און מנהגים ביי יידן. יונאָשאָ קנעלט ממש כמעט אויף יעדן בלעטל מיטן פּוילישן אינטעליגענט אויפֿקלערנדיק אים שטי־קער לעבן פֿון יידישן שכן. איך האָב דאָס ביכל ממש געשלונגען און אַפֿילו דערין געמאַכט אַ היפּשע צאָל ראַנד־באַמערקונגען, אין דער

פאַרעם פון פּוס־נאָטיצן (הערות), וועגן געוויסע אויסטײַטשונגען און אויפקלערונגען, מיט וועלכע איך, דער יונגער בית־מדרש בחור, האָב ניט אין אַלץ מסכים געווען מיטן גרויסן פוילישן שרײַבער.

שפּעטער האָב איך שוין ניט דורכגעלאָזט קיין איינציקע געלעגנהײַט ניט צו לייענען מענדעלעס ווערק, און טאָקע זיך גריבלען אין זיי. נאָך שפּעטער האָט מיר דאָס מזל צוגעשפּילט צו האָבן אין ייִדישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק די צוויי קאָמפּעטענטסטע לערער וועגן אונדזערע קלאַסיקער — יואל ענטין און ש. ניגער. מײַן ליבע צו די קלאַסיקער פון אונדזער ליטעראַטור האָב איך פּרובירט דערנאָך אײַנפלאַנצן בײַ מײַנע עלטערע תּלמידים און תּלמידות בעת מײַן לערער־קאַריערע אין דער באַרימטער וויניפּעגער פּרץ־שול. — דאָס זײַנען געווען יונגע חבֿרה, וואָס האָבן געקענט ייִדיש און האָבן געוואָלט לערנען. און לערנענדיק אַנדערע, ווי באַוואוסט, לערנט מען אַליין אויך אַ היפּש ביסל.

דערפאַר, רבותי, בין איך זייער צופרידן, וואָס איך קען איצטער פאַר אײַך ריידן וועגן אונדזער באַליבטן שרײַבער, וועלכער פאַרנעמט דעם סאַמע אויבנאָן אין דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור.

מענדעלע מוכר־ספרים ווערט זייער טרעפלעך אָנגערופן „דער זיידע פון דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור": ווײַל פּונקט ווי אַ זיידע האָט מענדעלע מוכר־ספרים ליב געהאַט אין זײַן שרײַבן אי צו פאַרשאַפן זײַנע לייענער פאַרגעניגן, אי זיי צו לערנען אַביסל דרך־ארץ... און דאָס זײַנען אייגנטלעך די צוויי גרונט־שטריכן פון מענדעלעס כאַראַקטער: פון איין זײַט איז מענדעלע דער גרויסער קינסטלער, דער זעלטענער מאָלער פון רעאַלע לעבנס־בילדער, און דער וואונדערבאַרער נאַטור־שילדערער, וועלכער האָט אויפגעהויבן די ייִדישע ליטעראַטור פון איר פּרימיטיוון צושטאַנד און זי אַוועקגעשטעלט אויף אַ העכער מדרגה פון ריין־קינסטלערישן שאַפן; פון דער צווייטער זײַט איז מענדעלע אַ מאָראַליסט, אַ מוסר־זאָגער, אַ וועגווײַזער, אַ פאָלקס־לערער, אַ קעמפער, מיט אַ וואַרעמען טעמפּעראַמענט און אַ שאַרפן חוש פאַר סאָציאַלער גערעכטיקײַט, וועלכער האָט אַרײַנגעפירט אין צענטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור דעם סאָציאַלן עלעמענט.

בײַ מענדעלען האָבן, אַזוי צו זאָגן, זיך געראַנגלט דער קינסטלער, וואָס וויל דערציילן אַ שיינע מעשה, מיט דעם קעמפער, דעם שטראָ־

פּער, וואָס וויל עפּעס מתקן זײַן. דערפֿון נעמט זיך זײַן אָפּטע באַמער־קונג אין סאַמע מיטן פֿון אַ מעשׂה: „אָבער נישט דאָס בין איך אויסן״...

מענדעלע האָט געשעפּט פֿון דרײַ טיפֿע קוואַלן: פֿון דער נאַטור, פֿונם יידישן פֿאָלקס־לעבן, און פֿון דער ייִדישער קולטור.

אַדאַנק זײַן אײַנגעבוירענער ליבע צו דער נאַטור האָבן מיר פֿון מענדעלען, אין די פֿאַרשיידענע ווערק זײַנע, מוסטערהאַפֿטע נאַטור־בילדער, שיינע פּייסאַזשן און לאַנדשאַפֿט־באַשרײַבונגען, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר עכטע קונסט: בײַ מענדעלען אָטעמט די גאַנצע נאַטור מיט לעבן. בײַ אים האָט אַ נשמה יעדעס גרעזעלע, יעדעסביימל, יעדעס וואַסערל. זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מענדעלען איז זײַן פֿאַרייִדישן די נאַטור. בײַ אים, למשל, האָט דער וואַלד אלול־צײַט אַ ייִדישן אויסזען: אויסגעצוואָגן ווי אַ חתן־בחור, און דיביימער שאָקלען זיך אַזוי־ווי שטייענדיק שמונה־עשׂרה.

און ווײַל מענדעלע האָט זיך אידענטיפֿיצירט מיט די פֿאָלקסמאַסן, האָט ער באַוויזן אַרײַנצודרינגען אין די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿונם ייִדישן פֿאָלקס־לעבן און אונדז געבן פֿונם דאַזיקן לעבן אַ טרײַ בילד, אַן אמתן שפּיגל. אַליין אָנגעהויבן ווי אַ „משׂכּיל״, אַן אויפֿקלערער, מיט די שטרעבונגען און אידעאַלן פֿון דער „השׂכּלה״ אין דער ערשטער העלפֿט פֿונם 19טן יאָרהונדערט, אַרײַנצוברענגען אין ייִדישן לעבן: ליכט, בילדונג און אַלגעמיין וויסן, האָט מענדעלע באַלד איבערגעשטיגן זײַנע צײַט־חבֿרים, די משׂכּילים, און האָט טיפֿער פֿון זיי באַגריפֿן די אמתע סיבות פֿון די ייִדישע צרות.

זיי, די משׂכּילים, האָבן געמיינט, אַז שולדיק אין אַלע ייִדישע צרות איז, ווי זיי האָבן עס אָנגערופֿן, די „פֿינצטערניש״, די אומגעבילדעט־קייט פֿון דער ייִדישער מאַסע; און אַז די ערגסטע שונאים פֿון ייִדישן פֿאָלק זײַנען די „פֿאַנאַטיקער״: די רבנים און חסידים; און אַז ווי־נאָר עס וועט אַ שײַן טאָן אויף דער ייִדישער גאַס „די זון פֿון דער השׂכּלה״, וועט זײַן אַ סוף צו אַלע ייִדישע צרות. איז געקומען מענדעלע און האָט דער־קלערט, אַז די „פֿינצטערניש״ איז נישט די סיבה, נאָר גיכער דער רעזול־טאַט פֿון אַלע צרות, און אַז די אמתע סיבה פֿון דער אומנאָרמאַלער ייִדישער לאַגע ליגט גאָר ערגעץ אַנדערש...

אין „ווינטשפֿינגערל״ למשל זאָגט דער אומבאַקאַנטער: „היגע ייִדן, נעבעך, באַדאַרפֿן ברויט, נישט קיין ספֿרים״... באַזונדערס בולט ווערט דער דאָזיקער געדאַנק אויסגעדריקט אין דער „קליאַטשע״, אינם קאַ־

פֿיטל „קיין טאַנץ גייט ניט פֿאַרן עסן". דאָרט ווערט אַרויסגעבראַכט, אַז פֿריער דאַרף מען פֿאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די ייִדן, כדי דאָס פֿאָלק זאָל האָבן פֿון וואָס צו לעבן. דעמאָלט ערשט וועט דאָס פֿאָלק האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו נעמען צו בילדונג...

מענדעלע זעט די הויפּט־צרה פֿון ייִדישן פֿאָלק אינם דלות, אין דער עקאָנאָמישער אָרעמקייט פֿון די מאַסן, ווי ער דריקט עס אויס זייער קלוג אינם ווערטל: „וקבצנו יחד — כל ישראל איין קבצן"... שטענדיק שוועבט פֿאַר מענדעלעס אויגן „די אַלטע גרויסע ייִדישע טאַרבע", וואָס איז ביי אים דער סימבאָל פֿונם ייִדישן דלות, פֿונם „לעבן פֿון ווינט", פֿון די מ'שטיינס געזאָגט „ייִדישע לופֿט־פּרנסות". דעריבער רופֿט מענדעלע צו באַקעמפֿן פֿריער די סיבות, וואָס באַשאַפֿן די לאַגע פֿון קאַבצאַנסק, גלופּסק און טונעיאַדעווקע. און די סיבות, מיינט מענדעלע, ליגן פֿון איין זייט אין דער אומגערעכטיקייט מצד דער דרויסנדיקער וועלט לגבי דעם ייִדישן פֿאָלק; פֿון דער אַנדערער זייט — אין די סאָציאַלע אומרעכטן פֿון אינעווייניק גופֿא: פֿון דרויסן זיינען עס געווען די שווידערלעכע אויסנאַם־געזעצן און אַנטי־ייִדישע גזירות פֿון דער צאַרישער רעגירונג, וועלכע האָבן פֿאַרן ייִדן אַפֿילו ענג געמאַכט די לופֿט צו אָטעמען; און אינעווייניק האָבן די ייִדישע מאַסן געליטן מצד זייערע אייגענע „בעלי־טובֿות", די בעלי־טאַקסעס, די קהלישע קאָכלעפֿל מיט זייער גאַנצער כנופֿיא... אין אַלע זיינע ווערק נעמט זיך מענדעלע שטאַרק אָן פֿאַר די אָרעמע מאַסן, זיינע ווערק זיינען פֿול מיט בילדער וועגן דער ייִדישער אָרעמקייט און וועגן דעם אומיושר, וואָס האָט געהערשט ביי די פּירער פֿון קהל לגבי די אָרעמע מאַסן ייִדן. מענדעלע האָט מיט דער הילף פֿון זיין שאַרפֿער סאַטירישער פען ביטער באַקעמפֿט די רעדל־פֿירער פֿון דער ייִדישער קהילה און ער האָט דערפֿאַר געשאַפֿן קעגן זיך אַ סך שונאים צווישן די „פּני" פֿון די שטעטלעך.

מענדעלע האָט אַ סך געשריבן, און פֿיל מאָל איבערגעשריבן, שלייפֿנדיק די שפּראַך און דעם סטיל פֿון זיינע ווערק. ער איז געווען אַ ייִד אַ תלמיד־חכם, אַ פּיקח, מיט גרויסן שרייבערישן טאַלאַנט. זיינע ווערק זיינען פֿול מיט פֿאַנטאַזיע און ייִדישער חכמה, מיט וואַרעמע געפֿילן און קלוגע געדאַנקען, מלא וגדוש מיט קונסט און וויסן. די שרייבער פֿאַר אים, די משכּילים, האָבן געשריבן וועגן דעם ייִדישן לעבן אויבערפֿלעכלעך. מענדעלע האָט געגראָבן אין דער טיף, צו די סאַמע וואָרצלען פֿון ייִדישן דענקען און פֿילן, צו דער ייִדישער פֿאָלקס־נשמה.

אין מענדעלעס ווערק, קען מען זאָגן, איז פֿאַראייביקט אַ גאַנצע עפּאָכע פֿון יידישן לעבן. אין שייכות דערמיט איז כאַראַקטעריסטיש צו ציטירן די מיינונג פֿונם באַרימטן העברעיש־יידישן שיין־שרײַבער און ליטע־ראַטור־קריטיקער דוד פֿרישמאַן וועגן מענדעלען דעם רעאַליסט: „אויב צוליב אַ צופֿאַל וואָלט דאָס יידישע פֿאָלקס־לעבן פֿאַרשוואונדן און עס וואָלטן פֿאַרבליבן בלויז מענדעלעס ווערק, וואָלט דער לייענער גע־קענט פֿון זיי זיך שאַפֿן אַ פֿולשטענדיק בילד וועגן דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט״...

מענדעלע האָט אַרײַנגעפֿירט אין דער יידישער ליטעראַטור דעם פּשוטן יידן: דעם בעל־מלאָכה, דעם קרעמער, דעם משרת, אַפֿילו דעם בעטלער. אַ גאַנצן ראָמאַן — „פֿישקע דער קרומער״ — האָט ער דאָך אָנגעשריבן וועגן דעם בעטלער־לעבן בײַ יידן! און ער האָט די דאָזיקע יידישע טיפּן געמאָלן ניט חלילה כדי אָפּצולאַכן פֿון זיי, נאָר פֿאַרקערט, מיט טיפֿער סימפּאַטיע, צו ווײַזן, אַז זיי זײַנען מענטשן ערלעכע, מיט האַרץ און נשמה.

מענדעלע דער בעל־לשון, דער למדן, וואָס האָט געשאַפֿן אַ נײַעם פּראָזע־סטיל אין העברעיש, איז פֿרי איבערגעגאַנגען צו יידיש, צום לשון פֿון די פֿאָלקס־מענטשן, און האָט עס געלײַטערט און באַרײַכערט, ביז ער האָט עס דערהויבן צו דער מדרגה פֿון אַ ליטעראַטור־שפּראַך. און ניט נאָר שפּראַך — מענדעלע האָט דער יידישער ליטעראַטור גע־געבן סטיל, נוסח. פֿון מענדעלען אָן האָט מען בײַ אונדז אָנגעהויבן אָפּצושאַצן אין אַ ווערק ניט נאָר דעם נאַראַטיוו, דעם סיפּור־המעשׂה און די „העלדן״, נאָר אויך דעם אייגנאַרטיקן סטיל פֿון שרײַבער.

מענדעלע האָט פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור געשאַפֿן טראַ־דיציע: צו שעפּן מאַטעריאַל פֿון דער אייגענער יידישער סבֿיבֿה, צו באַ־שרײַבן און שילדערן די יידישע ווירקלעכקײַט, מיט אירע מעלות און חסרונות. אַ גאַנצער דור יידישע שרײַבער זײַנען גײַסטיק געשטאַנען אונטער מענדעלעס השפּעה, אַזוי, אַז לייענענדיק זייערע ווערק, לייענען מיר גלײַכצײַטיק אויסערדעם אויך שטיקער פֿון דעם „זיידנס״ שאַפֿן. צוליב אַט־די אַלע גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַרנעמט מענדעלע מוכר־ספֿרים אויף תמיד דעם סאַמע אויבנאָן אין דער נײַ־יידישער ליטע־ראַטור, אַפֿילו ווען אין דער נײַער צײַט בײַט זיך אָפֿט סײַ דער געשמאַק און סײַ דער צוגאַנג צו ליטעראַרישע ווערטן בכלל. עס איז ניט קיין

צופאַל, וואָס די גרעסטע שרײַבער און קינסטלער אונדזערע האָבן בשעתם אַרויפגעקוקט צום „זיידן" מיטן טיפסטן דרך־ארץ.

לאָמיר פאַרענדיקן אונדזער הײַנטיקן מענדעלע־שמועס מיט פּאַסיקע אויסצוגן פון צוויי זייער אָנגעזעענע וואָרטזאָגער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

י. ל. פּרץ, אין זײַן אָפּשאַצונג וועגן דעם „זיידן" פון דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור, דריקט זיך אויס: „מענדעלע איז דער ערשטער, וואָס האָט ניט באַטראַכט זײַן אַרבעט ווי אַ בריק אויף אַריבערצופירן די קליאַטשע, זי זאָל זיך פּאַשען אין אַן אַנדער פעלד: ער איז דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט ליבע און אַכטונג צו זײַן קינסטלערישן אינסטרומענט — צום ייִדישן וואָרט, און האָט עס געהאַלטן און דערצויגן ריין; ער איז דער ערשטער, וואָס האָט אַ ייִדישן סטיל באַשאַפן; ער איז דער ערשטער, וואָס האָט מיט אָפענע אויגן אויפן ייִדישן לעבן געקוקט, אייגנאַרטיק געצייכנט און געמאָלן דאָס אָרעמע ייִדישע לעבן — דיווירקלעכקייט: און ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערזען דאָס אַלץ אין ריכטיקן געשטאַלט און געזאָגט צו זײַן דור משׂכּילים: „פון רעפאָרמען רעדט איר? פון השׂכּלה? — דאָס פאָלק דאַרף ברויט!". און נאָך אין פיל, פיל זאַכן איז מענדעלע געווען דער ערשטער, דער דערפינדער, דער באַשאַפער". עד כאן פּרץ.

ש. ניגער, ציטירנדיק די „זכרונות" פון מענדעלעס טעכטער, גיט איבער: „פון וואַרשע איז געקומען אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע און האָט אים (מענדעלען) אײַנגעלאַדן צו קומען אַהין אויף אַ באַזוך. ער האָט שוין אַמאָל געהאַט אַ יום־טובֿ אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט. דאָס איז געווען, ווען עס זײַנען אַרויס די פּוילישע איבערזעצונגען פון „מסעות בנימין השלישי" און „די קליאַטשע". אָבער דאַן האָבן אים מקבל־פּנים געווען פּוילישע שרײַבער. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט אַפילו כמעט נישט געוווּסט דערפון. איצט האָבן אים ייִדן אויפגענומען — און אויפגענומען מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ חסידישער התלהבֿות, אויף וועלכער ער האָט זיך גאַרנישט געריכט . . . אויפן וואַרשעווער וואָקזאַל האָט אים באַגעגנט אַ טויזנט־קעפּיקער עולם . . . מען האָט דעם „זיידן" אויף די הענט געטראָגן פון וואַגאָן אין אַ קאַרעטע. מ'האָט אים פאַרשאָטן מיט בלומען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַגריסונגען, באַנקעטן אָן אַ סוף . . . די יוגנט האָט בוכשטעבלעך טאָג־און־נאַכט דיזשורירט לעבן האָטעל . . . נאָך וואַרשע איז אים אויסגעקומען אָנצונעמען אײַנלאַדונגען קיין

לאָדזש און ביאַליסטאָק. אומעטום זײַנען פאַרגעקומען טריאומף־צוגן, באַגײַסטערטע אויסדרוקן פון ליבע און פאַרערונג פון זײַן טאַלאַנט" (צו זײַן 75סטן געבוירנטאָג).

* * *

נ. ב. — איך האַלט עס פאַר פּאַסיק צו פאַרענדיקן די טעמע „מענ־דעלע" מיט מײַנס אַ פּערזענלעכן בריוו פון 24סטן מערץ, 1954, צום גרויסן ליטעראַטור־קענער ש. ניגער.

חשובֿער חבֿר ש. ניגער:

אין שייכות מיט אײַערע צוויי אַרטיקלען „וועגן מענדעלעס זון מאיר" חידושט מיך זייער, וואָס סײַ איר און סײַ ל. פײַנבערג האָט פאַר־קוקט אַזאַ וויכטיקן „עד־ראיה", ווי עס איז געווען דער שרײַבער ב. עפּעלבוים — כמעט דער פּריוואַט־סעקרעטאַר פונם „זיידן" די לעצטע עטלעכע יאָר פון זײַן לעבן. עפּעלבוים פלעגט זיצן בײַ מענדעלעס שרײַב־טיש און פאַרשרײַבן אַלץ, וואָס דער „זיידע" האָט אים דיקטירט.

אין זײַן בוך „דעם זיידנס שקיעה", געשריבן אין פילאַדעלפיע אין 1928, צום צענטן יאָרצײַט נאָך מענדעלען, און אַרויסגעגעבן אין פאַר־לאַג „בזשאַזאַ", וואַרשע, 1931, זײַטל 111, שילדערנדיק מענדעלעס לוויה, שרײַבט ב. עפּעלבוים:

... „עס רעדן דעלעגאַטן, טרויער־רעדע נאָך טרויער־רעדע.

מיטאַמאָל — עס ווערט שטיל און בײַם אָפענעם קבֿר באַווײַזט זיך אַ הויכער מאַן, מיט גרויע האָר און אַ ווײַס בערדל: מענדעלע! פּונקט דער זעלבער!

דאָס איז געווען מענדעלעס איינציקער זון. האָט אויסגעזען פּונקט ווי מענדעלע. געשטאַנען אויסגעשטרעקט, הויך, דאָס קליינע, ווײַסע בערדל אויף פאַרויס פאַרריסן, די נאָז פאַרשפּיצט. שוין אַליין אַ זקן.

אַ מאָדנע זעאונג: מענדעלע זאָגט קדיש נאָך מענדעלען!

און — דער זון מאיר נעמט רעדן. ער רעדט רוסיש. נאָר ס'איז אַזוי ייִדיש! ער דערציילט עפּעס אַ לעגענדע: גאָט, ברוך־הוא, האָט צוגעזען די גרויסע זינד פון ישׂראל. ער האָט געזען, ווי ישׂראל הרגעט־אויס זײַנע נבֿיאים. און ער האָט די ייִדן דערפאַר פאַרטריבן. און אַז גאָט האָט זיך שפּעטער באַדענקט און רחמנות באַקומען אויף זײַן פאָלק, האָט ער

גענומען אַ ליכטיקע, בריליאַנט־ריינע נשמה פֿון זײַן אוצר, האָט זי אַראָפּגעשיקט אויף דעם עולם און געזאָגט:

— „גיי, זײַ אַ נבֿיא, אַ מורה־דרך, און אויב דאָס פֿאָלק ישׂראל וועט דיך נישט הרגענען און דו וועסט צוריקקומען צו מיר, און דאָס פֿאָלק וועט דיך באַווייַנען—, וועל איך וויסן, אַז עס איז געקומען די צײַט אויסצולייזן מײַן פֿאָלק”.

און געוואַנדערט האָט די נשמה אויף דעם עולם. ווי לאַנג? — ווער קאָן דאָס וויסן? וואָרים:

— דאָס לעבן פֿון דעם מענטש, וואָס ליגט דאָ אין קבֿר... זײַן לעבן איז געווען אַ לעגענדע... און פּונקט ווי בײַ יעדער לעגענדע וויסן מיר נישט דעם אָנהייב... אַזוי וויסן מיר נישט זײַן אָנהייב: מען מיינט, אַז צוויי־און־אַכציק יאָר האָט ער געלעבט... מען זאָגט: עלטער איז ער געווען. אפֿשר נײַנציק... און אפֿשר די גאַנצע הונדערט... ווער ווייסט דעם אָנהייב פֿון דער לעגענדע?

און איצט קערט צוריק די ליכטיקע נשמה פֿון איר וואַנדער־וועג. און דאָס פֿאָלק — נישט נאָר האָט עס דעם נבֿיא נישט געהרגעט, נאָר אַלע שטייען מיט געזונקענע קעפּ פֿאַר זײַן קבֿר...”.

„ער האָט גערעדט מיט טיפֿן צער, מיט גמטריות, גערעדט רוסיש. נאָר אַזוי ייִדיש...”.

* * *

חבֿר ניגער, דאַרף מען נאָך מער באַווײַזן? דאַכט זיך, שוואַרץ אויף ווײַס! און אַזאַ גבֿית־עדות!

מיט כּבֿוד און דרך־ארץ,

פּ. הערשטיין

(2) שלום־עליכם — צום 50סטן יאָרצײַט

(„פֿאַרוואָס איז שלום־עליכם געווען אַזוי פּאָפּולער בײַ די פֿאָלקסמאַסן?”)

קיין איינער פֿון די גרויסע ייִדישע שרײַבערס האָט ניט דערגרייכט אַזאַ פּאָפּולאַריטעט ווי שלום־עליכם. ער האָט ממש געפֿאַנגען די פֿאַנ־טאַזיע פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן. עס האָבן שלום־עליכמען געלייענט אַלע קלאַסן ייִדן: דאָס דינסט־מיידל, דער בעל־מלאָכה, דער קרעמער,

דער יוסטער באַלעבאָס, און דער ייִדישער אינטעליגענט. און נאָך בײַם הײַנטיקן טאָג, 50 יאָר נאָך זײַן טוט, ווען די מערכה פֿון ייִדיש האָט געקראָגן אַזעלכע שווערע קלעפּ דורכן אומקום פֿון 6 מיליאָן ייִדיש־ריידנדיקע ייִדן, קוויקט מען זיך נאָך אַלץ מיט די וואונדערלעכע, קינסטלערישע שאַפֿונגען פֿון שלום־עליכמס גאָלדענער פען, און עס פֿאָסמאַקעווען זיך מיט זײַנע בילדער און טיפּן פֿון כתרילעווקע, מאַזעפּעווקע און יעהופּעץ אַפֿילו אַזעלכע ייִדן, וואָס האָבן אפֿשר קיינמאָל אין זייער לעבן קיין ייִדיש וואָרט ניט אַרויסגערעדט. איז דאָס ניט קיין וואונדער?

ניט קיין קלענערער וואונדער איז די גאַנצע דערשיינונג פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס די ייִדיש־ליטעראַרישע וועלט האָט ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק געפֿײַערט איר 100־יאָריקן יובֿל. אמת, די ליטעראַטור אויף ייִדיש איז שוין אַלט אַ קיימא־לן פֿון אַרום 800 יאָר, אָדער מער. אָבער די דאַטע פֿון דער נײַער קינסטלערישער ליטעראַטור אויף ייִדיש רעכנט זיך פֿון 1863 אָן, ווען מענדעלע מוכר־ספֿרים האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרעפֿנטלעכן „דאָס קליינע מענטשעלע" אין אלכסנדר צעדערבוימס „קול מבֿשׂר", אַ וועכנטלעכע בײַלאַגע צום העברעישן „המליץ". און כאָטש אין יענעם בראשית־פּעריאָד פֿון דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור האָט די ייִדישע „אינטעליגענציע" אַרויסגעוויזן אַ באַציאונג פֿון גרינגשעצונג און ביטול צום אייגענעם ייִדישן מאַמע־לשון, האָבן אונדזערע קלאַסיקער: מענדעלע מוכר־ספֿרים, שלום־עליכם און י. ל. פּרץ, זיך אָפּגעגעבן מיט ליבע צו דער שאַפֿונג פֿון גרויסע ליטעראַרישע ווערק אויף ייִדיש. נאָך די ראשונים איז באַלד אויפֿגעקומען אַ גאַנצע פּלעיאַדע יונגע קינסטלערס — שרײַבערס פֿון הויכער קרעאַטיוויטעט, וועלכע האָבן באַרײַכערט אונדזערע גײַסטיקע אוצרות אויף ייִדיש און האָבן איבערגעלאָזן לדורות אַ פֿיל־פֿאַרביקע קולטור־ירושה.

דעם אמת געזאָגט, האָט מען שלום־עליכמס ווערק קיינמאָל אַזוי פֿיל ניט געלייענט, ווי מ'האָט זיי פֿאַרגעלייענט. עס זײַנען געווען צײַטן, ווען מ'האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט קיין ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכע שׂמחה אָן אַ שלום־עליכם־פֿאַרלעזונג. אַ גרויסע צאָל ייִדן איבער דער וועלט, ניט דווקא קיין פּראָפֿעסיאָנעלע טעאַטראַלן, האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין פֿאַרלייענען שלום־עליכמען. אויך קען יעדער ייִדישער לערער דערציילן וועגן פֿיל יום־טובֿדיקע מאָמענטן אין קלאַס־צימער, בשעת ער, אָדער אַ געראָטענער תלמיד, פֿלעגט פֿאַרלייענען אַ מעשׂה פֿון שלום־

עליכמס בוך „מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער“, אָדער פֿון זײַן בוך „לכּבֿוד יום־טובֿ“. אויך אין דער ייִדישער שול, הייסט עס, איז שלום־עליכם געווען דער פּאָפּולערסטער שרײַבער, הגם מ׳האָט דאָרט געלערנט אויך די שאַפֿונגען פֿון פֿיל אַנדערע ייִדישע שרײַבער און פּאָעטן.

פֿון וואַנען האָט זיך טאַקע גענומען שלום־עליכמס אומפֿאַרגלײַכלעכע פּאָפּולאַריטעט, וואָס קיין ייִדישער שרײַבער פֿאַר אים און קיין ייִדישער שרײַבער נאָך אים האָט נאָך דערווײַל ניט זוכה געווען צו דערגרייכן?

איז עס געווען זײַן טאַלאַנט? — ער איז דאָך ניט געווען דער איינציקער ייִדישער שרײַבער, וואָס איז געווען געבענטשט מיט אַזוי פֿיל טאַלאַנט. ס׳איז אָנגענומען, אַז דאָס גליק פֿון דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס בײַם סאַמע אָנהייב פֿון איר אַנטוויקלונג האָבן געווירקט אין איר אַזעלכע טאַלאַנטפֿולע ריזן, וואָס זייער שעפֿערישע השפּעה לאָזט זיך נאָך פֿילן ביזן הײַנטיקן טאָג.

איז עס געווען זײַן הומאָר? — שלום־עליכם איז דאָך ניט געווען ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער הומאָריסט בײַ ייִדן: וואו זײַנען מענדעלע מוכר־ספֿרים גופֿא, יואל לינעצקי, מאָני דלוגאַטש, חיים יאַסעלעס, אָדער אײַזיק מאיר דיק, און אַנדערע? הומאָר איז אַלע מאָל געווען אַ טייל פֿון ייִדישן סטיל, וואָס שטימט מיט דער ייִדישער כאַראַקטעריסטיק זיך צו וויצלען אַפֿילו איבערן אייגענעם שלים־מזלדיקן גורל...

דער סוד פֿון שלום־עליכמס דערפֿאָלג איז גיכער געלעגן אין דער קאָמבינאַציע פֿון פֿיל עלעמענטן אין זײַן שרײַבן. לאָמיר, אדרבא, פּרוּוון אין קורצן אַנאַליזירן שלום־עליכמס באַזונדערן צושטײַער צו דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין זײַן בוך „שלום־עליכם“, וואָס איז אַן אמתער פּערל אין דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק, פּרוּווט ש. ניגער אַרײַנדרינגען אין די קוואַלן פֿון שלום־עליכמס שאַפֿן. דער וויכטיקסטער שאַפֿונגס־קוואַל פֿון דיכטער איז, לויט ש. ניגער, דער אייגענער טאַלאַנט. אָבער די השפּעות פֿון דרויסן האָבן אָפֿט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דאָזיקן טאַלאַנט. לגבי שלום־עליכמען, האַלט ניגער, זײַנען די דאָזיקע השפּעות געקומען איבערהויפּט פֿון צוויי מענטשן, וועלכע זײַנען געווען ווײַט איינער פֿונעם אַנדערן כּרחוק מזרח ממערבֿ און וואָס ס׳איז שווער זיי צו דערמאָנען איינעם לעבן דעם אַנדערן אָן אַ „להבֿדיל“ — דאָס

זײַנען: מענדעלע מוכר־ספרים, דער „זיידע" פֿון דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור, פֿון איין זײַט; און שמ"ר, דער פּאָפּולערער שרײַבער פֿון שונד־ראָמאַנען, פֿון דער אַנדערער זײַט. מענדעלע, איז, אַזוי צו זאָגן, געווען שלום־עליכמס „יצר־טובֿ", בעת שמ"ר איז געווען זײַן „יצר־הרע". שמ"ר איז געווען פֿאַר שלום־עליכמען דער נעגאַטיווער עלע־מענט, וועלכן ער האָט אָפּגעשטויסן פֿון זיך; און מענדעלע איז, פֿאַר־קערט, געווען דער פּאָזיטיווער עלעמענט, וועלכער האָט אים געצויגן צו זיך.

פֿון שמ"רן האָט שלום־עליכם איבערגענומען בלויז דעם גרויסן פֿאַרלאַנג צו ווערן דער שרײַבער פֿאַר די ברייטע מאַסן. ער האָט זיך, אויב מ'קען אַזוי זאָגן, פּשוט מתקנא געווען אין שמ"רס פּאָפּולאַריטעט. דאַקעגן האָט ער פֿון מענדעלען איבערגענומען אַ סך גוטע זאַכן: צו באַ־שרײַבן די ייִדישע ווירקלעכקײַט, צו געבן בילדער פֿון רעאַלן ייִדישן לעבן, און אַכטונג צו געבן אויפֿן ייִדישן לשון. ער איז אָבער כסדר גע־גאַנגען אויף אייגענע וועגן: נאָר אַנשטאָט דעם כלל־ישׂראל ווי בײַ מענ־דעלען, האָט ער געשילדערט דעם רב־ישׂראל, דעם יחיד; אַנשטאָט סאַ־טירע, מענדעלעס כלי־זיין, האָט ער אויסגעקליבן דעם וועג פֿון הומאָר; אַנשטאָט אַפּלאַכן — בעסער לאַכן; אַנשטאָט צו שרײַבן מיטן צוועק מתקן צו זיין די וועלט, גיכער שרײַבן לשם שרײַבן גופֿא, לשם דעם פֿאַרגעניגן פֿון שרײַבן; אַנשטאָט פריידיקן מאָראַל, שטראָפֿן דעם לייענער, בעסער געבן ריינע קונסט. אָבער ער האָט אַלעמאָל אַרויפֿ־געקוקט אויפֿן „זיידן" ווי אויפֿן אידעאַל פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. מענדעלעס בילד, אַזוי דערציילט זיך, איז תמיד געשטאַנען בײַ אים אויפֿן שרײַבטיש, און שרײַבנדיק (אַזוי האָט שלום־עליכם אַליין דער־ציילט י. ח. ראַביניצקין) פֿלעגט ער פֿון צײַט צו צײַט אויפֿהייבן די אויגן צום זיידענס פּאָרטרעט און טראַכטן, צי וועט אים געפֿעלן דאָס, וואָס ער שרײַבט איצט?...

באַוואָפֿנט מיט אייגענעם גרויסן טאַלאַנט און מיט די דערמאָנטע השפּעות פֿון דרויסן האָט שלום־עליכם אויף זײַן אייגענעם שטייגער זיך גענומען ערנסט צו דער עובֿדא פֿון אַ פּראָדוקטיוון שרײַבער. לויט אַלע ידיעות, וואָס מיר פֿאַרמאָגן, איז שרײַבערײַ געווען שלום־עליכמס באַ־ליבטסטע אייגנשאַפֿט. און ער האָט געהאַט גענוג פֿון וואָס צו שרײַבן און פֿון וואַנען צו שעפּן — דער גאַנצער אַרום פֿון דער ייִדישער ווירק־לעכקײַט אין זײַן צײַט איז געווען פֿול מיט אינטערעס, ממש אַן אומ־

דערשעפּלעכער קוואַל. אַדאַנק זײַן נאָענטקײַט צו אַלע סאָרטן קלאַסן ייִדן האָט ער געהאַט געגוג שטאָף, געגוג אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל פֿאַר אַלעמען. עס מערקט זיך בײַ שלום־עליכמען זייער אָפּט אַ פֿולשטענדיקע האַרמאָניע צווישן דעם שרײַבער און די לייענערס, סײַ לויטן אינהאַלט פֿון די ווערק און סײַ לויט דער שרײַבערישער פֿאָרעם. דער הומאָר איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דאָס „צוקער־לעקעכל", וואָס האָט דערנעענטערט די מאַסן לייענערס צו זײַנע ווערק, אַזוי, אַז גאָר־אינגיכן זײַנען שלום־עליכמס העלדן געוואָרן די בשותּפֿותדיקע סינאָנימען בײַ די ייִדן איבער דער גאַנצער וועלט.

פֿון שלום־עליכמס הומאָריסטישע ווערק קען זיך אויבערפֿלעכלעך אויסדאַכטן, אַז ער האָט געזען נאָר די ליכטיקע זײַט פֿון דער ייִדישערווירקלעכקײַט. דאָס איז אַ פֿאַטאַלער טעות. אינטערעסאַנט איז, וואָס דווקא בײַם ערשטן־קלאַסיקן הומאָריסט שלום־עליכם שפּיגלט זיך אָפּ די ייִדישע טראַגעדיע מער און בולטער איידער בײַ די אַנדערע קלאַסיקער אונדזערע, מענדעלע און פּרץ. וואָס אַשטייגער זעען מיר בײַ זיי? — נאָך אַ מאָל און איבער אַ מאָל: ייִדישע אָרעמקײַט, לאָקאַלע עוולות, אינערלעכע רײַסערײַען, אומיושר, פֿאַלשקײַט, צבֿיעות בײַ קהילה־פּירערס, בײַ די כּלי־קודש... בײַ מענדעלען ספּעציעל: די „טאַקסע", קאַמף פֿון „פֿאַנאַטיקער" קעגן די „שקאָלעס", דאָס אָפּגעבן אָרעמע בחורים אין מיליטער־דינסט. דאַקעגן בײַ שלום־עליכמען זײַנען די ייִדישע צרות פֿון טיפֿערן, אוניווערסאַלן באַטײַט: מע טרײַבט ייִדן פֿון די דערפֿער, מע נעמט פֿון זיי אַוועק דאָס וואוינרעכט אין די גרעסערע שטעט; די גאַנצע ייִדישע עקאָנאָמיק ווערט צעבראָכן; טאָג־טעגלעכע בילבולים און גזירות קעגן ייִדן; אַפֿילו פּאָגראָמען אויף אַן אָרגאַניזירטן מאַסשטאַב; ייִד'שע סטודענטן שמדן זיך צוליב קאַריערע; עס קומען־פֿאַר ליבע־טראַגעדיעס; ייִדישע בחורים ווערן פֿאַרשיקט קיין סיביר פֿאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקײַט; מע צעברעכט אײַנגעפֿונדעוועטע ייִדישע היימען, און נעכטיקע באַלעבאַטישע ייִדן לאָזן זיך אַוועק וואַנדערן איבער דער וועלט כּדי צו געפֿינען אַ דאַך איבערן קאָפּ פֿאַר זיך און דער משפּחה; ייִדן ווערן וואַנדערנדיק ממש ציגײַנערס; ייִדישע פֿאַמיליעס ווערן צעריסן, און נאָך און נאָך... אָן אַ שיעור!...

אָט־די אַלע טראַגעדיעס פֿון ייִדישן לעבן געפֿינען אַ טיפֿן אָפּ־קלאַנג אין די 28 ביכער פֿון שלום־עליכמען, כאָטש זיי זײַנען מייסטנס געשריבן אין עכט־הומאָריסטישן סטיל.

איצטער קענען מיר מאַכן אַ קורצן סך־הכל פֿון די הויפּט־פֿאַקטאָרן, וואָס האָבן באַווירקט שלום־עליכמס געוואַלדיקע פּאָפּולאַריטעט ביי די מאַסן לייענערס.

שלום־עליכם האָט בפּירוש זיך באַמיט צו זיין אינטערעסאַנט פֿאַרן לייענער — אויב שמ״ר האָט צוגעצויגן צו דער ייִדישער ליטעראַטור נייע לייענערס, האָט שלום־עליכם אויך דעם אַלטן לייענער איבער־געאַנדערשט: ער האָט ביי אים אַנטוויקלט דעם עסטעטישן געשמאַק צו ליטעראַטור.

שלום־עליכם איז געוואָרן נאָענט צום פֿאָלק דורך מאָלן פֿאַר אים בילדער פֿון רעאַלן ייִדישן לעבן און אַדאַנק דעם אייגנאַרטיקן אופֿן און סטיל פֿון זיין שרייבן. דאָס פֿאָלק האָט זיך אין זיינע ווערק ממש גע־שפּיגלט.

ביי שלום־עליכמען איז פֿאַראַן פֿיל סימפּאַטיע צו זיינע העלדן: ער האָט גרויס רחמנות אויף מנחם־מענדלען דעם פֿאַנטאַזיאָר, וועמען עס גייט כסדר מיט דער פּוטער אַראָפּ, און ער ווייזט־אַרויס וואַרעמע ליבע צו טובֿיהן דעם פּשוטן פֿאָלקס־מענטש און לעבט מיט אים דורך אַלע זיינע איבערלעבענישן, קאַלטס און וואַרעמס.

שלום־עליכם האָט ניט אָפּגעלאַכט פֿון זיינע העלדן, נאָר געלאַכט מיט זיי, ווייל לאַכן איז געזונט — „דאָקטוירים הייסן לאַכן״.

שלום־עליכם איז מיט זיין שרייבן ניט אויסן געווען מתקן צו זיין די וועלט: ער האָט געשאַפֿן צוליבן פֿאַרגעניגן פֿון שאַפֿן גופֿא. און דאָס האָט געהאַט גאָר אַ גרויסע צוציאונגס־קראַפֿט פֿאַרן דורכשניטלעכן לייענער, וועלכער האָט בטבע געזוכט אין לייענען ניט קיין תורה, נאָר אַ ביסל תענוג.

שלום־עליכם באַווייזט זיך אין זיין שרייבן ווי אַ פֿאָלקס־מענטש אין פֿולן זין פֿון וואָרט, אָן מחיצות צווישן אים און דעם לייענער. א. א. ראָבאַק דריקט זיך אויס אין זיין ענגלישן בוך „די סטאָרי אָוו ייִדיש ליטעראַטשור״: — „שלום־עליכם איז אין זיין אייגענעם עלעמענט, ווען ער שילדערט דאָס פּשוטע פֿאָלק: „עמך״ — סוחר, קרעמער, בעל־מלאָכה, מאַרק־ייִדענע, קאַמיוואָיאַזשאָר, איידעם־אויף־קעסט״.

שלום־עליכם איז פֿון דער נאַטור געווען אַ פֿאַמיליע־מענטש (ווי עס איז באַזונדערס בולט אַרויסגעבראַכט אין די באַשרייבונגען אין „שלום־עליכם־בוך״), און ער האָט אויך באַטראַכט דעם ייִדיש־לייענער ווי אַ מיטגליד פֿון זיין משפּחה. ער האָט גערעדט צו אים, ווי מע רעדט

געוויינטלעך צו אַן אייגענעם, מיטן אמתן פֿאָלקס־אידיאָם, מיטן פֿאַסיקן ווערטל, אַן באַפּוצונגען. אויף אַזאַ אופֿן האָט ער, אַגבֿ, דערהויבן פּשוטע ווערטער און אויסדרוקן צו דער מדרגה פֿון אַ ליטעראַטור־שפּראַך.

און בײַם סוף: כּדי ריכטיק צו פֿאַרשטיין אַ שרײַבער מוז מען אים אָפּשאַצן אין דער ראַם פֿון זײַן אייגענער צײַט, ווען ער האָט געלעבט און געווירקט. די צײַט, אין וועלכער עס האָט געלעבט און געווירקט שלום־עליכם, איז געווען אַ באַזונדערס וויכטיקער גורם און אַ קאָלאָ־סאַלער פֿאַקטאָר אין זײַן באַליבטקײַט בײַ די פֿאָלקס־מאַסן.

בײַם סוף פֿון 19טן און בײַם אָנהייב פֿון 20סטן יאָרהונדערט, דער פּעריאָד פֿון שלום־עליכמס פּראָדוקטיוון שאַפֿן, איז דער ייִדישער הימל פֿון צאַרישן רוסלאַנד און דער שכנותדיקער רומעניע געווען זייער פֿאַרכמאַרעט. ניט איין צרה האָט זיך דעמאָלט אַראָפּגעלאָזט אויפֿן הימל פֿון מזרח־אייראָפּעאישן ייִדנטום, נאָר אַ גאַנצער סיסטעם פֿון צרות, וואָס האָט געדראָט מיט אַ נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפֿע. דאָס גאַנצע רוסישע ייִדנטום — דער רובֿ־בנין ורובֿ־מנין פֿון ייִדישן פֿאָלק אין יענער תּקופֿה — האָט זיך געראַנגלט מיט אַרומיקער שׂנאה און פֿאַר־צווייפֿלונג. ניט געווען נאָך קיין מדינת־ישׂראל, וואָס זאָל מוטיקן און דערהייבן. די וויזיע פֿון ציוניסטישן אידעאַל האָט נאָך דעמאָלט אויסגע־זען ווי אַן אוטאָפּיע, וואָס איז ווײַט־ווײַט פֿון פֿאַרווירקלעכונג.

אין אַזאַ ביטערער צײַט איז די דערשײַנונג פֿון שלום־עליכמען געווען אַ גליק פֿאַרן פֿאָלק ישׂראל: דורך זײַנע הומאָריסטישע ווערק האָט שלום־עליכם אַרײַנגעבראַכט אַ ביסל פֿרייד און פֿריילעכקײַט אויף דער ייִדישער גאַס, און דורך אַזעלכע ווערק ווי „טובֿיה דער מילכיקער" און „מנחם מענדל" האָט שלום־עליכם אַזוי ווי אויפֿגעוועקט די ייִדישע עדה: „האָט ביטחון, ברידער! זײַט ניט פֿאַרצווייפֿלט! הערט־ניט־אויף צו טרוימען און צו פֿאַנטאַזירן!", פּונקט ווי י. ל. פּרץ האָט עס אין נבֿיאישן סטיל געזאָגט דירעקט:

„טרייסט מײַן פֿאָלק,
„עס דאַרף די טרייסט!
„מאַכט שטאַרק דאָס האַרץ,
„מאַכט פֿעסט דעם גײַסט!"

שלום־עליכמס הומאָר, זײַן געמיטלעכקײַט, זײַן היימישקײַט, זײַן פֿאָלקסטימלעכקײַט. האָבן געווירקט ווי באַלזאַם אויף דער צעווייטיק־

טער נשמה פֿון דער דעמאָלטיקער ייִדישער פֿאָלקס־מאַסע. דווקא זײַן לײַכטער און פֿליסיקער סטיל איז געווען מער צוגענגלעך פֿאַרן לייענער פֿון יענער צײַט, איידער דער געשליפֿענער ליטעראַרישער סטיל פֿון אַנדערע שרײַבערס. שלום־עליכם האָט, וואָס אמת איז, אין אַ געוויסער מאָס געשריבן כדי צו אַמוזירן, צו פֿאַרווײַלן, דאָס פֿאָלק, און ניט כדי צו לערנען אים דרך־ארץ — נאָר אים צו מונטערן, אים אַוועקצוטראָגן, כאָטש אויף אַ ווײַלע, פֿון דער טרויעריקערווירקלעכקײַט. דאָס איז, הפנים, געווען שלום־עליכמס היסטאָרישע שליחות ווי אַ שרײַבער. דערפֿאַר האָט דאָס פֿאָלק אים צוריקגעצאָלט מיט אמתער ליבע און דאַנקבאַרקײַט.

עס איז ניט קיין צופֿאַל, וואָלט איך געזאָגט, וואָס 50 יאָר נאָך זײַן פּטירה געדענקט דאָס ייִדישע פֿאָלק מיט ליבע און אַכטונג זײַן שרײַבער און פֿאַראייביקט זײַן אָנדענק מיט אַ „בית־שלום־עליכם״ אין דער באַנײַטער ייִדישער מדינה, וואָס זאָל כסדר דערמאָנען אין דעם באַליבטן שרײַבער, וועלכער איז אַלעמאָל געווען מיטן פֿאָלק און האָט אים געמונטערט און דערפֿרייט.

(„קולטור און דערציאונג״, סעפּט. 1966)

(3) י. ל. פּרץ [1852—1915]

(פּרצעס אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור)

י. ל. פּרץ פֿאַרנעמט אַן אייגנאַרטיק אָרט אין דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור. עס איז אָנגענומען צו פֿאַררעכענען מענדעלע מוכר־ספֿרים, שלום־עליכם און י. ל. פּרץ פֿאַר די דרײַ קלאַסיקער פֿון דער נײַער ייִדיש־קינסטלערישער ליטעראַטור, אָדער ווי יואל ענטין האָט זיי אָנגערופֿן: „די זײַלן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור״.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס יעדער איינער פֿון די דאָזיקע דרײַ קלאַסיקער האָט אויף זײַן אייגענעם שטייגער צוגעטראָגן זײַן היפּשן חלק צו דער אַנטוויקלונג פֿון דעם גרויסן וואונדער־ווערק, ווי עס קען באַצייכנט ווערן די נײַ־ייִדישע ליטעראַטור: דער נײַעסטער אויסדרוק פֿון דער ייִדישער גײַסטיקער שעפֿערישקײַט. עס איז ניט קיין פֿראַגע: ווער פֿון די דרײַ איז אַ בעסערער שרײַבער און אַ גרעסערער קינסטלער? יעדער איינער פֿון זיי איז גרויס אויף זײַן געביט און יעדער

איינער פֿון זיי האָט גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור און פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־אינטעליגענץ.

מענדעלע מוכר־ספֿרים, דער „זיידע" פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, האָט באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור מיט בילדער וועגן דער ייִדישער אָרעמקייט און וועגן דעם אומיושר, וואָס האָט געהערשט בײַ די פֿירער פֿון קהל לגבי די אָרעמע מאַסן ייִדן. מיט זײַן סאַטירישער פּען האָט מענדעלע ביטער באַקעמפֿט די פֿירער פֿון דער ייִדישער קהילה און ער האָט דערפֿאַר געשאַפֿן קעגן זיך אַ סך שׂונאים צווישן די „פּני" פֿון די שטעטלעך. מענדעלע איז אָבער, פֿון דער צווייטער זײַט, אויך געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון „נאַטור־שיינקייט". צווישן זײַנע פּראָזע־ווערק געפֿינען זיך גענוג מײַסטערהאַפֿטע פּאָעטישע בילדער, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט די שיינקייט פֿון דער אָרומיקער נאַטור. מענדעלע איז אין זײַן שרײַבן געווען אַ רעאַליסט.

שלום־עליכם, וועלכער האָט געקרוינט מענדעלען אין אַ בריוו מיטן טיטל „זיידע" און האָט זיך זעלבסט דאָרטן אונטערגעשריבן „אייניקל", האָט באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור מיט גרויסע הומאָריסטישע ווערק, וואָס זײַנען גיך זייער פּאָפּולער געוואָרן צווישן די ברייטסטע ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן איבער דער גאַנצער וועלט. ער האָט אונדז אויך געשאָנקען אַ צאָל אייגנאַרטיקע ייִדישע טיפּן, ווי: „טובֿיה דער מילכיקער", „מנחם מענדל", און אַנדערע. שלום־עליכם איז אייגנטלעך געגאַנגען אין מענדעלעס פֿוסטריט, שילדערנדיק די ייִדישע עדה. נאָר אין זײַן צײַט האָט זיך דאָס ייִדישע לעבן, צוליב די אַלגעמיינע באַדינגונגען אין דער אָרומיקער וועלט, זיך אָנגעהויבן צו ענדערן. דערפֿאַר באַקומען זיך בײַ אים זייער פֿיל קאָמישע סיטואַציעס און האַנדלונגען. אַ קליינינקײַט? — אַן אײַנגעשטעלטער לעבנס־שטייגער צעפֿאַלט זיך. דער ייִד ווערט אומרואיק. ער פֿאַרלירט זײַן באַלאַנס. בעת בײַ מענדעלען איז דער ייִד, ווי אָרעם ער איז ניט, אײַנגעוואָרצלט אין זײַן דורות־אַלטן לעבנס־סדר: און אין זײַן גאַנצער אויפֿפֿירונג, איז בײַ שלום־עליכמען דער דורכשניטלעכער ייִד שוין „צערודערט": נײַע צײַטן אָנגעקומען, מע פֿאַרלירט די אָרעמע פּרנסות, מע טרײַבט ייִדן פֿון די דערפֿער, נײַע גזירות, פּאָגראָמען, מ'הייבט אָן וואַנדערן קיין אַמעריקע. פֿון דער צווייטער זײַט האָט מען צרות פֿון קינדער, יונגוואַרג וואַרפֿט אָוועק דאָס „טראַדיציאָנעלע" לערנען און מען נעמט זיך לייענען די מאָדערנע „ביכלעך", מ'וויל שטודירן פּראָפֿעסיעס, מ'ווערט אַרײַנגעצויגן אין דער

רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, מ׳וועדט אָפּגעריסן פֿון טאַטע־מאַמע. די ייִדישע היים וואַקלט זיך. אַלטע ייִדישע אינסטיטוציעס גייען־אונטער. נײַע אָרגאַניזאַציעס, מיט ליטעראַרישע קלובן, קומען־אויף. ס׳איז אַ נער־וועזער צושטאַנד. דער הומאָריסט שלום־עליכם כאַפּט־אויף די אַלע שטריכן און לאַכט מיט יאַשטשערקעס... דאָס פֿאָלק לאַכט־מיט.

סײַ מענדעלע און סײַ שלום־עליכם זײַנען קאָנצענטרירט אַרום דער ייִדישער „סבֿיבֿה״ — מענדעלע גיט אונדז דאָס ייִדישע לעבן אין זײַן סטאַטישן צושטאַנד; שלום־עליכם — אין זײַן דינאַמישן צושטאַנד. אָבער ביידע גיבן זיך אָפּ מיט שילדערן אויף אַ ברייטן פֿאַרנעם די ייִדישעווירקלעכקייט: דאָס ייִדישע לעבן, דעם ייִדישן מענטשן, מיט זײַנע דאגות און זײַנע פּראָבלעמען.

בײַ פּרצן בײַט זיך אינגאַנצן די פֿריערדיקע ליטעראַרישע טראַ־דיציע אונדזערע: אַרויס פֿון די אייגענע דלד אמות! די ייִדישע ליטע־ראַטור הייבט־אָן ווערן אוניווערסאַל. פּרצעס שרײַבן איז פֿול מיט אידייען. זײַנע שאַפֿונגען רעגן־אָן דעם לייענער צום דענקען, צו פֿאַר־טראַכטן זיך וועגן ערנסטע פּראָבלעמען. פּרץ ברענגט אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור נײַע פֿאָרמען פֿון שרײַבן, נײַע געדאַנקען, וואָס קענען סומירט ווערן מיטן איינציקן וואָרט, מיטן שם־הכולל: אייראָ־פּעיִשקייט. דורך זײַנע שאַפֿונגען פֿירט פּרץ אַרײַן דעם ייִדישן לייענער אין דער אייראָפּעיִשער קולטורעלער געדאַנקען־וועלט. דאָס מיינט ניט, חלילה, אַז פּרץ גייט־אַוועק אין זײַן שרײַבן פֿון דער ייִדישער סבֿיבֿה. פֿאַרקערט: ער פֿאַרטיפֿט זיך אין ייִדישן מענטשן, ער גראָבט טיף אין דער ייִדישער געשיכטע, און ער געפֿינט בײַ ייִדן גאַנצע אוצרות פֿון מענטשלעכער קולטור, גאַנצע אוצרות פֿון אייביקע גײַסטיקע ווערטן.

בכלל איז פּרץ אַ קאָמפּליצירטער שרײַבער. ער איז, דאַכט זיך, פֿול מיט קאָנטראַסטן: די שטימונגען בײַטן זיך בײַ אים אָפֿט, אָט איז ער טיף־פּעסימיסטיש בנוגע וועלט און ייִד, און אָט איז ער פֿול מיט האָפֿע־נונגען און שטרעבונגען אויף אַ ליכטיקער וועלט, אויף אַ שיינעם מאָרגן, פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט, ווי אויך פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק.

לאָמיר כאַפּן אַ קורצן איבערבליק איבער פּרצעס לעבן און שאַפֿן, וועלן אונדז אפֿשר אַ סך שטריכן זײַנע ווערן קלאָרער און פֿאַרשטענד־לעכער.

יצחק לייבוש פּרץ איז געבאָרן געוואָרן דעם 18טן מאַי 1852, אין זאַמאָשטש, לובלינער גוב., פּוילן. זײַן פֿאָטער איז געווען אַ ייִד אַ למדן

און זייער אַ פֿרומער, הגם פֿיל ליבעראַלער איידער די אַנדערע דורכ־שניטלעכע ייִדן אין שטאָט. זײַן מוטער — אויך אַ פֿרומע און זייער אַ גוט־האַרציקע. פּרצעס עלטערן זײַנען ניט געווען רײַך. אָבער זיי פֿלעגן זיך שטענדיק זאָרגן פֿאַר אָרעמע און אומגליקלעכע. דאָס געפֿיל פֿון גוטסקײַט, פֿון מענטשן־ליבע, און דאָס שטרעבן צו אַ בעסערער וועלט (וואָס איז אין פּרצן אײַנגעפֿלאַנצט געוואָרן פֿון קינדווײַז־אָן), פֿאַר־נעמען אַ גרויס אָרט אין פּרצעס שאַפֿן. די שטאָט זאַמאָשטש איז שוין פֿון אַלטע צײַטן־אָן געווען באַרימט מיט אירע חכמים און גרויסע לײַט, וועלכע האָבן פֿאַרייניקט אין זיך תורה און חכמה, ייִדיש און אַלגעמיין וויסן.

זאַמאָשטש איז געווען באַקאַנט ווי אַן עיר־ואם־בישׂראל. חוצדעם איז די שטאָט גופֿא געווען רײַך מיט היסטאָרישע איבערבלײַבענישן פֿונם אַמאָליקן קעניגרײַך פּוילן. געווען דאָרטן אַ פֿעסטונג און פּרעכ־טיקע אַרכיטעקטאָנישע דענקמעלער. פֿיל לעגענדעס זײַנען געווען פֿאַרבונדן מיט דער דאָזיקער שטאָט, וואָס האָבן געקענט שטאַרק באַ־ווירקן אַזאַ סענסיטיוו ייִנגל ווי פּרץ איז געווען. די שטאָט האָט אויף פּרצן איבערגעלאָזט אַ טיפֿן אײַנדרוק אויפֿן גאַנצן לעבן. אָט איז אַן אויסצוג פֿון דער פּאָעמע „מאָניש" וועגן זאַמאָשטש:

אין קיניגרײַך פּוילן,
האַרט בײַ דער גרעניץ,
ליגט זיך אַ שטעטעלע
גרויס ווי אַ געניץ.

און קוים וואָס מ׳זעט עס,
מען הערט עס אויך זעלטן:
הײַזלעך ווי ניסלעך,
פֿון שֵׁמות געצעלטן...

נאָך גאָר יונגערהייט האָט זיך פּרץ אויסגעצייכנט מיט זײַנע פֿעיִקײַטן — מיט זײַן שאַרפֿן שׂכל און עמאָציאָנעלן טעמפּעראַמענט. ייִנגלווײַז איז פּרץ געווען אַ גרויסער שטיפֿער. ער פֿלעגט אָפּטאָן אַ סך שפּיצלעך. אָבער מער פֿון אַלץ האָט ער ליב געהאַט צו הערן מעשׂות. ווי אַלע ייִדישע ייִנגלעך אין יענע צײַטן האָט ער געלערנט בײַ מלמדים אין חדר. נאָר זײַן „ליבעראַלער" פֿאָטער האָט אים אויך געלערנט רוסיש, דײַטש און העברעיִש. צו 13־14 יאָר געפֿינט פּרץ אין בית־המדרש אַ גאַנצע פּאָליצע מיט ספֿרים, צו וועלכער קיינער רירט זיך ניט צו. דער יונגער פּרץ כאַפּט־זיך־צו צו די דאָזיקע ספֿרים און זאַפּט אין זיך אײַן אַן אַ שיעור ייִדיש וויסן. ער לייענט אַפֿילו די פֿילאָסאָפֿישע ווערק פֿונם

רמב״ם. ער הייבט־אָן צו צווייפֿלען. עס שטעלן זיך אים פֿאַרשיידענע פּראַגעס וועגן דעם צוועק פֿון מענטשלעכן לעבן, וועגן דער פֿירונג פֿון דער וועלט. ער ווערט גײַסטיק באַאומרואיקט. ער זוכט ענטפֿערס אויף האַרבע פֿילאָסאָפֿישע פּראַגעס. ער גרייט זיך באַהאַלטענערהייט צו פֿאַרלאָזן די היים כדי צו פֿאָרן אין דער ברייטער וועלט אַרײַן מיטן צוועק צו שטודירן דאָרטן און שטילן זײַן דאָרשט נאָך וויסן. אָבער די טרערן פֿון דער מאַמען, וועלכע האָט זיך צופֿעליק דערוואוסט וועגן זײַן גרייטן זיך צו פֿאַרלאָזן די היים, צעשטערן אין דער לעצטער מינוט אַלע זײַנע פּלענער.

דורך אַ וואונדערבאַרן צופֿאַל קריגט שפּעטער דער יונגער פּרץ אויך אַ צוטריט צו אַ גרויסער פּריוואַטער ביבליאָטעק פֿון פּוילישע, דײַטשע און פֿראַנצייזישע ביכער. ווי אַ דאָרשטיקער וואַרפֿט ער זיך אַרויף צו לייענען די ביכער, אַזוי ווי זיי קומען אים אין האַנט אַרײַן, אָן אַ סיסטעם, אָן אַן אָרדענונג. ער לערנט זיך אַליין אויס די דאָזיקע פֿרעמדע שפּראַכן און לייענט מיט התמדה די גרויסע ווערק פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. אַ נײַע וועלט האָט זיך פֿאַר אים געעפֿנט! דאָס איז פֿאַר פּרצן, דעם צוקונפֿטיקן גרויסן ייִדישן שרײַבער, געווען די שול, דער אוניווערסיטעט, וואָס האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין דער אייראָ־פּעישער אינטעלעקטועלער וועלט.

צו 18־19 יאָר האָט פּרץ חתונה מיט שׂרה ליכטנפֿעלד, די טאָכטער פֿונם משׂכּיל און העברעישן שרײַבער גבֿריאל־יהודה ליכטנפֿעלד (מיט וועמען ער האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן צוזאַמען אַ זאַמלונג העב־רעישע לידער און פּאָעמעס). אָבער די הײַראַט איז ניט געווען קיין גליקלעכע: אין 4־5 יאָר שפּעטער האָט ער זיך מיט זײַן פֿרוי געגט.

פּרץ האָט נאָך דעמאָלט ניט געהאַט קיין באַשטימטע באַשעפֿ־טיקונג: אַט האָט ער געגעבן פּריוואַטע לעקציעס, און אַט האָט ער זיך געגרייט צו ווערן אַ בוכהאַלטער. אין יענער צײַט פֿלעגט ער זיך דרוקן אין העברעישע זשורנאַלן. אויך האָט ער צונויפֿגעשטעלט אַ העפֿטל אייגענע פּוילישע לידער. גלײַכצײַטיק האָט ער פֿאַרפֿאַסט לידער אין ייִדיש, וועלכע זײַנען פּאָפּולער געוואָרן אין זאַמאָשטש און זײַנען געלייענט און געזונגען געוואָרן פֿון דער דאָרטיקער יוגנט.

אין 1877, ווען פּרץ איז אַלט געווען 25 יאָר, האָט ער אָפּגעגעבן עקזאַמען און אָנגעהויבן פּראַקטיצירן אין זאַמאָשטש ווי אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט. אין יענער צײַט האָט ער זיך באַקענט מיט העלענאַ רינגל־

היים. ער שרײַבט איר אָפּט לענגערע בריוו אין פּויליש און אין רוסיש. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער מיט איר חתונה און אַרדנט זיך אײַן אין זאַמאָשטש אויף גאַנצע 10 יאָר צײַט ווי אַ דערפֿאָלגרײַכער אַדוואָקאַט. פֿון־צײַט־צו־צײַט פֿאַרעפֿנטלעכט ער פּאָעמעס און נאָוועלן אין העב־רעישע זאַמלביכער.

אין 1887 פֿאַרלירט ער, צוליב אַ מסירה, זײַן רעכט צו פּראַקטיצירן אַדוואָקאַטור. ער איז שטאַרק פֿאַרצווייפֿלט. ער בלײַבט מיט דער פֿרוי און זון אָן מיטלען צום לעבן. ער זוכט אַ באַשעפֿטיקונג.

אין יענער צײַט פֿאַרבינדט ער זיך שריפֿטלעך מיט שלום־עליכמען אין קיעוו, וועלכער קלײַבט זיך אַרויסצוגעבן זאַמלביכער: „די יידישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק". פּרץ שיקט אים אַרײַן די פּאָעמע „מאָניש", וועלכע ווערט אויפֿגענומען פֿון אַ סך לייענער מיט גרויס באַגײַסטערונג. „מאָניש" איז געווען אַן איבעראַשונג אין דער נײַער יידישער ליטע־ראַטור, סײַ אין דער פֿאָרעם — אַ באַלאַדע — און סײַ אין אינהאַלט: דער כּוח פֿון געזאַנג, וואָס האָט געקענט באַצויבערן אַפֿילו אַזאַ וואויל־לערנער ווי דעם עילוי מאָניש, אַז ער זאָל פֿאַלן אַ קרבן צום „גאָט פֿון ליבע".

דאָס איז די ערשטע שאַפֿונג אין יידיש פֿון י. ל. פּרץ. ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען 36 יאָר. אָבער באַלד פֿונם ערשטן מאָמענט אָן איז פּרץ אַרײַנגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אַ צײַטיקער, אַ רײַפֿער, אַ פֿול־אָנגעלאָדענער מיט אידייען און טאַלאַנט.

צו 37 יאָר, אין 1889, פֿאָרט פּרץ אַריבער קיין וואַרשע כּדי צו פּרואוון דאָרטן זײַן מזל. ער טרעט־אויף מיט רעדעס אויף העברעיש, אָבער צו פּרנסה קומט עס נישט. ער איז פֿאַרצווייפֿלט. און אָט האָט זיך אונטערגערוקט פֿאַר פּרצן אַ וואונדערבאַרע געלעגנהײַט. דער באַוואוסטער עקאָנאָמיסט און פֿילאַנטראָפּ יאַן בלאָך (אַ געשמדטער) האָט אָרגאַניזירט אַ סטאַטיסטישע עקספּעדיציע איבער די יידישע שטעטלעך אין פּוילן מיטן צוועק אויסצופֿאָרשן די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די יידן, און אויף דעם גרונט צו קעמפֿן פֿאַר זייערע סאָציאַל־עקאָ־נאָמישע רעכט. האָט ער אײַנגעלאַדן אַ רייע מיטאַרבעטער און אײַנגע־טיילט די פֿונקציעס לויט אַ באַשטימטן פּלאַן. צווישן די באַשעפֿטיקטע אין דער עקספּעדיציע זײַנען אויך געווען נחום סאָקאָלאָוו און י. ל. פּרץ.

פּרץ האָט זײַן אויפֿגאַבע ווי אַ סטאַטיסטיש־עקאָנאָמישער אויס־פֿאָרשער דערפֿילט בשלימות. גלײַכצײַטיק האָט ער, אַדאַנק דער דאָזי־

קער רײַזע, באַרײַכערט די יידישע ליטעראַטור מיט 23 זייער וויכטיקע בילדער אונטערן טיטל „רײַזע־בילדער", וועלכע האָבן זיך דערנאָך גע־דרוקט אין זײַן יאָרבוך „די יידישע ביבליאָטעק" פֿון 1890. פֿון די דאָזיקע באַשרײַבונגען זעט מען, וואָס פֿאַר אַ יידיש האַרץ פּרץ האָט געהאַט. זײַן רחמנות און זײַן ליבע צו די באַשריבענע אָרעמע יידישע טיפּן אין פּוילישן שטעטל האָבן ניט געהאַט קיין גרענעץ.

פּראָפֿעסאָר לעאָ ווינער, אין זײַן ענגלישער „געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור פֿון 19טן י. ה.", באַצייכנט די „רײַזע־בילדער" אַלס נאַטוראַליסטישע. יואל ענטין באַצייכנט זיי ווי „דער ערשטער רעפּאָר־טאַזש אין אונדזער ליטעראַטור". אָבער בײדע גיבן־צו, אַז „די דאָזיקע בילדער שטייען אויף אַ הויכער קינסטלערישער הייך און זײַנען דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפֿט, צערטלעכקײַט און איידעלער מענטש־לעכער באַנעמונג".

פֿון דעמאָלט אָן האָבן אָנגעהויבן צו קומען פֿון פּרצעס קינסטלע־רישער פּען צענדליקער גרויסע און קליינע דערציילונגען, וואָס האָבן געשײַנט מיט גלאַנץ און ליכט און וואונדערלעכע געשטאַלטן.

ענטין רופֿט־אָן פּרצן „דער מכשף פֿון פּוילן". ווײַל מיט זײַן צויבער־פּען האָט פּרץ אַרויסגעבראַכט וואונדערבאַרע געשטאַלטן פֿון פּוילישן יידנטום מיט זעלטן־שיינע מענטשלעכע מידות, וואָס זײַנען „אַ פֿרייד פֿאַר מענטשן און אַ נחת־רוח פֿאַרן בורא אין הימל". פּרצעס מעשׂהלעך זײַנען אַ פֿאַרייניקונג פֿון דעם שיינעם מיטן טיפֿזיניקן, פּאָ־עזיע און פֿילאָסאָפֿיע, פֿאַרבונדן צוזאַמען — עכט מאָדערניסטישע ליטעראַטור.

נאָך דער „סטאַטיסטישער עקספּעדיציע" האָט פּרץ אַדאַנק פּראָ־טעקציע אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער וואַרשעווער יידישער „גמינע", אין דער „חבֿרה קדישא" אָפּטיילונג, וואו ער האָט אָפּגעאַרבעט קנאַפּע 25 יאָר, ביזן לעצטן טאָג פֿון זײַן לעבן. איינער פֿון די אָנגעזעענסטע גמינע־לײַט האָט אַמאָל ערנסט געזאָגט: „פּרץ איז אַ גרויסער מענטש — די גאַנצע צײַט האָט ער קיינמאָל ניט פֿאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט".

פּרצעס עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אַ געדריקטע. זײַן געהאַלט (בײַם אָנהייב) פֿון 500 רובל אַ יאָר, האָט ניט געקלעקט אויפֿן לעבן, בעת אין זאַמאָשטש האָט ער פֿאַרדינט און פֿאַרלעבט ביז 3000 רובל. פֿונ־דעסטוועגן האָט ער געטרײַ אָפּגעהיט זײַן שטעלע. צען יאָר צײַט האָט ער געאַרבעט אין דער גמינע אָן קיין שום איבעררײַס און אָן קיין שום

וואַקאַציע, יעדן טאָג פֿון 9 אינדערפֿרי ביז 3 נאָכמיטאָג. אָבער נאָך 3 אַזייגער פֿלעגט ער זיך ענערגיש אָפּגעבן מיט ליטעראַרישער און געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט.

פּרץ האָט נאָך ניט געהאַט באַוויזן זיך ריכטיק איינצואָרדענען אין וואַרשע און זיך צופּאַסן צו דער נייַער סבֿיבֿה, איז ער שוין צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן „די יודישע ביבליאָטעק". ניט האָבנדיק קיין געלט־מיטלען האָט ער זיך געמוזט פֿאַרבינדן מיט אַ גרופּע פֿאַרמעגלעכע, האַלב־אַסימילירטע ייִדן, וועלכע זיינען גרייט געווען צו שטיצן אַ ייִדישע אויס־גאַבע, וואָס זאָל פֿאַרשפּרייטן „בילדונג" צווישן די ייִדישע פֿאָלק־מאַסן.

עס זיינען אַרויס 2 זאַמלביכער „די יודישע ביבליאָטעק", עס זיינען אין זיי געדרוקט געוואָרן אַ גרעסערע צאָל דערציילונגען און לידער פֿון פּרצן, באַזונדערס זיינע 23 „רייזע־בילדער".

אין ערשטן באַנד איז אָפּגעדרוקט אַ גרויס אַרטיקל „בילדונג" ווי אַן אַריינפֿיר צו די זאַמל־ביכער. פּרץ פּרוּווט דאָ צו פֿאָרמולירן די צילן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און די וועלט־אַנשויאונג פֿונם מאָדער־נעם ייִדן. ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן די אַסימילאַציע־טענדענצן ביי דער דעמאָלטיקער ייִדישער אינטעליגענץ, ער רופֿט אַלע שעפֿערישע כּוחות ביי ייִדן זיך צו שטעלן אין דינסט פֿון אַקטיוויסטישן ייִדישן נאַציאָנאַליזם. אין דער זעלביקער צייט איז אָבער נאָך זיין אייגענע באַציאונג צום ייִדישן לשון אַ וואַקלדיקע. עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז גע־וויסע שטעלן אינם דאָזיקן אַרטיקל „בילדונג" זיינען דיקטירט פֿון די אַסימילירטע שותּפֿים אין דער „ייִדישער ביבליאָטעק".

נאָך די פּאָר אינטענסיווע יאָרן פֿון אַקטיוויטעט און שעפֿערישקייט קומען־אָן אויף פּרצן עטלעכע שווערע יאָרן, אַ מין „גייסטיקער קריזיס", ווען ער קען כּמעט ניט נעמען די פּען אין האַנט אַריין. זיין שטימונג איז געווען זייער אַ געדריקטע. מיר לייענען דאָס אַרויס פֿון זיינע בריוו אין יענער צייט צו יעקבֿ דינעזאָן, וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אין קיעוו.

אָט־דער פּעריאָד פֿון געדריקטקייט און שטילשווייגן אויפֿן ליטע־ראַרישן און געזעלשאַפֿטלעכן געביט גייט שנעל אַוועק, און אין אַ 3־4 יאָר שפּעטער ווערט דער אימפּולסיווער פּרץ אויפֿסניי פֿאַרשיכּורט פֿון אַ שטאַרקן שאַפֿונגס־ווילן און ער וואַרפֿט זיך אַריין אין דער נייַער אַרבעט מיט יוגנטלעכן אימפּעט. ער טרעט־צו אַרויסצוגעבן די „יום־טובֿ בלעטלעך" (צוזאַמען אַרויס: 17 זאַמלונגען), און באַנייט אויך דאָס

אַרויסגעבן די „ייִדישע ביבליאָטעק״. ער ווערט דערפֿרישט און אויפֿגעלעבט. ער שאַפֿט ווערק, וואָס זײַנען אַ נײַע ווענדונג אין זײַן ליטעראַרישער שעפֿערישקײַט. ער ווערט זייער פּראָדוקטיוו. ער שרײַבט אויף פֿאַרשיידענע געביטן און אונטער פֿאַרשיידענע נעמען. ער ווערט קעמפֿעריש, אַגרעסיוו. ער ווערט זייער נאָענט מיט דוד פּינסקין, וועלכער דרוקט אין פּרצעס זאַמלביכער זײַנע ערשטע דערציילונגען פֿונם אַרבעטער־לעבן.

די „יום־טובֿ בלעטלעך״ האָבן שטאַרק אויסגענומען אין די אַרבעטער־קרײַזן. דאָרט לייענט מען זיי פֿלײַסיק, מען דיסקוטירט פּרצעס שאַפֿונגען און מען טײַטשט אין זיי אַרײַן כּלערליי מיינונגען... „יום־טובֿ בלעטלעך״ האָבן זיך יענע זאַמלביכער גערופֿן צוליב צענזור־באַדינגונגען. אָבער עס איז ניט געווען אין זיי קיין באַזינגען אָדער באַשרײַבן די ייִדישע ימים־טובֿים. יעדע זאַמלונג איז אַרויסגעקומען מיט פֿאָדערונגען, מיט מאָנונגען. אין אַלגעמיין איז עס געווען אַ שטאַרקער אַרויסרוף צו דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקײַט. מיט איין וואָרט: אַ נײַער פּרץ! מיט דרייסטע ווערטער, מיט אַ שאַרפֿן טאָן, אַפֿילו מיט פּראָטעסט. פּרץ ווערט זייער אַקטיוו. אין איינעם פֿון די „יום־טובֿ בלעטלעך״ זאָגט ער: „פֿאַר שלום האָב איך מורא: פֿאַר שטילקײַט ציטער איך אימת־מוות! שלום און שטילקײַט איז אויפֿן בית־הקבֿרות...״ באַזונדערס האָט פּרץ אָנגעפֿירט אַ העפֿטיקן קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע.

צו יענער צײַט געהערן ניט־נאָר די אימפּעטיקע אַרטיקלען און פֿעליעטאָנען פּרצעס, נאָר אויך זײַנע לידער און דערציילונגען, וואָס מאָלן און שילדערן דאָס סאָציאַלע אומרעכט און די „פֿינצטערניש״, וואָס מ׳האָט פֿאַרשפּרייט איבער דער ייִדישער גאַס. דאָס איז דער אַזוי־גערופֿענער „ראַדיקאַלער פּעריאָד״ אין פּרצעס שאַפֿן. עס דערשײַנען דעמאָלט: „באָנטשע שווײַג״, „דאָס שטרײַמל״, „בײַם פֿרעמדן חופּה־קלייד״, „די נייטאָרינס״, און אַנדערע. נאַטירלעך, האָט פּרץ אַרײַנגעכאַפּט די ריכטיקע פּאַרציע „קריטיק״ און אַ היפּש ביסל אָנפֿאַלן מצד זײַנע קאָלעגעס־קעגנער פֿאַר די דאָזיקע ראַדיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען און שטימונגען.

די צאַרישע מאַכט אין וואַרשע האָט געהאַלטן אַן אויג אויף פּרצן פֿאַר זײַן נאָענטקײַט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין 1899 איז טאַקע פּרץ אַרעסטירט געוואָרן און איז אָפּגעזעסן אין וואַרשעווער

ציטאַדעל 3 חדשים פֿאַר זײַן אַרויסטרעטן מיט אַ פֿאַרלעזונג אויף אַ מכלומרשטער „תּנאָים״.

עס איז זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ שטורמישער גײַסט ווי פּרץ איז ניט געבליבן אומבאַווירקט פֿון די צוויי גרויסע געשעענישן אין ייִדישן לעבן בײַם סוף פֿון 19טן יאָרהונדערט: דער ערשטער ציוניס־טישער קאָנגרעס אין באַזעל אין 1897, און די גרינדונג פֿון „בונד״ אינם זעלביקן יאָר.

אין קנאַפּע עטלעכע יאָר אַרום, אין 1901, הייבט־אָן פּרץ אַרויסצו־קומען מיט זײַנע חסידישע מעשׂות, וועלכע שטעלן מיט זיך פֿאָר, אַחוץ זייער קינסטלערישן און פֿילאָסאָפֿישן ווערט, אַן אָנזאָג פֿון אַן אויפֿ־געוואַכטן ייִדישן נאַציאָנאַליזם.

אין דער השׂכּלה־ליטעראַטור פֿלעגט מען געוויינטלעך אָפּחוזקן פֿון דער חסידישער באַוועגונג ווי פֿאַנאַטיזם און אָבערגלויבן. י. ל. פּרץ אָבער האָט דערזען אין חסידות אַ הויכע מדרגה פֿון מענטשלעכקײַט: דער אמתער אידעאַלער אויסדרוק פֿון דעמאָקראַטיע. ווײַל וואָס איז חסידות לויט פּרצעס אינטערפּרעטאַציע?

(1) אַז בײַ גאָט איז דער ניט־געלערנטער פּונקט אַזוי וויכטיק, פּונקט אַזאַ מיוחס, ווי דער געלערנטער, אויב ער האָט נאָר אַ ריין האַרץ;

(2) גאָט וויל, אַז מענטשן זאָלן אים דינען מיט פֿרייד, מיט געזאַנג, ניט מיט טרויער און פּײַניקן זיך.

אין דעם דאָזיקן ליכט האָט פּרץ קינסטלעריש באַשריבן די וועלט פֿון חסידות אין 10 וואונדערבאַרע, פּרעכטיקע מעשׂות: „אויב נישט נאָך העכער״, „צווישן צוויי בערג״, „אַ גלגול פֿון אַ ניגון״, „משנת חסידים״, און אַנדערע.

אין די חסידישע מעשׂות פֿון פּרצן האָט דאָס פֿאָלק דערזען די אָפּגעפֿרישטע ייִדישע תּורה פֿון פֿאָלקס־ברידערלעכקײַט, פֿון מענטשן־ליבע (אהבֿת הבריות), פֿון דינען גאָט מיט שׂמחה און פֿרייד, פֿון פֿעסט־קײַט און ביטחון אין ייִדישן שטאַלץ. די דאָזיקע מעשׂות זײַנען געווען צײַטמעסיק: זיי האָבן געוויזן, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט פֿאַרמאָגט גרויסע און העראָישע לערער און גײַסטיקע פֿירער.

אַ פּאָר יאָר נאָך די „חסידישע מעשׂות״ זײַנען געקומען פּרצעס „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן״, וועלכע האָבן פּרצן אַוועקגעשטעלט זייער הויך. אין די דאָזיקע „געשיכטן״ האָט פּרץ זיך דערגרונטעוועט צו דער

פֿאָלקס־נשמה. אַ טייל פֿון די דאָזיקע שאַפֿונגען זײַנען באַזירט אויף מעשׂות, וואָס האָבן צירקולירט צווישן פֿאָלק (ווי עכטער פֿאָלקלאָר), טייל זײַנען גענומען פֿון אַלטע ייִדישע ספֿרים, פֿון מדרש, אַפֿילו איבער־דערציילונגען פֿון מעשׂות בײַ אַנדערע פֿעלקער, נאָר פּרץ האָט זיי צוגעגעבן אַ ייִדישן כאַראַקטער. אַ גרויסן טייל האָט ער אַליין אויסגע־טראַכט, געשאַפֿן מיט זײַן אייגענער רײַכער פֿאַנטאַזיע. אָבער אין אַלע דידאָזיקע מעשׂות שפּיגלט זיך אָפּ די נשמה און די מאָראַל פֿון אַן ערלעך פֿאָלק, מיט די שענסטע מידות, מיט גרויסער פֿאָלקס־חכמה, מיט אמתן פֿאָלקס־שטייגער. פֿאַראַן עטלעכע צענדליק אַזעלכע דערציי־לונגען (ווי: זיבן גוטע יאָר, נסים אויפֿן ים, דער קונצן־מאַכער, מסירת־נפֿש, דרײַ מתּנות, בײַם גוסס צו־קאָפּנס, און אַנדערע). נאָך דער דערשײַנונג פֿון די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן" האָבן פֿיל פֿון זײַנע פֿריערדיקע ליטעראַרישע קעגנער געביטן זייער מיינונג וועגן פּרצן. ער איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אין זייערע אויגן ווי אַ גרויסער קינסט־לער, וואָס האָט געשאַפֿן וואונדערבאַרע פּערל.

פּרץ האָט אויך געשאַפֿן אַ צאָל דראַמעס פֿון הויכער באַדײַטונג, באַזונדערס: „די גאָלדענע קייט", „אין פּאָליש אויף דער קייט", „בײַ־נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק", וועגן וועלכע מ'דאַרף רעפֿערירן באַריכות.

אויך אין דער פּובליציסטיק איז פּרץ געווען אייגנאַרטיק מיט זײַנע בליציק־שאַרפֿע געדאַנקען און באַמערקונגען. זײַנע פֿעליעטאָנען, גע־דרוקט אין וואַרשעווער „הײַנט" אין די יאָרן 1912־1913, אונטער דער רובריק „אין מײַן ווינקעלע", לייענען זיך נאָך הײַנט מיט אינטערעס צוליב זייער אייגנאַרטיקן סטיל.

בכלל האָט פּרץ געשאַפֿן אויף פֿאַרשיידענע זשאַנערן, הגם ער איז ניט תּמיד געווען דער אויסגעצייכנטער מײַסטער אין זיי. אָבער עס איז גיכער געווען אַן אַרויספֿאָדערונג (אַ „טשעלענדזש") פֿון זײַן זײַט צו די יונגע שרײַבער, צו די יונגע טאַלאַנטן, אַז זיי זאָלן די דאָזיקע זשאַנערן אַנטוויקלען צו אַ קינסטלערישער הייך. פּרץ האָט כסדר געטרוימט און געשטרעבט וועגן אַ ייִדישער ליטעראַטור אין ברייטסטן זין פֿון וואָרט, מיט די פֿאַרשיידנסטע פֿאָרמען פֿון אויסדרוק.

מיט דער צײַט איז פּרץ געוואָרן אַ הייסער קעמפֿער פֿאַרן נאַציאָ־נאַלן סטאַטוס פֿון ייִדישן לשון. זײַן מיינונג וועגן ייִדיש אינם אַרטיקל „בילדונג" האָט ער שוין לאַנג געהאַט געביטן. זײַן ראָל בײַ דער „טשער־נאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ" (אין 1908) איז געווען ווי פֿון אַן אמתן

גײַסטיקן פֿירער, צו וועמענס מיינונג אַלע האָבן זיך צוגעהערט. זײַנע רעפֿעראַטן דאָרטן זײַנען פֿון די דעלעגאַטן אויפֿגענומען געוואָרן מיט דער פֿולסטער ערנסטקײַט און טיפֿן דרך־ארץ.

פּרץ שפּילט אַ געוואַלדיקע ראָל אין ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין וואַרשע. ער גיט אַוועק פֿיל צײַט און כּוחות כּדי צו באַשאַפֿן אין וואַרשע אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן צענטער. ער פֿירט־אָן מיטן „הזמיר״. יונגע טאַלאַנטן קומען כּסדר צו פּרצן נאָך דערמוטיקונג. פּרץ איז זייער פֿאַראינטערעסירט אַזעלכע טאַלאַנטן צו העלפֿן אַנטוויקלען. די ייִדישע ליטעראַטור דאַרף זיי האָבן. פּרץ איז פֿאַר די וועלטלעכע ייִדן אין פּוילן ווי אַ גרויסער „רבי״ פֿאַר די חסידים. ממש מען פֿאַרגעטערט אים. מ׳איז שטאָלץ מיט אים!

ועל־כּולם: וואָס נעענטער צו זײַן סוף, האָט פּרץ דערגרייכט די העכסטע מדרגה פֿון עקסטרעמען ייִדישן נאַציאָנאַליזם, אַז ער האָט ממש געפֿיבערט מיט אַלע רמ״ח אבֿרים פֿאַרן ווײַטערדיקן ייִדישן קיום. ספּעציעל בעת די צאַרישע מערדערלעכע גזירות האָבן, באַלד נאָכן אויסברוך פֿון דער מלחמה אין 1914, זיך גרויזאַם אַראָפּגעלאָזט אויפֿן ייִדישן הימל אין פּוילן, האָט פּרץ אויסגעשריען דעם מוראדיקן „ווײ־געשרײ״ צו כּל־ישׂראל, צו די ייִדישע פֿאָלקס־מענטשן: „ייִדישע קינדער, פֿאַרשרײַבט! דאָס קול פֿון דער ייִדישער פּרעסע איז דערשטיקט! פֿאַרשרײַבט איר, ווי איר קענט און וואָס איר ווייסט, אַלץ וואָס איר לעבט־איבער, וואָס איר מאַכט־דורך, וואָס איר זעט און וואָס איר הערט — ייִדישע קינדער, פֿאַרשרײַבט עס, למען יֵדע דור אחרון!״ (ציטירט לויט יואל ענטינס „יצחק לייבוש פּרץ״).

די מלחמה צעפֿלאַקערט זיך אין די סאַמע געגנטן, וואו ייִדן לעבן אין קאָמפּאַקטע מאַסן. ייִדיש האָב־און־גוטס ווערט איבערנאַכט צעשטערט. אַ גאַנץ פֿאָלק ווערט פּלוצלונג פֿאַראָרעמט. ייִדן ווערן היימלאָז. פֿון אַלע זײַטן קומט מען זוכן רעטונג און הילף אין דער גרויסער שטאָט. וואַרשע ווערט פֿול מיט ייִדישע היימלאָזע. די נויט איז שרעקלעך גרויס. פּרץ און דינעזאָן זאָרגן זיך ספּעציעל וועגן די קינדער: „וואָס וועט ווערן פֿון די דאָזיקע פֿאַרוואָרלאָזטע קינדער־יתומים, אָן דערציאונג?! עס וועט דאָך זײַן דאָס גרעסטע אומגליק פֿאַרן פֿאָלק!״ אָט־די ביידע שרײַבער שאַפֿן הילף־קאָמיטעטן. זיי עפֿענען „קינדער־היימען״. פּרץ גיט אַוועק זײַן גאַנצע פֿרײַע צײַט דערפֿאַר. ער נעמט זיך אַפֿילו אויף דער עלטער צו שרײַבן לידלעך און פּאָעמעלעך פֿאַר די

קליינע קינדערלעך. ער מיט דינעזאָנען אַרבעטן שווער בײַ די „קינדער־הימען״.

און — פּסח, 8:30 אינדערפֿרי (דעם דריטן אַפּריל 1915), האָט פּרצעס האַרץ פּלוצים געפּלאַצט, בשעת ער האָט געהאַלטן אין מיטן שרײַבן אַזאַ קינדער־לידל, געבליבן ניט־פֿאַרענדיקט:

„שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער...״

די „נײַעס״ וועגן פּרצעס פּטירה האָט זיך שנעל צעטראָגן איבער דער גאַנצער ייִדישער וועלט. אַלע זײַנען פֿאַרציטערט געוואָרן. פּרץ האָט געהאַט די גרעסטע לוויה, וואָס וואַרשע האָט ביז דעמאָלט געהאַט: הונדערט טויזנט מענטשן — אומעטום האָט מען געטרויערט. שלום־עליכם, וועלכער האָט געהאַט אָנגעהאַלטן אַ לאַנג־יאָריקן ברוגז מיט פּרצן, איז געווען שטאַרק צעבראָכן פֿון דער טרויעריקער נײַעס. ער האָט זיך פֿון צער קיין אָרט ניט געקענט געפֿינען. ער האָט דערקלערט: „יצחק לייבוש פּרץ קאָן ניט שטאַרבן! ער לעבט און וועט בלײַבן לעבן!״.

* * *

איצטער אַ קורצער סך־הכּל פֿון פּרצעס אָרט אין דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור, ער האָט ווירקלעך אַרויפֿגעפֿירט די ייִדישע ליטעראַטור אויף ברייטע וועגן:

1) ער האָט אין איר אַרײַנגעבראַכט פֿיל אידייען און געדאַנקען פֿון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור;
2) ער האָט אַרײַנגעפֿירט פֿיל נײַע זשאַנערן אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור, וואָס קומענדיקע דורות שרײַפֿטשטעלער האָבן אַנטוויקלט צו אַ הויכער מדרגה;
3) ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט נײַע יונגע טאַלאַנטן און זיי דערמוטיקט צו שרײַבן;
4) ער האָט געשאַפֿן אַרום זיך אַ ייִדישן ליטעראַרישן־צענטער אין וואַרשע, דעם „הזמיר״;
5) ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פֿאַרלעגערישער אַרבעט כּדי צו דער־מעגלעכן נײַע ליטעראַרישע שאַפֿונגען צו דערשײַנען;
6) ער איז געווען אינסטרומענטאַל אײַנצורופֿן די טשערנאָוויצער

שפּראַך־קאָנפֿערענץ אין 1908, בײַ װעלכער „ייִדיש" איז פּראָקלאַמירט געװאָרן װי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך בײַם ייִדישן פֿאָלק.

* * *

אויב מענדעלע מוכר־ספֿרים װערט אָנגערופֿן „דער זיידע" פֿון דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור, קען י. ל. פּרץ מיט רעכט אָנגערופֿן װערן „דער פֿאָטער" אירער. אַ פֿאָטער מוז בטבֿע זײַן שטרענגער צו זײַנע קינדער, אײדער אַ זײדע צו זײַנע אייניקלעך. אַ פֿאָטער קען זיך ניט פֿאַרגינען דעם לוקסוס פֿון זײַן צײַטנװײַז שטיפֿעריש און אַמוזירנדיק. ער מוז כּסדר זײַן ערנסט, און דורך אײגענער אױפֿפֿירונג אָנװײַנקען אויף שײנע אידײען אין לעבן און װיכטיקע מוסר־השׂכּלס.

אָט־דער דאָזיקער שטריך פֿון ערנסטקײַט און פֿאָלקישער אַחריות איז בולט כּמעט אין אַלע שאַפֿונגען פֿונם גרויסן ליטעראַרישן גאון י. ל. פּרץ.

אַ גרויסע צאָל ייִדישע שרײַבער, אמתע װאָרט־קינסטלער, זײַנען גײַסטיק מושפּע געװאָרן פֿון פּרצן און האָבן אָפּט אַרױפֿגעקוקט צו אים װי אויף זײער רבין, ספּעציעל אין שײכות צו זײַן קוק אויף די שײנע פּאָזיטיװע װערטן פֿון ייִדישן עבֿר און אויף די נאַציאָנאַלע פֿליכטן אונדזערע צו פֿאַרפֿעסטיקן דעם װײַטערדיקן קיום פֿון ייִדישן פֿאָלק.

הערה: איך בין זיך מודה ומתוודה, אַז איך געדענק לחלוטין ניט, װען און װאו איך זאָל האָבן געלײענט דעם דאָזיקן רעפֿעראַט. איך האָב געפֿונען די קאָפּיע דערפֿון צװישן מײַנע פֿאַרעלטערטע „פּאַפּירן". איך האָב אַן אָנונג, אַז דער דאָזיקער רעפֿעראַט איז פֿון מיר געלײענט געװאָרן מיט פֿיל יאָרן צוריק אין װיניפּעג (מסתּמא, בײַם דאָרטיקן „קולטור־פֿאַראײן", אין די יאָרן 1925־1928, אין דער צײַט פֿון מײַן ערשטער קאַדענץ אין דער דאָרטיקער „פּרץ־שול"). אָבער זיכער בין איך ניט דערין. איך װײס נאָר, אַז אין יענע יונגע יאָרן מײַנע האָב איך זיך פֿיל געגריבלט אין „פּרצן". מעגלעך מחמת מיר שטאַמען פֿון דער זעלביקער געגנט אין פּוילן.

פּ. ה.

(4) דוד פּינסקי װי אַ קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור

(אַ קורצע אָפּשאַצונג צו פּינסקיס צענטן יאָרצײַט)

דוד פּינסקי איז פֿון די ראשונים און פֿון די װיכטיקסטע זײַלן אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. ניט נאָר האָט פּינסקי באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור מיט זײער אַ סך װערק פֿון פֿאַר־

שיידענע זשאַנערן: דערציילונגען, דראַמעס, ראָמאַנען, פּובליציסטישע אַרטיקלען, ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנדלונגען און אַפילו וואָגיקע פּאָעמעס (שוין נאָך זײַן באַזעצן זיך אויף דער עלטער אין ישׂראל) — פּינסקי איז פריער פון אַלץ אַן אידייען־שרײַבער און אַ גרויסער וואָרט־קינסטלער.

די טעמאַטיק און די שרײַב־פאָרעם איז בײַ פּינסקין באַלד פון דער התחלה־אָן געווען אַנדערש ווי בײַ די אַנדערע יידישע שרײַבערס פון זײַן דור. פּינסקי האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך אין די פריִע נײַנציקער יאָרן פונם נײַנצנטן יאָרהונדערט — כּמעט אין דער זעלביקער צײַט ווי י. ל. פּרץ. ער האָט דער ערשטער אַרײַנגעבראַכט אין דער נײַער יידישער ליטעראַטור דעם אַרבעט־מאָטיוו, דעם סאָציאַלן קאַמף פון יידישן אַרבעטער, אַרויסגעהויבן די דיפערענצירונג, די אונטערשיידן, אין דער יידישער עדה.

בײַ מענדעלע מוכר־ספרים, למשל, דערשײַנט נאָך דאָס יידישע פאָלק ווי אַן איינהײַטלעכע פּאַטריאַרכאַלישע מאַסע מיט די זעלביקע געוואוינהײַטן, מיט דער זעלביקער התנהגות און מיטן זעלביקן לעבנס־שטייגער: אַלע יידן וויינען אין דער זעלביקער צײַט אויפן חורבן פון בית־המקדש און אויף גלות־השכינה, און אַלע יידן פרייען זיך גלײַך מיט דער תּורה און מיטן „אתּה־בחרתּנו”־געפיל; אַלע יידן עסן אין דער זעלביקער צײַט לאָקשן מיט יויך און מערן־צימעס און זינגען די זעל־ביקע זמירות בײַם שבתדיקן און יום־טובֿדיקן טיש. דאַקעגן בײַ פּינסקין זעט מען שוין בולט די קלאַסן־דיפערענצן צווישן דער יידישער באַפעל־קערונג: פון איין זײַט דער באַלעבאָס מיט זײַנע אינטערעסן און מיט זײַנע אַפּעטיטן, און פון דער צווייטער זײַט דער אַרבעטער, דער פּועל, צי דער משרת, מיט אַ באַזונדערער קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע, מיט אַנדערע געדאַנקען און מיט אַנדערע פּראָבלעמען, הגם דער צײַט־שפּאַן צווישן מענדעלעס „בראשית” אין דער יידישער ליטעראַטור און פּינסקיס איז ניט אַזאַ גרויסער: מענדעלעס ערשטע געדרוקטע אַרבעט אין יידיש איז אויסגעפאַלן אין יאָר 1863 („דאָס קליינע מענטשעלע”, געדרוקט אין „קול מבֿשׂר”), און דוד פּינסקי האָט דעביוטירט אין 1892 (אין ספּעק־טאָרס „הויז־פרײַנד”) מיט: (1) „אויף דער פּראָווינץ”, (2) „דער גרוי־סער מענטשן־פרײַנד”, (3) „אויף מלחמה מיט דעם הינטערפיסלעך־טאָנץ” — בלויז אַרום 28 יאָר שפּעטער.

פּינסקי אונטערשיידט זיך אין אַ סך פּרטים פון אַנדערע יידישע

שרײַבערס אין זײַן דור, אַפֿילו מיט זײַן ביאָגראַפֿיע, דהיינו: כמעט אַלע ייִדישע שרײַבערס פֿונם קלאַסישן פּעריאָד זײַנען געקומען צו דער ייִדישער ליטעראַטור דורך די וועגן פֿון בית־המדרש און ישיבֿה. פּינסקי איז צו אונדז געקומען גלײַך אַן אייראָפּעער, מיט וועלטלעכער בילדונג, מיט אייראָפּעישן געשמאַק און סטיל. דערפֿאַר איז זײַן צוגאַג צו דער ליטעראַטור אַן אַנדערער, אַפֿילו זײַן שפּראַך איז אייגנאַרטיק (זי ווערט פֿון מאַנכע באַצייכנט ווי „אַ בלומען־שפּראַך").

פּינסקי איז אַ גרויס־שטאָטישער. געבוירן געוואָרן איז ער אין מאָהילעוו (אין 1872). צו 13 יאָר איז ער אַריבערגעפֿאָרן מיט זײַנע עלטערן קיין מאָסקווע. דערנאָך האָט ער געלעבט אַ קורצע צײַט אין וויטעבסק. פֿון דאַנען איז ער אַוועק קיין ווין שטודירן מעדיצין. אין 1892 איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט פּרצן, דינעזאָנען, ספּעקטאָרן, און האָט זיך גלײַך גענומען באַטייליקן אַקטיוו אין יענער אויפֿבלי־תּקופֿה פֿון דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור. אין 1896 האָט ער זיך באַזעצט אין בערלין, וואו ער האָט געהערט לעקציעס אין אוניווערסיטעט. אין 1899 איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע. די דאָזיקע גרויסשטאָטישקײַט מערקט־זיך אין אַ גרויסער מאָס אין זײַן שרײַבן: בײַ אים זײַנען ניטאָ די קליין־שטעטלדיקע בלאָטעס און ניט די „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השׂגות" — אין די מערסטע פֿון זײַנע בילדער איז פֿאַראַן אַ גאַנץ אַנדערע פּאַנאָראַמע און גאַנץ אַנדערע מענטשן־געשטאַלטן.

פּינסקי האָט אַרײַנגעבראַכט אַ רייע נײַע מאָטיוון אין דער דעמאָלט יונגער ייִדישער ליטעראַטור. ווי באַקאַנט, איז מען געוואוינט צוצו־שרײַבן צו פּרצן, אַז ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אַרײַנ־געבראַכט אייראָפּעישקײַט אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. אין דער אמתן האָט פּינסקי אַרײַנגעבראַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור מער אייראָפּעישע מאָטיוון איידער פּרץ.

נעמט, למשל, דעם ליבע־מאָטיוו. בײַ קיינעם פֿון די ייִדישע שרײַ־בערס פֿון יענעם פּעריאָד קומט די ליבע ניט אַרויס אַזוי שטורמיש, אַזוי דינאַמיש, ווי בײַ פּינסקין. געוויס איז עס אויך צו פֿאַרדאַנקען פּינסקיס אייגענעם טעמפּעראַמענט. בשעת מ'לייענט פּינסקיס „גאַרבי און די פֿרויען", אָדער „נינאַ מאַרדענס ליבעס", דוכט זיך אויס, אַז מ'לייענט איבסענס אַ דראַמע, אַזוי ראַפֿינירט און טיף זײַנען געשילדערט די ליבע־געפֿילן פֿון די העלדן. דאַקעגן בײַ „יאַנקל דער שמיד" איז די ליבע

זייער פּרימיטיוו, אָבער אמתדיק, עכט, אָן אַ סימן פֿון מעלאָדראַמאַ־טישקייט.

אויך די קאָנסטרוקציע פֿון זײַנע דראַמעס, ווי „איציק שעפּטל", „די פֿאַמיליע צבי", „דער שטומער משיח", און אַנדערע, זײַנען געשריבן לויט די אָנגענומענע כללים פֿון דער קלאַסישער דראַמע־קונסט. בײַ זײַנע העלדן זײַנען כסדר פֿאַראַן קאָנפֿליקטן: געזעלשאַפֿטלעכע (סאָציאַל־עקאָנאָמישע) און אינעווייניקסטע יחידישע (אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע). אַפֿילו זײַנע ביבלישע איינאַקטערס פֿון דער סעריע „דוד און זײַנע ווײַבער", וועלכע זײַנען שיין־קינסטלעריש געשריבן, געטרײַ צום גײַסט פֿון תנ"ך, זײַנען פֿול מיט קאָנפֿליקטן פֿון מאָדערנע מענטשן.

דער סטיל פֿון פּינסקיס קינסטלערישע דערציילונגען איז אַ מוסטער פֿון שיינער שרײַבקונסט. פּינסקיס אומרואיקער טעמפּע־ראַמענט האָט אומעטום געפֿונען אומרואיקע טיפּן און העלדן אין די סאַמע קאָמפּליצירטסטע סיטואַציעס. מען קען זאָגן, אַז פּינסקי האָט גע־שעפּט פֿון 3 פֿאַרשיידענע שעפֿערישע קוואַלן: (1) פֿון דער רעאַלער סבֿיבֿה: (2) פֿון דער היסטאָרישער פֿאַרגאַנגענהייט: (3) פֿון דער אַלטער ליטעראַטור אונדזערער — פֿון אַ מדרש, פֿון אַ מאמר אין דער גמרא, אד"ג (זײַן דערציילונג „ברוריה", אַשטייגער, איז געבויט אויף רש"י אין דער מסכתא עבֿודה־זרה: „די נסיונות פֿון רבי עקיבֿא" איז באַזירט אויף אַ באַמערקונג אין „אָבֿות דר' נתן": און אַזוי אויך די דערציילונגען „יוחנן כהן גדול" און „זרובבֿל").

די וועלכע האָבן געקענט פּינסקין פּערזענלעך, ווייסן, אַז ער האָט אין זיך געהאַט פֿיל אַריסטאָקראַטישע שטריכן. מערקט־זיך אָט־די דאָזיקע איידעלע אַריסטאָקראַטישקייט אויך אין פֿיל פֿון זײַנע ליטע־ראַרישע שאַפֿונגען. ער באַהאַנדלט זײַנע טיפּן מערסטנטיילס אויף אַ נאָבעלן אופֿן, מיט אײַנזעעניש, מיט מיטגעפֿיל, אַפֿילו ווען זיי פֿאַר־דינען עס ניט. אין דער דערציילונג „חיים משרת", אַשטייגער, חוזקט ער ניט אַפֿ צופֿיל פֿון דעם שוואַכלינג חיים, הלמאַי ער האָט ניט קיין מוט אַנצוקלאַפּן בײַם באַלעבאָס אין קאַבינעט און אים מעלדן, אַז ער מוז גלײַך אַהיימגיין, ווײַל זײַן ווײַב איז שטאַרק קראַנק געוואָרן און זײַן יונג טעכטערל איז שוין צוויי מאָל געקומען אין גרויסן פֿראָסט אים אַהיימצו־רופֿן. אָט מיט אַזאַ איידלקייט באַציט זיך פּינסקי צו אַ סך אַזעלכע שוואַכע נאַטורן. ער קען פּשוט ניט זײַן גרויזאַם, האַנדלען ווי אַן אכזר,

אַפּילו בעת ער האָט אַ „מיסיע״ אַרויסצורופֿן פּראָטעסט קעגן אַזעלכע פּחדנים אין דער געזעלשאַפֿט.

אַ שטאַרקן אײַנדרוק מאַכט נאָך הײַנט אויפֿן לייענער פּינסקיס אַ דערציילונג „איטשע כאַפּון״ — וועגן דער קאַנטאָניסטן־אַנשיקעניש אין צאַרישן רוסלאַנד. אין אונדזערע יונגע יאָרן זײַנען מיר שטאַרק באַווירקט געוואָרן פֿון יהודה שטיינבערגס העברעישער דערציילונג „בימים ההם״, וואָס איז אַ שילדערונג פֿון יענער היסטאָרישער תּקופֿה. אָבער פּינסקיס „איטשע כאַפּון״ שטייט קינסטלעריש פּיל־פּיל העכער. ער האָט פֿון דעם געוועזענעם „כאַפּער״ איטשע געמאַכט אַ בעל־תּשובֿה פֿון גאָר אַ הויכער מדרגה, וואָס נאָר דאָס ייִדישע פֿאָלק, מיט אַזאַ הויכער מאָראַלישער עטיק, קען פֿון זיך אַרויסגעבן.

פּינסקי איז פּערזענלעך אין טרעבלינקע און מאַידאַנעק ניט געוועזן. ער איז אין שטח געוועזן טויזנטער מײַל ווײַט אַוועק פֿון היטלערס גיהנום. פֿון דעסטוועגן זעט מען פֿון זײַנע דערציילונגען וועגן דער דאָזיקער שרעקלעכער תּקופֿה, אַז ער האָט אינערלעך דורכגעלעבט דעם גאַנצן שוידער פֿון אונדזער „דריטן חורבן״. ס׳איז גענוג צו לייענען אַזעלכע דערציילונגען זײַנע ווי: „ער לעבט״, אָדער „קידוש השם״, אַז מ׳זאָל מיטציטערן און מיטפֿיבערן מיטן שרײַבער דעם גאַנצן גרויל פֿון דער חיהשער אכזריות. אין „ער לעבט״ ווערט דערציילט וועגן אַ רבֿ וואָס די אוממענטשלעכע נאַציס האָבן באַגראָבן לעבעדיקערהייט, נאָר שטייענדיק, און דעם קאָפּ אים געלאָזן אין דרויסן כדי צו עקספּערימענטירן, ווי לאַנג דער קאָפּ וועט קענען לעבן, בעת דער גאַנצער קערפּער איז שוין באַגראָבן. און אין „קידוש השם״ ווערט געשילדערט אַ שרעקלעך־גרוילעכע געשיכטע, ווי אַן ענטפֿער אויף אַן אַמעריקאַנער רעפּאָרטערס אַ פּלפּול, „פֿאַרוואָס זאָל מען פֿאַררעכענען די זעקס מיליאָן אומגעקומענע ייִדן דורך די נאַציס פֿאַר „קדושים״, בעת היטלער האָט זיי דאָך ניט געגעבן קיין אַנדערע ברירה?״

ווי אַ ייִדישער לערער, וואָלט דער שרײַבער פֿון די שורות שטאַרק רעקאָמענדירט, אַז דוד פּינסקיס דערציילונג „דער קדוש פֿון ליוצין״ זאָל אַרויסגעגעבן ווערן ווי אַ שול־אויסגאַבע פֿאַר עלטערע קינדער. דאָס איז אַ דערציילונג פֿון דער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהײַט וואָס אילוסטרירט ברוטאַל־בולט דעם נאַרישן ווילדן ייִדן־האַס, וועלכער האָט געוואָרצלט טיף צווישן דער פֿאַנאַטישער רעליגיעזער קריסטלעכער מאַסע, וואָס איז כסדר געהעצט געוואָרן פֿון דער אָרגאַניזירטער

גלחישער וועלט. פֿאַר אונדזער יוגנט וואָלט אַזאַ דערציילונג, געשריבן מיט אַזוי פֿיל טאַלאַנט, באַדײַט מער ווי אַ צענדליק פֿאַרמעלע לעקציעס אין ייִדישער געשיכטע כּדי צו פֿאַרשטיין און אָפּצושאַצן דעם אמתן באַגריף פֿון „קידוש השם" און מיטצופֿילן די קרבנות פֿון רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם. די דערציילונג איז אַ מוסטער פֿון אונדזער מאַרטירער־ליטעראַטור פֿון דורות. פּינסקי איז אַנגערעגט געוואָרן זי אָנצושרײַבן אונטער דער ווירקונג פֿון די גרויליקע נאַצישע רציחות.

קרובֿ צו זיבעציק יאָר האָט דוד פּינסקי פֿאַרנומען גאָר אַן אָנגעזעען אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור און זי באַרײַכערט מיט זײַנע פּראָדוקטיווע בײַטראָגן. גאָר אַ סך אָנהענגער־חסידים האָט ער געהאַט דווקא צווישן די ברייטע מאַסן לייענערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. זײַנע ווערק פֿלעגן געלייענט, פֿאַרגעלייענט, און שפּעטער אַרומגערעדט ווערן אין פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע קרײַזן, ווײַל זיי זײַנען פֿול מיט אידייען, און די העלדן סימבאָליזירן מיט זיך פֿאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס. אויך פֿון אונדזערע אָפֿיציעלע ליטעראַטור־קריטיקערס זײַנען אין משך פֿון לאַנגע יאָרן פּינסקיס קינסטלערישקײַט און טאַלאַנט הויך־געשעצט געוואָרן.

אָט וואָס בעל־מחשבֿות האָט געשריבן וועגן דעם ערשטן פּעריאָד פֿון פּינסקיס שאַפֿן: „פּינסקי איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט באַמערקט אין דער צוזאַמענגעגאָסענער ניט־דיפֿערענצירטער ייִדישער מאַסע די געבורט פֿון נײַע געשטאַלטן מיט פֿרישע רעיונות אין מוח און אַ פֿרישן פּראָטעסט אויף די ליפּן". — „זײַן גאַנצע ליבע האָט פּינסקי אַוועקגעגעבן זײַנע פּראָלעטאַרישע העלדן. ניט קיין רחמנות־געפֿיל (ווי פּרץ) האָט ער געוועקט בײַ אונדז צום אַרבעטער, נאָר אַכטונג צו זײַנע געזונטע נאַטירלעכע קרעפֿטן, צו זײַנע פֿיזישע חושים, וואָס זײַנען נאָך ניט פֿאַרטויבט געוואָרן פֿון בית־מדרש לופֿט און „חיי־אדם".

ש. ניגער, וועלכער איז מיטגעגאַנגען מיט פּינסקיס ליטעראַרישן שאַפֿן דעם גאַנצן וועג, האָט געהאַלטן אין איין אַנטדעקן אין זײַנע ווערק גרויסע קינסטלערישע מעלות: „בײַ פּינסקין זײַנען אַלע ייִדן און ייִדענעס, אַפֿילו די בית־מדרש־געסלדיקע, קרעפֿטיק און פֿולבלוטיק. אַז זיי טוט עפּעס ווי, זיפֿצן זיי ניט, נאָר זיי שרײַען; אַז זיי זײַנען ברוגז, קלאָגן זיי ניט, נאָר זיי דונערן און די אויגן בליצן; אַז זיי פֿרייען זיך, איז די פֿרייד בײַ זיי ווי אַ שטורעם אין האַרצן... פּינסקי דער קינסטלער האָט ליב דעם עצם צוזאַמענשטויס. ער האָט ליב צו שילדערן

קראַפֿט . . . פּינסקי האַלט אין איין זוכן נײַע טעמעס, נײַע מאָטיוון, נײַע פֿאָרמען . . . ער איז, ניט־געקוקט אויף די פֿרעמדע גערטנער איבער וועלכע ער האָט שפּאַצירט, אַ טיף־ייִדישער דיכטער: אַ דיכטער אַ שטראָפֿער, אַ דיכטער אַ זעער פֿון צילן, אַ ווײַזער פֿון וועגן״.

נחום־ברוך מינקאָוו, דער פּאָעט און אייגנאַרטיקער פֿאָרשער און קענער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט געהאַלטן, אַז דוד פּינסקי דאַרף פֿאַרצייכנט ווערן ווי אַ קלאַסיקער, „דער פֿערטער קלאַסיקער פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור״. א. לעיעלעס, דער באַרימטער פּאָעט און עסייאיסט, האָט דאָס אויפֿגעכאַפּט אין זײַנס אַן אָפּשאַצונג וועגן פּינסקין און האָט אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויפֿן טעות און אויף דער עוולה, וואָס איז לגבי פּינסקין באַגאַנגען געוואָרן: „ער, פּינסקי, דאַרף לעבן מענדעלען, שלום־עליכמען און פּרצן צוגערעכנט ווערן ווי דער פֿערטער קלאַסיקער אונדזערער״.

אָבער ווי עס זאָל ניט זײַן, יאָ קלאַסיקער אָדער ניט קלאַסיקער, פֿאַרדינט דוד פּינסקי זיכער, אַז עס זאָל נאָך וועגן אים אָנגעשריבן ווערן דאָס גרויסע מאָנומענטאַלע ווערק, אַ פֿולע מאָנאָגראַפֿיע, וואָס זאָל געבן אַן אויסשעפּנדיקע אָפּשאַצונג וועגן זײַן ווירדיקן און וויכטיקן צו־שטײַער צו דער ייִדישער ליטעראַטור.

פּ. הערשטיין

(„אונדזער אייגן ווינקל״)

(5) יעקבֿ גלאַטשטיין — מײַסטער פֿון ייִדישער פּראָזע

(געשריבן צו זײַן ערשטן יאָרצײַט)

יעקבֿ גלאַטשטיין ע״ה האָט זיך באַוויזן אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור ווי אַ פּאָעט, און ווי אַזעלכן האָבן אים די מערסטע ליטעראַטור־קריטיקערס בײַ אונדז אָפּגעשאַצט סײַ צו זײַן 70סטן געבוירנטאָג, סײַ צו זײַן 75סטן געבוירנטאָג און סײַ נאָך זײַן פּטירה. אָבער אין דער אמתן האָט יעקבֿ גלאַטשטיין דערגרייכט מײַסטערשאַפֿט אויך ווי אַ פּראָזע־שרײַבער. וואָלט כדאי געווען צו דער געלעגנהײַט פֿון זײַן ערשטן יאָר־צײַט אַרויסצוהייבן עטלעכע כאַראַקטער־שטריכן פֿון זײַנע פּראָזע־ווערק.

די צוויי „יאש״־ביכער פֿון יעקבֿ גלאַטשטיין זײַנען פֿאַרן ייִדישן לייענער געווען בשעתם אַ רעוואָלוציע, אַפֿילו אַ סענסאַציע. מיר האָבן

שוין לאַנג, נאָך די קלאַסיקערס אונדזערע, ניט געפּילט דעם טעם פֿון אַזאַ געשמאַקן גלאַטיקן ייִדיש. זײַן לעקסיק איז אַן אמתער ווערטער־אוצר פֿון טאָג־טעגלעכן ייִדיש. זײַן גראַמאַטיק און קאָמפּאָזיציע זײַנען אייגנשאַפֿטן פֿון גוטן, קלאָרן סטיל.

דאָס ערשטע פֿון די „יאש"־ביכער, „ווען יאש איז געפֿאָרן", האָט אונדז קודם־כל איבערראַשט מיט דער פֿרײַער, פֿלינקער רעפּאָרטאַזש־פֿאָרעם. דאָס איז אייגנטלעך אַ רײַזע־בוך, וואָס וואָלט זיך געקענט רופֿן „מסעות יעקבֿ גלאַטשטיין". אין משך פֿון דער קנאַפּער וואָך צײַט, וואָס ער געפֿינט זיך אויף דער שיף איבערן אַטלאַנטיק, פֿון ניו־יאָרק ביז פּאַריז, ברענגט אונדז גלאַטשטיין אין קאָנטאַקט מיט פֿאַרשיידענע טיפּן מענטשן, וואָס יעדער איינער פֿון זיי פֿירט מיט זיך מיט פֿונם גרויסן, רײַכן אַמעריקע זײַן וועלטל, זײַן לעבן, זײַנע אילוזיעס און זײַנע אַנטויי־שונגען... גלאַטשטיין גופֿא דערשיינט דאָ פֿאַר אונדז אין פֿאַרלויף פֿון זײַנע געשפּרעכן מיט די מאָדנע אויסטערלישע פּאַסאַזשירן מעשׂה „וואוילער־יונג", אַן אַן עול, אַן פֿליכטן, אַן אַ שווערן געמיט אַפֿילו. דערפֿאַר אפֿשר קאָן ער ווערן גאָר גיך אַ גוטער פֿרײַנט, אַ „פּאַן־בראַט", מיט יעדערן באַזונדער און זיך דערוויסן פֿון די אינטימסטע סודות בײַ יעדערן פֿון זיי. עס קוקט אויס, אַזוי ווי גלאַטשטיין גופֿא האָט געוואָלט אָפּשאָקלען פֿון זיך די „אַנגעזאַלצענע" שטימונגען מיט דער לאַנג־ווײַליקײַט און די קליינלעכקײַטן, וואָס ער האָט געהאַט אײַנגעזאַפּט אין זיך אין די פֿאַרשיידענע צײַטן במשך די 29 יאָר לעבן אויף דער איסט־סײַד אין ניו־יאָרק...

די עפּיזאָדן און באַגעגענישן אויף דער שיף ווערן פֿון אים באַ־שריבן עכט־קינסטלעריש, אָבער, ווי מיט אַ כיוון, באַפּעפּערט ערטער־ווײַז מיט „אינטעליגענט"־וואולגאַרע אויסדרוקן, עכט וואויל־יִנגעריש. ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, וואָס שוין אין זײַן בוך „ווען יאש איז געפֿאָרן" מערקט זיך די גרויסע ענדערונג, וואָס קומט ביסלעכווײַז פֿאָר אין גלאַטשטיינען. הפּנים, ער האָט דאָ מער צײַט און מער ישובֿ־הדעת איידער אין די ניו־יאָרקער „ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס" צו טראַכטן און זיך טאָקע צו פֿאַרטראַכטן וועגן תּוכיקע ייִדישע פּראָבלעמען, וועגן ייִדישן גורל בכלל. עס שווימען אָגבֿ אויף אין „זײַן" זכרון מאָמענטן פֿון דער קינדהײַט — און זײַנע קינדער־יאָרן אין לובלין האָט ער פֿאַר־בראַכט אין אַ פֿאַרוואָרצלטער ייִדיש־קולטורעלער סבֿיבֿה, וואָס האָט אים מיטגעגעבן געגנוג גײַסטיקן צידה־לדרך אויפֿן גאַנצן לעבן.

דער אייגנטלעכער ציל פֿון גלאַטשטיינס נסיעה איז געווען, וואָס זײַן מוטער אין לובלין איז געווען זייער קראַנק און זי האָט געוואָלט זען איר זון, איידער זי גייט אַוועק פֿון דער וועלט. אָבער יעקבֿ גלאַטשטיין רעדט ניט קיין סך וועגן דעם אין זײַנע בײדע „יאש"־ביכער, אַזוי ווי ער וואָלט דערמיט וועלן באַהאַלטן זײַנע עמאָציעס. בלויז אין צווייטן בוך, „ווען יאש איז געקומען", גיט ער אונדז איבער, ווי אַזוי עס איז אים אויסגעקומען איבערצושפּילן אין דער לובלינער קהילה אַ שטיקל חומש אין שייכות מיט דער „קרקע" פֿאַר זײַן מוטערס קבֿר: — „וואָס איז 400 דאָלאַר צווישן מיר און דיר? — האָט געזאָגט עפֿרון, דער חתי — און דײַן מת באַגראָבֿ!" (אַגבֿ, האָט דאָס זעלביקע שטיקל חומש אויסגענוצט נאָך פֿריער אויך י. י. שוואַרץ אין „קענטאָקי"). באַלד נאָך דעם קומט אַ באַשרײַבונג פֿון דער אײַנדרוקספֿולער לוויה: „די גאַסן זײַנען שוואַרץ געווען פֿון מענטשן, די געוועלבער האָבן זיך געשלאָסן" — מחמת זײַן מוטער איטע־רחל איז געווען אַן אָנגעזעענע פֿרומע ייִדענע.

אין „ווען יאש איז געפֿאָרן" גיט אונדז גלאַטשטיין וואונדערבאַרע בילדער, עפּיזאָדן און מאָנאָלאָגן, וואָס לייענען זיך מיט דער גרעסטער שפּאַנונג. דאָס קאַפּיטל, אַשטייגער, וועגן דעם בעסאַראַביער יונגנמאַן, וועלכער האָט געלעבט אַ צײַט אין באָגאָטאָ, קאָלאָמביאַ, איז קלאַסיש געשריבן. ניט מיט ווייניקער אינטערעס לייענט זיך די מעשׂה וועגן דעם רוס כאַזשעוו, וועלכער האָט דרײַ יאָר צײַט שטודירט אין אַמעריקע אויפֿן חשבון פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג, און איצט פֿאָרט ער זייער אויפֿגעלייגט צוריק אַהיים אין זײַן סאָציאַליסטישן „פֿאָטערלאַנד". פֿון באַזונדערן אינטערעס זײַנען די זכרונות־שילדערונגען וועגן דעם אָנהייב פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לובלין מיט פֿיל יאָרן צוריק, אין 1905, בעת ער, גלאַטשטיין, איז נאָך געווען אַ יונג ייִנגל: דאָס „גיין מיט דער פֿאָן", די ראָל פֿון יונגן „בונד", די פֿרייד אויף די גאַסן, ווען מ'האָט געגעבן די „קאָנסטיטוציע" און דער פּאָגראָם אויף מאָרגן נאָך דער קאָנסטיטוציע, מיט יענע אַלע טרויעריקע רעזולטאַטן. [אין בײדע „יאש"־ביכער איז, אַגבֿ, פֿאַראַן אַ שלל מיט אויטאָביאָגראַפֿישן מאַטעריאַל געגעבן אין רעטראָספּעקט.]

שווין אויף דער שיף, בײַם גאַנצן הו־האַ אַרום די אויסטערלישע פּאַסאַזשירן, ווערט אַ שעפֿערישע פּערזענלעכקײַט ווי גלאַטשטיין גאַנץ אָפּט אָנגערעגט צו ערנסטע מעדיטאַציעס וועגן: דײַטשלאַנד, נאַציזם, און ייִדן. באַהערשט פֿון דער דאָזיקער אומרואיקײַט לאָזט ער ניט דורך

די געלעגנהייט אַנצוטאַפּן דעם דופּק אויך בײַ זײַנע מיטפֿאַרערס צו דערגיין, וואָס זיי טראַכטן וועגן די דאָזיקע ענינים...

די פֿולע דערוואַכונג גלאַטשטיינס צום גורל פֿון ייִדישן המשך מערקט זיך טיף אין זײַן צווייטן בוך: „ווען יאָש איז געקומען״. ווייני־קער ווי אַ וואָך צײַט האָט ער נאָך זײַן מוטערס פּטירה פֿאַרבראַכט אין אַ פּענסיאָנאַט פֿאַר „פֿאַרקאַליכטע״, און דווקא דאָ איז ער געקומען פּנים־אל־פּנים מיט אײַנגעוואָרצלטע ייִדן, די לעצטע פֿון אַ דור. עס קוקט אויס, אַז נאָך דער דערפֿאַרונג מיט דער אויסגעליידיקטער ייִדישקייט אין אַמעריקע האָט גלאַטשטיין ערשט געקענט ווי געהעריק אָפּשאַצן און ליב קריגן די טיפֿקייט און די גײַסטיקע עשירות פֿון פּוילישן ייִדנטום. ער האָט אָבער קיין נחת ניט געקענט האָבן. ער האָט שוין פֿאַר זיך געזען אַ צעבראָכענע עדה, פֿאַרפּײַניקטע מענטשן, וואָס ראַנגלען זיך אויף אַרויסצוראַטעווען זיך פֿון לעבעדיקן גיהנום.

ס׳איז ממש האַרצרײַסנדיק צו לייענען דאָס גרויסע קאַפּיטל אין בוך, ווי פֿאַרשיידענע מענטשן קומען בעטן בײַ אים, דעם „אַמערי־קאַנער״, „אַז ער זאָל אין ׳נעוויאָרק׳ אויפֿזוכן דעם אַ ברודער, יענעם אַן אייגן קינד, ווײַל — ׳באו מים עד נפֿש׳...״ דער העכסטער אידעאַל בײַ יענע פּוילישע ייִדן איז דעמאָלט געווען אַ שיפֿס־קאַרטע קיין אַמעריקע. גלאַטשטיין האָט אַזוי ווי וויזיאָנעריש געזען דאָס פּוילישע ייִדנטום שטיין בײַם ראַנד פֿון אונטערגאַנג, כאָטש עס איז נאָך דעמאָלט געווען עטלעכע יאָר פֿאַר דעם אויסברוך פֿון דער היטלער־מלחמה. דאָס איינ־ציקע, וואָס האָט נאָך דערהאַלטן דעמאָלט דעם פּוילישן ייִדן בײַ דער נשמה, זײַנען געווען די טיפֿע קוואַלן פֿון ייִדישקייט און טראַדיציע, וואָס האָבן לעת־עתה פֿאַרטריבן ווי־עס־איז די טראַגישע מורא פֿאַר אונטער־גאַנג און האָבן אָנגעהאַלטן מיט די לעצטע כוחות דעם ביטחון אין „נצח ישׂראל לא ישקר״. האָט מען גערן זיך אָנגעכאַפּט אין אַ ניגונדל, אָדער אַ שטיקל „תורה״, פֿון שטיינמאַנען, דעם גלענצנדיקן טיפּ, פֿאַר וועמען אַלע אין פּענסיאָנאַט האָבן געהאַט גרויס דרך־ארץ. און געווען איז דאָס אַ ייִד: אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פֿון קולטור און ייִדישער חכמה.

דאָס איז געווען אַ ייִד אַ חקרן, אַ דענקער, מיט טיפֿן ייִדישן זין פֿאַרן לעבן. ער איז אַמאָל אַליין געווען אַ שרײַבער פֿון חסידישע מעשׂות, און ער האָט פֿאַרמאָגט אַ וועלט מיט הלצה און שאַרפֿזין — אַן אמת־קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט: פֿון איין זײַט אַ גאָט־זוכער, און פֿון דער צווייטער זײַט כמעט אַ כופֿר, אַן אַפּיקורוס. אַלע אין פּענסיאָ־

נאַט, די 80־90 דאַרטיקע געסט, האָבן זיך מיטן גרעסטן דרך־ארץ צוגעהערט צו זײַן „תורה”: יונג און אַלט, מענער און פֿרויען, חסידים און פֿרײַע ייִדן — ער האָט זיי אַלעמען ממש פֿאַרכישופֿט מיט זײַנע דערציילונגען וועגן די העלדן פֿון אונדזער ניט־לאַנג פֿאַרגאַנגענעם עבֿר, וועלכע ער האָט פּערזענלעך געקענט: פּראָפֿעסאָר היינריך גרעץ, דעם גרויסן היסטאָריקער פֿון ייִדישן פֿאָלק; ד״ר טעאָדאָר הערצל, דעם אַרכיטעקט פֿון פּאָליטישן ציוניזם; מאַקס נאָרדוי, דעם גרויסן אייראָפּעער, וועלכער האָט מיט זײַן מאַגישער פּערזענלעכקײַט צוגעגעבן די ציוניסטישע קאָנגרעסן אַזוי פֿיל פּרעסטיזש. שטיינמאַן האָט מײַסטערהאַפֿט געשילדערט גאַנצע שטיקער לעבן פֿון ייִדן אין דײַטשלאַנד סוף 19טן יאָרהונדערט, ווי: די רעפֿאָרם־באַוועגונג, דעם אויפֿבלי פֿון „חכמת־ישׂראל” דאָרטן מיט די סעמינאַרן, צו וועלכע דאָס ייִדישע יונגוואַרג פֿון פּוילן האָט זיך געריסן, גייענדיק אַהין כמעט צופֿוס און לײַדנדיק הונגער און נויט אַלץ כדי צו שטילן זייער דאָרשט נאָך וויסן. ערשט זײַנע רייד וועגן ייִדישן קיום, אויסדויער און לײַדן! — דאָס אַלץ איז געווען ווי אַ גרויסער אַרײַנפֿיר צו גלאַטשטיינס נאַציאָנאַל־ייִדישע שטימונגען, וואָס מיר געפֿינען בײַ אים אָן אַ שיעור אין זײַנע לידער באַלד נאָך דער דאָזיקער רײַזע, געשריבן אין די אָנהייב 40ער יאָרן ביזן לעצטן טאָג פֿון זײַן לעבן.

מיר קענען ניט פֿאַרבײַגייִן דאָס ווערק „ווען יאָש איז געקומען” ניט צו דערמאָנען נאָך איין „העלד”, וואָס גלאַטשטיין האָט באַגעגנט אין יענעם פּענסיאָנאַט, און וועלכער האָט אָן־ספֿק אויפֿגעוועקט אין אים טיפֿע רעיונות וועגן ייִדן און ייִדישקײַט — דאָס איז געווען אַ זעכצןיאָריקער עילוי, פֿון דער רביישער דינאַסטיע. ער האָט ממש געבליצט מיט גאונות. אין אַ שמועס מיט גלאַטשטיינען, דעם ייִדישן שרײַבער פֿון אַמעריקע, פֿאַרטרויט אים דאָס 16־יאָריקער בחורל: „מיר דאַרפֿן ווערן אַ שעפֿערישע ענציקלאָפּעדיע. איר הערט? אָן ענציקלאָפּעדיע, אָבער אַ שעפֿערישע. איר כאַפּט דעם גוואַלדאָוונעם רעיון? האָט איר אַמאָל געלייענט דעם בראַצלאַווערס אַ מעשׂהלע? אָט ער איז מײַן העלד פֿון חסידות. איך בין פֿאַרליבט אין אים. איך טראַכט וועגן אים גאַנצע טעג. ער איז געווען אַ מחדש און ער האָט ליב געהאַט ייִדיש. איר ווייסט, וואָס איז אַזוינס ייִדיש? איר האָט כאָטש אַ באַגריף, וואָס פֿאַר אַ וואונדערלעך לשון דאָס איז?”

ס'איז אין דעם צוזאַמענהאַנג אינטערעסאַנט צו באַמערקן, וואָס פֿון

די „יאָש"־ביכער־אַן מערקט זיך בײַ גלאַטשטיינען: (א) אַז זײַן באַ־ליבטסטע טעמע איז דער בראַצלעווער רבי. (געוויס איז גלאַטשטיינס אויפֿפֿאַסונג וועגן דעם „בראַצלעווער" אַנדערש ווי די, וואָס די בראַצ־לאָווער חסידים האָבן וועגן זייער רביז); (ב) זײַן פֿאַרליבטקייט אין ייִדיש־לשון איז ווי בײַ אַ פֿרומען ייִד דער „אני־מאמין"; און (ג) דער גײַסט וואָס באַהערשט אים, איז „אהבֿת־ישׂראל", וואָס קומט באַ־זונדערס־בולט צום אויסדרוק אין זײַנע קלאָג־לידער איבערן גרויסן ייִדישן חורבן פֿון אונדזערע טעג.

בײַם סוף דאַרף אויך דערמאָנט ווערן גלאַטשטיינס פֿײַנע נאָוועלע (פֿאַר יונגוואַרג) „עמיל און קאַרל", וואָס איז דערשינען אין דער צווישנ־צײַט פֿוןביידע „יאָש"־ביכער. (פֿריער האָט זיך די דאָזיקע דערציילונג געדרוקט אין המשכים אין דער קינדער־אָפּטיילונג פֿון „מאָרגן־זשור־נאַל"). ס'איז אַ מעשׂה פֿון צוויי קינדערשע העלדן, וואָס האָבן פֿאַרזוכט דעם ביטערן טעם פֿון היטלער־רעזשים אין דער ערשטער סטאַדיע פֿון זײַן אויפֿקום. דער הינטערגרונט איז די שטאָט ווין, נאָכדעם ווי היטלער האָט פֿאַרכאַפּט עסטרײַך. עמיל איז אַ ייִדיש ייִנגל און קאַרל — אַ קריסטלעך ייִנגל. ביידע זײַנען בײַם אָנהייב פֿון דער נאָוועלע יתומים. בײַ קאַרלען, דעם דײַטשן ייִנגל, האָט מען צוגענומען דעם טאַטן, דעם סאָציאַליסט, און פֿאַרשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער, וואו ער איז אינגיכן אומגעבראַכט געוואָרן. עמילס פֿאָטער האָט מען אין מיטן דער נאַכט אַרויסגענומען פֿון בעט און שפּעטער צוגעשיקט אַהיים אַ קעסטעלע אַש. ביידע קינדער האָבן געענוג אויסצושטיין פֿון די דײַטשע רשעים. גוטע מענטשן האָבן דווקא אויף זיי רחמנות און ווילן זיי העלפֿן מיט אַ שטיקל ברויט און נאַכטלעגער. אָבער די פּאָליציאַנטן כאַפּן זיי און שלעפּן זיי צו דער אַרבעט, צו וואַשן די גאַסן צוזאַמען מיט גאַנצע מחנות ייִדן, וועלכע האָבן ערשט ניט לאַנג צוריק געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל, ווער אין די פֿרײַע פּראָפֿעסיעס און ווער אין דער אַמוזירונגס־וועלט, און איצט איזדעקעווען זיך איבער זיי פֿאַרדאַרבענע גראָביאַנעס. דאָס בוך איז פֿול מיט שוידערלעכע בילדער פֿון מענטשלעכער דערנידערונג צוליב דער איינציקער זינד פֿון די געפּײַניקטע, וואָס זיי זײַנען ניט קיין „אַריער"...

ווי אַ ייִדישער לערער האָב איך „עמיל און קאַרל" אײַנגעפֿירט ווי אַ לייענבוך, פֿריער אין דער אַרבעטער־רינג מיטלשול אין פֿילאַדעלפֿיע און שפּעטער אין דער פּרץ־פֿאָלקשול אין וויניפּעג, מיט זייער גוטע רעזולטאַטן סײַ בנוגע שפּראַך־דערגרייכונגען און סײַ בנוגע אויפֿוועקן

בײַם היגן יוגנטלעכן תלמיד די וואַרעמסטע געפֿילן צו אונדזערע ערשטע היטלער־קרבנות (ערבֿ דעם „דריטן חורבן״ אונדזערן).

כאָטש דער שרײַבער האָט ניט געוואָלט אין דער איצטיקער אַרבעט באַרירן גלאַטשטיינען דעם ליטעראַטור־קריטיקער און גלאַטשטיינען דעם פֿלינקן זשורנאַליסט — דאָס זײַנען באַזונדערע שרײַב־זשאַנערן — וועט ניט זײַן אויסערן פּלאַץ בײַם סוף פֿון אַרטיקל צו באַמערקן, אַז גלאַטשטיינס קלאָרער סטיל און זאַפֿטיקער ייִדיש קומען צום אויסדרוק אויך אין זײַנע אינהאַלטסרײַכע ליטעראַריש־קריטישע עסייען (אונטערן נאָמען „אין תוך גענומען״) און אין זײַנע פֿיל־צאָליקע פּובליציסטישע מאמרים אין דער ייִדישער פּרעסע, אין וועלכע ער האָט יאָרן־לאַנג רעאַגירט ווי אַ מוטיקער קעמפֿער, מיט חכמה און שאַרפֿזין, אויף די וויכטיקסטע טאָג־פּראָבלעמען פֿון אַלגעמיינעם און ייִדישן לעבן. יעקבֿ גלאַטשטיין איז תמיד און אומעטום געווען אַ מײַסטער פֿון ייִדיש־לשון.

פֿ. הערשטיין

(„אונדזער אייגן וואָרט״)

(6) „ארי אבן־זהב״ פֿון ד״ר מנחם ג. גלען

(אַ רעצענזיע)*

ד״ר מנחם גלען איז אַ ייִד אַ בן־תורה, אַ גרויסער בעל־דיקדוק, גלײַכצײַטיק אַ ליבהאָבער פֿון וועלטלעכער ליטעראַטור, און אַ מחבר פֿון אַ צאָל וויכטיקע ספֿרים, און גאָר אַ סך באַלערנדיקע אָפּהאַנד־לונגען אין באַרימטע ליטעראַרישע אויסגאַבעס און זשורנאַלן אין: ייִדיש, העברעאיש, און ענגליש. ער איז דער אויטאָר פֿון זייער אַן אינטערעסאַנטער מאָנאָגראַפֿיע וועגן דעם אייגנאַרטיקן און פּראָדוק־טיוון העברעישן שרײַבער און דיכטער ארי אבן־זהבֿ, וועמענס 70־יאָריקער יובֿל עס ווערט איצט געפֿײַערט פֿון די העברעיש־לייענערס אין די מערסטע תּפֿוצות, און באַזונדערס אין ארץ־ישׂראל.

ד״ר גלען איז צוגעטראָטן צו דער מאָנאָגראַפֿיע פֿון אבן־זהבֿ ניט ווי קיין געוויינטלעכער ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס איז בעיקר אויסן

*) ארי אבן־זהבֿ המספר ומשורר ירושלים, מאת ד״ר מנחם ג. גלן, הוצאת „עם הספר״, תל־אבֿיבֿ, תש״ל, 190 עמוד.

אַרויסצוהייבן די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זײַטן פֿונם יובילאַר, זײַנע מעלות און חסרונות, און זײַ פֿאַרגלײַכן: נאָר ווי אַ באַגאַבטער פּעדאַגאָג, אַ סיסטעמאַטיקער, וואָס וויל לערנען מיטן גוטן לייענער דעם מתמיד אַ וויכטיקע סוגיא אין הלכות „ליטעראַטור" — די קאָמפּליצירטע סוגיא „אבן־זהבֿ", וואָס איז ניט אַזוי איינפֿאַך פֿון אויבנאויף. און דאָס האָט זיך דעם מחבר ד״ר גלען פֿולשטענדיק אײַנגעגעבן.

ד״ר גלען האָט נאָכגעפֿאָלגט דעם באַרימטן זאָג: „וויל מען אַ דיכטער פֿאַרשטיין, מוז מען אין זײַן לאַנד גיין". ד״ר גלענס באַקאַנטשאַפֿט און פֿרײַנטשאַפֿט מיטן שרײַבער אבן־זהבֿ ציט זיך שוין לאַנגע יאָרן, כמעט פֿון די ערשטע ליטעראַרישע שריט פֿון אבן־זהבֿ. דערפֿאַר איז גלען ביכולת אַזוי טיף אַרײַנצודרינגען אין די שאַפֿונגען פֿונם אָריגינעלן שרײַבער און פּאָעט און אונדז געבן אַזאַ כוללדיק בילד וועגן אבן־זהבֿס אינטימע מאָמענטן אין פּראָצעס פֿון יצירה.

די מאָנאָגראַפֿיע איז אײַנגעטיילט אין 10 קאַפּיטלעך. פֿאַר יעדן בוך, אָדער ציקל ביכער, גיט ד״ר גלען אָפּ אַ באַזונדער קאַפּיטל, אין וועלכן ער רעדט־אַרום און קלערט־אויף דעם באַזונדערן באַטייט פֿון געגעבענעם ווערק אבן־זהבֿס. בײַם סאַמע אָנהייב איז דאָ אַ קורצער „אַרײַנפֿיר" וועגן אבן־זהבֿס אָרט אין דער העברעישער ליטעראַטור, און בײַם סוף קומט אַ „סך־הכל" פֿון אבן־זהבֿס שרײַבערישע כאַראַקטער־שטריכן. ד״ר גלען רעכנט אויס זיבן יסודות אַזעלכע: פֿיל־געשטאַלטיקײַט, אָפּטימיזם, דראַמאַטישקײַט, צמצום, פֿיקציע, מוסר און קלאָרקײַט. אַ שאָד, וואָס ד״ר גלען האָט זיך ניט געקענט אָפּשטעלן אויך אויף אבן־זהבֿס זאַפֿטיקן, ריינעם לשון־קודש, וואָס וואָרצלט אין דער טראַדיציע פֿון די בעסטע העברעישע מחברים.

חוץ דעם זײַנען דאָ פֿינף זייער וויכטיקע הוספֿות („תוספֿות"), וועלכע באַלײַכטן אינטערעסאַנטע דערשיינונגען אין שייכות מיט אבן־זהבֿס ווערק און זייערע אָפּרופֿן אין דער יִדיש־אינטעלעקטועלער וועלט. אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנט איז (אין „תוספֿת ה׳") די קאָלעקציע פֿון זלמן שניאורס אינטימע בריוו צו אבן־זהבֿ, אין וועלכע שניאור ווײַזט־אַרויס ערנסטע באַזאָרגטקײַט צוליב אבן־זהבֿס קראַנקײַט און געפֿאַלענער שטימונג פֿאַראורזאַכט פֿון דעם, וואָס זײַנע פֿריערדיקע פֿאַרערערס האָבן זיך פֿון אים דערווײַטערט. שניאור האַלט אים אין איין דערמוטיקן, מחמת ער האַלט אים פֿאַר גאָר אַ גרויסן טאַלאַנט.

ד״ר גלען הייבט אָן זײַן איבערבליק איבער אבן־זהבֿס רײַכער

שעפֿערישקייט מיטן מחברס ראָמאַן „מגנזי נשמה״, וואָס צייכנט זיך אויס גיכער מיט פּסיכאָלאָגישע „גריבלענישן״ איידער מיט אַ סיפּור־המעשׂה פֿון אַ „לעבעדיקן ראָמאַן״, און גייט אַזוי דורך בהדרגה כמעט אַלע ווערק, וואָס זײַנען אַרויס פֿון אבן־זהבֿס „גאָלדענער״ פּען: אגדת החיים; ימי דוד; הבֿל; דקמרון עבֿרי; אלה מסעי הזפתים; הטרילוגיה הירושלמית; רפֿאל המיצר; ספֿרי הפּורקן; שיילוק היהודי מוויניציה; משלי ארי או אמרי־פֿי והגיון לבי; משורר ירושלים: (א) דוד ובת־שבֿע, (ב) יום־ירושלים, (ג) ירושלים של מעלה, (ד) ירושלים של מטה.

איך פּערזענלעך וואָלט, אגבֿ, באַטראַכט אַט דאָס צענטע קאַפּיטל — „משורר ירושלים״ — ווי אַ מוסטער פֿאַר דער קרוין־שאַפֿונג פֿון אבן־זהבֿ, ווײַל דאָ ווערט אבן־זהבֿ דערהויבן צום גרויסן משורר פֿון ייִדישער בענקשאַפֿט און ליבע צו ירושלים, דעם סימבאָל, אין משך פֿון דורות, פֿון ייִדישע האָפֿענונגען. מיט דער בילדלעכער שפּראַך זײַנער אין די דאָזיקע לידער דערמאָנט אבן־זהבֿ אַ סך אין אונדזערע גרויסע פּאָעטן פֿון דער „גאָלדענער עפּאָכע״ אין שפּאַניע. ד״ר גלען האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט דאָ ניט געזשאַלעוועט קיין פּלאַץ און געבראַכט זייער אַ רײַכן אויסוואַל פֿון אבן־זהבֿס פּרעכטיקע ירושלים־שירים.

בײַ יעדן ווערק מאַכט ד״ר גלען זייער געלונגענע באַמערקונגען, אַ מין „פּירוש־גלען״, ווי אַ גוטער לערער, וואָס וויל מסביר זײַן דעם לייענער די פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע זשאַנערן פֿונם אויסטערלישן שרײַבער. בכלל לייענט זיך די גאַנצע מאָנאָגראַפֿיע מיט גרויס אינטערעס און אינספּירירט דעם לייענער אַליין צו לייענען אבן־זהבֿס טאַלאַנטפֿול־געשריבענע ווערק.

האָט טאַקע דער שרײַבער פֿון די שורות, אונטער דער השפּעה פֿון ד״ר גלענס גלענצנדיקער מאָנאָגראַפֿיע, לעצטנס אַליין דורכגעלייענט נאָכאַמאָל: „אלה מסעי הזפתים״, „דוד ובת־שבֿע״ און „שיילוק היהודי מוויניציה״, און ער האָט פֿון זיי געהאָט אַ געוואַלטיקע הנאה.

„אלה מסעי הזפתים״ („די פּעך־הענדלער״), וואָס האָט זיך מיט יאָרן צוריק געהאָט געדרוקט אין ייִדיש, אין וואַרשעווער „הײַנט״ (אין פֿאָרזעצונגען), דערמאָנט לויט דער קאָנסטרוקציע אין מענדעלעס „מסעות בנימין השלישי״ און אין עגנונס „הכנסת כלה״, נאָר מיט אַן אַנדערער קאַטעגאָריע „העלדן״ — פֿון דער נאַטור געזונטע כאַראַקטערן, מערסטנס ערלעכע, כאַטש פּראָסטע, מענטשן, וואָס מאַכן־דורך „קאַלטס און וואַרעמס״, ביז אַ טייל פֿון זיי, געראַטעוועטע פֿון היטלערס

„גיהנום״, דערשלאָגן זיך צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע פֿון דער „שארית־הפליטה״ קיין ישׂראל און געפֿינען דאָרטן זייער תיקון ווי נוצלעכע, מיט לײַב־און־לעבן איבערגעגעבענע ייִדן.

„דוד ובת־שבֿע״, וואָס איז דערשינען אין ענגלישער איבערזעצונג (אין 1952), מיט 12 יאָר פֿריער איידער אין העברעיִשן אָריגינאַל, איז באמת אַ מײַסטערווערק, וואָס דערציילט־איבער דודס איבערלעבונגען אין אַ גאַנץ אַנדערער ווערסיע ווי אין תנ״ך און איז כמו אַ באַרעכ־טיקונג, אַ מין התנצלות, פֿאַר דודס האַנדלונג סײַ לגבי בת־שבֿען גופֿא און סײַ לגבי איר מאַן אוריה החתי. דערבײַ איז פֿון באַזונדער,ער באַדײַ־טונג ד״ר גלענס זייער שיינע באַלײַכטונג אין זײַן מאָנאָגראַפֿיע אין שייכות מיט דער גאַנצער פּראָבלעם פֿון דודס און בת־שבֿעס קעגנ־זײַטיקער לעבנסלענגלעכער ליבע פֿון גאָר יונגערהייט־אָן.

פֿון אַ גאַנץ אַנדערן סאָרט, וואָלט איך געזאָגט, איז אבן־זהבֿס ווערק וועגן שיילאָקן. אייגנטלעך איז דאָס גיכער פֿון אַלץ אַ קינסטלעריש פּאַ־לעמיש ווערק קעגן דעם טיפּ, וואָס שעקספּיר האָט אונטער אַן אַנטי־סעמיטישן שלייער געוואָלט באַשאַפֿן אין זײַן „סוחר פֿון ווענעציע״. אָבער דער אמתער חילוק איז, וואָס אבן־זהבֿ האָט אין זײַן „שיילוק היהודי מוויניציה״ געוואָלט מאָלן דעם „אמתן״ טיפּ ייִד פֿון ווענעציע בײַם סוף פֿון מיטלאַלטער אַנטקעגן שעקספּירס „לעגענדאַרישן״ ייִד, וואָס איז גיכער געווען אַ רעזולטאַט פֿון דער פֿאַרסמטער סבֿיבֿה פֿון די מיטלאַלטערלעכע בילבולים קעגן ייִדן, איידער אַ רעאַלער טיפּ. ד״ר גלענס באַמערקונגען וועגן דעם דאָזיקן ווערק אבן־זהבֿס זײַנען טיף און באַלערנדיק.

מען מוז צוגעבן, אַז דאָס גאַנצע קאַפּיטל וועגן אבן־זהבֿס „שיילוק״ אין ד״ר גלענס מאָנאָגראַפֿיע איז אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנט. עפּעס אַ קלייניקײַט? אַ קאָנפֿראָנטאַציע צווישן דעם פֿון דער וועלט אָנערקענטן דראַמאַטורג שעקספּיר מיטן, מ׳שטיינס געזאָגט, ייִדיש־העברעיִשן שרײַבער אבן־זהבֿ! פֿונדעסטוועגן איז ד״ר גלענס טיפֿסטע איבערצײַגונג, אַז אבן־זהבֿ האָט פֿאַרט ריכטיקער תּופֿס געווען דעם טיפּ „שיילוק״. ווי אַ שטיצע צו זײַן איבערצײַגונג ברענגט ד״ר גלען די מיי־נונגען פֿון אַזעלכע פּערזענלעכקײַטן ווי: פּראָפֿעסאָר סעסיל ראָטה, דער היסטאָריקער פֿון איטאַליענישן ייִדנטום; סער ליאָן סיימאָן, אויך אַן איטאַליענישער ייִד, אַ קענער פֿון דער איטאַליענישער ליטעראַטור; און ד״ר י. ל. מאַגנעס, פּרעזידענט פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט. און ועל־

כּולם, נאָך מאָריס שוואַרצעס קלאַסישער דראַמאַטיזירונג און אויפֿ־פֿירונג פֿון אבן־זהבֿס „שיילוק״ אין ניו־יאָרקער קונסט־טעאַטער, האָט די גאַנצע יידישע און ענגלישע פּרעסע, און בכלל דער גאַנצער דעת־הקהל פֿון דער ניו־יאָרקער אינטעליגענץ, אויפֿגענומען אבן־זהבֿס „שיילאָק״ ווי גאָר אַ גרויס ווערק, און דעם מחברס פּרעסטיזש ווי אַ גרויסער וואָרט־קינסטלער איז דורך דעם זייער געהויבן געוואָרן.

ס׳איז כדאי אין דעם צוזאַמענהאַנג צו באַמערקן, אַז ד״ר גלען, אַליין ענטוזיאַסטיש פֿון אבן־זהבֿס שרײַבערישן טאַלאַנט, צאַמט ווי ווײַט מעגלעך זײַנע אייגענע שבֿחים און ציטירט בעסער אַנדערע גרויסע ליטעראַטור־אויטאָריטעטן אויף צו באַשטעטיקן זײַן געהויבענע מיינונג וועגן דעם קינסטלערישן ווערט פֿון זײַן באַליבטן שרײַבערס ווערק. אַזוי למשל ציטירט ער אַפּט קלויזנערן, שניאורן, ביאַליקן און אַנדערע אַנגע־זעענע ליטעראַטור־מבֿינים. ד״ר גלענס מאָנאָגראַפֿיע איז בכלל פֿול מיט אַ שלל ציטאַטן, ליוב־געזאַנגען, פֿון פֿאַרשיידענע צײַטונגען און זשור־נאַלן („הארץ״, „הבקר״, „דבֿר״, „הדואר״, „דאָס יידישע פֿאָלק״, און פֿיל אַנדערע).

* * *

ווי ד״ר גלען גיט אַליין צו, האָט ער אָוועקגעלייגט אַ סך אַרבעט פֿאַרן דאָזיקן ווערק, און ווי ער גופֿא באַמערקט, האָט ער זיך דערצו גע־גרייט אין משך פֿון יאָרן. אָבער עס האָט זיך געלוינט. אַרום און אַרום קען מען זאָגן, אַז ד״ר גלענס באַלערנדיקע מאָנאָגראַפֿיע איז די שענסטע מתנה, וואָס אַ שרײַבער קען צוטראָגן צום זיבעציק־יאָריקן יובֿל פֿון זײַנס אַ באַליבטן קאָלעגע.

פּ. הערשטיין

(„אונדזער אייגן ווינקל״, דעצ. 1970)

נאָכוואָרט

איך פֿרעג זיך אַליין: פּאַסט זיך אַרײַן בײַם איצטיקן מאָמענט דער אָפּטימיסטישער באַנעם פֿון די מערסטע מאמרים מײַנע אינם דאָזיקן בוך בנוגע דער „לעבעדיקײַט" פֿון יִידיש? דאַכט זיך: די ירידה־שטימונג פֿון לשון־יִידיש שרײַט איצטער אַרויס ממש פֿון אַלע ווינקעלעך. אָט־ערשט ניט לאַנג צוריק איז דאָך געווען אַ גרויסער אויפֿבלי פֿון יִידיש: יִדישע קינדער־שולן כמעט אין אַלע וויכטיקע שטעט פֿון אַמעריקע און קאַנאַדע; אַ צאָל פֿײַנע טעג־לעכע יִדישע צײַטונגען איןביידע לענדער; יִדיש־ליטעראַרישע ווערק פֿון גרויסן פֿאַרנעם פֿלעגן אָפּט דערשיינען און געלייענט ווערן פֿון מאַסן יִדן. עס כאַפּט ממש אָן אַ גרויל צו טראַכטן וועגן די ערנסטע „קלעפּ", וואָס אונדזער יִדיש קולטור־לעבן האָט דאָ־לעצטנס געקראָגן!

אָבער — ווי דער מחבר האָט עס אינטים פֿאַרטרויט עטלעכע נאָענטע חבֿרים זײַנע — באַטראַכט ער דאָס „פּעקל־כּתבים" זײַנס גיכער ווי „אַ בוך פֿאַר דער צוקונפֿט": ער גלויבט באמונה שלימה, אַז יִדישקײַט בכלל מאַכט כסדר דורך אין איר געשיכטע פּראָ־צעסן פֿון „גילגולים": אָט האַלטן יִדן אָן אַ געוויסע פֿאָרעם פֿון יִדישקײַט בלבֿ ונפֿש עד „קידוש־השם"; און אָט קומט־אָן אַ צײַט, ווען די דאָזיקע פֿאָרעם ווערט צוליב געוויסע סיבות אָפּגע־שוואַכט, און אַן אַנדערער „אינהאַלט" ווערט דער תוך פֿון יִדיש־קײַט. אָבער יִדיש לעבן הערט קיינמאָל ניט אויף צו עקזיסטירן און פּולסירן: „נצח ישׂראל לא ישקר".

אָט־אַזוי האָט זיך בײַ יִדן מיט טויזנט אָדער מער יאָרן צוריק אַנטוויקלט דאָס יִדישע לשון, וואָס מיר האָבן הײַנט ליב צו רופֿן „מאַמע־לשון", און איז אין משך פֿון פֿיל יאָרן געווען די שפּראַך, וואָס האָט געהערשט כמעט אין יעדער יִדישער היים און מ'האָט מיט איר הילף דור־דורות דערצויגן קינדער און אײַנגעפֿלאַנצט אין זיי יִדישקײַט. הגם עס זײַנען אויפֿן וועג געלעגן גענוג

שטערערישע טענדענצן, ווי: שפּראַך־אַסימילאַציע און די שוואַכ־קײַט אויסצופֿײַנען זיך פֿאַרן ניט־ייִדישן „פּריץ", האָט אָבער דאָס „פֿאָלק" בדרך־כּלל זיך געהאַלטן בײַ ייִדיש.

אמת, לשון־קודש (העברעיש) האָט אַלעמאָל פֿונקציאָנירט ווי דאָס לשון פֿון סדור (דאַוונען) און תנ"ך; און די העכערע עלע־מענטן פֿון פֿאָלק זײַנען געגאַנגען נאָך ווײַטער און העכער אין דער רײַכער ליטעראַטור אונדזערער, ווי: תלמוד, מדרש, פּוסקים און „מיסטיק"; אָבער דער העברעיש און אַראַמעיש פֿון די דאָזיקע „הייליקע ספֿרים" איז בײַ זיי ניט געווען דאָס „וואָכעדיקע" לשון אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

אין אַלגעמיין איז ייִדיש שוין זייער לאַנג דאָס „ווירקלעכע" לשון פֿון פֿאָלק. דערפֿאַר, נאָכדעם ווי עס וועט פֿאַרבײַגיין אַ גע־וויסע צײַט, וועט מען זיך האָפֿנטלעך ווידער אומקערן צו „ייִדיש", מ'וועט זיך פּשוט פֿאַרבענקען דערצו. אַזוי אַז יעדער דאָקומענט פֿון ייִדישן אויפֿבלי אין אונדזער צײַט וועט דינען ווי אַ סטימול און אַן אָנרעגונג ממשיך צו זײַן די „גאָלדענע עפּאָכע" פֿון ייִדיש.
הלוואי, טאָקע וואָס פֿריער! אָפּטימיזם האָט דעם ייִדן אַלעמאָל גע־שטאַרקט גײַסטיק!...

פּ. ה.

אַלגעמיינער זשורנאַל, נ. י., 24סטער פעבר., 1978;
אישיקא, וואָכנבלאַט, 21סטער יולי, 1978.

הערשטיין, פישל

געב. אין קראַסניסטאַוו, ביי לובלין, פוילן. אין 1920 געקומען קיין אַמעריקע. 1924 געענדיקט דעם יידישן לערער־סעמינאַר אין נ. י., און געוואָרן אַ לערער און פּרינציפּאַל פון יידישע שולן אין קאַנאַדע און אַמעריקע, שטודירט אין אוניווערסיטעטן. ער איז באַקאַנט ווי אַ קונסט־שריפטזעצער און בעל־מגיה (דער עיקר פון אָריענטאַלע שפּראַכן). זינט 1926 טעטיק אין דער יידישער ליטעראַטור. געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישער דערציאונג, ליטעראַרישע פּראָגעס און עסייען אין: „דאָס יידישע וואָרט", ווינ., צוקונפט, אידישער קעמפער, קולטור און דערציאונג (אַלע נ"י). פון זיינע וויכטיקע אָפּשאַצונגען דאַרפן באַזונדערס דערמאַנט ווערן די סעריע „פּאָרטרעטן" און די אויספירלעכע שטודיע „40 יאָר פרץ־שול אין וויניפעג", וואָס זיינען אַ צושטייער צו דער געשיכטע פון יידישן שול־וועזן אין קאַנאַדע.

(לויט שול־אויסגאַבעס און קאַנאַדיאַנא)